This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש
3 1972
היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

מאַרט

1972

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זײַט

טעאָרעטישע קאָנפֿערענץ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" איבער פֿראַגן פֿונעם קאַמף קעגן ציִעניזם

מאַרק מיטין. איינע פֿון די פֿאָרמען פֿון שאָוויניזם און ראַסיזם 3
יויסעף בראַגינסקי. די געשיכטע לערנט . . . 11
גאַלינאַ ניקיטינאַ. דער פֿאַסאַד און די ווירקלעכקײַט 14

מאָטל גרוביאַן. מײַן לעבן, מײַן וועלט (לידער) . . 18
כאַיִם זילבערמאַן. די קאָמעטע (ראָמאַן). צייכענונגען פֿון וו. עלקאָנין 22
הירש בלאָשטיין. באַם לירישן קוואַל (לידער) . . 70
פֿונעם ליטעראַטור־אויצער. שאָלעם אַש. מאָמענטן פֿון די פֿרײַהײַטס־טעג. — די ערשטע זאַך (האַקדאָמע צום בוך „ערד") 73
פּיניע פּלאָטקין. פּייזאַזש־לידער 88
יויסעף בורג. א באַגעגעניש (דערציילונג) 90
איטשע באָרוכאָוויטש. איין שפּעטער האַרבסט (לידער) 95
אַדו כינט. דער לעצטער פּיראַט (דערציילונג) . . 99
שיפֿרע כאָלאָדענקאָ. נײַע לידער 114
איסאַק איטקינד. איך טו אַ שידעך. — די פּלוי און דער צאַדיק (דערציילונגען). אַ נאָטיץ וועגן אַווטאָר פֿון סערגיי קאָניאָנקאָוו 116
די שוווע פֿון די פֿעלקער איז הייליק! (פֿאָרזעצונג) . . . 129

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפֿיע. פֿראַגן פֿון קונסט

הערש רעמעניק. פּראָבלעמען פֿון האַלקינס שאַפֿונג 141
י. שוסטער. אַ רעפּאָרטאַזש אין פֿאַרבן 148
אַרן ווערגעליס. אונטער דער ווירקונג פֿון אומבאַשטרײַטבאַרע פֿאַקטן 149
ליטעראַרישער טאָגבוך. וולאַדימיר אָגניעוו. די סאָוועטישע פּאָעזיע הײַנט 158
כאַיִם לויצקער. שטריכן פֿון דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראַך־סטיל 162
אונדזערע מיטיילונגען. ל. ווילסקער. מענדעלעס אַ בריוו צום באַראָן גינזבורג 171
קורצע רעצענזיעס 173
קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע 177
פֿאַרשיידנס 182
ביבליִאָגראַפֿיע. א. פּריבלודע. ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרן פֿעריִאָד יול־אַווגוסט 1961 — יול 1971 184
כראָניק 140, 172, 181
נאָטיצן אַפֿן קאַלענדאַר 189
לאָמיר זינגען נײַע לידער. אַ ניגנדל. ווערטער פֿון שיקע דריז, מוזיק פֿון לייב יאַמפּאָלסקי 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

אי. באָרוכאָוויטש, ט. גען,
א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
כ. מאַלטינסקי, ב. מילער,
כ. מעלאַמוד, ס. פֿרײַ.

טעאָרעטישע קאָנפערענץ
פון „סאָוועטיש היימלאנד״
איבער פראגן פונעם קאמף קעגן ציוניזם

מארק מיטין,
ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר

איינע פון די פאָרמען פון שאָוויניזם און ראסיזם

אין אונדזער צײַט, ווען די קויכעס פונעם קאָמוניזם אין גאָר דער וועלט וואקסן און אנטוויקלען זיך מיט א ראשיקן טעמפּ, ווערן אין די קאפּיטאליסטישע לענדער אלץ מער אקטיוויזירט די רעאקציאָנערע עלעמענטן. זיי באמיִען זיך צו פארשטארקן די אידעאָלאָגישע אופווירקונג אףֿ די מאסן, אריבערציִען זיי אונטער די פלאגן פון אנטיקאָמוניזם און אנטיסאָוועטיזם. באזונדערס טעטיק אין דעם פראט איז דער ציִעניזם.

די „ציִעניסטישע וועלט־אָרגאניזאציע״ מיט אירע צענטערס אין ניו־יאָרק און יערושאָלאַיִם האָט אירע פיליִאלן אין 60 מעלוכעס און טרעט ארויס קעגן דער אינטערנאציאָנאלער קאָמוניסטישער באוועגונג, קעגן דעם נאציאָנאל־באפרײַערישן קאמף. דער „ייִדישער וועלט־קאָנגרעס״ פירט אן אידעאָלאָגישע ארבעט צווישן די ייִדישע מאסן ניט בלויז אין די לענדער פון קאפּיטאליזם, ער דרינגט ארײַן אויך אין די סאָציאליסטישע לענדער — אין רומעניע, יוגאָסלאוויע, פוילן.

אין פשא, פראנקרײַך, קאנאדע, ארגענטינע, בראזיליע, אווסטראליע, ענגלאנד, בעלגיע, שווייץ, עסטרײַך, איטאליע, אורוגווײַ אא. זײַנען פאראן פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע קערפּערשאפטן, וועלכע געהערן סײַ צו דער „ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע״, סײַ צום „ייִדישן וועלט־קאָנגרעס״. אין פשא, לעמאָשל, זײַנען טעטיק דער „אמעריקאנער ייִדישער קאָנגרעס״, די „פילאנטראָפּישע״ אָרגאניזאציע „בני ברית״ (בעניי בריט), די אזויגערופענע „קאָנפערענץ וועגן די אָנגעלעגנהײַטן פון די סאָוועטישע ייִדן״, די פרויען־אָרגאניזאציע „הדסה״ (האדאסא), פארשיידענע רעליגיעזע, אופקלערערישע, יוגנטלעכע, ספּאָרטיווע אסאָציִאציעס און קולטור־געזעלשאפטן, פארייניקונגען פון ראבאָנים, אויך אָרגאניזאציעס פון אן אויסגעשפּראָכענעם ראסיסטיש־פאשיסטישן טיפּ, ווי, לעמאָשל, די „דזשויִש דעפענס ליג״.

אין ייִסראָעל, ווו בא דער מאכט שטייען די ציִעניסטן, זײַנען אלע אידעאָלאָגישע און פּראָפּאַגאנדיסטישע מיטלען געלאָזט אין גאנג קעגן דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, קעגן פססר, קעגן דער נאציאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג פון אונדזער צײַט.

דער ציִעניזם פארמאָגט א סאָלידן פּראָפּאגאנדיסטישן אפּאראט. אין זײַן רעשוס געפינען זיך הונדערטער צײַטונגען און זשורנאלן, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן אףֿ איוורית, ענגליש, שפּאניש, פראנצויזיש, ייִדיש און אנדערע שפּראכן. די ראדיִאָסטאנציע „קול ישראל״ פירט אירע טראנסליאציעס פאר אנדערע לענדער אףֿ אלע גרונט־שפּראכן פון דער וועלט.

די ציִוניסטישע צענטרען טוען אַלץ, קעדיי נאָך ברייטער פֿאַרשפּרייטן זייער טעטיקייט. אין יאַנוואַר האָט זיך אין די באַדינגונגען פֿון אַן ערנסטן אינערלעכן קריזיס פֿאָרגעקומען דער 28־טער ציִוניסטישער „וועלט"־קאָנגרעס.

די דאָזיקע געציילטע פֿאַקטן באַווײַזן דעם מאַסשטאַב פֿון דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט פֿונעם ציִוניזם. עס איז דעריבער ביז גאָר נייטיק צו אַנאַליזירן זײַנע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע יעסוידעס.

די רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע ריכטונג, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ציִוניזם, האָט אין די 80־ער יאָרן פֿון נײַנצעטן יאָרהונדערט זיך אויסגעפֿורעמט צווישן דער ייִדישער בורזשואַזיע און דער ייִדישער בורזשואַזער אינטעליגענץ, קודעמקאָל אין עסטרײַך, דײַטשלאַנד, רוסלאַנד און אויך אין אייניקע אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. דעם שטויס דערצו האָט געגעבן די קלאַסן־צעטיילונג פֿון די ייִדן, פֿון איין זײַט, און די פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם אַנטיסעמיטיזם אין די אָנגערופֿענע לענדער — פֿון דער צווייטער זײַט.

דער ציִוניזם האָט פּראָקלאַמירט די עקזיסטענץ פֿון אַן אײנהײַטלעכער ייִדישער נאַציע אין גאָר דער וועלט, וועלכע פֿאַראייניקט, קלוימערשט, די ייִדן פֿון אַלע קלאַסן, די ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער. דער ציִוניזם האָט אַזויאַרום געהאָלפֿן דער בורזשואַזיע אין אירע באַמיִונגען אָפּצורײַסן די אַרבעטנדיקע ייִדישע מאַסן פֿונעם קלאַסנקאַמף. פֿונעם ערשטן טאָג אָן האָט דער ציִוניזם געפֿירט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ניט וועלנדיק אַפֿילע הערן וועגן דעם, אַז ייִדן טיילן זיך אַף קלאַסן.

אין 1897 איז אַפֿן קאָנגרעס אין באַזעל געגרינדעט געוואָרן די ציִוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ציִוניזם, באַהויפּטן זײַנע אידעאָלאָגן, איז די „דורירעסדיקע" באַוועגונג פֿון די ייִדן, וועלכע טרוימען וועגן זייער אַלטער נאַציאָנאַלער היים. דער ציִוניזם, — טײַנען זיי, — איז אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז דער ייִדישער גאָלעס, דה. שוין העכער צוויי טויזנט יאָר, קאָנקרעט — זינט עס איז כאָרעוו געוואָרן דאָס קיניגרײַך פֿונעם שיִוועט יעהודע...

ווען מיר בלעטערן די געשיכטע, זען מיר, אַז דאָס אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אינעם לעבן און אינעם גוירל פֿונעם אַלט־ייִדישן פֿאָלק, איז מער־ווייניקער טיפּיש פֿאַר יענעם פּעריִאָד, ווען עס זײַנען אופֿגעקומען און עס האָבן זיך אַנטוויקלט די שקלאַפֿנבאַזיצערישע מעלוכעס. דאָס איז געווען אַ פּעריִאָד פֿון פּערמאַנענטע שוואָטים־מילכאָמעס, וועלכע זײַנען געפֿירט געוואָרן צוליב איין ציל — פֿאַרכאַפּן וואָס מער שקלאַפֿן, גאָלד, ערד. ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ האָבן זיך געביטן די מעלוכעס. עס האָבן זיך איבערגעמישט פֿעלקער און שוואָטים.

פּונקט אַזאַ וועג האָט דורכגעמאַכט אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק. די טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע איז פֿון טיפֿן אוראַלט געווען באַפֿעלקערט מיט שוואָטים פֿון די קנאַאַנים, וועלכע זײַנען עטנאָלאָגיש נאָענט צו די ייִדן (זיי זײַנען אָבער ניט קיין ייִדן) און האָבן דערגרייכט אַ לעפּיערעך הויכן קולטור־ניוואָ. דאָס האָבן זיי, די קנאַאַנים, געגרינדעט יערושאָלאַיִם, וואָס ווערט דערמאָנט אין די צוויקלשריפֿט־דאָקומענטן פֿון טעל־על־אַמאַרנאָ, וועלכע באַלאַנגען צום סאָף XV יאָרהונדערט ביז אונדזער צײַטרעכענונג. אַ ביסל שפּעטער, צום סאָף פֿונעם צווייטן יאָרטויזנט ביז אונדזער צײַטרעכענונג, האָבן וואַנדערנדיקע ייִדן־שוואָטים, ווײַזט אויס פֿון אַראַביע, זיך אַרײַנגעריסן קיין פּאַלעסטינע און טיילווײַז אויסגעראָטן, טיילווײַז מעגײַער געווען די קנאַאַנים. אַנדערע שוואָטים, די פּלישטים, וואָס האָבן קיין שײַכעס ניט געהאַט צו די סעמיטן, זײַנען אונטערטעניקט געוואָרן מיצאַד דער אַרמיי פֿון דאָוויד האַמעלעך און האָבן אָנגענומען די ייִדישע עמונע.

ווי ס׳איז צו זען פֿון דער געשיכטע, איז פּאַלעסטינע ניט געווען דאָס אוראַלטע היימלאַנד בלויז און אורשפּרינגלעך פֿון די ייִדן. אין כומעש און אין טאַנאַך קאָן מען געפֿינען ניט ווייניק דערציילונגען וועגן דעם, וויִאַזוי די ייִדן האָבן דעראָבערט „ארץ כנען" (דאָס לאַנד פֿון די קנאַאַנים).

שוין אין יענער צײַט האָבן די ייִדן טיילווײַז זיך אויסגעמישט (אָדער, ווי מע רופֿט עס הײַנט — זיך אַסימילירט) מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. די קנאַאַנים, ווי געזאָגט, האָבן זיך דעמלט געפֿונען אַף אַ העכערער שטופֿע פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג, בעמיילע האָבן די ייִדישע שוואָטים, וואָס זײַנען פֿון וואַנדערנדיקע פּיציכטלער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אײַנגעזעסענע ערדאַרבעטער, באַלמעלאָכעס און סאָכרים, איבערגענומען די קולטור און די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמען פֿונעם באַצווונגענעם פֿאָלק.

נאָך דעם, ווי די רוימער האָבן אײַנגענומען יעהודע און איבערגוואַלד צעשפּרייט די ייִדן איבער די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער רוימישער אימפּעריע, האָבן די נײַע דווירעס געהאַלטן פֿאַר זייער היימלאַנד יענע לענדער, וווּ זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און זײַנען אויסגעוואַקסן, וווּ זיי האָבן געבוירן די ווײַטערדיקע דוירעס. מיט יעדן נײַעם דאָר האָבן די ייִדן, וואָס ווווינען אין פֿאַרשיידענע לענדער, אַלץ טיפֿער זיך אײַנגעגלידערט אינעם באָדן און אינעם לעבן פֿון זייער נײַעם היימלאַנד[1].

אומעטום, וווּ די ייִדישע אַרבעטנדיקע האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקײַט, האָבן זיי גענומען אַלץ צו מיטאַרבעטן אַפֿן געביט פֿון דער ווירטשאַפֿט און קולטור צוזאַמען מיטן פֿאָלק פֿונעם געגעבענעם לאַנד. וואָס אינטענסיווער עס איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם, אַלץ אינטענסיווער איז אין די רייען פֿונעם פּראָלעטאַריאַט געוואַקסן דער שיכט ייִדישע אַרבעטער און ס'איז שטאַרקער געוואָרן דער אָנטייל פֿון די ייִדישע אַרבעטער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ היסטאָריש געזעצמעסיקער און פּראָגרעסיווער פּראָצעס.

וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די גרונט־טעזיסן פֿון ציוניזם, וועלכע עס האָבן פֿאָרמולירט טעאָדאָר הערצל און אַנדערע און וועלכע האָבן באַקומען זייער ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג דורך די הײַנטיקע מאַנהיגים זײַנע? די דאָזיקע גרונט־טעזיסן קאָן מען אויסדריקן אַזוי: „ייִדן זײַנען דאָס אַטאָ־בעכאַרטאָנו־פֿאָלק" (דה. דאָס פֿאָלק, וואָס איז אויסדערוויילט פֿון גאָט), „דער היסטאָרישער גורל און די כאַראַקטער־שטריכן פֿון די ייִדן זײַנען ניט אייגנטימלעך פֿאַר קיין שום אַנדער פֿאָלק", „יעדער ייִד איז אַ קינד פֿון דער ייִדישער וועלט־נאַציע", „ייִדן דאַרפֿן שטרעבן צו וווינען אין זייער פֿאָטערלאַנד — ייִסראָעל". אין אָט די „גרונטלאַגן" געפֿינען מיר אַ גאַנצן בוקעט טיפּישע רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע און אַפֿילע ראַסיסטישע באַהויפּטונגען.

איינער פֿון די שטאַמפֿאָטערס פֿונעם ציוניזם, דער אויטאָר פֿון דער אידיי וועגן אַ „ייִדישער וועלט־נאַציע", וועגן שאַפֿן אַ ייִדישע מעלוכע, איז, קאָן מען זאָגן, געווען מוישע העס, וועלכער איז אויך באַוווּסט אַלס איינער פֿון די פֿאַרשטייער פֿונעם אַזויגערופֿענעם דײַטשישן „עכטן סאָציאַליזם". העס האָט, ווי עס איז באַקאַנט, געהערט צו די יונגהעגעליאַנער, זײַנע סאָציאַליסטישע טעאָריעס האָט ער געבויט אויף אויסערקלאַסאָווע, אַבסטראַקטע באַגריפֿן, אויף באַגריפֿן פֿון דער „ווירקלעכער מענטשלעכער נאַטור", אויף אַנטראָפּאָלאָגיע. ער האָט אָפֿן געזאָגט, אַז „אַנטראָפּאָלאָגיע — דאָס איז סאָציאַליזם".

מאַרקס און ענגעלס זײַנען אין אַ ריי אַרבעטן, באַזונדערס אינעם „מאַניפֿעסט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אַפֿן שאַרפֿסטן אויפֿן אַרויסגעטראָטן קעגן אָט דער „אַבסאָליוטער" עטיש־אידעאַליסטישער דאָקטרין, וואָס רײַסט אָפּ די אַרבעטנדיקע, די פּראָלעטאַריער פֿונעם אַקטיוון קלאַסנקאַמף און טאַקע דערפֿאַר האָט זי געהאַט אַ רעאַקציאָנערע ווירקונג אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. מאַרקס האָט אין די יונגע יאָרן געהאַלטן העסן פֿאַר זײַנעם אַ כאַווער. העס איז, צום אונטערשייד פֿון מאַרקסן, געוואַקסן אינעם ייִדישן קוואַרטאַל פֿון באָן. אין די רײַפֿערע יאָרן זײַנען זייערע אידייִשע וועגן זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז שוין דעמלט האָבן מאַרקס און העס זיך געפֿונען אויף פֿאַרשיידענע פּאָליוסן פֿון דער געזעלשאַפֿט־וויסנשאַפֿט און פֿון דער פּאָליטיק. פֿיל צו זאָגן האָט אויך דער אומשטאַנד, וואָס העס — דער פֿאַרשטייער פֿונעם „עכטן סאָציאַליזם", מיט זײַן איבערקלאַסאָווער פּאָזיציע, מיט זײַן קולט פֿונעם אַבסטראַקטן מענטשן, — האָט שפּעטער אָנגעהויבן פֿאַרטיידיקן די אידיי פֿון שאַפֿן אַ ייִדישע מעלוכע. צו זײַן קאָנצעפּציע פֿון אַ „ייִדישער וועלט־נאַציע" איז ער געקומען אַפֿן סמאַך פֿון עפּעס אַ „קאָלעקטיוון ייִדישן גײַסט", באַזונדערס פֿונעם יודאַיזם. עס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס שוין אינעם פֿעריאָד, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויספֿורעמען די מאַרקסיסטישע אָנשויונגען, איז מאַרקסן און ענגעלסן, די פֿאַרשטייער פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון דער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, אויסגעקומען ענערגיש צו באַקעמפֿן די רעאַקציאָנערע אידייען פֿונעם דײַטשישן „עכטן סאָציאַליזם", דעם קולט פֿון אַבסטראַקטן מענטש, וואָס האָט שפּעטער דערפֿירט מוישע העסן צו ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס.

דער טערמין „ציוניזם" טרעפֿט זיך צום ערשטן מאָל אין די ווערק פֿון טעאָדאָר הערצל, דעם גרונטלייגער פֿונעם אַזויגערופֿענעם „פּאָליטישן ציוניזם". ניט האָבנדיק קיין שום פֿאַרשטעלונג וועגן די געזעצן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג און פֿונעם קלאַסנקאַמף, האָט הערצל געוואָלט בויען די ציוניסטישע באַוועגונג אויף אַ טיפּיש אידעאַליסטישן יעסאָד, אויף די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע לאָזונגען. געפֿינענדיק זיך אונטערן אײַנדרוק פֿון דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, וואָס איז אין די 90־ער יאָרן געווען פֿאַרשפּרייט אין עסטרײַך־אונגאַרן, פּלעגט ער אַרויסזאָגן ביז

---

[1] געניוער איז די פּראָגע באַהאַנדלט אינעם אַרטיקל פֿון ג. ניקיטינאַ „דער מיף פֿונעם „גרויסן ייִסראָעל". „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", 25 מאַרט 1970.

גאַר שעדלעכע רעאַקציאָנערע געדאַנקען. ער האָט באַשולדיקט אַלע פעלקער און אַלע שיכטן אין די פעלקער אין אַנטיסעמיטיזם, דערמיט גופא קעגנגעשטעלט די ייִדן קעגן די אַנדערע פעלקער. ער שרײַבט בוכשטעבלעך אַזוי: „די פעלקער, צווישן וועלכע עס וווינען ייִדן, זײַנען אין אַן אָפּענער אָדער באַהאַלטענער פאָרם אַנטיסעמיטן"[1].

א צווייטער אידעאָלאָג פונעם ציוניזם — ל. פינסקער — האָט אין זײַן ווערק „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע" געשריבן, אַז די ייִדן האַלט מען ניט פאַר אַ נאַציע, ווײַל זיי האָבן פאַרלאָרן אַלע וועזנטלעכע שטריכן פון אַ נאַציע, אָבער „דאָס ייִדישע פאָלק... איז אַ נאַציע אַדאַנק דער „געמיינזאַמקײַט פונעם גײַסט". די ייִדן שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַזונדערע „גײַסטיק־ספּעציפישע נאַציע", וועלכע אַנדערע פעלקער זײַנען ניט אימשטאַנד צו טויפעס זײַן, און דאָס רופט באַ זיי אַרויס אַ כּשאַד"[2].

דער גרינדער פון דער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי כערוט וו. זשאַבאָטינסקי האָט אין זײַן בוך „די ייִדן־מעלוכע" געשריבן: „מיר אַנערקענען ניט קיין שום אָפּשאַצונג פונעם ציוניזם, וועלכע האַלט זיך באַם קלאַסן־שטאַנדפּונקט, סײַ דעם פּראָלעטאַרישן, סײַ דעם בורזשואַזן. מע דאַרף געדענקען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז די באַוועגונג פאַרן ווידערגעבורט פונעם ייִדישן פאָלק וועט זיך ניט רעכענען מיט קיינע קלאַסן־אַנשויונגען"[3].

כאַים ווייצמאַן, נ. סאָקאָלאָוו און אַנד. פלעגן ריידן וועגן דער „קולטור־געמיינזאַמקײַט פון די ייִדן", וועגן זייער „אייגנאַרטיקן אויפן פון דענקען", וואָס האָט זיך פאַרהיט אַפילו „נאָך דעם, ווי די רעליגיע האָט אויפגעהערט צו זײַן אַ ווירקנדיקע קראַפט".

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע שילדערט די „ייִדן־פראַגע" אַלס אַן אייביקע פּראָבלעם, אַן אומפאַרענדערלעכע, וועלכע שטייט אויסער דער געשיכטע. אינדערעמעסן האָט די „ייִדן־פראַגע", ווי אַלע אַנדערע סאָציאַלע דערשײַנונגען, דורכגעמאַכט אין פאַרשיידענע היסטאָרישע עפּאָכעס וועזנטלעכע ענדערונגען.

קיידעמקאָל דאַרף מען אָפּמערקן צוויי טענדענצן אין די סטרוקטורן פון די ייִדישע קעהילעס אין פאַרשיידענע לענדער, טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט היסטאָריש: די טענדענץ צו איזאָליאַציע און די טענדענץ צו באַהעפטן זיך צו דער קולטור, אײַנשליסן זיך אינעם לעבן פון דעם אָדער אַנדערן לאַנד, אינעם לעבן פון דער דאָמינירנדיקער פעלקערשאַפט פונעם לאַנד.

די איזאָליאַציע־טענדענץ איז אַרויסגערופן געוואָרן סײַ דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן, געוואַלט־פאַקטאָרן (לעמאָשל, די ייִדישע געטאָ, דער טכום) און דיסקרימינאַציע־מיטלען, סײַ דורך דער שטרעבונג פון די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן פון די ייִדן ביכלאַל און פונעם קלער ספּעציעל צו זעלבסט־איזאָליאַציע אין העסקעם מיט די קאָנצעפּציעס פון „אַטאַ־בעכאַרטאַנו", פון דער „אויסנעמלעכקײַט", „אויסדערוויילטקײַט" פונעם ייִדישן פאָלק. טאַקע אָט די קאָנסערוואַטיווע טענדענץ האָבן די ציוניסטן פאַרוואַנדלט אין אַ גרונט־באַזע אַף צו „לייזן" די ייִדן־פראַגע.

די בורזשואַזיע פון די אונטערדריקטע פעלקער אינעם צאַרישן רוסלאַנד, וועלנדיק פאַרהיטן איר הערשאַפט איבער „אירע" אַרבעטנדיקע, האָט צעבלאָזן די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און געטאָן אַלץ, קעדיי אָפּרײַסן „אירע" אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישן, אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף. דאָס זעלבע האָט געטאָן אויך די ייִדישע בורזשואַזיע — זי האָט צעצונדן די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, זי האָט קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע אַרויסגעשטעלט דעם „קריגערישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וועלכער פאַרטעמפּט, פאַרדולט, צעשיידט די אַרבעטער, קעדיי פירן זיי אין שפּאַן פון דער בורזשואַזיע"[4].

דער ציוניזם איגנאָרירט די קלאַסן־צעשיכטונג פון די ייִדן, ער דערלאָזט ניט אַפילו אַ פּיפּס טאָן וועגן די אונטערשיידן צווישן די רײַכע ייִדן און אָרעמע ייִדן. ער פּרעדיקט, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון פאַרשיידענע שיכטן ייִדן האָט קיין שום באַדײַטונג ניט: „אַלע ייִדן זײַנען גלײַך, סײַ אָרעם, סײַ רײַך". וויכטיק איז, זאָגן די ציוניסטן, די גײַסטיקע נאָענטקײַט פון די ייִדן, די היסטאָרישע „געמיינזאַמקײַט פון זייערע גוירלס". אַ נאַציע איז וויכטיקער איידער אַ קלאַס, ווײַל ווען די נאַציע האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט, איז פון קיין קלאַסן נאָך קיין זייכער ניט געווען. אַ קלאַס איז פאַרענדערלעך, ער בײַט אַלע טאָג זײַן פּאָנעם און זײַן הויט. אַ נאַציע איז אייביק, — אַזוי דערשענען די ציוניסטישע טעאָרעטיקער.

וואָס זאָגט אָבער וועגן דער דאָזיקער פראַגע די וויסנשאַפט?

אַ נאַציע איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אַ נאַציע קומט אויף אין

---

1 ט. הערצל. „יודענשטאַט".

2 ל. פינסקער. אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע. פּעטראָגראַד, 1917, ז. 12.

3 זע וועגן דעם אין „פּראַוודאַ" פון 18 — 19 פעברואַר 1971.

4 וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, 5־טע אויסגאַבע, ב. 24, ז. 122.

רעזולטאַט פון די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט דערפון, וואָס די אַרטיקע מערק ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן מאַרק און עס בילדעט זיך אויס אַן איינהייטלעכע שפּראַך, אַן איינהייטלעכע טעריטאָריע און געמיינזאַמקייט פון דער קולטור.

די ציוניסטן טײַנען אָבער, אַז ייִדן זײַנען אַן „עקסטעריטאָריעלע נאַציע", מאַכמעס דעם זײַנען די געזעצן פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אויף זיי ניט כאַל. אָנשטאָט אַ וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער דאָזיקער פראַגע געפינען מיר בײַ די אידעאָלאָגן פונעם ציוניזם בלויז פוסטע בויך־סוואַרעס, פאַרופונגען אויף דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, אפן „איינהייטלעכן גײַסט", „איינ־הײַטלעכן קאַמף" אאַוו. די ציוניסטן פאַרופן זיך אויך אויף „איינהײַט פון דער רעליגיע". מיר ווייסן אָבער, אַז די רעליגיע האָט קיינמאָל ניט געדינט אַלס סימען פון אַ נאַציע. עס איז גענוג צו דער־מאָנען כאָטש דאָס, וואָס פאַרשטייער פון איין און דער זעלבער נאַציע אין יעדן לאַנד קאָנען גע־הערן — און זיי געהערן ווירקלעך — צו פאַרשיידענע רעליגיעס. דײַטשן אָדער פראַנצויזן קאָנען זיך האַלטן בײַ דער קאַטוילישער אָדער לוטעראַנישער רעליגיע אָדער פּאָשעט זײַן אַטעיסטן. אָבער קיינער האָט זיי אויף דעם סמאַך ניט געהאַלטן אַלס מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע נאַציעס.

קעגן דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט גענערט די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, האָט וו. אי. לענין גע־פירט אַן אַנטשיידענעם קאַמף, אַרויסגייענדיק פון די פּאָזיציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס. ווען דער „בונד" איז אַרויס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (רסדאַפּ), האָט וו. אי. לענין געשריבן אינעם פּראָיעקט פון דער רעזאָלוציע פונעם II צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ, אַז דער דאָזיקער טראָט איז „אין טעאָרעטישער הינזיכט אַ רעזולטאַט פונעם טרויעריקן פאַקט, וואָס אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג פונעם „בונד" איז אַרײַנגעדרונגען דער נאַציאָנאַליזם"[1].

דער ציוניזם האָט אַרײַנגענומען אין זײַן אַרסענאַל די לעגענדעס, וועלכע די ייִדישע רעליגיע האָט דורכרעסלאַנג געשפּרייט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע: וועגן דער „אויסדערוויילטקײַט" פונעם ייִדישן פאָלק, וועגן דעם, אַז „מאָשיעך וועט קומען אויף אַ ווײַסן פערד און אויסלייזן זיי פון אַלע צאָרעס, באַזעצן זיי אין דעם לאַנד, וווּ עס רינט מילך און האָניק, מעכײַע־מייסים זײַן", וועגן דער „גײַסטיקער איינהײַט" פון אַלע ייִדן. אָט די לעגענדעס האָבן געזאָלט טרייסטן די ייִדישע אָרעמשאַפט, וואָס האָט געלעבט אין נויט און דאַכקעס, איז אויסגעשטאַנענע קאָלערליי פּײַן.

דער מאַרקסיסטישער קלאַסן־צוגאַנג גיט די מעגלעכקײַט ריכטיק אָפּצושאַצן די אַזויגערו־פענע „גײַסטיקע געמיינזאַמקײַט" פון די ייִדן. אינדערעמעסן, וואָס פאַר אַן „איינהײַטלעכע גײַסטיקע געמיינזאַמקײַט" קאָן זײַן צווישן אַ ייִדישן אַרבעטער, לאָמיר זאָגן, פונעם מאָסקווער אויטאָמאָבילן־זאַוואָד און דעם ייִדישן מיליאָנער ראָטשילד? די ציוניסטישע אידעאָלאָגן, ווען זיי ריידן וועגן אַן „איינהײַטלעכער גײַסטיקער געמיינזאַמקײַט" פון די ייִדן, שטעלן אַרויס אַלס וויכטיקסטן אַרגומענט דעם טעזיס וועגן דער איינהײַטלעכער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור. די ייִדן האָבן אָבער געשאַפן קולטור־ווערטן אין פאַרשיידענע עפּאָכעס, אין פאַרשיידענע געזעל־שאַפטן, געפינענדיק זיך קוידעמקאָל אונטער דער מאַטעריעלער און גײַסטיקער ווירקונג פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן. פון שטאַנדפּונקט פון דער וויסנשאַפט קאָן מען די נאַציאָנאַלע קולטור ניט באַטראַכטן אַלס אַזוינס, וואָס איז איינהײַטלעך. שטיצנדיק זיך אויף דער טעאָריע פון קלאַסן און קלאַסנקאַמף, האָט לענין געזאָגט, אַז אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור זײַנען פאַראַן צוויי נאַציאָנאַלע קולטורן — אַ פּאָרגעשריטענע, אַ פּראָגרעסיווע, און אַן אָפּגעשטאַנענע, אַ רעאַק־ציאָנערע.

לענין איז געווען קעגן דעם, אַז די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער קולטור זאָל געשטעלט ווערן אַבסטראַקט. ער האָט געפאָדערט, אַז די פראַגע זאָל ווערן קאָנקרעטיזירט. וו. אי. לענין האָט הויך געשעצט דעם העראָיזם פון די ייִדישע אַרבעטער, די וועלט־באַרימטע טעטיקײַט פון די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציאָנערן־ייִדן (אַשטייגער, פון ראָזע ליוקסעמבורג, מוישע אוריצקי אאַ.).

לענין און גאָרקי האָבן אָפּגעמערקט די וויכטיקע ראָליע, וואָס עס שפּילט די פּראָגרעסיווע ייִדישע ליטעראַטור, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט טיפער סימפּאַטיע צו דער ייִדישער אָרעמ־שאַפט און דעקט אויף דעם ציניזם און די גײַציקײַט פון די ייִדישע גווירים (מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם).

די ציוניסטן האָבן אויסגעטראַכט די אַזויגערופענע „ייִדן־פראַגע" אין פּסטר, זיי מאָלן אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם די לאַגע פון די ייִדן בײַ אונדז אין לאַנד. באַזונדערס גיבן זיי אַ פאַלשע אויסטײַטשונג דעם פּראָצעס פון דער אַסימיליאַציע פון די ייִדן, באַטראַכטנדיק דעם דאָזיקן פּראָ־צעס אַלס אַן אומגליק, וועלכן מע קאָן פאַרגלײַכן שיר ניט מיט דער היטלער־פּראָגראַם פון אויס־ראָטן די ייִדן.

---

[1] וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, 5־טע אויסגאַבע, ב. 7, ז. 300.

אָבער די אַסימיליאַציע פֿון פֿעלקערשאַפֿטן און פֿון באַזונדערע פֿעלקער הייבט זיך אָן נאָך אין די באַדינגונגען פֿונעם קאַפּיטאַליזם. אין די סאָציאַליסטישע באַדינגונגען, דערנאָך אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט קומט פֿאָר אַן אַלץ גרעסערע פֿרײַע ברידערלעכע אייניקונג און דערנעענטערונג צווישן די נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן, עס ווערן אויסגעלעבט די פֿאָרורטיילן פֿון נאַציאָנאַלן און ראַסאָוון כאַראַקטער. אַן אויסדרוק פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס איז די אַסימי־ליאַציע פֿון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן. אין אוזבעקיסטאַן, אַשטייגער, וווינען אַ סך טאַדזשיקן. זיי ריידן סײַ אויף דער טאַדזשיקישער, סײַ אויף דער אוזבעקישער שפּראַך. כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט, וואָס פֿון דער טאַדזשיקישער באַפֿעלקערונג איז אויסגעוואַקסן און וואַקסט אויך איצט אויס אַ געוויסער טייל פֿון דער אוזבעקישער אינטעליגענץ. דער אַסימיליאַציע־פּראָצעס קומט פֿאָר אויך צווישן די אַרמענער און טאַטערן.

אין די צאַרישע צײַטן האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג געשמאַכט אין די ענגע גרענעצן פֿון טכום. איצט אָבער וווינען די ייִדן אין אַלע פּופֿצן סאָוועטישע רעפּובליקן. אויף דער גאַנצער ראַכוועסדיקער טעריטאָריע פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד קומט פֿאָר אַ שטענדיקע איבערמישונג פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און אין אַן אַלץ וואַקסנדיקן מאַסשטאַב.

אַסימיליאַציע באַטײַט קלאָל ניט, אַז דאָס פֿאָלק פֿאַרלירט אַלע זײַנע נאַציאָנאַלע שטריכן און באַזונדערקײַטן. אַסימיליאַציע באַטײַט בלויז, אַז עס קומט פֿאָר אַ נאַטירלעכע און פּריִווילי־קע דערנעענטערונג צווישן די נאַציאָנאַליטעטן, אַ צונויפֿגיסונג פֿון זייערע בעסטע שטריכן, באַזונדערקײַטן, פֿון דער קולטור, אַן אויסבילדונג פֿון געמיינזאַמע טראַדיציעס און פֿון פֿיל אַלגעמיינע שטריכן פֿונעם לעבנסשטייגער.

דער פּראָצעס פֿון דער צונויפֿגיסונג פֿון די נאַציעס געדויערט זייער לאַנג. פֿריִער קומט פֿאָר אַ לאַנגע און אַלזײַטיקע אַנטוויקלונג פֿון די נאַציעס, אַ קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג פֿון זייערע קולטורן, שפּראַכן.

אָט אַזוי זעט אויס אינגאַנצן גענומען סײַ דער פּראָגרעסיווער, סײַ דער אומפֿאַרמײַדלעכער פּראָצעס פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון די נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן אין די באַדינגונגען פֿון דער בויונג פֿון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט.

לאָמיר זיך איצט ווענדן צו דער פֿראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם. די דאָזיקע דערשײַנונג איז אַ היסטאָרישע, בעמיילע אַ פֿאַריבערגייענדיקע, אַ צײַטווײַליקע. דאָ דאַרף מען אָפּמערקן צוויי טענדענצן, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער הײַנטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אין פּראָצעס פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין די אייראָפּעיִשע גרונט־לענדער, אין פּראָ־צעס פֿון דער ברייטער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פֿון דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון די אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן באַווײַזט אַרויס דער אַנטיסעמיטיזם אַ טענדענץ צו פֿאַרלירן זײַן באָדן. אין דער זעלבער צײַט אָבער איז צו מערקן, אַז די בורזשואַזע רעגירונגען און די רעאַקציאָנערע קרײַזן פֿון די בורזשואַזע מעלוכעס צעצינדן באַוווסטזיניק די אַנטיסעמי־טישע שטימונגען, האַלטנדיק, אַז די אַנטיסעמיטישע מאַסן־פּסיכאָזן זײַנען אַ גוט מיטל אויף בײַ־צוקומען געוויסע קריזיס־סיטואַציעס. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט אָבער ווערט דער אַנטיסעמיטיזם אונטערגעריסן אין סאַמע וואָרצל און ער קאָן אין קיין שום פֿאָרם מער ניט אויפֿלעבן.

דער זיג פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און די בויונג פֿונעם סאָציאַליזם אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָבן באַשטעטיקט די ריכטיקײַט פֿון לענינס פּאָזיציעס אין דער ייִדן־פֿראַגע. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סאָף צו וועלכע־עס־זאָל־ניט־זײַן דערשײַנונגען פֿון אַנטיסעמיטישע עקסצעסן באַ אונדז אין לאַנד. אין דער קאָנסטיטוציע פֿון פּססר איז פֿאַר־שריבן, אַז יעטווידע פֿאָרם נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע באַטײַט ברעכן די סאָציאַליסטישע גע־זעצלעכקײַט, און דערפֿאַר ווערט מען באַשטראָפֿט ווי פֿאַר אַ קרימינעל פֿאַרברעכן.

אין די סאָוועטישע יאָרן האָט זיך גרינטלעך געענדערט דאָס סאָציאַלע, מאָראַלע און פּאָלי־טישע פּאָנעם פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון פּססר. עס זײַנען אויף שטענדיק פֿאַרשווונדן די אַמאָליקע „לופֿט־פּאַרנאָסעס”, די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז אוועק מיטן וועג פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט, פֿון אַקטיוון אָנטיילנעמען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער אין דער בויונג פֿונעם קאָמוניזם.

די עוואָליוציע פֿון דער ציִוניסטישער אידעאָלאָגיע אינעם פּעריִאָד נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און באַזונדערס נאָך דער מאַפּאָלע פֿונעם היטלער־דײַטשלאַנד און פֿון זײַנע פֿאַר־בינדעטע איז פֿאַרבונדן מיט די סאָציאַל־פּאָליטישע ענדערונגען, וועלכע זײַנען געווען אַ רעזול־טאַט פֿון די אַלגעמיינע געזעצמעסיקײַטן אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם אימפּעריאַליזם אין XX יאָרהונדערט און פֿונעם אַלגעמיינעם קריזיס פֿון קאַפּיטאַליזם. דער באַזונדערס ענערגישער טייל

פון דער ייִדישער בורזשואַזיע איז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מאָנאָפּאָליסטישער גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע איז אָפּן ענגסטן אויפן פאַרבונדן מיטן צווישנפעלקערלעכן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל.

באַם רעאַליזירן זייערע צילן און פּלענער שטיצן זיך די ציוניסטן אָפּן צווישנפעלקערלעכן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, וועלכער איז אַף זײַן אויפן פאַראינטערעסירט אין דער מלוכה ייִסראָעל, ווײַל דער נאָענטער מיזרעך איז איינער פון די רײַכסטע נאַפט־ראַיאָנען. דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעטיקײַט פון די ציוניסטן און האָט זיי געגעבן אַלזײַטיקע הילף.

דער ציוניזם, צוזאַמען מיט די אימפּעריאַליסטן, האָבן מיט באַגײַסטערונג אויפגענומען די רעזולטאַטן פונעם „זעקסטאָגיקן קריג״. די אימפּעריאַליסטן האָבן אינוועסטירט אין דער מיליטאַריזירטער עקאָנאָמיק פון ייִסראָעל 9 מיליאַרד דאָלער, עס פליסן קיין ייִסראָעל ריזיקע סומעס „פרײַוויליקע בײַשטײַערונגען״. די רעגירונג פון ייִסראָעל האַלט אונטער ענגע פאַרבינדונגען מיט די אײַנפלוסרײַכע רעאַקציאָנערע קרײַזן פון פּשא און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע לענדער.

די צווישנפעלקערלעכע סיסטעם פון ציוניזם, וואָס גיט מאַמאָשעסדיקע פינאַנציעלע הילף די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, איז לאַכלוטן ניט קיין פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע. יעדער ייִד אין די בורזשואַזע לענדער, וועלכער טראָגט ניט אַרײַן אין־דער ציוניסטישער קאַסע זײַן שקל (שעקעל — א נאָמען פון א מאַטבייע אין ייִסראָעל), ווערט דערקלערט שיר ניט פאַר א מעשומעד, פאַר אַזא, וואָס טאָר ניט געהערן צום קלאַל ייִסראָעל.

די איצטיקע אַקטיוויזירונג פונעם ציוניזם גייט אונטערן צייכן פון אויסגעשפּראָכענעם אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם.

דער ציוניזם איז פון שטענדיק אָן געווען ניט קיין גרויסער „ליבהאָבער״ פון דער רעוואָליוציע, פון דער סאָוועטנמאַכט. אינעם צענטראַלן מלוכה־אַרכיוו פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געפינען מיר אַזא דאָקומענט: „דעם 2 מײַ 1918 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א שטרענג געהיימע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי צעירע־ציון. די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ האָבן אָנגענומען פאָלגנדיקן דאָקומענט: דעם ייִדנטום, דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט זײַנען די אידייען פונעם סאָציאַליזם — דאַם־סאָנים...

דער סאָציאַליזם שטרעבט צו ענדערן איבערגוואַלד די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג, און אַזעלכע איבערקערענישן קאָסטן אָפּ בלוט... דער סאָציאַליזם האָט אָנגעשריבן אַף זײַנע פאָנען: „די געשיכטע פון דער מענטשהײַט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף״, דה. אַז פאַר אים, פאַרן סאָציאַליזם, איז דער גראָבער מאַטעריאַליזם, די פאָדערונג פונעם מאָגן — דער איינציקער פאַקטאָר פון דער געשיכטע, קימאַט דער איינציקער לעבנס־קאָדעקס... וואָס פאַר א פאָרם עס זאָל ניט באַקומען דער סאָציאַליזם — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָדער א נאַציאָנאַלע — איז ער אַלציינס טויט־געפערלעך...

אויב דאָס ייִדנטום איז אָבער פייִק צום ווײַטערדיקן היסטאָרישן לעבן, וואָלט עס באַדאַרפט אויסאַרבעטן אין זיך גופע א קעגנסאַם באַם קומען אין באַריר מיטן סאַם פון סאָציאַליזם. דער ציוניזם איז בויונג, אויפלעבונג, דער סאָציאַליזם — כורבן, דעגראַדאַציע.

דער ציוניזם איז שאָלעם, דער סאָציאַליזם — סינע...

דער ציוניזם איז די פאַרייניקונג פונעם גאַנצן ייִדנטום, דער סאָציאַליזם — קאַמף פון איין קלאַס קעגן צווייטן.

דער ציוניזם נייטיקט זיך אין דער הײַנטיקער אָרדענונג, דער סאָציאַליזם הייבט אוף די שווערד קעגן דער דאָזיקער אָרדענונג (עס האַנדלט זיך וועגן דער אָרדענונג פונעם קאַפּיטאַליזם. — מ. מ.).

דער סאָציאַליזם שטייט דעם ציוניזם ווי א ביין אין האַלדז. אַזויאַרום זײַנען דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם ניט בלויז צוויי פאָליוסן, וואָס שטויסן אָפּ איינער דעם אַנדערן, נאָר אויך צוויי עלעמענטן, וואָס איינער שליסט אײַנגאַנצן אויס די עקזיסטענץ פונעם צווייטן״.

מיר ווייסן פיל פאַקטן, ווען די ציוניסטן האָבן זיך דערנעענטערט מיט די סאַמע רעאַקציאָנערע אַנטיסעמיטישע שטרעמונגען און אָרגאַניזאַציעס. די ראָטשילדס האָבן בײַס די ייִדן־פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין 1905 — 1906 געהאַט „געשעפטלעכע פאַרבינדונגען״ מיטן רוסישן צאַר. דער קייזער ווילהעלם II, דער איטאַליענישער קיניג, דער פּויפּסט, די ענגלישע מיניסטאָרן און דער באַוווּסטער אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען און הויפּט פונעם צאַרישן אַפּאַראַט צו אונטערדריקן די אַרבעטער־באַוועגונג פּלעווע האָבן געשטיצט די ציוניסטישע באַוועגונג.

די אַנטיסאָוועטשיקעס און אַנטיקאָמוניסטן פון דער בורזשואַזער פּרעסע און פון א ריי ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איגנאָרירן באַוווּסטזיניק דעם פאַקט, אַז פאַר די העכער 50 יאָר סאָוועטנ־

מאכט זײַנען בא אונדז אין לאנד שוין עטלעכע דוירעס אויסגעוואקסן אין די באדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג און זײַנען דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פון די קאָמוניסטישע אידעאַלן.

הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע ייִדן זײַנען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, יעדע 9 פון 10 יונגע ייִדן אין עלטער פון 14 ביז 28 יאָר, דה. ניט ווייניקער פון א דריטכיילעך פון אלע סאָוועטישע ייִדן, זײַנען קאָמיוגיסטן. זיי אלע זײַנען מיט לײַב און לעבן טרײַ דעם סאָציאַליסטישן היימלאנד, ווי עס איז אים טרײַ אויך די מערהײַט אומפּארטייִשע און אפילע רעליגיעזע ייִדן.

די ציִוניסטישע פּראָפּאגאנדע באמיט זיך אָדער איגנאָרירן אָדער פארשווײַגן שטעלן אונטער א סאָפּעק יעטווידע עמעסדיקע אינפאָרמאציע וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן.

דער ציִוניסטישער פּראָפּאגאנדע גיט זיך פון צײַט צו צײַט יאָ איַין צו פארנארן אין אירע נעצן צוטרוילעכע, שלעכט אינפאָרמירטע ייִדן אין די סאָציאַליסטישע לענדער. אויך בא אונדז אין לאנד געפינען זיך ייִדן, וועלכע ווענדן זיך אין אויסערן־מיניסטעריום מיט דער ביטע, מע זאָל זיי דערלויבן ארויספאָרן קיין ישׂראל. אָבער איצט קומען אָן אין די סאָוועטישע אָרגאנען פיל מעלדונגען פון די דאָזיקע ייִדן. זיי בעטן, מע זאָל זיי דערלויבן אומקערן זיך אהיים, קיין סאָוועטנפארבאנד. די דאָזיקע מעלדונגען זײַנען דאָקומענטן פון פילגעליטענע מענטשן, אָנגע־זאפּט מיט טרערן און פארצווייפלונג.

די ווירקלעכקײַט אינעם הײַנטיקן ישׂראל האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיט די צאצקע־דיקע קארטלעך פון די טוריסטישע פּראָספּעקטן און רעקלאמעס.

דער טעאָרעטישער אנאליז פון די פילאָסאָפישע, אידעאָלאָגישע און סאָציאַל־פּאָליטישע יעסוידעס פונעם ציִוניזם באווײַזט, אז די דאָזיקע באוועגונג לעבט איבער אָן ערנסטן קריזיס. די סאָציאַל־פּאָליטישע גרונט־האנאכעס פונעם ציִוניזם זײַנען פולשטענדיק אנטיוויסנשאפט־לעך און טעאָרעטיש פּרוכטלאָז.

אין פּאָליטישן געביט איז דער קריזיס דעריקער א רעזולטאט דערפון, וואָס די אָנפירער פונעם ציִוניזם, וועלכע זײַנען ענג פארבונדן מיטן אויסערן־פּאָליטישן קורס פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ישׂראל, נעמען אָן זיך די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער אגרעסיווער פּאָ־ליטיק פון דער מעלוכע, א פּאָליטיק, וואָס רופט ארויס אָן אקטיוון פּראָטעסט מיצאד אלע פּראָ־גרעסיווע קרעפטן פון דער וועלט.

דער מאָראַלישער קריזיס פונעם ציִוניזם באשטייט אין דער פולער דעוואלוואציע פון אלע זיטלעכע נאָרמעס און קלוימערשטע ווערטן, וועלכע עס האָט ארויסגערוקט די ציִוניסטישע אידעאָלאָגיע. אין דער סטרוקטור פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע אנטפּלעקן זיך אלץ שארפער די אנטיהומאניסטישע, ראסיסטישע עלעמענטן.

די קריזיס־דערשײַנונגען אינעם ציִוניזם באטײַטן אָבער ניט, אז די דאָזיקע באוועגונג האָט שוין פארלוירן אלע אירע אָנהענגער און איר וואָג. דער ציִוניזם איז נאָך אימשטאנד צו ברענגען ניט ווייניק שאָדן דער באפרײַונגס־באוועגונג פון די ארבעטנדיקע פון גאָר דער וועלט. און דאָס פּאָדערט פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאפטלעכקײַט, זי זאָל ניט מיד ווערן צו פירן אָן אקטיוון קאמף קעגן דעם ציִוניזם, ניט מיד ווערן צו דעמאסקירן די ציִוניסטישע דאָקטרינעס.

■

יויסעף בראגינסקי,
מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע
פון דער טאדזשיקישער ססר

די געשיכטע לערנט

דער צוואנציקסטער יאָרהונדערט וועט ארייַן אין דער געשיכטע אלס טקופע פון אומגעהערטן וווקס פון די רעוואָליוצ:יאָנערע קויכעס בא די פעלקער פון רוסלאנד, אייַנגעשלאָסן דאָס יִדישע פאָלק. קימאט אייַנצייַטיק מיט דעם האָט זיך באוויזן אף דער פאָליטישער ארענע דער צ:יעניזם, וועלכער האָט גענומען אף זיך די ראָליע פון אן אידעאָלאָגיש געווער פון דער רעאקצ:יאָנערער יִדישער בורזשואזיע. און זי, די יִדישע בורזשואזיע פון רוסלאנד, האָט אין אזא געווער זיך שטארק גענייטיקט, ווייַל אף איר האָט געציטערט די הויט פון פאכעד, זעענדיק, ווי „צווישן דעם יִדישן פראָלעטאריאט האָט אופגעוואכט דאָס זעלבסטבאוווסטזייַן"[1].

דער צ:יעניזם איז פונעם ערשטן טאָג אָן פון זייַן עקזיסטענץ באשטאנען פון פארשיידענע פראקציעס און שאטירונגען. צווישן זייַנע לידערס זייַנען געווען סייַ אויסגעשפראָכענע ראסיסטן, סייַ „דערפינדער" פון עקלעקטישע קליינבירגערלעכע סכעמעס, וועלכע האָבן בראווירט מיט זייער סאָצ:יאליסטישער פראזעאָלאָגיע. דער טאָך פונעם צ:יעניזם, זייַן אידעאָלאָגיע, האָט אָבער שטענדיק, אין יעדן פאל, אנטשפראָכן די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע און האָט קיין שום געמיינזאמס ניט געהאט מיט די פאָלקסמאסן. אָט דעם קלאסן־טאָך פונעם צ:יעניזם, וואָס איז דער בוילעטסטער שפיגל פונעם יִדישן בורזשואזן נאצ:יאָנאליזם, האָט דעמאסקירט וו. אי. לענין. באזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אף די פארבאָרגענע פאָסטולאטן פונעם צ:יעניזם, וועלכע האָבן אים געהאָלפן זיך ארייַנשמוגלען אין דער ארבעטער־באוועגונג אונטער דער מאסקע פון סאָצ:יאליסטישע פראזעס. אין דעם פראט זייַנען אויסערסט וויכטיק וו. אי. לענינס ארויסזאָגונגען וועגן די נאצ:יאָנאליסטישע פאָזיציעס פון די קליינבירגערלעכע יִדישע פארטייען „בונד", „סערפ", „צ:יעניסטן־סאָציאליסטן" אא.

אפן סמאך פון היסטאָרישע פאקטן האָט וו. אי. לענין באוויזן, ווי אומבאגרינדעט און אבסורדאל עס איז דער צ:יעניסטישער הויפטטעזיס וועגן דער „אויסנעמלעכקייַט" פונעם יִדישן פאָלק. אין העסקעם מיט דעם דאָזיקן טעזיס האָבן די צ:יעניסטן באהויפט, אז צווישן דער יִדישער באפעלקערונג פון רוסלאנד זייַנען ניטאָ קיין קלאסן־ווידערשפרוכן; אז צווישן אלע יִדן הערשט שאָלעם און ברודערשאפט — קאָל יִסראָעל כאוויירים, אומאָפּהענגיק פון זייער סאָצ:יאלער און מאטעריעלער לאגע, אומאָפּהענגיק פונעם לאנד, וווּ זיי וווינען; אז יִדן טאָרן קיין שום מאגע־מאסע ניט האָבן מיט די ארבעטנדיקע פון אנדערע נאצ:יאָנאליטעטן, מיטן אלגעמיינעם קלאסנקאמף; קורץ — די יִדישע האָרעפּאשניקעס דארפן זייַן געהאָרכזאמע דינער בא זייערע עקספּלואטאטאָרן. אין דער זעלבער צייַט דארף צווישן די יִדישע און ניט־יִדישע אונטערדריקטע שיכטן אייביק הערשן נאצ:יאָנאלע רייַסערייַ און סינע און, כאָלילע, ניט קיין אינטערנאצ:יאָנאלע סאָלידאריטעט.

וו. אי. לענין האָט, דעמאסקירנדיק די צ:יעניסטישע טעזיסן, קאָנסעקווענט זיך געהאלטן בא די רעאלע פאקטן פון דער געשיכטע. און די געשיכטע לערנט, אז יִדן זייַנען קלאל ניט קיין אויסנאם, דער אנטוויקלונגס־פראָצעס גייט בא זיי מיט דעם זעלבן וועג, ווי בא אלע פעלקער, לויט די זעלבע געזעצמעסיקייַטן, קאָנקרעט — לויט די געזעצן פונעם קלאסנקאמף צווישן די אונטערדריקער און אונטערדריקטע. קיינער לייקנט ניט, פארשטייט זיך, אז אין דער היסטאָרישער אנט־

[1] וו. אי. לענין. פולע זאמלונג פון די ווערק, 5־טע אויסגאבע, ב. 8, ז. 74.

וויקלונג פון די ייִדן זײַנען פאראן אייניקע ספּעציפישע שטריכן, וועלכע זײַנען ארויסגערופן געוואָרן דורך דער היסטאָריש געשאפענער עקסטעריטאָריעלקײַט. טאקע דערפאר האָבן בא דער ייִדישער באפעלקערונג פון פארשיידענע לענדער טיילווײַז געהאט אָן אָרט אזעלכע דערשײַנונגען, ווי אָפּגעזונדערטקײַט פון דער איבעריקער באפעלקערונג פון לאנד, א מין היסבודעדעס־לעבן, אָפּגעריסן פון דער אלגעמיינער קולטור. דאָס איז א היסטאָרישער פאקט. מע טאָר אָבער דעם דאָזיקן פאקט ניט נעמען איזאָלירט. מע דארף געדענקען, אז די ייִדישע ארבעטנדיקע זײַנען געשטויסן געוואָרן דערצו דורך די עקספּלואטאָרישע פּניי פון דער הערשנדיקער נאציע, וועלכע האָבן פארטריבן די ייִדן אין געטאָ, אין טכום־האמוישעוו, און דאָס האָט אומפארמײַדלעך געמוזט פארטיפערן די איזאָליאציע. לאָמיר צוגעבן, אז די רעדלפירער פון די ייִדישע קעהילעס, די גווירים און דער קלער, האָבן גערופן זייערע צוין־קאדאָשים, דה. די פאָלקסמאסן, צו דערווײַטערן זיך פון דער וועלט, זיך אָפּזונדערן, שאפן אן „אינערלעכע געטאָ" און פּראווען דאָרט היסבוידעדעס. דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט די זעלבסט־איזאָליאציע. אזא שייד־וואנט צווישן די ייִדן און דער ארומיקער באפעלקערונג האָט געדינט אלס סטימול פאר דער פארשפּרייטונג פון אָפּגעשטאנענע, קאָנסערוואטיווע און רעאקציאָנערע אידייען אין דער ייִדישער קולטור. פארקערט, די באהעפטונג מיטן לעבן פון דער נאציאָנאלער מערהײַט פונעם לאנד (ווען אזא באהעפטונג און צונויפגיסונג איז געגאנגען צווישן די פּראָגרעסיווע סאָציאלע קרעפטן) האָט געבראכט דערצו, אז צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע, ווי צווישן די האָרעפּאשניקעס פון אלע אונטערדריקטע פעלקער, איז געוואקסן די אָפּאָזיציע קעגן דעם הערשנדיקן רעזשים, נאָך מער — דער פּראָטעסט פון די ייִדישע ארבעטנדיקע האָט זיך פארייניקט מיט די פּאָליטישע שטרעבונגען אין די אלגעמיין־דעמאָקראטישע און פּראָלעטארישע באוועגונגען. א גרויסן צושטײַער אין דעם פּראט האָט ארײַנגעטראָגן אויך דער קאמף פון די פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער הערשנדיקער נאציע קעגן די רעדיפעס אף ייִדן (לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי די פּראָגרעשריטענע פראנצויזן האָבן פארטיידיקט די ייִדן בייס דעם דרייפוס־פּראָצעס אין פראנקרײַך, דאָס זעלבע די אקציעס פון די בעסטע פאָרשטייער פונעם רוסישן פאָלק בייס דעם ביילים־פּראָצעס אין רוסלאנד אאוו. אדג.).

וו. אי. לענין האָט דערוויזן די פאלשקײַט און באָדנלאָזיקײַט פון דער נאציאָנאליסטישער קאָנצעפּציע, אז עס איז פאראן אן „איינהײַטלעכע ייִדישע נאציאָנאלע קולטור". אין דער קולטור פון די ייִדן, ווי אין דער קולטור פון אלע פעלקער, האָט לענין געלערנט, קומט פאָר א וואָיסרויצעצו (צוזאמענשטויס) פון „צוויי קולטורן". ער האָט באטאָנט, אז אין קעגנגעוויכט צו דער רעאקציאָנערער בורזשואז־קלעריקאלער קולטור זײַנען אין דער ייִדישער קולטור פאראן „אלוועלטלעך־פּראָגרעסיווע שטריכן: אינטערנאציאָנאליזם, פילבארקײַט צו די פּראָגרעשריטענע באוועגונגען פון דער עפּאָכע (דער פּראָצענט ייִדן אין די דעמאָקראטישע און פּראָלעטארישע באוועגונגען איז אומעטום העכער איידער דער פּראָצענט ייִדן אין דער באפעלקערונג ביכלאל)"[1].

טרײַ לענינס אָנווײַזונגען, האָט די קאָמוניסטישע פארטיי נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע קאָנסעקווענט פארווירקלעכט די לענינישע נאציאָנאלע פּאָליטיק און דערמיט ארויפגענומען פון טאָגסיידער די „אייביקע ייִדן־פראגע". אזא פּונקט אין טאָגסיידער האָט בא אונדז אין לאנד בוכשטעבלעך פארלאָרן יעטווידן זין, ווײַל די ארבעטנדיקע ייִדן זײַנען אין סאָוועטנפארבאנד א גלײַכבארעכטיקטע נאציאָנאלע מינדערהײַט אין דער איינהײַטלעכער פרײַנטלעכער מישפּאָכע פון אלע סאָוועטישע פעלקער. שטרענג אָפּהיטנדיק די לענינישע גרונטלאגע וועגן דעם רעכט פון די נאציעס אף זעלבסטבאשטימונג, האָט די סאָוועטנמאכט געגעבן די ייִדן, ווי זי האָט עס געגעבן אלע פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, די מעגלעכקײַט צו לייזן די פראגע וועגן די פאָרמען פון זייער נאציאָנאלן לעבן. אין סאָוועטנפארבאנד זײַנען, נאטירלעך, פארשווונדן די עצעם סיבעס פון איזאָלירטקײַט און היסבוידעדעס פון די ייִדן, ווײַל אלע פעלקער, אָן אויסנאם, זײַנען צוזאמען, אין ענגער מיטארבעט, ארומגעכאפּט דורך דער סאָציאליסטישער בויונג, עס איז קיין זייכער ניט געבליבן פון דער רײַסערײַ און סינע צווישן די פעלקער, פון באגרענעצונגען פאר איינע פעלקער און פּריווילעגיעס פאר אנדערע. אין אזעלכע באדינגונגען האָבן די ייִדן די פולע מעגלעכקײַט — אף וויפל עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן א ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט — צו אנטוויקלען די פאָרמען פון סאָוועטישער סאָציאליסטישער נאציאָנאלער מעלוכישקײַט, זיי האָבן די מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען זייער סאָציאליסטישע לויטן אינהאלט ליטעראטור אף דער מוטערשפּראך. די דאָזיקע נאציאָנאלע פאָרמען זײַנען, ווי בא אלע פעלקער פון פססר, טאקע דער אויסדרוק פון דער געמיינזאמקײַט פון דער סאָציאליסטישער קולטור.

לענינס ארויסזאָגונגען וועגן דעם ציִעניזם, ווי אלע האנאָכעס פונעם לעניניזם, זײַנען דורכגעזאפּט מיטן גײַסט פון סאָציאליסטישן אינטערנאציאָנאליזם. גראָד דעמלט, ווען דער ציִעניסטי־

---

[1] וו. אי. לענין. פולע זאמלונג פון די ווערק, 5־טע אויסגאבע, ב. 24, ז. 122 — 123.

שער לידער טעאָדאָר הערצל האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן צאַרישן מיניסטער פּלעווע, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון ייִדן־פּאָגראָמען, מיקויעך דעם, אַז די צאַרישע רעגירונג זאָל מיטהעלפן אינעם שאַפן אַ ייִדישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע, — גראָד אין דער זעלבער צײַט האָט דער פירער פון די רוסלענדישע באָלשעוויקעס וו. אי. לענין פאַרטיידיקט די אַרבעטנדיקע פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז דעמלט געווען, ווי לענין האָט געשריבן, „די סאַמע אונטערדריקטע און פאַריאָגטע" מיצאַד דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. לענין איז אַרויסגעטראָטן קעגן די פּאָגראָמען, אויסרופנדיק בעקויל ראָם, אַז „קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג דאַרף באַזונדערס הילכיק קלינגען די שטים פונעם רוסישן אַרבעטער"[1]. אויספילנדיק די דאָזיקע אָנווײַזונג, האָט די באָלשעוויסטישע דומע־פראַקציע צוגעגרייט אין 1914 אָף אַרײַנצוטראָגן אין דער פערטער דומע דעם פּערזענלעך דורך וו. אי. לענינען אָנגעשריבענעם „פּראָיעקט פון אַ געזעץ וועגן אָפּשאַפן אַלע באַגרענעצונגען פון די רעכט פון די ייִדן און אַלע ביכלאַל באַגרענעצונגען, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער אָפּשטאַמונג אָדער מיט דער אָנגעהעריקײַט צו וועלכער־עס־איז נאַציאָנאַליטעט"[2].

וו. אי. לענין האָט געמאַכט טיל־טעל פון נאָך איינעם אַ ציוניסטישן טעזיס, וועלכן ער האָט אָנגערופן מיטן נאָמען „ציוניסטישע באָבעמײַסעס וועגן דער אייביקײַט פון אַנטיסעמיטיזם"[3]. מע דאַרף זאָגן, אַז קיין זאַך האָט ניט געהעכערט אַזוי דעם אײַנפלוס פונעם ציוניזם, ווי גראָד דער אַנטיסעמיטיזם. אויסערלעך זײַנען דער ציוניזם און דער אַנטיסעמיטיזם אַנטיפּאָדן, אָבער דאָס איז נאָר אויסערלעך. אינערלעך איז צווישן זיי פאַראַן אַ סאַך געמיינזאַמס. סײַ דער ציוניזם, סײַ דער אַנטיסעמיטיזם פאַרבײַטן דעם קלאַסן־צוגאַנג צו דער ייִדן־פראַגע מיט אַ ראַסיסטישן צוגאַנג, אַנערקענענדיק דאָס ייִדישע פאָלק אַלס אויסנאַם־פאָלק: די ציוניסטן — אין זין פון אויסדערווײלן עס, די אַנטיסעמיטן — אין נעגאַטיוון זין. ביידע פאָדערן זיי, אַז די ייִדן זאָלן אַרויספאָרן פון די לענדער, וווּ זיי וווינען, ביידע דריקן זיי אויס די נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע: די אַנטיסעמיטן זײַנען גרייט צו דערקלערן אַלע ייִדן פאַר ציוניסטן, די ציוניסטן — אַלע ניט־ייִדן פאַר אַנטיסעמיטן. עס איז פאַרשפּאָרט צו דערווײַזן, אַז די ביידע שטעלונגען זײַנען פול מיט שקער און פּוסטע אויסטראַכטענישן.

די איינהײַט פונעם ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם, אַלס צוויי זײַטן פון איין מעדאַל — פון ראַסיזם, איז אָפּגעמערקט אינעם סאַכאַקל־דאָקומענט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַראַטונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־פּאַרטייען אין 1969. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט איז פאַראַן אַ רוף צו פירן אַ „קאַמף קעגן דער מענטשנפײַנטלעכער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ראַסיזם, קעגן פאַרפאָלגן די אַראַבישע באַפעלקערונג אָף די אָקופּירטע טעריטאָריעס און אין ייִסראָעל, קעגן ראַסן־רעדיפעס און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, קעגן ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם, וועלכע די רעאַקציאָנערע קרעפטן פונעם קאַפּיטאַליזם צעפלאַקערן און נוצן אויס אַלס מיטל פּאָליטיש צו דעזאָריענטירן די מאַסן".

נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט וו. אי. לענין מיט באַפרידיקונג אָפּגעמערקט, למשל, אַז אין לוגאַנסק האָבן גראָד די רוסישע און אוקראַיִנישע אַרבעטער דערלאַנגט אין האַלדז־און־נאַקן די פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן געראַבעוועט די הײַזער פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט. איינער פון די ערשטע דעקרעטן, וועלכע עס האָט אונטערגעשריבן דער פאָרזיצער פון ראַטפאָלקאָם וו. אי. אוליאַנאָוו (לענין), איז געווען דער דעקרעט, וואָס האָט דערקלערט, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַרברעכן.

די גאַנצע פּראַקטיק פון דער סאָוועטנמאַכט אין פאַרווירקלעכן די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט די ריכטיקײַט פון לענינס אַרויסזאָגונגען וועגן די דעמאַגאָגישע טעזיסן פונעם ציוניזם.

דער ציוניזם דינט די קלאַסן־אינטערעסן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, וועלכע איז געשטימט אימפּעריאַליסטיש, שטיצט זיך אָף דער הילף פון די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, טרעט אַרויס קעגן סאָציאַליזם, קעגן זײַן פעסטונג — דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער, קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג אָפן נאָענטן מיזרעך, קעגן די אינטערעסן פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, קעגן די פאָלקסמאַסן אין דער מעלוכע ייִסראָעל גופע.

די נאַציאָנאַליסטישע באַגרענעצטקײַט און דער נאַציאָנאַל־שאָוויניזם, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דעם ציוניזם אָנהייבנדיק פון זײַן סאַמע אויפקום און וועלכע לענין האָט אין אַלע פּראָטים דעמאַסקירט, זײַנען איצט אַריבערגעוואַקסן אין אַ ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק.

אין אונדזער קאַמף אָף צו דעמאַסקירן דעם הײַנטצײַטיקן ציוניזם קאָנען מיר און דאַרפן אַרויסגיין פון דער קריטיק, וועלכע וו. אי. לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט, פון די גרונט־פּרינציפּן פון אָט דער קריטיק — פונעם היסטאָרישן קלאַסן־קריטעריִ און פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

---

[1] וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, 5־טע אויסגאַבע, ב. 25, ז. 17.

[2] דאָרט.

[3] דאָרט, ב. 7, ז. 121.

גאלינא ניקיטינא,
וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פון מיזרעך־קענטעניש
בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר

דער פאסאד און די ווירקלעכקייט

דעם 29 נאָיאבער 1947 האָט די גענעראלע אסאמבלײ פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס אָנגענומען א רעזאָליוציע וועגן צעטיילן פאלעסטינע אף צוויי מעלוכעס — א ייִדישע און אן אראבישע. פאלעסטינע, וואָס איז יאָרנלאנג געווען א מאנדאט־טעריטאָריע פון ענגלאנד, האָט אזויארום באקומען אומאָפהענגיקייט, און די צוויי פעלקער, וועלכע האָבן געוווינט אין דעם לאנד, — דאָס ייִדישע און דאָס אראבישע, — האָבן באקומען רעכט אף נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג. אין העסקעם מיט דער דאָזיקער רעזאָליוציע איז דעם 14 מײַ 1948 פראָקלאמירט געוואָרן די אויסבילדונג פון דער מעלוכע ייִסראָעל.

די רעזאָליוציע פון די פאראייניקטע נאציעס האָט פאָרמולירט, צווישן אנדערס, אויך דעם דעמאָקראטישן כאראקטער פון דער קינפטיקער מעדינע. זי האָט אָנגעוויזן, אז ייִסראָעל, וואָס וועט אויסגעבילדעט ווערן אף דער טעריטאָריע פון פאלעסטינע, דארף אָננעמען א קאָנסטיטוציע, זיכערן גלײַכע רעכט אלע אײַנוווינער, ניט אָנווענדן קיין דיסקרימינאציע קעגן ניט־ייִדן[1].

די מאכט אין דער נײַ־געשאפענער מעדינע האָט אָבער גענומען אין אירע הענט די ייִדישע גרויס־בורזשואזיע. שוין אינעם ערשטן מעלוכע־אקט — אין דער „אומאָפהענגיקייט־דעקלאראציע" — האָט זי פראָקלאמירט די „דאָקטרין פונעם ציִעניזם" אלס הערשנדיקע אין דער אידעאָלאָגיע און פאָליטיק פון ייִסראָעל. באלד נאָך דעם איז געקומען די דערקלערונג פון די ציִעניסטישע מאנהיגים, אז „מיר (דה. די ציִעניסטן. — ג. נ.) זײַנען ארײַנגעטראָטן אין דער ערע פון דער דריטער ייִדישער מעלוכע". די רעדלפירער פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם האָבן געאײַלט צו דערקלערן, אז מעדינאס ייִסראָעל איז א לײַבלעך קינד פון דער ציִעניסטישער באוועגונג, און די בורזשואז־ציִעניסטישע אפאָלאָגעטיק האָט אלץ ברייטער פארשפרייט דעם טעזיס וועגן די „באזונדערע אייגנשאפטן פון דער אנטוויקלונג פון ייִסראָעל", וואָס איז א „ריין ציִעניסטישע מעדינע".

דער דאָזיקער טעזיס איז פאלש פון אָנהייב ביזן סאָף, ער פארקריפלט בײַזווילִיק דעם עצעם באגריף „מעלוכע ייִסראָעל". וואָס עמעס איז עמעס, די פאָליטישע מאכט אין דער מעדינע געפינט זיך אין די הענט פון דער ציִעניסטישער בורזשואזיע, בעמיילע איז דאָ דער פאָליטישער רעזשים א ציִעניסטישער. אָבער דער דאָזיקער פאקט איז לאכלוטן ניט כאל אף דער געזעלשאפט פון ייִסראָעל אינגאנצן גענומען, וועלכע איז אָן שום סאָפעק צעטיילט אף אנטאגאָניסטישע קלאסן.

לויט דער ציִעניסטישער קאָנצעפציע איז ייִסראָעל, קלוימערשט, אן „ארץ זבת חלב ודבש" (א לאנד, ווו עס רינט מילך און האָניק), די געזעלשאפט פון ייִסראָעל איז הײַנט „די גליקלעכסטע אין דער וועלט", זי ווייסט ניט פון קיין קלאסנקאמף, פון קיין קלאסן־אנטאגאָניזם, וועלכע צע־

[1] זע די אָפיציִעלע באריכטן פון דער צווייטער סעסיע פון דער גענעראלער אסאמבלײ פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס.

רײַסן יעטווידע אנדערע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט. די ציִעניסטן פארשפרייטן אזא דעפיניציע פונעם לעבן אין דער מעדינע: ייִסראָעל איז „א געזעלשאפט פון ארבעטסלײַט, וואָס איז באזירט אַף דער מי פון די הענט און פונעם מויעך, א געזעלשאפט, וואָס ווייסט ניט פון עקספלואטאציע, פון סאָציִאלע שיכטן, דיסקרימינאציע אאוו." אין דער זעלבער צײַט אָבער מוזן די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן אליין אנערקענען אלס פאקט, אז „אין דער מעדינע וואקסט אלץ מער די סאָציִאלע און עקאָנאָמישע אומגלײַכהײַט".

עס איז גוט באוווּסט, אז ייִסראָעל איז א קאפיטאליסטישע מעלוכע, און, ווי אלע קאפיטאליסטישע מעלוכעס, איז זי ניט פרײַ פונעם גאנצן קאָמפּלעקס פארהעלטענישן, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך פאר דער סיסטעם פון אונטערדריקונג און עקספלואטאציע.

די רעאקציִאָנערע ארויסטרעטונגען פון די קריגערישע ציִעניסטן און פון די מאכטהאָבער אין לאנד טראָגן זייער אָפט די סאמע עקסטרעמע פאָרם, אָבער די לאגע אין לאנד ווערט זאָרגזאם און קונציק מאסקירט מיטן פאסאד פון בורזשואזפארלאמענטארישער דעמאָקראטיע. לאָמיר נעמען, אלס בײַשפּיל, די ציִעניסטישע פארטייען: איר וועט צווישן זיי טרעפן אזעלכע, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „ארבעטער"־פארטיי, „ליבעראלע" פארטיי אאוו. אדג. אָבער אָט די אלע „העכסט דעמאָקראטישע" אָרגאניזאציעס רײדן זיך זייער לײַכט צונויף מיט דער סאמע פארביסענער רעאקציע און קומען מיט איר אין אלע פראגן צו א העסקעם.

די רעאקציע אין ייִסראָעל ווערט וואָס ווײַטער אלץ שטארקער. עס בליט דאָרט דער קלעריקאליזם. ווי עס איז צו זען, שטייט שוין ייִסראָעל אַף דער שוועל פון ווערן א טעאָקראטישע מעלוכע. די רעליגיע איז דאָרט דערגאנגען צו דער מאדרייגע פון א מעלוכע־רעליגיע, גרויס איז אין דער מעדינע דער אײַנפלוס פונעם ראבינאט.

די „דאָקטרין פונעם ציִעניזם" — דאָס איז א סכום פון רעאקציאָנערע אידייען. דער יודאִיזם האָט אָנגענומען א פּאָליטישע באפארבונג. די ציִעניסטן פראָפּאגאנדירן די פּאָסטולאטן פון דער דאָזיקער דאָקטרין, קעדיי דערגרייכן געוויסע פּאָליטישע צילן. אין די לעצטע יאָרן איז צו מערקן אין ייִסראָעל דעם העכסטן אופבלי פון קריגערישן אָבסקוראנטיזם און פאנאטישן נאציִאָנאליזם. אלס בײַשפּיל קאָן דינען דאָס געזעץ, וואָס די קנעסעט האָט אָנגענומען דעם 10 מארט 1970: „ווער קאָן יורידיש גערעכנט ווערן אלס ייִד".

ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, איז אין דער רעזאָליוציע פון די פאראייניקטע נאציעס פון 29 נאָיאבער 1947 וועגן צעטיילן פּאלעסטינע אַף צוויי מעלוכעס — א ייִדישע און אן אראבישע — געוועזן קלאָר געזאָגט, אז די מעלוכע ייִסראָעל דארף זײַן א דעמאָקראטישע, האָבן אן אייגענע קאָנסטיטוציע, זײַן פרײַ פון יעטווידן מין דיסקרימינאציע בענוגייע ניט־ייִדן אאוו. אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, האָט ייִסראָעל נאָך ניט ביז איצט, אין העכער צוואנציק יאָר ארום, קיין דעמאָקראטיש אָנגענומענע קאָנסטיטוציע, זי האָט אפילע ניט קיין געזעץ וועגן גאראנטירן די גרונט־רעכט און פרײַהײַטן פון די בירגער. די אינערן־פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן ווערט געפירט אזוי, אז אין לאנד איז פאראן בלויז א פאָרמעלע בורזשואז־פארלאמענטארישע דעמאָקראטיע.

קוקט מען אפן פאסאד, באקומט זיך דער אײַנדרוק, אז אלץ אין ייִסראָעל איז שיין און פײַן. הייבט מען אָבער עטוואָס אונטער דעם שלייער און מע גיט א קוק אַף דער טרויעריקערווירקלעכקײַט, באקומט זיך אן אנדער בילד: אין לאנד קומט פאָר א קעסיידערדיקער אָנגריף אפן לעבנס־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע, די רעכט פון די ארבעטסלײַט ווערן אלץ מער ארומגעשניטן, פון אומדערבארעמדיקער דיסקרימינאציע לײַדן ניט נאָר אראבער, נאָך אויך ייִדן־ספארדים. דער ציל פון דער נאציִאָנאליסטיש־קלעריקאלער „דאָקטרין פונעם ציִעניזם" איז קלאָר און דײַטלעך: ניט דערלאָזן, אז די ארבעטנדיקע מאסן פון ייִסראָעל זאָלן ארײַנגעצויגן ווערן אינעם קלאסנקאמף, און ניט בלויז די ארבעטנדיקע פון דער מעדינע, נאָר אויך די ארבעטס־מאסן אין די „גאָלעס"־לענדער.

שוין מער פון צוויי צענדליק יאָר, ווי אין ייִסראָעל שטייען בא דער מאכט די ציִעניסטן. ווען מיר פירן אונטער א קאָנקרעטן סאכאקל פון זייער הערשאפט, באקומט זיך אזא בילד: 1) די שטרײַק־באוועגונג אין ייִסראָעל נעמט אָן אזא מאסשטאב, פון וועלכן מע האָט אין דער מעדינע ביז איצט ניט געוווּסט; 2) די ייִדישע באפעלקערונג פונעם „לאנד פון די אָוועס" עמיגרירט סיסטעמאטיש צוריק אין די לענדער פון „גאָלעס"; 3) די ציִעניסטן טרומייטערן וועגן דעם „עקאָנאָמישן נעס" אין ייִסראָעל, אָבער יעדער איינער, וואָס פארשטייט כאָטש דעם אלעפבייס פון עקאָנאָמיק, זעט גלײַך, אז דאָס איז ניט מער ווי א זייפנבלאָז, ווײַל דער אופבלי פון דער עקאָנאָמיק איז געגאנגען אפן כעזשבן פונעם ריזיקן צופלוס פון אויסלענדישן קאפיטאל. אין א לאנד, וואָס זײַן באפעלקערונג באטרעפט קארגע 3 מיליאָן מענטשן, האָט פאר צוויי צענדליק יאָר דער צופלוס פון אויסלענדישן קאפיטאל באטראָפן העכער 11 מיליארד דאָלער, הויפטזאכלעך אין דער פאָרם פון סובסידיעס, וועלכע ווערן ניט קאָמפענסירט. קעדיי צו פאָרשטעלן זיך דעם רעזולטאט פון אזא ריזיקן געלט־צופלוס, דארף מען זיך באקאנען מיט די קוועלן, פון וועלכע ער

שטאמט. אַט זײַנען זיי, די דאָזיקע קוועלן: אַמעריקאַנער „הילף", רעפּאַראַציעס און רעסטיטוציעס פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק פּליוס ציוניסטישע „פּרײַווויליקע בײַשטײַערונגען". א גאַר שווערן אײַנדרוק מאַכט דער לעצטער קוואַל — די „פּרײַווויליקע בײַשטײַערונגען". באַ אַזאַ קוואַל פון האַכנאַסעס שפּילט די מעלוכע ייִסראָעל די ראָליע פון אן אייגנאַרטיקן פּאַראַזיט, וואָס איז פאַרמאַסקירט אונטער א מעלוכע־הערב. די „פּרײַווויליקע בײַשטײַערונגען" זײַנען דאָך געלט־מיטלען, וועלכע זײַנען אָנגעלעבט געוואָרן דורך דעם שווייס און דער האָרעוואַניע פון די אַרבעטנדיקע יידן.

ווײַטער, דער כאַראַקטער־שטריך פון ייִסראָעל איז דער אומגעהייערער וווּקס פונעם מיליטאַריזם. די גאַנצע מעדינע שטעלט מיט זיך פאָר א גאַרניזאָן־לאַנד. אין דער זעלבער צײַט איז די סיסטעמאַטישע מיליטאַריזירונג פונעם לאַנד די סיבע און דער קוואַל פון די עקאָנאָמישע שוועריקײַטן: דער מעלוכע־כּיוו פון דער מעדינע האָט צום סאָף 1971 באַטראָפן בערך 3,5 מיליאַרד דאָלאַר, — צו 1100 דאָלאַר אויף א מענטשן. א ספּעציפישער שטריך פון דער עקאָנאָמיק פון ייִסראָעל איז אויך דאָס, וואָס דאָס לאַנד ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער א מין אייגענע נאַכלע פונעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל.

די ציוניסטן טראַכטן אויס באָבעמײַסעס, אַז אין ייִסראָעל אַנטוויקלט זיך דער „סאָציאַליזם". אָפּלייקענען די דאָזיקע באַהויפּטונגען איז גאָר קיין נייטיקײַט ניטאָ: די געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע אָרדענונג פונעם לאַנד איז דאָך באַזירט אויף דער הערשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום, איז וואָס פאַר א רייד קאָן זײַן וועגן סאָציאַליזם? די אונטערנעמונגען פון היסטאַדרוט און די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון די קיבוצים, וועלכע די ציוניסטן דעקלאַרירן אַלס סאָציאַליסטישע, זײַנען אין דער פּראַקטיק צוגעפּאַסט צו די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען פון דורכפירן א באַזונדערס עפעקטיווע קאָלעקטיווע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער.

די עקאָנאָמישע פּלענער פון די ציוניסטן באַשטייען אין פאַרוואַנדלען ייִסראָעל אין א „לאַנקאַשיר פונעם נאָענטן מיזרעך" (די אַראַבישע לענדער דאַרפן לויט אַט די פּלענער אויספילן די ראָליע פון אַגראַרע רויוואַרג־צוגאָבן). די זעקסטאָגיקע מילכאָמע אין יוני 1967 האָט באַוויזן, ווי אַט די עקספּאַנסיאָניסטישע פּראָגראַמס רופט אַרויס אַן אויסגעשפּראָכן קאָלאָניאַליסטישע פּאָליטיק: די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס זײַנען פאַקטיש געוואָרן קאָלאָניעס פון ייִסראָעל, דערבײַ אין קלאַסישן זין פון וואָרט.

די פּאָליטיק פון פּערמאַנענטן עקספּאַנסיאָניזם, וועלכע די ייִסראָעל־רעגירער פירן דורך, דריקט אויס דעם גאַנצן טאָך פון דער „דאָקטרין פונעם ציוניזם". דער צענטראַלער פּרינציפּ פון דער ציוניסטישער (הײַנט ייִסראָעלישער) סטראַטעגיע איז געווען און איז פאַרבליבן דער קורס פון שטיצן זיך אויפן אימפּעריאַליזם.

די פּאָליטיק פון די ייִסראָעל־רעגירער שאַפט א שטענדיקע געפאַר סײַ פאַר די שכנישע מעלוכעס, סײַ פאַר דעם צווישנפעלקערלעכן שאָלעם. דער XVI צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט אַבסאָלוט ריכטיק באַטאָנט, אַז דער „ציוניסטישער, בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם, וואָס הערשט אין לאַנד, האָט געבראַכט און וועט אויך ווײַטער ברענגען דעם לאַנד ניט ווייניק צאָרעס".

וואָס פאַר א פאָרם טראָגט די מיטאַרבעט צווישן די רעגירער פון ייִסראָעל און דעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם?

לויטן ייִסראָעל־געזעץ פון 1952 און לויט דער פאַרשטענדיקונג פון 1954 באַשטייט דער טאָך פון דער שותּפעס צווישן ייִסראָעל און דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין פאָלגנדיקן. די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז טעטיק אין ייִסראָעל ווי אין אירן א פאַמיליען־גוט, אויסער די גרענעצן פון ייִסראָעל פּילט זי אויס פונקציעס פון א פאַרטיידיקערן פון די אינטערעסן פון דער מעלוכע. אַנדערש גערעדט, די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע פירט דורך לעטויוועס ייִסראָעל אַזעלכע אַקציעס, וואָס אויף פאָרנעמען זיי האָט ייִסראָעל גופע קיין רעכט און קיין פולמאַכטן ניט.

אין דער געמיינזאַמער קאָמוניקע פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל און פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אונטערגעשריבן אין 1964, איז זייער טעטיקײַט אויף דער אַרענע פונעם ציוניזם דערקלערט געוואָרן אַלס „געמיינזאַמער איניען". די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון ייִסראָעל פאַר דער טעטיקײַט פון די צווישנפעלקערלעכע ציוניסטן איז נאָכאַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן אין 1969, אין די „גרונט־פּרינציפּן פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל".

אַלס צענטראַלע אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל איז דערקלערט געוואָרן די אַליִע (אימיגראַציע) פון די ייִדן קיין ייִסראָעל. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס טעאָרעטישער טעזיס פאָלגנדיקער פּרינציפּ: דער ייִד, וואָס פאָרט ניט קיין ייִסראָעל, אין זײַן „היסטאָריש היימלאַנד", איז ניט קיין ייִד. די הויפּט־אויפגאַבע איז — זיכערן די אַליִע מיט אַלע מיטלען, קאָשערע און טרייפע. אין דער פּראַקטיק באַטײַט עס, אַז די ציוניסטישע אַליִע ווערט פאַר די ייִדישע מאַסן א צוואַנגמיטל, דערמיט גופע באַקומט זי דעם כאַראַקטער פון א פּאָליטיש געווער פון אַרײַנמישונג אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהײַטן פון אַנדערע מעלוכעס. די ציוניסטישע אַליִע איז אַזויאַרום א

מעטאָד פון קאָלערליי פּאָליטישע מאַכינאַציעס, איבערהויפּט בענעגייע פססר און די אנדערע סאָציאַליסטישע לענדער.

די ציִעניסטן האָבן ארויסגעשטעלט די פאָדערונג צו פּראָקלאַמירן די „צענטראַליטעט" פון יִסראָעל פאַר אַלע יִדן. דער דאָזיקער טעזיס באַטײַט אין דער געוויינלעכער שפּראַך אַזוי: יִסראָעל איז, קלוימערשט, דאָס איינציקע היימלאַנד און דער גײַסטיקער צענטער פונעם „איינהײַטלעכן יִדישן פאָלק". ווײַטער פאָדערן די ציִעניסטן, אַז די יִדן אין אַלע לענדער זאָלן באַקומען טאָפּעלע בירגערשאַפט. די דאָזיקע פּרעטענזיעס דאַרפן, לויט זייער מיינונג, באַקומען אַ צווישנפעלקערלעך־יורידישע אַנערקענונג. נאָך מער, פון די דאָזיקע אַזויגערופענע „דעראָבערטע רעכט" דרינגט אַרויס אויך די פליכט פון די יִדן בענעגייע דער גאַנצער וועלט, קאָנקרעט — טאָפּעלע לאָיאַלקײַט, דה. לאָיאַלקײַט בענעגייע יִסראָעל און לאָיאַלקײַט בענעגייע דעם לאַנד, וווּ דער יִיד וווינט. דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע נאָכעם גאָלדמאַן האָט אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג געזאָגט, אַז די סאָלידאַריטעט פון די יִדן מיט יִסראָעל באַטײַט, אַז „מיר מעגן אַרײַנטרעטן אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק אין אייניקע לענדער". דאָס דאַרף הייסן, אַז עס ווערט אײַנגעשטעלט אַ ציִעניסטישער קאָנטראָל און צוואַנג איבער די יִדישע מאַסן פון פאַרשיידענע לענדער; אויף זיי ווערט אַרופגעלייגט די פליכט צו אונטערהאַלטן שטענדיק און בײַ אַלע באַדינגונגען די רעגירונגס־פּאָליטיק פון יִסראָעל, מעג דאָס זײַן אַפילו פאַרבונדן מיט אַ פאַראַט קעגן דעם לאַנד, וואָס איז זייער שטענדיק וווינאָרט.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז די „דאָקטרין פונעם ציִעניזם" פאָרט זיך ניט מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פון יִסראָעל; די רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער „דאָקטרין" דראָעט מיט אַן ערנסטער סאַקאָנע יִסראָעל גופא אַלס מעלוכע און דעם פאָלק פון יִסראָעל. יִסראָעל אויף דער באַזע פון ציִעניזם קאָן ניט אויסרעכענען אויף דער פרידלעכער קאָעקזיסטענץ אין דער סיסטעם פון די לענדער פון נאָענטן און מיטעלן מיזרעך, און דאָס שאַפט אַ שטענדיקע סאַקאָנע פאַרן שאָלעם אין דעם דאָזיקן ראַיאָן און אין דער גאַנצער וועלט.

די לעבנס־אינטערעסן פונעם פאָלק פון יִסראָעל פאָדערן, אַז די מעדינע זאָל זיך אָפּזאָגן פון די ציִעניסטישע דאָקטרינעס. ביז גאָר גערעכט איז די קאָמפּאַרטיי פון יִסראָעל, וועלכע ווײַזט אָן, אַז „דער ציִעניזם און די מעלוכע יִסראָעל זײַנען צוויי באַזונדערע זאַכן", ווי עס זײַנען צוויי באַזונדערע זאַכן דער ציִעניזם און דאָס פאָלק פון יִסראָעל. די פאָדערונג צו באַפרײַען די מעלוכע יִסראָעל פון די ציִעניסטישע דאָקטרינעס ווערט אַלץ מער פּאָפּולער סײַ אין יִסראָעל גופא, סײַ צווישן די יִדן פון אַנדערע לענדער. עס מוז נעמען אַ סוף צו דער הערשאַפט פונעם ציִעניזם אין יִסראָעל — דאָס איז דער וועג צום פולשטענדיקן דעמאָקראַטיזירן דאָס פּאָליטישע לעבן אין דער מעדינע, דער וועג פון קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, דאָס איז די צוקונפט פון יִסראָעל. פאַר דער דאָזיקער צוקונפט קעמפט די קאָמפּאַרטיי פון דער מעדינע, וועלכע שטייט בעראָש פון דער וואַקסנדיקער באַוועגונג פון די פּראָגרעסיווע קרעפטן.

מאַטל גרוביאן

מײַן לעבן, מײַן וועלט

דער טומאַן

ווי דער טומאַן גאנוועט
באנאכט דעם טײַך ארויס
און די אויגן
בא אונדז פארבינדט,
גאנוועט צו אלע עפּלביימער
און איבער דעכער קריכט, —
אזוי ארויסגעגאנוועט
האָט איינמאָל מיך
דער טומאַן באנאכט,
און אינדערפרי צעזייט
האָט אים א בארגיקער ווינט,
און די זון זאלבעצווייט
מיט מיר האָט פון דער וועלט געלאכט,
צו בלויע ווייטן זיך געצויגן.
קינדער האָבן די פּיסלעך
אין מיר געפּליושקעט,
מיט שטיינדלעך קאטשקעס געמאכט,
און מײַן לעבן
אויסגעזעזן האָט אזוי גרויס,
אז כ׳האָב פארגעסן,
ווי דער טומאַן גאנוועט
באנאכט דעם טײַך ארויס;
כ׳האָב נאָר געפילט,
ווי קינדער האָבן אין מיר
זיך געפּליושקעט,
געהערט, ווי פערד
האָבן בא מײַנע ברעגן
געהירזשעט און געקושט זיך,
געזען נאָכאמאָל מײַן לעבן
מיט אלע פארבן פון רעגנבויגן.
ווי גליקלעך איז דער טײַך,
ווען דער טומאַן
גאנוועט אים ניט ארויס
און פארבינדט
בא קיינעם ניט די אויגן.

יאנקעוו שטערנבערגן

מיט יאנקעוו שטערנבערגן א טאָג איז ליכטיק דורכגעלאָפן,
זײַן פארגאנגענהײַט געוועקט — „די שטאָט אין פּראָפיל״;
טעאטראלער רום און לעוואָניקע נעכט בוקארעשטער,
דאָס אלץ שוין אין אָוואר זיך אײַנגעמויערט.
גאָלדפאדנס קארעטע און פערד מיט זילבערנע פּאָדקאָוועס,
„אוועקגעפאָרן, אוועקגעפאָרן א פולע בויד גאנאָווים״ —
דעם פאָרהאנג עפנט יאנקעוו מיט אזא קאוואָנע:
אָט וועט ער באלד ארויסלאָזן די שטערן און די לעוואָנע.
און דער אוילעם פון די קיילים איז ארויס און פּליעסקעט,
די פּניי־איר און די ווײַבער זייערע אין קליידער מיט גרינע געסקעס.
אוועק אין אָוואר פון יענעם פּובליקום די רעשטלעך.
מיט אָקטאוועס טוט זיך יאנקעוו איצט די ווונדן לעשן.
יאָרן, יאָרן! — און שוין מיט א שמיציק מער פון א בען־שיווים,
נאָר די וועלדער פון די בערג קארפּאטער כאפּט ער פאר דער גריוועס.
זינגט דער פויערטע, וואָס פּאטשט א העמד אין טײַך, א ריינעם הימן,
זי דאָס קליידל אירס פארקאטשעט, רייצט מיט ליטקעס ראָזעווע דעם הימל.
ער דערמאָנט זיך די הוצולער דוינעס און די פידלער פון מאָלדאָווע,
ווײַן און מאמעליגע, און דאָס לעבן ווי מיט א קנאָבל פארפּראוועט.
פײַנט געהאט א גאנץ לעבן דעם טאקיף און טשאָלנט־ייִד שלעכטן,

נאָר לאָמיר אונדזער אייגענעם גדעקטן טיש ניט פאַרשוועכן.
פון א בען־שיווים, קיין איינהאָרע, געוואָרן א בען־שמוינים.
האָצמאַכס לידעלע באַם הארצן שנײַדט — „קויפט, קויפט, קוינים”,
פינגערלעך, קעמעלעך, נאָדעלעך, אוירינגלעך בעכאָצי־כינעם...
יאנקעוון אף אלע מערק איך זוך און זוך א קרוין אים
פאר זײַן געבויטן און ניט דערבויטן טעאטער־ביניען,
פאר דער „קארפאטער פויערטע” און אירע יונגע בליטן,
פאר א גאנצן דאָר אקטיאָרן מיט קוני־לעמל אינמיטן...
מאקבעט און האמלעט און כאסיע די יעסוימע,
די גלעקעלעך פון פורימשפּילער, מיט זילבער געזוימטע.
אין דריטן אקט ערשט „מע רײַסט קוליסן” —
אן אקטיאָר זײַן, ברידערלעך, ניט קיין גרינגער ביסן.
נאָר העכער דער פּאָרויכעס, און די ליכט צעצינדן, —
קומט, נעמט זיך פאר די הענט, מאמעס און קינדער,
און דעם יונגן זאָקן שלעפּט ארײַן אינמיטן
פאר זײַן פּאָרן אין לעבן אף א געשניצטן שליטן.
פון זײַן „קארפּאטן־העפּט” באלויכטן ווערן מיר,
אזש דאָס אויג פאר נאכעס צינדט זיך, פלאטערט!
סײַ אין לידער איז דער מאן א גוויר, אן אדיר,
סײַ פאר גאָר דער וועלט א שטיק לעבעדיק טעאטער.

א ש ט ע ט ל

וואָס הוידען זיך
די שטיבעלעך פון מײַן שטעטל אזוי
אין פרימאָרגן־בלוי?..
צי איז עס א קארוסעל
אין אן אָוונט־פּארק,
צי בא מיר דער קאָפּ
דרייט זיך שטארק?
און פאר די אויגן — ציגן,
ציגן,
מיט ווײַסע ציגן
פארווײַסט די ערד,
הערנער און בערד
אינמיטן מארק
אויסטערליש זיך וויגן.
זיי ווארפן אָן א שרעק
מיט זייער פארשטאנד.
וואָס האָבן זיי, די ציגן,
טאָן געקאָנט,
ווען דאָס שטעטל
איז שטארבן אוועק?..
איין לעבעדיקע פרוי
פון טויזנט מישפּאָכעס
איז לעבן געבליבן,
אפן שליאך
איר ווײַסער קאָפּ,
צווישן א סטאדע ציגן,
ז׳ערגעץ געשווומען
מיט צעלאָזטע צעפּ,
זי לעבט,
זי לעבט! —

א קאָל זיך הערט.
נאָר ס׳רעווען און מעקען
די אין שטעטל
פאריאָסעמטע ציגן,
אז סע שפּאלט זיך די ערד.
איר האָט אף א גראָשן
כאָטש פארשטאנד,
וואָס בענקשאפט
הייסט בא היימלאָזע ציגן? —
זיי פארשטעכן
אין הימל די הערנער,
ווי שווערדן,
צי זיי דאנקען
דעם גרויסן ציגן־באָק
פון ציגן־לאנד,
וואָס אין איינעם א טאָג
א הארבסטיקן
בא די גריבער
מ׳האָט זיי ניט צעשאָסן?
צוליב וואָס די פּראָטים?
ציגן אָן א מאָגנדאָוויד,
אָן א געלער לאטע —
אין ברונעמס
ניט ווארפן!
סײַדן די הערנער,
ווי שווערדן,
זיי שארפן —
און ווערן אין ציגײַנער,
אין יודן פארוואנדלט.

אײן פרוי
איז אין שטעטל
לעבן געבליבן,
רעדט זי צו די ציגן
מיט דער נעשאָמע אזוי:
אײַך ניט געפירט
מ'האָט צו די טאָפּקעס
אף טאַטשקעס,
אײַך לעבעדיקערהייט
ניט געברענט.
ווי אף א כאַסענע,
מיט געבעקס א בעקן
אף די הענט,
ארויס זי איז צו די מעכוטאָנים,
צו דער סטאַדע ציגן —
און די אומגליקלעכע ציגן
קוקן מיט פארנעפּלטע אויגן
דער פרוי אין פּאָנעם,
מיטפילנדיק,
מיט די קעפּ זיי וויגן,
אירע הענט זיי לעקן,
ווי זיי וואָלטן מיט זאלץ
געוווען באשאָטן,
פון יאם ארויסגעצויגן.
ציגענע אויגן,
ווי זיי האָבן מײַן נעשאָמע
צעטראָטן,
אין אָט דער סטאַדע ציגן
איך זוך מײַן מאמעס,
מײַן שוועסטערס,
מײַן טאַטנס,
מײַן ווײַבס
און מײַן קינדס שאָטנס.

טויזנט מישפּאָכעס
אין איין קייווער ליגן,
דער דײַטש
ניט אומגעבראכט
האָט קיין ציגן.
צוגן מיט געווער
צום פראָנט זיך וויגן;
איבער די רעלסן
בלאָנקען איינזאמע ציגן.
א ליגן,
א ליגן!
אז ניט אָפּגעשטעלט
דעם צוג מע האָט —
און איבערגעפאָרן די ציגן.
א ליגן,
אז דײַטשישע אָפּיצערן
האָבן די ציגן
ניט געמאָלקן,
זיי האָבן אפילע געמאָלקן
איבערן געקוילעטן
שטעטל די וואָלקן.
זיי האָבן די ציגן
אין פארצעף ניט געשפּיגן,
אף טלי'עס ניט געצויגן;
אינמיטן פוסטן שטעטל
די לעבן געבליבענע ציגן
ליגן
מיט פארטײַעטע אויגן.

וואָס הוידען זיך
די שטיבלעך פון מײַן שטעטל
אזוי,
אין פרימאָרגן־בלוי?..
דאָס האָבן ציגן די שטיבלעך
אף די הערנער גענומען
און צו מיר,
אומגעבעטן,
אין מײַן טראַגישער ליד
ארײַנגעקומען.

די ביימער זײַנען דען קראנק?

די ביימער זײַנען דען קראנק?
דער בלעטערפאל
צינדט אויף אָן שענסטע טרוימען;
כ'האָב ניט געזען נאָך קיינמאָל
אין פארק אף א באנק,
ס'זאָל זיך צולייגן אָפּרוען א בוים דאָ
און עטעמען שווער, ווי איך,
לייגן אונטערן צונג א פילכל.
די ביימער זײַנען אָסיען־צײַט אויך פול מיט ליכט

און היילן די הערצער
מיט טראָפּנס באלזאם פון מילכוועג.
און צו מיר,
ווען מײַן בלעטערפאל
קומט און פארשטעלט מיר אין הימל
מײַן מאזל־שטערן,
איך אײַל צונויפשארן מײַנע לידער,
אין הויף צו מײַן טיר —
זיי זאָלן מיטן ווינט פארפאלן ניט ווערן.
און אליין אינעם פארק
כ'לייג זיך צו אף א באנק;
מײַן לעבן באטראכט און באדויער שטארק,
וואָס ווי שפּעלעך פון א בארג יאָגן
מײַנע אלע ניט דעריאָגטע טרוימען.
לערנט מיך, ביימער,
בייס גרעסטן בלעטערפאל

דאָס האַרץ מײַנס צוימען,
סע זאָל אין דער ברוסט זיך אזוי ווילד
מעסלעסן גאנצע בא מיר ניט שלאָגן.

די ביימער זײַנען דען קראַנק?
דער בלעטערפאל
צינדט אויך אָן שענסטע טרוימען.

„פ אָ ז ש א ל ו ס ט א”

ווו ערגעץ א קאזארמע,
פארבלאָזן מיט ווינט
און קעלט,
בין איך, מאמע,
אין קאראול דאָרט געשטעלט!
„פאָזשאלוסטא”!
ווו ערגעץ א שפּיטאָל,
וואָס דער סוינע צינדט,
באשיסט!
ליגט דאָרט דײַן קינד
אפּן אָפּעראציע־טיש,
ליגט אונטערן מעסער,
ווי א רינד!
„פאָזשאלוסטא”!
ווו ערגעץ א טראנשיי,
וואָס מיט סנאריאַדן
און טאנקען — מע פארניכט,
מיך דאָרט געפינן, אין שניי,
כ'בין פון דער ערד
א שיכט!
„פאָזשאלוסטא”!
דערפאר אזוי טײַער
מײַן טאָג איז מיט ליכט
און זון־געוועבן;
איך האָב דאָך מאמעש
פון פײַער,
דיך אף די הענט
ארויסגעטראָגן,
מײַן, ווי א ציג פארבלאָנדזשעט
צו מיר, נאריש און האָפערדיק
לעבן!
„פאָזשאלוסטא”!

ווואלן פון דער צוקונפט

לויף מיר ניט נאָך, פארגאנגענהײַט,
פלי ניט צו פרי מיר אנטקעגן,
צופיל פארלויבטע צוקונפט;
הײַנט כ'דארף, עס זאָל ניט זײַן לאנגווײַליק,
די ערד — פריש און דופטיק!
און אויב עמעצער דעם עמעס ווי א פלויט
פארבט,
קריכט די פארב אראָפּ פון ערשטן רעגן.

לויף מיר ניט נאָך, פארגאנגענהײַט,
מיט געטאָס, גאז־אויוונס און טליִעס;
איך ווארט אף מײַן צוקונפט
מיט אירע טול־געוועבן אף די אויגן,
נאָר ניט מיט אראָפּגעלאָזטע פײַער־וויִעס!

כ'ווארט, ניט קיין פרעסט און קיין קעלט
זאָלן מײַן הויט אין אָקאָפּעס בריִען,
א גראבל טאָן זאָל מיט אירע נעגעלעך
מיך די צוקונפט. ס'הארץ
זאָל אָנהייבן בא מיר פליִען.

ווו ביסטו, מײַן לעבן, מײַן וועלט?
דו האָסט מיר קעסיידער געקוקט
אין בוזעם אזויפיל פייגעלעך!
איך וועל זיי אלע איצט ארויסלאָזן —
פארן איינציקן שפּערעלע, וואָס שפּרינגט
בא מײַן פענצטער פון בוים צו בוים;

מײַן הײַנט, ער האָט אזעלכע פליגעלעך
דורכזיכטיקע און ראָזעווע —
און מײַן צוקונפט, כ'זע זי קוים!

כאַיִם זילבערמאַן

ראָמאַן

פונעם אַוטאָר

דאָס טעאַטערל, וואָס איז אין אָדעס באַקאַנט אונטערן נאָמען „קאָמעטע", שטייט נאָך ביז איצט אפן ראָג פון די גאַסן קוזניעטשנע און אוספּענסקע. גליַיכגילטיק גייען מענטשן פאַרביַי דאָס דאָזיקע מויערל, און קיינער קוקט זיך אפילע ניט אום אף דעם. און צוליב וואָס? די געביַידע איז ניט באַפּוצט מיט קיין מאַרמאָר, קיין שטרענגע קאָלאָנעס היטן ניט דעם אַריַינגאַנג און אף די גרויע ווענט הענגען ניט קיין מעמאָריאַל־ברעטלעך.

מיט א האַלב יאָרהונדערט צוריק איז די „קאָמעטע" געווען אן איליוזיאָן, ווו מע האָט געדרייט פאַרעלטערטע און אָפטמאָל צענעריסטע „קינאָ־שעדעווערן", מערסטנס אויסלענדישע, וואָס זיַינען שוין ניט איין מאָל געוויזן געוואָרן אין די ערשטראַנגיקע און אפילע צווייטראַנגיקע קינאָ־טעאַטערן. ווען עס פלעגט זיך צונויפשטעלן א טרופּע פון יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָט גאַראַנטירט דעם באַלעבאָס אן אָנשטענדיקן פּראָצענט פונעם פּידיען, פלעגט די „קאָמעטע" ציַיטוויַיליק פאַרוואַנדלט ווערן אין א טעאַטער.

און אין די ערשטע פרילינג־טעג פונעם 1920, באַלד נאָך דעם, ווי אין אָדעס האָט זיך פאַרפעסטיקט צום דריטן מאָל, און שוין אף שטענדיק, די ראַטנמאַכט, איז די „קאָמעטע" לויטן באַפעל פונעם פּאָליטפּראָסוועט באַם אָדעסער גוברעווקאָם אָפּגעגעבן געוואָרן א טרופּע אַקטיאָרן, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען א מענטש, וואָס איז שוין ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן אין דעם דאָזיקן הויז. וואָס עמעס, איז עמעס, די מערהײַט פון די שטענדיקע צושויער האָבן אים ניט געקענט, — א ביז גאָר באַשיידענעם פּלאַץ האָט פאַרנומען אין טעאַטער מאָטקע ברעטן.

און דאָך איז ער געווען אן אַקטיאָר, און בעפּיירעש א טאַלאַנטפולער. דערצו א מענטש מיט א פעסטן ווילן און א קלוגן פאַרשטאַנד. ער האָט דער ערשטער איַינגעזען, אַז די „טעאַטערשטיק", וואָס מע האָט געשפּילט אינעם אַלטן „קאָמעטע"־זאַל, אַזעלכע, ווי „כאַנטשע אין אמעריי־

קע״, „כינקע־פינקע״ און קעדוימע, קאָנען מער ניט באַפרידיקן דעם נײַעם סאָוועטישן צושויער, וואָס האָט פאַרדינט דאָס רעכט אַף עכטער קונסט.

מיט דער צײַט איז מאָטיע ברען, דער אָנפירער און רעזשיסער פונעם נײַעם טעאַטער, געוואָרן אויך דער מעכאַבער פון אַ נײַער טעאַטער־שטיק. דעם אינהאַלט פון דער פיעסע האָט אים אונטערגעזאָגט דאָס לעבן אַליין.

מאָנטיק דעם 18 יאַנוואַר 1920, עטלעכע טעג פאַרן פאַרלאָזן אָדעס, האָט די דעניקינישע קאָנטראַזוועדקע פאַרמוטשעט און אַכזאָריעסדיק אומגעבראַכט אַ גרופּע קאָמיוגיסטן אונטער־ערד־טוער, וואָס זײַנען געווען פאַרורטיילט צום טויט לויטן באַוווּסטן „איניען ווער 17״. פון דער טורמע, פאַרן טויט, האָט די קאָמיוגיסטן זיך אײַנגעגעבן איבערצושיקן זייער לעצטן בריוו:

„מיר שטאַרבן, נאָר מיט שטאָלץ באַגריסן מיר דעם זיגפולן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי. מיר האָפן און גלייבן אינעם ענדגילטיקן זיג פון די קאָמוניסטישע אידעאַלן״.

דעם בריוו האָבן אונטערגעשריבן די פאַרורטיילטע: דאָרע ליובאַרסקאַיאַ, אידע קראַסנאָ־שטשאָקינאַ, יאַשע רויפמאַן („בעזבאָזשני״), לעוו ספּיוואַק („פעדיאַ״), באָריס מיכײַלאָוויטש (טוראָווסקי), דוניקאָווסקי („זיגמונד״), וואַסילי פּעטרענקאָ, מישע פעלצמאַן און פּאָליע באַרג.

מיט דער מערהײַט פון זיי איז דער רעזשיסער פונעם נײַעם טעאַטער געווען פּערזענלעך באַקאַנט, כאָטש ער האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער אַרבעט פונעם אָדעסער קאָמסאָמאָל. וועגן דער טראַגעדיע פון די אומגעקומענע יונגע קאָמוניסטן האָט מאָטיע ברען אָנגעשריבן זײַן פּיעסע, וואָס האָט טאַקע געהייסן „זיבעצן״.

דער שעף פונעם פּאָליטפּראָסוועט באַם אָדעסער גוברעווקאָם האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש פאַר די אַרטיסטן, זיי זאָלן קאָנען באַזוכן די קאַמערעס פון דער אינערלעכער טורמע, וווּ סע זײַנען פאַרמוטשעט געוואָרן און אומגעקומען די קאָמיוגיסטן.

בייסן באַזוך האָבן די אַרטיסטן געפונען אַן אויפשריפט אַף אַ וואַנט. אויפן בעטאָן זײַנען געווען אויסגעקריצט צוויי ווערטער: „כאַוועד לעניין״. דער דאָזיקער קורצער אויפשריפט האָט דערוועקט באַם רעזשיסער אַ געדאַנק, אַז אין דער פּיעסע וועגן די זיבעצן דאַרף געגעבן ווערן דאָס געשטאַלט פונעם כאַוועד לעניין, וואָס קומט צו די פאַרמישפּעטע קאָמיוגיסטן ווי אַ לעבעדיקער טרוים, ווײַל מיטן געדאַנק וועגן אים האָבן זיי געלעבט און מיט זײַן נאָמען אַף די ליפּן האָבן זיי אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס.

די געשיכטע וועגן דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן טעאַטער, דער גורל פון זײַנע אַקטיאָרן, מערסטנס ליבהאָבער, ליגט אינעם גרונט פונעם ראָמאַן „די קאָמעטע״.

קאַפּיטל איינס

אַן אומדערוואַרטע באַגעגעניש

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אים אין אַ ווינטיקן טאָג און פלינק, ווי אַ ווינט, האָט ער זיך אַרײַנגעריסן אין מײַן לעבן. איך בין דעמלט געלעגן אַפן ברוק פון דער אוספּענסקער גאַס. נאָר־וואָס איז פאַרבײַגעפאָרן אַ בינדיוגע, זי האָט געפירט אַ באַרג מייסים, וועלכע מע האָט צונויפגענומען איבער דער שטאָט. די טויטע האָט מען אַפילע ניט צוגעדעקט מיט קיין ראָגאָזשע. אַן עלטערע פרוי איז אײַנזאַם נאָכגעגאַנגען און געשוויגן. וועמען האָט זי באַגלייט אין לעצטן וועג? און ווי לאַנג וועט זי נאָך אַליין קויעך האָבן צו שלעפּן זיך אַף די פיס?

לעבן דער פאַריגלטער טיר מיט די פאַרקלאַפּטע שטאָרן פון לאַזאַר אַמטשיסלאַווסקיס מאַגאַזין, וווּ אַף די ווענט זײַנען נאָך פאַרבליבן אויפשריפטן „וווּרשט״, „סקומבריעס און הערינג״, „קאָנסערוון נאָר פון דוביניגס פאַבריק״ און אַנדערע, איז געשטאַנען אַ הײַפל מענטשן און, גלײַך ווי מע וואָלט זיי באַפוילן, געשרײַען:

— מיר זײַנען הונ־גע־ריק! מיר זײַנען הונ־גע־ע־ריק!

— הערט נאָר אַ נײַס, זיי זײַנען הונגעריק! — איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן מאָטיע ברען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די שרײַער, אָפּגעמאָסטן זיי מיט אַ שטעכיקן בליק און אַ זאָג געטאָן:

— הערט נאָר, איך בעט אײַך, אַ מײַסע! זיי זײַנען הונגעריק! און אַלע איבעריקע, קומט אויס, זײַנען זאַט?

אונ דאָ האָט ער מיך דערזען. דערזען און זיך שטארק דערפרייט. ער האָט אויסגעשטרעקט צו מירביידע הענט:

— ווו זשע ווערט איר פארפאלן, יונגערמאן? — האָט ער געוואָלט וויסן. ער האָט געקוקט אף מיר מיט טיפן מיטגעפיל, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ארויסגעלאָזט א שטילן זיפץ:

— סיפּניאַק?

און ניט ווארטנדיק אף קיין ענטפער, באשלאָסן:

— נו, דאנקען גאָט, וואָס מיר האָבן זיך ארויסגעדרייט! עס האָט דאָך געקאָנט זײַן פארקערט אויך!

נאָך א קורצער פויזע האָט ער צוגעגעבן:

— אצינד וואָלט איר זיך באדארפט פילנעווען, אָדער פּאָשעט גערעדט, עפּעס א קײַע טאָן. איז, באָרעכהאשעם, ניטאָ וואָס?!

מיטאמאָל, גלײַך ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט ער, קלוימערשט שטארק אופּגעטראָגן, צעפּירט מיט די הענט און זיך צעשרײַען אזוי, אז די הונגעריקע לעבן אמטשיסלאווסקיס מאגאזין זײַנען שטיל געוואָרן.

— כ׳פארשטיי ניט, וואָס זיצט איר דאָ אין שטאָט? וואָס האלט אײַך דאָ, גיט מיר צו פארשטיין! וועמען גייט איר אָן און וועמען, זאָגט מיר, דארפט איר דאָ אזוי נייטיק האָבן? הא? פארוואָס זאָל אזא באָכערל ניט ווערן, לאָמיר זאָגן, אן אקטיאָר? וואָלט איר גלײַך אָנגעקומען אין דער טרופּע, וואָס קלײַבט זיך ארויסצופאָרן אין די שטעטלעך! דאָרט וועט מען אײַך אלע טאָג האָדעווען מיט ווארעניקעס און ראָסלפלייש.

ער האָט מיך אפסנײַ אָפּגעמאָסטן, דאָס מאָל מיט א ניצאָכן־בליק. איך האָב שווײַגנדיק באטראכט דעם אומבאקאנטן מענטשן און נאָך אלץ ניט פארשטאנען, וואָס ער וויל פון מיר.

— ווי אלט זײַט איר? — האָט ער א פרעג געטאָן גאנץ שטיל און באלד זיך ווידעראמאָל צעשרײַען: — נו, איז וואָס? נו, און אויב פופצן יאָר? וואָס זשע, א מענטש פון פופצן יאָר וויל דען ניט עסן? ווער שמועסט נאָך א סיפּניאַק? נו, גוט! — האָט ער מיטאמאָל נאָכגעגעבן. — קעדיי צו ווערן אן ארטיסט, זענט איר נאָך צו יונג און מע דארף זײַן, זאָגט איר, געבענטשט מיט יענעם פונק, וואָס ניט אלע פארמאָגן אים. כאָטש ווער קאָן זאָגן אף זיכער, אז בא אײַך איז דער דאָזיקער פונק ניטאָ? נאָר איך וויל זיך ניט קריגן מיט אײַך. נו, און א סופליאָר? א סופליאָר! מיינט נאָר ניט, אז מאָטיע ברען פארעדט זיך! איך וועל מײַנע סאָנים ניט פארשאפן אזא פארגעניגן! א כאדאָשים דרײַ אָדער פיר צוריק בין איך געווען אף קוזניעטשנער גאס אינעם נײַן־און־פערציקסטן נומער באם גראָבן מעכאניק... און איך געדענק גוט, ווי איר האָט דעמלט געלייענט פאר די געסט דעם „דײַטש” און דעם „וויגרישנעם בילעט”. טאקע דעמלט איז בא מיר געבוירן געוואָרן א געדאנק, אז מע טאָר אײַך ניט ארויסלאָזן פונעם אויג. איר פארשטייט, צי ניין? ווען אונדזער רעזשיסער וואָלט געקענט אזוי לייענען ווי איר... איך מיין, אזוי ריין, אזוי גיך און מיט אזא ריכטיקן נוסעך, וואָלט ער, מעגט איר מיר גלייבן, צוגענומען דעם גאנצן פידיען און וואָלט ניט געגעבן די אקטיאָרן קיין צעבראָכענעם גראָשן. אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך זאָגן בעסאָד, אז פאר זײַן ווײַב, דער גרויסער ווערע איסײַעוונע, שרײַבט מען קיינמאָל ניט איבער אירע ראָלן. דער טערעץ איז א פּאָשעטער: זי איז, נעבעך, שטומפּיק אין דער איוורע.

און גלײַך ווי ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס, האָט ער צעפּירט מיט די הענט:

— איך קאָנט מיר ניט זאָגן, צוליב וואָס האָבן מיר זיך אוועקגעשטעלט אפן סאמע ווינט? לאָמיר בעסער ארײַנגיין צו קאליקן אין טראקטיר, ווו ס׳איז ווארעם און ווו מע קאָן עפּעס אמאָל ארײַנכאפּן אין מויל ארײַן. נו, שטעלן מיר פּיס? מע דארף אנטלויפן פונעם דאָזיקן ווינט. כוץ דעם, האָב איך צוגעזאָגט אילױשען, אז איך וועל זיך ארײַנכאפּן צו אים, נעפרעמענאָ.

מיר זײַנען געגאנגען לאנגזאם, שווײַגנדיק. איך האָב א קוק געטאָן אף מײַן נײַעם באקאנטן, באמערקט א מילדן שמייכל אין זײַנע אומרוּיִקע אויגן. מיר זײַנען געגאנגען איבער קימאט א פוסטער גאס, כאָטש ס׳איז געווען העלער טאָג. אפן ראָג פון דער באָלשאיא ארנאוטסקאיא איז געשטאנען אן עלנטע דראָזשקע, און ס׳האָט זיך געדאכט, אז דער פורמאן און זײַן פערדל שטייען דאָ לאנגע יאָרן און זײַנען שוין פארשטיינערט געוואָרן. פון הינטער א טויער האָט געשרײַען א פרוי, וואָס האָט זיך, ווײַזט אויס, אויסבאהאלטן פונעם ביטערן ווינט.

— איך בין הונ־גע־ריק! מענטשן! איך בין הונ־גע־ריק!

אף דער סטאראָרעזניטשער, לעבן באָלגאראָווס טעאטער, האָט מאָטיע ברען זיך אָפּגעשטעלט:

— דאָ זענט איר כאָטש איין מאָל געווען? — האָט ער געוואָלט וויסן. — ניט געווען? איך האָב אָבער אזוי געטראכט. אויב אזוי, דארפט איר וויסן, אז יעדער ארטיסט, יעדער מענטש, וואָס האָט ווען־ס׳איז־ניט־איז אריבערגעשפאנט די שוועל פון אָט דעם הויז, דארף, פארבײַגייענדיק, אראָפּ־

נעמען דאָס היטל און אַנבייגן דעם קאָפּ. אין דעם דאָזיקן באַלגאַראָווס טעאַטער איז אַרויסגעטראָטן די גאַנצע מישפּאָכע ראַפּפּעל, וואָס האָט אַ לאַנגע צײַט געשפּילט מיט אוראָם גאָלדפאַדענען, — אַף דער בינע פֿון אָט דעם הויז האָט מאַלווינע ראַפּפּעל ניט איין מאָל געוויזן, וואָס הייסט אַזוינס טעאַטער און ווי טיף אין דער נעשאָמע דרינגט אַרײַן די עמעסע קונסט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק ווײַטער. אַפֿן סאַמע ראָג האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט:

— מע קאָן רעכענען, אַז מיר זײַנען שוין געקומען. יאָ, וואָס זשע האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן? ווי‏אַזוי זשע באַציט איר זיך צו מײַן פֿאָרשלאָג? נו, אויב אַזוי, זענט איר מײַן מענטש! איך מיין, אַז אילײַושע וועט זאָגן דאָס זעלבע. יאָ, וואָס נאָך האָב איך געוואָלט בא אײַך פֿרעגן? איר האָט אַמאָל געזען אילײַושען? ניין, ניט אין לעבן, אַף דער בינע מיין איך. דאָ ניט לאַנג האָט ער געשפּילט די ראָל פֿון וולאַדימיר וואָראָבייטשיק אין יאַנקעוו גאָרדינס דראַמע „דער ווילדער מענטש". אין „קאָמעטאַ" האָט מען זיך ניט געקאָנט אַדורכשטופּן. מע איז געשטאַנען אַף קעפּ.

ער האָט אַ לײַכטן זיפֿץ געטאָן:

— אַן אוווירע, וואָס אַזאַ טאַלאַנטירטער אַקטיאָר, ווי אילײַושע בלאַנק, קאָן ניט אַרבעטן אין טעאַטער און מוז דינען בא זײַן פֿעטער אין טראַקטיר...

מיט די ווערטער האָט ער ברייט אופֿגעעפֿנט די טיר און אַ געשריי געטאָן אין דער זײַט, ווו בא דער סטאָיקע, לעבן אַ גרויסן סאַמאָוואַר, אײַנגעהילט אין אַ געדיכטער פּאַרע, האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ סילועט פֿון אַ מענטשן.

— אילײַושע! מעגסט מיר זאָגן, אַז איך בין אַ טיפּעש פֿון טיפּעש־לאַנד! — האָט מאָטיע אויסגעשרי‏ען.

— דו ווייסט דאָך, מאָטיע, אַז איך האָב פֿײַנט איבערצוכאַזערן דאָס, וואָס אַלע ווייסן שוין!

אַזוי האָט אים געענטפֿערט אילײַושע בלאַנק. ער איז גלײַך אַרויס צו אונדז פֿון הינטער דער סטאָיקע און אָפּגיך אויסגעווישט די הענט אינעם פֿאַרטעך.

— גוט, וואָס איר זײַט געקומען! — האָט ער זיך באַגריסט מיט אונדז, געדריקט די האַנט. — זייער גוט!

— אַזוי, אַז אַ סופּליאָר פֿאַרמאָגן מיר שוין! — האָט מאָטיע מיט היסלײַווּעס געמאָלדן. — הער נאָר אויס, וואָס פֿאַר אַ דראָנג איך בין! אָפּגעלעבט אַף דער וועלט אַזויפֿיל יאָר, און ניט געוווּסט, ווו מע דאַרף זוכן אַן עמעסן סופּליאָר!

— אַצינד איז אונדז געבליבן איין קלייניקײַט — צונויפֿקלאַפּן אַ טרופּע, — האָט אילײַושע געשמייכלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער סטאָיקע, אַ געשריי געטאָן צו עמעצן: — באַלד קער איך זיך אום!

ער האָט אונדז ביידן אַרומגענומען מיט די הענט און אַוועקגעפֿירט אין דער סאַמע טיפֿעניש פֿונעם טראַקטיר־זאַל, צו אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען ליידיק, בא דער סאַמע וואַנט.

— אָט דאָ זעצט זיך אַוועק!

דער גרויסער טראַקטיר־זאַל איז געווען געפּאַקט. קימאַט אַלע פֿיר און צוואַנציק טישלעך באַזעצט מיט מענטשן: קלייןהענדלער, איבערקויפֿער און גאַנאָווימלעך, טרעגער און בינדיוזשניקעס פֿונעם אויבס־פּאַסאַזש, אַלערליי גליקזוכער, קאָרטנשפּילער, מעקלערס, סוטעניאָרן און „קרויוּוים"[1], וואָס האָבן יעדע פֿרײַע שאָ, זומער און ווינטער, פֿאַרבראַכט אין קאַליקס טראַקטיר. אַמאָל, אין די גוטע צײַטן, האָבן דאָ גאַנץ פֿײַן געהאַנדלט מאָלדאַוואַנער, ווע‏לכע דער אַלטער קאַליק פֿלעגט פֿאַר אַ געווויסן פּראָצענט אָפּגעבן אַ טייל פֿון דער סטאָיקע אַף צו פֿאַרקויפֿן זייערע ווײַנען.

מע דאַרף אים אָפּגעבן גערעכט, דעם אַלטן קאַליק, ער האָט געוווּסט, וואָס ער וויל פֿונעם לעבן.

— קוידעמקאָל, — פֿלעגט ער זאָגן, — אינדערפֿרי, ווי נאָר איר האָט זיך אופֿגעכאַפּט און אויסגעריבן די אויגן, פֿאָלגט מיך און טרינקט אויס אַ גלאָז ווײַן. נאָכדעם ווישט אָפּ די ליפּן און סטאַרעט זיך אויסצוטרינקען די צווייטע גלאָז. דאָס גיט צו אַפּעטיט און הייבט אוף די נאַסטראָיעניע ביז צו אַזאַ גראַד, ווען איר מוזט שוין אויסטרינקען די דריטע גלאָז!

[1] „קרויוּוים" — אַמאָל איז געווען אַזאַ פּראָפֿעסיע אין אָדעס: אַ „קאָרעוו" פֿלעגט פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן אין אַ רעסטאָראַן צי אין אַ טראַקטיר. דאָ פֿלעגט ער זיך צוזעצן צו אומבאַקאַנטע, מערסטנס פֿאַרפֿאָרענע געסט, טרינקען מיט זיי, באַמי‏ען זיך, אַז זײַן נײַ־באַקאַנטער זאָל זיך אָנשיקערן ביז צו אַזאַ צושטאַנד, ווען ער קאָן שוין ניט שטיין אַף די פֿיס. דעמלט קומט אים דער „קאָרעוו" צוהילף. ער נעמט זיך אונטער אָפּצופֿירן אים אַהיים אָדער אין אַכסאַניע. אין דעם ערשטן ליק נעמט דער קאָרעוו אָפּ בא זײַן קאָרבן אַלץ, וואָס יענער פֿאַרמאָגט, און ווערט נעלעם.

אָבער איצט זײַנען די מאָלדאַוואַנער אַנטרונען געוואָרן און קיין פּעסער מיט ווײַן האָט מען שוין ווייסעך וויפל צײַט ניט געבראַכט. אַבראַם אַריעוויטש קאַליק האָט געמוזט איבערגיין אויף סאַמאָהאָן. מע דאַרף דאָך צופרידנשטעלן דעם קוינע!

אויף דער מיאַסאָיעדאָווסקער גאַס, אַפן סערעדינסקער פּלאַץ, וואָס איז, ווי באַוווּסט, אַרומ־געשטעלט מיט הײַזלעך, אין וועלכע מע קאָן אינמיטן העלן טאָג נעלעם ווערן, אינעם קאָס־טעצקער געסל, אין יעדער שטוב האָבן טאָג און נאַכט געאַרבעט סאַמאָהאָן־אַפּאַראַטן און אָן אויפהער דערלאַנגט סכוירע. עפּעס אַ קלייניקייט! מע דאַרף פאַרזיכערן אַזאַ קראַנק, קיין אײַנהאָרע ניט, מיט אַ גלעזל מאַשקע!

נאָר וויאַזוי עס זאָל ניט זײַן — מיט מאַשקע האָט אַבראַם אַריעוויטש באַזאָרגט זײַנע קונדן, אַ סאַך ערגער איז באַשטאַנען מיטן צובײַסן. קיין ברויט איז שוין, באַרעכהאַשעם, לאַנג ניט געווען, האָט מען געקאָכט מאַמעליגע, פּלעגט אָבער טרעפן, אַז אַפן פּריוואָז איז ניט געווען צו קריגן אַ זעקל פּאַפּשוי־מעל פאַר קיין שום געלט, פּלעגט מען נעמען קאָכן אַ לעמעשקע. וואָס איז אַזוינס לעמעשקע? ס'איז די זעלבע מאַמעליגע, נאָר ניט פון פּאַפּשוי־מעל, נאָר פון רעטשע־נער. אין דעם איז געלעגן אַ סייכל: רעטשענע מעל האָט דעם קאָליר פון קלײַען, פּלעגט מען טאַקע קאָכן די לעמעשקע פון רעטשענער מעל און קאָרנע קלײַען, דערבײַ אַ לעפל רעטשענע מעל און אַ זאַק קלײַען. געהייסן האָט עס — אויף דער העלפט. נאָר דער קוינע איז אײַנגעגאַנגען אויף אַלץ — אויסקלײַבן איז ניט געווען פון וואָס. אַ ברייירע האָט מען געהאַט! אַז מע כאַפּט אַרײַן אַפן ניכטערן האַרץ אַ גוטע קויסע, פאַרבײַסט מען גאַנץ נישקאָשע מיט אַ געדיכטער לעמעשקע, ווער שמועסט, אַז זי איז גוט באַשאָטן מיט זאַלץ און צוגעבראָקט מיט אַ ציבעלע — אַ בלויע ציבעלע, וואָס איז האַרב מיט רוכעס!

נעענטער צו אָוונט, ווען אין טראַקטיר ווערט ענג און אונטער דער סטעליע שטייט אַ גע־דיכטער איפּעשדיקער נעפּל, אין וועלכן ס'האָבן זיך אויסגעמישט קאָלערלייִ דערשטיקנדיקע רייכעס פון מאַכאָרקע, פּאַטיערוכע און אַפילע פון גאַשיש און קאַליאַן, איז אוממעגלעך צו הערן אַ וואָרט, מאַכמעס עס שטייט דאָ אַ גוואַלדיקער ליאַרעם; אַלע ריידן מיטאַמאָל, און יעדער איינער וויל איבערשרײַען דעם צווייטן. סע טרעפט, אַז מיקע, דער הויכער רויטער מיקע פון דער מעל־ריי אַפן פּריוואָז, שפּרינגט אַרויף אויף אַ בענקל און צעפּנט, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, זײַן קרומען פּיסק און שרײַט:

— שאַ! פאַרטויבט זאָלט איר ווערן! מע לאָזט ניט אויסריידן אַ וואָרט! האַ? האָט איר געזען אַזוינס?

אָבער אַלע האָבן שוין „געזען אַזוינס” און קיינער לייגט ניט קיין אַכט אויף מיקען.

דער געפילדער ווערט בליץ־שנעל איבערגעריסן, ווען אויף דער שוועל באַווײַזט זיך יאַנקאָ. אַלעמאָל קומט ער אַרײַן אין טראַקטיר אומדערוואַרט, און שטענדיק האָט ער צו דערציילן גאָר אַ וואָזשנע, דערשיטערנדיקע נײַס:

— טײַערע פרײַנט! — שרײַט אויס יאַנקאָ און הייבט אויף די האַנט איבערן קאָפּ. — טײַערע פרײַנט מײַנע! סע האָט זיך געטראָפן אַ גרויסער אומגליק! אויף אײַער הילף וואַרט אַן אומגליקלע־כער מענטש, אַן אַלמאָנע נעבעך...

אין טראַקטיר ווערט שטיל, אומרויִק. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנעמער צו יאַנקאָן. ער שטייט בײַ דער טיר און שווײַגט, און ציט בײַ אַלעמען אַרויס די נעשאָמע. נאָכדעם הייבט ער אָן מיטן נוסעך פון אַ טראַגיק:

— אַ גרויסער אומגליק האָט געטראָפן, פרײַנט מײַנע! מע דאַרף אַ גמילעסכעסעד... ווער וויפל עס קאָן! אויף אײַער הילף וואַרט אַן אומגליקלעכע אַלמאָנע. איך וועל אײַך זאָגן בעסאָד, אַז זי איז שוין דאָס זעקסטע יאָר אַן אַלמאָנע און הײַנט איז שוין דער דריטער טאָג ווי זי גייט צו קינד. די געשרייען דערגרייכן ביז אונטערן הימל. ס'אַ סוואָרע, אַז עס וועט זײַן אַ צווילינג!..

אין טראַקטיר שיסט אויס אַזאַ געלעכטער, אַז עס דאַכט, דער הענגלאָמפּ אונטער דער סטעליע וועט זיך באַלד נעמען וויגן...

פון די טישלעך לויפן מענטשן צו יאַנקאָן. צוויי צענדליק מענטשן, אויב ניט מער. יעדער איינער שלעפּט אים צו זיך.

— שעם זיך אין דײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן, יאַנקאָטש! ווערסט זיך ניט זעצן צו אונדזער טיש? וואָס איז? גיב אַ קוק, וואָס סע טוט זיך בײַ אונדז אַפן טיש. מירן דיר דערלאַנגען אַ שטיק קאָלבאַס און אַ ווײַסע בולקע, זאָל איך אײַנעמען אַ מיסע מעשונע, אויב איך זאָג אַ ליגן! — אַזוי בעט זיך בײַ יאַנקאָן דער קאַצעוו זעץ פונעם שאַלאַשנעם געסל.

דער קאַצעוו עטעמט אים גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן מיט אַזאַ האַרבן רייעך, פון וועלכן מע קאָן דערשטיקט ווערן, נאָר מיקע האַלט יאַנקאָן פאַר אַ האַנט און שרײַט אַזוי, אַז אַלע אינעם טראַקטיר זאָלן הערן:

— זאָלן זיי דיר ברענען, די ראַבאַנישע טעלערלעקער, זאָלן זיי! ביסט דאָך אונדזערער אַ מענטש, יאַנקאָשע! ווילסט זיך איבערגעבן אַט די דאָזיקע קאָשערע גאַנאָוויִם? ער וועט דיר געבן אַ שטיקל מאַמעליגע און פאַרשרײַבן אין ביכעלע אַף דײַן כעזשבן! קענסט זיי ניט, די גאָטס גאַנאָווים?!

דער קאַצעוו גייט אַרויס פון די קיילים: דאָס פּאָנעם זײַנס נעמט אָן דעם קאָליר פון אַ צעשניטענעם בוריק, די אויגן ווערן גלעזערנע. ער כאַפּט אָן מיטביידע הענט מיקען פּאַרן גאָרגל:

— אַט־אַ, וועל איך דיר באַלד פאַרשרײַבן, אַט־אַ! — ברומט ער. — דו, קרום פּיסקל, מאַך צו די פּאָמאַיניצע דײַנע, אויב דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל זי דיר צומאַכן, אויב דו ווילסט ניט!..

אַרום זיי רוקט מען שוין אָפּ די טישלעך — אַף צו שלאָגן זיך דאַרף מען דאָך האָבן פּלאַץ. דער אוילעם איז שוין אַרײַן אין אַזאַרט, מע שרײַט, מע גיט אייצעס, ווי אַזוי ס׳איז בעסער צו „דערלאַנגען אונטערן לעפּעלע און אַרויסלאָזן די קישקעס". דאַן מישט זיך אַרײַן אַבראַם אַריע־וויטש. דער אַלטער צעשטופּט גרינג די נײַגעריקע און רופט זיך אָן:

— יאַנקאָ איז געקומען ניט צו דיר, און ניט צו דיר! ער איז געקומען צו מיר. אַט אַזוי! און אויב איר ווילט זיך שלאָגן, איז אַט האָט איר פיר ווענט און שלאָגט אײַך קאָפּ אין וואַנט. און אַזוי ווי יאַנקאָ איז מײַן גאַסט, וועל איך אים אַליין מעכאַבעד זײַן. אַנו, גיסט נאָר אָן אַ גלאָז. און גיט דעם מענטשן עפּעס צובײַסן...

עטלעכע מענטשן טראָגן איינצײַטיק אונטער יאַנקאָן גלעזער אָנגעפּילטע מיט סאַמאַהאָן, עמעצער שטופּט אים אין דער האַנט אַרײַן אַ היימיש פּלעצעלע, אַף וועלכן סע ליגט אַ האַלבע געזײַערטע אוגערקע. יאַנקאָ טרינקט אָפּגיך אויס און פאַרבײַסט. נאָר דער אַלטער קאַליק שטייט אַנטקעגן אים און צעטרײַבט דעם אוילעם, וואָס וויל נאָך מעכאַבעד זײַן יאַנקאָן.

— שפּעטער! שפּעטער! — באַפעלט דער אַלטער, — אַצינד, יאַנקעלע, וועסטו אונדז דער־לאַנגען עפּעס... לאָמיר זאָגן, „אַף די גרינע פעלדער, וועלדער"... האַ?

אין טראַקטיר ווערט מיטאַמאָל שטיל. ערגעץ־ווו טוט אַ סקריפּע אַ בענקל. אַלע דרייען אויס די קעפּ, וואַרפן אַ באַרויגעזן בליק, און איבערן זאָל דערהערט זיך אָן אופגערעגטער, אומגע־דולדיקער „ששש־אָ!", נאָכדעם ווערט ווידער שטיל. אַלע וואַרטן, אַז יאַנקאָ זאָל אָנהייבן. פונעם הויך־אויסגעצויגענעם האַלדז נעמען זיך גיסן טרויעריקע קלאַנגען, וועלכע נעמען שטיקער פון דער נעשאָמע:

אויף די גרינע פעלדער, וועלדער
ווײַ, אוי־ווײַ!
ליגט באַדעקט מיט גראָז אַ זע־על־עלנער
ווײַ, אוי־ווײַ!
און זײַן האַרץ איז אים צעריסן
ווײַ, אוי־ווײַ!
פון זײַן האַרץ טוען טײַכן בלוט גײ־יסן
ווײַ, אוי־ווײַ!

יאַנקאָ זינגט מיט פאַרמאַכטע אויגן. זײַן פּריש, נאָר לאַנג ניט געגאָלט פּאָנעם ווערט אײַנ־גאַנצן פאַרענדערט. די הענט זײַנען אויסגעשטרעקט צו די צוהערער און דאַרפן, ווײַזן אויס, באַווײַזן דעם ווייטעק, מיט וועלכן ס׳איז איבערפולט דאָס האַרץ פונעם זינגער.

און ווען די ליד איז פאַרענדיקט, בלײַבן זיצן די צוהערער ווי פּאַרקישעפטע אַף זייערע ערטער. נאָר מיטאַמאָל טוען זיך אַלע אַ כאַפּ אוף פון די ערטער, און עס הייבט זיך אוף אַזאַ גערודער, אַזאַ טומל, אַז ס׳איז אומעגלעך צו פאַרשטיין, וואָס קומט דאָ פאָר: וואָס איז עס? אַ פרייד־געשריי צי אַ גוואַלד, אַ פּראָטעסט פון אַ גערעכטן צי אַ געוויין פון אַ שולדיקן, אַ וויי־געשריי פון אַ פאַרוואונדעטן צי אַ ניצאַכן־אויסרוף פון אַ זיגער?

דעם זינגער האָט מען אַרומגערינגלט און מע לאָזט אים ניט אָפּאָטעמען. מע שמייכלט צו אים, מע כאַנפּעט אים, מע בעט, ער זאָל נאָך עפּעס „זאָגן", און יעדן איינעם ווילט זיך אָנרירן זײַן האַנט אָדער כאָטש שטיין נעענטער צו אים.

— אָט דאָס איז ער, דער פונק, וועגן וועלכן מיר טרוימען! — זאָגט מאָטיע ברען. — אַט דאָס, מײַנע פרײַנט, ווערט אָנגערופן טאַלאַנט, — ווענדט ער זיך צו אליושען, וואָס איז געקומען צו לויפן פון דער קיך און אוועקגעשטעלט אַף אונדזער טישל צוויי טעלער מיט געקעכץ און נאָך עפּעס, וואָס אים איז געלונגען אַרויסטראָגן, בעשאַס אַבראַם אַריעוויטש איז געווען פאַרנומען מיט יאַנקאָן.

— עסט! עסט וואָס גיכער, און זאָל אײַך זײַן צו געזונט! — בעט אונדז אליושע.

ער רוקט אונדז אונטער די טעלער און צעלייגט אפן טיש טעלעכע שטיקער פרישע מאמע־ליגע. מאַטיע ברען טוט זיך א כאַפּ צום לעפל און וואַרנט:

— ראטעווע זיך, אילישע, ווײַל מיר קאָנען צוזאמען מיט די טעלער אײַנשלינגען דיך אליין אויך! — ער שלעפּט ארויס פון קעשענע א צײַטונג, וואָס איז געדרוקט אף בלויען פּאַק־פּאַפּיר, צעלייגט זי אפן טיש, גלעט זי אויס מיט די הענט און לייגט אף איר אוועק צווי פּײַדעס מאמע־ליגע.

— ווי איר ווילט זיך, פּריִנט מײַנע! — זאָגט ער און שטופּט ארײַן דאָס פּאַקעטל אין דער ברייטער קעשענע פון זײַן אויבערראָק, — אף מיר, דאַרפט איר וויסן, וואַרטן אין דער היים א ווײַב און א פּיטיוקל...

— וואָס איז דאָ פאראן צו ריידן, מאַטיע! — שלאָגט אים איבער אילישע. — נעם! וואָס דארפסטו גאָר דערציילן.

— ווער איז ער, יאנקאָ? — פרעג איך, קעדיי איבערצופירן דעם געשפּרעך אף אן אנדער טעמע.

מאַטיע ברען שלינגט דעם לעצטן ביסן, ענטפערט מיט א געלעכטער:

— ווער איז אזוינס יאנקאָ? און ער אליין, מיינסטו, ווייסט דען?

— מע זאָגט, אז די מאמע זײַנע איז געווען אן אקטריסע און האָט אים געבוירן אף דער בינע בעשאס א רעפּעטיציע, — מישט זיך ארײַן אילישע. — ווער ס'איז דער פאָטער, ווייסט מען, פארשטייט זיך, ניט. איר מעגט מיר גלייבן, אז זינט ער לעבט, יאנקאָ, איז ער נאָך קיינמאָל ניט זאט געווען.

— גאַנץ פארשטענדלעך! — וואָרטשעט מאַטיע. — אים אָנצוהאָדעווען דארף מען זײַן א פּאָמעשטשיק!

— עס דאכט זיך נאָר אזוי, מאַטיע! — דערווידערט אילישע. — ער איז ניט אזא מוירעדיקער עסער...

— פארשטייט זיך, אז א טרינקער איז ער א גרעסערער.

— ניט צום באַגרײַפן, א מענטש טרינקט א טאָג און א נאכט און ווערט ניט שיקער... און איז דערבײַ געזונט ווי א העלפאנד!

אין טראַקטיר איז ראַשיק. מע בעט שוין ווידעראַמאָל בא יאנקאָן, ער זאָל „עפּעס זאָגן". דער אלטער קאַליק דערלאַנגט פון דער סטאַיקע זײַן פּירעקעכדיקע דעגוסטאַציע־גלאָז, עמעצער פון די קאַצאָווים פּילט זי אָן מיט בראַנפן, און אבראַם אריעוויטש אליין — גאָר א גרויסער קאָ־וועד — טראָגט זי אונטער יאנקאָן.

— און אָט אַצינד וועט אונדז יאנקעלע איבערלייענען א קאַפּיטל טילים, — זאָגט דער אלטער און וואַרפט א מאַמזער־שמייכעלע אפן אוילעם.

דעם אלטן קאַליקס וואָרט קלינגט ווי א געזעץ. יאנקאָ קערט אפּגיך איבער די גלאָז צו זיך אין מויל ארײַן, מיט דער דלאָניע ווישט ער אָפּ די פלײישיקע ליפּן און פארמאכט די אויגן און הייבט אָן מיטן נוסעך פון א יאָמקיפּער־געוויין, דערבײַ שטרעקט ער אויס די הענט צום אוילעם:

— אשריי האָיִש אשער לוי האָלאך... האָב איך געהאַט א זיידן, איז ער געווען א וואָלאך... גייט ער איינמאָל נאָך א רעגן אין מאַרק און געפינט א צעריסענעם בײַטל מיט דרײַ צעבראָכענע גראָשן. האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער גרויסער מעציִע און הייבט אָן פרעגן בא מענטשן, וואָס דארף מען זאָגן, אז גאָט אליין שיקט צו אין האנט ארײַן אזא קאָשערע מעציִע? ענטפערן דערוף מענטשן, אז אין אזא פאַל דארף מען זאָגן: גאָט זאָל געבן, אז אזוינס זאָל זיך טרעפן אלע טאָג, און וואָס מער. גייט מײַן זיידע אפן צווייטן טאָג אין מאַרק און זעט, ווי מע טראָגט א בארמינען, שטעלט ער זיך אוועק לעבן דער מיטע און שרײַט אויס אף א קאָל: „זאָל גאָט געבן, אז אזוינס זאָל זיך טרעפן אלע טאָג, און וואָס מער!" האָט מען אים אָנגעהויבן פּאַטשן און שלאָגן אזוי, אז ער האָט זיך קוים ארויסגעריסן א לעבעדיקער און פרעגט: וויאזוי זשע דארף מען זאָגן? ענטפערט מען אים, אז אין אזא פאַל דארף מען זאָגן: „גאָט זאָל געבן, אז די ערד זאָל אים צונעמען!" גייט ער, מײַן זיידע, אפן אנדערן טאָג אין שטעטל און זעט: אונדזער גוויר רעב זאַלמען־יאָסיע פירט פאַר דער האנט די מיזינקע זײַנע. לויפט ער צו, דער זיידע מײַנער, און שרײַט אויס בעקויל־ראָם: „זאָל גאָט געבן, אז די ערד זאָל זי צונעמען". זײַנען אָנגעפאַלן אף מײַן זיידן דעם גווירס מעשאָרסים און האָבן אים געטראָטן מיט די פיס, אזוי אז ער איז קוים אופגעשטאַנען פון דער ערד. פרעגט דער זיידע מײַנער: „ריבוינעשעלוילעם! וויאזוי זשע דארף מען זאָגן?" ענטפערט מען אים, אז מע דארף זאָגן: „זאָל גאָט געבן, אז זי זאָל אויסוואַקסן!" גייט ער אפן צווייטן טאָג אין מאַרק און באַגעגנט רעב בערישל דעם ראָוו, וואָס בא אים איז פּונקט ארויסגעשפּרונגען א גוליע אפן האַלדז. לויפט צו צו אים דער זיידע מײַנער און שרײַט אויס: „זאָל גאָט געבן, אז זי זאָל אויסוואַקסן!" זײַנען ארופגעפאַלן אפן זיידן אף מײַנעם דעם רעבנס

כסידים און האָבן אים אַזוי צעמיימעסט, אַז ער האָט שוין ניט געקאָנט אָפּשטיין. ליגט ער אַף דער ערד און פרעגט: „זאָגט זשע מיר, וויאַזוי דאַרף מען זאָגן?" גיט מען אים צו פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זאָגן: „זאָל גאָט געבן, אַז זי זאָל אויסרינען!".. גייט ער קוים מיט צאַ-רעס אָפּן צווייטן טאָג אין מאַרק און זעט, ווי מע פירט פעסער מיט ווײַן, טוט ער אַ געשריי, דער זיידע מײַנער: „זאָל גאָט געבן, אַז זיי זאָלן אויסרינען". זײַנען אָנגעפאַלן אַף אים די ווײַנשענקער און האָבן אים געשלאָגן מיט אַ בײַטש. ליגט מײַן זיידע אַף דער ערד און בעט זיך באַ זיי ראַכמים, אַז מע זאָל אים דערקלערן, וואָס דאַרף מען זאָגן. ענטפערן די ווײַנשענקער, אַז מע דאַרף זאָגן: „זאָל גאָט געבן, אַז יידן זאָלן אויסטרינקען!" גייט ער אָפּן צווייטן טאָג אין מאַרק, דער זיידע, און זעט, ווי אַן אָקס סיקעט, טוט ער אַ געשריי: „זאָל גאָט געבן, אַז יידן זאָלן אויס-טרינקען..."

אין טראַקטיר שטייט שוין אַ ווילדער גערויש. אַלע ווײַלע רײַסט זיך אַרויס אַ דונערדיקער געלעכטער אַף פאַרטויבט צו ווערן. צוזאַמען מיט יאַנקאָן כאַזערט מען איבער יעדער אויסגעשריי פון „זײַן זיידן", און דאָס „קאַפּיטל טילים" ווערט איבערגעריסן אַף אַ פּאָר מינוט, ביזוואַנען עס ווערט אָפּהילכן דער מעכטיקער געלעכטער. מאַטיע ברען באַמערקט:

— אָט דאָס „קאַפּיטל טילים" קאָן ער לייענען ביז איינדערפרי.

— אָט וועמען מע וואָלט באַדאַרפט נעמען צו אונדז אין טרופּע! — טרוימט איליושע. — נאָר אויב דו ווילסט מיטנעמען אין וועג אַרײַן יאַנקאָן, מוזטו מיטנעמען טעלעכע פעסלעך בראַנפן. אויב דו וועסט אים ניט געבן אויסטרינקען, וועט ער ניט שפּילן... אַזוי, ווײַזט אויס, טוען אַלע גרויסע קינסטלער!

— טע-טע-טע! — צעשרײַט זיך מאַטיע און צעפּירט מיט די הענט. — אויב מע זאָל אַזוי קלערן, קאָן מען זיך דערריידן ביז צו אַן אַבסורד! רוועלע זאַסלאַווסקי, צום בײַשפּיל, נעמט ניט קיין טראָפּן אין מויל, און איז אַן אַקטיאָר זאָלן מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר! און בראַנדעסקאָ? ווען ווערא פיאָדאָראָוונא קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט געזען בראַנדעסקאָן אין דער ראָל פון לייזער באַדכן, האָט זי זיך צעוויינט. דערנאָך איז זי דעם גאַנצן אַנטראַקט געווען הינטער די קוליסן און האָט ניט אַרויסגעלאָזט פון אירע הענט בראַנדעסקאָס האַנט און אַלץ גערעדט, זיך ניט גע-קענט אָנריידן וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט זי גערירט מיט זײַן שפּילן. — מאַטיע ברען איז זיך צעגאַנגען. — אַן אַקטיאָר, וואָס טרינקט, איז אַ באַהעמע! אַ נידעריקער פאַרשוין, וואָס פאַרשטייט ניט אַפילע, וויאַזוי מע דאַרף אַכטן טעאַטער, דעם צושויער! אַזאַ אַקטיאָר זעט אין מײַנע אויגן אויס ניט מער ווי אַ טראַקטירשטשיק, וואָס האַנדלט מיט קונסט פּונקט אַזוי, ווי דער אַלטער קאַליק האַנדלט מיט בראַנפן...

— און מיט וואָס האַנדלט יאַנקאָ? — פרעגט שוין אַן אויפגערעגטער איליושע.

— ער האַנדלט ניט! מיט וואָס זאָל ער האַנדלען? — ווערט עטוואָס אָפּגעקילט מאַטיע ברען. — נאָר גיב אים צו פאַרשטיין, אַז מיר זײַנען פון אים אָפּהענגיק, וועט ער אָנהייבן צו האַנדלען. דאָס איז ניט קיין אַרטיסט!

— אויב אַ מענטש, וואָס האַלט אַזוי אָנגעשטרענגט אַ פולן זאַל מיט מענטשן, איז ניט קיין אַרטיסט, איז זײַ אַזוי גוט און גיב מיר צו פאַרשטיין, ווער זשע איז אַן אַרטיסט?

איליושע כאַפּט זיך אויף פונעם אָרט, שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע עלנבויגנס אָפּן ווענטל פונעם בענקל און קוקט אַף מאַטיען. ער איז זיכער, אַז מאַטיע וועט ניט האָבן וואָס צו ענטפערן.

— ווער ס'איז אַן אַרטיסט? — פרעגט מאַטיע איבער, און אין זײַנע אויגן באַווײַזן זיך צוויי גרינע פינטלעך, שטראַלנדיקע און סוידעספולע. — אַן אַרטיסט, פרײַנט מײַנער, איז דער שנײַדער יאַשע בוביס, וואָס האָט פאַראַיאָרן געשאַפּן אַ דראַמקרײַזל אַף דער פּראָכאָראָווסקע. זיי האָבן געשטעלט פּערעץ הירשביינס „די נעווילע". קאָנסט מיר גלייבן, קאָנסט מיר ניט גלייבן. מיר איז אַלציינס. איך האָב זיך גאַנץ צופעליק וועגן דעם דערוווּסט, אַז די שנײַדער האָט זיך פאַר-גלוסט שטעלן אַ פּיעסע. מיר איז עס אויסגעקומען עטוואָס לעכערלעך, פאַרוואָס האָבן פּלוצעם די שנײַדערוקעס באַשלאָסן, אַז זיי קאָנען שפּילן טעאַטער? קיין איין אַקטיאָר, ווי איך ווייס, האָט דאָך קיינמאָל ניט באַשלאָסן, אַז ער קאָן נייען טאַכטינים! בין איך געקומען, הייסט עס, אַף דער פּראָכאָראָווסקע אין קלוב צו די פאַלגעס. די שטימונג איז געווען באַ מיר ווי באַ אַ הונגע-ריקן הונט, וואָס מע האָדעוועט ניט, אַז ער זאָל וואָס בייזער זײַן. האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן: איך האָב אַלצדינג קריטיקירט, ס'האָט אין מיר געזאָטן דער גאַזלען. די דעקאָראַציעס? — אַף קאַפּאַרעס! אָרעמע, געשמאַקלאָזע, פאַסקודנע! דער פאַרהאַנג? — אַ קויטיקע שמאַטע. די שויש-פּילער? — אַמעראַצים! באַטלאָנים! מיט איין וואָרט — פּראָפאַנאַציע, ניט קיין קונסט! אַזוי האָט געדויערט, ביז אַף דער בינע איז אַרויף יאַשע בוביס. ער האָט געשפּילט מענדלען. ער איז אַרופגעקומען אַף דער בינע אומבאַמערקט און האָט מיר דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז איך בין געבליבן זיצן מיט אָפענע מויל און אויערן, און די גאַנצע קריטיקע מײַנע איז אויסגערונען גע-

דוואָרן אין איין אויגנבליק. עס האָט זיך באַקומען, אַז דער דאָזיקער מענטש, פון וועלכן אַלע האַלטן זיך אין אַ זײַט, מאַכמעס ער איז אַ פעל־שינדער און שטענדיק שטינקט פון אים, — אַז אַט דער מענטש, ווי נאָר ער איז אַרויף אַף דער בינע, האָט ער מיך גלײַך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און, ניט לאָזנדיק מיך אויסצודריייען דעם קאָפּ, באַוויזן די ווונדן זײַנע, פון וועלכע עס טריפט הייס בלוט... איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן! — האָט ער זיך געווענדט צו אילישקען און צו מיר. — איר ווילט מיר זאָגן: וויבאַלד ער איז אַזאַ טאַלאַנט, פאַרוואָס זשע איז ער אַ שינדער? ווער איך אַף דערויף ענטפערן: פאַרוואָס האָט מײַן עלטערער ברודער, וואָס טרוימט פון קינדווײַז אָן צו היילן מענטשן, סאַפּקאַלסאַף געמוזט ווערן אַ סטאַריעווטשיק? הייסט עס, אַז ניט מיר זײַנען די באַלעבאַטים פונעם לעבן, נאָר דאָס לעבן קאָמאַנדעוועט מיט אונדז! וואָס דאַרפן מיר לאַנג זוכן? פאַרוואָס אַרבעטסטו דאָ, אילישע, אין טראַקטיר? נאָך גוט, וואָס דו האָסט אַ פעטער, וואָס וויל דיך דאָ האַלטן פאַר אַ מעשאָרעס!..

— אויב דו ביסט מיר מעקאַנע, מאָטיע... — האָט אילישע אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ.

אין טראַקטיר איז, ווי פריער, געוואָרן ראַשיק און דושנע. ס'האָט, ווײַזט אויס, ווידעראַמאָל געשמעקט מיט אַ געשלעג. עמעץ האָט זיך שוין געוואָרפן מיט די פויסטן אַף זײַן שאָכן. נאָר פּלוצעם איז פון יענער זײַט סטאָיקע, פון דער קיך, אַרויסגעלאָפן אַן עלטערע יידענע, אַ נידעריקע און אַ ברייטע, מיט אַ פאַרפלאַמט פּאָנעם און מיט וואָנצעס אַף דער אייבערשטער ליפּ. זי האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ קאָל, ווי מע זאָל זי האָבן אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז:

— אַף לעקסאַנדרעווסקע און סטאַרעזניטשנע איז אַן אַבלאַווע!

און זי האָט זיך גלײַך געלאָזט צוריק אין קיך אַרײַן, איין מאָל נאָר האָט זי אויסגעדרייט דאָס פאַרפלאַמטע פּאָנעם און צוגעגעבן:

— פון דער קאָנטרראַזוועדקע!

אילישע האָט אונדז אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— קומט מיט מיר! שטעלט פּיס!

ער האָט אונדז אוועקגעפירט הינטער דער סטאָיקע, פון דאָרט אַפּגיך פאַרבײַגעלאָפן די קיך און דורך אַ שמאָלער טיר זיך אַרויסגעכאַפּט אין אַ הויף, וואָס פירט אַפן פּריוואָז צי עפּשער אין שאַלאַשנע געסל...

אין דרויסן איז שוין געווען שטאָקפינצטער.

קאַפּיטל צוויי

אַ סאָך?

ווען די נײַגעריקייט ווערט דערפירט ביז צו אַ לײַדנשאַפט, ווערט עס אָנגערופן ליבע. אויב מע זאָל רעכענען, אַז דאָס שוסטערל דאָווידל מאַגאַלניק האָט נאָר אין די אָוונטן אַרויסבאַוויזן אַזאַ פלאַמיקע נײַגעריקייט צו אונדזער טרופּע, איז אַפילע דאַן קאָן מען זאָגן, אַז ער איז געווען פאַרליבט איבער די אויערן. און ווי סע טרעפט מיט אַלע פאַרליבטע, האָט דאָווידל מאַגאַלניק שטיל און געדולדיק איבערגעטראָגן אַלץ, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף זײַן גורל. ער האָט איבערגעטראָגן שווערע בענק בעשאַס די רעפּעטיציעס (ער איז געווען באַשטימט אַלס פּאָמרעזש), און דעריקער האָט ער איבערגעטראָגן בייזן שפּאָט פון אונדזער פּרימאַדאָנע קלאַרע סעגאַל.

אונדזער פּרימאַדאָנען איז מאַגאַלניק זייער ניט געפעלן געוואָרן.

— ווּהין שטופּט זיך דער דאָזיקער לאַטוטניק? — פלעגט זי פרעגן בא עמעצן פון די אַרטיסטן אַזוי, אַז אַלעמען זאָל קלאָר זײַן, וועמען זי מיינט. נאָר מאַגאַלניק האָט זיך געמאַכט קעלוי־יאָדע און געטאָן זײַנס. — איך פאַרשטיי ניט! — האָט קלאַרע געצויגן מיט די אַקסל. — וואָס טוט זיך דאָ?

— אַ סאַך זאַכן פאַרשטייט איר נאָך ניט, קייסעריניע מײַנע! אַט, ווען גאָט וועט העלפן און איר וועט אַ ביסעלע אונטערוואַקסן, וועט איר, קאָן זײַן, דעמלט פאַרשטיין!

אַזוי האָט איר אָפּגעענטפערט מאָטיע ברען, דער איינציקער מענטש, וואָס האָט זיך דערלויבט אַזוי דרייסט ריידן מיט דער פּרימאַדאָנע. אין די דאָזיקע זײַנע ווערטער איז געווען אַזויפיל גיפט, אַז קלאַרע סעגאַל האָט גלײַך צוגעמאַכט דאָס מויל. די מײַסע באַשטייט אין דעם, וואָס

אונדזער פרימאַדאָנע האָט אין פאַרגלײַך מיט אונדז אַלעמען אויסגעזען ווי אַ זשיראַף, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ טשערעדע שאָף.

דאָס קאַרטאָמישעווסקער געסל, וווּ מיר האָבן רעפּעטירט, האָט פאַרמאָגט צוויי מײַלעס: ערשטנס, האָבן מיר זיך דאָ געקאָנט צונויפנעמען, ווען מיר האָבן געוואָלט, רעפּעטירן אַפילו אַ גאַנצן מעסלעס, און צווייטנס, — דאָ איז קיינער ניט געשטאַנען הינטער די פענצטער, קיינער איז אונדז ניט נאָכגעלאָפן, ווען מיר זײַנען געגאַנגען איבער דער גאַס, קיינער האָט אונדז ניט נאָכגעשריִען קיין רעפּליקעס פון דער פּיעסע, וואָס מיר האָבן געגרייט. דער איינציקער זײַטיקער מענטש, וואָס איז צו אונדז צוגעשטאַנען, איז געווען דאָווידקע מאַגאַלניק, אַ מאָגער באָכערל, אַן אויסגעטעריקנטס, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, שטענדיק אָן אָפּגערעגטער דערפאַר, ווײַל אַלץ אַף דער וועלט איז אים מעסוקן געפעלן געווען, אַ יונג מענטשעלע מיט זקיינישע קנייטשן אַפן שטענדיק פאַרכידעשטן שטערן, מיט אַ פענעמל פון לימענע־קאָליר און זייער צאַרטע פאַר־טראַכטע און עטוואָס שמייכלענדיקע אויגן.

איינמאָל, דאָס איז שוין געווען שפּעט אָפּדערנאָכט, גלײַך נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרענדיקט די פּראָבע (די רעפּעטיציע, הייסט עס), האָט דאָווידקע מאַגאַלניק, וואָס האָט זיך שוין ביז דעמלט אַ פּאָר מאָל באַוויזן אינעם קאַרטאָמישעווסקער געסל, אָפּגעשטעלט אונדזער אימפּרעסאַריאָ, זיך אַ נייג געטאָן צו אים און אָנגעהויבן:

— קוקט ניט אַף מיר בייז דערפאַר, וואָס איך שטיי צו צו אײַך, און מיינט ניט, פּאַזשאַ־לעסטע, אַז איך שטיי צו צו אײַך דערפאַר, ווײַל איך האָב ניט וואָס צו טאָן! מיך רופט מען דאָוויד מאַגאַלניק, איך בין אַ שוסטער, מײַן מעלאָכע, קאָן זיך מאַכן, וועט זײַן זייער בייטיק פאַר אײַער טעאַטער, ווײַל, אַף וויפל מיר איז באַוווּסט, האָבן אַלע אַקטיאָרן און אויך אַלע אַקטריסעס אַ טעווע צו טראָגן שיך אַף די פיס. און שיך פאָדערן אָפט אַ דאָקטער, און איך בין דער עמעסער דאָקטער, מע קאָן זאָגן אַ פּראָפעסאָר אַף צו היילן שיך. פאַרשטייט זיך, אַז באַ די אַקטיאָרן, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַ די אַקטריסעס האָב איך קיינמאָל ניט געפאָדערט קיין געצאָלטס פאַר מײַן אַרבעט. זאָלן מיר אָפּדאַרן די הענט, אויב איך זאָג אַ ליגן!

מאָטיע ברען האָט אויסגעהערט דעם נײַעם באַקאַנטן זײַנעם מיט גרויס נײַגעריקייט, נאָכדעם געפרעגט:

— וויפל זשע ביסטו אַלט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— וויפל איך בין אַלט? — האָט מאַגאַלניק איבערגעפרעגט. — האַלעווײַ זאָל דעניקינען אַזוי־פיל יאָר וואַרפן אין קאַדאָכעס! אויב שוין רעכענען אַרום און אַרום, שוין מיט שאַבאָסים און יאָמטויוים, וועל איך אין אַ פּאָר כאָדאָשים אַרום ווערן נײַנצן יאָר. איז פון זיי האָב איך, מעגט איר רעכענען, געלעבט ווי אַ מענטש אינגאַנצן אַזש דרײַ כאָדאָשים: דאָס איז די צײַט, ווען איך בין געווען אין טעאַטער אָדער כאָטש לעבן טעאַטער. איר מעגט שוין זײַן זיכער, אַז וויבאַלד איך בין צו אײַך צוגעשטאַנען, וועט איר זיך שוין פון מיר ניט אָפּטשעפּען.

— האָסטו, הייסט עס, באַשלאָסן, — האָט מאָטיע געשמייכלט, — אַז מיר וועלן דיך נעפּרע־מענאָ נעמען?

— ווי דען?

— נו, גוט! — האָט מאָטיע נאָכגעגעבן. — לאָמיר זאָגן, אַז מירן דיך נעמען. איז מיט דײַן שטאַלט און מיט דײַן נעזעלע, וואָס פאַרנעמט צופיל פּלאַץ אַפן פּאָנעם, וואָלסטו מיסטאָמע גע־דאַרפט שפּילן ליובאָווניקעס צי העלדן־ראָלן, ווי, לאָמיר זאָגן, מאַרקוסן צי באַר־קאָכבע...

— ניט אַלע אַקטיאָרן מוזן דאָך שפּילן דאַפקע באַר־קאָכבע, — האָט דאָווידל איבערגעשלאָגן.

— הער מיך אויס, פרײַנט מײַנער! אַנו, לאָמיר זיך אַראָפּכאַפּן צו מיר אַהיים, דאָרטן ליגן באַ מיר אונטערן בעט אַ פּאָר שטיוול, וואָס וואַרטן אַף אַ דאָקטער שוין אַ היפּשע צײַט!

— זאָל מיך אָנכאַפּן אַ סיפּניאַק, אויב איר וועט מאָרגן ניט באַקומען קיין פּאָר נײַע שטיוול... קימאַט נײַע שטיוול! — האָט אַ געשריי געטאָן דאָווידקע מיט אַזאַ פרייד, ווי גלײַך עס איז אים געלונגען דערלאַנגען אַ שטערן אין הימל.

אַפן וועג צו מאָטיען אַהיים האָט זיך באַ מאַגאַלניקן ניט צוגעמאַכט דאָס מויל:

— איר מיינט, אַז איך בין אַ שוסטער, אַזאַ ווי אַלע טאַנדעטניקעס? איך בין גאָר אַן אַנדער שוסטער! ערשטנס, קאָן איך לייענען און שרײַבן, צווייטנס, פּרוווט, פרעגט מיך, ווער, וואָס פאַר אַ פּיעסע סע האָט אָנגעשריבן, וועל איך אײַך באַלד ענטפערן, ווײַל איך ווייס אַף אויסווייניק אַלע מעכאַבערים פון די דראַמעס, וואָס גייען אין ייִדישן טעאַטער, — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס, הויך פאַריסן דאָס דאַרע הענטל זײַנס און איז שוין גרייט געווען אָנצוהייבן עפּעס דעקלאַמירן. נאָר לעבן זיי זײַנען, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן צוויי כעוורעלײַט.

— איך גיב איין מאָמענט אַף אויסטאָן דעם בימבער! — האָט אַ זאָג געטאָן איינער פון די כעוורע און אַ ווײַז געטאָן אַף עפּעס, וואָס האָט געסטאַרטשעט פון זײַן קעשענע. אינדערפינצטער

איז אומעגלעך געווען צו באמערקן, וואָס עס איז אזוינס — א מעסער צי א קנאַלער. דער צווייטער כעווראָניק האָט דערוויַיל אָנגעכאַפּט מאָטיען פאַרן קאָלנער:

— ברענג מיך ניט ארויס פון די קיילים! נו? — האָט ער א זאָג געטאָן און זיך מיִעס אויסגעזידלט.

— ע־ע! — האָט מאָטיע ברען א פאָנפע געטאָן און געפּרווּוט ארויסקוועטשן אפן פּאָנעם א שמייכל, דערמאָנענדיק זיך, אז מיט א שמייכל קאָן מען אונטערקויפן דעם טויט אליין. — ע־ע! — האָט ער איבערגעכאַזערט, — איר האָט, מיַינע העררן, וויַיזט אויס, א טאָעס... מיַין זייגער, גאָספּאָדאַ, האָב איך איבערגעלאָזט אפן וואָקזאַל, מאַכמעס ער קריכט ניט אריַין אין קעשענע...

איינער פון די כעוורע האָט אים א שטאַרקן שטויס געטאָן אין ברוסט:

— באַלד כאַפּסטו א פּיסטויל! ווארף אראָפּ דעם מאַנטל!

אין דער פינצטער האָט א בלישטשע געטאָן א מעסער.

—און די גייערס שלעפּ אראָפּ! נו!

מאָטיע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער ערד און מיט קאַלט געוואָרענע פינגער אָנגעהויבן אראָפּציִען די שיך. אף איין אויגנבליק איז געוואָרן שטיל, און אין דער שטילקיַיט האָט זיך פּלוצעם דערהערט, ווי גאָר נאָענט שטעפּט א קוילנוואַרפער: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! און נאָך אין א וויַילע ארום האָט זיך דערהערט א פּריידיקער אויסגעשריי:

— קאָ־טאָוו־צי!

די גאזלאָנים זיַינען אומבאמערקט אנטרונען געוואָרן. מאָטיע איז נאָך אלץ געזעסן אפן פּאַרפּרוירענעם שטיין פונעם טראָטואַר. ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. מאַגאַלניק האָט אים אויסגעשטרעקט א האַנט, און ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן אָן אָן אָטעם. אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך ערשט אפן ראָג פונעם טרעוּגאַלנעם געסל לעבן יאַסקעס זאַוועדעניע, פונוואַנען ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון מוזיק.

— היַינט איז דאָך פּונקט די נאַכט פונעם נײַ־יאָר, דאַרפן זיי דאָך מאַכן כאָטש א פּאָטשין? — האָט דערקלערט דאַווידקע.

— ווי האָסטו געזאָגט? היַינט איז די נאַכט פון נײַ־יאָר? — האָט מאָטיע א זיפץ געטאָן. — און איך האָב גאָר פארגעסן! אָט אזוי, גוטערברודער, באַגעגענען מיר דאָס צוואָנציקסטע יאָר פונעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט! זאָלסט עס ניט פארגעסן!

און מיטאמאָל האָט ווידער זיך אופגעכאַפּט דער קוילנוואַרפער: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! דאָס מאָל גאָר נאָענט, טאַקע דאָ אפן אָרט. מאָטיע ברען האָט צופרידן געשמייכלט:

— ע־ע־ע! ווי איך זע, מאַכסטו עס אָפּ גאַנץ קונציק! סע באַקומט זיך באַ דיר גאָר פיַין! ערשט אצינד האָט ער באמערקט, מאָטיע, וויאזוי דער יונגער פריַינט זיַינער קוועטשט צונויף די ליפּן, בלאָזט אָן די באַקן און, ניט צום פאַרשטיין צוליב וואָס, טאַנצט ער אונטער אפן אָרט און לאָזט ארויס פון מויל אזעלכע קלאַנגען, גליַיך אָנשטאָט א צונג וואָלט ער פארמאָגט א פּראָפּעלער מיט א טראָמפּייט צוזאַמען. האקלאַל, ניט קיין צונג, נאָר אן עמעסן „מאַקסים", וואָס שפּיַיט מיט קוילן און מיט פיַיער.

— כ'פארשטיי ניט! — רופט זיך אָן מאָטיע ברען. — נו, לאָמיר זאָגן, אז דו האָסט געשאָסן. ווער זשע האָט געשריִען?

— קאָ־טאָוו־צי! — שריַיט אויס מאַגאַלניק, און מאָטיע כאַפּט אים אָן פאַר דער האַנט, ציט אים צו צו זיך און בעט:

— שריַי! שריַי העכער! קאָן זיַין, אז זיי וועלן דערהערן און גיכער קומען! שריַי! ס'איז שוין ניטאָ מער קיין קויעך צו וואַרטן!

דעם דאָזיקן אָוונט איז געבוירן געוואָרן די פריַינטשאַפט פון צוויי גאַנץ פארשיידענע מענטשן. קאָן זיַין, אז דעמלט האָבן זיי נאָך ניט געוווּסט דערפון און ניט געטראַכט וועגן דעם.

מאָטיע ברען איז געווען פארטאָן מיט איין זאַך — שאַפן א טעאַטער. וועגן זיַיטיקע זאַכן האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן, און וויפל ער האָט זיך ניט געמאַטערט, וויפל ער איז ניט ארומגעלאָפן, געהאָרעוועט, גערופן, געבעטן, געפּאָדערט — איז אלץ געשטאַנען אפן זעלבן אָרט. ס'איז ניט געווען קיין פּאַסיקע פּרימאַדאָנע, און ביכלאַל איז זייער שווער געווען מיט פּרויען־פּערסאָנאַל. ס'איז ניט געווען קיין אָרט אף צו רעפּעטירן, און מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיטן קעלער אינעם קאַרטאָמישעווסקער געסל, וואָס האָט געהערט צו עליען — מאָטיעס עלטערן ברודער, דעם הענדלער מיט אַלטוואַרג. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אז עס האָבן אינגאַנצן אויסגעפעלט קאָסטיומען, דעקאָראַציעס. פּאַקטיש איז גאָרנישט ניט געווען. ס'איז געווען א כאָלעם, ניט מער!

קלאַרע סעגאַל האָבן מיר גערופן „אונדזער פּרימאַדאָנע" צוליב א סאַך טיַימים. ערשטנס, דערפאַר, וויַיל קלאַרע אליין האָט געפּאָדערט פון אונדז, אז מיר זאָלן זי אזוי רופן.

— אף קיין קליינע ראָלן, — האָט זי געטיײַנעט מיט א שטים פון א צײַטונגס־פארקויפער און א ביסל בראָדעריש, צוליב שיינקײַט, — אף קליינע ראָלן קאָן איך גיין צו מײַן ברודער אין טעאטער. מײַן אומגליק באשטייט אין דעם, וואָס סײַ מײַן ברודער, סײַ אונדזערע רעזשיסערן פארמאָגן ווײַבער...

— און אפילע ניט צו איינע... — האָט ארײַנגעשטעלט ליאָניע לאנדאו.

— ...איז אויב איך האָב שוין באשלאָסן ארײַנצוטרעטן אין אײַער טרופע, — זי האָט אויסגעהאלטן א קליינינקע פויזע, באטראכט אונדז אלעמען מיט א קוק פון א געניטן סויכער, וואָס קויפט בעקיוון א זאך, וועלכע קאָן אים ברענגען נאָר העזעק, — איז אויב איך האָב זיך שוין באשלאָסן, איז — מערסי!

ווי:אזוי זשע איז אָנגעקומען צו אונדז אין טעאטער קלארע סעגאל?

ווען דער אנטרעפרעניאָר, דראמאטורג, רעזשיסער און הויפט־ארטיסט מאָריץ סעגאל האָט זיך דערוווּסט, אז עס שאפט זיך א נײַער טעאטער, וואָס וועט ארומפאָרן איבער די שטעטלעך מיט גאסטראָלן, האָט ער גלײַך געשיקט זײַן מעשאָרעס צו אונדז און באפוילן, אז מאָטיע ברען, אונדזער אימפרעסארי:אָ, זאָל זיך באלד יאווען צו אים.

— ווייסט ניט, וואָס פארלאנגט פון מיר אָט דער כאזער אין דער יארמלקע? — האָט מאָטיע געפרעגט בא מיר.

מאָריץ סעגאל האָט אונדז אופגענומען בא זיך אין קאבינעט. דאָרט איז געווען ענג, ווי הינטער די קוליסן אין טעאטער. אלצדינג איז בא אים אין שטוב געווען ענלעך אף טעאטראלע קוליסן און האָט אויסגעזען בוטאפאָריש. ס׳איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אז די גרויסע און שווערע פאָטעלן, מיט די שפורן פון די נומערלעך, וואָס זײַנען אמאָל געווען צו זיי צוגעקלאפט, און דער טיש, וואָס האָט זיך געהוידעט, און אפילע דער אומגעלומפערטער אויסגעמאָלטער טישטעך זײַנען געקומען אהער פונעם טעאטער, ווו מע האָט זיי א סאך מאָל געוויזן פאר געלט. און עפשער טאקע דערפאר האָט זיך אויסגעוויזן, אז מאָריץ מאָ:סייעוויטשעס שמייכעלע איז אויך געווען א בוטאפאָריש שמייכעלע, וואָס ער האָט געבאָרגט אף פראָקאט.

— נו, וואָס ווּעסטו זאָגן, זאָל מיר שוין גאָט אזוי העלפן! — האָט אויסגעשרי:ען מאָריץ מאָ:סייעוויטש, ווען מיר האָבן זיך באזעצט באם טיש. — ניסים שעבעניסים! ווער וואָלט מיר געגלייבט, אז מאָטקע ברען, וואָס איז ערשט גאָר ניט לאנג געווען בא מיר אין טעאטער פאָמרעזש, אז דער זעלבער מאָטקע זאָל ווערן א באלעבאָס פאר זיך, אליין אנטרעפרעניאָר און רעזשיסער. ניסים שעבעניסים!

מיר זײַנען געזעסן שטילע, ווי אמערעצים באם רעבן אין פאָליש. מאָריץ מאָ:סייעוויטש האָט נאָך דערווײַל געהאלטן בא דער אוווערטיורע.

— און דאָס איז דײַן סופליאָרל? — האָט ער אָנגעוויזן אף מיר. — כ׳האָב געהערט! עס לאָזט זיך הערן! מע זאָגט, אז דאָס באָכערל פארשטייט זיך אין די קליינע אויס:עלעך! לאָז אײַך גאָט העלפן. איך בין אלע יאָרן געווען דערפאר, אז אין טעאטער זאָלן זײַן וואָס מער מענטשן, וואָס קאָנען לייענען און שרײַבן! — ער האָט ארויסגעלאָזט א סאָלידן זיפץ. — דו קענסט דאָך, מאָטקעלע, די שוועסטער מײַנע...

מאָטיע האָט זיך א כאפּ געטאָן פונעם אָרט.

— ...וועל איך זי צו זיך אין טעאטער ניט נעמען! — האָט מאָטיע קימאט אויסגעשרי:ען און איז אופגעשטאנען פון אָרט.

— ווּעסט זי שוין בעפיירעש יאָ נעמען! — האָט געוואָרנט מאָריץ מאָ:סייעוויטש.

די זיכערקײַט, מיט וועלכער עס זײַנען געזאָגט געוואָרן די דאָזיקע ווערטער, האָבן עטוואָס איבעראשט מאָטיען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן סעגאלן און געסטארעט זיך צו פארשטיין, פונוואנען קומט צו אים אזא זיכערקײַט. מאָריץ מאָ:סייעוויטש האָט זיך געלאָזט אָנקוקן. ער האָט ניט געאײַלט.

— דו הייבסט קוים־קוים אָן, שטעלסט די ערשטע טריט, און ווילסט זיך שוין פארפירן מיט מאָריץ מאָ:סייעוויטשן! דארפסט נייטיק, אז איך זאָל דיר ווערן א סוינע? איך פרעג דיך... הא?

— אצינד זײַנען אנדערע צײַטן! — האָט מאָטיע א בורטשע געטאָן.

— ריבוינעשעלוילעם! וואָס זשע האָט זיך איבערגעביטן?! — האָט זיך גאנץ אופריכטיק געכידעשט מאָריץ מאָ:סייעוויטש. — גיב א קוק אף זיך, מאָטיע! וואָס איז געשען מיט דיר? לאָמיר צוגיין צום פענצטער און א קוק טאָן אף דער גאס! נעם קוק, וויפל דו ווילסט, און זאָג מיר: נו, עס האָט זיך עפּעס איבערגעביטן? ווי:אזוי לעבן מענטשן? זיי לעבן אזוי ווי צוריק מיט יאָרן. ווער עס האָט מיט וואָס — דער לעבט, ווער עס האָט ניט — איז אראָפּ פונעם וואָגן! אזוי ווי ס׳האָט געלעבט מײַן עלטערזיידע, אזוי לעבט מען הײַנט, אזוי וועט זײַן טאָמיד!

מאָריץ מאָיסייעוויטש האָט זיך אויסגעהוסט מיט א דריידעלע אין האלדז, האָט אויסגע־רייניקט דעם גאָרגל און פאָרגעזעצט גאַנץ רויִק:

— איך גיב איר א גוטן נאָדן! קאָסטיומען פאר איר און פאר איר פאַרטניאָר! אף דער גאס וואלגערן זיך ניט אזעלכע זאכן!

— זי איז א פאָראָ אדומאָ! — האָט אויסגעשריִען מאָטיע ברען, ניט וועלנדיק, ווײַזט אויס, פארציִען דעם געשפרעך. מאָריץ מאָיסייעוויטש האָט זיך אָבער גאָר ניט באליידיקט.

— עמעס! — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — א קו! נאָר גיב מיר צו פארשטיין, און ווער איז ראָזע ברוק, די פרעמיערשע בא מינדאלעסקאָן אין טעאטער, ניט קיין קו? ראָזע ברוק איז נאָך א יאלעווע קו! נו, איז וואָס זשע? שרײַבט מען דען ניט איר נאָמען מיט פעסלעך־אויסיִעס אף די אפישן? לאָזט מען דען ניט ארויס קיין ספעציִעלע אנאָנסן, אין וועלכע איר נאָמען ווערט געשטעלט אין פארגלײַך מיט, לעהאוודל, עלעאָנאָרע דוזע? דרוקט מען דען ניט אף די אפישן אלעמאָל איר פעטע, צעשוומענע, קאָלירלאָזע און נארישע מאָרדע? און סאָפּאָטשקע אָרלאָווס־קאיא — די טאלאנטפולסטע סאָפּאָטשקע אָרלאָווסקאיא, פאר וועלכער פערעץ הירשביין האָט געשריבן צינעלען אין „די גרינע פעלדער“, האלט מען אין טעאטער אף ארויסגאנג־ראָלן! און ווען דו ווילסט געפינען איר נאָמען אף דער אפישע, דארפסטו אָנטאָן שפאקולן אף די אויגן. און א מארקע באקומט זי פונקט אזעלכע, וואָס גאראנטירט איר די מעגלעכקײַט דרײַ מאָל אין טאָג שטארבן פון הונגער. דערפאר אָבער וואקסן בא איר אפן קאָפּ גראָוועוּ האָר... איז עס פאר דיר א נײַס, מאָטיע?

— אינגיכן וועט אלץ זײַן גאָר אנדערש! — האָט מאָטיע געוואָרנט.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען מאָטיע ברען האָט נאָכגעגעבן. ביז הײַנט קאָן איך ניט פארשטיין, פארוואָס האָט ער דעמלט זיך געלאָזט אײַנריידן.

צו דער ערשטער רעפעטיציע איז קלארע סעגאל געקומען צו פאָרן אף א שטײַגער. אלע ארטיסטן האָט זי געדריקט די האנט און געשמייכלט, באווײַזנדיק די ציין־לאָפּעטעס, וואָס האָבן געדינט ווי א פלויט פאר די פעסט־אָנגעפארבטע ליפּן.

— קלארע מאָיסייעווגע! — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט. — אײַך דערלויב איך, איר זאָלט מיך רופן פאָשעט קלארע. א פרימאדאָנע דארף זײַן באשיידן, ניט עמעס? מערסי!

און ווי עס פאסט פאר א פרימאדאָנע, פלעגט קלארע קומען אף פראָבע שפעטער פון אלע־מען. זי פלעגט זיך אוועקזעצן אפן טישל, וואָס איז געשטאנען אינמיטן צימער, פארווארפן א פוס אף א פוס און פארייכערן א לאנגן שמעקנדיקן פאפיראָס (ווו פלעגט זי באקומען די פאפי־ראָסן?). צו מאָטיע ברען האָט זי געזאָגט אזוי:

— נו, וואָס וועלן מיר טאָן, רעזשיסער? פארגעסט ניט, אז פרימאדאָנעס האָבן ניט ליב צו זיצן אָן א שטאָך ארבעט!

און האָט זיך דערבײַ הויך צעלאכט.

— נעמט דערווײַל פארליבט זיך אין עמעצן! — האָט איר מאָטיע אן אייצע געגעבן.

— „אויב אין אײַער הערץ וועט זיך צעפלאקערן א לײַדנשאפט“, — האָט מאגאלניק זיך גע־ווענדט צו איר מיט א פראזע פון א פיעסע, וואָס ער האָט פארגעדענקט, און דערבײַ צוגעפגע־לייגט די הענט אף דער ברוסט, ווי עס פלעגן טאָן די פארליבטע העלדן אין די הארצרײַסנדע דראמעס.

— זוכט אײַך, יונגערמאן, באַרישניעס פון אײַער גראד, ערגעץ אינעם קארטאמישעווסקער געסל!

— איך האָב אײַך טאקע געפונען אינעם קארטאמישעווסקער געסל! — האָט מאגאלניק באמערקט.

זי האָט זיך אָנגעצונדן, און דאָס פאָנעם אירס האָט זיך אויסגעצויגן. ווי אן אָפּגעבריטע איז זי אראָפּ פונעם טישל, א וואָרף געטאָן אין ווינקל דאָס ניט דערייכערטע פאפיראָסל און אויס־געשיט אפן פאָמרעזש אזא האָגל ברודיקע קלאָלעס, צווישן וועלכע „פארשיוועך גאנעוו“ און „געפייגערטער הונט“ זײַנען געווען די סאמע אײדלסטע ווערטער.

אין יענעם אָוונט האָט זיך די רעפעטיציע ניט געקלעפּט. מאָטיע האָט אלץ געפּאָדערט, אז די פרימאדאָנע זאָל רעפעטירן מיט א פול מויל און ניט שפאנען איבער דער בינע ווי א העל־פאנד. קלארע סעגאל איז צוויי מאָל ארויס אף דער „בינע“, און מאָטיע האָט זי ביידע מאָל אומגעקערט:

— גריגגער דארף מען, גרינגער! — האָט ער געטײַנעט צו איר מיט אזא קאָל, וואָס קאָן ארויסברענגען פון די קיילים אפילע א טויטן. נאָר ווען ער האָט צום דריטן מאָל פאָרגעלייגט, אז

זי זאָל זיך אומקערן, האָט קלאַרע אַ פּאַך געטאָן מיטן פּויסט, איבערגעקערט דאָס טישל און היסטעריש אויסגעשריִען:

— שוין!

— ניין, ניט שוין! — האָט גאַנץ רויִק דערווידערט דער רעזשיסער.

— נישקאָשעו! עס וועט אַזוי אויך זײַן גוט! — האָט פאַרזיכערט די פּרימאַדאָנע און שווער געעטעמט דערבײַ. זי האָט געזוכט מיט דער האַנט אין רידיקיול אַ נײַעם פּאַפּיראָס.

מאָטיע איז שטאַרק בייז געוואָרן:

— „אַזוי וועט זײַן גוט" דאָרטן, אַפּן פּריוואַז! אַפּן טאָלטשאָק! דאָ וועט אַזוי גוט ניט זײַן! — האָט ער געשריִען.

קלאַרע סעגאַל האָט אָפּגיך פאַרשפּיליעט אַף זיך איר מאַנטאָ, אַרײַנגעשטופּט די פּיס אין די וואַליקעס, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט לעבן דער טיר, און אופגעהויבן די האַנט אין אַ געזעגעניש־זשעסט:

— מערסי!

און איז אַוועק צום אַרויסגאַנג. דאָ האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די שטיל געוואָרענע אַקטיאָרן, אין מויל באַ איר האָט געפלאַקערט אַ געגעם:

— איר וועט זיך נאָך וואַלגערן באַ מײַנע פּיס! — פון די טרעפּ האָט זי זיך אומגעקערט. — אַף די קני וועט איר בעטן, אַז קלאַרע סעגאַל זאָל זיך אומקערן! נאָר קלאַרע סעגאַל האָט ניט צו טאָן מיט קיין לאַפּיטוטניקעס, מיט באָרוועסע, מיט אָפּגעריסענע, לײַזיקע קאַפּצאָנים! מערסי! און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אין דעם איז באַשטאַנען דער בראָך אונדזערער. אין דער טרופּע איז דעמלט געגאַנגען אַן אומופהערלעכע קריגערײַ וועגן רעפּערטואַר. מאָטיע ברען האָט פאַרזיכערט אַלע מיטגלידער פון אונדזער קאָלעקטיוו, אַז צום אַרויספּאָר איז גענוג איין פּיעסע מיט אַ דיי־ווערטיסמענט, נאָר מיט איין טנאַי, אַז דער ספּעקטאַקל און דער קאָנצערט זאָלן זײַן אַזוי צוגע־גרייט, אַז אָט די מאָריץ סעגאַלס, אַלבערט מינדאַלעסקאָס צי די סאַמויִל אַבראַמאָווס זאָלן פּלאַצן פאַר ווייטעק, ווען זיי וועלן אַ קוק טאָן אַף אונדזערן אַ ספּעקטאַקל, סע זאָל זיי אָנכאַפּן אַ פּאָפּלעקציע, זיי זאָלן פאַר קינע רײַסן אַף זיך די האָר און זיי זאָלן סאָפּקאָלסאָף פאַרשטיין, וואָס פאַרא קאַליקעס זיי זײַנען, לאַפּוכעס, פּאַראַזיטן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם טעאַטער ווי די היישעריקן...

מאָטיע ברען איז געווען אַ זון פון זײַן פאָלק און האָט ליב געהאַט צו ריידן. און קוים האָט ער זיך שוין צערעדט, אַרײַן אין עקסטאַז, איז שוין שווער געווען אים אָפּצושטעלן. מיקע טולקיס, וואָס איז אַרײַנגעטראָטן אין קאָלעקטיוו אַף די ראָלן פון הויפּט־העלדן (אין דער ריי מיט אילירשען) און וואָס האָט פּרעטענדירט אויך אַף זעלבשטענדיקע שטעלונגען, האָט אויסגעהערט אונדזער אימפּרעסאַריאָ מיט אַ שטילן שמייכל און אַ פרעג געטאָן:

— צי קלערסטו ניט, מאָטיע, אַז מיר קלײַבן זיך אַף גאַסטראָלן קיין פּעטערבורג?

— דאָס איז אַ מיִעסע פראַגע! — איז שטאַרק באַרויגעז געוואָרן מאָטיע. — אַ מיִעסע און אַ נאַרישע!

— פאַרוואָס? — האָט אילִיושע געפרעגט. — כ'פאַרשטיי ניט? מיר קלײַבן זיך אַרויסצופאָרן אין די שטעטלעך, אין יעדער שטעטל דאַרפן מיר זײַן, זאָגן מיר, אַמיינסטנס אַ וואָך...

— עס גייט אַפילע ניט נאָר אין דעם! — האָט צוגעגעבן מיקע טולקיס. — לאָמיר זאָגן, אַז מיר האָבן שוין געשאַפן אַזאַ שטעלונג, פון וועלכער מאָריץ סעגאַל וועט כאַפּן די פּאָפּלעקציע. ווער זשע, פרעגט זיך, וועט זי פאַרשטיין אין שטעטל? וועמען ווילן מיר איבעראַשן? — ער האָט אַ קוק געטאָן אַף מאָטיען און געוואַרט אַף ענטפער.

מאָטיע איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— הייסט עס, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, — אַז מיר שאַפן נאָך איין „טריִאַטער" פאַר די קורעלאַפּניטשקעס און פאַר די מעקלער פונעם טאָלטשאָק? אַזוי צי ניט אַזוי?

ס'איז געוואָרן שטיל.

מאָטיע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז עלנט.

— מיר וואָלטן בעסער באַדאַרפט שטעלן די קאָמעדיע „זײַן ווײַבס מאַן", — האָט אַמזעל פּאַרגעלייגט, — דער אוילעם פּאָדערט די דאָזיקע נײַע אַמעריקאַנער קאָמעדיע. „זײַן ווײַבס מאַן" איז פונקט דאָס, וואָס דער אוילעם זוכט. אינעם דריטן אַקט קומען אַלע אָנטיילנעמער אַרויף אַף דער בינע, וואָס שטעלט פאָר אַ שלאָפצימער, דורכן פענצטער און גייען אַרויס דורכן פענצטער. מע וועט צעכאַפּן די בילעטן. פאַר איין כוידעש וועלן מיר זיך אָנעסן, אָנטאָן זיך, אָפּלייגן אַ מעזומענע קאָפּעקע...

ס'איז ווידעראַמאָל געוואָרן שטיל.

— איך האָב געמיינט, — האָט נאָך א לאנגער פויזע א זאָג געטאָן מאַטיע, — איך האָב געמיינט, אז מיר פאָרן מיט אײַך אף א כאסענע, לאָזט זיך אויס, אז מיר גייען גאָר אף א לעווייַע.

— ביסט א טשודאק, מאַטיע! — האָט אים אָפּגעשטעלט אילײשע. — מיר דארפן דאָך לעבן!

— איך זאָג דאָך אויך דאָס זעלבע! — האָט ער א שמייכל געטאָן, מאַטיע. — נאָר גיב מיר, זײַ מויכל, צו פארשטיין, וואָס הייסט עס אזוינס לעבן? א פעטער באָרשטש און א פּאָר נײַע טאכטוינים איז אויך לעבן! אויב מיר פרעטענדירן ניט אף מער, איז גוט! לאָמיר כאפּן אָט די קאָמעדיע, וואָס מע האָט אונדז דאָ פאָרגעלייגט, און גלײַך אָנהייבן טרינקען אינדערפרי פויגל־מילך און פארבײַסן מיט מאָן־בייגל. וואָס דארפן מיר דען נאָך, אויב אזוי? אויב אונדזער ארטיסט אמזעל אינטערעסירן אזעלכע ווערק, וואָס קומען צו אונדז אָן מעייווער־לעיאם, קאָן איך אים דערציילן, אז דאָ ניט לאנג האָבן מיר באקומען צוגעשיקט פון דאָרט א דראמע, וואָס הייסט „די בלינדע מאמע”. אויב מירן שטעלן די דאָזיקע דראמע, ווערט מען אונדז, איר מעגט זײַן זיכער, צעטראָגן דעם טעאטער אף שטיקער: איין קלייניקײַט! אלע פיר אקטן זוכט די בלינדע מאמע איר זון, וואָס איז אימיצקעדרינען ערגעץ אנטרונען געוואָרן, נאָך ווען ער איז געוועזן א קליין קינד.

אילײשע האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט. דאָס מאָל איז ער געווען שטארק אופגערעגט:

— נאָר מיר זײַנען דאָך הונגעריק, מאַטיע! ווי קאָנסטו עס ניט פארשטיין? קעדיי א שווערגעלאָדענער צוג זאָל זיך רירן פון אָרט און אוועק פאָרויס, מוז מען אים א שטופּ טאָן עטוואָס אף צוריק... אזא איז דער געזעץ פון דער נאַטור!

— דערפאר דארפן מיר שטעלן „די בלינדע מאמע”? — מאַטיעס שטים האָט געציטערט.

אילײשע האָט אים ניט געענטפערט. אלע זײַנען ווידער געזעסן שטיל.

מאָטיע ברען האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט שטייט אים פאָר א האַרבער קאַמף מיט זיך אַליין. מאָטיע האָט שוין, ווײַזט אויס, געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שווערער קאַמף, נאָר ער האָט נאָך ניט געוווּסט, אַז באַזיגן זיך אַליין איז קימאַט אוממעגלעך...

ווען דאַווידקע מאַגאַלניק איז אויף מאָרגן דער ערשטער געקומען אין קאַרטאַמישעווסקער געסעל, האָט ער דערזען אַ בילד, פון וועלכן ער איז אַ דערשיטערטער געבליבן שטיין: די אַרײַנ־גאַנג־טיר איז ניט געווען. אינווייניק אין קעלער איז געווען פינצטער, ווי אין אַ טיפער גרוב. שווער עטעמענדיק איז דאַווידקע אַראָפּ פון די טרעפּ, אַרײַנגעלאָפן אין רעפּעטיציע־צימער און געבליבן שטיין געפּלעפט, — דער צימער איז געווען פּוסט — ניט קיין טיש, ניט קיין בענקל, — פּוסט!

עליע, מאָטיעס ברודער, איז אומבאַמערקט אַרײַן אין צימער, געבליבן שטיין אַנטקעגן פּאַמ־רעזש מיט אַ פּאַרגליווערט שמייכעלע אויפן פּנים. אַ שמייכעלע, וואָס רופט אַרויס מער טרויער, ווי דער ביטערסטער ווײ־געשריי. עליע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפרעגט:

— וועדער זשע טוט עס אַף אַזוי, ווי איר האָט אָפּגעטאָן, פרײַנט מײַנע? וועדער גייט עס אַוועק פון אַ שטוב און פאַרשפּאַרט ניט די טיר... אין וואָס פאַר אַ צײַט לעבט איר, פרײַנט מײַנע? וועדער זשע טוט אַצינד אַזוי?..

מאַגאַלניק האָט אַפילו ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט גאָרנישט ניט געזען. אַף זײַן שטערן, וואָס איז באַדעקט געוואָרן מיט גרויסע טראָפּנס שוויס, האָט זיך געדרירט און געצייטערט אַן אָדערל. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט און זיך גע־לאָזט לויפן. עליע האָט קוים באַוויזן צו פאַרהאַלטן אים.

— וווּהין? וווּהין ווילסטו לויפן? — האָט ער זיך געכידעשט.

— נישקאָשע! — האָט דאַווידקע עמעצן געדראָעט. — מירן געפינען! אַלץ געפינען! אָט וועל איך באַלד...

— וואָס ווילסטו געפינען, שוטעט? דעם טיש, די בענק צי די טיר? ווו ווילסטו זיי געפינען? גיי בעסער אַרויס אַף דער גאַס און כאַפּ אַ קוק אַף די דעכער, פון וואָס פאַר אַ קוימען עס גייט אַ רויך. עמעצער האָט שוין, פאַר אײַער נאַרישקײַט, הײַנט אויסגעהייצט די הרובע... אויב אין שטוב זײַנען פאַראַן קליינע קינדערלעך, איז מיילע, זאָל זיי זײַן צו געזונט! — ער האָט נאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געלאָזט צו די טרעפּלעך. — נו, הייסט עס, אַ סאָף צו אײַער טעאַטער? — האָט ער נאָך אַ פרעג געטאָן.

דאַווידקע האָט ניט געענטפערט. עס האָט אים אַ שאַרפן שטאָך געטאָן דאָס וואָרט „אַ סאָף”. אַ ביטער וואָרט, אַ ביטער וואָרט...

קאַפּיטל דרײַ

אין איינער אַ נאַכט

שוין עטלעכע טעג, אַז אין שטאָט האָט זיך קיינער ניט געלייגט שלאָפן. די שטאָט האָט זיך פאַרטײַעט, אומגעדולדיק געוואַרט אַף עפּעס.

די טויערן זײַנען געווען פאַריגלט, די פענצטער פאַרקלאַפּט, די טירן — פעסט צוגעמאַכט. אין יעדער הויף האָט מען דעזשורעוועט גאַנצע מעת־לעת. אין די דעזשורסטוועס האָבן זיך באַטיי־ליקט אַלע אײַנוווינער, דערין אויך קינדער און זקנים. דורך יעדער שפּאַרונע האָט מען געקוקט אַף דער גאַס. יעדער ווײַטער געהילך האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט, געמאַכט וואַכזאַמער, קאַמפּסגרייט. אַלעמאָל, ווען פון דער גאַס פלעגט זיך דערטראָגן אַ געשריי צי אַפילו גלאַט אַ הויך קאָל, פלעגט מען זיך לאָזן לויפן, ווי אויפן רוף פון אַן אַליאַרעם, זיך צונויפנעמען אינמיטן הויף און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן, וואָס טוט זיך דאָרט, פון יענער זײַט טויער.

און פון יענער זײַט טויער איז געלעגן אַ פּוסטע, פאַרגליווערטע גאַס. קיין לעבעדיקער נע־פעש. דער שניי, וואָס איז צוריק מיט עטלעכע טעג אויסגעפאַלן, איז געווען ניט באַרירט און האָט געפינקלט מיט זײַן זויבערער אומשולדיקײַט. און עפּשער דערפאַר ווײַל קיינער האָט אים ניט באַטראָטן, איז ער אײַנגעפאַלן, באַדעקט געוואָרן מיט אַ קרענקלעכער בלויקײַט.

אויך אינעם האַפן האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן. די לעצטע שיף איז פאַרזונקען אין א שווערן נעפּל און האָט נאָך לאַנג געוואָיעט, איידער זי איז ארויס אין אָפענעם יאַם. אַזוי האָט זיך די שיף געזעגנט מיט דער שטאָט, וואָס האָט ניט געוואָלט ארויסגיין באַגלייטן זי. די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך ארופצוכאַפּן אַפן צווישנדעק, האָבן אופגעהויבן א בייזן וויי־געשריי, זיי האָבן פון גרויס ווייטעק געוואָיעט, ווי די אוועקגייענדיקע שיף, פאַרשאָלטן אַלץ אַף דער וועלט און מער פון אַלעמען די געוועזענע גוטעפרײַנט זײערע, וואָס האָבן באַוויזן בלויז מיט איין מינוט פריִער פון זיי ארופצוכאַפּן זיך אַפן טראַפּ, ווען ער האָט זיך שוין אופגעהויבן פון דער ערד. ארופגעכאַפּט זיך אַפן צווישנדעק, האָבן זיי אַפילע פאַרגעסן זיך אויסצוקערעווען צו זײערע פרײַנט, שיקן א געזעגעניש־קוש די, וואָס זײַנען איבערגעבליבן אַפן ברעג. און עפשער האָבן זיי געמיינט, אַז גלײַך נאָך זיי וועט אוועק נאָך א שיף, וואָס וועט ארויספירן אַלע די, וואָס זײַנען געבליבן? זיי האָבן טאַקע עפשער ניט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען דער לעצטער רייס פון דער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן וווהין די אויגן טראָגן.

ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט האָט אין שטאָט ניט אופגעהערט דאָס שיסערײַ. עס האָבן גע־שאָסן די דרוזשיניקעס פון די ארבעטער־מאַכנעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט די אונטערנעמונגען; עס האָבן געשאָסן מישע יאַפּאָנטשיקס נאַליאָטשיקעס, וואָס האָבן זיך געמאָלדן פאַר די שטאָט־באַלע־באַטים; עס האָבן געשאָסן די רעשטן פון דעניקינס ארמיי, וועלכע האָבן אין אײַלעניש געשלעפּט אַלץ וואָס ס'איז געקומען אונטער די הענט. אָן אופהער האָבן געשאָסן די דרוזשיניקעס, ניט דער־לאָזט צערויבן די פאַבריקן און זאַוואָדן. עס איז געגאַן א שיסערײַ צווישן די נאַליאָטשיקעס פון פאַרשיידענע באַנדעס. עס פלעגט אָפּט טרעפן, אַז אין אײַלעניש האָט א באַנדע באַשאָסן אירע אייגענע רויבער.

ווי נאָר די נאַכט פלעגט צופאַלן, האָט דאָס שיסערײַ זיך פאַרשטאַרקט און די גוואַלד־גע־שרייען האָבן זיך גענומען טראָגן פון פאַרשיידענע זײַטן. דערוויסן זיך, ווער עס שרײַט, איז געווען אומעגלעך. צו די געשרייען האָט זיך נאָך צוגעמישט א געקלאַנג פון צעזעצטע שויבן און א קלאַפּערײַ פון גרויסע בינדיוגעס, וואָס האָבן געײַלט איבער די טויטע גאַסן, קעדיי וואָס גיכער צו פאַרשווינדן מיטן אָנגערויבטן גוטס. אין אַזאַ פאַל פלעגן אַלע דעזשורנעס אין די הויפן און די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן טויער, צופאַלן צו די שפּאַרונעס, אָנשטעלן מויל און אויערן, קעדיי כאַפּן א וואָרט, טרעפן, אין וואָס פאַר א זײַט איז אוועק די בינדיוגע. יעדער אופגעכאַפּט וואָרט, אָדער אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מע האָט דערהערט, האָט מען איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן:

— אָט דאָס פאָרן זיי פון דער טראַ:צקער גאַס! איר מעגט שוין זײַן זיכער, אַז בליומבערגס סקלאַד איז אוועק אין ראַסכאָד!

— דאָס איז נאָך דערוויַיל גאַרניט! וואַרט צו א ביסל! ניט ווײַט פון בליומבערגן האָט איר דאָס אוטשיניקאָווסקער געסל, און דאָרט געפינען זיך די קעלערס פון אודעלנע ווערדאָמסטווע... אָט ווו עס וועט זײַן פריילעך!

— און איר, ווײַזט אויס, מיינט, אַז זיי וואַרטן, ביז איר וועט זיי אונטערזאָגן, ווו עס זײַנען די קעלערס?

— זיי וואָלטן שוין פון לאַנג זיך צוגעכאַפּט אַהין, שטייט אָבער דאָרט אָן ארבעטער־דרו־זשינע. פּרווו נאָר!

— מע וועט פּרוּוון, אויב מע וועט דאַרפן! מע וועט פּרוּוון!

— נו, אויב אַזוי, זײַט זשע מויכל, כאַפּט זיך אַראָפּ צו זיי און הייסט זיי, אַז זיי זאָלן זיך צוײַלן, מאַכמעס, ווערדליק מע זאָגט, איז שוין קאַטאָווסקי אַפן באַלטער וועג. קאָן זײַן, אַז פּונקט אין דער מינוט גייט ער שוין צו צום פּערעסיפּ.

— און מישקע יאַפּאָנטשיק האָט צוגעזאָגט, אַז א שאָ פאַר דעם ווי קאַטאָווסקי וועט קומען, וועט ער אונטערײַסן די שטאָט און ניט איבערלאָזן א שטיין אַף א שטיין!

— שאַ! די מײַלער זאָלן זיך באַ אײַך שטעלן קאַפּויר, מע האָט זיך צעגראַגערט, ווי פּורים נאָך דער סודע! לאָזט הערן, וואָס סע טוט זיך. האַ?.. עמעצער קלאַפּט דאָך אין טויער. האַ? צי ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט?

אין צימער איז געוואָרן טויט־שטיל. דאָס פלעמל פונעם קאָנעצל האָט געפלאַטערט און באַ־דעקט דאָס טישל מיט א ליכט־פלעק, וואָס האָט זיך געוויגט און געהוידעט צוזאַמען מיטן שאָטן אַף דער וואַנט. איצט, ווען ס'איז געוואָרן שטיל, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָ, אין צימער, געפינען זיך א פּאָר צענדליק מענטשן, מערסטנס זקיינים אומבאַהאָלפענע, ווי קינדער, און קינדער פילבארע און קלוגע, ווי זקיינים. פאַרזיכטיקע און אָנגעשטרענגטע, האָבן זיי, די קינדער, די ערשטע דערהערט, אַז באַם טויער שטייט עמעץ.

— נו, איצט הערט איר שוין, אז מע פֿאַרעט זיך באַם טויער? — האָט א פּרויזש קאָל געפֿרעגט מיט אזא ניגון, גלײַך זי וואָלט עמעצן געכאַפּט פֿאַר דער האַנט בא א גנייווע.

— נו, און אז מע פֿאַרעט זיך, איז וואָס? — האָט זיך אָנגערופֿן א זאָקן פֿון א פֿינצטער ווינקל און פֿאַרהוסט זיך מיט א באַלעבאַטיש הוסטל. — אָט באַלד לויף איך עפּענען! האַלט מיך צו, אַניט וועל איך זיך באַלד צעפֿלאַקשען און אַוועק צום טויער!

— נאָר עמעץ איז דאָך געקומען! איר הערט דאָך, אז מע קלאַפּט! — האָט זיך שוין צעשרײַען די פֿרוי.

א זאָקן מיט א פּאַרקילטער הייזעריקער שטים האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון דער קישן און געגעבן צו פֿאַרשטיין:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער קאָן קומען אין אזא צײַט? איך פֿרעג אײַך! ווו איז פֿאַראַן אזא מעשוגענער, וואָס קאָן זיך באַשליסן אין אזא צײַט גיין איבער דער שטאָט עמעצן זוכן! גיט מיר צו פֿאַרשטיין!

צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן, ווײַזט אויס, ניט געקאָנט געבן צו פֿאַרשטיין דעם אַלטן, צי ס'איז פֿאַראַן אזא מעשוגענער, האָבן זיך מיטאַמאָל, ווי צונויפֿגערעדט, א וואָרף געטאָן צו דער טיר און אַרויס אין הויף.

איינער פֿון די ייִנגלעך האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק און אויסגעשרײַען:

— מע פֿרעגט זיך נאָך אָף בוביסן!

— וואָס פֿאַר א בוביס? דעם שנײַדער?

— טפֿו!.. וואָס עס האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאַכט, און יענע נאַכט, און א גאַנץ יאָר...

— זיי ווילן עקסטרע זיך אופֿנייען נײַע טאַכטוינים! — האָט דערקלערט דער צוגעקילטער.

— טאַכריכים זאָל מען זיי שוין נייען! — האָט געשאָלטן די ייִדענע. — געפֿונען א צײַט. בוביס איז דען פֿאַראַן אין שטוב? — האָט די ייִדענע פֿאַרגעזעצט. — ער איז דאָך, ווי שטענדיק, דאָרט, אין דער דרוזשינע...

ס'האָט זיך געהערט, ווי עמעצער האָט געעפֿנט א טיר, דערנאָך א האַרטער סקריפּ פֿון אַלטע הילצערנע טרעפּ. אין דער פֿינצטערניש האָט מען געפֿרעגט:

— ווער דאַרף עס מיך?

בוביס איז צוגעגאַנגען צום טויער.

— ווער דאַרף מיך האָבן?

— ווער עס דאַרף אײַך האָבן, דער איז געקומען! — האָט געענטפֿערט פֿון יענער זײַט מאָטיע ברען, יאָ, דאָס איז געווען מאָטיע. — זאָגט מיר נאָר, איך בעט אײַך, פֿון ווען אָן איז עס געוואָרן, אז יאַשע בוביסן קאָן מען זען נאָר, ווי לעהאַוודל, אָרן־האַקויהען דורך א פֿאַרמאַכטן טויער? אי דאָס נאָכדעם ווי מע דאַלאַזשעט אים, ווער ס'איז צו אים געקומען?

— ווער זשע פֿאַרט איז דאָרט? — האָט נאָכאַמאָל געפֿרעגט בוביס.

— דער גרויסער בינ
יאָמין־האַשלישי און זײַן טרײַער דינער סענדערל די ייִדענע! — האָט געענטפֿערט מאַגאַלניק. — איר קלערט אמאָל עפֿענען און אונדז אַרײַנלאָזן? — האָט ער זיך צעשרײַען. — מיר קאָנען שוין מער ניט שטיין, די פֿיס זײַנען בא אונדז געוואָרן ווי שטיקער אײַז.

— עפּשער האָט איר מוירע, אז מיר וועלן אײַך כאַלילע דערהאַרגענען, איז בין איך אײַך אָרעוו, אָט טראָג איך אַרײַן א זאַלאָג א דעניקינסקע טאַקער מיט גלעקעלעך, — האָט פֿאַרזיכערט מאָטיע ברען.

— און איך, פֿון מײַן זײַט, טראָג אַרײַן צוויי קערענקעס, — האָט צוגעגעבן מאַגאַלניק.

די כעוורע האָבן געלאַכט.

בוביס האָט געעפֿנט דעם טויער.

— איך הער אײַערע שטימען צום ערשטן מאָל, — האָט ער געזאָגט, — נאָר פֿילן פֿיל איך, אז פֿון אײַך שמעקט מיט ייִדיש טעאַטער. ניט שוין זשע האָט איר צו מיר אזא וואַזשנע געשעפֿט, וואָס איר האָט ניט געקאָנט צוּוואַרטן כאָטש ביז אינדערפֿרי?

— מיר קאָנען ניט, פֿרײַנט מײַנער, מיר קאָנען ניט וואַרטן! — האָט אים פֿאַרזיכערט מאָטיע און זיך אײַלנדיק געלאָזט אין הויף אַרײַן. — איר פֿירט אונדז ערגעץ אָפּ, ווו ס'איז וואַרעמער, — האָט ער געבעטן, — ביזוואַנען מיר האָבן אײַך געפֿונען, האָבן מיר זיך געקושט מיטן פֿראָסט. א פֿאַרגעניגן, דאַרף איך אײַך זאָגן, גאָר א קליינער!

זיי האָבן זיך אופֿגעהויבן אָף די הילצערנע לאַנג צעפֿוילטע, סקריפּענדיקע טרעפּ, נאָכדעם, טאַפּנדיק די פֿינצטערניש, געשפּאַנט איבער א לאַנגן גאַנעק מיט א סאַך פֿאַרקלאַפּטע טויטע פֿענצטער און טירן. סאַפּקאַלסאַך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן א טיר, וועלכע בוביס האָט געעפֿנט. אינדערפֿינצטער האָט א פֿרוי געפֿרעגט:

— ווער איז עס, יאַשע?

— גיי, שלאָף, ס׳איז צו מיר.

די פרוי איז פאַרשווּנדן געוואָרן פון יענער זײַט אויוון, וואָס האָט צעטיילט אַף העלפט דעם צימער און איז געווען פאַרהאַנגען מיט א בײַקענער קאָלדרע. דער קאַנעץ אָפן טיש האָט אָנגע־פילט דעם צימער מיט א גיפטיקן טשאַד. אַף דער סטעליע האָט זיך געזען קימאַט א ריכטיקער קרײַז פון געדיכטער שוואַרצער סאַזשע, א פעטער בלישטשענדיקער קרײַז. פון אונטערן אויוון איז אַרויסגעקומען א פאַרשלאָפענע קאַץ און זיך סאָליד אויסגעצויגן, דערנאָך אויסגעבויגן דעם רוקן ווי א האַלבקײַלעכדיק בריקל אַף פיר דאַרע פּיסלעך.

— איך קען אײַך, — האָט געזאָגט יאָשע בוביס, — איר שאַפט א טעאַטער, האָב איך גע־הערט, און מע רופט אײַך...

— און מע רופט מיך מאָטיע ברען! — האָט מאָטיע פאַרענדיקט. — אַלץ, וואָס איר האָט גע־זאָגט, איז עמעס ווּיאַצעוו, נאָר מיט איין אָפּנייג: ניט איך שאַף, נאָר איך וויל שאַפן א טעאַ־טער! פון דעם, וואָס כ׳האָב ביז איצט געטאָן, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם.

— און איך האָב געהערט, אַז בא אײַך איז שוין אַלצדינג גרייט און אַז איר פאָרט אינגיכן אַרויס אַף גאַסטראָלן.

— אַלצדינג איז ריכטיק! — האָט באַשטעטיקט מאָטיע ברען. — וואָס איז שײַעך מיר, בין איך גרייט! נאָר סע פעלט אונדז אויס איין קלייניקײַט — מיר האָבן נאָך דערווײַל ניט קיין טעאַטער! נאָר אויב איר זײַט גרייט מיך אויסצוהערן, קאָן איך אײַך זאָגן, וועמען מיר דאַרפן האָבן.

— טשיקאַווע! — האָט בוביס זיך צוגעגרייט הערן.

— אײַך! — האָט מאָטיע אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט.

— מיך? א שנײַדער? — האָט זיך בוביס צעלאַכט.

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז איר זײַט א שנײַדער? — האָט מאָטיע אים איבערגעשלאָגן.

— טשיקאַווע, ווי איר זעט מיך לעבן! — האָט בוביס געלאַכט. — ליובע! ליובע! — האָט ער געגומען רופן. פון הינטער דעם קאָלדרע־פאָרהאַנג האָט זיך ווידער באַוויזן בוביסעס פרוי. — זאָג מיר נאָר, ליובע, זײַ אַזויפיל גוט, זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער בין איך? דו ביסט שוין דאָס זעקסטע יאָר מײַן פרוי און דו מוזט דאָך פאָרט וויסן, ווער איך בין.

— געפונען בא וועמען צו פרעגן! — האָט זיך אַרײַנגעמישט מאַגאַלניק. — כ׳וואָלט א באַלן זײַן זען כאָטש איין פרוי, וואָס ווייסט אַף אַן עמעס, ווער איז איר מאַן.

— און איך, פאַרקערט, האַלט, אַז די פרויען ווייסן קעסיידער וועגן זייערע מענער א סאַך מער, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט וויסן! — בא ליובען האָבן אין דער פינצטערניש געלויכטן צוויי וואַרעמע און העלע פײַערלעך.

— אויב איר ווילט אויסהערן א רעצענזיע וועגן זיך, איז ביטע. איך האָב אײַך געזען שפּילן מענדלען, נאָר אויב דאָס איז פאַר אײַך ווייניק, קאָן איך אײַך דערמאָנען, אַז איך האָב געהערט, ווי איר לייענט יוסעף באַוושאָווערן...

ליובע, וואָס האָט געהערט שווײַגנדיק, האָט געמאַכט א שפּאַן צום טיש, אָפּגעשטעלט זיך און אָנגעהויבן לייענען אַף א קאָל:

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט,
ווי די זון, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן...

מאָטיע ברען האָט געהערט מיט אָן אָפן מויל. ליובעס שטימעלע האָט אים גלײַך געפּלעפט. מאַמעש א זילבערן גלעקעלע. די פרוי האָט געלייענט, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די ווענט פון דעם אַלטן צימער צערוקן זיך, ווערן פאַרשווּנדן, און אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ, קלינגט... נאָך דעם, ווי ליובע האָט פאַרענדיקט, האָט קיינער ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. מע האָט געהערט, ווי דאָס קנײטל אין קאַנעץ טרישטשעט.

— און נאָך דעם קומט איר און זאָגט, אַז איר זײַט א שנײַדער? — האָט מאָטיע אָנגעכאַפּט בוביסן פאַר דער האַנט. — זאָגט מיר, ווו האָט איר געזען, אַז א שנײַדער זאָל פאַרמאָגן אַזא ווײַב? א שנײַדערס א ווײַב דאַרף זיך פאָרען אַרום די טעפּלעך, פּירן פּליאַטקעס, דינגען זיך אין מאַרק פאַר יעדער מיליאָן, און יאָר נאָך יאָר קינדלען...

דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט. ס׳איז זיי, ווײַזט אויס, געווען צום האַרצן, וואָס דער נײַער באַקאַנטער זייערער האָט געזאָגט. זיי האָבן זיך פּלוצעם אָנגענומען פאַר די הענט, אַרויס אַף דער מיט פונעם צימער און אָנגעהויבן זינגען שטיל און פאַרטרוימט:

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע יאַמען...

— אצינד וועל איך שוין ניט באַשטיין, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן, איז אַוועק מיטן ווינט. עפּעס האָבן מיר פֿאַרט אָפּגעטאָן! הערט מיך אויס, — האָט מאָטיע געזונמען אויסרעכענען: — באַ אונדז אין טעאַטער וועט זײַן אילױשע בלאַנק. דאָס איז אַן אויסגעשפּילטער אַרטיסט! אַ ווײַגריש־נער בילעט... איר ווייסט עס, מיסטאַמע, אַליין. קאָן זײַן, אַז באַ אונדז אין קאָלעקטיוו וועט פֿאַר־בלײַבן מיקע טולקיס, כאָטש מיט אים בין איך ניט זיכער — ער וויל אַי טעאַטער, און דערבײַ וויל ער אַ גרינג לעבן, און דאָס איז אויסגעשלאָסן! נאָכדעם האָבן מיר נאָך ליאָניע לאַנדע, אַ יונגער אַרטיסט, אַ ביסל אַ קראַנקער, נאָר אַ הייסער, מיט אַ גאָטסגעבענטשטן פֿונק...

— כוץ דעם, האָט דער טעאַטער געפֿונען אַן אויצער אין מײַן פּערזאָן! — האָט מאַגאַלניק געלאַכט.

— און אויב אין אונדזער טעאַטער וועט נאָך צוקומען אַזאַ פּאָר, ווי איר, אַזאַ דועט... — האָט מאָטיע מיט ליבע געקוקט אָפּן פּאָרפּאָלק.

— אַנטשולדיקט! וואָס זשע באַקומט זיך? — האָט יאשע בוביס געמאַכט דעם כעזשבן. — איך בין אַ שנײַדער. ער, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו מאַגאַלניקן, — איז אַ סאַנד־לער, ליאָניע לאַנדע איז אַ צירולניק, אילױשע בלאַנק — אַ פּריקאַשטשיק. ווו זשע איז דער טעאַטער? ווו זשע זײַנען די אַקטיאָרן?

— די אַקטיאָרן זײַנען דאָ! — האָט מאָטיע געענטפֿערט זייער רויִק. — אָף דער וועלט, זעט איר, איז געווען אַ קליינינקער מישמאַש, אַ שטיקל כאַאָס, אַ צײַטווײַליקער טויהו־וואָוויהו. דער־פֿאַר האָבן זיך די מענטשן באַדאַרפֿט בײַטן מיט די יאָצרעס. איצט איז געקומען די צײַט, ווען דער מאַסקאַראַד פֿאַרענדיקט זיך, אַלצדינג דאַרף זיך שטעלן אָף זײַן אָרט, אַלץ דאַרף זיך אָנהייבן אָפּסנײַ. און מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין מעקאַבל־פּאָנעם זײַן אָט דאָס נײַע. מיר זײַנען די אַקטיאָרן, מיר זײַנען דער טעאַטער!

מאָטיע האָט זיך נײַגעריק אײַנגעקוקט אין די אויפֿגערעגטע פּענעמער פֿון זײַנע נײַע פֿרײַנט. אים האָט זיך זייער פֿאַרגלוסט נאָכאַמאָל הערן דאָס צאַרטע קלינגען פֿונעם זילבערנעם גלעקעלע.

— פֿאַרשטייט זיך! — האָט ער אויסגעשריִען. — ווען מיר זאָלן אַצינד זיצן באַ אַ געדעקטן טיש, וואָלטן מיר זיך געפֿילט גאָר אַנדערש! יעדער איינער פֿון אונדז וואָלט באַוויזן, וואָס ער קאָן, און דעמלט וואָלטן מיר עפּשער אויך באַוויזן אונדזער קונסט! — און ער האָט אַ ווונק געטאָן צו מאַגאַלניקן.

— באַ! — האָט ליובע אים איבערגעשלאָגן. — מיינט ניט, אַז מיר זײַנען אַזעלכע ביטערע קאַפּצעניאַקעס! מיר קאָנען טאַקע אָפּאַנעמעסן באַלד עפּעס צוטראַכטן מיקויעך אַ געגרייטן טיש. יאשע! — האָט זי מיט אַ ווונק אָנגעוויזן אָף דער טיר. — אַנו, כאַפּ זיך נאָר אַראָפּ צום גע־שטופּלטן, וועסטו נעמען באַ אים... נישקאָשע! נישקאָשע! ער שלאָפֿט ניט! און אויב ער שלאָפֿט, וועט ער זיך אויפֿכאַפּן! איך וועל דערווײַל גרייטן צום טיש. נאָר, יאשע, אַ פּוס אַהער, אַ פּוס אַהין!

— ביסט מע־שו־גע! — האָט יאשע אַ צי געטאָן מיט די אַקסל און זיך צעלאַכט. — ווי גע־פֿעלט אײַך מײַן ווײַב? — און ניט וואַרטנדיק אָף קיין ענטפֿער, אַוועק פֿון שטוב.

אין איין אויגנבליק האָט ליובע פֿאַרדעקט דעם טיש מיט אַ ריין, שטאַרק־אָנגעקראָכמאַלעטן. און, ווײַזט אויס, שוין לאַנג ניט גענוצטן טישטעכל, און באַלד האָבן זיך באַוויזן טעלער און טעלערלעך, גאָפּלען און אַ מעסער, טיי־לעפֿעלעך און גלעזלעך, און אַפֿילע אַ גרויסער, שווערער קעלישעק. ליובע האָט גענומען זיך פֿאַרען באַם אויוון און דערווײַל גערעדט צו די געסט:

— מיינט ניט, כאָלילע, אַז איך וועל אײַך שטעלן אָפּן טיש אַ גילדענע יויך מיט געפֿילטע פֿיש!..

— וואָס רעדט איר? — האָט זיך קלוימערשט שטאַרק אָנגעבאַרויגעזט מאָטיע, — אַפֿילע קיין געפֿילטע פֿיש וועלן ניט זײַן? אויב אַזוי, גייען מיר באַלד אַוועק. מאַגאַלניק, קום!

— וווּהין וועלן מיר גיין? — האָט מאַגאַלניק געמאַכט אַ וויינענדיק פּאָנעם. — וווּהין קאָנען מיר אַצינד גיין? ווער וועט אונדז אַרויסלאָזן? דער טויער איז צוגעמאַכט, אָף דער גאַס איז פֿינצ־טער...

יאשע האָט זיך אומגעקערט און אַוועקגעשטעלט אָפּן טיש אַ הויכע פּירקאַנטיקע פֿלאַש, ביז דער העלפֿט אָן אָנגעפֿילטע מיט אַ מוטנער גרינלעכער פֿליסיקײַט. דאָס פּיסקל פֿון דער פֿלאַש איז געווען צוגעדעקט מיט אַ נאַס שמאַטקעלע, פֿון וועלכן ס'האָט זיך צעגאָסן איבערן צימערל אַ האַרבער גערוך.

— אָט דאָס פֿאַרשטיי איך! — האָט מאַגאַלניק באַגריסט יאשעס צוריקקומען.

— קיין כאָליערע קאָן מען גאָר ניט אויסבעטן אָף זיי! — האָט יאשע געקלאָלעוועט. — טשיקאַווע, ווו קריגן זיי אין אַזאַ צײַט סאַמאָהאָן?

— דאָס איז ניט וואַזשנע, ווו זיי קריגן סאַמאָהאָן, — האָט דערווידערט מאָטיע, — זאָגט בעסער, ווו געפֿינען זיי אין אַזאַ צײַט קוינים?

הייסע קאַרטאָפֿליעס אין דער שאָלעכץ, זאַפּטיקע בלעטער פֿון געזײַערטער קרויט, מײַסטע־ריש צעשניטענע אױף קלײנינקע ראָמביקלעך און שטערנדלעך, געשניצטע רובינאָווע בורעקעס און אוירינגלעך פֿון ציבעלעס, אויסגעמישטע אין בורשטינענעם מערן־זאַפּט, האָבן דערוועקט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט.

יאַשע האָט צעגאָסן די גרינע פֿליסיקײַט און דערלאַנגט מאָטיען דעם גרויסן קעלישעק, וואָס איז אָנגעפֿילט געוועזן ביזן סאַמע ברעג.

מאָטיע האָט אופֿגעהויבן דעם קעלישעק, געשטאַנען אַ רעגע אַ שווײַגנדיקער און נאָכדעם אָנגעהויבן שטילערהייט:

— דעם גורל האָט זיך געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען אינמיטן דער נאַכט. איז זאָל זײַן אַזוי. דער גורל קוקט ניט אױפֿן זייגער. עפּשער איז אַזוי גאָר בעסער. די נאַכט איז אַן אויסער־געוויינלעכע צײַט! באַנאַכט פֿאַרענדיקט זיך אַלץ, וואָס ס'איז פֿאַרגעקומען נעכטן, און עס הייבט זיך אָן דאָס, וואָס עס דאַרף פֿאַרקומען מאָרגן. וואָס איז געווען נעכטן, ווייסן מיר, נאָר וואָס וועט זײַן מאָרגן? וואָס וועט זײַן מאָרגן?..

אין הויף איז געוואָרן ראַשיק, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפֿערײַ. באַם טיש האָבן אַלע אָנ־געשטרענגט געוגומען זיך צוהערן. אין דער שטילקייט האָט מען שוין געקאָנט דײַטלעך הערן, ווי אין הויף האָבן מענטשן גערעדט הויך, אָן מורע. עס איז געווען אומגלייבלעך. עס האָבן זיך דערהערט שטימען פֿון דער גאַס — הייסט עס, אַז דער טויער שטייט אָפֿן. דער גערויש איז אַלץ געוואַקסן. דער ערשטער איז אַרויס פֿון טיש יאַשע בוביס. ער האָט אָפּגערוקט זײַן גלעזל, צו וועלכן ער האָט נאָך ניט באַוויזן צורירן זיך מיט די ליפּן, און איז אַוועק צו דער טיר:

— אונדזערע זײַנען אַרײַן אין שטאָט!..

עס האָבן זיך דערהערט זײַנע פֿעסטע טריט איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ. באַלד נאָך אים זײַנען אַרויס פֿון שטוב ליובע, מאָטיע ברען און מאַגאַלניק. באַם טויער איז קיינער ניט געווען. איבער דער באַנאַכטיקער גאַס, אין דער טיפֿער כאַשכעס, זײַנען מענטשן גרופּעסווײַז געלאָפֿן אין דער זײַט פֿונעם נאַרישקינער אַראָפּגאַנג, אין דער זײַט פֿון פּערעסיפּ, ווו עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רויטאַרמייִשע טיילן.

מאָטיע און מאַגאַלניק האָבן זיך אויסגעמישט מיטן האַמוין און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אינעם פּוסטן צימערל איז געשטאַנען אַ געשמאַקער גערוך פֿון הייסע קאַרטאָפֿליעס. אױף טיש איז גע־זעסן די קאַץ און האָט געדרעמלט. די אָנגעפֿילטע גלעזלעך און דער גרויסער קעלישעק זײַנען גע־שטאַנען אױף זייערע ערטער. דאָס קנײטל פֿונעם קאַנעץ האָט זיך אַלעמאָל צעפֿלאַקערט און צע־גאָסן אַ מוטנע שײַן איבער די ווענט.

נאָר די דאָזיקע שײַן איז געווען איבעריק — עס האָט שוין געגומען טאָגן. אינעם פֿענצטערל האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ בלוילעכע פֿרימאָרגנדיקע שײַן.

קאַפּיטל פֿיר

אַסיע

אין דער פֿריִער קינדהייט האָט אַסיע ניט געוווּסט פֿון קיין שלעכטן טאָג. דער טאַטע אירער איז געווען אַ טרעגער אין האַפֿן, און ניט געקוקט דערויף, האָט ער קיינמאָל ניט געגומען דעם ביי־טערן טראָפּן צו די ליפּן. אַזעלכס האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען נאָר אַזאַ מענטש, וואָס איז מיט די הוילע הענט אײַמשטאַנד געווען איבערקערן אַ פֿול־געלאָדענע בינדיוגע. פֿאַר אַזעלכן האָט מען דערעכערעץ געהאַט אַפֿילע אין האַפֿן, ווו עס האָבן זיך געהאַלטן גאַנאַווים, גאַרגלשנײַדער, בײַנ־ברעכער און נאָך אַזוינע פֿאַרשוינען. אַלע האָבן זיי „געדינט" באַ די קרעמער און באַלעבאַטים פֿון פֿאַרשיידענע אונטערנעמונגען, וועלכע פֿלעגן באַקומען סכוירע אין האַפֿן. אָבער די קרעמער און באַלעבאַטים פֿלעגן צאָלן בלויז אַ העלפֿט פֿון דעם, וואָס די קוילער איז „געקומען", די צווייטע העלפֿט האָבן געמוזט אַרײַנטראָגן די טרעגער. יעדער טרעגער האָט אָפּגעגעבן אַ כײַלעק פֿון פֿאַרדינסט פֿאַר די דאָזיקע גאַרגלשנײַדער.

אַזוי איז געווען אײַנגעפֿירט פֿון קאַדמוינים!

אַריע טשודאַק האָט אָבער קיין שום כײַלעק ניט געצאָלט.

זײַן פּאַרדינסט פּלעגט ער ברענגען אַהיים. מיט זײַן היים האָט ער זיך געגרויסט. און ס׳איז געווען מיט וואָס. אַריע האָט אַלע יאָרן געוווינט אויף דער באַלגאַרסקע גאַס אינעם הויז נומער דרײַ. דאָ האָבן געלעבט אָנשטענדיקע, סאָלידע באַלעבאַטים. אַזעלכער, וואָס האָט אַ שלעכטן שעם, ווער שמועסט אַ שיקער צי, גאָט זאָל אָפּהיטן, אַן אַפּיקורעס, וואָס לאַכט פֿון ייִדישקייט, האָט שײַע באָקסער, דער באַלעבאָס פֿונעם מויערל, ניט צוגעלאָזט נאָענט אַפֿילו. און טאַקע בעעמעס, וויאַזוי קאָן מען אַרײַנלאָזן אַזעלכע פֿאַרשוינען אין אַ הויז, וווּ ס׳איז פֿאַראַן אַן אייגענע קלויז און אַן אייגן שעכטהויז, און וווּ שײַע באָקסער, ס׳הייסט רעב שײַע באָקסער, איז אַליין געווען דער גבאי און איז אַליין אַלע דאָנערשטיק געשטאַנען אין שעכטהויז, געקוקט, אַז עס זאָל כאָלילע ניט פֿאָרקומען עפּעס, אַז ייִדן זאָלן כאָלילע ניט עסן קיין טריף געוואָרן אָף. עמעס, דערפֿאַר האָט רעב שײַע באַקומען בײַ זײַנע שכיינים אַ קאַפּעטשקע מער דירעגעלט...

אַריע דער טרעגער האָט פֿאַרשטאַנען, וויאַזוי מע דאַרף לעבן. וועגן זײַן מוירעדיקן קויעך האָט מען געוווּסט ניט נאָר אין האַפֿן. און מענטשן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אָפּשײַ.

האָט זיך געטראָפֿן איינמאָל אַן אומגליק — און ווער איז אָפּגעהיט פֿון אַ צאָרע? — מע האָט דעמלט אין אײַלעניש אויסגעלאָדן די שיף „מאַרסעל״. אײַנגעבויגן אינדרײַען האָט אַריע געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן טראַפּ. ווירא — מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, מײַנא — מיט אַ גרויסן קאַסטן יאַפֿער מאַראַנצן, אונטער וועלכן דער טרעגער איז ווי נעלעם געוואָרן. עס האָט אויסגעזען, אַז דער קאַסטן אַליין באַוועגט זיך אויף אַ פּאָר פֿיס. פּונקט אין דער צײַט, ווען אַריע האָט געשפּאַנט מיטן קאַסטן אויף דער פּלייצע, האָט עמעץ אַראָפּגעלאָזט פֿונעם צווישנדעק אַ שווער־געקאָוועטע פּאַס אויפֿן טראַפּ. די פּאַס האָט זיך געקאַטשעט מיט אַ שטאַרקן קויעך, דעריאָגט דעם טרעגער, אים אומגעוואָרפֿן פֿון די פֿיס, זיך אַריבערגעקויקלט איבער זײַן קערפּער, מיט אַ גרילצעניש אַראָפּ אויף דער ערד און זיך ווײַטער געקויקלט אַזש ביז צו די אײַזנבאַן־רעלסן. דער קאַסטן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעריסן פֿון אַריעס פּלייצע, איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד און געפּלאַצט. איבערן פּאַנעל זײַנען זיך צעלאָפֿן אין אַלע זײַטן שמעקנדיקע מאַראַנצן, אײַנגעהילטע אין דינינקע בלויע פּאַפּירלעך.

רעב שײַע באָקסער אַליין איז געקומען אין שפּיטאָל מעוואַקער־כּוילע זײַן דעם שאָכן זײַנעם. זיי האָבן ניט דערקענט איינער דעם צווייטן. רעב שײַע האָט נאָך זינט ער לעבט ניט געזען קיין מענטשן מיט אַן איבערגעבראָכענעם רוקן. צוויי גרויסע בלוטיקע לעכער זײַנען געווען בײַ אַריען אָנשטאָט אויגן. דער טרעגער האָט שוין ביכלאַל קיינעם ניט דערקענט. און נאָר דעמלט, ווען אין דער פּאַלאַטע האָט זיך מיט אַ שטאַרק געוויין אַרײַנגעריסן דאָס ווײַב זײַנס, נעכע, וועלכע האָט געשלעפּט פֿאַרן הענטל אַן איבערגעשראָקן קינד, האָט אַריע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געלעגן שטיל, געפּרוּווט אַרויסרײַסן פֿון אונטער דער קאָלדרע די איבערגעבונדענע הענט.

— יעסוימעלע מײַנס! — האָט ער שטיל אַרויסגעזיפֿצט.

אַסיען איז דעמלט געגאַנגען דאָס זיבעטע יאָר.

ערשט דעמלט האָט רעב שײַע באָקסער אַרויסגעוויזן, וואָס פֿאַר אַ מענטש ער איז. אַז ניט אומזיסט איז ער אַ באַלעבאָס און אַ גאָטספֿאָרכטיקער מאַן. באַלד נאָך שלוישים האָט ער באַפֿוילן, אַז די נײַע אַלמאָנע זאָל קומען צו אים. ער איז געזעסן מיט נעכען בײַם טיש און צוזאַמען מיט איר געזוכט אַן אויסוועג פֿון דער שווערער לאַגע, גערעדט מיט איר ווי אַ געטרײַער טאַטע:

— דו ווייסט בײַ מיר אין שטוב, — האָט געזאָגט רעב שײַע, — דאַרפֿסטו וויסן, אַז איך וואַרף ניט אַרויס קיין מענטשן אויף דער גאַס. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס וועט אויסקומען אַ ביסל ענג, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? ריישיס, אַז דו זאָלסט קאָנען צאָלן פֿאַר דער דירע, נעם טאַקע הײַנט און ציִ זיך איבער אין באַשקע. עמעס, אין באַשקע איז ניטאָ קיין פֿענצטער און ס׳איז עטוואָס פֿײַכט, נאָר דערפֿאַר ווינטער, אויב דו וועסט הייצן, איז דאָרט וואַרעם ווי אין אַן אויער. פֿאַר דער דאָזיקער באַשקע וועל איך בײַ דיר נעמען... מיט איין וואָרט, מירן זיך צונויפֿריידן! אַצינד דאַרף מען אַ קלער טאָן, ווו וועסטו נעמען געלט אויף צו צאָלן כאָטש פֿאַר דער באַשקע... נו, און מע דאַרף דאָך לעבן אויך. דעריבער האָב איך באַשלאָסן: וועסט פּליקן פֿעדערן. מיר האָבן באָרעכהאַשעם אַן אייגן שעכטהויז, פֿעדערן וועלן סטײַען, וועסטו האָבן אַרבעט אַ גאַנץ יאָר. בעקיצער, וועסט אַרבעטן בײַ מיר. טאָמער וועט זיך מאַכן אַ וואָך־צוויי אָן אַרבעט, וועסטו וואַשן די דילן אין שול. דיר פֿאַרטרוי איך, ווײַל איך ווייס, אַז דו ביסט אַן אישע צנוע... מיט איין וואָרט — גאָט וועט דיך ניט פֿאַרגעסן, איך וועל דיך ניט פֿאַרלאָזן.

נעכע האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן:

— זאָל אײַך גאָט געבן, רעב שײַע, לאַנגע יאָר! וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן אײַך?

קעדיי אַרײַנצוקומען אין באַשקע, האָט מען זיך באַדאַרפֿט אַראָפּלאָזן מיט אַכט און צוואַנציק טרעפּ. די שטיינער פֿון די טרעפּ זײַנען ערטערווײַז געווען צעשפּאָלטן און פֿאַרוואַקסן גע־

ווארן מיט מאַך. אסיע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די נײַע דירע.

— מא־אַם! ס'איז פינצטער, מא־אַם! כ'האָב מוירע! מא־א־מע!

נעכע האָט געוויינט. זינט ס'האָט זיך געטראָפן דער אומגליק, האָבן אירע אויגן אף קיין רעגע ניט אויסגעטריקנט. נאָר זי האָט געוווסט, נעכע, אז א מענטש ווערט צו אלצדינג צוגעווינט. א מענטש איז ניט קיין כּײַע, לעהאוודל. מע דאַרף נאָר צײַט. צײַט איז דער בעסטער רופע, גע־דולד איז די בעסטע רעפוע.

דעם טאטנס פּאָנעם אין שפּיטאָל מיט די צוויי בלוטיקע גריבער אָנשטאָט אויגן האָבן לאַנג ניט געלאָזט צורו דאָס קינד. אסיע פלעגט זיך אופכאַפּן אינמיטן דער נאַכט מיט א שטאַרק גע־וויין. זי האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמען, געציטערט מיט אלע איווורים, און די ציין אין מויל האָבן געקלאַפּט.

נאָר דאָס האָט זיך אויך געענדיקט, ווײַל די צײַט איז דער בעסטער רופע און געדולד איז די בעסטע רעפוע.

...אינדערפרי פלעגט אסיע אראָפּשפּרינגען פונעם בעט און מיט א ווילדן פרייד־געשריי נע־מען לויפן איבער די טרעפּ. ארוף און אראָפּ. אכט און צוואנציק טרעפּלעך ארוף, און אכט און צוואנציק — אראָפּ. קיינער האָט זי ניט געזען אין דער צײַט, קיינער האָט איר ניט געשטערט. די מאַמע פלעגט אוועק אף דער ארבעט, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און די טאפּליע אין דער טיר פון דער באַשקע איז געווען שוואַרץ. פלעגט זי זיך אָפּשטעלן, אסיע, אויבן, לעבן דער טאפּליע, וואָס איז געווען באַמאָלט מיט שעמערירנדיקע פראָסט־בלומען, און געזוכט א שפּאַרונע, דורך וועלכער מע קאָן כאַפּן א קוק אין דרויסן אפן קאַלטן ווײַסן שניי, איבער וועלכן מע קאָן אָבער ניט לויפן באַרוועסערהייט.

זי איז מיטאמאָל געוואָרן א גרויסע — ניט לויטן עלטער ווּקסיק און מיידלש. די צעשויב־בערטע האָר זײַנען געווען ניט קיין רויטע און ניט קיין מעשענע — זיי האָבן אויסגעזען ווי א לעבעדיקער שײַטער מיט א מין בראָנזענעם אָפּגלאַנץ. אזעלכע האָר האָבן קיינמאָל נישט פאַר־מאָגט ניט אריע, ניט נעכע. און נאָך האָט זי פאַרמאָגט א כיינפינטל, עטוואָס נידעריקער פונעם לינקן אויג. ניט שטענדיק האָט מען דאָס פינטעלע געקאָנט באַמערקן אף איר מאטעווע פּאָנעם, דאָס פינטעלע פלעגט זיך אָפּט צונויפגיסן מיטן גאַנצן געזיכט אירן און דערטרונקען ווערן אין די גרויסע און טיפע בלויע אומרויקע און כשאדפולע אויגן. קאָלזמאַן די מאַמע איז ניט געווען אין שטוב, האָט זיך ניט אופגעהערט דאָס ארומלויפן, דאָס אײַלן ארוף און אראָפּ איבער די טרעפּ, און ווען עס פלעגט זיך טרעפן, אז זי איז מיד געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן הויך אף א קאָל זינגען...

אסיע האָט ניט געקענט קיין לידער, זי האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט. און דאָך האָט זי געזונ־גען הויך אף א קאָל, אָפּטמאָל שטאַרק צעצויגן... זי האָט אליין צוגעטראַכט דעם מאָטיוו און די ווערטער... און באַקומען האָט זיך, אז זי רופט עמעצן, באַקלאָגט זיך...

איינמאָל אינדערפרי, ווען אסיע איז אראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און איז איין אויגנ־בליק ארוף צו דער טיר, האָט זי פלוצעם דערזען א נײַע ערד, וואָס האָט זיך געבאָדן אין ווארע־מע זון־שטראַלן. זי האָט צעפּראַלט די טיר און איז ארויס אין דרויסן. מיט איין שפּרונג איז זי אריבער דעם נידעריקן פלויט, כאַטש באַנאַנד איז געשטאַנען אָפן דאָס טירל, און האָט זיך א לאָז געטאָן איבער דער גאַס מיט אזא פרייד־געשריי, מיט אזויפיל אימפּעט, גלײַך זי וואָלט זיך ארויס־געריסן פון א טפיסע.

ניט זעלטן פלעגט טרעפן, אז אסיע האָט פאַרפירט א געשלעג מיט די הויף־ייִנגלעך. זי האָט זיי ניט ליב געהאט, די ייִנגלעך, נאָר מער פון אלעמען האָט זי פײַנט געהאט מאָניע דעם רויטן, מיט וועלכן זי פלעגט זיך אָפּט קריגן און פירן מילכאָמעס.

מאלע וואָס דער דאָזיקער מאָניע איז געווען א רויטער, האָט ער זיך נאָך געגרויסט דערמיט, אים איז געפעלן, וואָס ער פאַרמאָגט אזא פײַערדיק־רויטן קאָפּ און א פּאָנעם פול מיט קלײַען. ער פלעגט ארופקריכן אפן דאַך פונעם שעכטהויז און, שטייענדיק אף איין פוס ווי א צאַפּליע, שרײַען איבערן גאַנצן הויף:

— איך בין א רויטער, און מײַן מאַמע איז א רויטע, און דער טאטע מײַנער איז אויך א רוי־טער. איך האָב געהאַט א זיידן, איז ער געווען דער סאַמע רויטער אף דער גאַנצער וועלט, און די קאָלע מײַנע וועט אויך זײַן א רויטע...

איינמאָל בעשאַס א געשלעג האָט זיך פלוצעם באַוויזן שײַע באָקסער. די ייִנגלעך האָבן אים גלײַך דערזען און זײַנען זיך צעפלויגן. אסיע האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי זײַנען אנטלאָפן, און איז געבליבן שטיין אינמיטן הויף. ווען זי האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען אנטקעגן זיך דעם באַלעבאָס, איז זי דערשטוינט געוואָרן. נאָר, א מאָדנע זאַך, דער באַלעבאָס האָט זיך ניט גע־

בייזערט. שײַע באָקסער האָט אָנגענומען אסיען פאר דער האַנט, מיט גרויס מיטגעפיל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און א שמייכל געטאָן.

— אנו, דערצייל מיר נאָר, אנו! — האָט ער א זאָג געטאָן און זי אָפּגעפירט פארן הענטל אין שעכטהויז. — וויאזוי זשע האָט זיך עס געמאכט, אז א מיידל, א טאַטנס א קינד, זאָל זיך גאָר שטעלן שלאָגן מיט ייִנגלעך?

ניט אָפּלאָזנדיק איר האַנט, האָט רעב שײַע זיך אוועקגעזעצט אף א קאַסטן מיט זאמד, צוגעצויגן צו זיך אסיען; מיט צוויי פינגער זי אָנגענומען באַם גורדערל און טעלעכע מאָל איבערגעכאַזערט, ניט בייז כאָלילע, פארקערט — בעטנדיק:

— נו, גיב מיר צו פארשטיין, גיב מיר!..

ער האָט צוגעצויגן אסיען צו זיך, מיט אַן עטוואָס ציטערנדיקער האַנט געגלעט איר פּלייצע, זיך צוגערירט צו איר קאָפּ, אריַנגעקוקט אין די אויגן און, שוין ניט געדענקענדיק דעם באַטייט פון די ווערטער, געפּאָדערט:

— אנו, גיב מיר נאָר צו פארשטיין, אנו!..

ער האָט א פּרווו געטאָן אוועקזעצן זי צו זיך אַף דער קני, נאָר אסיע האָט זיך דערשראָקן, זי האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט און איז אנטלאָפן אין דער סאַמע טיפעניש פונעם שעכטהויז. דאָרט איז זי געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געציטערט, כאָטש אין דרויסן איז געשטאַנען א הייסער זומער־טאָג.

נאָר רעב שײַע איז ניט געווען בייז. ער איז דערווײַל צוגעגאַנגען צו איר אין סאַמע עק פונעם שעכטהויז. ער האָט ווידעראַמאָל אָנגענומען מיט צוויי פינגער איר גורדערל און א זאָג געטאָן:

— וועסט איבערגעבן דער מאַמען, אז זי זאָל הײַנט אריַנקומען צו מיר!

דאָס איז געווען דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס זי האָט געקאָנט דערוואַרטן.

— איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן! איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן! — האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגן אים, גרייט צו באקומען, זאָל זײַן, די סאַמע העכסטע שטראָף.

די הענט האָבן בא איר געציטערט, די אויגן האָבן זיך צעשטראַלט און געבעטן. זי האָט מיטאַמאָל ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענט רעב שײַען און זיך צוגעטוליעט צו אים מיטן קאָפּ:

— איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן דער מאַמען! מע דאַרף ניט, — זי האָט זיך צו אים געלאַנטשעט, געזוכט אין זײַן בליק א פּונק פון ראַכמאָנעס. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, רעב שײַע, און ארומגענומען מיט ביידע הענט איר קאָפּ.

— אויב אזוי, וועל איך אליין מוזן זאָגן דער מאַמען דײַנער!

נאָר געזאָגט געוואָרן זײַנען די דאָזיקע ווערטער ווייך און צאַרט. אסיע האָט אופגעהויבן די אויגן און זיך באַגעגנט מיטן באַלעבאָס' שמייכעלע. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעבויגן צו איר, און די באָרד זײַנע האָט זיך אײַנגעשניטן אין איר פּאָנעם ווי א ריב־אײַזן. נאָר זי האָט געליטן, אסיע.

— איר וועט גאָרנישט ניט זאָגן דער מאַמען! איר וועט גאָרנישט ניט זאָגן! — האָט זי ניט נאָר געבעטן, נאָר זיך אליין אײַנגערעדט. רעב שײַע האָט געשמייכלט.

— נו, זאָל זײַן אזוי! — האָט ער באשלאָסן. — אויב דו האָסט אזוי מוירע! — איז ער מאַסקים געווען און זיך ארומגעקוקט, צו עפּעס צוגעהערט זיך. אין הויף איז געשטאַנען א טויטע שטילקייט. די קונדייסים זײַנען, ווײַזט אויס, ווײַט אנטלאָפן.

— נו, זאָל זײַן ווי דו ווילסט! — האָט רעב שײַע איבערגעכאַזערט זײַן באשלוס. — נאָר אויב אזוי... — ער האָט זיך ווידעראַמאָל ארומגעקוקט, צוגעהערט זיך, — אויב אזוי, וועסטו אליין קומען צו מיר!

— וווהין? — האָט זי א פרעג געטאָן מיט סוידעספולער גרייטקײַט, זייער א צופרידענע דערפאַר, וואָס אזא גרויסער מענטש האָט צו איר א געשעפט.

ער האָט געענטפערט ניט באַלד. א טראַכט געטאָן. געזאָגט קוים הערנדיק:

— אין שול!

— קיין מיידלעך לאָזט מען אהין ניט ארײַן! מע טאָר ניט! — האָט זי דערווידערט.

— ווען מע דאַווענט! — האָט ער געגעבן צו פארשטיין. — און דו וועסט אריַנקומען באַטאָג, ווען דאָרט איז קיינער ניטאָ...

און ארײַנגעשעפּטשעט א סאָד אין סאַמע אויער:

— וועסט אריַין ניט פון דער גאַס־טיר, נאָר פונעם הויף, דורכן ליק. ווייסט ווו?

זי האָט אפגיך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— די טיר וועט שטיין אָפן. אין ליקל דארפסטו זיך ארײַנכאַפּן, אז קיינער זאָל דיך ניט זען...

זי האָט אלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט צו זאָגן איר עפּעס זייער וויכטיקס. ער איז אוועק אין א זײַט, אהין, ווו ס'איז געלעגן דאָס ליכט־סטעזשקעלע, האָט זיך געפּאַרעט מיט דער האַנט

אין קעשענע, דערלאַנגט דאָס בײַטעלע, צעשפּיליעט עס, לאַנג געזוכט, ארײַנקוקנדיק אין בײַטעלע מיט דער נאָז, און געפונען דאָרט א זילבערנע גריוונקע.

— ווּעסט זיך קויפן איריסלעך! — האָט ער געזאָגט און אויסגעשטרעקט איר די מאַטבייע.

אסיען איז געגאַנגען דאָס צוועלפטע יאָר, ווען זי האָט פאַרזיכטיק, ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, זיך ארײַנגעשמוגלט אין ליקל און פון דאָרט דורך דעם אָפענעם טירל אהין, ווו גאָט אליין האָט איר פאַרווערט ארײַנצוגיין.

...איבער די שמאָלע און פינצטערע טרעפּ איז זי געלאָפן ווי א דולע. זי האָט שטאַרק מוירע געהאַט. ווען זי האָט נאָר באַוויזן צומאַכן דאָס טירל הינטער זיך, איז זי ארײַנגעפאַלן אין עמעצנס שווערע הענט און פאַר שרעק שיר ניט אומגעפאַלן. דאָך האָט זי ניט געשריִען — אַף איר געשריי האָבן געקאָנט קומען צו לויפן זײַטיקע מענטשן, און פאַר דעם האָט זי נאָך מער מוירע געהאַט.

— ווער איז? — האָט זי געפרעגט נאָכדעם ווי זי האָט פאַרשטאַנען, אז מער ראַנגלען זיך קאָן זי ניט. פון די הענט, וואָס האָבן זי געהאַלטן, איז אומעגלעך געווען ארויסצורײַסן זיך.

— ווייסט קלוימערשט ניט? — האָט זי דערהערט מאָניע דעם רויטנס קאָל. זי איז געוואָרן מאָלע־רעציכע. וואָלט זי ארײַנגעפאַלן אין די הענט צום שעד אליין, וואָלט איר מער ניכע געווען. נאָר צום רויטן! זי האָטווידעראַמאָל זיך אָנגעהויבן ראַנגלען, שלאָגן זיך מיטן קאָפּ, מיט די פויסטן, נאָר דער רויטער איז געווען שטאַרק מיט רוכעס. ער האָט זי פאַרקלעמט מיט די הענט ווי מיט א צוואַנג, ניט צו רירן זיך. זי האָט געפּרוּווט זיך אײַנהריזען מיט די ציין אין זײַן האַנט, נאָר ער האָט נאָר א פּיר געטאָן מיט דער פּלייצע, און אסיע האָט זיך פאַרביסן די צונג און דער־פילט אזא ווייטעק, אז זי האָט שיר זיך ניט צעוויינט.

— כוּץ מיר, ווייסט קיינער ניט! — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געשוויגן. דאַן האָט ער זי אָפּגעלאָזט. אליין זיך אוועקגעשטעלט באַם טירל, פאַר־שטעלט עס מיט דער פּלייצע:

— מיינסט, איך ווייס ניט, וווּהין דו גייסט? — האָט ער געזאָגט.

— וווּהין גיי איך? — האָט זי צונויפגעצויגן די ברעמען. — וואָס זשע, איך טאָר שוין ניט א קוק טאָן אפן טויבנשלאַק?

— ניט צום טויבנשלאַק גייסטו, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן. — דו פאַרעד מיר ניט די ציין!

אינדערפינצטער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן, אָנגעכאַפּט איר האַנט און דורך די פאַרביסענע ציין שטרענג געזאָגט:

— אויב דו ווּעסט נאָכאַמאָל גיין אהין... — ער האָט א פּיר געטאָן מיטן קאָפּ צו די טרעפּ, — דו ווייסט, וווּהין איך מיין. אויב דו ווּעסט נאָכאַמאָל... וועל איך טאָן... איך ווייס אליין ניט, וואָס איך וועל טאָן! איך וועל אונטערצינדן דאָס הויז... נאָך הײַנט באַנאַכט.

— פאַרוואָס? — האָט זי זיך געכידעשט.

— פרעגסט נאָך? — האָט ער מיט קאַס פאַרקלעמט און צונויפגעדרייט די הענט אירע אזוי, אז זי האָט א היכץ געטאָן. — נו? אזוי געפעלט דיר? — האָט ער געפרעגט. — איך בין שוין אלט זעכצן יאָר. פאַרגעדענק עס! ווער עס וועט זיך צורירן צו דיר מיטן קלענסטן פינגער, וועט האָבן צו טאָן מיט מיר! — ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און צוגעגעבן: — איך וועל דערהאַרגענען!

— ווּעסטו גיין אין אָסטראָג! — האָט זי געוואָרנט.

— מאַכשייפע! א מאַכשייפע ביסטו! — האָט ער אויסגעשריִען.

— זאָל זײַן א מאַכשייפע, נאָר דיך וויל איך ניט קענען, — האָט זי געזשיפּעט אים אין פּאַ־נעם ארײַן. זי האָט אפגיך צורעכט געמאַכט די צעפּלעך און א שטויס געטאָן די טיר. אין פינצטערן קאָרידאָרל האָט זיך ארײַנגעריסן א פאַס העלע שײַן. אסיע האָט נאָר אַף איין אויגנבליק פאַרמאַכט די אויגן, א דריי געטאָן זיך אפן אָרט און אויסגעשריִען:

— רויטער אינדיק!

און איז ארויס אין ליקל.

ווען אסיע פלעגט פאַרבלײַבן איינע אליין, האָט זי אפסנײַ איבערגעלעבט אלץ, וואָס מיט איר איז פאַרגעקומען. ערשט דעמלט פלעגט זי זיך אָנהייבן אפּאַנעמעסן שרעקן, כאָטש די געפאַר איז שוין פאַרבײַ. עטלעכע טעג איז זי ניט געגאַנגען „אהין", זי האָט מוירע געהאַט פאַרן רויטן.

אפן טאָלטשאָק, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון מענטשן, האָט זי עמעץ אָנגענומען פאַר דער האַנט. אנטקעגן איר איז געשטאַנען רעב שײַע באָקסער. פון דער געקרײַזלטער באָרד זײַ־נער, וואָס איז געוואָרן א סאַך קירצער, האָט געשטראַלט א שמייכעלע. ער האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגן:

— העלפסט דער מאַמען? — האָט ער געפרעגט.

דאָס איז פאָרגעקומען אזוי אומדערוואַרט, אַז זי האָט ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. זי האָט געקוקט אויף רעב שײַען מיט גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן. ער האָט זיך נאָך נידעריקער אָנ־געבויגן צו איר.

— און וואָס טוסטו גאַנצע טעג? — פרעגט ער. — זיצסט אין שטוב?

— איך זיץ אין שטוב! — האָט זי זיך מוידע געווען.

— וואָס איז?

— כ׳האָב מוירע! — האָט זי אָפּנהאַרציק דערקלערט און אים אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם.

— פאַר וועמען? — האָט ער געשמייכלט.

— מאַניע דער רויטער... גייט צום טירל... אהין... ער האָט מיך געכאַפּט...

— געשלאָגן? — איז פון רעב שײַעס באָרד אַנטרונען געוואָרן דאָס שמייכעלע.

— געוואָלט. איך בין אַנטלאָפן.

רעב שײַעס פּאָנעם האָט פאַרהילט אַ וואָלקן.

— נישקאָשע! גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. עמעצער ווייסט וועגן דעם?

— קיינער! — האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

ער האָט איר אַרײַנגעשטופּט אין האַנט אַ גריוועניקע.

— וועסט זיך קויפן איריסלעך!

זי האָט אָפּגיך באַהאַלטן די מאַטבייע. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אויסגעמישט זיך מיטן האָר־מוין און ניט געסטײַעט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, אינדערפרי, ווען זי איז נאָך געלעגן אין דער מאַמעס גרויסן בעט, איז געקומען דער רויטער. גאָרנישט ניט געפרעגט און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ.

— מע טאָר ניט! מע טאָר ניט! — האָט זי געשריִען און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

— און איך פרעג דען באַ דיר, צי מע מעג צי מע טאָר ניט! — האָט ער געענטפערט גאַנץ רויִק, גייענדיק צו איר.

— מאַ־מע! מאַ־מ־ע! מאַ־אַ־אַ־מע!

די האָר אירע זײַנען צעשויבערט געוואָרן, צעפאַלן זיך איבערן פּאָנעם, זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ און געשפּרונגען אָפּן אָרט. אַ כידעש, וויאַזוי דאָס בעט האָט אויסגעהאַלטן. מאַניע איז אָפּ־געטראָטן. ער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, אַ פּאָר אויגן פאַרמאַגסטו, זאָלן זיי נאָר פּלאַצן באַ דיר! — האָט ער אויסגעשריִען און ווידער אָפּגעטראָטן. — ווילסט שטענדיק זײַן אַזאַ?..

— וויפל איך וועל לעבן! — האָט זי אָפּגעשניטן.

— איך וועל דיר עס פאַרקירצן, דאָס לעבן דײַנס! — האָט ער געדראָעט.

— פאַרוואָס? — האָט זי זיך איבערגעשראָקן.

— אַז דו זאָלסט ניט אויסוואַקסן אַזאַ... אַזאַ־אָ!..

זי האָט אַ דריי געטאָן מיט די פּלייצעס, הויך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אַזוי אַז די האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער אירע אַקסל, דערבײַ האָט זי צונויפגעצויגן די ברעמען, ווי איינער זאָגט, כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט צו מיר. דעמלט איז ער צוגעגאַנגען צום סאַמע בעט, זי איז אָפּגעטראָטן ביז צו דער וואַנט.

— אונדז... — האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ... — אונדז וואַרפט מען אַרויס פון דער דירע!

...די סרייפע האָט זיך אָנגעהויבן באַנאַכט און האָט געדויערט ביז זון־אויפגאַנג. דער בייזער און ביטערער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם יאַם, האָט געהאָלפן דעם צעבושעוועטן פײַער, אָפּצולאָכעס די, וואָס האָבן געלאָשן. אויף צו לעשן אַזאַ סרייפע האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ סאַך וואַסער, און אַלע שכיינים, קינד־און־קייט, יונג און אַלט, האָבן געהאָלפן די פײַערלעשער. זיי זײַנען געלאָפן צו דער קאָלאָנקע, מיט עמערס, טשײַניקעס, באַליעס, מולטערס — ווער מיט וואָס עס האָט געהאַט. יעדע רעגע האָט געשטיגן די צאָל ניסראָפים. מענטשן האָבן פיבערדיק געאַרבעט, מע האָט געשריִען, און די קוילעס האָבן דערגרייכט ביז אונטערן הימל. ווײַבער האָבן נאָך גע־ווייִנט דערבײַ, ווײַל דאָס פײַער האָט יעדע רעגע צוזאַמען מיט די ווענט אַלץ מער אומבאַראַכ־מאָנעסדיק געפרעסן און אופגעפרעסן דעם אָרעמען סקאַרב זייערן.

איין מענטש איז געווען רויִק. ער איז אין ערגעץ ניט געלאָפן, ער האָט ניט געשריִען. דאָס איז געווען רעב שײַע באָקסער. זײַן הויז מיט אַלץ אַרום איז געווען פעסט פאַרסטראַכירט.

אין באַשקע, צו נעכטן, האָט מען שוין אויף מאָרגן נאָך דער סרייפע אַרײַנגעזעצט דרײַ מישׁ־פּאָכעס. צײַטווײַליק, פאַרשטייט זיך. ביז רעב שײַע וועט אָפּסנײַ אויסבויען אַ הויז. און אַז ער וועט איינגיכן אופשטעלן דאָס הויז, האָט רעב שײַע מאַוטיִעך געוווען שאַבעס אין שול. „נאָך

איידער עס וועלן זיך אָנהייבן די אַסיען־רעגנס, וועל איך, אימירצעהאשעם, פאַרזאָרגן אַלע מײַנע שכיינים מיט א דאַך איבערן קאָפּ. ווי דען?״

אצינד האָט אין באשקע גאנצע מעסלעסן געברענט דאָס לעמפּל. דאָ איז געווען פול מיט פּעק, מיט טאָפּטשאנען, מיט קינדער. א גאנצן טאָג איז דאָ געשטאנען אזא ראַש, ווי בעשאס דער סרייפע, שוין אָפּגערעדט, אז באלד שוין אפן ערשטן טאָג זײַנען אנטדעקט געוואָרן אַלע אסיעס געהיימניסן. די מאַטאַנעס, וואָס זײַנען דאָרטן געווען באהאלטן, זײַנען אנטרונען גע־וואָרן.

נאָר אסיע האָט געשוויגן. זי האָט זיך שטארק איבערגעשראָקן בעשאס דער סרייפע און האָט א צײַט ניט געקאָנט קומען צו־זיך. נאָכדעם איז זי גאנצע טעג געזעסן בא זיך אין ווינקל אף דער מאַמעס בעט און האָט געשוויגן. אז קיינער זאָל ניט הערן, האָט זי שטילערהייט געבעטן באַם ריבוינעשעלוילעם:

— גאָטעניו, העלף מיר! גאָטעניו, העלף מיר! גאָטעניו, העלף מיר!

סאַמע אין יענע טעג האָט מען אין שטאָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אז סע האָט זיך אָנגע־הויבן די מילכאָמע און אז רעב שײַע האָט באשלאָסן אוועקפאָרן קיין אמעריקע צו זײַן ברודער. ווערדליק רעב שײַע האָט דערציילט, האָט אים דער ברודער זײַנער שוין לאַנג צוגעשיקט שיפס־קאַרטן. ער וואָלט עפּשער ניט געפאָרן, רעב שײַע, נאָר די מילכאָמע...

— ס'א פײַער, פאַרשטייט איר מיך! — האָט רעב שײַע צעפירט מיט די הענט און געשמייכלט אין באָרד אריַן. — עפּשער ווילט איר פון מיר, אז איך זאָל גיין אף דער פּאָזיציע?

אסיע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פון איינער א שכיינע אין באשקע. ס'איז איר מיטאמאָל געוואָרן ביטער, אסיען, דאָס מויל איז פול געוואָרן מיט ביטערער סלינע, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, און די הענט זײַנען מיטאמאָל קאַלט געוואָרן. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און אזוי געשטאַנען מיט צוגעמאַכטע אויגן. גוט, וואָס די שכיינעס זײַנען געווען פאַרנומען מיט זייערע זאַכן און האָבן גאָרניט באמערקט.

„וויאזוי זשע פאָרט ער עס אוועק? און וואָס וועט זײַן מיט מיר?״ — האָט זי געפרעגט בא זיך אליין.

„הײַנט איז פרײַטיק, — האָט זי ווײַטער געקלערט, — מוז ער זײַן דאָרט, אין שול״.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן אָרט, ווו ס'איז געווען דאָס שעכטהויז. אצינד איז דאָ געבליבן א פוסטער פּלאַץ מיט א גרויסער גרוב אין דער מיט. פון אויבן האָט געקוקט אף איר א דין לעוואָנע־ריפּטעלע, א בלייכס און ציטעריקס, ווי א ניט אויסגעטראָגן קינד. דאָס ריפּטעלע האָט געווונקען, געשעמערירט, אײַנגערוימט א סאָד. נאָר זי האָט גאָרנישט ניט געהערט, אסיע. ס'איז איר מיטאמאָל געוואָרן קאַלט.

אין שול האָט מען נאָך אַלץ געדאַוונט.

רעב שײַע איז ארויס פון שול דער לעצטער. ווי עס פירט זיך, זײַנען אים נאָכגעגאנגען אלערליי גוטעפרײַנט, גוטעברידער און גלאַט גוטע לײַט, וואָס זײַנען גרייט געווען זיך לייגן אונטער זײַנע פיס, אויסלעקן דעם שטויב פון זײַנע שיך. רעב שײַע האָט נאָך ניט באוויזן א שמייכל צו טאָן, ווי זיי האָבן שוין געלאַכט הויך אף א קאָל. רעב שײַע האָט נאָך ניט געזאָגט קיין וואָרט, און זיי האָבן שוין געגאַפט פון זײַן כאָכמע.

אף די גאסן און געסלעך איז שטיל געוואָרן. פוסט ארום און ארום. נאָר ערגעץ ווײַט האָבן נאָך שווער מארשירט די נאָוואָבראַנצעס און לויט דער פּאָדערונג פונעם פעלדפעבעל געזונגען א ליד וועגן דעם, אז א צאָרע איז נאָך ניט קיין אומגליק. אפן קײַלעכדיקן פּלאַץ פון יענער זײַט פּריוואָז האָט געסקריפּעט און געגרילצט מיט די רעדער א טראַמוויי־וואַגאָן.

— נו! נו! — האָט זיך געכידעשט רעב שײַע, ווען אין דער פינצטער איז אסיע פּלוצעם אויסגעוואַקסן לעבן אים. ער האָט זיך ארומגעקוקט, איבערצײַגט זיך, אז ער איז אליין, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו איר:

— וויאזוי זשע האָסטו זיך אָנגעשטויסן, ווו דו קאָנסט מיך טרעפן?

און, ניט ווארטנדיק אף איר ענטפער, צוגעקלאַפּט מיט דער צונג:

— אַר־וואַ! זאָל גאָט שוימער־אומאצל זײַן, ווי באַרויגעז דו ביסט! — האָט ער געפּרוּווט א שמייכל טאָן. — מע קאָן מיינען, אז דו ביסט שטענדיק אזא באַרויגעזע...

— איר פאָרט אוועק? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס הייסט, איך פאָר אוועק? — האָט ער צעפירט מיט די הענט. — ביזוואַנען איך וועל זיך ניט געזעגענען מיט אלעמען, וועל איך ניט אוועקפאָרן. וואָס הייסט? איך געדענק אלצדינג! — ער האָט ארײַנגעשטופּט צוויי פינגער אין זשילעט־קעשענקעלע, געפונען דאָרט א האַלב קערבל און עס אונטערגעטראָגן אסיען צו דער סאַמע נאָז: — כמע! — האָט ער א שמייכל געטאָן. — און

דו האָסט שוין געמיינט, אַז איך וועל אוועקפאָרן אָן אַ „זײַ־געזונט“? — ער האָט ארויסגעלאָזט אַ באַלעבאַטישן זיפץ. — ביסט נאָך, ווי איך זע, גאָר אַ קינד!

רעב שײַע, וועלכער האָט, זינט ער לעבט, ניט געמאַכט קיין טאָעס, איז דאָס מאָל באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער. אנטקעגן אים איז געשטאַנען שוין ניט קיין קינד. ניין!

אסיע האָט ארויסגעריסן פון זײַן האַנט דאָס האַלבע קערבל און עס אַ שלײַדער געטאָן אין דער פֿינצטער מיט אַזויפיל קאַס, אַז רעב שײַע איז שיר ניט אומגעפאַלן פון די פיס. אַזוינס האָט ער נאָך ניט געזען, זינט ער לעבט. וואָרפן האַלבע קערבלעך? מע דאַרף דאָך זײַן, זאָל גאָט אָפּהיטן, כאַסערדייע!

...קיינער האָט ניט געזען, ווי זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אסיע. ס'איז שוין געווען קימאַט האַלבער טאָג — אַ גרויער, שלעפּעריקער, אומבאַוועגלעכער שאַבעס־טאָג, נאָר אין שול איז נאָך געווען פול מיט מענטשן. רעב שײַען האָט מען פאַרן אוועקפאָרן אופגערופן מאַפטיר... דער אוילעם וויל שוין הערן, וויפל וועט ער מענאַדער זײַן, רעב שײַע! ער מעג אַרײַנטראָגן וואָס מער! דער רועך וועט אים ניט נעמען!

אסיע איז געשטאַנען אָפּן בערגל פון אַ פאַרשאָטענער גרוב. פונדאַנען האָט זי גוט געזען, וויאַזוי רעב שײַע פאַרגייט זיך אין דווייקעס. ער הילט זיך אײַן מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ, און אַרום אים שטייט אַ רעדל מענטשן. זי פילט אפילע ניט, אסיע, ווי זי בייגט זיך אָן צו דער ערד, הייבט אוף אַ שווערן קאַלטן שטיין, אַ שאַרפן שטיין... זי געדענקט אויך ניט, ווען די פיס האָבן זי אַ טראָג געטאָן פאַרויס. אָן אָן אָטעם איז זי צו צום גרויסן שול־פענצטער... און געקומען צו־זיך איז זי ערשט דאַן, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ דונער, אין וועלכן עס האָט זיך צונויפגעמישט דער קלאַנג פון צעבראָכענעם גלאָז, וואָס איז ארויסגעפאַלן צוזאַמען מיט דער ראַם, און אַ געשריי פון צענדליקער קולעס.

זי וואָלט עפּשער נאָכאַמאָל זיך אָנגעבויגן צו דער ערד אופצוהייבן אַ צווייטן שטיין, נאָר זי האָט ניט באַוויזן, אסיע. אָף איר זײַנען מיטאַמאָל אָנגעפאַלן צוויי צענדליק בלוטיק־באַלייר־דיקטע, צעווילדעוועטע פאַנאַטיקער.

— אַזוי קומט איר! — האָבן געשרי׳ען אין איין קאָל די ווײַבער, די נײַע שכיינעס פון באַשקע. — הערט נאָר, איך בעט אײַך, וואָס אַ מיידל קאָן אָפּטאָן! זינט מיר לעבן אָף דער וועלט, זינט מיר שטייען אָף די פיס, האָבן מיר אַזוינס ניט געהערט און ניט געזען!

נאָר אסיע האָט גאָרנישט ניט געהערט. זי איז געלעגן אָף דער מאַמעס בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און געשוויגן. ניט קיין זיפץ, ניט קיין וואָרט, ניט קיין געוויין — דאָס האָט געטאָן פאַר איר די מאַמע. אסיע האָט אפילע ניט געבעטן קיין טרונק וואַסער. כאָטש אַלץ אין איר האָט געברענט. ערשט ווען די ווײַבער האָבן זיך גוט אָנגעשרי׳ען און זיך צעקראָכן, יעדער אין איר ווינקל, האָט זי אויסגעשטרעקט די בלויע האַנט, אסיע, און אָן ווערטער געבעטן די מאַמע, אַז זי זאָל איר דערלאַנגען אַ קוואָרט וואַסער.

נעכע האָט זיך ווידער צעוויינט און צעיאָמערט. וואָס האָט מען געטאָן מיט איר קינד!

— וויין ניט, מאַמע! — האָט אסיע אויסגעדרייט צו איר דאָס צעבלוטיקטע פּאָנעם. — וויין ניט, — האָט זי שטיל געבעטן, — אַצינד איז מיר אַ סאַך בעסער, ווי פרי׳ער...

און אָפּן פאַרלאָפּענעם, צענעריקטן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע. נעכע האָט זיך איבערגעשראָקן אָף טויט און איז אָפּגעטראָטן פונעם בעט.

...זי האָט שוין מער גאָרנישט ניט פאַרמאָגט, אסיע: ניט קיין טרוימען, ניט קיין האָפענונג און ניט קיין סודעס, וועגן וועלכע קיינער־קיינער אָף דער וועלט זאָל ניט וויסן. די קינדהײַט אַליין האָט זי שוין אויך אָנגעווירן, זי איז מיטאַמאָל אויסגערונען, נעלעם געוואָרן. אסיע האָט אַריבערגעשפּאַנט איבער איר קינדהײַט זייער פרי, אומבאַמערקט און לײַכט, גלײַך זי איז גאָר קיינמאָל קיין קינד ניט געווען.

איצט האָט זי אַלץ אופגעבראַכט, געערגט, געמאַכט בייז. זי האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם געשריי, דאָס געוויין פון די קינדער, וואָס זײַנען גאַנצע טעג געלעגן אין באַשקע. אין דרויסן האָט געהוליעט דער ווינט, און אַלע הײַזער זײַנען פון קאַיאָר געווען אײַנגעהילט אין אַ גרויליק־קאַלטן נעפּל. די ווײַבער אין באַשקע האָבן זיך צוואַנציק מאָל אַ טאָג געפּאַטשט, געזידלט זיך, געשטופּט פײַגן איינע דער אַנדערער און צוואַנציק מאָל זיך איבערגעבעטן.

און אַז מע בעט זיך איבער, הייבט מען אָן באַטראַכטן, וואָס עס טוט זיך אָף דער וועלט: ווײַ! ווײַ! וואָס עס טוט זיך, אַז „דער אוסטרי׳אַק איז שוין, זאָגט מען, געווען בא פּערעמישעל, איז געקומען דער דײַטש און האָט אים דערלאַנגט אַזאַ באַגראַב, אַז ער איז קוים ארויס פון דאָרט אַ לעבעדיקער; איז געקומען דער רוס און האָט זיי ביידן דערלאַנגט „פּאָ טאַטע אי פּאָ מאַמע“; איז געקומען אונדזערער און האָט זיי נאָך צוגעגעבן פון אויבן, וואָס עס איז אים געלעגן אָפּן

הארצן, אזוי אז זיי האָבן געמוזט אנטלויפן צום טערק! וואָס זשע טוט גאָט! פאַרכאַפּן זיי אַפן וועג א פאַראַכאַד מיט צוקער און דערטרינקען אים. דערפאַר טאַקע איז אזוי אופגעבלאָזן געוואָרן די פריַיז אַף צוקער, און ברויט ווערט אויך, מיט גאָטס הילף, טיַיערער פון טאָג צו טאָג...״

פאַרנאכט פלעגט זיך אומקערן אין באשקע דער נייַער שאָכן, דער אלטער באָכער מענדל מיט דער בעלמע, אָדער, ווי מע פלעגט אים שוין אצינד רופן — מענדל דער בעלאַבילעטניק, — א מענטש א רירעוודיקער, ווי א שטיק קוועקזילבער, מיט א קיַילעכדיק פליכעלע צווישן די שווארצע, צעשויבערטע האָר, מיט א צוגעפלעטשטער נאָז און א וויַיס־ראָזע בעלמע אַפן רעכטן אויג, און מיט א פּאָר לאַנגע הענט, ווי, לעהאוודל, בא א מאַלפּע. שטענדיק איז אים גוט אַפן הארצן, מענדלען, שטענדיק איז ער האַפּערדיק.

— נו? הא? שוין ווידעראמאָל דער אוסטריאַק בא פּערעמישעל? — פלעגט ער, אריַינקומענדיק, פרעגן. ער טוט אויס דעם ברייטן בורנוס, וואָס איז אונטערגעשלאָגן מיט וואטע, וואָס קריכט ארויס פון טויזנט לעכער, ריַיבט די הענט, באוויַיזט א פּאָר גרויסע געלע ציין אין מויל און שמייכלט: — נו, הא? שוין ווידער פאראן נייַס?

קיינער ענטפערט אים ניט. גאַנוועט ער זיך אונטער צו איינער פון די נייַע שכיינעס, צו א ברייטער יאָדערדיקער יידענע פון א יאַר דריַיסיק, טוט זי א קניפּ און שריַיט דער ערשטער אויס מיט א געמאכטן קוויטש: — אוי! אוי! נו? הא? וואזוי? גוט? כא־כא־כא־כא! ווילסט עפּשער נאָך?

די פרוי טאַנצט אונטער פון ווייטעק און צעשריַיט זיך:

— האָסט פינגערלעך, זאָלן זיי דיר נאָר אָפּדאַרן!

זי וואַרפט זיך אַף מענדלען און וויל אים דויערס זיַין.

מענדל טרעט ניט אָפּ. ער מאכט זיך ניט הערנדיק.

— און מיט וואָס איז אזוי שלעכט א מילכאָמע? — פרעגט ער בא די וויַיבער. — זייער גוט! פאַרוואָס ניט? פריער האָט מען זיך געשעמט צו ריידן מיט מיר, אצינד בין איך אויך א כאָסן־באָכער און קאָן כאַסענע האָבן!

— זאָלסט שוין כאַסענע האָבן מיטן מאַלעכהאַמאָוועס! — ווינטשט אים די פרוי, וועלכע ער האָט א קניפּ געטאָן. נאָר מענדל הערט ניט די קלאָלע, ער טוט א מאַך מיט דער האנט און לאָזט זיך צום בעט, ווו אסיע ליגט. ער דרייט נאָר אויס דעם קאָפּ צו די וויַיבער און וואָרנט:

— איקער שאַכאַכטי! גאָר פאַרגעסן! זאָל איַיך גאָט געבן קויעך, וויַיבער! לויפט הענדעם־פענדעם אין מארק און כאפּט אריַין וויפל איר קאָנט שוועבעלעך, מאכמעס פון זיי וועט מען מאכן ברען־קנויטן, וואָס מע דאַרף אריַינשטופן דעם דיַיטש!..

— ווי איז מירן! — שריַיט אויס א יידענע. — וואָס הייסט? וואָס זשע וועלן מיר טאָן אָן שוועבעלעך?

אלע שיסן אויס א געלעכטער.

מענדל האָט ליב א וויץ, מאכמעס ער איז אַן אפּיקוירעס און קאָן אמאָל ארויסכאַפּן זיך מיט א וואָרט, פון וועלכן אלע ארום עפענען מויל און אויערן. ער האָט אמאָל א זאָג געטאָן אסיען:

— ווו זשע איז געוועזן דער נארישער קאָפּ דיַינער? האָסטו שוין אופגעהויבן א שטיין, וואָס זשע האָסטו זיך איבערגעשראָקן? וואָלסט זיי באדאַרפט פלעטשן די קעפּ. זאָלן זיי זען, ווי מיר זיַינען פאַרליבט אין זיי!

מענדל שטופּט ארונטער א פולן פויסט מיט ניסלעך צו אסיען אונטער דער קאָלדרע. דאָס מיידל וואַרפט מיטן קאָפּ, דרייט מיט די אַקסלען.

— גיי מיר אין דר׳ערד, אלטער טערעך! — שריַיט זי.

נאָר באַלד דערהערט זיך, ווי אונטער דער קאָלדרע טרישטשען די ניסלעך. אסיע קנאַקט זיי איינס נאָכן אנדערן. מענדל זיצט, הערט זיך צו און קוועלט פון פאַרגעניגן. נאָכדעם טוט ער זי א טאַרע באַם אַקסל און בעט:

— וואָלסט עפּעס געזונגען א טראַוועריקס, הא, אסיע? זינג, לעמאַשל, „איך האָב קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן״.

און קעדיי איר צוגעבן כיישעק, הייבט ער אליין אָן צו זינגען מיט א שטים, ווי א האָגל זאָל קלאַפּן איבער א בלעכענעם דאַך:

איך האָב קיין לאָמפּ ניט אָנגע־ע־צונדן,
פינצטער איז בא־א־א מיר אין שטוב...

אסיע ליגט באַהאלטן אונטער דער קאָלדרע און קנאַקט די ניסלעך.

נעכע קומט פון דער ארבעט שפּעטער פון אלעמען. ווען זי קערט זיך אום אהיים, איז אין באשקע שוין שטיל.

די נאַכט גייט ניט ווילנדיק אוועק פונדאַנען און קערט זיך גיך אום צוריק.

אין באַשקע זײַנען אַלע אָנגעכמורעט. אויב עמעצער לאַכט דאָרט, איז דאָס אַ ביטערער געלעכטער, אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. אָבער באַנאַכט זײַנען די אײַנוווינער פון דער באַשקע פונקט ווי אַלע איבעריקע מענטשן. די נאַכט קילט אָפּ זייערע צעהיצטע מויכעס און אין כאָלעם ווערן פאַרווירקלעכט זייערע טרוימען. טשעפּעט ניט די מענטשן, לאָזט זיי שלאָפן...

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. צוערשט שטיל, קוים־קוים. אַזוי האָט געקאָנט קלאַפּן דער ווינט, נאָר באַלד האָט זיך דאָס קלאַפּערײַ פאַרשטאַרקט. פון יענער זײַט טיר האָט עמעץ געפּויקט מיט די פינגער איבער דער שויב. אין דער פינצטערניש האָט זיך גענומען אויסטיילן אַ סילועט פון אַ מענטשן.

דאָס איז געווען אומדערוואַרט און אַ ביסל שרעקלעך. אַ קינד אין באַשקע האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך צעוויינט. אַ שכיינע איז אַראָפּ פון דער וואַרעמער סאָפּקע און, ניט וויסנדיק, וואָס זי טוט, אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער באַשקע, אַלעמאָל אָנשטויסנדיק זיך אָף עמעצנס געלעגער, און דערבײַ ניט אופגעהערט צו קלאָלעווען מיט אַזעלכע ווערטער, אַז גאָט זאָל אויסהיטן. נאָכדעם איז אַראָפּ פון זײַן געלעגער מענדל. ער האָט אַרויסגעדרייט דעם קנויט פונעם לעמפּל, און אָף דער סטעליע האָט זיך באַלד באַוויזן אַ מאָדנע גרויסער, אומגעלומפּערטער שאָטן, וואָס האָט זיך געהוידעט, געוואָרפן זיך פון רעכטס אָף לינקס.

דער איינציקער מאַנצבל אין באַשקע, האָט מענדל ווי עס באַדאַרף צו זײַן אַ הוקע געטאָן אָף אַלעמען: „שטיל זאָל זײַן!”, געהייסן, אַז מע זאָל ליגן אָף די ערטער און ניט ליאַרעמען, ווי לעהאַוודל ראָשעשאָנע נאָך שויפער בלאָזן. אַליין איז ער געווען רויִק, קאַלטבלוטיק. ער האָט ניט אײַלנדיק אַרײַנגעשטופּט די באָרוועסע פיס אין די שטיוול און, ווערדליק ס׳האָט זיך געדאַכט, זייער פּאַמעלעך זיך אופגעהויבן אָף די טרעפּ. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך, עמעס, עטוואָס ווײַטלעך פון דער טיר, נאָר אַ פרעג געטאָן מיט אַזאַ פעסטקײַט, מיט אַזאַ שטרענגן טאָן, אַז די ווײַבער האָבן זיך פאַרכידעשט איבערגעקוקט:

— כטאָ טאַם? האַ?

פון יענער זײַט טיר האָט זיך געהערט א שטים. מענדל האָט זיך אָנגעבויגן, אײַנגעקוקט זיך אין דער שוואַרצער שויב פון דער טיר, אָנגעשטרענגט דאָס געזונטע אויג און מיט דער דלאָניע פאַרשטעלט די בעלמע. נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענומען דאָס קייטל און זיך אויסגעצויגן אין וואַרטעניש. די טיר האָט זיך אופגעעפנט, און ס'האָט זיך באַוויזן א מענטש מיט א געדיכט־פאַרוואַקסן פּנים. אפן קאָפּ האָט ער געטראָגן א קאַשקעט, וואָס איז געווען אַראָפּגערוקט ביז די אויגן; דעם האַלדז האָט אַרומגעכאַפּט א באַשליק. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א שינעלכל, וואָס האָט, ווי־עס ווײַזט אויס, געדינט ניט איין סאָלדאַט און איז שוין ניט איין מאָל געווען אונטער א שלאַקסרעגן; אַזעלכע שינעלעכלעך פאַרקויפט מען אפן פּריוואָז פאַר א האַלב לעבל קאָרן־ברויט. דער אומדערוואַרטער באַנאַכטיקער באַזוכער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב.

— זדראַווסטוויטיע! — האָט ער געזאָגט און דערבײַ באַטראַכט דעם קעלער און אַלע זײַנע אײַנוווינער, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט פון אונטער די קאָלדרעס זײערע פאַרכידעשטע פּנעמער.

מענדל איז גלײַך נאָך אים אַראָפּ פון די טרעפּ, האָט אים דערלאַנגט א בענקל און פאַר־געלייגט:

— וואָס וועט איר שטיין?

— גוט איז אין דער וואַרעם! — האָט געזאָגט דער אומבאַקאַנטער און צעבונדן דעם באַשליק. נאָכדעם האָט ער געריבן א האַנט אין א האַנט, אַרויסגעטריבן פון זיך די קעלט און סאַפּקאַלסאַף זיך אַראָפּגעלאָזט אפן בענקל. מענדל איז דערוויַיל אוועק צו זיך אין ווינקל, געפונען א פּעקל פּאַפּיראָסן „סאַלווע" און עס געבראַכט דעם גאַסט.

— פּאַרייכערט! — האָט ער אים געגעבן. דער גאַסט האָט זיך געכידעשט, געווען מאַלע־סימכע. „ווי קומט אהער אַזא טײַער פּעקל פּאַפּיראָסן?" — האָט באַטײַט זײַן פאַרכידעשטער בליק.

— איך מאַך זיי אַליין! — האָט מענדל געגעבן צו פאַרשטיין. — מיך קאָסטן זיי גאָרניט!

דער אומבאַקאַנטער האָט פאַררייכערט א פּאַפּיראָס, זשעדנע אַרײַנגעצעטעמט אין זיך דעם רויך און מיט גרויס פאַרגעניגן געררייכערט. נאָכדעם האָט ער א קוק געטאָן אף די גאָלדענע אויסיעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אף דער הילזע, און א שמייכל געטאָן:

— זאָגט איר, אז זיי קאָסטן אײַך גאָרניט? — האָט ער א צי געטאָן מיט די ברעמען.

— קיין קאָפּעקע! איך אַרבעט דאָך אף דער פאַבריק! — האָט מענדל געגעבן צו פאַרשטיין.

— איך פאַרשטיי שוין.

קיינער אין באַשקע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. מע האָט געוואַרט, אז דער גאַסט זאָל זיך פאָרשטעלן און זאָגן, צו וועמען און צוליב וואָס ער איז געקומען אהער אין אַזא ניט פּאַסיקער צײַט. נאָר דער אומבאַקאַנטער האָט, ווי־עס ווײַזט אויס, זיך ניט געאײַלט. ער האָט זיך נאָר אַנטשולדיקט פאַר דעם, וואָס ער האָט אַלעמען אופגעוועקט, און מיט פאַרגעניגן געשלונגען דעם רויך פונעם פּאַפּיראָס.

אפן סאָבאָרנעם פּלאַץ האָט דער זייגער געקלונגען איין מאָל. קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס באַטײַט דער קלונג — צי איז איינס באַנאַכט, צי עפּשער האַלב פיר.

— דאָס זײַט איר, ווי־עס ווײַזט אויס, די טשודאַטשקע? — האָט דער גאַסט מיטאַמאָל א ווונק געטאָן צו אַסיען און דערבײַ זיך צעשמייכלט. אַסיע איז שטאַרק רויט געוואָרן. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, מוירע האָבנדיק א קוק צו טאָן אפן אומבאַקאַנטן גאַסט, און געוואָרפן אומרויִקע בליקן אף דער ערד. דאָס האַרץ בא איר האָט געקלאַפּט און געצאַפּלט, ווי א פויגל. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט, אַסיע, מיטן קאָפּ אין דער מאַמעס פּלייצע, און מיט אומגעדולד, אומרויִק געוואַרט, אז דער מענטש, וואָס איז געקומען אינמיטן נאַכט, זאָל עפּעס זאָגן... אַסיע האָט שטענדיק געוואַרט אף עפּעס, נאָר אף וואָס זי האָט געוואַרט — האָט זי אַליין ניט געוווּסט.

— וויאַזוי דאַרף מען אײַך רופן? — האָט נעכע געפרעגט דעם אומבאַקאַנטן.

יענער האָט דורכגעלאָזט די פראַגע, גלײַך זי האָט צו אים ניט געהאַט קיין שײַכעס. ער האָט אוועקגעוואָרפן דאָס אָפּשניצל פונעם פּאַפּיראָס אין ווינקל, וווּ ס'איז געשטאַנען א קויטיקער עמער.

— מיך האָט געבעטן איינער א מענטש, אז איך זאָל אײַך איבערגעבן א גרוס פון אים... — האָט ער א זאָג געטאָן נאָך א לאַנגער פּויזע. איינע פון די שכיינעס האָט אויסגעשאָסן:

— אָט דאָס איז גאָר?

אַלע האָבן א קוק געטאָן אף אַסיען. ווען ס'איז געוואָרן שטיל, האָט זיך דער אומבאַקאַנטער עטוואָס א רוק געטאָן מיטן בענקל צו אַסיען און שוין גערעדט נאָר צו איר:

— אײַך שיקט א גרוס א מענטש, וועלכן איר קענט גאַנץ גוט. ער קאָן איצט ניט קומען צו

אײַך... ער איז זייער ווײַט פונדאַנען. מיר זײַנען געווען מיט אים צוזאַמען... ער דערמאָנט אײַך אָפּט... פריִער האָט ער געוווינט דאָ, בא אײַך אין הויף.

— אוי! מײַנע סאָנים!..— האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט אלץ יענע אומצופרידענע שכיינע.— אויך מיר א מענטש! ווי געפעלט עס אײַך! ער רעדט דאָך וועגן לעווערטן, וועגן מאָניע דעם רויטן. ער זיצט נאָך אין אָסטראָג. וועגן אים רעדט איר דאָך, האַ?— האָט זי זיך געווענדעט צום אומבאַקאַנטן.

דער געקומענער האָט זיך א דריי געטאָן אפן בענקל, גענומען א פאַפּיראָס און ווידעראַמאָל פאַררייכערט.

— די צונג דײַנע זאָל דיר נאָר אָפּדאַרן!— האָט מענדל געוואָרפן א בייזן בליק אף דער באַריידעוודיקער שכיינע און אויסגעשפּיגן.

— נו, נו! אזא אַנשיקעניש!— די ייִדענע האָט געצוקט מיט די אַקסלען, ארײַנגעקוקט אלעמען אין די אויגן, ווי אײנער רעדט: „וואָס וויל מען פון מיר? איך רייד דאָך צו דער זאַך!” נאָר קיינער האָט איר ניט מיטגעפילט, קיינער האָט שוין מער ניט געקוקט אין איר זײַט.

— ער איז עטוואָס א היציקער,— האָט שטיל פאַרגעזעצט דער אומבאַקאַנטער אזוי, אז נאָר אסיע זאָל הערן,— אָבער א באָכער איז ער א גוטער, מיט אַן אָפן האַרץ. אים מעגט איר גלייבן. נו, און איצט דאַרף איך שוין גיין! א דאַנק!

— זיצט נאָך א ביסל!— האָט געבעטן נעכע.— אין דרויסן איז אזא אומגליק, אזא ווינט!

— איך קאָן ניט לאַנג זיצן!— האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין.— איך וואָלט זייער גערן!— האָט ער צעפּירט מיט די הענט.— איך בעט אײַך נאָכאַמאָל מיר פאַרצײַען, וואָס כ'האָב אײַך אופגעוועקט!

מענדל האָט אים באַגלייט. אפן וועג האָט ער אומבאַמערקט ארײַנגעשטופּט דאָס פּעקל „סאַלווע” אין יענעמס שינעל־קעשענע. אויבן, בא דער פינצטערער טיר, האָבן זיי געפונען אײנער דעם צווייטנס הענט און זיך געזעגנט. זיי זײַנען געשטאַנען א פּאָר רעגעס, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און אין שויב האָבן זיך באַוויזן בלויע פּאַסן, איז אסיע אראָפּ פונעם בעט, אפגיך זיך אָנגעטאָן, צוגעגאַנגען צו מענדלען, וואָס איז נאָך געלעגן אף זײַן טאָפּטשאַן.

— מענדל, א, מענדל!— האָט זי אים געטאָרעט פאַר דער פּלייצע.

— וואָס ווילסטו?

זײַן בעלמע איז פאַר דער נאַכט, דאַכט זיך, אויסגעוואַקסן, געוואָרן גרעסער. אַצינד איז זי אָנגעצילט אף איר, די בעלמע.

— איך וויל, אז דו זאָלסט מיך נעמען מיט זיך אף דער טאַבעק־פאַבריק, איך וועל אַרבעטן, ווי דו האָסט געזאָגט, אונטער דײַן האַזשגאָכע.

זי קוקט אף מענדלען, בייגט זיך אָן צו אים און וואַרט, אז ער זאָל זיך אופהייבן. נאָר מענדל אײַלט זיך ניט, ער ליגט און קוקט אף איר מיט מיטגעפיל, שאָקלט פאַמעלעך מיטן קאָפּ.

— אויב דו ווילסט, איז מאַכטייסע! כ'וועל דיך אָפּפירן אף דער פאַבריק און דיך אָפּגעבן גלײַך אין די הענט פון אונדזער באַלעבאָס מאָני גוראַריע, א גרייטע טויב אין מויל ארײַן... רעב גוראַריע האָט ליב אַזעלכע טײַבעלעך... נאָר אַרבעטן אונטער מײַן האַזשגאָכע וועסטו שוין ניט קאָנען. פונקט נעכטן, א מין שאָ איידער מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט מען מיר געבראַכט א פּאָוועסטקע, איך זאָל הײַנט צען אזייגער קומען אין פּריסוטסטוויע. נעפרעמענע! עלע ביט, וועט, כאָלילע, ניט זײַן, ווער עס זאָל מילכאָמע האַלטן. קומט אויס,— האָט ער אויסגעשריִען שוין קימאַט מיט א פרייד,— קומט אויס, אז איך טויג שוין אויך? האַ? גאָדיען!

קאַפּיטל פינף

איין טאָג

דער מויער פונעם געוועזענעם גראַדאָנאַטשאַלניק, וואָס פאַרנעמט א גאַנצן קוואַרטאַל, פון דער סאָבאָנייעווער בריק ביז צום וואָראָנצאָווער געסל, איז געווען ענלעך אף אַן אומגעהייער גרויסער אָקעאַן־שיף, וועלכע האָט נאָך א שווערער און דויערנדיקער נעסיִע סאָפּקאָלסאָף דערגרייכט דעם ברעג. איבער די פּילצאָליקע צימערן־קאַיוטעס האָבן געאײַלט מענטשן, וואָס זײַנען

געקומען צו לויפן, קעדיי הארציק צו באגריסן די טײַערע ברידער, אַף וועלכע מע האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. אהער, אפן יעקאַטערינסקער פּלאַץ, פלעגן קומען רעדנער, וואָס האָבן זיך גע־װענדט מיט פלאַמיקע ווערטער צו די, וואָס האָבן פאַרפולט דעם גרויסן פּלאַץ פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט. אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע שינעלן, אין בושלאַטן פון יאַם־לײַט צי אין מאַטראָסן־טעלניאַשקעס, זײַנען זיי ענלעך געווען איינס אפן אַנדערן. אָפט פלעגט טרעפן, אַז אפן גאַנעק פלעגט זיך ארופכאַפן איינער פון די, וואָס איז געשטאַנען אונטן צווישן אוילעם, און זײַן שטים פלעגט נעמען הילכן איבערן גאַנצן פּלאַץ.

די גאַנצע צײַט האָבן צו דעם דאָזיקן הויז זיך געצויגן מענטשן. עס זײַנען געגאַנגען אהער אומגעדולדיקע און רוישיקע דעפּוטאַציעס, גרופּעסווײַז פלעגן קומען מענער און פרויען מיט רוויטע לענטעס אַף די אַרבל. עס זײַנען געווען צווישן זיי עקיפּאַזשן פון שיפן, באַרזשעס און בער־לינעס, וואָס זײַנען שוין לאַנג געשטאַנען אָן אַרבעט. אהער זײַנען געקומען אײַזנבאַנער, שטאָל־גיסער, פישער, בעקער און אַלערליי אַנדערע אַרבעטער־מענטשן, וועמענס הענט עס האָבן גע־לעכצט נאָך אַרבעט, פונדאַנען פלעגן זיי ארויסקומען צעהיצטע, באַגײַסטערטע און שטאַרק פאַר־טאָנענע. דאָס זײַנען געווען נײַ־געבוירענע דירעקטאָרן, געשעפט־פירער און זייערע שטעלפאַרטרעטער, קאָמאַנדירן פון לאַנג־פאַרלאָזטע און אפילע פון דערוויַל ניט עקזיסטירנדיקע אונטערנעמונגען, סקלאַדן, קלייטן, גאַרקיכן, בעדער.

דער שניי איז שוין צעגאַנגען, און אומעטום זײַנען געשטאַנען שוואַרצע קאַליוזשעס. אין דער געדיכטער וואַסער האָבן זיך געבאָדן זון־שטראַלן. א ווינט האָט געבלאָזן פונעם יאַם, געיאָגט זיך איבער דער גאַס. דער פרילינג האָט שטורמיש אײַנגענומען די שטאָט און געוואָרפן זיך אפן אָפּגעשוואַכטן, אָבער נאָך אַלץ בייזן ווינטער, וואָס האָט זיך בעשום־אויפן ניט געוואָלט אונ־טערגעבן. דער ווינט אפילע, וואָס קומט אַף דער וועלט נאָר צוליב איין זאַך — טראָגן זיך אומ־רויק פון איין אָרט אפן צווייטן, דער ווינט פלעגט שוין אויך גאַנץ אָפט איבערוואַרפן זיך אַף דער זײַט, ווו דער פרילינג האָט געזיגט, און דעמלט פלעגט ער ווערן א וואַרעמער, א צאַרטער און ליבער. ניט אַלע פאַרטרויען זיך אין אַזא צײַט דעם וועטער — האָט מען טאַקע געקאָנט זען פאַר־שיידן אָנגעטאָנענע מענטשן: אָט גייט עמעץ אין אַן אַלטן פאַרשמאָלצעוועטן טולופּ — דער האָט נאָך מוירע פאַרן ווינטער, און אָט, פאַרקערט, גייט אים אַנטקעגן א יונגערמאַנטשיק אין א רע־קעלע מיט לעכער, אין א צעכראַסטעטע העמדל — דער לויפט שוין ארומגענומען מיטן פרילינג.

באַם ארײַנגאַנג אין גרויסן מויער איז געשטאַנען א הויכער מאַטראָס און פון געוויינהײַט אויסגעצויגן זיך און פאַרוואָרפן הויך דעם קאָפּ פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אופגעהויבן אַף די טרעפּ. און ווען מע פלעגט זיך צו אים ווענדן מיט א פראַגע, פלעגט ער א שמייכל טאָן און מיט גרויס כיישעק ענטפערן:

— צום כאַווער כוואָטיעוו דאַרפט איר זיך אופהייבן אפן דריטן שטאָק. דאָרט וועט אײַך דער טשאַסאָוואָי אָנווײַזן, אין וועלכער טיר!..

אָדער:

— וועגן ברויט־קאַרטלעך דאַרפט איר זיך ווענדן צום כאַווער רעקיס, דורך דעם טויער וועט איר ארײַנגיין אין הויף, דאָרט וועט איר פאַרקערעווען אַף רעכטס...

דערבײַ האָט ער גאַסטפרײַנטלעך געשמייכלט און דער שראַם אַף זײַן קאַרן פּאָנעם, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם לינקן אויג ביז צום מויל, פלעגט זיך אויסגלעטן און ווי אַנטרונען ווערן.

איבערן פּלאַץ איז געלאָפן אַן עלטערע פרוי און האָט גערעדט צו זיך אַליין. זי האָט זיך גע־שטופּט צווישן האַמוין, געאַרבעט מיט ביידע הענט, און די גרויסע, געלאַטעטע שאַל אַף אירע פּלייצעס האָט זיך אַלעמאָל אראָפּגעגליטשט, געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און זיך נאָכגעשלעפּט איבער דער ערד. קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, איז זי ארוף אַף די עטלעכע טרעפּ, ווו ס'איז לעבן ארײַנגאַנג געשטאַנען דער מאַטראָס.

ער האָט זיך אויסגעצויגן, ווי דער שטייגער איז, און א פרעג געטאָן:

— צו וועמען דאַרפט איר, מאַמאַשאַ?

— וואָס הייסט צו וועמען? — איז זי באַרויגעז געוואָרן, — איך דאַרף האָבן צום סאַמע גלאַוונע נאַטשאַלניק.

דער מאַטראָס האָט א שמייכל געטאָן און איר אויסגעמאָלט, וווהין זי דאַרף גיין. די פרוי האָט געשפּאַנט איבער די מאַרמאָרנע טרעפּ און אַליין ניט באַמערקט, וויאַזוי זי איז ארופגעקומען אפן סאַמע העכסטן שטאָק, ווו ס'איז געווען זייער ליכטיק, מאַכמעס דאָ איז געווען אַן אָפענער קאָרי־דאָר מיט א וואַנט פון סאַמע שויבן, און געפירט האָט דער קאָרידאָר אפן באַלקאָן, וואָס האָט זיך איצט געבאָדן אין זון־שטראַלן. די פרוי איז ארוף אפן באַלקאָן, ווו די טיר איז געווען צעפּראַלט, און האָט א קוק געטאָן אראָפּ אַף דער ערד.

ס'איז געווען מעסוקן טשיקאווע זען אונטער זיך אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס איז פול מיט מענטשן, און אַ לאַנגע גאַס, וואָס שליסט זיך אָן אינעם פּלאַץ; אַף וויפל דאָס אויג דערגרייכט, קאָן מען זען אַ לאַנגע מענטשן־ריי, וואָס טוליעט זיך צו די ווענט פון די הײַזער. דאָס וואַרטן זיי, די מענטשן, מע זאָל זיי פאַרעגיסטרירן אַף דער אַרבעטס־בירזשע. נעכע דרייט אויס דעם קאָפּ און דערזעט אַן אומענדלעכן העל־גרינעם שעטעך, אַ פּליין, וואָס האָט ניט קיין סאָף און קיין ענד, און די כוואַליעס הערן ניט אויף אַף קיין איין אויגנבליק צו לויפן הין און צוריק. פונדערווײַטנס זעען זיי אויס, ווי אומגעהייער גרויסע געפאַנגענע פיש, וואָס וואַרפן זיך, מאַטערן זיך און קאָנען זיך ניט געפינען קיין אָרט.

אינגיכן האָט נעכע פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרקראָכן ניט אַהין ווו מע דאַרף, און זיך געלאָזט צוריק מיט די טרעפּ. דאָ האָט זי דערזען אַ האַלב־פינצטערן קאָרידאָר, איבער וועלכן עס זײַנען אַרומגעלאָפן מענטשן, און נאָך האָט זי באַמערקט אָן אַ צאָל טירן. גרויסע, מאַסיווע טירן. האָט זי זיך געלאָזט איבערן קאָרידאָר.

פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן קאָרידאָר, אומרויִק אַ קוק געטאָן אַרום זיך און איז קימאַט אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו איינער אַ טיר, וואָס איז געשטאַנען עטוואָס אָפן. אַף דער טיר איז אַף צוויי קנאָפּקעס געהאַנגען אַ ווײַס פּאַפּירל די גרייס פון אַ פּאָטשט־קאַרטל. עפּעס איז געווען אָנגעשריבן אַפן פּאַפּירל, נאָר וואָס — האָט נעכע ניט געוווּסט. זי האָט אַפילע ניט געוווּסט, וויאַזוי דאַרף מען זיי לייענען, די אויסיִעס, פון רעכטס אַף לינקס, צי פאַרקערט. נעכען האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז פון יענער זײַט טיר רעדט אַ באַקענטער מענטש. ווען נעכע וואָלט געקאָנט איבערלייענען דאָס פּאַפּירל אַף דער טיר, וואָלט זי זיך דערוווּסט, אַז דאָ אינעם קאַבינעט געפינט זיך דער באַפולמעכטיקטער פונעם פּאָליטפּראָסוועט באַם גובערוואָקאָם, אַ מענטש מיט אַ קורצער פאַמיליע — קיט. וויקטאָר איוואַנאָוויטש קיט. דעמלט וואָלט זי זיכער אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט, נעכע, און וואָלט אַוועק ווײַטער זוכן דעם נאַטשאַלניק, וואָס זי באַדאַרף. ווײַל אַזאַ פאַמיליע, ווי קיט, האָט נעכע, זינט זי לעבט, ניט געהערט...

איז זי געשטאַנען באַ דער טיר, זיך צוגעהערט, און דאָס האַרץ באַ איר האָט געטיאָכקעט, געפלאַטערט, געציטערט: ערגעץ האָט זי דאָך פאָרט געהערט ריידן אָט דעם מענטשן! נעכע האָט אַ שטויס געטאָן די טיר און אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין צימער.

אַלע, וואָס זײַנען דאָ געזעסן אין צימער, האָבן געהאַט איין אויסזען: אַלע זײַנען געווען אויפגערעגט, צעהיצט און אומגעדולדיק. נעכע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט, די באַקאַנטע שטים האָט געהערט דעם אומדערוואַרטן גאַסט, וואָס איז צוריק מיט אַ צײַט געקומען צו זיי באַנאַכט אין באַשקע. ער איז עס געזעסן באַם טיש. אָבער ניט צו אים האָט זי געשטרעבט צו קומען. נעכען האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן, און זי האָט זיך צעוויינט.

— ווען מיר וואָלטן געוווּסט, ווי לאַנג איר קלײַבט זיך צו וויינען, וואָלטן מיר אַף דער צײַט געמאַכט אַן איבערײַס! — האָט זיך געווענדט צו איר מאָטיע ברען, וואָס איז געזעסן אַפן דיוואַן. ער איז געווען שטאַרק באַרויִקט דערפאַר, ווײַל די ייִדענע איז אַרײַן אין צימער פּונקט דעמלט, ווען ער האָט געהאַלטן אינמיטן ריידן.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש קיט, וואָס איז געזעסן באַם טיש, האָט מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק באַטראַכט מאָטיען און צעפּירט מיט די הענט:

— זי האָט דאָך ניט געוווּסט, ווי לאַנג איר האָט בעדייע צו ריידן! — ער איז אַרויס פאַרן טיש, דערלאַנגט דער פּרוי די האַנט און איר פאָרגעלייגט אַ שטול.

— זיצט! באַרויִקט זיך! — האָט ער געבעטן. — וואָס איז מיט אײַך?

נעכע האָט געקוקט אַף אים און האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. די שטים איז דאָך געווען יענע, די זעלבע, וואָס האָט געהערט צו דעם מענטשן, צו וועלכן זי איז געקומען. זײַן שטים.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט.

— קאָן זײַן, אַז זי וויל אַרײַנטרעטן צו אונדז אין טרופּע!.. — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מאַגאַלניק. זײַן שפּאַס האָט באַ אַלעמען אַרויסגערופן פאַרדראָס.

— ביסט אַ קוויטיקער באַלאַגאַנשטשיק! — האָט זיך צעשריִען יאַשע בוביס און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— גרינגער איז אַראָפּצושלינגען אַ כיילעוון ליכטל, איידער דײַנע אַ כאָכמע! — האָט באַמערקט איליושע בלאַנק, וואָס איז געזעסן אין ווינקל אין אַ גרויסאַרטיקן פאָטעל, אַ באַצירטן מיט אַלערליי צלאָמים און קרוינען.

— נו, שולדיק! — האָט מאַגאַלניק זיך געבעטן. — שולדיק! איך בין זיך מוידע!

— אַנטשולדיקט אים, איך בעט אײַך! — האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר מאַגאַלניקן מאָטיע ברען. — ער האָט בעפיירעש אַ גרויסן טאַלאַנט צו ריידן נאַרישקײַטן.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך צעלאַכט.

נעבעך האָט גאָרניט פֿאַרשטאַנען פֿון דעם, וואָס זי האָט געהערט. זי האָט מיט פֿאַרדאַכט זיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן. וווּהין איז זי אַרײַנגעפֿאַלן? זי האָט באַטראַכט דעם מענטשן, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, און פּלוצעם איז איר אײַנגעפֿאַלן:

— איך האָב זיך געוואָלט באַ אײַך דערוויסן, — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן און עטוואָס אַ צעטומלטע אַרומגעקוקט זיך, — איך האָב געוואָלט באַ אײַך פֿרעגן, צי איר געדענקט נאָך מאָניען... דעם רויטן... לעצווערט איז זײַן פֿאַמיליע, ער איז פֿון אונדזער גאַס, פֿון דער באַלגאַרסקע...

— פֿאַרשטייט זיך! — האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט וויקטאָר איוואַנאָוויטש און האָט זי אָנגעכאַפּט פֿאַר די הענט. — אוודאי געדענק איך! — האָט ער באַשטעטיקט. — איר זײַט זײַן מאַמע? — האָט ער געוואָלט טרעפֿן.

— איך בין אַן אַנדער מאַמע. איך בין אַסיעס מאַמע.

— וואָס רעדט איר? — האָט ער איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און באַדויערנדיק צעפּירט מיט די הענט. — ווי זשע קומט עס, וואָס איך האָב אײַך גלײַך ניט דערקענט? ווײַזט אויס, אַז איך ווער שוין אַלט! — האָט ער באַשלאָסן. — איצט דערמאָן איך זיך, ווי אַזוי איך בין געווען באַ אײַך אין שטוב. און אײַער טעכטערל געדענק איך גוט, אַ העלער קאָפּ האָר און גרויסע אויגן, פֿאַרווונדערטע. איך האָב איר דעמלט געבראַכט אַ בריוו פֿון מאָניען. איך דערמאָן זיך, באַ אײַך האָט געוווינט איינער אַן אַרבעטער פֿון דער טאַבעק־פֿאַבריק... כ׳האָב פֿאַרגעסן זײַן נאָמען...

— מענדל? — האָט זי אויסגעשריִען. — פֿרעגט מיך, צי איר וועט אים שוין הײַנט דערקענען? ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער פּאָזיציע, איז ער גלײַך אַוועק צו גוראַריען אָף דער פֿאַבריק און געזאָגט אַזוי: „איך, זאָגט ער, האָב דאָ אָפּגעאַרבעט צוויי און צוואַנציק יאָר, די פֿאַבריקע איז מײַנע!” איר האָט שוין אַמאָל געהערט אַזוינס? אַצינד איז ער געהייסט עס, אַז די פֿאַבריקע איז מײַנע!” איר האָט שוין אַמאָל געהערט אַזוינס? אַצינד איז ער געוואָרן אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם! די אַרבעטער האָבן אים געמאַכט פֿאַר זייער פּרעזידאַטעל, און כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז ער וויל שוין כאַסענע האָבן. פֿאַרוואָס טאַקע זאָל ער ניט כאַסענע האָבן, אַז ער האָט אַ גאַנצע פֿאַבריקע? — האָט זיך נעבעך צעשמייכלט. — ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן!

— איך וואָלט אים געוואָלט זען! גיט אים איבער אַ גרוס פֿון מיר! — האָט געבעטן וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

— ס׳איז גוט צו זאָגן „גיט אים איבער אַ גרוס”! איר פֿרעגט בעסער, צי מיר זעען אים? אַז ער קומט גאָרניט אַהיים. און ווען האָט ער צײַט אַהיימצוקומען, אַז ער איז אַ באַלעבאָס פֿון אַזאַ פֿאַבריקע? טאָג און נאַכט איז ער דאָרט!

— און דאָס טעכטערל אײַערס וואָס טוט? — האָט ער זיך אינטערעסירט.

— וואָס זי טוט? — אַ טיפֿער זיפֿץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איר האַרץ. די פֿרוי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זי זיך ווידער צעוויינען. — רוכעס ווייסן זי, וואָס זי טוט! מע קאָן זיך דען דערוויסן באַ איר, וואָס זי טוט, וווּ זי קומט אַהין? נאָר איך בין דאָך, ווי איז צו מײַנע יאָרן, אַ וויסטע מאַמע! און אַ מאַמע מוז דאָך וויסן, ווייס איך... — זי האָט זיך אַרומגעקוקט און מיט אַ ראַכמים־בליק געבעטן, אַז מע זאָל כאַלילע ניט אַרויסטראָגן פֿונעם צימער דאָס, וואָס זי וועט באַלד אַלפּי־סאָד זאָגן. — זי גייט אַהין, אין קאַרטאַמישעווסקער געסל, ווו קיין איין באַלעבאַטישער מענטש גייט ניט, שוין אָפּגערעדט, אַז אַ מיידל זאָל זיך דערוועגן אַזעלכעס — שפּילן טיאַטער! און זי איז דאָך אַ מיידל! ווי איז דער מאַמען, וואָס זאָל איך טאָן מיט איר, וואָס?

— אָט דאָס איז אונדזער צושויער! — האָט מיקע טולקיס אָנגעוויזן אָף דער ייִדענע. — דאַפֿקע צוליב איר האָט מאָטיע ברען באַשלאָסן שאַפֿן אַ נײַעם טעאַטער מיט אַ גאָר נײַעם, אָריגינעלן רעפּערטואַר!

דאַסמאָל האָט אויסגעשאָסן אַ שטאַרקער געלעכטער. אַפֿילע וויקטאָר איוואַנאָוויטש, וואָס האָט די גאַנצע צײַט שווײַגנדיק נאָכגעשפּירט נאָכן געשפּרעך, האָט זיך אויך צעלאַכט.

— איר וואָלט בעסער אַ פֿרעג געטאָן באַ איר, צי איז זי כאָטש איין מאָל פֿאַרן לעבן געווען אין טעאַטער? — האָט פֿאָרגעלייגט אילישע.

— איז נאָך בעסער! — האָט אופּגעשטראַלט מאָטיע ברען. — וויבאַלד מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן זי פֿאַר אַ טעאַטער־צושויער, זײַנען מיר טאַקע מעכוייעוו צו באַזאָרגן זי מיט נײַעם רעפּערטואַר. און דאָס איז פֿאַר אונדז אַ ריינער געווינס, וואָס זי ווייסט ניט וועגן קיין שום „כינקע־פּינקע”, וועגן „כאַנטשע אין אַמעריקע”, מיט וועלכע מאַריץ סעגאַל האָדעוועט דעם אוילעם. וועט אונדז ניט אויסקומען אַרויסצושלאָגן פֿון איר קאָפּ אָט דאָס אַלץ! איר מעגט זײַן זיכער, אַז זי וועט ווערן אונדזער דאַנקבאַרער צושויער!

און קעדיי דאָס צו באַשטעטיקן, האָט ער זיך געווענדט צו דער פֿרוי:

— ווען מיר זאָלן אײַך, לאָמיר זאָגן, אײַנלאַדן אין טעאַטער, וואָלט איר, מיין איך, געגאַנגען?

— הערט מיך אויס, יונגערמאַן, — האָט זי געמאַכט צו מאַטיען צווײ שפּאַן, — איך בין פאַר אײַך ניט קיין מײדעלע, וואָס איר רעדט מיט מיר אַזוי. איך האָב דאָס גאַנצע לעבן מײַנס געווינט צווישן באַלעבאַטישע מענטשן! פרעגט בא זיי, וועט מען אײַך ענטפערן, אַז ניט מײַן באָבע, ניט מײַן זיידע, ניט מײַנע עלטערן, ניט איך און ניט מײַן מאַן, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, קיינער ניט פון אונדזער מישפּאָכע איז זינט ער לעבט ניט געווען אין טיאַטער, און גאָט וועט אונדז העלפן אויך אָף ווײַטער, אַז אונדזער פוס זאָל דאָרט קיינמאָל ניט זײַן! וואָס בין איך עפּעס — אַ הולטײַקע? — טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן. מיטן עק פון דער שאַל האָט זי גענומען ווישן דאָס פּאָנעם. — מיר לעבן ניט אַזוי פרײלעך, אַז מיר זאָלן לויפן אין די טיאַטערן!

— טע־טע־טע־טע־טע! — איז מאַטיע, אופהייבנדיק די הענט, אָפּגעטראָטן פון איר. — זאָגט זשע מיר, אויב אַזוי, וועמען זשע דינט דער טעאַטער?

— ליידיקגייער! פוסטעפּאַסניקעס! — האָט זי אויסגעשריִען. — וואָס זשע, אַ מענטש, וואָס האָרעוועט אָפּן שטיקל ברויט, טראַכט אַפילע וועגן אַזעלכע זאַכן? מער פעלט מיר ניט, ווי נאָר טי־אַ־טער!

— טשיקאַוועו! — האָט באַשלאָסן וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

אילױשע בלאַנק, וואָס איז אַזוי פעסט געזעסן אין פּאָטעל, איז מיטאַמאָל אופגעשטאַנען, גע־מאַכט צוויי שפּאַן איבערן קאַבינעט און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן מאַטיען און דער פרוי. פאַר אַלעמען אין די אויגן איז דער מענטש פאַרענדערט געוואָרן, מאַמעש ניט צום דערקענען. ער איז געוואָרן נידעריקער, די פּלייצע — ברייטער, דאָס פּאָנעם — אָפּגעצויגן, די אויגן — אויסגעלאָשן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אָף דער ברוסט, און אַלע האָבן דערזען פאַר זיך אַ טרעגער, וואָס טראָגט אַ שווערע לאַסט אָף דער פּלייצע, אַ לאַסט, וואָס דריקט צו ביז צו דער ערד. פון זײַן שטערן האָט געגאָסן דער שוויס... די פאַרוואַנדלונג איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אַז אין צימער זײַנען אַלע מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן.

— פאַראַן איז בא מיר אַ טעכטערל, — האָט אילױשע בלאַנק אָנגעהויבן, — אַ ליכטיקע, אַ זוניקע, און אַזאַ כיינעוודיקע, אַזאַ שטילינקע איז זי בא מיר, אַזאַ קליינינקע, אַז איך וואָלט זי געקאָנט אַוועקזעצן אָף מײַן דלאָניע, אַרײַנקוקן אין אירע שטראַלנדיקע אייגעלעך און צוזאַמען מיט איר פרייען זיך, קוקנדיק אָפּן וואַרעמען קאַיאָר, וואָס קומט אָן צוזאַמען מיט דער זון. אַזאַ מילדע איז זי, מײַן טעכטערל, אַזאַ צאַרטע, אַזאַ שמייכלענדיקע... ווען איך קוק אַרײַן אין אירע אייגעלעך, דוכט זיך מיר, אַז די גאַנצע וועלט איז מײַנע, די גאַנצע וועלט, מיט איר פרייד, מיט איר וואַרעמקײַט, מיט דער, זון... — אַלץ געהערט צו מיר! נאָר איך זע זי ניט, מײַן טעכטערל, זעלטן־זעלטן פאַלט מיר אויס דאָס גליק צו האַלטן זי אָף מײַנע הענט, זען איר שמייכעלע, הערן איר שטימעלע! די אַרבעט טרײַבט מיך אַרויס פון שטוב, ווען אין דרויסן איז פינצטער און מײַן קינד שלאָפט נאָך, און ווען איך קום אַהיים אָן אויסגעמאַטערטער, אָן אויסגעמוטשעטער, זע איך מײַן קינד נאָר ווען זי שלאָפט. די אַרבעט באַרויבט מיך, זי רויבט בא מיר אָפּ מײַן גליק! און אָט שטיי איך אַ טויט־מידער, אײַנגעבויגן איבער מײַן קינדס וויגעלע, און די הענט מײַנע ציִען זיך צו איר גלעגער: „טעכטערל מײַנס! זון מײַנע!..” — כאַזער איך איבער שטילערהייט צענדליקער מאָל.

אילױשע איז אַנשוויגן געוואָרן. אין צימער האָט קיינער זיך קיין ריר ניט געטאָן. אַלע האָבן נאָך איבערגעלעבט צוזאַמען מיטן פּאָטער, וואָס איז צעשיידט מיט זײַן קינד. אילױשע איז אַוועק צוריק אָף זײַן אָרט. וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, און דאָך איז ער גערירט געווען ביז טרערן. ער האָט זיך געווענדט צו נעכען:

— אָט דאָס הייסט טעאַטער! און איר זאָגט, אַז טעאַטער איז פאַר פוסטעפּאַסניקעס!

נעכע האָט געשוויגן. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן בא איר אין האַרצן, עפּעס האָט אין איר גע־זאָטן, און טרערן האָבן ווידעראַמאָל אַ שטראָם געטאָן פון אירע אויגן. טרערן! צי איז זי זיך עפּ־שער באַגאַנגען אָן זיי כאָטש איין טאָג אין איר לעבן? נאָר דאָס זײַנען געווען גאָר אַנדערע טרערן. פון זיי איז איר געוואָרן גרינגער און אין האַרצן איז שוין מער ניט געווען קיין פוסטקײַט. פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען אַריע, אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל ער האָבן, וואָס פלעגט, קומענדיק אַהיים פונעם פּאָרט אַ פאַרמוטשעטער, אַ טויט־הונגעריקער, שטיין לאַנג באַם וויגעלע, ווו אַסיע איז געשלאָפן.

— איך דערמאָן זיך, ווײַאַזוי כ׳בין אַמאָל געגאַנגען איבער דער מאַלאַ־אַרנאַוטסקע גאַס און געטראַכט גאָט ווייסט וועגן וואָס, — האָט מאַטיע ברען גענומען דערציילן, — ס׳איז געווען אַ ליי־בער פרילינג־טאָג, אַזאַ ווי הײַנט, מיט אַ ווינטעלע. פּלוצעם בין איך געבליבן שטיין, ווי גלײַך בא מיר האָבן זיך אָפּגענומען די פיס. ערגעץ ניט ווײַט האָט עמעצער געזונגען, אַ קינד צי עפּשער אַ יונג מיידל. ניין! דאָס איז געווען ניט קיין פּאָשעט געזאַנג! דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס האָט

נאָך ניט קיין נאָמען. לעבאַטכילע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איבער מײַן קאָפּ האָט זיך געעפֿנט דער הימל. בעקיצער, עס האָט געזונגען אַ מיידל אינעם הילזן־צעך באַ גוראַריען אין פֿאַבריק. צוערשט בין איך געשטאַנען אונטערן פענצטער און געהערט, אַ גליק, וואָס דאָס פענצטער איז געווען אָפֿן. קאַלזמאַן זי האָט געזונגען, האָב איך, פאַרשטייט זיך, וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט, נאָר ווען די ליד האָט זיך פאַרענדיקט, בין איך אַרײַנגעלאָפֿן אין טויער, פֿון דאָרט אין קאָנטאָר. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז מע האָט מיך באַגעגנט ביז גאָר העפֿלעך: „איר באַקומט באַ אונדז סכוירעס?", „איר ווילט מאַכן אַ באַשטעלונג?", „איר וועט צאָלן מיט מעזומאָנים?". איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אָף צוריק, צום אַרויסגאַנג. מע האָט געקוקט אָף מיר מיט מיטגעפֿיל, ווי אָף אַ דולן... עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד בין איך געקומען צו גוראַריעס פֿאַבריק און געוואַרט, אַז דאָס מיידל זאָל ווידעראַמאָל זינגען אירע לידער.

מאָטיע איז אַנשוויגן געוואָרן, אַ קוק געטאָן אָף נעכען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָט ווי־אַזוי איך האָב געפֿונען אײַער אַסיען.

ווען וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט אַרויסבאַגלייט נעכען פֿון קאַבינעט, האָט איליושע שווער אָפּגעזיפֿצט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַ הייליקע נעשאָמע — אַ מאַמע! זי לויפֿט נעבעך אָן אָן אָטעם, זי קאָן ניט אויסהאַלטן, לעמײַ די טאָכטער אירע קערט זיך אום שפּעט באַנאַכט. ווען זי ווייסט, ווי מיר האָבן געפֿונען איר טעכטערל, איר באַסיעכידקעלע...

— איך האַלט, אַז פּונקט דאָ מעג מען אַראָפּלאָזן דעם פּאָרהאַנג! — האָט אים איבערגעשלאָגן מאָטיע און מיט כאַס זיך אַראָפּגעלאָזט אָפֿן דיוואַן. — אָף וואָס זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? — האָט ער געפֿרעגט.

— מיר איז ניט אַלץ פאַרשטענדלעך! — האָט געזאָגט וויקטאָר איוואַנאָוויטש. — כ'פאַרשטיי, אַז אײַך אַלעמען ווילט זיך ווײַזן דעם צושויער אַזאַ ספּעקטאַקל, וואָס איז ניט ענלעך אָף דעם, וואָס מע האָט ביז איצט געוויזן אין יידישן טעאַטער. איך קאָן אויך פאַרשטיין דאָס, וואָס איר שטרעבט צוגרייטן אַ קאָנצערט־פּראָגראַם. דאָס איז ווײַט ניט קיין גרינגע זאַך. איך קאָן אָבער ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט איר באַשלאָסן, אַז מיטן נײַעם רעפּערטואַר מוזט איר גלײַך אַרויספֿאָרן אין די שטעטלעך?

— אין שטאָט זײַנען מיר איצט קיינעם ניט נייטיק! — האָט זיך נאָך אַ פּויזע אָנגערופֿן מיקע טולקיס.

— מיר זײַנען ניט זיכער, אַז די שטאָט וועט אונדז וועלן אויסהערן! — האָט צוגעגעבן איליושע. — מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די שטאָט האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געזען מישע פישזאָנען, ווערע זאַסלאַווסקאַיאַ, געהערט איזאַ קרעמער...

— נו איז וואָס? — האָט זיך געכידעשט וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

— וואָס הייסט וואָס? — איז אויפגעשפּרונגען מאָטיע ברען.

דער נאַטשאַלניק פֿונעם פּאָליטפּראָסוועט איז געווען, ווײַזט אויס, גוט געשטימט. ער האָט געקוקט אָף די פאַרזאָרגטע, פאַרדײַגעטע פּענעמער פֿון די אַרטיסטן און גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלע זייערע טײַנעס און ספּייקעס, מיט מיטגעפֿיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט אַ נײַגעריקן שמייכל געקוקט אָף זיי, ווען זיי האָבן גערעדט אַלע מיטאַמאָל. ווען ס'איז געוואָרן שטיל, האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש רויִק געזאָגט:

— איך האָב ניט קעגן, אַז איר זאָלט פֿאָרן אָף גאַסטראָלן... נאָר פּונקט אַצינד זײַט איר, ווי מיר שײַנט, מער נייטיק אין שטאָט. זייער נייטיק! איך וואָלט געזאָגט, אַז הײַנט־צו־טאָג זײַנען באַפֿאַלן די שטאָט צוויי גרויסע אומגליקן: די איספּאַנקע און די כאָלטורע. כ'קאָן אײַך נאָך זאָגן, אַז פֿונעם צווייטן אומגליק וועט זײַן שווערער זיך אויסצוהיילן... און דערפֿאַר האָב איך געוואָלט אײַך פֿאַרלייגן — וואַרט צו מיטן פֿאָרן. לאָמיר אָנהייבן אין שטאָט. לאָמיר פֿון אָנהייב אויסהערן, וואָס וועט זאָגן די שטאָט וועגן אונדזער קונסט! וואָס איז שײַך אײַערע ספּייקעס, זײַנען זיי גאַנץ געזעצלעכע. אַ סאַך ערגער וואָלט געווען, ווען באַ אײַך וואָלטן קלאָל ניט געווען קיין ספּייקעס! אַזוי דוכט מיר...

יאָשע בוביס האָט זיך אויפגעהויבן:

— אַרויסטרעטן אין שטאָט, אין אַ טעאַטער, ווו קימאַט אַלע צושויער ווייסן, אַז איך בין אַ שנײַדער, און ער — אַ צירולניק, און ער — אַ שוסטער, און ער — אַ פּריקאַזטשיק... זאָגט אַליין, כאָוועקיט, וואָס קאָן דערפֿון אַרויסקומען?..

— עס וועט זיך באַקומען זייער גוט! — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש געענטפערט. — ווען מיר וואָלטן ניט געגלייבט אין אונדזערע קויכעס, וואָלטן איצט אין שטאָט געווען די דעניקינצעס! אָט אַזוי!

— האָסט פאַרשטאַנען? — האָט זיך מאָטיע אויסגעדרייט צו יאָשע בוביסן.

— אין שטאָט איז ניטאָ קיין ברויט! — האָט אַ ברום געטאָן מיקע טולקיס. ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

— איך קען ניט אײַער שפּראַך, — האָט געזאָגט וויקטאָר איוואַנאָוויטש, — נאָר אַף וויפל איך ווייס, ווערט אין אײַערע ספּאָרים געזאָגט, אַז אויב ס׳איז ניטאָ קיין ברויט, איז ניטאָ קיין קונסט!.. איך צווייפל אָבער, צי קאָן איצט דער דאָזיקער אַפּאָריזם אונדז דינען.

— קיינער פון אונדז דענקט ניט אַזוי! — איז אופגעשפּרונגען מאַטיע ברען. — מיר האָבן דאָך רעפּעטירט עטלעכע כאַדאָשים, און קיינער פון אונדז האָט גאָרנישט ניט באַקומען, טאַקע לאַכלוטן גאָרניט!

— האָט זיך טאַקע גאָרנישט ניט באַקומען! — זאָגט אונטער מאַגאַלניק.

— אָבער שטענדיק קאָן דאָך אַזוי ניט זײַן! — האָט זיך אופגעכאַפּט פון זײַן אָרט מיקע טולקיס.

— ריכטיק! עס קאָן שטענדיק אַזוי ניט זײַן, — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש באַשטעטיקט. — זייער ריכטיק! שטענדיק וועט אַזוי ניט זײַן! נאָר מיר האָבן ניט קיין רעכט צו פאָדערן אַזוי קאַטעגאָריש. עס פלעגט זיך טרעפן אָפן פראָנט, אַז די רויטאַרמייער זײַנען ניט איין מאָל געגאַנגען אין אַטאַקע הונגעריקע. אַגעוו, וועגן דעם ווייסט איר פונקט אַזוי ווי איך, נאָר מיר ווילן אי ברויט, אי קונסט, און דאָס וועט זײַן!

ער איז, ווי פריִער, געשטאַנען באַם טיש, אָנגעשפּאַרט זיך אַף די דלאָניעס, און דער קערפּער זײַנער האָט זיך לײַכט געוויגט.

— וואָס פאַרא מעגלעכקײַטן האָבן מיר הײַנט? — האָט ער געפרעגט באַ זיך אַליין. — מיר קאָנען דעם קאָלעקטיוו צופעסטיקן צו דער רעווקאָמישער גאַרקיך. איך וועל זען באַזאָרגן אַ פּאַיאָק פאַר אײַך. אָפן גערעדט, קאָן איך אײַך זאָגן, אַז מיר אַליין האָבן נאָך דעם דאָזיקן פּאַיאָק ניט געזען פאַר די אויגן. נאָר ער וועט זײַן, ער וועט זיכער זײַן! אָט דאָס איז, צום באַדויערן, אַלץ, וואָס מיר קאָנען דערווײַל טאָן פאַרן טעאַטער.

אין קאָרידאָר איז ווידעראַמאָל געוואָרן אַ טומל. וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט געוואַרט, ביזוואַנען עס וועט פאַרבײַמאַרשירן די קאָמאַנדע מאַטראָסן, וואָס איז געקומען בײַטן דעם קאַראַול.

— דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען דערווײַל טאָן, צום באַדויערן! — האָט ער איבערגעכאַזערט. — מאָרגן וועט דער רעווקאָם אַרויסטראָגן אַ באַשטימונג וועגן דעם, אַז דער טעאַטער „קאָמעטאַ“ ווערט איבערגעגעבן אין אײַער רעשוס. די ערשטע צײַט וועט איר קאָנען דאָרט אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, מאַכמעס אין אָוונט איז דאָרט אַ קינאָ־טעאַטער. נאָר דאָס איז אויך דערווײַל. ווען די ערשטע פאָרשטעלונג אײַערע וועט זײַן גרייט, גיבן מיר אײַך פולשטענדיק איבער די „קאָמעטאַ“.

עס איז שוין געווען שטאָקפינצטער, ווען די אַרטיסטן פונעם נײַעם טעאַטער־קאָלעקטיוו האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז, וואָס איז געווען שטאַרק ענלעך אַף אַ גרויסער יאַמשיק. דאָ איז מען געווען וואַך סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט. דער מאַטראָס האָט שוין לאַנג פאַרלאָזט זײַן פּאָסטן. אָנשטאָט אים איז באַם אַרײַנגאַנג געשטאַנען אין קאַראַול אַ ציווילער באָכער אין אַ וואַטניק און מיט אַ קעפּקע אָפן קאָפּ. דעם קאַראַבין האָט ער געהאַלטן הארט צוגעטוליעט צום רוקן און באַגלייט מיט אַ שאַרפן בליק ניט נאָר די, וואָס זײַנען געקומען, נאָר אויך די, וואָס זײַנען אַרויס פונעם הויז, און אַפילע די, וואָס זײַנען געגאַנגען פאַרבײַ דעם רעווקאָם.

דער פלאַץ איז געווען פּוסט.

ביזן ראָג פון דער לאַנזשעראָנאָווסקער גאַס זײַנען די אַרטיסטן געגאַנגען שווײַגנדיקע. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זײַנע מאַכשאָווס. יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט מיטן אייגענעם סייכל פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען. דער הײַנטיקער טאָג האָט אָפּגעווישט אַלע זייערע פּלענער, וועלכע זײַנען אַזוי לאַנג אויסגעטראָגן און אַרומגעטראַכט געוואָרן. אַזוי, אַזוי! אויס וועג, איבער וועלכן זיי האָבן זיך שוין אין די מאַכשאָווס געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט; אויס שטעטל, אויס נאָזיווע און באַגײַסטערטע צושויער.

אילויִשע בלאַנק האָט אַ פרעג געטאָן, אַז אַלע זאָלן הערן:

— ווו זשע קומען מיר זיך מאָרגן צונויף, מאַטיע?

— עס איז דאָך געזאָגט געוואָרן: אין „קאָמעטאַ“! — האָט מאַטיע געענטפערט גאַנץ שטאָלץ און צוגעגעבן. — צען אַזייגער, פאַרגעדענקט, פונקט צען אַזייגער אינדערפרי! — ער האָט אַ טראַכט געטאָן און צוגעגעבן. — אַגעוו, וועל איך טאַקע גלײַך צוגיין און אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין טעאַטער. שוין לאַ־אַנג ניט געווען דאָרט, אַ שאָק מיט יאָרן!

מאַגאַלניק האָט, ווי עס פירט זיך באַ די אַקטיאָרן, זיך צוגעטשעפּעט צו אים. אַ פּאָמרעזש מוז שטענדיק זײַן לעבן רעזשיסער. צוזאַמען האָבן זיי די עטלעכע קוואַרטאַלן צו דער „קאָמעטאַ“ דורכגעמאַכט פאַר געציילטע צען מינוט. די טראַמווײַען זײַנען ניט געגאַנגען, האָבן זיי שווײַג־

דיק געשפּאנט צווישן די טראמוויַי־רעלסן איבער די טויטע גאסן. זעלטן ווו האָט געצאנקט א ליכטל צי א גאז־לעמפּל, וואָס איז געהאנגען הויך איבערן טויער, מע זאָל עס כאָלילע ניט צוגאנווענען, אָבער אלע שויבן זײַנען געווען אויסגעלאָשענע און שטומע. די פענצטער אף די ערשטע שטאָקן זײַנען מערסטנטייל געווען פארקלאפּט מיט שווערע לאָדן אָדער מיט אײַזערנע שטאָרן, אף וועלכע סע זײַנען געהאנגען שווערע שלעסער. ווען זיי זײַנען ארויס אף דער אוספּענסקער גאס, האָבן זיי פונדערווײַטנס דערזען א העל־באלויכטענע געבײַדע, וואָס האָט, ווי א לײַכט־טורעם, געווונקען און גערופן צו זיך. דאָס האָט געלויכטן דער טעאטער „קאָמעטא".

אונטערן סאמע דאשעק באם ארײַנגאנג אין טעאטער איז געשטאנען א פלאקאט, וואָס האָט מודיִע געווען, אז פארן פילם וועט דעם „הויכגעשעצטן פובליקום" באווײַזן ווערן א גרויסער דיווערטיסמענט־קאָנצערט מיטן אָנטייל פון דער באוווּסטער גאסטראָליאָרשע, דער באליבטער עסטראדע־זינגערין און טענצערן, דער פרוי מיטן צויבער־שמייכעלע, אנטקעגן וועלכן עס קאָנען ניט בײַשטיין ניט יונג, ניט אלט, — ווערא טאגאנאיעווא. אויסגעלאָזט האָט זיך דער דאָזיקער אנאָנס מיטן רוף: „אײַלט זיך קויפן בילעטן!".

בעשאס מאָטיע ברען און מאגאלניק האָבן געלייענט די פילצוזאָגנדיקע פלאקאטן, האָט זיך פונעם טעאטער דערטראָגן א לאנגדויערנדיקער קלונג. דאָס האָט זיך פונקט אָנגעהויבן א נײַער סעאנס — ווײַזט אויס, שוין דער לעצטער אינעם הײַנטיקן אָוונט. אפן קאָנטראָל, באם ארײַנגאנג, איז, ווי שטענדיק, ווי מיט א סאך יאָרן צוריק, געשטאנען נאָטע קאָפּ, א מאָגער מענטשעלע מיט אן אָפּגעפּליקט בערדל און מיט גראָווע שטעכיקע האָר. זײַן פּענעמל איז שטענדיק געווען א זויערס און נעבעכדיקס. דאפקע נאָטע קאָפּ איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאר דער ארבעט פון א קאָנטראָליאָר, מאכמעס ער האָט געקאָנט מיט זײַנע לאנגע און דארע הענט אָנכאפּן א „האָז" באם דויפּעק און אים אזוי צוקוועטשן, אז יענער האָט דערזען די באָבע פון יענער־וועלט. אזא קויעך האָט פארמאָגט אָט דאָס מאָגערע מענטשעלע מיטן זויערן פּענעמל.

מאָטיען האָט ער באגעגנט ווי אן אלטן באקאנטן מיט אברייטן באָרעכהאבע.

— פּאזשאליסטא! — האָט נאָטע נידעריק זיך אָנגעבויגן און צעפּירט מיט די הענט. — אויוואַ! אזא צײַט זײַט איר ניט געקומען אין טעאטער, מוסיו ברען!

נאָטע קאָפּ האָט געטיילט די מענטשהײַט אף צוויי פארשיידענע לאגערן. אינעם ערשטן זײַנען געווען פײַנע מענטשן, באלעבאטישע קינדער. די, וואָס קויפן בילעטן און קומען אין טעאטער כאָלילע ניט בעגילופן, שטופּן אים אָפּטמאָל ארײַן אין דער יאד א פּאפּיראָסל, באנוצן זיך מיט זײַנער א רעקאָמענדאציע, — ער האָט שטענדיק געהאט באקאנטע מיידלעך, וואָס האָבן שפּאצירט לעבן טעאטער און פלעגט פאר זיי געפינען קוינים, — די דאָזיקע מענטשן פלעגט ער רופן ניט אנדערש ווי „מוסיו". אלע איבעריקע האָט ער ארײַנגעשטופּט אין צווייטן לאגער, וואָס איז באשטאנען בלויז פון „זשלאָבעס". מיט זיי האָט נאָטע, פארשטייט זיך, ניט געפּירט קיין געשפּרעכן. מיט די זשלאָבעס פלעגט אים אָפּט אויסקומען ארײַנצוטרעטן אין א געשלעג. צווישן זיי זײַנען געווען „האָזן", מענטשן אָן בילעטן, הייסט עס, אנדערע פלעגן קומען אין „קאָמעטא" אונטערן גלעזל, א דריטער פלעגט צושטיין צו א מויד אָדער צו א דאמאָטשקע, ביז יענע איז געצווונגען געווען זיך צעשרײַען איבערן גאנצן טעאטער: „נאָטע! ווו איז נאָטע!"

— טאקע! ווו זשע זײַט איר אזוי לאנג פארפאלן געוואָרן? — האָט זיך אינטערעסירט נאָטע קאָפּ. ער האָט באטראכט זײַן אלטן באקאנטן מאָטיע ברען און זײַן באגלייטער.

— אלץ קיין צײַט ניטאָ! — האָט זיך באקלאָגט מאָטיע. — אָט, קאָן זײַן, אז פון מאָרגן אָן וועלן מיר זיך זען אָפּטער. כ'האָב טאקע געוואָלט א בעט טאָן, אז איר זאָלט מאָרגן, אזייגער אכט אינדערפרי, ארײַנקומען אין טעאטער. איר וועט אונדז מיט עפּעס מיטהעלפן.

— פּאזשאליסטא! מיטן גרעסטן פארגעניגן! — האָט נאָטע געענטפערט מיט גרייטקײַט. — דער מוסיו פוקס ווייסט אָבער, אז איר דארפט מיך? — האָט ער זיך אינטערעסירט צו וויסן.

— ווער איז ער, מוסיו פוקס? — האָט זיך פון זײַן זײַט נאָכגעפרעגט מאָטיע.

— ווי קומט עס, אז איר זאָלט ניט קענען דעם מוסיו פוקס, דעם ארענדאטאָר פון דער „קאָמעטא"? גייט ארײַן צו אים, ער איז מיסטאמע שוין בא זיך אין קאבינעט.

מאָטיע ברען און מאגאלניק האָבן זיך גיך אופגעהויבן אף די טרעפּ, זײַנען פארבײַ די גרויסע פאָיע, ווו די שײַן איז שוין געווען אויסגעשלאָסן, און ארײַן אין צושויער־זאל דורך די ברייטצעעפנטע טירן. דער סעאנס האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, און אין זאל איז געשטאנען א שטארקער טומל. די צושויער, וואָס האָבן פארשפּעטיקט, האָבן זיך געזידלט, מאכמעס זייערע ערטער זײַנען געווען פארנומען — אף קארגע פיר הונדערט פלעצער זײַנען געווען פארקויפט ניט ווייניקער ווי זעקס הונדערט בילעטן. אלע דורכגאנגען זײַנען געווען ענג פארשטעלט מיט בענק, טאבורעטקעס און שטולן, דורכשטופּן זיך צווישן די רייען איז געווען אומעגלעך, אזוי ענג זײַנען געשטאנען די בענק. די אָרקעסטער־גרוב איז געווען פארקלאפּט מיט ברעטער, קעדיי צו פאר־

גרעסערן דעם זאַל. די נײַגעריקע צושויער האָבן געפּאַקט אַף זיך מיט צײַטונגען, נאַזטיכלעך און היטלען, ס׳איז געווען אומעגלעך צו כאַפּן דעם אָטעם. פונדעסטוועגן האָט די גאַנצע מישפּאָכע פוקס — ער אַליין, זײַן פרוי און זײַנע צוויי טעכטער, איינע ענלעך אַף דער צווייטער — הויכע און מאַגערע, זיך געפּונען אין זאַל. זיי האָבן זיך געדרוקט פאַרבײַ די רייען און קאָנטראָלירט די בילעטן.

דער פאָרהאַנג איז געווען אַראָפּגעלאָזט, נאָר פון יענער זײַט, אַף דער בינע, האָט מען גע־רימפּלט אַפּן ראַיאַל. געשפּילט האָט מען אַ מאָדנע אַרגענטינער טאַנגאָ.

סאַפּקאָלסאָף האָט מוסיו פוקס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און די שײַן אין זאַל האָט זיך אויסגעלאָשן. עטלעכע מינוט איז דאָס הויכגעשעצטע פובליקום געזעסן אין דער פינצטער, נאָכדעם האָט זיך דער פאָרהאַנג לאַנגזאַם אופגעהויבן. איינע פונעם אָרענדאַטאָרס טעכטער איז אַרויס אַף דער בינע און אופגעהויבן די האַנט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין צײַט אופצו־הערן טומלען, ווײַל זי האָט צו זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס. ווען אין זאַל איז ענדלעך שטיל גע־וואָרן, איז זי צוגעגאַנגען צו דער ראַמפּע, שטאָלץ פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אויסגעשריען:

— ווערא טאַ־גאַ־נאַ־יע־וואַ!

און האָט דערבײַ אופגעהויבן ביידע הענט.

דאָס האָט באַטײַט, אַז דאָס הויכגעשעצטע פובליקום דאַרף ווערן איבעראַשט און באַגעגענען די אַקטריסע מיט אַן אָוואַציע. קיין אָוואַציע איז ניט געווען. אין די ערשטע רייען האָט עמעצער אָקשאָנעסדיק געקלאַפּט בראַוואָ... איינער אַ ווערגלעץ האָט הויך, אַפּן גאַנצן זאַל, אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, וואָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז ער שיקט עמעצן אַ קוש. אין זאַל האָט מען אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. געלאַכט האָבן מערסטנס די באַרישניעס. אין די הינטערשטע רייען האָט מען אָנגעהויבן פײַפן, נאָכדעם טופּען מיט די פיס, דעם אָרענדאַטאָרס טאָכטער האָט מיט אַן ענערגישן זשעסט באַוויזן דעם הויכגעשעצטן פובליקום, וויאַזוי מע דאַרף באַגעגענען די באַוווּסטע אַקטריסע, — זי האָט אָנגעהויבן פּאַטשן בראַוואָ. קיינער האָט ניט געפּאַטשט, און אַף דער בינע איז אַרויסגעקומען די באַליבטע עסטראַדע־זינגערן און טענצערן, די פרוי מיטן צוי־בער־שמייכעלע.

— אוי! לאָמיך אויסגיין אַף דעם אָרט! — האָט אַ געשריי געטאָן מאַגאַלניק און אָנגעכאַפּט זײַן רעזשיסער בא דער האַנט. — אוי! סע איז דאָך קלאַרע סעגאַל, די פּרימאַדאָנע!

— כ׳בין מאַמעש אַנציקט פון דיר! וויאַזוי האָסטו זיך אַזוי גיך אָנגעשטויסן? — האָט אים געלויבט מאָטיע ברען.

קלאַרע סעגאַל, אָדער ווי זי האָט זיך שוין איצט גערופן, ווערא טאַגאַנאַיעוואַ, איז געווען אָנגעטאָן אין הויזן, זייער ברייטע, וואָס האָבן געמאַכט פולער איר פיגור, אַף די פיס האָט זי גע־טראָגן מענער־טופל אָן אָפּצאַסן, קעדיי אויסזען עטוואָס נידעריקער. אינעם צו גרויסן פראַק און אין דער ווילדער שליאַפּע אַפּן קאָפּ האָט זי אויסגעזען זייער לעכערלעך. ווי נאָר זי האָט זיך באַ־וויזן אַף דער בינע, האָט אין זאַל זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרק געלעכטער. די גאַסטראָליאָרשע האָט אויסגעוואַרט, אַ שמייכל געטאָן, — עס איז איר געפעלן, וואָס דער אוילעם לאַכט, — איז זי צו־געגאַנגען ביז צו דער אוואַנסצענע, אַ ווונק געטאָן צום אוילעם. אין זאַל איז געוואָרן נאָך טומל־דיקער. פוקס׳ טאָכטער האָט זיך געזעצט צום ראַיאַל און אָנגעהויבן אויספּויקן אַ באַקאַנטע בראַ־ווורע מעלאָדיע. ווערא טאַגאַנאַיעוואַ האָט אין טאַקט פון דער מוזיק געוואָרפן מיט די הענט און מיט די פיס, פונקט ווי זי וואָלט זיך לערנען שווימען. דאָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג, נאָר ווען זי האָט דערפילט, אַז דאָס געדולד באַ דעם הויכגעשעצטן פובליקום קאָן פּלאַצן, האָט זי צע־עפנט דאָס מויל און אַרויסגעשטעלט דעם אוילעם די צונג. דער דאָזיקער אײַנפאַל האָט נאָכאַמאָל אַרויסגערופן אַ הילכיק געלעכטער, און דאַן האָט קלאַרע סעגאַל, אָדער אויב איר ווילט, ווערא טאַגאַנאַיעוואַ, אָנגעהויבן זינגען אַפּן מאָטיוו פון דער אַרגענטינער טאַנגאָ:

Жить на свете не легко,
Жить на свете тя-же-ло!
Чтоб прожить, так надо миллионы.
Дети поднимают хай:
«Папа-мама, кушать дай!»
Хоч продай последние кальсоны!

— פאַרמײַנעטוועגן וועט זײַן גענוג, — האָט מאָטיע געזאָגט צו מאַגאַלניקן, — מיר מוזן נאָך הײַנט כאַפּן אַ שמועס מיטן מוסיו פוקס אַליין. כ׳מיין, אַז ער האָט זיך שוין באַפרײַט און וואַרט אַף אונדז. גייען מיר?

מיט ביטערע שוועריקײַטן האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פונעם פולגעפּאַקטן זאַל. אין דער גרויסער

פאַיע, שוין לעבן ארויסגאַנג, אין דער רעכטער זײַט באַ די סאַמע טרעפּ איז געווען דעם אַדמי־ניסטראַטאָרס צימערל. א מין שמאָל קעמערל אָן אַ פענצטער. וויפל מאָל איז ער, מאַטקע ברען, שאַענווײַז אַפּגעשטאַנען לעבן דעם דאָזיקן צימערל? וויפל מאָל האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג די פאַיע, דעם וועסטיביול, דעם זאַל, די בינע און אַט דאָס קלייניקע צימערל, געוואַשן די דילן, גלאַט צוגעקערט... און וויפל מאָל איז ער געבליבן אַף נאַכטלעגער אין דער „קאַמעטאַ“. ער פלעגט זיך אויסבעטן אינעם ברייטן פאָטעל, וואָס איז אַמאָל געמאַכט געוואָרן ספּעציעל פאַר „מי־רעלע עפראָס“, און זיך צודעקן מיטן טײַערן פוטער פון ראַפאַיל פרידלענדער. דער „טײַערער“ פוטער איז געווען געדעקט מיט געפאַרבטן קאָלנקאַר און אונטערגעקלאַפּט מיט גרויער וואַטע אַף מאַרליע, און דער פאָטעל איז געווען געמאַכט פון ניט געטעסעטע ברעטער, באַצירטע מיט בוטאַפאָרישע אינקרוסטאַציעס. אויסגעפאַרבט איז ער געווען מיט אַ גאָלד־פּראָשעק. מאַטיע ברען האָט זייער גוט געקענט די „קאַמעטאַ“! ער האָט דאָ געוווּסט יעדער גראַבל אַף די קויטיק, לאַנג שוין ניט געווײַסטע ווענט, יעדער אופשריפט אַף זיי, וואָס איז שוין אומעגלעך געווען אָפּצומעקן. די טיר פונעם אַדמיניסטראַטאָרס צימערל איז געווען פאַרמאַכט. פון דער זײַט טיר איז גע־שטאַנען אַף דער וואַך נאַטע קאַפּ. ער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו די ברע־טער, און אין מאַטיעס אויגן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ געטרײַער דינער, וואָס ריזיקירט מיטן לעבן, אָפּהיטנדיק דעם אַרײַנגאַנג אין אַלקער פון דער קיניגן, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט איר גע־ליבטן. אַגעוו, די, וואָס האָבן זיך געפונען פון יענער זײַט טיר, האָבן טאַקע איבערגעלעבט די גרויסע פרייד פון זיסער טײַווע — זיי האָבן געציילט דאָס אָפּגעלייזטע געלט.

נאַטע קאַפּ האָט מיט אַ פּאַך פון דער האַנט געוויזן מאַטיען און מאַגאַלניקן, אַז צו דער טיר איז שטרענג פאַרבאָטן צוצוגיין.

— וואָס זײַט איר גאָר פלוצעם אוועק פונעם קאָנצערט? — האָט ער זיך געכידעשט.

מיר דאַרפן נייטיק אײַער באַלעבאָס, — האָט מאַטיע אים געגעבן צו פאַרשטיין.

— פונקט געפונען די צײַט! — האָט זיך נאַטע געבייזערט. — איר׳ט שוין בעסער קומען מאָרגן.

— אונדז איז נייטיק אים זען אַצינד!

— מאַלע וואָס סע איז אײַך נייטיק! עס ברענט? — האָט נאַטע קאַפּ געצוקט מיט די אַקסלען און געכויזעקט פון זיי, — מע וועט זאָגן אַ דאַנק, אויב מוסיו פוקס וועט אײַך וועלן אופנעמען מאָרגן!

ניט לאַנג געטראַכט, האָט מאַגאַלניק אַ שטויס געטאָן דעם וועכטער און מיטן פויסט אָנגע־קלאַפּט אין טיר. נאַטע האָט אים אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט, גרייט צו שלאָגן זיך ביז בלוט. מאַגאַלניק האָט אים אָבער אָפּגעשטויסן פון זיך, און מאַטיע האָט ווידעראַמאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— נעל־זיאַ![1] — האָט מען געשריִען פונעם צימערל. — נאַטע! ווו ביסטו דאָרט?

נאַטע האָט שיר ניט געוויינט פון פאַרדראָס.

— נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — האָט ער געשריִען אַף מאַטיען און זיך געוואָרפן אַף אים מיט די פויסטן. — הערט נאָר אַ נײַס! דערלאַנגט זיי באַלד דעם מוסיו פוקס! סע ברענט באַ זיי!..

מאַגאַלניק האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט, דאָסמאָל מיט ביידע פויסטן. די טיר האָט זיך אופגע־עפנט. אַ ביז גאָר צעבייזערטער, האָט זיך באַוויזן מוסיו פוקס, הינטער זײַן פּלייצע איז געשטאַנען זײַן פרוי.

— וואָס איז? וואָס איז געשען? ווער זײַט איר? וואָס דאַרפט איר דאָ? — האָבן געשריִען לויט דער רײ מוסיו פוקס און זײַן פרוי, וואַרפנדיק בייזע בליקן אַף נאַטען און אַף מאַטיען מיט זײַן געהילף. — נאַטע! פאַרוואָס לאָזטו אַרײַן אַהער אַלע די, וואָס שליאָנדערן דאָ?

— מיר דאַרפן מיט אײַך ריידן, — האָט געזאָגט מאַטיע, אַף וויפל עס איז געווען מעגלעך, מיט אַ רויִקער שטים.

— הײַנט נעם איך ניט אוף! איר האָט דאָך געהערט? ער האָט דאָך אײַך געמאָלדן! — האָט אַ געשריי געטאָן מוסיו פוקס און געוואָלט פאַרקלאַפּן די טיר, נאָר מאַגאַלניק איז שוין געשטאַנען אַף דער שוועל. פוקס האָט געשריִען:

— איר וועט קומען מאָרגן! איר וועט קומען איבערמאָרגן!

— איר קאָנט אינגאַנצן ניט קומען! — האָט אים געהאָלפן זײַן פרוי.

— הײַנט נעם איך קיינעם ניט אוף!

— און מאָרגן קאָנען מיר ניט! — האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מאַגאַלניק.

---

[1] מע טאָר ניט.

4*

— מיר זײַנען געקומען צו אײַך פונעם גוברעװוקאָם! — האָט מאָטיע געמאָלדן.

— װער איז ער עס אַזױנס? מיר קענען ניט קײן שום רעװוקאָם! — האָט זיך אַרױסגעכאַפּט מאַדאַם פוקס.

— צוליב װאָס טויג ער מיר, דער גוברעװוקאָם אײַערער? איך האָב ניט קײן שום אײסעקים מיט אים!

— װאָס באַאומרוּיִקט איר זיך אַזױ? — האָט מאָטיע געפּרוּװט אים אײַנשטילן. — מיר דאַרפן פון אײַך נאָר אײן קלײניקײט: מיר זײַנען געקומען אײַך מעלדן, אַז פון מאָרגן אײנדערפרי װעלן מיר, לויט דער באַשטימונג פונעם גוברעװוקאָם, רעפּעטירן דאָ אין „קאָמעטאַ".

— װער איז עס „מיר"? װער זײַט איר אַזױנס?

— מיר? מיר זײַנען אַ קאָלעקטיװ אַקטיאָרן! איז אָט װעלן מיר זיך צונױפקומען אַהער אין „קאָמעטאַ" יעדער פרימאָרגן און װעלן רעפּעטירן אַ גאַנצן טאָג, ביז אָװנט! — האָט אים מאַגאַלניק געגעבן צו פאַרשטײן.

— אָט טאַקע פּאַשעט אַזױ װעט איר נעמען און קומען אַהער? — האָט פוקס כּװיזעק געמאַכט. — װאָס הײסט עפּעס „איר װעט נעמען"? עפּעס גלאַט אַזױ נעמט מען? מיר האָבן דאָך אַ פּאַטענט! — האָט זיך צעשרױען מאַדאַם פוקס.

מוסיו פוקס האָט זיך אױסגעדרײט צו זײַן פרוי, װי צום אײנציקן צוהערער, װאָס האָט די רעכט צו רײדן מיט אים, און אָנגעהױבן אױסרעכענען אױף די פינגער:

— איך האָב שױן אָפּגעצאָלט ביז אַ פּרוטע פאַר אַלע אַכט סעריעס פון „טײַנאַ ניו־יאָרקאַ", דאָס װעל איך װײַזן ביז פײַסעך, נאָכדעם האָבן מיר פיר סעריעס „מאַסקאַ סמערטי", און ער װיל מיר קומען אַהער, אַזאַ מערזאַװעץ!..

מאַדאַם פוקס איז אָבער געװען פאַרנומען מיט אירס — זי האָט אָפּגעיך צונױפגענומען פון טיש די בילעטן־ביכלעך און זײ צעשטופּט אין די קעשענעס פון איר ברײטן מאַנטאָ. דאָס געלט האָט זי נאָך פריִער באַװיזן אַרײַנשטופּן אין בוזעם. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט שױן בכּלל ניט, װעגן װאָס דער מאַן אירער שרײַט, מאַכמעס זי האָט געװוּסט, אַז אױב ער צעשרײַט זיך, איז שױן אומעגלעך אים אָפּצושטעלן.

— נו, גוט! — האָט נאָכגעגעבן מאָטיע ברען. — פרעגט זיך, צוליב װאָס דאַרף מען זײַן אַזױ נערװעז! איר װעט װײַזן אײַערע שדעװורען און די קאָנצערטן מיט די שענסטע און בעסטע אַקטריסעס, און אין אָװנט װעט איר אונטערעכענען די קאַסע, צײלן דעם פּידיען... נאָר באַטאָג שטײט דאָך די געבײַדע לײדיק? צוליב װאָס דאַרפט איר האָבן דעם טעאַטער באַטאָג?

— הער נאָר, כּ׳בעט דיך! — איז אַזש אונטערגעשפּרונגען מוסיו פוקס. — װאָס איז דײַן טאַטנס אײסעק, װאָס באַ מיר אין טעאַטער טוט זיך באַטאָג? איך צאָל אַרענדע פאַרן טעאַטער, הײסט עס, אַז איך דאַרף אים האָבן אַ גאַנצן מעסלעס! געפעלט דיר, װאָס פאַר אַ באַלעבאָס איך װאָלט געװען, װען דער טעאַטער שטײט באַ מיר פּוסט באַטאָג?

די מאַדאַם פוקס האָט פאַרקנעפּלט דעם מאַנטאָ און איז אַרױס פון צימער.

— נו, נו! אַזאַ אָנשיקעניש! — האָט זי געזאָגט, ניט װענדנדיק זיך צו קײנעם.

מוסיו פוקס איז אַרױס נאָך איר. באַ די טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— װעסט פאַרמאַכן דעם טעאַטער נאָכן סעאַנס און די שליסל װעסטו מיר ברענגען אַהײם, — האָט ער באַפױלן נאָטען. יענער איז געשטאַנען אָנגעבױגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מאָטיע מיט מאַגאַלניקן זײַנען געשטאַנען באַ די טרעפּ און ניט געװוּסט װאָס צו טאָן.

— מאָרגן װעלן מיר מוזן דערצײלן װעגן דעם אַלץ װיקטאָר איװאַנאָװיטשן, — האָט באַשלאָסן מאַגאַלניק און זיך געלאָזט גײן, — אַנטקעגן װיקטאָר איװאַנאָװיטשן װעט ער אױסזען װי אַ פלױ קעגן אַ לײבּ, אָט דער דאָזיקער מוסיו פוקס!

מאָטיע האָט מיד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אַ פלױ פאַרמאָגט אַ מײַלע: דער לײבּ קאָן די פלױ ניט בײַסן, װען פאַרקערט...

אױפן שװאַרצן סאַמעטענעם הימל איז געהאַנגען אַ גרױסע שלעכט אױסגעמאָלטע לעװאָנע, װאָס האָט פונדעסטװעגן ניט שלעכט באַלױכטן די פּוסטע גאַסן. אַרום און אַרום איז ניט געװען צו זען קײן אײן נעפעש. און נאָר דאָס צװױרקעניש פונעם קינאָ־אַפּאַראַט האָט דערמאָנט, אַז ערגעץ־װוּ צאַנקט דאָס לעבן פון דער באַנאַכטיקער שטאָט.

— מע דאַרף דאָך אַמאָל גײן אַהײם! — האָט זיך מאָטיע דערמאָנט. — נו? װאָס זאָגסטו?

קאפיטל זעקס

„זיבעצן"

דער עמעסער גאנײדן, פון װעלכן מע קאָן ניט אַרױסטרײַבן דעם מענטשן, געפינט זיך, אױ־װײ, נאָר אין זײַנע טרױמען. מאָטיע ברען פלעגט זיך אָפּט אַרײַנכאַפּן אין אָט דעם גאנײדן און אַזױאַרום זיך ראַטעװען פון אַלע צאָרעס, װאָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים פּוסטריט. אָט האָט זיך געטראָפן אינעם דאָזיקן אָװנט, אַז װען ער האָט זיך שױן גאַנץ שפּעט געזעגנט מיט דאַװידקע מאַגאַלניקן לעבן טױער פונעם הױז, אין װעלכן ער האָט געװױנט, און איז פאַרבליבן אײנער אַלײן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פאַרטראַכט זיך, געטראַכט האָט ער װעגן אַלע אומגליקן, װאָס האָבן געלאָקערט אַרום אים, און מיטאָמאָל זיך צעלאַכט, װײַל אַלע אומגליקן זײַנען שױן געװען אין אָװאַר, זײ זײַנען געװען הינטער אים. לאַכן פונעם אָװאַר — װאָס קאָן זײַן גרינגער? אָבער פּרוּװ אױסלאַכן דאָס, װאָס װאַרט ערשט אױף דיר!

עפּשער דערפאַר װײַל די נאַכט איז געװען אַ פּײַכטע, אַ װינטיקע, מיט אַן עסעריקער קעלט, עפּשער דערפאַר, װאָס ער האָט זיך פאַרן טאָג שטאַרק אײַנגעמידט און אױסגעהונגערט, װי אַ הײמלאָזער הונט, צי עפּשער דערפאַר װאָס ער האָט נאָך געמוזט אױסהערן בעטיעס באַנאַכטיקע טפּילע, זײַן װײַבס מינכע־מײַרעװו!.. איז אים אַזױ ביטער געװען אױפן האַרצן. אױ, איז דאָס געװען אַ טפּילע! בעטיע האָט געשריגן אין אײן אָטעם, דערבײַ האָט זי זיך אַלײן אַקאָמפּאַנירט מיט אַ קלאַפּערײַ פון קאַלערלײ כּפּײצים, װאָס זי פלעגט װאַרפן אױפן דיל, אין די װענט (עמעס, קײן זאַכן, װאָס מע קאָן צעברעכן. זײַנען שױן אין שטוב פון לאַנג ניט געװען), און איר „טפּילע" פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגדױערנדיקער היסטעריקע.

נײן, בעסער איז שױן ניט אַרײַנצוקומען אין שטוב. נאָר אױב אַזױ, װוהין זשע גײט מען? עפּשער זיך אַראָפּכאַפּן אין קאַרטאַמישעװוסקער געסל? עליע פּאַרמאַכט סײַװױ ניט די טיר. אַרײַנשמוגלען זיך אין קעלערל, פון דאָרטן, אױב עס װעט זיך אײַנגעבן, אַרײַן אין קיך, ס'איז דאָך דאָרט פאַרט װאַרעמער, װי אין דרױסן. אָך, װי גוט איז אױסצוציִען זיך אױף דער באַנק, אונטערלײגן אונטערן קאָפּ אַ װאַרעמען פּױסט און כאַפּן אַ שלאָף ביזן גרױסן טאָג אַרײַן! און אינדערפרי דאַרף מען זיך ערשט װידער פאַרפירן מיטן מוסיו פּוקס און מיט זײַן קאָמפּסױיקער מאַדאַם. געװיס װעט אין שלאַכט אַרײַנטרעטן אױך נאָטע קאָפּ, און אין דעם פּראָט איז נאָטע אַ מומכע.

יאָ. מאָרגן װעט זײַן אַ פײַנער טאָג!

מאָטיע רײַסט זיך מיטאָמאָל אָפּ פונעם אָרט, און אין דער נאַכט־שטילקײַט װערן ערגעץ פאַרשװוּנדן זײַנע טריט — געזאָגט, און גלײַך אין װעג אַרײַן! קאַרטאַמישעװוסקער געסל איז קאַרטאַמישעװוסקער געסל! נאָר װען זשע װעט ער קומען אַהין, אױב ער האָט באַשלאָסן גײן דורך דער קאָנטעטשנער גאַס? װאָס איז ער, כאַסערדײע צי װאָס? עפּשער איז ער שיקער? אײַ, מאָטיע? װוהין גײסטו?..

נײן, ער איז ניט כאַסערדײע. באַ אַ נידעריק פּענצטער, װאָס ליגט אױף דער העלפט באַגראָבן אין דער ערד, לאָזט זיך מאָטיע אַראָפּ אױף די קני, מיט זײַן װאַרעמען אָטעם בלאָזט ער אױף דער שױב, נאָכדעם לײגט ער צו דעם אױער צו דער טאָפליע, הערט אַ װײַלע זיך צו און נעמט שטיל פּליסטערן.

קאָן זײַן, אַז עמעץ אַנדערש װאָלט װײַטער געשלאָפן און געזען גוטע כאַלױמעס — עס איז דאָך סאַמע מיט נאַכט, נאָר איך שפּרינג אַראָפּ פונעם טאַפּטשאַן אַזױ, אַז קײן סקריפּ זאָל קײנעם ניט אױפװעקן; מיט פלינקע הענט כאַפּ איך אױף זיך אַרױף דאָס רעקלעלע, און אָט בין איך באַם פענצטער.

אין אַ רעגע אַרום זײַנען מיר שױן צוזאַמען.

— איך קלער, אַז דו ביסט זיך פאַרזעסן אַלס סופּליאַר! — הײבט אָן מאָטיע דעם באַנאַכטיקן געשפּרעך און לײגט מיר אַרױף אױפן אַקסל זײַן שװוערע האַנט — אַזױ איז אונדז לײַכטער צו גײן, עס איז װאַרעמער. — מיר, פרײַנט מײַנער, — גיט ער צו פאַרשטײן זײַן געדאַנק, — זײַנען בלױז די, װאָס טראָגן פאַנאַנדער צו פאַרקױפן דאָס, װאָס מיר שאַפן. פאַר אונדזער שאַפונג דאַרפן מיר קריגן באַלאָנים, און דאָס איז ניט אַזױ גרינג, װי עס קאָן זיך אױסדאַכטן. אָט באַלד פאַרענדיקט זיך די נאַכט, װעט קומען אַ נײַער פרימאָרגן, דעם דאָזיקן פרימאָרגן װעלן מיר אַרײַנקומען אין אַ נײַעם טעאַטער. דאָס איז שױן ניט קײן טרױם, ניט קײן פאַנטאַזיע, דאָס איז שױן עפּעס רעכטס. מיר האָבן אַן אַרײַנגאַנג, אַ פּאַיע, אַ פאָרהאַנג, זאָל זײַן דערװײַל מיט לעכער, און אַן עמעסע בינע מיט קוליסן, דאָס אַלץ האָבן מיר. אין זאַל װעלן קומען צושױער, אַ סאַך צושױער...

מאַטיע שטייט אַנטקעגן מיר, נאָר אין דער פינצטערניש איז ניט צו זען זײַן פּאָנעם. איך ווייס, וואָס ער וויל מיר זאָגן, אָבער איין זאַך קאָן איך ניט פאַרשטיין: פאַרוואָס האַלט ער, אַז איך בין זיך פאַרזעסן אַלס סופליאָר, אויב מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט געשפּילט קיין איין מאָל און איך בין נאָך קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעקראָכן אין דער סופליאָר־בודקע?

מיר זײַנען פאַרבײַ די קוזניעטשנע גאַס און ציטערן ביידע פון קעלט. דער ווינט בלאָזט אין פּאָנעם. אינעם ליוטעראַנסקער געסל פאַרקערעווען מיר און שטעלן זיך אָפּ לעבן דער קירכע, באַם טירל, ווו עס דאַרף זײַן א וועכטער. מאַטיע טוט א שטויס דאָס טירל, און אַף אונדז טוט א ווייע מיט וואַרעמקײַט. מיר גייען אַרײַן. הערט א נײַס, דאָ איז דאָך ניט נאָר וואַרעם, נאָר אויך געמיטלעך און קיינער איז ניטאָ. מאַטיע פרייט זיך, ווי א קליין קינד, וועמען מע האָט געשענקט א שפּילעכל, וועגן וועלכן ער האָט לאַנג געטרוימט.

— און מיר, אַזעלכע צוויי אָסטאָלאָפּן, וויסן ניט, ווו מע קאָן זיך אָנוואַרעמען! — שרײַט ער אויס מיט ניצאָכן.

— און אויב דער סטאָראָזש וועט באַלד אַרײַן?

— וואָס הייסט, ער וועט אַרײַן? — כידעשט זיך מאַטיע. — מע דאַרף קלערן, אַז ער פאַר־טרויט אונדז אָט דאָס דאָזיקע בײַדל. וואָס איז? מיר וועלן עס צוגאַנווענען צי אופּעסן?

ער שווײַגט א ווײַלע, נאָכדעם באַשליסט ער:

— אָפּגערעדט, פּאַטער! אויב ער וועט קומען, נעמען מיר אים אַרײַן אין טעאַטער פאַר א קאָמיקער א שלימאַזל!

אין דער בודקע איז בעפּיירעש וואַרעם, א מעכײַע.

מאַטיע האָט געשוויגן א ווײַלע, אָפּגעזיפצט און פאַרגעזעצט זײַן געדאַנק:

— וועגן רעפּערטואַר דאַרף זיך זאָרגן דער סופליאָר!

ער פאַרשטייט, מאַטיע, אַז ער האָט איצט געזאָגט אַזוינס, וואָס מוז אַרויסרופן מײַן דערווי־דערונג, נאָר ער האַלט מיך צו באַ דער האַנט, איך זאָל אים ניט איבערשלאָגן, שטייט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און וואַרט, ביזוואַנען איך וועל זיך באַרויִקן. דאַן זעצט ער פאָר:

— אַן אַרטיסט, פרײַנט מײַנער, — זאָגט ער שוין מער געלאַסן, — איז אָדער אַן עקספּערי־מענטאַטאָר, אָדער א מעס. א סופליאָר איז אָדער דער באַלעבאָס פון דער בינע, אָדער א כניאָק. א סופליאָר, וואָס קאָן נאָר צו דער צײַט דערלאַנגען פון דער בודקע א רעפּליקע, האָדעוועט זיך מערסטנס מיט פּעטש און בוכענצעס, פאַר וועלכע ער צאָלט מיט א שטענדיק געהאַרכזאַם שמיי־כעלע. אַזא סופליאָר דאַרף האָבן מאַריץ סעגאַל. זאָג מיר, איך בעט דיך, צוליב וואָס דאַרף א סופליאָר לייענען פרעמדע פּיעסן, איבערגעשריבענע פון דער האַנט, קאַליע מאַכן זיך די אויגן, ווען ער קאָן לייענען אַף אויסוויניק א פּיעסע, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן? דו האָסט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם? — ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט, געבליבן שטיין אינמיטן דער בודקע און זיך אָנגעבויגן צו מיר. — עמעס, איידער מע נעמט לייענען אַן אייגענע פּיעסע, מוז מען זי פריִער אָנשרײַבן.

מיר הייבט זיך אָן דאכטן, אַז איך פאַרשטיי, וואָס מאַטיע וויל אויסברײַען, נאָר איך שלאָג אים ניט איבער, כ׳וואַרט מיט אומגעדולד, וואָס וועט ער ווײַטער זאָגן.

— באַ אונדז אין הויז, — הייבט ער אָן שטיל, — האָט געוווינט פּעדיע ספּיוואַק. א באַשיידן, א שעמעוודיק באָכערל. ווען מע פלעגט זיך ווענדן צו אים, פלעגט דאָס פּאָנעם זײַנס ווערן רויט, ווי באַ א מיידל, און די קלײַנע פלעגן ווערן גרעסער און זיך נעמען לויכטן. איך זע אים פאַר זיך, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען לעבן מיר. איך בין שוין געווען א וואַרגעלעץ, ווען ער איז נאָך אַרומגעלאָפן באָרוועסערהייט איבערן הויף. פּעדיעס טאַטע האָט געאַרבעט באַ גענען אַפּן זאַוואָד. אינעם פופצנטן יאָר איז ער אַוועק אַפּן פראָנט, און אין דרײַ כאָדאָשים אַרום איז אָנגע־קומען א יעדיִע, אַז ער איז אומגעקומען. גען האָט זיך דעמאָלט קוינע־שעם געוווען מיט זײַנע פּאַטריאָטישע און עכט־ליבעראַלע אויפטועכצן און נעדאָוועס, האָט ער באַפוילן, אַז פּעדיע זאָל קומען אַפּן זאַוואָד און זיך שטעלן אַרבעטן. איין קליינִיקײַט — גען נעמט אים אַף אַרבעט! פּעדיע איז דעמאָלט אַלט געווען א יאָר פופצן.

עס איז געווען טשיקאַווע נאָכצוקוקן, וויִאַזוי אָט דאָס באָכערל איז געוואַקסן, ער האָט זיך געענדערט מאַמעש פון וואָך צו וואָך. ערשטנס, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן דער פאַרנאָסעגעבער פון דער גאַנצער מישפּאָכע, די ייִנגלעך אין הויף, מיט וועלכע ער פלעגט אַרומלויפן באָרוועסער־הייט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַציִען צו אים מיט אָפּשײַ, מע פלעגט שוין ניט נאָכשרײַען „פּע־דיע — זינגו״, מאַכמעס די פאַמיליע זײַנע, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, איז ספּיוואַק. אין שטוב האָט מען אים איצט גערופן ניט אַנדערש ווי פיאָדאָר. די מאַמע זײַנע האָט איבערגעניצעוועט אַן אַלט רעקל און געמאַכט אים א וואַרעמע טוזשורקע. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער באַזוכן די אַרבעטער־

אַוונט־שול. אָבער די וויכטיקסטע ענדערונגען, וואָס זײַנען פּאַרגעקומען מיט פּעדיע ספּיוואַק, האָבן מיר, זײַנע הויף־כאַווירים, ניט באַמערקט.

אינעם אכצנטן יאָר, ווען אין שטאָט זײַנען געווען די דײַטשן, האָט זיך געטראָפן, אַז אינמיטן דער נאכט האָט זיך צו אונדז אין הויף אַרײַנגעריסן א גאנצע כאַפּטע שוצמאַנעס, ווי מיר פלעגן זיי רופן. זיי האָבן באַלאַגערט דאָס הויז פון אַלע זײַטן, געזוכט און גענישטערט אין יעדער לאָך, אין די קעלערס, אף די בוידעמער און אפילע אין די קוימענס. זיי האָבן זיך די גאנצע צײַט גע־זידלט, געדראָעט, אַז זיי וועלן אַלעמען אומברענגען. זיי האָבן געשרײַען ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן, און אוועק זײַנען זיי מיט ליידיקע הענט. קיינער בא אונדז אין הויף האָט ניט אַנגעהויבן צו וויסן, וואָס האָבן זיי געזוכט. דער באַלעבאָס אונדזערער האָט אויך ניט געוווּסט פון גאָרניט. אף טויט אָן איבערגעשראָקענער, איז ער אַרומגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט מיט די דײַטשן, האָט זיי באַלויכטן אַלע לעכער מיט אַן אָנגעצונדענעם ליכט, צוזאַמען מיט זיי געקראָכן אף די בוידעמער און די גאַנצע צײַט געטײַנעט, אַז ער וועט מיט די אייגענע הענט דערשטיקן דעם אויסוווּרף, וואָס פאַרשאַפט אים אַזעלכע צאָרעס. גאַנצפרי, באַלד נאָך דעם ווי די דײַטשן זײַנען אוועק, יאָוועט זיך אַרײַן צום באַלעבאָס צוויי כעווערלײַט. זיי זאָגן ניט קיין וואָרט, גייען גלײַך אין אַלקער און שלעפּן אַרויס פון אונטערן בעט א פּולן זאַק מיט פּראָקלאַמאַציעס. אין א שאָ אַרום זײַנען אָט די פּראָקלאַמאַציעס געווען אויסגעהאַנגען אין שטאָט.

טאַקע אינדערעמעסן, ווי קומט אַזאַ זאַך אונטערן בעט בא אונדזער באַלעבאָס? וועגן דעם האָט קיינער ניט געוווּסט. אונדזער באַלעבאָס איז געווען אין שטאָט באַוווּסט אַלס איינער פון די גרעסטע שוואַרצמייעניקעס און פּאָגראָמשטשיקעס, צו אים האָבן די דײַטשן אפילע ניט דער־טראַכט זיך צו קומען זוכן. אים האָבן זיי געטרויט. און, פאַרשטייט זיך, קיינעם איז ניט געקור־מען אַפן זינען, אַז צו דער דאָזיקער אָפּעראַציע האָט פּעדיע די מינדסטע שײַכעס. ווער, וואָס? ווי־אַזוי קלעפּט זיך עס?

און ווי־אַזוי, זאָג מיר נאָר, פּרײַנט מײַנער, פּאַרט זיך די מאַניפעסטאַציע פון די אַרבעטער אַפן פערעסיפּ מיטן באַזוך פונעם פראַנצויזישן גענעראַל דע אַנסעלמאָ? — האָט מאַטיע זיך אַליין געפרעגט. — מיר האָבן דעמלט אויך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. נאָר צוליב דער אַרבעטער־מאַניפעסטאַציע האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז מע האָט געמוזט אָפּשאַפן די באַגעגעניש פונעם גע־נעראַל, וואָס איז, ווי באַוווּסט, געקומען צו אונדז, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, „אויסצוּוואָרצלען די קאָמוניסטן!".

וועסטו מיך פרעגן, וואָס זשע פאַר א שײַכעס האָט געהאַט צו דעם אונדזער פּעדיע? אף דער דאָזיקער פראַגע קאָן איך דיר טאַקע ניט ענטפערן גענוי, נאָר איך בין זיכער, אַז צווישן דער מאַניפעסטאַציע און דעם פראַנצויזישן גענעראַל ציט זיך א פעדעמל. א פעדעמל, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט באַמערקן. איצט הער א מײַסע. איינמאָל אין אָוונט, דאָס איז געווען פּאַראיאָרן בע־שאַס דער אינטערווענציע, זײַנען מיר געלאָפן מיט אילױשען איבער דער טיראַספּאָלסקער גאַס, מאַכמעס עס האָט זיך שוין דערנעענטערט די קאָמענדאַנטן־שאָ, ווען יעדער ציווילער מענטש אף דער גאַס ווערט פאַרעכנט אַלס מעלוכישער פאַרברעכער. אַפן ראָג פון דער אוספּענסקער גאַס האָבן מיר אין דער פינצטערניש זיך צוזאַמענגעשטויסן, מע קאָן זאָגן, פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט פּעדיען. ער איז געגאַנגען געאָרעמט מיט א פרוי, און ביידע האָבן זיי גאַנץ רויִק גערעדט און אין ערגעץ ניט געײַלט, גלײַך אין שטאָט וואָלט ניט געווען קיין שום אינטערווענציע, קיין קאָמענ־דאַנטן־שאָ. „טשיקאַווע, — טו איך א זאָג צו אילױשען, ווען מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטערן טויער, — וואָס איז עס פאַר א דאַמע, וועלכע האָט ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין מער סאָלידן קאַוואַלער? הײַנט וואָס איז עס פאַר א שפּאַציר אין אַזאַ צײַט?" — „דו ווייסט, ווער די דאַמע איז?" — פרעגט אילױשע. — „ווער, זאָג איך, זי זאָל ניט זײַן, איז זי מיסטאָמע פון די, וואָס וווינען דאָ גאָר נאָענט; אָדער א פאַרזעסענע מויד, אָדער מיט עפּעס א מום, אויב זי האָט ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין שענערן קאַוואַלער! איך קען דאָך אים! ער איז פון אונדזער הויז און איז קוים אכצן יאָר אַלט". — „אָסטאָלאָפּ! — שרײַט שוין אויס אילױשע, — האָסט כאָטש אַמאָל געהערט וועגן זשאַנאַ ליאַבורב? איז אויב דו האָסט ניט געהערט, מוז איך דיר זאָגן, אַז מיר מיט דיר דאַרפן זיך אויסלעבן דרײַ לעבנס, אויב מיר ווילן, סע זאָל זיך אונדז איין מאָל כאָלע־מען כאָטש א הונדערטציילעק פון דעם, וואָס זי האָט געזען פאַר איין טאָג אין דער וואָר!"

„זשאַנאַ ליאַבורב? — פרעג איך איבער. — ווי־אַזוי זשע רעדט ער מיט איר? ער קען דאָך ניט קיין פראַנצויזיש". לאָזט זיך אויס, אַז פּעדיע האָט זיך אויסגעלערנט און קאַנאַקט פראַנצויזיש ניט ערגער פונעם גענעראַל דע אַנסעלמאָ!

אָט אַזוי זײַנען מיר דעמלט געשטאַנען הינטערן טויער און אײַנגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער קאָמענדאַנטן־שאָ. „עך, סאַראַ קליינינקע מענטשעלעך מיר זײַנען! — האָב איך געטראַכט. — ווען אין שטאָט זײַנען אַרײַן די פראַנצויזן, האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן ריידן בראָדעריש און עטוואָס

געפּאַנפּעט, אַזאַ מאָדע איז געוואָרן! דאָס האָט באַטײַט, אַז מיר זײַנען אײדל געפּעסטעט. ווי דזשענטלמענער פונעם שײַוועט מאַקאַקי, האָבן מיר יעדן טאָג צענדליקער מאָל איבערגעכאַזערט די צוויי־דרײַ פּראַנצויזישע ווערטער, וואָס מיר האָבן ערגעץ אופגעכאַפּט, און אַליין באַשטימט, אַז מיר זײַנען אומגעהײַער אויסגעוואַקסן". און אין דער זעלבער נאַכט, ווען באַ מאָריץ סעגאַל האָט מען געשפּילט „יענטע מיט דער רויטער לענטע" און די באַלעבאַטימלעך פון די יאַטקעס און זײערע אויסגעפּוצטע דאַמעס האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, אָט אין יענער נאַכט, ווען איך האָב געשפּילט כאַצקל דעם דינער און זיך געסטאַרעט צו געפעלן די מאַרק־ײִדענעס פונעם פּריוואַז, האָט מען זיי פאַרנומען. פעדיען האָט מען געכאַפּט... צוגענומען, אַף שטענדיק. אַף אײביק! דו פאַרשטײסט, אַף אײביק?!

מאָטיע איז אַנשוויגן געוואָרן אַף עטלעכע מינוט, געקוקט אַף דער שוואַרצער וואַנט, אַף וועלכער עס האָבן זיך אויסגעלײגט אונדזערע אײַנגעשלאָפענע שאָטנס.

— געכאַפּט. צוגענומען אַף אײביק, — האָט ער ווידעראַמאָל אָנגעהויבן, אָבער גאָר שטיל. — לאַנג, ווײַזט אויס, האָבן זיי אים געזוכט. עס איז זיך מיסטאָמע ניט באַגאַנגען אָן אַ פּראָוואָקאַטאָר. נאָכדעם האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער איז געווען אײנער פון די זיבעצן, קאָן זײַן אַפילע דער אָנפירער זײערער. אַלץ קאָן זײַן! צוויי כאַדאָשים, באַטאָג און באַנאַכט, האָט מען זיי געפּײַניקט. אָפּגעגאָסן מיט קאַלטער וואַסער און ווידער געשלאָגן. עטלעכע טעג, אײדער די דעניקינצעס זײַנען אַנטלאָפן, האָבן זיי אומגעבראַכט די קאָרבאָנעס זײערע. אָן אַ פּראָקוראָר, אָן אַ געריכט. מע האָט זיי ניט געשאָסן, אַפילע ניט אופגעהאַנגען. מע האָט זיי פאָשעט דערהאַרגעט. געווען זײַנען צווישן זיי אויך דרײַ מײדלעך, — אידע קראַסנאָשטשאָקינאַ, דאָרע ליובאַרסקאַיאַ און פאָליע באַרג... נאָכדעם האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער, פעדיע, האָט ליב געהאַט פאָליע באַרג.

איך קוק אַף מאָטיען, ריכטיקער אַף זײַן סילועט, וואָס בײגט זיך אָן צו מיר און גלײַכט זיך אויס. איך הער זיך אײַן אין זײַן סוידעספּולער שטים:

— איך וויל פאַרשטײן אָט וואָס! — רופט ער אויס אַ שטאַרק אופגערודערטער. — אָט זײַנען מיר בײדע יונגע מענטשן, אַזעלכע ווי די זיבעצן, וווינען אין דער זעלבער שטאָט, ווו זיי האָבן געוווינט, און אַפילע אין אײן הויז. פאַרוואָס האָט אונדז דעמלט קײנער ניט געזוכט? ווילסט זאָגן, אַז דאָס איז אונדזער גוירל! בין איך ניט אײַנשטימיק. דאָס איז ניט קײן גוירל! דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. די דעניקינצעס האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, באַ וועמען זיי נעמען אָפּ דאָס לעבן. מיר האָבן זיי ניט געשטערט. דו פאַרשטײסט? מיר האָבן ניט געשטערט די דעניקינצעס!...

מאָטיע האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר און געפרעגט:

— איצט פאַרשטײסטו שוין, וואָס איך קנעל מיט דיר?

די דאָזיקע פראַגע וואָלט ער געקאָנט ניט שטעלן. איך האָב זײער גוט געוווּסט, וואָס ער מײנט... דאָס ווערכטער־בײַדל, ווהין מיר זײַנען צופעליק פאַרקראָכן מיט מאָטיען, ווערט פאַר־שוווּנדן. פאַר די אויגן שווימען דורך אַלץ נײַע און נײַע בילדער. איצט געפינט זיך שוין דאָס פענצטערל פונעם בײַדל גאָר אין אַן אַנדער זײַט. לעבן דער טיר וואַקסט אויס אָנשטאָט דעם קוימען, וואָס שפּאַרט אונטער די סטעליע, אַ סאָלדאַט, וואָס שטײט אַף דער וואַך. מיר מיט מאָטיען זײַנען שוין דאָ ניט אַליין, דאָ זײַנען איצט זיבעצן פאַרשוין. מע דאַרף אַפילע ניט צומאַכן די אויגן, קעדײַ צו דערזען די אַלע זיבעצן, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן צוזאַמענגענומען אין דער דאָזי־קער נאַכט... נאָר אין דער זעלבער צײַט זײַנען מיר אויך אײדעס — מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם שפּירן מיר נאָך אַלע געשעענישן. אָט זעען מיר אַ קאָנספּיראַטיווע דירע אַף דער קוזניעטשנער גאַס. און מיר האָבן ניט געוווּסט, קײן אַנונג ניט געהאַט וועגן דעם, אַז אַזאַ דירע איז פאַראַן אין שטאָט. קאָן גאָר זײַן, אַז מיר האָבן אַלע טאָג זיך באַגעגנט מיט די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט דאָרט...

נאָכדעם טרעט אָפּ די סטעליע און עס שווימט אוף פאַר די אויגן דער הויכער פראָנטאָן פונעם גראַדאָנאַטשאַלניקס הויז. אויב מע זאָל אַרופקלעטערן אַהין, קאָן מען פון דאָרט זען די גלײַכע קוואַדראַטן און פּאַסיקלעך פון די אָדעסער קוואַרטאַלן און גאַסן, איבער וועלכע עס אײַלן קלײ־נינקע מענטשעלעך, איבערגעשראָקענע און שטילע; אויב אַ קוק טאָן רעכטס, קאָן מען זען דעם האַפן, דעם פאַרגליווערטן און טויטן לײַכטטורעם, די ברוינזנדיקע וועלן, אָבער אָן אײן שיף. און אָט איז דער פּערעסיפּ. אין אַזאַ שפּעטער שאָ איז ער שטיל, אַלע שלאָפן, און קײנער, אויסער אונדז, זעט ניט, ווי אַפן פראָנטאָן פונעם גראַדאָנאַטשאַלניקס הויז פלאַטערט אַ העל־רויטע פאָן. אין שטאָט איז אַ בעהאָלע. אינעם הויז פונעם גראַדאָנאַטשאַלניק — אַ פּאַניק, די קאָנטראַז־ווערקע וואָרפט זיך פון אײן אָרט אַפן צווייטן, מע קריצט מיט די צײן: „ווער האָט עס געטאָן? ווער זײַנען זיי, אָט די זיבעצן רויטע שײדים?"

— די פּיעסע דאַרף טאַקע אַזוי הײסן: „זיבעצן", — זאָגט מאָטיע ברען, און מיר האָבן זיך בײדע מיטאַמאָל אופגעכאַפּט. דאָס פענצטערל פונעם ווערכטער־בײַדל שטײט שוין צוריק אַפן

געוויינלעכן אָרט. ס׳נעמט טאָגן. אין דרויסן שוועבט א דורכזיכטיקער נעפּל, א בלויער. אפן נידעריקן דעכל פונעם וועכטער־ביַידל כאַפּן זיך אוף די טויבן און נעמען וואָרקען.

— שוין קימאט זומער־נעכט, — זאָגט מאָטיע, — ניט באוויזן ארומצוקוקן זיך... — מיטאמאָל איז ער פריילעך געוואָרן, ארומגעכאַפּט מיך מיטביידע הענט אזוי שטארק, אז די ביינער מײַנע האָבן א טרישטשע געטאָן, — ביסט זיך פארזעסן, פריַינט מײַנער, אלס סופליאָר! אָט אזוי וועסטו פאר־גליווערט ווערן און קאָנסט נאָך ווערן כאָלילע ענלעך אף איינעם א סופליאָר, וועלכן איך האָב געקענט. צו דריַי און צוואנציק יאָר איז ער געווען א זאָקן... נאָר אָט וועל איך הײַנט קריגן פּאַ־פּיר און דיר ברענגען, וועסטו זיך אוועקזעצן און שרײַבן. ווי געפעלט דיר אזא זאַך?

ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר און פאָרגעלייגט:

— ווי קלערסטו וועגן דעם, אז מיר זאָלן פּאמעלעכלעך, ניט געײַלט, דורכשפּאצירן זיך צו דער „קאָמעטא״, אין וועג וועלן מיר טאקע כאַפּן א שמועס, און דערוויַיל וועט ווערן ליכטיק, — דערבײַ האָט ער מיט פארגעניגן געריבן א האנט אין א האנט. — אצינד, ברודער, איז גאָר עפּעס אנדערש. מיר קאָנען שפּילן טעאטער, שרײַבן פּיעסן, וואָס מיר ווילן, טוען מיר! הײַנט נאָך וועלן מיר אלע גיין אין קיך פונעם גוברעווקאָם. וועט מען אונדז דאָרט אָנהאָדעווען, ווי מיר וואָלטן זײַן גאנצע יאטעבידאמס.

די פרימאָרגן־שטילקײַט האָט איַינגעשלונגען א מאָנאָטאָנער קלאַפּ פון סאָלדאטישע שטיוול. אף דער נאָוואָסעלסקער גאס האָבן ראָטעסוויַיז מארשירט סאָלדאטן, אינמיטן גאנג זיך איבערגע־בויט און וויַיטער געשפּאנט. אפן ראָג פון דער קאראנגאזאָווער גאס האָט אן איינזאמער דוואָרניק געפּאָכט מיט זײַן בעזעם און אופגעהויבן א געדיכטן שטויב אף דער גאס.

מאָטיע האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט, אָנגעכאַפּט מיך פארן אקסל, ווי איך וואָלט זיך קלײַבן אנטלויפן פון אים:

— צוליב וואָס זשע, פרעגט זיך, זאָלן מיר עס אָפּלייגן אין דער לאנגער באנק? — האָט ער אויסגעשריִען א שטארק פארכידעשטער. — לאָמיר טאקע גלײַך זיך אראָפּכאַפּן אהין, ווו יאשע רויפמאן האָט געוווינט, טאקע דאָ ניט וויַיט, אף דער דעכטיארנער גאס. אים האָט מען דעם ערשטן גענומען. בא אים איז געווען א קאָנספּיראטיווע דירע און אין קעלער האָט מען געפונען א דרוקערײַ. איצט איז פארבליבן זײַן אלטע, קימאט בלינדע מאמע. איינע אליין איז זי פארבליבן. זי האָט זיך געזעגן מיט איר זון מיט צוויי טעג פאר זײַן טויט. צו איר איז געקומען אהיים א זשאנ־דארם פון דער קאָנטרראזוועדקע און האָט זי געבראכט אין בולווארנעם פּאָליציי־באצירק. דאָרט האָט מיט איר גערעדט א זשאנדארמסקער פּאָלקאָווניק. ער האָט איר דערקלערט, אז אויב זי וועט ווירקן אף איר זון, ער זאָל דערציילן וועגן זײַנע פריַינט, מיט וועלכע ער איז געווען פאר־בונדן, וויַיל אין שטאָט האָבן זיך באוויזן אלץ נײַע פּראָקלאמאציעס שוין נאָכן ארעסט פון די זיי־בעצן, — לאָזט ער אים גלײַך אָפּ אהיים. דערנאָך האָט מען די אלטיטשקע ארײַנגעפירט אין א צימער, מע האָט איר פאָרגעלייגט זיך זעצן אין א שיינעם פאָטעל, געבראכט איר א גלאָז טיי מיט פּיראָזשנעס, גערעדט מיט איר איידל... די טיי האָט זי, פארשטייט זיך, ניט געטרונקען, צוגע־זעצט האָט זי זיך ניט אין פאָטעל, נאָר אף דער באנק, וואָס איז געשטאנען בא דער טיר. זי האָט פארשטעלט דאָס מויל מיטן פויסט, אז מע זאָל ניט זען, ווי עס ציטערן אירע ליפּן. איר זון איז ארײַן טאקע דורך דער טיר, לעבן וועלכער זי איז געזעסן. מע האָט אים, פארשטייט זיך, געבראכט אין אָרדענונג, אָפּגעוואשן אים דאָס פּאָנעם, אָנגעטאָן ווי עס באדארף צו זײַן. ארײַנגעקומען איז ער אליין... אָן זשאנדארמען, כאָטש נעם די מאמע פאר דער האנט און גיי אהיים. מע האָט זיי איבערגעלאָזט אין צימער, קיינער, הייסט עס, שטערט אײַך ניט, רעדט וועגן וואָס איר ווילט. די אלטיטשקע האָט זיך אופגעכאַפּט פונעם אָרט, צוגעגאנגען צום זון, אָן געשרייען, אָן א געוויין... נאָר מיט די פינגער אירע האָט זי אָנגעטאָפּט זײַנע הענט, דאָס פּאָנעם זײַנס, די אקסלען, נאָכדעם האָט זי אָנגעבויגן איר וויַיסן קאָפּ און האָט געזאָגט שטיל: „איך וויים, בעניאָכיד מײַנער, אז איך זע דיך דאָס לעצטע מאָל. דאנק איך און לויב האשעם־ייִסבאָרעך פארן גנאָד, וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר און האָט מיר געגעבן דאָס גליק נאָכאמאָל האלטן דײַן האנט, נאָכאמאָל פילן דײַן לעבע־דיקן אָטעם...״

זיי זײַנען לאנג געשטאנען ארומגענומען און געשוויגן, נאָר ווען זיי האָבן דערשפּירט, אז די צײַט לאָזט זיך אויס, אז אָט־אָט וועט מען זיי צעשיידן, האָט די אלטע מאמע געזאָגט צו איר זון: „איך בין דיר מעקאנע, זון מײַנער, וואָס דו ביסט די ווערט אזא גרויסן, אזא הייליקן טויט, און אף דעם האָסטו דײַן מאמעס בראָכע״. דעם פּאָלקאָווניק האָט זי געזאָגט: „וואשע בלאגאראָדיע, איר מעגט זײַן זיכער, אז מײַן זון וועט טאָן אלצדינג ווי עס באדארף צו זײַן!״

מאָטיע האָט מיט גרויס באגײַסטערונג געשפּילט די ראָל פון דער מוטער. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלײַכט, אָנגענומען מיך פאר דער האנט:

— זייער וויכטיק איז, דו זאָלסט זען די דירע. זי וועט מוזן זײַן אין דער פּיעסע. מע דאַרף פאַרגעדענקען יעדער זאַך, מיט וועלכער די רעוואָליוציאָנערן האָבן זיך באַנוצט, און דאָס וויכטיקסטע — זען די אַלטיטשקע, הערן איר שטים און פאַרגעדענקען...

מיר זײַנען שוין ניט געגאַנגען, נאָר געײַלט, געלאָפן, ווי מיר וואָלטן מוירע געהאַט, אַז אָט־אָט וועט אונדז אָניאָגן א שלאַקסרעגן. אפן ראָג פון דער קאַראַנגאַזאַוואַר און דעכטיאַרנער האָט זיך מאַטיע פּלוצלינג אָפּגעשטעלט:

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט ער אַרויסגעלאָזט א זיפץ, — אונדזער אַמזעל האָט ביז גאָר א באַשײדענע פּרוי. און שטעל זיך פאָר, אַמאָל איז זי געווען ניט קיין שלעכטע אַקטריסע. האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז זי, אַזאַ שטילינקע און באַשיידענע, איז אַרויס מיט א וואָרט קעגן מאַריץ סעגאַלן. האָט ער, פאַרשטייט זיך, זי גלײַך אַרויסגעשטעלט פונעם טעאַטער. קיין אַנדערע אַנטרעפּרעניאָרן האָבן זי שוין ניט גענומען אין קיין טעאַטער, ווײַל מאַריץ איז געווען מיט אַלע טעאַטער־באַלעבאַטים געקניפּט און געבונדן. איז אָט אַזוי זיצט זי, פון דעמלט אָן, א יאָר פינף אָן אַרבעט. עך! — האָט מאַטיע אויסגעשריִען און אופגעהויבן בײדע הענט. — עך, ווען זי זאָל קאָנען! ווי האַלטסטו? זי וואָלט בא אונדז אָפּגעשפּילט די ראָל פון דער מוטער?..

מיר זײַנען געגאַנגען איבער דער דעכטיאַרנער גאַס, און איך האָב געקלערט וועגן דעם, אַז אָט דאָ בין איך געווען הונדערטער מאָל, הונדערטער מאָל בין איך געגאַנגען פאַרבײַ דעם הויף, ווו עס איז געווען א קאָנספּיראַטיווע דירע, ווו עס פלעגן זיך צונויפנעמען אונטערערדישע רעוואָליוציאָנערן, ווו מע פלעגט דרוקן פּראָקלאַמאַציעס. קאָן זײַן, אַז הונדערטער מאָל האָב איך געזען דאָס דאָזיקע צווײשטאָקיקע הויז, נאָר ערשט איצט וועל איך קוקן אף דעם הויז מיט אָפענע אויגן...

(פאָרזעצונג קומט)

הירש בלאָשטיין

באַם לירישן קוואַל

אכצן

ס'איז דעמלט א שוועסטער געווען מיר דאָס פעלד,
א ברודער דער וואַלד דער געדיכטער,
און איך בין געשטאַנען אינמיטן דער וועלט —
דער מײַסעלע־וועלט פון א דיכטער...

און איינמאָל, די זון האָט גענומען פאַרגיין —
טאַגטעגלעך א וווּנדער א נײַער! —
און איך בין געשטאַנען אין לאַנקע אליין,
אין אָפּשײַן פון אייביקן פײַער.

און ס'איז הינטער מיר, דורך א טיר פון סאַפיר,
געגאַנגען די נאַכט א פאַרקלערטע,
און ס'האָט זיך געזונגען, געזונגען אין מיר
א ניגון, אָן ניגון אָן ווערטער.

און פּלוצעם — איך ווייס ניט פונוואַנען, וווּהין,
א פרוי דורך דער לאַנקע געגאַנגען.
א פּרעסוויַסע קלייד אַפּן טונקעלן גרין,
די אויגן מיט בענקשאַפט פאַרהאַנגען.

א יונגע, א שלאַנקע, מיט לופטיקן טראָט
דורך גראָזן און פלאַמיקע מאָן־קעפּ
געגאַנגען, געשמייכלט און כ'ווייס ניט, וואָס האָט
געשמעקט דאַן: איר לײַב, צי די לאַנקע.

מײַן אויג האָט באַגלייט זי ביז ראַנד פונעם וואַלד,
וואָס האָט זי אין שאָטנס באַהאַלטן, —
און מער איז שוין קיינמאָל דאָס וווּנדער־געשטאַלט
אַרויס פונעם וואַלד פונעם אַלטן!

און זעלטענער אַלץ האָב איך וווּנדער געזען,
געשלאָגן מיט ניכטערער בלינדקייט.
קאָן זײַן, אַז דאָס אַלץ איז בלויז כאַלעם געווען,
אַזוי ווי דאָס גאָלד פון מײַן קינדהייט,

אַזוי ווי דער ניגון, וואָס איך האָב געהערט,
ווען ס'האָבן געזונגען די שטערן,
און ייִנגער פון מיר האָט געפּרילינגט די ערד,
און אכצן געדאַרפט האָט מיר ווערן...

נאכט

כ׳צינד קיין ליכט. נאָר די גאַרדינען
נעם איך לאַנגזאַם און צערוק.
ס׳שטייט א בוים א טונקל־גרינער
בא מײַן פענצטער, און ער קוקט...

און א ווינטל מיט האַנאַע
גריסט מיך שטיל פון יעדן צווײַג.
זיץ איך אינעם ליכט דעם בלאָען,
ס׳מויל — האַלב אָפן, און איך שווײַג.

זינגט די נאכט איר מוטער־ניגן,
וויגנדיק אין שויס די ערד,
און מײַן הארץ — דעם וואָרן ליגן
פון איר מײַסעלע עס הערט,

און עס גלייבט! — דעם בוים דער ווינט האָט
ס׳זעלביקע דערציילט דאָך אויך.
און עס שמייכלט ליב מײַן קינדהײַט
פון א שטערנדל, ניט הויך...

ס׳ווערט אזוי ווארעם

יעסעניןן! וואָס ווײַטער, אלץ ווערן
מיר נענטער דײַן וואָרט און געמיט.
ס׳ווערט אָפט אזוי גוט מיר — ביז טרערן —
צו הערן דײַן בענקענדיק ליד.

איך ווייס, אז דו האָסט ניט קיין שײַכעס
געהאט צו מײַן ליטווישער ערד,
און ניט מײַן נעוויאזשע דײַן טײַך איז,
פון סמילגער גאס האָסט ניט געהערט;

און אויך ניט מײַן באָר האָט דערצויגן
דײַן וווּנדער־בעריאָזקע, — און דאָך
עס גייען מיר נאָך דײַנע אויגן,
די בלימלעך אין קאָרן, און נאָך...

און ס׳ווערט אזוי ווארעם! איך פיל גאָר,
ווי כ׳וואָלט דיך אליין איצט געהערט.
און ס׳איז אזוי ליב מיר, דעם סמילגער,
דײַן אלטע ריאזאַנישע ערד!

א שאָ צו נאכט

„א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט״
(פונעם בוקאָווינער ידישן פאָלקלאָר)

מײַן פרײַנט! דאָס פאָלק איז קלוג און מונטער,
און יעדעס וואָרט זײַנס — טיף באטראכט.
ביז ס׳קלאַפּט דאָס הארץ, ניט גיב זיך אונטער!
— א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט.

ביז ס׳איז דײַן טאָג נאָך ניט ארונטער,
און כאָטש איין שטראַלכעלע נאָך וואכט,
טראכט וועגן אלץ — ווי א געזונטער!
— א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט.

און ביז א מינדסטער פונק נאָך צונטערט
אין מײַרעוו דײַנעם — גייט א שלאכט
און ס׳גיט די האָפענונג זיך ניט אונטער...
— א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט!

צווישן דוירעס

מײַן גלעקל רופט צום טיר מיך זעלטן.
מײַן טעלעפאָן ניט אָפט מיך וועקט...
און כ׳פיל אזוי, ווי צווישן וועלטן
וואָלט גיין פארטראכט מײַן שטילער וועג.

פון מײַן דאָר שוין געבליבן ווייניק,
ווי לעצטע שטערן פאר קאַיאָר.
און ס׳וואקסט דער נײַער דאָר — מײַן אייניק,
נאָר... ס׳שפּילט זיך נאָך דערווײַל זײַן דאָר.

דאָךביידע פלעכטן זיי זיך איבער
אין דעם נאָקטיורן פון מײַן זײַן:
דאָס פריי־ליכט, וואָס מיר ווערט אלץ ליבער,
די שאָטנס פון מײַן אָוונט־שײַן.

מײַן פענצטער איז געװען ברייט אָפן...

כ'האָב הײַנט א װוּנדער־קאָל פארנומען,
מיט יעדן נערוו מײַנעם געהערט.
ס'איז ניט פון װײַט און הייך געקומען, —
דאָס האָט גערעדט אליין די ערד.

ס'איז טויזנט־טענערדיק געװעזן
און רעגנבויגנדיק־קרישטאָל...—
און אף דער ערד האָט יעדער װעזן
אין דעם פארפלעכט זײַן אייגן קאָל

איך װייס, ס'איז גאָרנישט זיך פארלאָפן:
כ'הער אלע טאָג די זעלבע שטים.
מײַן פענצטער איז געװען ברייט אָפן,
און איך מיט אָפן הארץ — בא אים.

ס'האָט מײַן קאשטאַן־בוים אנגעצונדן
אין זון־שטראל זײַנע קאָנוס־ליכט,
מיט יעדן ראָזן ליכט זײַן רונדן
האָט זיך דער בוים אף גליק געריכט.

און װײַט האָט מילד־פארליבטער הימל
געקושט דעם זוים פון ערדס גרין קלייד,
און איטלעך גרעזעלע און בלימל
האָט זיך געפרייט, געפרייט, געפרייט...

און אונטער פענצטער מײַנעם קוואליען
צוויי מענטשן־שטראָמען, רעכטס און לינקס,
און ס'דוכט זיך מיר, זיי אלע אײַלן
צו אָפנעמען א גרויס געווינס!

א ווינטל שעפטשעט מיר אין אויער
מיט רייעך יוליקן פון לינד:
— אָט איז דײַן הימל — אזא בלויער!
אָט איז דײַן ערד — ווי פריש זי גרינט!

אָט איז דײַן שטאָט — האָסט אין דײַן יוגנט
קיין שויב אָן זון אין איר געמאָלט..
נאָר דיך האָט אלץ נאָך ניט גענוגנט —
האָסט ליכט פאר גאָר דער וועלט געוואָלט!

נישטאָ נאָך... ס'מאַטערן דיך פראגן? —
פארשטער זיך ניט די נעכט און טעג!
עס קאָן דאָך ניט אָן קיין זיגזאגן
זיך דורכלייגן די וועלט א וועג —

א נײַעם ברייטן וועג! — ס'וועט ווערן
אינמיטן מארש פאריכט דער גאַנג.
עס איז שוין איצט דײַן ערד — א שטערן,
וואָס לאָזט ניט קיינעם בלאָנדזשען לאַנג...

פון מענטש צו מענטש

דער מענטש האָט טיפן צוטרוי צו דער ערד:
ער זייט די קערנער זײַנע
אָנהייב פרילינג,
און ווייסט —
זי וועט זיי היטן פון פארקילונג
און זיי אים אומקערן נאָך פילפאכיק פארמערט!
און צוטרוי האָט דער מענטש
צום בוים
בא זיך אין גאָרטן,
צום אויבס און צו די בלומען אף דער בייט.
ער ווייסט —
זיי צִיען זיך מיט זיכערקײַט און פרייד
צום הימל,
וואָרטנדיק אף רעגנס און וואָרעמע פון דאָרטן.

דער מענטש שענקט פולן צוטרוי דער מאַשין:
ער גלייבט איר,
אז זי וועט אָן מינדסטע גרײַזן
אין קאָסמאָס מאכן
די באשטימטע קרײַזן —
און ברענגען אים צוריק אהין,
ווו ס'וואַרט די ערד אף אים
מיט מיליאָנען אויגן
און מיט א הארץ, וואָס קלאַפט,
ווי ס'וואָלט אליין געפלויגן...

און ס'טרויט דער מענטש, באם אײַנבויען דעם שטיין,
אז ער וועט זיכער, פעסט,
דאָ א יאָרטויזנט שטיין!

ס'איז זיבנפארביק שיין
דער רעגנבויגן,
נאָר דו, מײַן ערד, די שײנקײַט ביסט אליין!
און ס'וועט דײַן יעדער טאָג, מײַן ערד,
מיט גליק־פרייד זײַן געבענטשט,
דעם האָס, דער פײַן וועט זײַן פארווערט
צו דיר דער צוטריט,
ווײַל ליבעפול וועט היטן דיך
דער צוטרוי
פון מענטש — צו מענטש!

■ ■ ■

שאַלעם אַש

מאָמענטן פון די פּריוואַטן טעג

הײַנט, דעם 22 מאַרט, אין יאָר 1905 (דאָס ערשטע מאָל אוואדע אין מײַן לעבן, ווי איך שרײַב א דאַטע) בין איך אין קוטנע. דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז הײַנט אין מײַן טאָג, איז דאָס, וואָס איך האָב באַקוקט די קערפּערס פון די געהאַרגעטע פויערים, וואָס די זעלנער האָבן געשאָסן אין לאַנעגט. זיי זײַנען געלעגן אין דעם טויטן־שטיבל אין שפּיטאָל, וויפל ווייס איך נישט, צי 10, צי 12, איך האָב נאָר געזען ליגן. נאָר עפּעס שוין נישט קיין מענטשן, נאָר ווי ליאַלקעס אָנגעפּילט מיט שטרוי, אָנגעטאָן אין פויערישע קליידער... די פּענעמער זײַנען געווען ראַנירט. עס האָט אַף מיר א שרעקלעכן אײַנדרוק געמאַכט. נאָר נאָך מער דאָס, וואָס דער טויט (איך מיין די טויטע מענטשן) איז געווען אָנגעטאָן אין גראָבע, פאַרשמוצטע פויערישע קליידער... מײַן אויג האָט געזוכט ווײַסע לײַוונט... צווישן די געהאַרגעטע איז אויך געווען א פויעריש ייִנגל פון א יאָר 14. זײַן יונג, לאַבעסדיקער אויסקוק האָט עפּעס גאָר נישט האַרמאָנירט מיט דעם געלן, שרעקלעכן ערנסטן און שווײַגנדיקן טויט, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אַף זײַן פּאָנעם... געלע גראָבע שווײַגעדיקע הענט פאַרלייגט איינע אַף די צווייטע, — מער האָב איך נישט געזען. פויער־טעס און פויערים אַרום האָבן מיר פאַרשטעלט. דער לעבעדיקער האָט שטיל געשוויגן. די אוולע האָט אין יעדנס האַרץ געבערענט, און דאָך האָבן זיי געשוויגן. די קרעכצן, דאָס געוויין פון די ווײַבער האָט געשטערט די גרויזאַמקײַט פון דער נעקאָמע, וואָס די לעבעדיקע נעמען פון די מערדערס מיט זייער שטילשווײַגן.

די ערשטע האַרוגים אַפן פּוילישן פעלד, וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען.

דאָנערשטיק, דעם 24־טן.

הײַנט בין איך געווען אַף דער לעווײַע פון די נײַן געהאַרגעטע פויערים, אין קוטנע. איך בין געווען אונטער א שרעקלעכן אײַנדרוק. די סראָרים האָבן געטראָגן די טרונעס, דאָס פאָלק איז נאָכגעגאַנגען קעפּ איבער׳ס קעפּ און האָבן שטיל געשוויגן. ייִדן זײַנען זייער פיל מיטגע־גאַנגען אין די היט אָנגעטון. אַלע האָבן געוויינט אין דער שטיל. אָן ערנסטע האַרמאָניע האָט אַלע צוזאַמענגעבונדן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי נעמען נעקאָמע פון די מערדער מיט זייער שטילשווײַגן. אַמשטאַרקסטן האָט אַף מיר דעם אײַנדרוק געמאַכט דאָס רעליגיעזע געזאַנג פון די גײַסטלעכע און פאָלק. איך האָב עפּעס אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז די מענטשן גלייבן, אַז עס איז דאָ אַזאַ, וואָס וועט זיך אָנעמען זייער קריוודע... און איך האָב געוואָלט גלייבן, און האָב געגלייבט, אַז עס איז דאָ אַזאַ, אַז די וועלט איז ניט הפקר. דאָס געזאַנג האָט מיך זייער געצויגן — און איך בין נאָכגעגאַנגען. די ייִדן אין די היט צוזאַמען מיט דער מאַסע מענטשן — דאָס האָט מיך

געקירצט.

עפּעס געפּרעסט און מיך טרויעריק־גוטיק געמאַכט. עפּעס ווילט זיך אזוי זײַן איינײנעם, געהערן צו וועמען...

די מאַמע פון דעם געהאַרגעטן ייִנגל, די פויערטע, האָט געוויינט: „ווי וועל איך קוקן אַף זײַן גדעקט בעט?!" מיר האָבן די ווערטער דערמאָנט זייער פיל מוטערלעכעס (איך האָב מיך דער־מאָנט אָן מײַן מאַמע, זי איז אין אַמעריקע — איך בין דאָ), און, אַך, גאָט, ווי שיין איז דײַן וועלט, און וויפל צאָרעס געפינט זיך אין דײַן וועלט!

איך ליב זייער דאָס פויערים־פאָלק. בא זיי איז דאָס נאָך אזוי ערנסט, אזוי ערנסט, און פּראָסט, ווי די ערד אַליין!

5 אפּרעל.

איך בין אין ווארשע.

לעבעדיק איז אַף די גאַסן. טויזנטער לויפן און זײַנען גרייט מאַקריוו צו זײַן זיך אַף קידעש־השעם...

אין פּאַוויאַק (א טורמע, וווּ עס זיצן פּאָליטישע געפאַנגענע) איז געשטאָרבן איינער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. טויזנטער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פאַרן פּאַוויאַק און פאַרלאַנגען דעם טויטן. זעלנער זײַנען באַפאַלן דעם אוילעם און אָנגעהויבן צו שיסן. דער אוילעם איז גע־שטאַנען ווי א וואַנט, און עס זײַנען געפאַלן איין קאָפּ נאָכן צווייטן...

אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פּו־בליקירן מיר צוויי ווערק פון שאָלעם אַשן, וועלכע זײַנען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שאַ־פונג פונעם גרויסן שרײַבער.

אין שאָלעם אשס שאַפונג זײַנען בוילעט אָפּגע־שפּיגלט די ווידערשפּרוכן פון דער בורזשואַזער וועלט

אין דער שטורעמדיקער עפּאָכע פון דער ערשטער העלפט פונעם XX יאָרהונדערט. דער שרײַבער האָט גע־האַט א גרויסן אינטערעס צו די הײַנטצײַטיקע סאָציאַל־היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדער־געוויקלט פאַר זײַנע אויגן, און ער האָט געפּרוּווט אָפּ־שפּיגלען אין זײַנע ווערק אָט די געשעענישן. ער איז אָבער אַליין אויך אידייִיש געווען באַגרענעצט און ווי־דערשפּרעכיק. פון איין זײַט, האָט ער מיטגעפילט די ליידן פון די פאָלקסמאַסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פון סאָציִאַלן אומרעכט; פון דער צווייטער זײַט, האָט ער אידעאַליזירט דעם נאַציִאָנאַלן סיידער און די נאַציִאָנאַלע טראַדיציעס פונעם ייִדישן בורזשואַ.

בענעגייע שאָלעם אשן, ווי בענעגייע דער גאַנצער פּלעיאַדע גרויסע קינסטלער פונעם קריטישן רעאַליזם פון דער וועלט־ליטעראַטור אין XIX און XX יאָרהונ־דערטן, איז גילטיק די האַנאָכע פון דער מאַרקסיסטישער עסטעטיק וועגן דעם, אַז דער פאַרנעם פון זייער קינ־סטלערישער שאַפונג איז ברייטער פון דעם קרײַז פון זייערע אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען. שאָלעם אַש האָט אין זײַנע ווערק „דאָס קוילער־געסל", „גאָט פון נעקאָמע", „א שטעטל", „שלוימע נאָגיד", „אָנקל מאָ־זעס", „דער טילים־ייִד", „גראָסמאַן און זון", „דער מאַן פון נאַצערעס", „טויט־אורטייל", אין אַלע זײַנע היס־טאָרישע און הײַנטצײַטיקע דראַמעס און ראָמאַנען אופּ־געשטעלט א בילד פונעם סאָציִאַלן לעבן אין דער פאַר־גאַנגענהײַט און אין דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע. מיט אָט די ווערק האָט ער אַריבערגעשפּאַנט די נאַציִאָנאַלע גרענעצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור. ניט געקוקט אַף די אידייִשע און פּאָליטישע פּאָרורטיילן, האָט שאָלעם אַש אין שאַרפע קריזיסן, וועלכע זײַנען געווען גורלדיק פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, באַזונדערס אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, פאַרנומען אַן אָרט אינעם לאַגער פון פּראָגרעס און אַנטיפאַשיזם.

שאָלעם אַש דער קינסטלער איז געווען ברייט באַ־וווּסט און באַליבט באַם עלטערן דאָר ייִדישע לייענער פאַר זײַנע רעאַליסטישע און ראָמאַנטישע שטייגערישע בילדער, פאַר דער טיפער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג און פאַר זײַן פאָלקסטימלעכקײַט.

אין די עטיודן וועגן דער ערשטער רוסישער רעוואָ־ליוציע, וועלכע מיר פּובליקירן דאָ, אַנטפּלעקט זיך אַש ווי אַן עכטער הומאַניסט, וועלכער איז מיטן גאַנצן האַרצן אַף דער זײַט פון די פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן זיך אופגעהויבן צום קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, פאַר פרײַהײַט און פאַר א נײַ לעבן.

א פאַרוווּנדעטן האָב איך געזען. די קויל איז אים אין בויך אַרײַן, דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן, ער איז אומגעפאַלן, דער פאַליצייסקער איז צו אים צו און האָט אים געשלאָגן. דאָך זײַן פאַרלאַנג איז אַף זײַנע ליפּן געלעגן, ביז דער סייכל האָט אים נישט פאַרלאָזט...

בין איך געגאַנגען ווײַטער, האָב איך געטראָפן א מעשוגענעם זעלנער, א צוריקגעקומענעם פון דער מילכאָמע, מיט א הויכן פוטערן הוט, און א דאַר, אויסגעמאָגערט פּאָנעם, וואָס די אויגן האָבן זיך (האָט זיך געדאַכט) געקאַליטשעט צווישן צוויי דאַרע ביינער. דער מעשוגענער האָט זיך געוואַקלט אַהין און צוריק און עפּעס געריידט צו זיך. ער האָט מער דעם אײַנדרוק געמאַכט פון א שיקערן, איידער ווי פון א מעשוגענעם.

א מעשוגענער אין א זעלנערישן מאַנטל!

א נירדעף אין א זעלנערישן מאַנטל!

ווי טרויעריק דאָס איז!

מיט צוויי שאָ שפּעטער.

איך בין געגאַנגען אין גאַס, טויזנטער אײַלן זיך אַהין, צום פּאַוויאַק, קיינער ווייסט נישט, צי ער וועט צוריק קומען. די אַלע זײַנען גרייט מאַקריוו צו זײַן זיך אַף קידעשהאַשעם. מיט גוואַלד אַרויסבאַקומען דעם טויטן.

א מילכאָמע באַשאַפט העלדן...

אָפּדערנאַכט.

איך געדענק שוין נישט, אַף וועלכער גאַס. איך ווייס נישט מער: א שמאָלע גאַס, צוויי הויכע רייען הײַזער שטייען שטום. אין די עקן שטייען זעלנער מיט ביקסן, לאָזן נישט אַדורך. איין זײַט איז באַלייגט מיט זעלנער, און אין דער גאַס האָט מען אַרײַנגעקראָגן א טייל פון „אוילעם". זעלנער מיט געווער יאָגן. ווער עס קאָן, כאַפּט זיך אַרײַן אין די טויערן. די סטרוזשעס האָבן די טויערן פאַרשלאָסן און לאָזן נישט אַרײַן. אַף די גאַסן לויפן נאָך אַרום אייניקע יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אַרויסקריגן, און מיט דעם באַוווּסטזײַן, אַז אָט פאַלן זיי פון די קוילן, לויפן זיי ווי מעשוגאָיִם אַרום, זוכנדיק ערגעץ אַן אָרט זיך צו באַשיצן. איינער א יונגער מענטש איז אָנגעקומען צו אונדזער טויער. מיר האָבן אים געזען דורך אונדזער פענצטערל. מיט די אויגן האָט ער געבעטן, אַז מע זאָל אים אופעפענען. מיר אָבער האָבן דעם שליסל ניט געהאַט. מיר האָבן געפּרוּווט די טיר צו צעברעכן — אָבער אומעגלעך. און ער שטייט פאַרן טויער. קוקט מיט די אויגן און בעט זיך שטום... איך בײַס די נעגל פון מײַנע פינגער...

אָט! עס האָט זיך דערהערט א שיסערײַ.

עפּעס־וואָס איז אַנידערגעפאַלן פאַר אונדזער טויער...

איך האָב נאָר געהערט דאָס לעצטע וואָרט: גאָט!

באַנאַכט.

איך האָב דעם לופטשיק פון מײַן פענצטער אופגעעפנט:

עס איז שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט. איך שטיי אין פענצטער. מײַן פענצטער איז אַף א פינפטן שטאָק — באַטאָג זעט מען דעכער, קוימענס איבער קוימענס. די נאַכט איז שוואַרץ, ווי א יאַם. אין דער שוואַרצער נאַכט קען איך נאָר אָפּשיידן די שוואַרצע שאָטנס פון פאַבריקן־קוימענס. איך הער א גוואַלד — מענטשן לויפן. דעם אויער רײַסט דורך אַן עכאָ פון א שיסערײַ.

איך האָב דעם לופטשיק צוריק צוגעמאַכט...

עס איז נאַכט. עמעצער קלאַפּט אין מײַן טיר.

— דערלויבט.

עס קומט אַרײַן מײַן כאַווער אווראָם. ער ווינקט צו מיר. „וואָס איז?"

— ווילסט גיין?

— וווּהין?

— אַהין...

איך האָב שוין פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און איך האָב אים דערשטוינט אָנגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין.

— עס שאַט נישט, — זאָגט ער, — דו גייסט מיט מיר.
און מיר זײַנען געגאַנגען.

איך געדענק ניט, ווי און וווהין. ער האָט מיך ערגעץ־ווו אין די ייִדישע גאַסן פּאַרפירט, אַרײַן מיט מיר אין אַ לאַנגן, שוואַרצן קאָרידאָר, דערנאָך אַף טרעפּ, און אַרום אונדז איז אַזוי שוואַרץ געווען. דאַכט זיך, אַז נישט די זשאַנדאַרמעריע איז עס אימשטאַנד צו געפינען, ניט אַפילו דער טײַוול אַליין. אַרופגייענדיק אַף די טרעפּ, האָט מײַן האַרץ געקלאַפּט. אָט דאָ קום איך אין ריכטיקן „מאַקער"...

מײַן כאַווער האָט ערגעץ־ווו אָנגעקלאַפּט, צי אין אַ טיר, צי אין אַ וואַנט, געגעבן אַ פּאַראָל, און אַ טיר האָט זיך געעפנט.

מיר זײַנען אין אַ קליין פינצטער שטיבל, וואָס דער פלאַם פון דעם ברענענדיקן לעמפּל איז פאַרטרונקען געוואָרן אין אַ וואָלקן רויך פון פּאַפּיראָסן און קעפּ. איידער מיר זײַנען אַרײַן, זעט זיך אויס, האָט מען געמוזט זײַן פאַרנומען אין זייער אַן ערנסטן שמועס, נאָר באַ אונדזער אַרײַנקומען איז דער שמועס געוואָרן איבערגעהאַקט, און עס איז זייער שטיל געוואָרן.

איינער האָט אַפן צווייטן געקוקט.

אַף אַ בעט, באַ אַ קליין טישל, איז געזעסן אַ פרײַלן מיט זייער שוואַרצע האָר, אַרום איר האָבן זיך איצט אַרומגעקליבן אַ פּאָר יונגע לײַט און מע האָט זיך אָנגעהויבן צו סוידען.

אין דער קופּקע איז אויך אַרײַן מײַן כאַווער אוראַם, ער האָט עפּעס זייער ערנסט געטײַנעט, מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל. אייניקע האָבן פּראָטעסטירט, דאָך, נאָך אַ לאַנגער ווײַלע האָט זיך די פרײַלן אָנגערופן:

— כאַוויירים, רעדט ווײַטער.

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט מען גערעדט וועגן אַ גראַנדיִעזער מאַניפעסטאַציע אַף מאָרגן צום צענטן פּאַווילִיאָן, פאָדערן די קערפּערס פון די טויט־הינגעריכטעטע כאַוויירים: יאַנקלס און נאָך אַנדערע.

אין אַ ווינקל איז געזעסן איינער אַ יונגערמאַן, זייער מאָדנע אָנגעטאָן (דערנאָך בין איך געוויר געוואָרן, אַז עס איז אַ זעלנער פון שלאָס), און האָט דערציילט פון דער נאַכט, ווען מע האָט יאַנקלען זײַן רעכטס געטאָן.

זיכער, מיט רויִקע טריט, איז יאַנקל געגאַנגען, געפירט צווישן די צוויי זעלנער צו דער טליִע, און שטייענדיק אַף דער טליִע, איידער דער טאַליען האָט אים דעם שטריק איבערן האַלדז פאַרלייגט, האָט ער זיך געווענדעט צו די זעלנער, צו די אָפיצערן:

„זעט, מענטשן זײַנען זיך מויסערנפעס, גייען מיט זיכערע טריט צום טויט, קעמפנדיק פאַר דער פרײַהײַט, פאַר אַ בעסערער צוקונפט, פאַר אונדז, פאַר אײַך..."

דער אָפיצער האָט געהייסן פויקן, אַז מע זאָל ניט הערן, וואָס ער רעדט. נאָר דער זעלנער פון דער פויק האָט זיך אַ מינוט פאַרהאַלטן, געוואָלט, אָפּנעמען, אויסהערן, וואָס טראַכט אַ מענטש פאַרן טויט.

און עס האָט זיך נאָך געהערט זײַן קאָל...

— באַם־מ־מ־ס! — האָט די פויק געקלאַפּט.

און שוין — אַ לאַנגער כאָרכל, אַ צאַפּלען מיט די פיס, און פאַר אונדזערע אויגן איז שוין געהאַנגען אַ טויטער קערפּער, אײַנגעוויקלט אין אַ קאַפּאָטע, טויט און שטום, נאָר מיט אַ טיפן סאָד פון „יענער וועלט"...

נאָך יאַנקלען האָט מען אַרויסגעפירט אַ צווייטן באָכער, וועלכן מע האָט געהאַט באַשולדיקט, אַז ער האָט געשאָסן אַף אַ קאָזאַק.

דאָס איז נאָך געווען אַ יונג קינד, פון אַ יאָר 17—18, בלייך אַפן פּאָנעם, דאַר, שרעקלעך שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין זײַן בלייך פּאָנעם ווי מײַזלעכער. די אײמע פאַרן טויט איז אים געלעגן אַפן פּאָנעם. נײַן, ער איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט צום טויט, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער די שרעקלעכקײַט פון דעם אופהערן צו זײַן, און ער האָט געוואָלט לעבן, ווײַטער לעבן, אין אַ פינצטערן קערקער, אַבי נאָר די האָפענונג ניט צו פאַרלירן, לעבן.

ניט געוואָלט האָט ער גיין צום טויט, האָט ער זיך פאַר דער וואַנט געכאַפּט און געמאַכט שרעקלעכע גוואַלדן...

נאָר די גוואַלדן זײַנען געווען אַזוי אומענטשלעך, אַזוי שרעקלעך און אַזוי גרויזאַם, אַז די האָר פון קאָפּ האָבן זיך אופגעשטעלט. די גאַנצע שרעקלעכקײַט פון אַ מענטש, ווען ער דערזעט דעם טויט פאַר זיך, איז געווען אין זײַן געשריי.

— מאַמע... לעבן... מאַמע... מאַמ...

פון די גוואַלדן האָט זיך די גאַנצע פעסטונג אופגעכאַפּט. ווײַבער און קינדער האָבן זיך אין די פענצטער געוויזן. מע דערציילט, אַז לאַנג, שוין זייער לאַנג האָט מען ניט געהערט אין שלאָס אַזעלכע גוואַלדן.

צוויי קאָזאַקן האָבן אים פאַר די האָר גענומען, די איבעריקע באַ די הענט און פיס און האָבן אים צו דער טליִע געטראָגן.

און די פויק האָט געקלאַפּט הויך, שטאַרק, וואָס אַמאָל העכער, שטאַרקער, נאָר דעם אומגליקלעכנס גוואַלדן האָט זי ניט געקענט פאַרטויבן.

אַז מע האָט אים אָפּ דער טליִע אַנידערגעשטעלט, האָבן זיך די פיס הינטער אים געבראָכן, און ער איז געפאַלן הינטער זיך, האָבן אים צוויי קאָזאַקן דעם קאָפּ מיט גוואַלד הינטער דער פּעטליע אַרײַנגעשטעלט...

— מאַמע... מאַמ... — האָט זיך נאָך געהערט דאָס לעצטע מאָל דער אויסרוף פון אונטער דעם טאַליענס שטריק.

אין אַ מינוט אַרום איז שוין אַ מענטש — אַ שמאַטע געהאַנגען, און איז שוין זייער שטיל, זייער רויִק געווען...

דער אוילעם האָט די „מײַסעס” אויסגעהערט שטיל, אָבער דאָך גענוג גלײַכגילטיק; זעט זיך אויס, אַז זיי זײַנען געוווינט צו אַזעלכע „מײַסעס” און עס מאַכט שוין אויף זיי קיין אײַנדרוק ניט.

דער אוילעם האָט זיך איצט גענומען האַנדלען איבער דעם, וויאַזוי טעכניש די מאַניפעסטאַציע אויסצופירן, צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אַדגל.

אין דעם קלאַפּט מען אין טיר.

דער אוילעם ווערט שטיל.

מע גיט אַ פּאַראָל, און אַ קליין מענטשל גיט אַ קום אַרײַן און פירט מיט נאָך וועמען דאָרט.

מע סוידעט זיך וועגן עפּעס.

עס ווערט זייער שטיל.

די אָנגעקומענע פאַרלאָזן באַלד דאָס כיידער.

— כאַווײרים! — רופט זיך אָפּ די פרײַלן, נאָכדעם ווי זיי זײַנען אַרויס. — וואַרשע איז געוואָרן דערקלערט אין קריגס-צושטאַנד, דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט געגעבן אַ באַפעל די זעלנער צו שיסן באַ דער קלענסטער מאַסן-פאַרזאַמלונג!

— כאַווײרים! עס לוינט זיך צו אָפּפערן אַ געוויסע צאָל קאָרבאָנעס אויף אַזאַ מאַניפעסטאַציאָן. עס שרײַט אין די גאַסן! — האָט זיך אָפּגערופן אַ קאָל פון אַן אָנגעזעענער פּערזאָן.

— געוויס! — האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע קוילעס, ווי מע וואָלט מענטשן-לעבנס געציילט ווי אַרבעס...

איך פרעג אין דער שטיל מײַן כאַווער אוראַמען, צי איך מעג מיך אָפּרופן. אַ פּאָר „גענעראַלן” האָבן מיך שטרענג אָנגעקוקט.

— כאַווײרים, — זאָג איך, — יעדן מענטשנס לעבן איז אַ הייליקטום פאַר זיך באַזונדער, אַ וועלט באַזונדער. מע טאָר זיך ניט שפּילן מיט יענעמס לעבן אויף צוועקן, מעג דער צוועק זײַן ווי הייליק. איך האָב נאָר רעשוס אויף מײַן אייגענעם לעבן, אָבער קיינמאָל ניט אויף יענעמס...

מע איז מיך באַפאַלן ווי מיט אַ האָגל:

— מיר דאַרפן ניט קיין ראַכמאָנעס.

און עפּשער האָבן זיי רעכט?

זיי זײַנען וועגווײַזער, בויער פון אַ נײַער וועלט, און יעדערער איז נאָר אַ ציגל צו בויען די נײַע וועלט. איך בין אַ צעבראָכענער, אָרעמער זינגער, איך זע אין יעדן מענטש, אין יעדן אינדיווידוום אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך אַליין... איך וויל שוין גאָר ניט רעדן.

מײַן כאַווער האָט מיך צוריק אַראָפּגעפירט.

לאַנג האָב איך מיך, גאַס-אײַן, גאַס-אויס, געדרייט, פיל מאָל האָט מען מיך אָפּגעשטעלט, מײַן פּאַס באַקוקט, פיל פּאַטרולן האָב איך אָפּן וועג באַגעגנט פירן מענטשן אין צירקל אַרײַן. ווי מעשוגע בין איך אַרומגעלאָפן. דאָך צום סאָף זיך צו מײַן וווינונג דערשלאָגן...

אַז איך בין אַרויף אויף די שוואַרצע, הויכע טרעפּ, האָט מיר אַן אַדער צי אין מויעך, צי אין האַרצן געקלאַפּט:

— מאָרגן פאַרן פּאַוויאַק!

ווי אַ מידער הונט בין איך אויף מײַן בעט געפאַלן און לאַנג, לאַנג אין דער פינצטערער נאַכט געקוקט. דאַכט זיך, איך האָב וועגן עפּעס געקלערט.

נאָר וועגן וואָס — געדענק איך ניט.

מאַנטיק.

די זון האָט אין מײַן פענצטער געקוקט, באַגאָסן מײַן אָרעם שטיבל מיט ליכט, און מײַן האַרץ האָט עפּעס ניט־ווילנדיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן:

— מענטש, שטיי אויף!

און אָנגעצונדן מיט ענערגיע, האָט עס מיך פון די טרעפּ געהויבן. איך בין אין גאַס געקומען. שטיל איז אין גאַס. די געוועלבער זײַנען צו, די שויפענצטער פאַרהאַקט. מאַסן מענטשן דרייען זיך איבער די טראָטואַרן, רויק, מיט אײַנגעהאַלטענע טריט, האַנט בײַ האַנט, אַקסל בײַ אַקסל. און איין נעשאָמע לעבט אין דער שוואַרצער מאַסע, אַ נעשאָמע פון אַכדעס, פון איין טייל לעבן...

עס קומט צו גיין אַ מענטשל און וואַרפט אַ וואָרט... און ווערט פאַרשוווּנדן. מע ווייסט ניט ווען, ניט ווו. און דער אוילעם איז שוין אַראָפּ פון טראָטואַר, פאַרנומען די גאַס, און מע גייט.

צוויי הויכע שערענגעס הײַזער ציִען זיך גאַנץ ווײַט אַוועק און ווערן ערגעץ ווײַט פאַר־נעפּלט. און צווישן די שערענגעס הײַזער — די מאַסע, אַ יאַם קעפּ.

און אויף דעם יאַם קעפּ שווימט, ווי אַ זעגל־בוים, אַ פאָן אַ רויטע, און ווײַזט אַ וועג...

ניט פון גאָלד געהעפט, ניט רײַך געפּוצט איז די אַרבעטער־פאָן. אין דער שוואַרצער נאַכט, אין פינצטערן קעלער האָט די מאַמע — די נויט — דעם פאָדעם געשפּינט, די שוועסטער — די סוכאָטניצע (פון דער טאַבאַק־פאַבריק) — האָט די פעדעם אויף דעם וועבשטול אויפגעצויגן. און דער ברודער — דער דאַלעס — האָט די פאָן געשפּינט.

אין בלוט זײַנען די פעדעם געטונקט געוואָרן; אין בלוט פון די הארוגים, פון אָרעמקײַט, פון נויט און דאַכקעס.

פלאַטער, אָרעמקײַט, פלאַטער איבער דעם יאַם קעפּ. און שאַרף און שטאַרק זאָג דײַן וואָרט, וואַרף דײַן וואָרט אין מענטשנס געזיכטער.

שאַרף און שטאַרק, ווי דײַן האַמער, ווי דײַן האַנט איז.

און פון טויזנטער בריסטן איין גוואַלד, איין געשריי און איין קאָל.

און די שוווּע, ווי גאָטס וואָרט, ווי אַ ווינט, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעלאָזט פון אונטער דעם „איצער הארוכעס”, טראָגט זיך אין גאַס. דער יאָכיד איז אויס יאָכיד געוואָרן. יעדער איז גע־וואָרן אַ ביילעק אין דעם גרויסן, גרויסן קלאַל — אין דעם פײַער פון אַכדעס, וואָס איין אומגע־הייערע, אומבאַוווּסטע קראַפט האָט זיי אַלע צוזאַמענגעבונדן.

פײַער, אָרעמקײַט, דײַן יאַמטעוו, דײַן רויטן יאַמטעוו — דעם יאַמטעוו פון דײַנע הארוגים! זעלנער קומען אָן.

אַ גאַנצע ראָטע. אַ מינוט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַ מינוט האָט זיך די מאַסע אויך אָפּ־געשטעלט. באַלד ווי גאָרנישט. איינער איז אַרײַן אין צווייטן, עס איז שטיל געוואָרן, זייער שטיל.

צוויי רוכעס האָבן אַ מינוט איינער דעם צווייטן אין פּאָנעם געקוקט.

מע האָט נאָך ניט געוווּסט, צי האָט זיך שוין אָנגעהויבן... מע האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. עפּעס אַ ווינט איז דורך אונדזערע קעפּ דורכגעפלויגן.

— טראַכ־כ־ך!

דאָ און דאָרט האָבן זיך מענטשן אײַנגעבויגן אין דער מאַסע. און אין דעם יאַם קעפּ זײַנען עפּעס לעכער געוואָרן. טראַכ־כ־ך!

אַ ווינט האָט מײַן קאַפּעליוש אַראָפּגעשלעפּט. מײַן כאַוער אוראַם בייגט זיך אײַן.

— וואָס איז דיר?

ער ענטפערט מיר ניט.

— זוכסט עפּעס?

זײַנע פיס גליטשן זיך אונטער אים.

איך בייג מיך אַראָפּ, איך טאַפּ אָן, עפּעס זייער אָנגענעם רינט מיר דורך מײַן האַנט.

וואָס איז דאָס?

עס איז ווער געפאַלן איבער מיר.

מײַן קאָפּ ליגט אויף עפּעס זייער ווייכס.

עס איז מיר זייער פינצטער אין די אויגן...

מיטוואָך.

זייער פרי פרימאָרגן.

די וועלט איז נאָך אײַנגעהילט אין האַלבן נעפּל, דאָ און דאָרט קערעווען זיך אַרויס פון וואָלקן הויכע רייען הײַזער — אַ גאַס.

לער און ליידיק איז די גאַס, קיין מענטש, קיין פערד, קיין הונט. נאָר געדיכטע פּאַטרולן זעלנער, געפירט פון א גאָראָדאָוואָי, שפּרײַזן דורך די גאַס. און די באַליידיקטע הײַזער, טריבע, פאַריאָסעמטע. עס דאַכט זיך, אַז די אײַנוווינער זײַנען אין זיי אויסגעשטאָרבן. אין יעדן פענצטער א מעס, באַדעקט מיט א שוואַרצן לײַלעך, און די זעלנער היטן קאַטאַקאָמבן...

לעוויַעס ציִען זיך איבערן גאַס, פון שפּיטאָל אַפּן בעסוילעם. די קאָרבאָנעס פון דער מאָנ־טיקדיקער דעמאָנסטראַציע. א שוואַרצער קאַסטן, געצויגן פון א בלינד פערד. א קרײַז פון פאַרנט, א טאַטע אָדער א מאַמע נאָכן קאַסטן...

און זיי מישן זיך אויס, די זעלנער מיט די לעוויַעס, און די שטאָלענע קרײַזן קוקן אַרויס פון די שטאָלענע זעלנערישע פּיקעס. און זיי שלעפּן זיך, די שוואַרצע קאַסטנס, ווי די קוילן־וועגן פון דער טאַוואַראָווע דורך דער אײַזן־גאַס...

ווער זײַט איר, יונגע קאָרבאָנעס? האָט מען כאָטש אײַערע נעמען פאַרצייכנט?

מײַן כאַווער אוואַם! ליגט עפשער דײַן קערפּער אין איינעם פון די וועגנער? — נאָר איך האָב דעם וואָגן ניט דערקענט, ווײַל אַלע זײַנען געווען גלײַך.

א קרײַז פון פאַרנט, א טאַטע, א מאַמע פון הינטן, פון ביידע זײַטן מיט פּאַטרולן־זעלנער באַגלייט.

ווען איך שרײַב די ווערטער, ליגט מײַן טיכל פאַר מיר, מײַן טיכל, דורכגעווייקט אין דײַן בלוט, אין דײַן יונג בלוט.

אווראָמס בלוט, אווראָמס בלוט! איך האָב דיך געקענט. איך האָב געוווּסט דײַנע ליידן. איך האָב אָבער אויך געוווּסט דײַן גלויבן, דײַנע שטרעבונגען, נאָך וואָס דו האָסט אַזוי הייס געקאָכט אין אווראָמס אָדערן...

אווראָמס בלוט. פאַרגאָסן אַף מאַרשאַלקאָווסקי־גאַס אין דעם רינשטאָק. צי האָט ער כאָטש געוווּסט, דער סטאַראָזש פון מאַרשאַלקאָווסקי־גאַס נומער 153, אַז דאָס בלוט, וואָס ער האָט אָפּ־געוואָשן פון די שטיינער און אין זײַן שאַף אויסגעשווענקט, — איז געווען דײַן בלוט — דײַן יונג, לעבעדיק בלוט?!

איך האָב עס געקענט!..

מיט צוויי טעג שפּעטער.

פּרײַטיק.

איך בין אין גאַס אַרויס. א טריט צוויי־דרײַ פאַר מײַן טיר באַגעגנט מיך א פּאַטרול. דעם סטראַזשניק, וואָס האָט געפירט דעם פּאַטרול, האָט אוודאי מײַן אויסזען ניט געמוזט געפעלן. גייט ער צו צו מיר, און מע נעמט מיך אין מיטן אַרײַן און מען הייסט מיר גיין. גיי איך. א מינוט בין איך א יאָכיד. באַלד גייט דורך א צווייטער ייִד, און האָט זיך אומגעקוקט הינטער זיך. דער סטראַזשניק האָט עס באַמערקט, געגעבן א ווונק צו א זעלנער, ער זאָל אים הייסן מויכל זײַן. און מיר גייען שוין געפּאַרט.

— שאָלעם־אַלייכעם, א ייִד.

— אַלייכעם־שאָלעם, פעטער.

— אָפּגעדאַוונט, אָנגעביסן און געגאַנגען אין גאַס אַרויס — מוכן אומזומען א גראָשן געלט פאַרדינען. דאָס ווײַב וואַרט מיטן מיטיק אַף מיר, האָסטו דיר א כאַסענע, זייער קאָפּ זאָל אַזוי שטיין צו טאַנצן, ווי מײַנער שטייט מיר איצט מיט זיי שפּאַצירן צו גיין.

— וואָס קענען מיר טאָן?

— אַז מיר זײַנען אין גאָלעס, — לייגט ער צו. — אָבער ווי לאַנג קען ער אונדז פירן?

— ווי לאַנג עס וועט אים געפעלן.

ניט לאַנג זײַנען מיר געווען א פּאָרל. מיר דערזעען א דריטן צווישן זיך. געוועזן איז עס אַן אַרבעטער־ייִנגל מיט א פּעקל אין דער האַנט.

— שליעדזשאַ מאַם — איך האָב א הערינג, — ווײַזט דאָס ייִנגל דעם סטראַזשניק דעם אויפּ־געוויקלטן הערינג, פון וועלכן טראָפּנס זאַלץ זײַנען געריננען.

— ניטשעוואָ, אידי, אידי!

— מיך האָט די מײַסטערן געשיקט נאָך א הערינג מיט א ברויט, פירט ער מיך גאָר אין ציַרקל (אוטשאַסטאָק) אַרײַן. זי קער אין דער היים שוין לאַנג וואַרטן, — זאָגט דער יונג צו אונדז.

— עס דערוויַל דעם הערינג אויף. מע קען אים דיר נאָך קאָנפיסקירן אין ציַרקל.

— אוואדע וועל איך אזוי טאָן, וואָס דען מיינט איר? — ברעכט דער יונג דעם הערינג אַף צוויי. — עפּשער ווילט איר, פּעטער, פּאַרזוכן? — דערלאַנגט ער די צווייטע העלפט מיר מיט מײַן שאָכן.

דער ייִד וויל ניט.

— כאָטשעש, בראַט? — ווענדעט ער זיך מיטן האַלבן הערינג צו דעם זעלנער, וואָס גייט לעבן אים.

— דאַווײַ, בראַט! — מאַכט דער זעלנער און נעמט דעם הערינג אַרײַן אין אַרבל און זויגט אים באַהאַלטענערהייט, ווי ער וואָלט א פּאַפּיראָס געריי כערט, שטייענדיק אַפן קאַראַול.

— טי סטאָי! — שרײַט דער סטראַזשניק צו א דורכפאָרנדער דראָשקע, דער זעלנער האַלט שוין דאָס פערד אײַן.

א דערשראָקענער יונגערמאַנטשיק, עלעגאַנט געקליידט, קוקט אַרויס פון דראָשקע.

— ווילעזײַ, — באַפעלט דער סטראַזשניק.

— גוואַלד, מײַן ווײַב גייט מיר צו קינד, איך פאָר נאָך דער הייב־אַם, — שרײַט און בעט זיך דער יונגערמאַנטשיק מיט טרערן אין די אויגן.

— ניטשעוואָ, בראַט, ווילעזײַ! — באַפעלט דער סטראַזשניק.

ער איז נעבעך אַראָפּגעקראָכן פון דראָשקע. א ברייִרע האָט ער געהאַט?

— זי מוז שוין געווינען, — קרעכצט דער יונגערמאַנטשיק.

— מאַזלטאָוו, א בען־זאָכער, — זאָגט דער ייִד.

— שטעלט, פּעטער, לעקעך און בראָנפן.

יענע לאַכן.

— א קורבן נאָך דעם געלעכטער.

אַזוי שפּאַצירן מיר איבער דער טוואַרדאַ־גאַס.

און דאָ לויפן מענטשן, האַנדלען און וואַנדלען, שאַפן זיך געלט, וועקסלען צו צאָלן, א פינף זעקלעך מעל קויפן. א ייִד פון דער פּראָווינץ לויפט אײַנקויפן, און אַהיים זיך כאַפּן, ווײַל די באַנען וועלן זיך שטעלן.

א ייִדענע מיט עפּל שטייט בא א לאַמטערן און פאַרקויפט עפּלעך די ביידער־ייִנגלעך.

דעם סטראַזשניק געפעלט ניט די ייִדענע, אוואדע „אן אינטעליגענטקע", א „רעוואָליוציאָניסטקע". א קאַשע אַף א מײַסע, אז מיר זײַנען געוואָרן איבערגעגעבן אַף דעם סטראַזשניקס פּסיכאָלאָגיע.

ער נעמט די ייִדענע.

— א בייזע נאַכט אַף זײַן קאָפּ! פאַרשלאָסן די קינדערלעך אין דער היים, אַרויסגעלאָפן א פּאָר גראָשן לייזן און א ברויטל קויפן.

— ייִדן, גוואַלד, וואָס טוט מען? די קינדער קענען דאָך אין דער היים פאַר הונגער אויסגיין. און אייצע איז דאָ דערוף? מיר גייען ווײַטער.

— ווי לאַנג קען דער שפּאַציר דויערן?

— עס זאָל זיך כאָטש ענדיקן פאַר דרײַ, איך עס מיטיק פּונקט דרײַ אַזייגער. מײַן ווײַב וואָלט מיר דעם טויט געמאַכט, ווען איך וואָלט מיך פאַרשפּעטיקט, — רופט זיך אָן איינער צווישן אונדז.

— איר וועט עסן מיטיק, בארעכהאַשעם, אָן דעם ווײַב, אין אַנדער כאַווּרסע, — איז אים מעוואַסער דער יונג פונעם הערינג.

— אוואדע ניט דאָס ערשטע מאָל בא אים, — טרעפן טייל אוף דעם יונג. — מיטגעמאַכט שוין אַמאָל די כאַסענע? העי?

— מיטגעמאַכט, וואָס דען?

— נו?

— איר וועט פאַרזוכן — וועט איר געניסן...

בא ענדע קראָלעווסקאַ־גאַס האָט דער סטראַזשניק א יונגנמאַנטשיק, וואָס האָט געוואָלט פלינק אַף יענער זײַט טראָטואַר דורכגיין, אָפּגעשטעלט.

— שטיי!

— איך האָב א פּאַס, — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק און נעמט אַרויס א ביכל פון קעשענע. — „כאַים גאָלדמאַכער".

— וווּסיאָ ראַווּנאָ, — זאָגט דער סטראַזשניק, — אין צירקל וועט מען זען. און ער גייט שוין צווישן אונדז.

— איך האָב אים אין דר׳ערד, איך קום אין צירקל אַרײַן, גיי איך צו צום קאָמיסאַר, װעט איר זען, אַז ער כאַפּט די אַלײַע: מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער. װאַרט, טאָמער טרעף איך דאָ דעם פּאָמאַשטשניק, אַ רעװיראָװע פֿון צירקל, אַפֿן װעג — איך זאָג נאָר אײן װאָרט... — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק, װאָס האָט אַ „פּאַס״.

— הערר! — הייבט זיך אָן צו בעטן באַם „מאַכער״ די יידענע. — אַ לעבן אָף אײַך, ראַטע־װעט אַרױס אָן אומגליקלעכע מאַמע, כ׳האָב די קינדער אין קעלער אײַנגעשלאָסן.

— קאָװאַלעװסקי, — שטעלט זיך פֿאַר פֿאַר אים דער יונגערמאַנטשיק, װאָס איז געפֿאָרן נאָך דער הייב־אַם און רוימט אים עפּעס אַרײַן אין אויער.

— עס װעט שוין רעכט זײַן, שוין רעכט זײַן... — װינקט דער יונגערלמאַנטשיק, װאָס האָט אַ „פּאַס״.

— יונגער מענטש, אַז איר זײַנט שוין יאָ אַזאַ בעריע, טאָ לאָזט זען אײַערע גװורעס, — זאָגט צו אים דער ייִד פֿון מיטיק, — און נעמט אונדז אַלע אַרויס פֿאַר דרײַ אַזייגער. מיר זײַנען דאָך גאָט די נעשאָמע שולדיק.

— לאָז מיר נאָר אַ שטיקל רעװיראָװע אונטער דער האַנט אַרונטערקומען, װעלן מיר שוין דערנאָך רעדן.

— אָט גייט אַ רעװיראָװע! — שרײַט איינער פֿון דער „פּאַרטיע״, דערזעענדיק אַ רעװיראָװע אַפֿן טראָטואַר.

דער יונגערמאַן, דער „מאַכער״, קוקט לאַנג.

— אַ באַקאַנטער? — פֿרעגט מען אים.

— יאָ, אַ באַקאַנטער, סטעפּאַן מיכײַלאָװיטש.

— פּאָזװאָלטיע, פּאָזװאָלטיע, — שרײַט דער יונגערמאַן און מאַכט מיט די הענט, װי איינער, װאָס ראַטעװעט זיך פֿון װאַסער אַרויס.

דער רעװיראָװע קומט צו.

— גאָספּאָדין סטעפּאַן מיכײַלאָװיטש, — שטרעקט דער יונגערמאַן צו אים די האַנט אויס אָף „שאָלעם־אַליכעם״, — ניע אוזנאַלי?

— אַ קטאָ טי טאַקאָי? — פֿרעגט אים דער רעװיראָװע.

— יאַ כאַ־ים גאָלד־מאַ־כער, — דריקט אויס דער יונגערמאַן שאַרף זײַן נאָמען.

— ניע זנאַיו, קאַקאָי גאָלדמאַכער, — רופֿט זיך אָן דער רעװיראָװע און, װענדנדיק זיך צום סטראַזשניק, מאַכט ער אָף זײַן לאָשן: — דיערזשי, דיערזשי.

— ניט דערקענט... — שאָקלט דער יונגערמאַנטשיק מיטן קאָפּ, רויט־טויט פֿאַר כאַרפּע.

— אַז ער װיל ניט, דערקענט ער ניט, — זאָגט אַ ייִד.

— אין אוטשאַסטאָק װעל איך אים שוין װײַזן, — שטאַמלט דער יונגערמאַנטשיק פֿאַר כאַרפּע.

און אַזוי האָט מען אין גאַס שפּאַצירט, ביז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אַ שטיק 20—30, האָט מען אונדז אין צירקל אָפּגעפֿירט.

פֿאַר דער טיר פֿון צירקל האָט מען באַגעגנט איינִיקע אַזעלכע „קאָמפּאַניעס״, און מיר האָבן באַגריסט איינער דעם צװייטן.

אַז מיר זײַנען אין פּאַדערצימער פֿון צירקל געשטאַנען, האָט מען געהערט פֿון אינװייניק שרעקלעכע גװאַלדן, געשרייען, אַזױ װי פֿון אונטער דער רוט.

דער יונג פֿונעם הערינג איז צוגעגאַנגען צו דעם ייִדן, װאָס האָט זיך דורכויס אַהיים געײַלט אָף דרײַ אַזייגער צו מיטיק, און, קלאַפּנדיק אים אין רוקן, מאַכט ער אַזױ:

— גרייט אײַך צו, פֿעטער, צו די „לאָקשן״, װאָס מע טײלט דרינען.

דער ייִד איז טויט־בלאַס געװאָרן.

דרײַ אַזייגער.

מע זאָגט, אַז פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפֿעל ניט צו שטערן די מאַניפֿעסטירנדע. די פּאַט־רולן אין גאַס װערן װאָס אַמאָל װינציקער. װאָס אַמאָל װײַזן זיך מער זעלנער צװישן פּובליקום. פֿון איין גאַס צו דער צװייטער צײַען זיך מאַניפֿעסטאַציעס מיט רויטע פֿאָנען. דער סטראַזש־ניק באַם עק גאַס שטייט, זעט און גלייבט זײַנע אויגן ניט. דאָס פּובליקום פֿאַרלאַנגט פֿון אים, ער זאָל דאָס היטל אַראָפּנעמען, ער טוט דאָס מיט אַן אידיאָטישן שמייכל אָף די ליפּן. טייל פֿון פּו־בליקום שטעקן אים די רויטע פֿאָן אין האַנט אַרײַן און נעמען אים מיט פֿאָרויס. פֿענעמער װײַזן זיך אין די פֿענצטער, מענטשן אָף די באַלקאָנען פֿאָכן מיט װײַסע טיכלעך.

א מענטש קומט אָן קעגן דער מאַניפעסטאַציע:
— באַגריס די פרײַהײַט!
— זאָל לעבן די פרײַהײַט!
און אָפיצער אפן טראָטואַר נעמט אַראָפּ דאָס היטל.
— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!
— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! — שאָקלט מיט דער אָפיצער מיטן קאָפּ.
— צום פּאַוויאַק! — שרײַט דאָס פּובליקום.
— צום פּאַוויאַק!

עס קומט אָן צו לויפן א קאָמיסאַר פונעם צירקל. דאָס האַרץ זײַנס קען ניט פאַרטראָגן, וואָס עס טוט זיך אין גאַס אָפּ. עס גייען דורך אייניקע זעלנער מיט ביקסן. ער לויפט צו צו די זעלנער און קאָמאַנדעוועט:
— שיסן!
— טרראַר־קאַך!!

און עס פאַלן צוויי מיידלעך, זייערע האָר זײַנען אײַנגעטונקט אין בלוט. דאָס פּובליקום גיט א רינגל אַרום די זעלנער, מע כאַפּט בא זיי די ביקסן אַרויס. דער קאָמיסאַר אַנטלויפט אין אָן אָפענעם טויער.

דאָס פּובליקום לויפט נאָך. ער האָט דעם טויער פאַרקלאַפּט.
— אויפרײַסן! — שרײַט דאָס פּובליקום, און הונדערטער הענט גיבן זיך א לען אָן אין טויער.
— פאַרברענען דאָס הויז מיט אים אינײַנעם! — שרײַען אַנדערע.

עס באַווײַזט זיך אָן אָפיצער אַף א טיש.
— כאַווערים! — גיט ער א געשריי. — פאַרשמוצט ניט אײַערע הענט אין זײַן ברודיק בלוט. ברודיק איז זײַן בלוט, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען די פרײַהײַט. גיט אים איבער אין מײַן האַנט, איך וועל אים מישפּטן.
— גוט! — שרײַען קוילעס פון פּובליקום.

מע רײַסט אויף דעם טויער, מע פירט אַרויס דעם קאָמיסאַר. דער אָפיצער רײַסט פון אים די שליפעס אַראָפּ. עמעצער פון פּובליקום כאַפּט אַרויס דעם קאָמיסאַרס שווערד און צעברעכט אים אַף שטיקלעך. מע גיט אים א נעם, און צוויי יונגען פירן אים אונטערן אָרעם אין צירקל אַרײַן.

— אַזוי, ווי ער האָט ביז איצט מיט אײַך געטאָן, אַזוי טוט מיט אים איצט.
אָך פּובליקום, פּובליקום, ווי לײַכטזיניק דו ביסט...
אָך פּובליקום, פּובליקום, ווי אומבאַרעכנט דו ביסט.
עס ווערט שטיל.

פון דאָרט קומט א מאַניפעסטאַציע. די מאַניפעסטאַציע טרעט אָפּ אָן א זײַט און מאַכט א וועג פאַר יענער. עס ווערט זייער שטיל צווישן אוילעם. אַלע נעמען די היטלען אַראָפּ. אַלע בייגן די רויטע פאָנען לעקאָוועד יענער מאַניפעסטאַציע, וואָס קומט אָן פון מאַרשאַלקאָווסקאַ־גאַס.
וואָס איז געשען?

רויק און שטיל גייט דורך די מאַניפעסטאַציע דורך דער גאַס. צוויי סטודענטן טראָגן א טויטן כאַווער אַף די אָרעמס, פאַרויס גייען אייניקע פרײַלנס, טראָגנדיק דעם געהאַרגעטנס מאַנטל אין בלוט אײַנגעטונקט.
שטיל איז געוואָרן די מאַניפעסטאַציע.
אָן געזאַנג, אָן רעדעס...

פאַרנאַכט.

די גאַס איז ווי זי וואָלט עפּעס געוואָרן פון גאָלעס אויסגעלייזט... פון אַלע הײַזער האָבן זיך טיר־און־טויער געעפנט. און כוואַליעס מענטשן האָבן זיך פון די הײַזער אַרויסגעגאָסן. אין גאַס איז היימלעך. די גאַס איז פרײלעך.

אַלע מיט יאָמטעוודיקע פּנעמער, רויטע בלימלעך אין די קלאַפּעס, פרײַלנס מיט רויטע בענדער אַף דער ברוסט, מיט געזאַנג אַף די ליפּן לאָזן זיך פון גאַס צו גאַס. איינער קען ניט דעם צווייטן, און איינער באַגריסט דעם צווייטן, מענטשן קושן זיך אַף דער גאַס, און באַקאַנטע מיט אומבאַקאַנטע נעמען זיך אין די אָרעמס, שפּאַצירן אינײַנעם און זינגען אינײַנעם איין פרײַהײַטס־ליד. א זעלנער מיט א ביקס זעט מען אין גאַס ניט. די איינצלנע זעלנער, וואָס גייען אין גאַס,

האָבן זיך איינגעם אויסגעמישט מיטן פּובליקום, דאָרט קושט זיך א יונגערמאַן מיט א זעלנער, דאָרט כאַפּט דאָס פּובליקום א זעלנער אף די הענט און טראָגט אים אינמיטן גאַס.

— באַגריס די פרײַהײַט!

— זאָל לעבן די פרײַהײַט!

— הוררא!

אין די פענצטער ווײַזן זיך אילומינאַציעס. פון איבער דעכער שיסן אויס ראַקעטן, וועלכע צינדן א האַלבן הימל אונטער. און איבער די גאַסן גיסן זיך כוואַליעס מענטשן, איינע נאָך דער צווייטער. אף אַלע געזיכטער שײַנט איין האָפענונג, און עס גיסט זיך דאָס געזאַנג פון טויזנטער מײַלער:

„און ריכטער וועלן דענסטמאָל זײַן מיר!“

אַלט און יונג, קינד־און־קייט זײַנען אף דער גאַס. פרײַ און אָפן איז אַלץ געוואָרן, עפּעס א גרויסער יאָך איז פון די אַקסל געפאַלן, און דיר דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָט יענער וועלט, פון וועלכער מיר האָבן זיך אין אונדזערע קינדער־יאָרן אַזויפיל לעגענדן אָנגעהערט — אין דער פרײַהײַט־וועלט.

נאָר דאָרט, ווײַט אין עק גאַס, צווישן די הויכע צעלן הײַזער, איז די זון אונטערגעגאַנגען אין א רויט געשטאַלט, און א נעפּל האָט אײַנגעהילט די גאַס. דער רויטער זונען־אונטערגאַנג האָט פון דעם נעפּל אַרויסגעקוקט און דערמאָנט אָן עפּעס...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט זײַנען פאַרגליווערט געוואָרן די שטראָמען בלוט פון די טויזנטער יונגע לעבנס, וואָס די איינע מינוט פרײַהײַט האָט אָפּגעקאָסט, און פון דאָרט, פון יענער זײַט וועלט, ווינקט אַהער צו אונדז דאָס בלוט און גריסט פונדערווײַטן:

— זײַ באַגריסט, דו פרײַער בירגער!

— צום פּאַוויאַק! פאַרן ראַטהויז!

— באַפרײַען די אַרעסטירטע!

— אַמניסטיע!

פון עק גאַס קומט אָן א לאַנגע און א ברייטע מאַניפעסטאַציע מיט רויטע פענער און מיט געזאַנג. פאַרויס לויפט א יונגערמאַן מיט א שטעקן אין דער האַנט און מאַכט עפּעס מיטן שטעקן אַהין און אַהער. עס לויפט איין יונגערמאַן נאָכן צווייטן, שטעלן אָפּ וועמען זיי טרעפן אַפן וועג:

— צום פּאַוויאַק! צום פּאַוויאַק!

פאַרן פּאַוויאַק זײַנען שוין געשטאַנען איין דעמאָנסטרירנדע מאַסע און א צווייטע. יעדע פּאַרטיי מיט איר פאָן. פאַר יעדער פּאַרטיי־מאַסע איז געשטאַנען א רעדנער אַפן צווייטנס אַקסל און גערעדט פאַרן אוילעם:

— ...מיר געניסן פון דער פרײַהײַט, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן, איצט, אין דער מינוט, ווען זיי שמאַכטן נאָך אין די פינצטערע קאַמערן פון פּאַוויאַק! ניין! פרײַער וועלן מיר ניט אָפּטרעטן פונדאַנען, ביז זיי וועלן ניט זײַן צווישן אונדז!..

און וואָס אַמאָל זײַנען מער אָנגעקומען איין הויפן נאָך דעם צווייטן, איין מאַניפעסטאַציע נאָך דער צווייטער און האָבן פאַרנומען די גאַנצע דזשעלנאַ, קאַרמעליצקאַ ביז נאָך לעשנאַ.

די קאַרמעליצקאַ־גאַס איז אין איין מינוט געוואָרן באַלויכטן אין איין פלאַם־פײַער. אין יעדן פענצטער, פאַר יעדער טיר זײַנען געווען אַרויסגעשטעלט לײַכטנדע לאָמפּן, ברענענדע ליכט, און גרויס און קליין, יונג און אַלט האָבן פאַרווונדערט געקוקט, וואָס טוט זיך דאָ אָפּ.

פאַרן פּאַוויאַק, פּאָנעם אין פּאָנעם מיט די מאַניפעסטאַנטן, זײַנען געשטאַנען קאָזאַקן אף פערד, מיט די ביקסן אין די הענט, און האָבן ניט צוגעלאָזט די מאַניפעסטאַנטן צום פּאַוויאַק־צו. די מאַניפעסטאַנטן האָבן אַרויסגעשיקט פון זיך דעלעגירטע — פאַרשטעלן זייערע פאַרלאַנגען די אָפיצערן פון די קאָזאַקן.

— מיר ווילן אונדזערע ברידער דאָ האָבן צווישן אונדז! — האָבן די דעלעגירטע געזאָגט צו די אָפיצערן.

— כאַווערים, לאָמיר אופהייבן אונדזערע שטימען, לאָמיר הויך זינגען אונדזער פרײַהײַטס־ליד, אַז זיי דאָרט, אין די פינצטערע לעכער פון פּאַוויאַק, זאָלן אונדז דערהערן! זאָלן זיי וויסן, אַז מיר זײַנען געקומען הינטער די טויערן פון פּאַוויאַק זיי באַפרײַען און פרײַער וועלן מיר זיך ניט רירן פון אָרט, ביז זיי וועלן ניט זײַן צווישן אונדז! — האָט איינער געשריִען פון אוילעם, רײַטנדיק אף א צווייטנס אַקסל.

דער פרײַהײַטס־טאָג איז אין די שטיבער אַרײַנגעדרונגען און אַרויסגערופן אף דער גאַס קינד־און־קייט:

— קומט געניסן פון פרײַהײַטס־טאָג!

און פֿאַרלאָזן האָבן די שטיבער פּרויען און אַלטע לײַט, מאַמעס האָבן זייערע זויגנדיקע קינ־דער אין די אָרעמס גענומען און שוועסטער האָבן זייערע ייִנגערע ברידערלעך באַ די הענטלעך געפֿירט. מע איז געגאַנגען אין גאַס אַרײַן צו „זען" די פֿרײַהײַט.

באַלויכטן איז געווען וואַרשע, און פֿרײַ האָט זיך געפֿילט וואַרשע. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזאַנגען געהערט, און דאָ און דאָרט האָבן זיך מענטשן מיט זעלנער געקושט... און די פּאָליעס מענטשן האָבן זיך געיאָגט איינער נאָך דער צווייטער און האָבן פֿאַרנומען דעם גרויסן טעאַטער־פּלאַץ, וואָס איז פֿאַרן ראָטהויז.

פֿול מיט מענטשן איז געווען דער פּלאַץ.

אױפֿן באַלקאָן פֿון ראָטהויז האָט זיך געוויזן דער פּאָליצמייסטער, אַ טייל פֿון פּובליקום האָט אים באַגריסט... און ער האָט זיך גענייגט... איין רעדנער, אַ צווייטער, אַ דריטער רעדנער האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון אים אין נאָמען פֿון פֿאָלק, אַז ער זאָל באַפֿרײַען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיט וועלכע עס זײַנען דורך דעם קריגס־צושטאַנד פֿול געוואָרן אַלע טורמעס, אָסטראָגן, שלעסער און גלאָט קאַזאַרמעס. ער האָט צוגעזאָגט צו באַפֿרײַען די, וועלכע ער האָט אַרעסטירט און זיצן באַ אים אין ראָטהויז. דער אוילעם האָט פֿון זיך געמאַכט צוויי רייען. דער הויכער, שווערער טויער פֿון ראָטהויז האָט זיך אויפֿגעעפֿנט, און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס איז געווען אַ הויכע מאָגערע פֿרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, אײַנגעוויקלט אין אַן אַלטן צעריסענעם טוך. די פֿרוי האָט מען געפֿירט דורך די רייען אונטער דער כופּע פֿון אַ רויטער פֿאָן. די מוזיק פֿון טעאַטער־באַלקאָן האָט אַראָפּגעגאָסן אַ שאַל־מעלאָדיע, און דאָס צען־טויזנטע פּובליקום האָט זי באַגריסט מיט אַ דונער־שטאַרקן „הוראַ!". אַזוי האָט מען אַרויסגעלאָזט פֿון ראָטהויז אַ צוואַנציק, דרײַסיק אַרעסטירטע.

און ווידעראַמאָל האָט זיך דער גרויסער שווערער טויער פֿון ראָטהויז פֿאַרקלאַפּט מיט זײַן אײַזן־ריגל פֿאַר די אינוויניקסטע.

מיטאַמאָל, פּלוצלינג, מע ווייסט ניט, ווי־אַזוי עס איז געוואָרן, אין פּובליקום ווײַזן זיך קאָזאַקן אויף פֿערד, דאָס פֿאָלק באַגריסט זיי... אַ פֿרוי שטרעקט איר האַנט אויס צו אַ קאָזאַק.

— זאָל זײַן באַגריסט די פֿרײַהײַט!

וואָס איז געשען? אַ גרויזאַמער גוואַלד דערשרעקט די לופֿט... אַ פֿרויען־גוואַלד... קינדער וויינען...

מע האָט אָנגעהויבן צו לויפֿן. איין מענטש איז איבערן צווייטן געלאָפֿן. אַ שווערד האָט אַ בלישטש געטאָן, עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי, און דער געשריי איז אינמיטן פּלוצלינג אָפּ־געריסן געוואָרן... איין מענטש איז געפֿאַלן אויפֿן צווייטן, איינער האָט זיך הינטער דעם צווייטנס קערפּער באַהאַלטן. יעדער איינציקער האָט זײַן קאָפּ אין יענעמס קערפּער אַרײַנגעשטעקט. מאַ־מעס האָבן זייערע קינדער הינטער זיך באַהאַלטן, באַשיצנדיק זייערע לעבנס מיט זייערע פֿרויען־קערפּערס... די קאָזאַקן האָבן זיך מיט די פֿערד געגעבן אַ לאָז אַרויף אויפֿן פֿאָלק. פֿערדישע פּאָד־קאָוועס האָבן אויף פֿרויען־קעפּ, אויף פֿרויען־בריסטן געטראָטן. די שווערדן זײַנען געפֿאַלן אויף קעפּ, אויף פּנעמער, איבער האַלדז־און־נאַקן. טייל האָבן באַשיצט זייערע קעפּ פֿאַרן קאָזאַקס שווערד מיט די פֿינגער פֿון זייערע הענט... נאָך די פֿינגער פֿון די הענט זײַנען געפֿאַלן, ניט קענענדיק ראַטעווען די שאַרבנס פֿון די קעפּ. טייל האָבן אויס מעשוגאַס זיך אַליין אונטער דעם קאָזאַקס פֿערד געוואָרפֿן, שיצנדיק זיך פּנעמער בלאַנקען פֿון דער שווערד, וואָס האָט געלויכטן קעגן דער ליכט פֿונעם קייסערס מאָנאָגראַם. נאָך מערסטנס אוילעם האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו דעם סקווער, וואָס איז מיט אַ שוואַרץ־אײַזערנעם צוים אַרומגערינגלט. אַזוי האָבן זיך מענטשן־קערפּערס צום שטאָל־און־אײַזן געפּרעסט און געשטיקט, און פֿרויען־בריסטן, און קינדער־לײַבער זײַנען אויף די שפּיצן פֿון דעם אײַזן־צוים געבליבן הענגען, באַגיסנדיק דאָס קאַלטע אײַזן מיט דעם וואַרעמען בלוט פֿון יונגע לעבנס...

און גאַנץ ליידיק און וויסט איז שוין געוואָרן פֿאַרן טעאַטער־פּלאַץ. פּונדערווײַטנס האָט נאָך אָפּגעקלונגען אַן איינזאַם היסטעריש געוויין פֿון אַן אַנטלאָפֿענער מוטער, וואָס האָט אירע קינ־דער דאָ איבערגעלאָזן... איבער דעם ברייטן, ווײַטן טעאַטער־פּלאַץ זײַנען געלעגן טויטע קער־פּערס באַשמוצט אין זייער בלוט, ס'האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אײַנצלנע אָפּגעהאַקטע מענטש־לעכע גלידער, פֿרויען־קאַפּעלוישן, אויסגעריסענע האָר פֿון פֿרויען־קעפּ...

שוואַרץ און פֿרעמד זײַנען אַרום דעם ווילדן אומגליקלעכן פּלאַץ געשטאַנען די הײַזער. דער גרויסער טעאַטער מיט זײַנע פֿיל פֿינצטערע פֿענצטער האָט עפּעס אַזוי שרעקלעך אויסגעזען. ווי דער באָדן פֿון אַ רוימישן צירק האָט אויסגעזען דער טעאַטער־פּלאַץ, ווי אַ שפּיל־פּלאַץ, וווּ ווילדע הונגעריקע טיגערן וואָרן אַרויסגעלאָזן אויף שוואַכע, אומבאַוואָפֿנטע מענטשן...

שוואַרץ און פֿינצטער זײַנען שוין געווען די גאַסן אין וואַרשע, איבער די שטיינער האָט נאָר אָפּגעקלונגען דאָס שווערע גיין פֿון די געדיכטע פּאַטרולן. טיילמאָל האָט פּאַרציטערט די איינ־

זאמע שטילקייט אן איינזאמע סאלווע, וואָס האָט זיך געהערט פון א ווייטער גאס... טיר־און־טויער זיינען געווען פארהאקט. נאָר דאָ און דאָרט איז נאָך געהאנגען פאר א הויז אן איינזאם איליומי־נאציע־לעמפל, וואָס מע האָט אַנגעצונדן לעקאוועד דער פרייהייט און וואָס דער סטרוזש האָט ביט צייט געהאט עס ארונטערצוכאפן, איידער ער האָט דעם טויער פארקלאפט פאר די אנטלאָ־פענע, וואָס די קאָזאקן האָבן זיי נאָכגעיאָגט... און ווי פארשעמט, און איינזאמס, איז דאָס לעמפל געהאנגען, ווי אן ארויסגעוואָרפנס אף דער גאס...

שווארץ און פינצטער איז די נאכט געווען...

שטום זיינען געשטאנען די הייזער איינגעהילט אין טונקלקייט. די שטילע שווארצע נאכט האָבן נאָך געשטערט איינזאמע טריט פון א מאמען, אין א שווארץ טוך געהילט, און א מאמעס א קאָל האָט אין דער פינצטערער נאכט געוויינט, לויפנדיק גאס־אויס, גאס־איין:

— מיין קינד! מיין אָרעם קליין קינד!

דאָס קלאָגנדע קאָל פון דער מאמע איז אין דער שווארצער נאכט פארטרונקען געוואָרן, ווי א שווארצער טראָפן אין א שווארצן יאם...

און ווייט אין גאס, אין דער שווארצער נאכט, האָט דער מאמעס קלאָג־געוויין אָפגעקלונגען:

— ווו איז מיין קינד? מיין אָרעם קליין קינד.

נאָר שטום זיינען געשטאנען די הייזער, פארקלאפט ווי א טורמע פאר די בירגער פונעם ערשטן פרייהייטס־טאָג.

די ערשטע זאך

האקדאָמע צום בוך „ערד"

עס איז געווען א טאָג, און איך בין נאָך דעמלט א יונג קינד געווען. ריין געוואשן זיינען מיינע הענט געווען, אומשולדיק מיין נעשאָמע, מיין הארץ האָט נאָך פון שלעכטס ניט געוווסט, מיין טאטן האָב איך נישט געקענט, מיין מאמע איז אוועק אין א פרעמד לאנד, און עס האָט מיך אָנגענומען א פארלאנג צו קענען גאָט, מיין באשעפער. איך בין אוועק אין פעלד, האָב בא טייך זיך געזעצט און געוואַרט ביז נאכט.

און דער טאָג איז אוועק, און עס איז נאכט געוואָרן. און פון הימל איז ארויסגעפאלן א וואָלקן און האָט צוגעדעקט די עקן פון דער ערד. און א טוי־רויך האָט פון וואסער זיך אופגע־הויבן און האָט זיך איבער די פעלדער געלייגט, דאן האָב איך מיינע אויגן צו דער אומענדלעכ־קייט געווענדט, און מיין הארץ האָט א טפילע געבעטן אזוי:

„גאָט פון דער וועלט, טאטע פון אלעם לעבנדיקן און טויטן, באשעפער פון אלץ, וואָס איז דאָ און נישט דאָ, וואָס אלעס איז אין דיר און דו אין אלעם, לאָז מיך דיין געזיכט זען! איך בין פארלאָזט, איך האָב קיינעם נישט, נאָר דיך, מיין באשעפער. פון דיר בין איך געקומען, צו דיר גיי איך צוריק. מיין שיפל איז מיר אָפגעשווומען אין טיפן יאם, און איך בין איבערגעבליבן אליין אפן ברעג און האָב נישט מער, ווי דיין הימל, וואָס דעקט מיך צו, און דיין ערד, וואָס האלט מיך אוף, און איך בין נאָך יונג און דארף א פאָטער, וואָס זאָל מיך בא דער האנט פירן, און דארף א מאמען, וואָס זאָל מיר די טרערן פון באק ווישן".

דאָס אלץ האָב איך אין מיין הארץ געזאָגט, אָבער מיינע ליפן האָבן געשוויגן, און מיך האָט איינגעהילט אין זיך דער סאָד פון דער נאכט, און זיכער האָב איך מיין קאָפּ אף דער ערד אנידערגעלייגט, און עס איז מיר געווען, ווי איך וואָלט אף דער מאמעס ברוסט איינגעשלאָפן.

איך ליג נאָך אין טרוים און איך דערהער פלוצלינג א שטים, און איר קלאנג איז ווי דאָס געזאנג פון א הארפע, וואָס ווערט געוואשן אין די וועלן פון די טייכן, און וואָס איז אויסגע־וועבט מיט דעם רייעך פון די סאמעט־רויזן און קומט צו ציען פון טיפן וואלד.

— מײַן ראַכמאָנעס אַף דיר, מײַן ראַכמאָנעס אַף דיר, מײַן קינד! — און עס איז מיר געווען, ווי א מאַמע וואָלט מיר די האָר געגלעט און ווי א שוועסטער וואָלט מיר א ליד פון דער היים געזונגען.

און עס איז געווען, אז איך האָב מײַנע אויגן אופגעעפנט, האָב איך געזען, א פּרויענצימער איז פאַר מיר שטיין געבליבן, און זי איז נאַקעט און באָרוועס.

אירע ברוסטן זײַנען פול און באַהאַלטן אין די זאַנגען פון פעלד, און איר קאָפּ איז באַפּוצט מיט די פּרוכטן פון דער ערד, און איר שאַנד איז צוגעדעקט מיט די בלעטער פון פײַגנבוים.

אין אירע הענט האַלט זי די ווינטן פון דער וועלט, און אירע פיס זײַנען ווי אײַנגעפּלאַנצט אין דער ערד, און איר געשטאַלט איז געגליכן צו א בוים פון דער ערד, און אז זי האָט א ריר געטאָן מיט אירע הענט, זײַנען זיי געגליכן געווען ווי די ליליען אין וואַסער, און אז דער ווינט האָט אין אירע האָר געבלאָזן, זײַנען זיי געגליכן געווען צו די בלעטערדיקע צווײַגן פון דעם ווייערזשבע־בוים.

און זי איז בלינד און קומט פאַרהילט אין שאָטן פון דער נאַכט.

און עס איז געווען, אז זי האָט זיך דערנעענטערט צו מיר, האָב איך מײַן פּאָנעם פאַרבאָרגן אין דער אויבערפלאַך פון דער ערד און האָב געפרעגט: „ווער ביסטו?"

זי האָט מיר אָפּגעענטפערט: „איך בין דער גאָט, וועלכן דו האָסט גערופן. איך בין די מוטער פון שאַפונג, דאָס פּרוכטבאַרע, וואָס שאַפט פון דער אומענדלעכקײַט צו דער אומענדלעכקײַט. קיינער האָט מיר בא מײַן ארויסגאַנג קיין געזעץ נישט געגעבן, קיינער האָט מיר צו מײַן ענדיקן קיין גרענעץ געשטעלט, קיינער ווייסט נישט, ווען איך בין געוואָרן, קיינער ווייסט נישט, ווען עס וועט ווערן א סאָף צו מײַן ווערן. איך בין דאָס שאַפן פון אַלעס לעבנדיקן, און מײַן נאָמען איז „דאָס זײַן". דײַן טפילע האָב איך געהערט, און בין געקומען צו דיר, ווײַל דו האָסט מיך גערופן!"

און עס איז געווען, אין מײַן רעדן מיט איר האָט א בלאָז געטאָן אַף מיר א ווינט, וואָס א פּרילינגס־געשמאַק איז אין זײַנע וועלן אופבאַהאַלטן, און א פּײַכטקײַט איז אין אים און א צערטלעכקײַט, און עס האָט זיך אראָפּגעלאָזן אַף מיר א וואָלקן פון טוי, ווי דער טוי אַף פעלדער, וועלכער שטײַגט פון וואַסער ארויס, איידער די זון גייט אויף, און ער האָט געשמעקט, ווי דער פּרימאָרגן אין וואַלד אין פּרילינגס־צײַט, ווי דאָס וואַסער, וואָס קומט צו גיסן פון שטיינערנע קוואַלן, ווי דער קוש פון א קאַלע אין דער נאַכט פון איר כאַסענע, און עס איז מיר, ווי א נײַ בלוט וואָלט אין מײַנע אָדערן געראַנען, און א קרעפטיקײַט האָט דערפילט דעם מאַרך פון מײַנע ביינער, און א ליכט איז געפאַלן אַף מײַנע אויגן. איך האָב אופגעעפנט מײַנע אויגן און האָב געזען, די ערד איז ברייט און לאַנג, ווי די אויסשפּרייטונג פון הימל, און די וואָרצלען פון אַלץ, וואָס וואַקסט, זײַנען אין אירע טיפענישן אײַנגעפּלאַנצט, און יעדעס בלימעלע און יעדעס גרעזעלע טוט דאָס מײַלעכל עפענען, די כאַיונע אין זיך אײַנצוציִען, און יעדעס גרעזעלע, און יעדעס שפּראָצנדע און וואַקסנדע נאָגט זײַן זאַפט פון דער ערד. און עס זײַנען געקומען צו פליִען די פויגל פונעם לאַנד און האָבן זיך באַהעפט מיט די בלומען פון דער ערד. און איינס האָט געלעבט פון צווייטן.

און זי האָט געזאָגט צו מיר אַזוי:

— צו אַנדערע געטער האָט איר זיך געטאָן קערן, און גאָט, אײַער באַשעפער, האָט איר נישט דערקענט.

וואָרעם וואָס איז דען דער מענטש, אז נישט איינס פון מײַנע שאַפונגען, וואָס ציט זיך כאַיונע פון דער ערד און קומט פון איר און גייט צוריק צו איר, נאָך דער צײַט פון זײַנע יאָרן?

איז ער דען נישט דער ברודער פונעם בוים? און צו דעם גראָז אין פעלד איז ער דען נישט געגליכן, וואָס האָט זײַנע וואָרצלען אין דער ערד אײַנגעפּלאַנצט, וואָס קומט פון איר און גייט צו איר?

און איר האָט זיך געטאָן צו די הימלען ווענדן. צו די שטערן האָט איר די אויגן דערהויבן, צו דעם וואָס איז אין דער הייך פון אײַך און איז פרעמד פון אײַך. דײַנע אויגן האָט גערייצט די הימל־שײַן, און דײַן הארץ האָט געצויגן דאָס, וואָס איז פון דער הייך פון דיר.

אַזוי טוט גאָט זאָגן: דעם הימל, דעם הימל — צו גאָט, און די ערד, די ערד — האָב איך צו די מענטשן געגעבן.

און איר האָט געטאָן ריכטן מײַן ערד מיט א פרעמד געריכט, און איר האָט געטאָן פירן מײַן וועלט מיט א פרעמדן עמעס.

וואָרעם נישט דעם הימלס גערעכטיקײַט איז די גערעכטיקײַט פון דער ערד, און נישט דער עמעס פון די הימלען איז דער עמעס פון די קינדער פון דער ערד.

און איר האָט זיך געטאָן ווענדן צו א פרעמדן גאָט, צום גאָט פון הימל, צו גאָט, וואָס האָט אײַך נישט געקענט און אײַער טפילע נישט געהערט.

און עס איז געווען, אז איר האָט רעגן געדאַרפט, האָט ער אײַך ווינט געשיקט. דעם גוטן האָט ער שלעכטס געטאָן און דעם שלעכטן האָט ער גוטס געטאָן. וואָרעם נישט דאָס גוטס פון הימל איז די גוטסקײַט פון דער ערד און ניט דאָס שלעכטע פון הימל איז דאָס שלעכטע פון דער ערד. איר האָט נעוויִעס געזאָגט אין נאָמען פון די געטער פון הימל, און אײַער נעוויִעס איז נישט מעקויִעם געוואָרן, וואָרעם פרעמד זײַנען זיי געווען דעם גאָט פון דער ערד און דעם מענטשן פון דער ערד.

זיי האָבן נעוויִעס געזאָגט אין נאָמען פון די געטער פון הימל. דיך זאָלב איך פאַר א נאָווי צום גאָט פון דער ערד!

דערהערנדיק אזוינס, האָב איך מיך געוווּנדט צו איר און האָב אזוי געזאָגט:

איך בין נאָך יונג, און קיינער קען מיך נישט, און קיינער האָט פון מײַן נאָמען נישט געהערט. און עס וועט זײַן, אז איך וועל צו די ברידער פון מײַן לאַנד קומען און זאָגן זיי אין נאָמען פון א גאָט, וואָס זיי האָבן פון אים ביז איצט נישט געהערט, וועלן זיי זאָגן: „נאָר ליגן, ליגן זאָגט דער יונג!”

„אז עס איז טאַקע עמעס, אז גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן, זאָל ער אונדז זײַן צייכן ווײַזן, קעדיי מיר זאָלן זען און גלייבן, אזוי ווי אין די נעוויִים פון די געטער”.

און עס האָט זיך דערהערט איר שטים, און זי האָט געקלונגען, ווי מיטן וואַסער געשוווּמען, און האָט געשמעקט, ווי מיטן בלומען־רייעך געבלאָזן.

— נישט דער גאָט פון די הימלען איז דײַן גאָט פון דער ערד, און נישט ווי די נעוויִים פון די הימלישע געטער איז דער נאָווי פון דעם גאָט פון דער ערד.

נישט דער צייכן פון אומגעוויינלעכעס איז דער צייכן פון גאָט, דײַן גאָט, — דער צייכן פון דײַן גאָט איז דאָס געוויינלעכע.

נישט די מאַנדלען, וואָס וואַקסן אַף דעם שטעקן אין מענטשנס האַנט, איז דער צייכן פון דײַן גאָט, נאָר די מאַנדלען, וועלכע וואַקסן אַפן צווײַג, וואָס דער וואָרצל פון זײַן בוים איז אין דער ערד אײַנגעפלאַנצט.

נישט ווען די זון גייט אונטער אינמיטן טאָג איז דער צייכן פון דײַן גאָט, נאָר דאָס, וואָס די זון גייט אונטער יעדן פאַרנאַכט און שײַנט אוּף יעדן פרימאָרגן, איז דער צייכן פון דײַן גאָט. דאָס, וואָס זומער שײַנט די זון, און ווינטער גיסט דער רעגן, איז דער צייכן פון דײַן גאָט. וואָרעם אַלעס, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, האָט ער צום גוטן באַשאַפן: מײַן צייכן איז „דאָס זײַן”!

און עס איז געווען, אז גאָט, מײַן באַשעפער, האָט געענדיקט צו רעדן, און א טוי איז אויפגעגאַנגען פון די פעלדער פון לאַנד און האָט אָנגעטרונקען אַלעס בליִענדע און וואַקסנדע, איז גאָט, מײַן גאָט, פאַרהילט געוואָרן אין דעם טוי־וואָלקן, וואָס האָט גערוט אין די עקן פון לאַנד.

און די זון איז אַרויסגעגאַנגען צו באַלײַכטן די וועלט, און די ערד האָט זיך דערוואַכט צו איר אַרבעט.

פּיניע פּלאַטקין *

פּיזאַזש=לידער

• • •

שפּעט אין אָסיען ווערן ראַבינעס רויט.
ווער האָט ניט געזען דעם פײַערווערק
אין א סעדל לעבן סאמע פּלויט,
אָף א בערגעלע ניט ווײַט פון וועג?

אָפּט פאַרבײַ א שטילער ווינט לויפט דורך
און מיט זיך א רעגן ברענגט פאַריינס.
נעם א בינטל ראַבינעס, פאַרזוך,
זיי זײַנען גאָרניט ביטער, ווי דו מיינסט.

דער ווינטער קלאַפּט אין פענצטער

א שטערן מיט א שטערן זיך באקענען,
א וואָלקן מיט א וואָלקן זיך צעמישן.
צוויי ווײַסע ליכטלעך שטילערהייט דערברענען
אין ווינקל אָף א נידעריקן טישל.
א בוים ניט ווײַט פון וועג שטייט א
פאַרטראַכטער,
אים אַרט ניט, וואָס דער זומער איז אריבער.

איך טראָג אוועק פון טיש די שווערע לײַכטער
און שטעל זיך אָפּ אליין אינמיטן צימער.
איך שטעל זיך אָפּ און לאָז זיך אינדערפינצטער,
איך שטעל זיך ווידער אָפּ און הייב זיך אָן
דערמאָנען...
אין פענצטער, ווי א גאַנעוו, קוקט דער ווינטער,
און אָף די הוילע שויבן שרײַבט ער אָן מײַן
נאָמען.

• • •

מער ווי א מעסלעס האָט ניט גערעגנט,
און דערנאָך האָט זיך צעשײַנט די פרייד.
כ׳האָב דעם ווינטער אומדערוואַרט באגעגנט,
און דעם האַרבסט ווער ווייסט וווהין באגלייט.

איך האָב ניט באמערקט, ווי ס׳איז געוואָרן
אָפן האַרצן פריילעך, רויק, לינד.
פּונקט אזוי געווען איז פאַראיאָרן
און ווען איך בין נאָך געווען א קינד.

• • •

א פאַשעטער ווינט האָט געשטיפּט —
פון איין פּלויט געלאָפן צום צווייטן.
דערנאָך האָט ער, קענטיק, באשטימט
באגינען מיט אונדז זיך צעשיידן.

ער האָט זיך צעהוליעט אין פעלד
און טייקעף געוואָרן אנשוויגן.
נאָר איך האָב, ווי פריִער, געהערט
דעם ווינטס אומפאַרגעסלעכן ניגן.

די בעריאָזע

אנטקעגן צימער מײַנעם, ניט זייער ווײַט,
וואקסט א ביימעלע שוין וויפל צײַט.
עס האָט זיך אײַנגעוואָרצלט און וועט יאָרן
שטיין.
ניט זייער הויך איז עס, ניט זייער קליין.
ניט זייער גראָב איז עס, ניט זייער דין —
ווײַס, ווי ערשטער שניי, און, ווי דער פרילינג,
גרין.

טרעפט זיך: ניט אָף לאַנג איך גיי אוועק,
איז דאָס ביימעלע מיט מיר אין וועג.
ס׳איז מיט מיר אין גאַס און אין דער היים —
ווער האָט דעם ביימעלע אזא מאַגניט
געשענקט!
ווי זון באטאָג, ווי בא דער נאכט די שטערן,
איז די בעריאָזקע שטענדיק מײַן
לאמטערן.

איך האָב ליב

איך האָב ליב צו אופשטיין פרי, ווען ארום
דעמבן גרויסע פון שטילקייט ווערן מיד,
און זען, ווי עס גייט ארויס די זון —
איך האָב ליב.

איך האָב ליב, ווען ס'איז אין פעלד געראָטן
און אין סאָד איז ארויס דער פולער צוויט.

יעדער אינדערפרי אין טוי זיך באָדן —
איך האָב ליב.

איך האָב ליב די גאנצע וועלט באטראכטן
און אין איר פרימאָרגן זיין פארליבט.
ווי א ליד קומט אוף בא מיר אין הארצן —
איך האָב ליב.

• • •

ווען ס'לייגט זיך איין דער טיפער שטויב אין פעלד
און יעדער שטערן עפּעס וויל מיר זאָגן,
באמערק איך, ווי עס ווערט דער הימל העל,
ווי ס'גיסן אָנעט זיך די גרינע גראָזן.
פון וואלד דערהערט זיך דער באקאנטער רויש.
און ווען אין דאָרף צעקרייען זיך די הענער,

ערשט דאן דער מאָרגנשטערן גייט ארויס —
ער אלע טויזנט וועלטן וויל באנעמען.
און ס'דוכט זיך אויס מיר, אז דער שטערן זעט,
ווי ס'פּליסט דער טייך, ווי פריש די ביימער זיינען.
דעם צוויט א ווייסער נעפּל האָט באדעקט.
דאָס הייסט: די זון א גאנצן טאָג וועט שיינען.

מיר שעצן

מיר שעצן
די ווינטן, וואָס קומען,
די רעגנס — געוויטער —
פון פרילינג ביז זומער,
פון זומער ביז הארבסט,
ביז ווינטער.
מיר שעצן די זייער,
מיר שעצן די שניטער,
מיר שעצן
דעם אייביקן קויעך
פון הענט פון געניטע —
מיר שעצן.

מיר שעצן
די ריזיקע שטאָכים,
וואָס ווערן מיט ליבע
באארבעט
פון דאָרעם ביז צאָפן,
פון מיזרעך ביז מײַרעוו.
מיר שעצן מיט סימכע
די בויער,
די פרויען, די מענער.
מיר שעצן דעם מענטש
פאר זיין טירכע
צו מאכן דאָס לעבן
אלץ שענער.

א באַגעגעניש

די „וואָלגע" יאָגט איבערן שטיינערנעם שאָסיי.

בערג, אײַנגעהילט אין פרידלעכער, גאָלדע־נער ווארעמקײַט, קייטלען זיך, ווי א מיידלשער קאַראַהאָד. די וועלדער וויגן זייערע גרינע כוואַליעס, און דער טײַך, א באַגאָסענער מיט זונען־שײַן, שפּיגלט אָפּ דעם הימל.

דער זעלבער טײַך, נאָר, דאכט זיך, שמעלער, ווי געוועזן, גלײַך עמעצער וואָלט אויסגעשעפּט זײַנע וואַסערן. די זעלבע בריק איבערן טײַך, נאָר אַמאָל האָט זי מיר אויסגעזען אומענדלעך לאַנג. איצט איז דאָס עפּעס א קליין בריקל מיט אײַזערנע שטאַכעטן. א לאַסטמאַשין פאַרנעמט קימאַט די גאַנצע ברייט פון דער בריק און ס׳בלײַבט קוים א שמאָלער פּאַס פאַר פוסגייער.

דער שאָפער פון דער טאַקסי, א מענטש בא די פופציק, מיט א שטאַרק פאַרברוינט פּאָנעם, רײַסט אָפּ אַף א רעגע די בליקן פונעם וועג און זאָגט צו מיר:

— אַף לאַנג אין אונדזערע קאַנטן? פריִער האָבן דאָ א סאַך ייִדן געלעבט, וועלדער געהאַקט, ספּלאַוועס געטריבן...

און ווי א געניטער וועבער, הייבט ער אָן שפּי־נען א געוועב וועגן פאַרגאַנגענע יאָרן.

איך הער זיך אײַן אין זײַנע רייד, און ס׳לעבן אוף אין מײַן זיקאָרן ייִדן פליטנטרײַבער, וואָס האָבן דוירעסלאַנג זיך געטראָגן איבער די וואַ־סערן, און מיר דאכט זיך אויס, אַז אַף יעדן גאַ־נעקל, וואָס מיר פאָרן פאַרבײַ, שטייט א ייִד אין שוואַרצן אַנטאָן מיט א שטריק ארום די לענדן און מיט א האַק אַפּן רעכטן אַקסל...

כ׳האָב געקענט יענע ייִדן — פלײַסיקע האָרע־פּאַשניקעס, פאַרמאַטערטע פון אייביקן געראַנגל מיט דער נויט. זיי האָבן לאַנגע יאָרן געלעבט אין די בערג, אָפּגעטיילט פון דער וועלט. דוירעס האָבן זיך געביטן, נאָר זייער לעבן איז געשטאַ־נען ווי פאַרגליווערט. מ׳האָט געוווּסט נאָר דעם טײַך, די וועלדער און די בערג, און אַזוי, ביז די זאַלפּן פון „אַוראָרא" האָבן ניט אָנגעהילכט אין די בוקאָווינער קאַרפּאַטן. ייִנגלען פעסט־גע־

בויטע, ברייטפּלייציקע, וואָס האָבן באַלד נאָך באַרמיצווע אָנגעהויבן פילן דעם טאַם פון זײַן פאַרדינערס, זײַנען פּלוצעם ארויס פונעם ענגן וועלטל און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן גליק פאַר זייער לאַנד. ניט ווינציק האָבן אָפּגעצאָלט מיט זייער יוגנט, מיט זייער לעבן. מיידלעך, שוואַרצ־כיינעוודיקע קאַלעס, האָבן אין די אָוונטן שטיל געבענקט און די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט זייערע אַף זײַדענע טפילין־זעקלעך אויסגענייט.

די „וואָלגע" יאָגט איבער וועגן און שטעגן, ווו עס זײַנען דורכגעלאָפן די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון מײַן לעבן.

די סטעזשקעס ליגן צעוואָרפענע איבער די בערג, שלענגלען זיך באַרג־אַראָפּ... קאָן זײַן, אַז זיי פירן נאָך אַלץ צום קליינעם שטיבל מיט די טונקעלע פענצטער, ווו בלוי־פאַרקלערטע אויגן האָבן פאַרליבטע טאָג און נאַכט ארויסגעקוקט צום טײַך.

אין די פאַרנאַכטן, ווען א לײַכטער ווינט האָט געוויגט די ווערבעס און די רויט־צעבליטע פײַערצונגען פון צעלייגטע שײַטערס, האָט מען דורך די פאַרנעפּלטע שײַבלעך געזען, ווי ארום די שײַטערס זעצן זיך אויס מידע ספּלאַוויניקעס. א פאַרע גייט פון זייערע פײַכטע קליידער, און זייערע הוצולישע ליולקעס לויכטן אוף, ווי שטערן, און ווערן, ווי שטערן, פאַרלאָשן.

די „וואָלגע" יאָגט איבערן שטיינערנעם שאָ־סיי. גרויסע לעסאָוואָזן קומען אָן אַנטקעגן. אין די שײַבלעך פון דער מאַשין פײַפט דער ווינט, רײַסט שטיקער לופט, דריבנע שטיינדלעך יאָגן נאָך דער „וואָלגע", און אומרויִק, ווי א מענטש־לעך האַרץ, טאַנצט אינעם דורכזיכטיקן קעסטע־לע דער ווײַזער פונעם ספּידאָמעטער.

אַזוי בין איך פאַרבײַגעפאָרן די ברעגן פון מײַן קינדהײַט...

...אָט זיצט אַף דער פריזבע, דעם קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אַף די פויסטן, מײַן טאַטע. דאָס פּאָנעם פאַרברוינט, צעאַקערט. יעדער קנייטש — א

נעסט פון בענקשאַפט. נאָענט איבער אים, ווי אַף אַן אַלטער פאָטאָגראַפיע, שטייט מײַן ברודער. אַף זײַן פּאָנעם איז אויסגעגאָסן א יונגער גוט־האַרציקער שמייכל. די האָר זײַנע פאַלן ווייך אַפן שטערן, און פונקען ציטערן אין זײַנע בליקן.

מײַן טאַטע האָט שטענדיק געפילט צום ברודער א באַזונדערע צוגעבונדנקייט. ניט אַנדערש ווי ער האָט געזען אין אים דעם המשך פון זײַן אייגן לעבן. געזען זיך אַליין א יונגן, פלינקן און רירעוודיקן. ווען זיי פלעגן ביידע שטיין אַף א ספּלאַוו און די קערמעס, ווי פּאַרלענגערטע הענט, האָבן געשניטן די כוואַליעס, האָבן אַזש געציטערט די ברעגן. קיין בליץ האָט זיי ניט געשראָקן, און קיין שטורעמס — ניט אָפּגעשטעלט. עפּעס א מין נאָענטקייט איז געווען צווישן דעם ווילדן בראַוזנדיקן טײַך און די צוויי קרעפטיקע פליטנטרײַבער.

מײַן טאַטנס טריט זײַנען געווען פעסטע, שווערע. מײַן ברודער, פאַרקערט, האָט לײַכט געשוועבט איבער דער ערד, ווי אַן אָדלער, און, ווי אַן אָדלער, האָבן אים געצויגן צו זיך די פרײַע הייכן...

ווינטער־צײַט, ווען דער טײַך איז געלעגן א פאַרקאָוועטער און אין שטוב האָט מען אָפּגעפּאַטערט דעם טאָג מיט א שטיקל דערוואַרעמטער מאַמעליגע, פלעגט מײַן ברודער אַפּט אַוועק אין די בערג זוכן אַרבעט. זיך אָפּגעזאַמט א טאָג־צוויי, אַמאָל א גאַנצע וואָך, און צוריקגעקומען א פאַרקלערטער, א שווײַגנדיקער.

— ניטאָ ווו א גראָשן צו פאַרדינען...

— ניטאָ הײַנט, — פלעגט זאָגן דער טאַטע, — וועט זײַן מאָרגן, דער האשעם־יִיסבאָרעך ווייסט, וואָס ער טוט!

קיין איבעריקע פרומקייט האָט מײַן טאַטע קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, כאָטש אַלע סוידעס פון דער נאַטור, אַלע דערשײַנונגען אין לעבן האָט ער געהאַלטן פאַר גאָטס מעלאָכע. ער האָט געגלייבט, אַז גאָט האָט צעטיילט די מענטשן אַף אָרעם און רײַך, פונקט ווי די ערד — אַף בערג און פלאַכלאַנד.

ער האָט יעדן טאָג געלייגט טפילן. דאַוונען איז געווען א באַדערפעניש פאַר זײַן נעשאָמע. די געוווינהײַט צו דאַוונען האָט ער געיאַרשנט בא זײַן טאַטן און געהאָפּט, אַז אויך זײַנע קינדער...

און אין די זומערדיקע פאַרטאָגן האָבן די בערג, ווי שטומע איידעס, אָפּט באַגלייט מײַן טאַטן, וואָס איז געשווומען אַף א ספּלאַוו אָנגעטאָן אין טאַלעס און טפילן. און הוצולן האָבן שטיל געקערמעוועט, קעדיי ניט שטערן אים דאַוונען.

ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צו דאַנקען דעם אייבערשטן פאַר דער האַזשגאָכע איבער זײַנע קינדער, וואָס האָבן זיך ניט אַרויסגעגליטשט, ווי בא אַנדערע טאַטעס, פון די עלטערנס הענט. ער האָט אַלעמאָל דערמאָנט:

— אַז אַן אָרעמאַן האָט לײַטישע קינדער, איז ער קיין אָרעמאַן ניט!

די צײַט גייט גיך, ווי א בארג־טײַך!

איינמאָל האָט מײַן טאַטע באַמערקט, ווי דער ברודער שלעפּט אַרויס פון בוזעם־קעשענע א פּעקל פּאַפּיר, באַהאַלט עס אונטערן דאַך, באַנאַכט ווערט ער, דער ברודער, פאַרשוווּנדן און קומט צוריק פאַרטאָג.

— קאָנטראַבאַנדע?

ס'האָט א ברי געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט געפּרוּווט כאַפּן עטלעכע קאַלטע טראָפּנס לופט. זיך צוגעשפּאַרט אַף דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער אויסגעזוכט דאָס האַרץ און צוגעקוועטשט צו דעם די האַרטע, ברייטע דלאָניע.

...כוואַליענדיק קייטלען זיך די בערג אַף צאָפן. צופוסנס לויפט דער באַרג־טײַך. אין זײַן טיפקײַט לאָזט זיך אַראָפּ א פולע קלאָרע לעוואָנע. אין וואַסער פאַרלירט זי איר קלאָרקײַט און שימערט אַף די כוואַליעס, ווי שפּליטערלעך פון א צעבראָכענעם שפּיגל.

איבער שמאָלע אויסגעטראָטענע סטעזשקעס גייען צוויי, מיט קלומעקלעך פאַרוואָרפן איבער די פּלייצעס. די טריט זײַנען קורצע, שטילע. די לעוואָנע פאַלט אַף ביידן, באַגיסט זיי מיט איר ליכט, און זיי זוכן, ווי־אַזוי זיך אויסבאַהאַלטן פון איר געפערלעכער שײַן. זיי שפּאַנען פּאָרזיכטיק און הערן זיך אײַן אין יעדן שאָרך. ביסלעכווײַז ווערן זיי צוגעוווינט צו דער לעוואָנע־שײַן און הייבן אָן ריידן צווישן זיך:

— ווי מיינט איר, הערצקע, מירן באַוויזן ביז האַלבער נאַכט?

— מירן מוזן!.. פאַרטאָג דאַרפן אַלע פּראָקלאַמאַציעס זײַן פאַרטיילט... דער שטרײַק איז באַשטימט אַפן זיבעטן נאָיאַבער...

די מוירע, אַז מע קאָן פאַרשפּעטיקן, טרײַבט זיי אונטער. און די לעוואָנע גייט זיי נאָך פּוסטריט. זי כאַפּט זיך אַרײַן אין דער טיף פונעם וואַלד. די סאָסנע־צווײַגן לעכערן זי דורך מיט זייערע שפּיצן.

ניט אַנדערש, עמעס האָט געטראָפן. בא אונדזער שאָכן אין שטוב איז פּינצטער.

שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי מיר ווױנען מיט אים בישכיינעס. ער איז ניט קיין היגער, א מענטש בא די פערציק, מיט א פּעך־שוואַרצער אונטערגעשוירענער באָרד און פונקט אַזעלכע שוואַרצע ברעענדיקע אויגן.

קיינער האָט גאָרניט געוווּסט וועגן אים, כוץ דעם, אַז ער גייט קיינמאָל ניט אין קלויז, זיצט

בא זיך אין שטוב מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, עסט אפילו אָן אַ היטל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דורך זײַן פאַר־גלאָזטער טיר זיך געזיפּט אַ מידע שײַן פון אַ פאַרהאַנגענעם טיש־לאָמפּ, און שכיינים האָבן זיך געסוידעט:

— דער מעשומעד זיצט שוין ווידער איבער טרייפענע ביכלעך...

נאָר אין די אויגן האָט מען זיך געכאַנפעט צו אים:

— גוט־מאָרגן, הער פוקס.

אָדער פּאָשעט:

— הערצקע, ליבער, איר האָט צוגעזאָגט אָנשרײַבן... מעג איך אַרײַנקומען...

יעדערער האָט געדאַרפט צו אים האָבן. ווער אַ בריוו אויסשטעלן קיין אַמעריקע צו רײַכע קרובֿים, ווער אַ „פּראָשעניע” אין די הויכע פענצטער. און הערצקע האָט פאַרמאָגט ניט נאָר אַ שיינע האַנטשריפט, נאָר אויך אַ גוט האַרץ און אַן איידעלע נעשאָמע. ער האָט פאַרשטאַנען יענעמס זאָרג, יענעמס ליידן און אַלץ געקענט אויסלייגן אַף פּאַפּיר אַזוי, ווי די בעסטע בריוון־שטעלער וואָלטן עס ניט געקענט.

— זיי מעגן טאַקע בא אים הייצן די הרובע!

נאָר אין פאַרמעגלעכע הײַזער האָט מען זיך געשראָקן פאַר דעם צופיל באַשיידענעם, צוריק־געהאַלטענעם לערנער און אָפּט, אָן אַ פאַרוואָס, אים אָפּגעזאָגט פון די „שטונדן”.

דער ברודער האָט זיך ניט אומגעקערט. אונ־דזער שאָכן איז אויך ניט געווען אין דער היים!

דער טאַטע האָט אָפּגעדאַוונט, אַ קוש געטאָן די טפילן און זיי אַרײַנגעלייגט אין שוואַרצן פּליושענעם זעקעלע. ער האָט דערפילט, ווי די הענט ציטערן.

— קאָנטראַבאַנדע...

עפּשער אַ טאָעס? עפּשער נאַרט ער זיך אַליין אָפּ? מיט אַ שווער געפיל האָט ער באַשלאָסן זיך צו דערוויסן באַם ברודער אַלץ, ביז דער מינדסטער קלייניקײַט, דעריקער אים וואָרענען, וואָרענען ווי אַ טאַטע... און ער איז אַראָפּ צום טײַך, גלײַך ווי זיך אָן אייצע האַלטן מיט אים.

דער טײַך האָט געשטורעמט, גערוישט, ווי ער וואָלט ניט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן די קויכעס, וועלכע ער האָט אָנגעזאַמלט פאַר דער נאַכט. דער טאַטע האָט זיך צוגעקוקט, מיט וואָס פאַר אַ קראַפט עס טראָגן זיך די וואַסערן.

ער האָט געטראַכט, דער זאַטע, וועגן זון, וועלכן ער האָט ליב געהאַט און וואָס איז אַוועק מיט דראָכים געפערלעכע, שענדלעכע...

דער הימל איז באַשאָטן מיט שטערן. העלע און בלייכע, גרויסע און קליינע. פּלוצעם רײַסט איינער זיך אָפּ און ווערט פאַר׳אָשן — אַן אויגנבליק, און אויס שטערן. נאָר אַראָפּפאַלנדיק פון דער הייך, שנײַדט דער שטערן איבער אַ האַלבן הימל ביז צום האָריזאָנט.

עמעצער רײַסט די טיר, נאָר מיט אַזאַ קויעך, גלײַך זי וואָלט געווען פאַרשפּאַרט אַף זיבן שלעסער.

— וועמען טראָגט דער רועך אַזוי שפּעט?

און איידער דער טאַטע באַווײַזט אַרופשלעפּן אַף זיך אַ שטיקל בעגעד, צעפּראַלט זיך די טיר און דער שעף פון זשאַנדאַרמעריע שטייט שוין פאַר אים אין דער פּאָזע פון אַ פעלדמאַרשאַל. ער האָט מיט דער לינקער האַנט זיך אָנגע־שפּאַרט אַפן שיידל פון זײַן שווערד און מיט דער רעכטער אַ זעץ געטאָן אין טיש אַזוי, אַז דער ענגלאָמפּ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

— קאָנטראַבאַנדע כאָלילע? — האָט דער טאַ־טע זיך נאָכגעפרעגט.

דער שעף האָט געשריִען:

— פּראָקלאַמאַציעס... קאַנאַליע!..

— רעדט פּאָשעטער, פּאַניע. איך בין שטומפּיק אין טיפע געלערנטע ווערטער...

דער שעף מיט זײַנע צוויי באַגלייטער האָבן גענומען נישטערן. זיי האָבן געזוכט אונטערן אויוון, אין די שפּאַרונעס פון די ווענט, אומעטום, וווּ נאָר אַ מענטשלעך אויג קאָן דערגרייכן. דער־נאָך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם סידער פונעם טיש און מיט קאַס געבלעטערט די אַלטע, פאַר־געלטע בלעטער.

— ליטעראַטור?..

דער טאַטע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מע פרעגט בא אים. נאָר ניט געקענט צוזען, ווי דער שעף פון זשאַנדאַרמעריע האַלט דעם סידער מיטן קאָפּ אַראָפּ.

די צײַט גייט גיך. עס טרעפט אָבער, ווען זי טריפט לאַנגזאַם, ווי שווערע, ביטערע טראָפּנס.

אין איינעם אַ טאָג, ווען מײַן ברודער איז גע־זעסן אין טפּיסע, און די טעג האָבן אים אויסגע־זען, ווי לאַנגע יאָרן, און געזען פאַר זיך האָט ער נאָר גרויע נאַקעטע ווענט, ווען ער האָט געפילט זיך ווי אַ לעבעדיק־באַגראָבענער אין אַ גרויען שטיינערנעם אָרן, האָט די אײַזערנע טיר פון זײַן קאַמער פּלוצעם אַ שווערן סקריפּע גע־טאָן, זיך געעפנט און אַ בייזע שטים האָט אויס־געדופן:

— צום באַזוך!

מ׳האָט אים געפירט איבער לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרן מיט אַ סאַך אײַזערנע טירן אײַנגע־מויערטע אין די ווענט. אים אַרײַנגעפירט אין אַ קליין צימערל, וואָס איז צעטיילט געווען מיט געדיכטע קופּערנע גראַטעס, ענלעך אַף אַ גרוי־סער זיפּ. און דורך אָט דער זיפּ האָט ער דערזען דאָס פאַרזאָרגטע פּאָנעם פונעם טאַטן.

— טאַ־טע!

ביידע האָבן זיך דערנעענטערט.

צום ערשטן מאָל האָט דער טאטע דערהערט אזא טיפע שטים פונעם זון. דאָס איז געווען די שטים ניט פון קיין ייִנגל, נאָר פון א מאנצבל. די פעסטע שטים האָט אים אומדערווארט איבערראשט. דאָס גאנצע בלוט, די נערוון האָבן אופגעציטערט, און אין די אויגן האָט א בלישטשע געטאָן א טרער. נאָר די טרערן זײַנען שוין ניט געווען קיין ביטערע, אין זיי איז געווען באַגײַסטערונג, האָפענונג...

— מיר האָט דאָס הארץ געזאָגט, אז מײַן זון קאָן זיך נישט פארנעמען מיט קאָנטראבאנדע. איצט ווייס איך שוין, פארוואָס מ׳האָט דיך פארשפארט.

— אָן פאָליטיק! — האָט עמעצער א רעווע געטאָן.

— מ׳דארף ניט, טאטע. דערצייל בעסער, וואָס טוט זיך אין דער היים.

ער איז צוגעגאנגען נאָענט צו דער אײַזערנער נעץ און געוואָלט אים זאָגן עפּעס צארטס, קעדיי לינדערן דעם טאטנס ווייטעק, נאָר ניט אויסגעהאלטן און אליין זיך צעוויינט.

— טאטע, מירן אינגיכן ווידער טרײַבן ספּלאווען...

מיט ריינע בליקן האָט ער אים ארײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן.

— געדענקסט, ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אראָפּגעלאָזט אף א ספּלאוו און שיר ניט פארטראָגן געוואָרן צו א פעלדז? דו האָסט מיר דאן געזאָגט: „דעריקער איז ניט מוירע האָבן”. איצט זאָג איך דיר: דעריקער איז ניט מוירע האָבן.

זיי האָבן געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן.

און זיי האָבן שטיל זיך געזעגנט...

פאר איינעם גייט די צײַט גיך, פאר א צווייטן — לאנגזאם, טראָפּנווײַז.

דער טאטע האָט געגומען טרײַבן די צײַט, ווי מיט בײַטשן. טרײַבן די דרײַסיק כאדאָשים, וואָס מײַן ברודער איז געבליבן אָפּצוזיצן. ער האָט געציילט יעדער טאָג און ־לאנג ניט געוווּסט, אז אין איינער א נאכט איז מײַן ברודער פארשווּנדן פון דער טורמע.

...באסקן־לאנד איז ווײַט פון די קארפּאטן. שפּאניע בלוטיקט, און דער עכאָ פון הארמאטן־אופרײַסן רופט זיך אָפּ אין די בוקאָווינער וועלדער.

אין איינעם א פרימאָרגן האָבן פּײַקלען זיך צעשאלט אין די בערג.

פליטנטרײַבער האָבן געקוקט אפן הימל, געזוכט סימאָנים פון א געוויטער. דער הימל איז געווען ריין און לויטער. קיין ווינטל האָט זיך ניט גערירט. נאָר ערגעץ ווײַט, גאנץ ווײַט איז געהאנגען א קליין כמארעלע, געהאנגען באַוועגלאָז, ווי ס׳וואָלט געדרעמלט.

דער טאטע האָט פארוואָרפן דעם טאלעס איבערן קאָפּ און געשטעלט זיך דאוונען. נאָך דעם ווי דער ברודער מײַנער איז פארשווונדן, האָט די פארב אף זײַן פּאָנעם זיך געביטן. דאָס קאָל איז געוואָרן טרוקן, ווי איבערגעשיט מיט זאמד. און געדאַוונט האָט ער אף א קאָל, גלײַך ווי ער וואָלט געוויינט.

פונקט אינמיטן דאוונען איז אים אָנגעקומען א פּאפּיר, באזוימט מיט גאָלד, דער שווארצער דריבנער שריפט האָט געשווינדלט פאר די אויגן, אלץ האָט זיך געדרייט — אָט־אָט וועלן די בערג זיך צעשיטן.

...אײַער זון איז געפאלן אין שפּאניע...

דער טאטע האָט ווי א בלינדער געקוקט אפן פּאפּיר, געקוקט און געשוויגן. זײַנע ליפּן האָבן זיך קוים באוועגט, ער האָט שטיל טראָפּנווײַז אויסגעלייגט די לעצטע ווערטער, וועלכע מ׳האָט אים איבערגעלייענט.

— דאָ־לאָ־רעס אי־בא־רו־רי...

ער האָט ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז. קיינמאָל אזא נאָמען ניט געהערט. נאָר וויבאלד א מענטש שרײַבט וועגן זײַן זון, דארף מען דעם נאָמען פארגעדענקען.

אונטערן הארץ האָט זיך פארקליבן א נאָגנדיקער ווייטעק. און א טיפער אומעט האָט ארויסגעקוקט פון די פארנעפּלטע אויגן. ער איז מיטאמאָל שוואך געוואָרן, גלײַך עמעצער האָט אים פארווונדעט, ארײַנגעשטאָכן א מעסער. ניט מיטן הארצן, ניט מיטן פארשטאנד האָט ער נישט געקאָנט באנעמען, ווי׳אזוי פארלאָזט מען אן אייגענע היים און מע פאָרט זיך שלאָגן פאר פרעמדער ערד.

ער האָט אראָפּגעוואָרפן די שיך, זיך אײַנגעוויקלט אין טאלעס און מיט אן אײַנגעהאלטענעם, ציטעריקן כליפּען זיך געזעצט שיווע.

אין דרויסן איז געוואָרן פינצטער, ווי באנאכט. שווארצע וואָלקנס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט איבער די בערג, און א רעגן האָט גענומען פּאטשן איבערן טײַך. פונקט ווי דער הימל וואָלט אויך באוויינט דעם אומקום פון מײַן ברודער.

פון דעמלט אָן האָט דער טאטע זיך ניט געוויזן צווישן פליטנטרײַבער. איינגאנצן א פארענדערטער, א בלייכער, ווי ס׳וואָלטן אויסגערונען די בלוטן אין זײַנע אָדערן, האָט ער פון צײַט צו צײַט געדריקט מיט דער רעכטער האנט די לינקע ברוסט אונטערן העמד. און אזוי גאנצע פארנאכטן ארומגעדרייט זיך איינער אליין בא די ברעגן פון טײַך. ספּלאווניקעס האָבן זיך געשווירן, אז זיי האָבן געהערט אים וויינען.

עפּשער האָט זיך זיי אויסגעוויזן. דער רויש

פונעם טײַך איז אויך צומאָל ענלעך אַף א געװײן...

...די צײַט האָט געטריפט טראָפּנווײַז.

ערעוו דעם ברודערס ערשטן יאָרצײַט האָט דער טאַטע געהאַט א שווערע נאַכט, ער האָט אומרויִק געקרעכצט פון שלאָף.

...ער שווימט אַף א ספּלאַוו. די געהילצן סקריפּען, פלאָנטערן זיך, ווילן אים פאַרטראָגן צו א פעלדז און צעשמעטערן. ער רודערט מיט אלע קױכעס, נאָר דער ספּלאַוו פאָלגט אים ניט. מיטאמאָל דערזעט ער: אַפן סאַמע שפּיץ פון דער קערמע ליגט מײַן ברודער, אריבערגעוואָרפן ווי א זאַק, אײַנגאַנצן פאַרגאָסן מיט בלוט. ער נעמט שלעפּן צו זיך די קערמע, זי ארויסצײַען פון וואַסער, נאָר וואָס מערער ער שלעפּט, אלץ מער דערווײַטערט זי זיך. דער טײַך ווערט רויט פונעם ברודערס בלוט, און אַף די פאַרבלוטיקטע כוואַליעס ברענען ליכט, אַן א שיר ליכט...

דער טאַטע האָט זיך אופגעכאַפּט מיט א שטאַרקן וויטעק אין הארצן. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן בלייך, אָפּגעצויגן, און פון די טונקעלע אויגן־לעכער האָבן ארויסגעשטאַרצט גרויסע קײַלעכיקע אויגן, ווי דורכזיכטיקע. ער האָט דערפילט, ווי א וואַרעמע כוואַליע איז דורכגעלאָפן איבער דער גאַנצער ברוסט — פונעם לינקן אקסל ביז צום רעכטן. ס'האָט פלוצעם פאַרפעלט אָטעם, און פאַר די אויגן האָבן אין א ווילדן טאַנץ געדרייט זיך פונקען געלע, גרינע, רויטע...

דעם זעלבן טאָג איז מײַן טאַטע געשטאָרבן. געשטאָרבן שטייענדיק אַף א ספּלאַוו, ווי ס'שטאַרבט א בוים, און די קערמע האָט לאַנג אַן עלנטע זיך געהוידעט אַפן וואַסער, ווי דער ספּלאַוו אליין וואָלט געפרווט אוועק מיטן טאַטן.

ער איז געלעגן מיט דער ברייטער אָפענער ברוסט אנטקעגן דעם הימל, און א שווארצער אָנגעשוואָלענער אָדער האָט זיך געשלענגלט צום שטיין געבליבענעם הארץ. די ליולקע האָט ער פעסט געהאַלטן צווישן די ציין. א לײַכטער, דינער רויך האָט זיך נאָך געצויגן פון איר און אויך געהאַלטן באַם שטאַרבן. זײַנע אויגן האָבן געקוקט צום הימל, גלײַך ער וואָלט פון פאַרוווּנדערונג זיי געעפנט און פאַרמאַכן ניט געקענט.

איך בין געשטאַנען לעבן טאַטן מיט עפּעס א פאַרשטיינערטער רויִקײַט. איך האָב געקוקט אַף זײַן טויט פּאָנעם. ס'האָט זיך קוים געגלייבט, אז ער איז טויט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז זײַנע בליקן בעטן זיך באַ מיר:

— זאָלסט אָפּהיטן די מאַמע.

איך האָב דערפילט זיך מיטאמאָל עלטער, ערנסטער. אלע האָבן גערעדט שטיל, מיט אײַנגעהאַלטענע שטימען, גלײַך מ'האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט דערהערן.

אָפּט, ווען איך דערמאָן זיך אין מײַן פאָטער, פיל איך זיך עפּעס שולדיק פאַר אים, מיר דוכט, אז איך האָב צו ווייניק אים געקענט. איך באַמי זיך צו דערגײן, וואָס איז ער געווען פאַר א מענטש.

יענעם זומער בין איך אלט געווען אכצן, און ער — איבער זעכציק. ס'גלייבט זיך קוים, אז מיר איז אמאָל אכצן געווען.

איבער דער ערד האָט אראָפּגענידערט א שטילער זומערדיקער אָוונט. די זון האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א פלאַמיקער ראָד מיט הונדערטער לאַנגע פײַעריקע שפּיזן.

איך האָב א קוק געטאָן אַף מײַן מאַמען, געזען איר בלייך פּאָנעם.

זי האָט אופגעהויבן צו מיר אירע שווארצע אויגן, פאַרגאָסענע פון טרערן. אירע באַקן זײַנען געווען טיף אײַנגעפאַלן, און די האָר האָבן צעפּאַטלט ארויסגעשטאַרצט פון אונטער דעם שווארצן טיכל.

כ'האָב זי ארומגענומען. צוגעטוליעט צום הארצן. זי האָט ניט גערעדט, נאָר שטיל געכליפּעט, ווי א קראַנק קינד.

ס'איז געקומען אָסיען.

קאַלטע דריבנע רעגנס זײַנען געהאַנגען איבער די גאַסן. די ברעגן זײַנען געוואָרן ליידיק, פאַרלאָזט. בלײַבן אין דער היים האָב איך מער ניט געקענט. מיך האָבן גערופן אומבאַקאַנטע ווײַטן. איך בין ווי אריבערגעטראָטן עפּעס א פּאַליוס און שטיין געבליבן אַף א נײַעם, פעסטן באָדן, פון וועלכן ס'איז ניט פאַראַן מער קיין וועג צום נעכטן...

אונטערוועגנס האָב איך אָנגעשריבן מײַן מאַמען: „איך קאָן דיר מיט גאָרנישט ניט העלפן אין דײַן צאַר, די זאַך איז געווענדט ניט אין מיר"...

די צײַט לויפט גיך, גאָר גיך!

די „וואָלגע" יאָגט איבערן שטיינערנעם שאָסיי. לויפט פאַרבײַ וועלדער און בערג. איך נעם ארויס פון בוזעם־קעשענע די אײַנלאַדונג.

„זייער כאַשעווער פרײַנט! מיר פאַרבעטן אײַך אַף אַן אָוונט, געווידמעט די בוקאָווינער העלדן, געפאַלענע אין שפּאַנישן בירגערקריג".

דער שאָפער בייגט זיך אריבער צו מיר. זײַן קופּערן פּאָנעם איז ערנסט, פאַרטראַכט. ער פרווט א שמייכל טאָן, נאָר ס'באַקומט זיך ניט. פלוצעם לייגט ער גוטברודעריש מיר ארויף איין האַנט אַפן אקסל און רופט אויס אַף א פּאַשעטן היימישן יידיש:

— א וועלט מיט וועלטעלעך!

און אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, גיט ער צו:

— מירן זיך זען אַפן אָוונט... איך בין הערצקע פוקס׳ א פּלעמעניק...

■ ■ ■

איין שפּעטער הארבסט

◇ ◇ ◇

אָ, שפּעטער הארבסט,
אזוי ווי דו, כ'בין רײַך
מיט מי,
מיט מידקײַט
און מיט מאזל־בראָכע;
מיט סוידעספּולן פלוס פון הימלס טײַך,
מיט בלעטערפאַל,
מיט צארטן אפּצולאָכעס
פון גראָז, וואָס וויל ניט וועלקן דאָ און דאָרט;
מיט שארפן ערד־געריך,
מיט ווינט, וואָס שקאָציש
זיך פירט (ווי ס'פּאַסט א ווינט!),
און מיט א וואָרט,
וואָס פרילינג־צײַט דאָס הארץ האָט אָפּגעשפּאָרט —
א שטילס, א ניט פארזייטס
און שוין — א שפּראָצלינג.

◇ ◇ ◇

דער זומער טראָגט זיך אָפּ מיט האק־און־פּאַק
פון בליצן און פון היצן—
פּרווו פארהאלט אים...
אף זײַנע שפּורן שלייכן שלאקסן קאלטע,
און גרוי זיך שיט פון הימלס פוילן זאק.
נאָר דאָס איז נאָך, באַשײַמפּערלעך, ניט הארבסט,
איר גלייבט ניט?
נאט אײַך וואָגיקע באַווײַזן:
די שווערע צווײַגן לאָזן זיך ניט שמײַסן —
באַם ווינט באַם קײַסן שיר ניט פּלאַצט דאָס הארץ;
א וואָרצל שנײַדט זיך טיפער אינעם גרונט,
און גראָזן, איידל־לײַט, אים גיבן אייצעס;
און שקיִע אין גוטמוט צעלאָזט די לייצעס
די זוניקע אף יאַם און ברעג;
א הונט
פּרוווט פונעם שאָטן אייגענעם אנטלויפן
און ווארפט אן איימע אָן אף פייגלס צאַד;
אָן אָוונטיקער נעפּל קנוילט זיך צארט
און לאשטשעט זיך צום פישערס שײַטער־הויף.

און איר זאָגט: האַרבסט!
עס הייבט זיך גאָרניט אָן!
פון מײַן אקשאָנעס לאָז אײַך גאָט באַהיטן!
כ׳בין גרייט אצינד דעם זומער איבערהיפּן:
דײַן יונגער פרילינג האָט זיך מיר דערמאָנט.

◇ ◇ ◇

ווי קאָן איך רויִק זײַן, ווען ס׳קראַכט דער יאַם
אַף ברעג,
אַף וואָרצלס אויסטערלישע צווײַגן,
ווען אַלץ אַרום עס רוישט,
און נאָר מײַן שווײַגן
מיט אָט דעם רויש ניט ווילנדיק זיך גראַמט.

איך בין אַדורך אי פינצטערניש, אי ליכט,
נאָר ניט באַנומען כ׳האָב די דולע גרויקייט
פון קראַפט,
וואָס מיט דעם שפּילגעצײַג פון גרויסקייט
צעשטערט איעדן שפּור פון גלײַכגעוויכט...

◇ ◇ ◇

איך גרייט זיך שוין צו זאָגן „זײַט געזונט!“
די ווינטן באַלטישע, די מעוועס ווײַסע...
זיי האָבן אָפּגעווישט ניט ווייניק גרײַזן
פון מײַן געוויסן.
זײַ געזונט אויך, זון!

דו האָסט ניט איין מאָל זיך אין גרוי צעפלאַקערט,
קעדיי דעם יאַם באַפּוצן מיט אַ בליאַסק,
ווען ער דעם ברעג באַלאַגערט האָט
מיט האַסט
און מיט אקשאָנעס פיערשער געאַקערט.

זאָל זײַן דיר לינד דער ווינטער, הוילער וואַלד!
מײַן שלאָף געוויגט עס האָבן דײַנע צווײַגן,
געטרייסט מיט פלײַס, ווען ס׳פלעגט מײַן מוזע שווײַגן,
געשוויגן דאַן, ווען ס׳האָט מײַן ליד געשאַלט.

◇ ◇ ◇

עס ענדיקט זיך מײַן האַרבסט
געבענטשטער —
אַ פּיצל באַלדינאַ זיך עקט;
און פייגלען ווימלען באַ מײַן פענצטער,
און וואָלקנס קנעטן זייער וועג.

— אויך איך בין גרייט צום ווײַטן וואַנדער
צו קנעטן מיט די פיס די ערד.
אַ הימל!
כ׳דאַרף קיין וועג קיין אַנדער,
דו גיב מיר קויכעס זײַן אים ווערט!

◇ ◇ ◇

אין טאָג אין מײַנעם הײַנטיקן, באַרוטן
כ'דערמאָן זיך, ווי מיט יאָרן פיל צוריק
אין וואַלד, ניט ווײַט פון קיִעוו, האָט וואַטוטין
צום ערשטן מאָל אין פײַער מיך געשיקט.

אזויפיל סרייפעס אַפּגעשוואַרצט פון דעמלט,
אזויפיל שנייען — אויסגעווײַסט די ערד...

וואַטוטינס שמייכל — אין א סאָסנע־רעמל, —
און אים איז אַלץ נאָך פערציק און ניט מער.

דאָס רעמל איז פון יענעם וואַלד געדיכטן,
פאַרפינצטערטן און האַרבסטיקן —
איך ווייס...

און איר מײַן שורע פרוווט אמאָל פאַריכטן,
קעדיי פאַרטײַטשן מיר, וואָס לעבן הייסט!

◇ ◇ ◇

א גאַנצע נאַכט האָט שווער גערודערט
דער יאַם —
געגאַנגען אַפן ברעג,
ווי ס'גייט א ברודער אַף א ברודער,
ווען יענער אים פאַרשטעלט דעם וועג.

צוויי שוואַרצקײַטן זיך טוען רײַבן —
יאַבאַשע־ראַנד מיט וואַסער־ראַנד...
איך האָב געמיינט: ס'וועט ניט פאַרבלײַבן
קיין פיצל גרינס, קיין גרײַפּל זאַמד.

אין מיר געקראַכט האָבן די ביינער,
ווי איך וואָלט אײַנהאַלטן געדאַרפט

די ניט באַזיגבאַרע פון קיינעם —
די קעגנער צוויי — אין מײַן געדאַכט.

אזא מין געטלעך שווערן קאָרבן
געפאָדערט האָט פון מיר די נאַכט!
און כ'ווייס ניט, ווי כ'בין ניט געשטאָרבן —
קוים־קוים די אויגן צוגעמאַכט...

און ווען דער טאָג האָט זיי צעבויטעט
און מיך געשטעלט אַף שוואַכע פיס, —
איך האָב דערזען:
פון יאַם די בלויקײַט
דעם ברעג מיט אומשולד האָט באַגריסט.

◇ ◇ ◇

פאַר אײַך כ'בין אָפן:
נעמט איעדעס ליד
און טײַטשט, ווי ס'טוט דער גוסט און סייכל פירן.
גלייבט:
פון אזא מין זאַך כ'וועל ניט קראַפּירן,
און כוישעד זײַן אין שלעכטס כ'וועל קיינעם ניט.

נאָר דאָך איך מוז איין איינצלהײַט באַטאָנען:
ניט לייענט צווישן שורעס מיך.
אומזיסט
צעטרענצלען וועט איר צײַט.
ווען מיר איז זיס, —
די מינדסטע שורע מײַנע שמעקט מיט האָניק.

◇ ◇ ◇

די לעצטע טעג פון אָט דעם האַרבסט דעם שפּעטן...
זיי זײַנען אויסגעבלייכט, ווי שײַן אין שויב,
דאָס גראָז פאַרוויאַנעטסט לאָזט אַף זיך שוין טרעטן
אפילע דעם צעשפריצטן רעגן־דרויב.

פון ווינטיקן געלאָף אַף קאַלטע זאַמדן
מיט ווילדער אָפּגעזונדערטקײַט פאַרשמעקט,
ער פּאַטשט אין פלייצע: טו זיך ניט פאַרזאַמען —
דאָס לעבן קורץ איז, לאַנג איז נאָך דער וועג.

פאַרהייבסט דעם קאָלנער פון דײַן אַלטן מאַנטל —
מע דאַרף אַמאָל אויך אויסהערן א ווינט, —
ביפראַט, ווען דו אַליין שוין פילסט דעם מאַנגל
אין צײַט:
איר קלומעק שטײַפער זי פאַרבינדט.

די לעצטע טעג פון אָט דעם האַרבסט דעם שפּעטן
אין אײַער אומרו זיס מײַן אומרו רוט.
טוט נאָכאַמאָל מיך ווען־עס־איז פאַרבעטן
אהער,
אויב כ'וועל נאָך הערן אײַער רוף...

◇ ◇ ◇

אַ איבערזעצער מײַנע, גוטעברידער!
אין אָדערן באַ אײַך מײַן בלוט עס רינט;
דעם ווייטעק אייגענעם איר שפּרײַזט אריבער
און אין מײַן ווײ זיך גורילדיק פאַרשפינט.

אמאָל, ווען ס'קומט א וואָרט ניט אַפן זינען
און ס'בלײַבט פאַרשעמט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, —
אין אײַער שטילן מיטלײַד כ'טו געפינען
דאָס, וואָס אין אונדז די אייביקײַט פאַרלירט.

יאַן ספּאַרעס אַנדענק

אַ ליבער, אלטער, גוטער ספּארע,
באַרימטער רוסישער אַטלעט!
אַזויפיל צײַט זיך זען געסטאַרעט,
דיך זען אַצינד — אַ שאָד! — שוין שפּעט.

אַמאָל, אין יענע ווילע יאָרן,
ווען פריש געאָטעמט האָט די וועלט,
איך בין צו דיר אַהער פאַרפאָרן,
צום ריגער אײַנגוס,
יוני־קעלט

געווען איז דאַן אין זאַמד פאַרשטאָכן,
מיט ריטלעך ציט'ריקע באַזוימט;
אַריבער ווינטס געשולטע „אָכן"
דער הימל יאַמיש האָט געשוימט.

און מעוועס אַף די וואַסער־קאַמען
געהוידעט האָבן זייער שטאַלט.
און איך בין יונג געווען.
צוזאַמען
מיט מיר ביסט אויך געווען ניט אַלט.

אַף דײַנע הענט, וואָס פלעגן טראָגן
די פּודן צען אין איין פאַרמעסט,
געגאָסן וואַסער כ'האָב,
און זאָגן
דו פלעגסט: „ניטאָ קיין גרעסטער נעס,

ווי אָנרירן מיט ריינע דלאָניעס
אַ צווײַג צי גאָר אַ גראָז אַ דינס.

איעדער שטאַרקער מענטש דאַרף קאָנען
דעם שוואַכן שטעלן זיך צו דינסט".

דו האָסט געקנעלט מיט מיר די טוירע
ניט צופיל איידל, נאָר ניט גראָב:
„פאַר קאַלטן שטאָל ניט האָב קיין מוירע,
פאַר קאַלטע הערצער מוירע האָב..."

דערנאָך, ווען ס'האָבן שוין די גלידער
פון „אײַזערנער" געהודעט „שפּיל", —
געלייענט דיר כ'האָב מײַנע לידער,
און דו פלעגסט שמייכלען אינדערשטיל.

דעם סיוון קאָפּ, אַ האַלב פאַרנויגטן,
אַף פינגער שווערע אָנגעשפּאַרט...
ווי בּאַ אַ פאָטער, דײַנע אויגן
געווען זײַנען פאַרכאָלעמט־צאַרט...

אַ ליבער, אַלטער, גוטער יאַניס,
באַרימטער רוסישער אַטלעט!
איך שטיי אַצינדער בּאַ דײַן גאַנעק,
אַ מאָסקווער יִדישער פּאָעט.

פאַרגיב מיר, וואָס איך האָב פאַרביטן
די לאַסט פון אײַזן אַף אַ פּען.
איך האָב פאַרזוכט אַי זיס אַי ביטערס,
נאָר דיר, מײַן פרײַנט, כ'בין טרײַ געווען.

אויך הײַנט־צו־טאָג איך פּאָלג דײַן טוירע, —
ביז לעצטן קער פון זונען־ראָד:
„פאַר קאַלטן שטאָל ניט האָב קיין מוירע,
פאַר קאַלטע הערצער מוירע האָב..."

◇ ◇ ◇

ביז סאַמע ראַנד פון האָריזאָנט
נאָר אײַליקײַט פון וואַסער,
און צווישן וואָלקנס —
אויבנאָן —
די זון, זי שווימט געלאַסן.

און ס'לאַכט דער ברעג, באַזוימט מיט שוים,
אַ פרייילעכער — ביז ווייטעק:
דער יאַם דעם זאַמד באַרירט קוים־קוים,
די זון —
אין וועלט אין צווייטער...



אאדו כינט

פֿאָלקס־שרײַבער פֿון דער עסטלענדישער ססר

דער לעצטער פּיראַט

דו האָסט מיר געצייצעט, אאדו, א נעם טאָן די פּען אין דער האַנט און אָנשרײַבן די דאָזיקע פּיראַטן־געשיכטע, וואָס כ׳האָב דיר פֿאַראַיאָרן אָסיען דערציילט אין ווירטסוער האַפֿן. אָסיען איז מיר דער קאָפּ ניט געלעגן דערבײַ. ווינטער אָבער, ווען דאָס אײַז האָט פֿאַרקאָוועט אונדזער פֿישער־שיף ערגעץ הינטער ריגע, דער אוילעם איז זיך צעפֿאָרן אַהיים, און איך בין גע־בליבן אױף דער שיף וואַכטער, איז פֿאַר דעם גראָד די בעסטע צײַט. נאָר דאָ איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז איין זאַך איז אַ מעשׂה דערציילן, און גאָר אַן אַנדער זאַך איז — אַוועקלייגן די דאָזיקע מעשׂה אויף פּאַפּיר. ווען דו דערציילסט, האָסטו אַ פֿול מויל מיט ווערטער, אָפֿן פּאַפּיר ווי־דער קאָנסטו בעשום־אויפֿן ניט אָפּזוכן דאָס נייטיקע וואָרט. עטלעכע יאָר בין איך געווען פֿאָר־זיצער אין אַ קאָלווירט, האָב געשריבן פּראָטאָקאָלן, רעפּעראַטן, און אָט, אָנצוּוואַרפֿן דײַן אייגענע געשיכטע ציטערט עפּעס די האַנט... כ׳האָב ניט ווייניק געשיכטעס איבערגעלייענט, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעשריבן; כ׳האָב זיי געלייענט אין דער היים, אויף אונדזער אינדזעלע אוכטע; כ׳פֿאַרמאָג בכּלל אַ גאַנץ נישקאָשעדיק ביבליאָטעקל מיט מעשׂיות וועגן פֿישער. אויך דאָ, אויף דער שיף, האָב איך צו דער האַנט אַוואַדע אַ טוץ ביכער, כאָטש איך אַליין האָב נאָך קיינמאָל קיין איין שורה ניט אָנגעשריבן אויף אָפּצודרוקן. נאָר אויב דו רעכנסט, אַז די זאַך, וואָס כ׳האָב דערציילט, איז עפּעס ווערט און פֿאַרמאָגט אַ ראָזשינקע, בײַט, איך בעט דיך, איבער די נעמען, שלײַף עפּעס צו דאָרט ווו מע דאַרף, און גיב זי אַרויס אונטער דײַן כסימע.

■

דאָס איז געשען אין יענע צײַטן, ווען אונדזער אינדזעלע האָט נאָך ניט פֿאַרמאָגט קיין עלעקטרע און פֿאָרזיצער פֿון דעם פֿישער־קאָלווירט, דער ערשטער פֿאָרזיצער, בין געווען איך, כיינאָ אַקיראַטאַס, דער זון פֿון ליזין.

„איז געשען“ — פּאַסט זיך ניט אַהער, מאַכמעס אויף אונדזער קליינעם אינדזל, וויפֿל מיר איז באַוווּסט, איז קיינמאָל ניט געשען אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן אַ ראַש און זאָל זיך צעטראָגן ווײַט איבער די גרענעצן פֿון אוכטע. נאָר אויך אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, און אויך אָן ראַש, קומען פֿאָר זאַכן, וואָס קריצן זיך אויף לאַנג אײַן אין זיקאָרן פֿון יענע, וועלכע זײַנען בעשאַסמעשׂע אַליין געווען דערבײַ, כאָטש זײַטיקע ווייסן ניט דערפֿון גאָרניט. און ס׳איז אַפֿילע אַמאָל בעסער, ווען מענטשן צעפּויקן ניט אויף דער וועלט ניט קיין געשיכטעס וועגן ווייניק וויכטיקע פּאַסירונגען און ניט קיין געשיכטעס וועגן ווײַטע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך. איך בין שוין, לעמאָשל, אַ פֿערטל יאָרהונדערט אַ קעסטקינד אויף דעם אינדזעלע אוכטע און האָב נאָך קיין איין מאָל ניט געהערט אוכטער טוישוּוים באַקלאָגן זיך, אַז זייער אינדזל איז ווייניק באַוווּסט און ווייניק באַמערקט. און קאָן זײַן, אַז גראָד דערפֿאַר, וואָס אוכטע איז אַזוי קליין און אַזוי פֿאַרוואָרפֿן, האָט עס ניט אויס־געמיטן קיין איין שווערן ניסאָיען. אַשטייגער, די לעצטע מילכאָמע.

ווען די דײַטשן האָבן אין 41־טן יאָר פֿאַרכאַפּט עסטלאַנד מיט אַלע זײַנע אינדזלען, האָט אוכטע זיי אויסגעזען אַזאַ נישטיק פּינטעלע, אַז זיי האָבן אַפֿילע דאָ ניט אַוועקגעשטעלט קיין וואַך זייערע, ווי זיי האָבן עס געטאָן אויף אינדזלען קלענערע, נאָר מער נעענטערע צום אָפֿענעם יאַם. דאָס שמאָלע נידעריקע אינדזל־פּאַסיקל, אָן וואַלד, מיט די פּאָר צענדליק פֿישער־שטיבלעך

צעוואָרפֿענע דאָ און דאָרט, מיט דער שול, מיט דעם שווימענדיקן לאַמטערן, וואָס שווינדלט מיט זײַנע פֿײַערלעך, מיטן האַלבן צענדליק ווינטמילן — מע זעט דאָס אַלץ פֿונעם ברעג, ווי אַף דער דלאָניע. צו וואָס זשע האָט מען נאָך געדאַרפֿט אַ וואָך? דער איקער — די פֿיש זאָלן ווערן אָפּגע־געבן אין דער צײַט.

אַ געבוירענער אין סאַארעמאַא, בין איך אַראָפּגעפֿאַלן קיין אוכטע אין אָקטיאַבער פֿיר און פֿערציק, ווען סאַארעמאַא איז נאָך געווען בײַ די דײַטשן. צוויי מאָל האָבן מיך פֿאַרטשעפּעט קוילן. די ערשטע קויל איז מיר, הינטער וועליקיִע לוקי, אַרײַן אין רעכטן אַקסל, די צווייטע האָט בייסן נאַרווער דעסאַנט מיר אַ שטאָך געטאָן דעם לינקן פֿוס. מ׳האָט מיך דעמאָביליזירט פֿונעם עסטישן קאָרפּוס און מיך געשטעלט פֿאַרוואַלטן מיט אַ פֿיש־פּונקט. קיין וואָזשנער קנאַקער בין איך שוין ניט געווען, נאָר פֿאַר אַ פֿאַרוואָרפֿן אינדזעלע האָב איך נאָך שיין געטויגט. דאָ, אַפֿן פֿיש־פּונקט, האָב איך באַגעגנט אירמען, און מיר האָבן דערנאָך כאַסענע געהאַט. דאָ, אַפֿן אינדזעלע, איז גע־בוירן געוואָרן טאַנעל און טיִיו. און ווען מ׳האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געשאַפֿן אין אוכטע דעם קאָלווירט, האָט מען כּיינאָ אַקיראַטאַסן געמאַכט פֿאַר פֿאָרזיצער. כּיינאַ אַקיראַטאַסן, דעם זון פֿון ליזין.

דו לאַכסט מיסטאַמע, וואָס כ׳האָב דאָ, אין מײַן בריוו, אָנגערירט מײַן אַלטן ווייטאָק. איך אַליין לאַך אויך. כאָטש דאָס אָרט צופּט מיך נאָך הײַנט צוביסלעך. דעמלט האָט עס מיך גאָר פֿײַן געצופּט, אומזיסט איז געבליבן הינטער מיר אי די אַלטע מאַכט, אי די מילכאָמע. ס׳איז מיר דעמלט געווען שטאַרק גוט — מיך, און ניט עמעצן אַנדערש, מיך, דעם זון פֿון ליזין, האָט מען אויסגע־קליבן פֿאַרן פֿאָרזיצער. און דער זון פֿון ליזין האָט אָנגעהויבן דערווײַזן, אַז ער איז ווערט אי דעם דאָזיקן נאָמען, אי דעם דאָזיקן קאָוועד...

אויב די שורעס מײַנע וועלן צו מענטשן דערגיין אָפּגעדרוקטע, קאָן זיך נאָך דער לייענער אָנברויגעזן און אַ פֿרעג טאָן, צוליב וואָס מע דאַרף אַזאַ לאַנגן אַרײַנפֿיר, ווען זשע וועט זיך שוין אַמאָל אָנהייבן די סאַמע פּיראַטישע געשיכטע. אַ קליין ביסעלע געדולד! איך אַליין בין עס דאָך געווען דער פּיראַט, דער יאַם־רויבער. ניט דערציילנדיק וועגן זיך, וואָלט איך די גאַנצע געשיכטע נאָר פֿאַרפּלאָנטערט.

כ׳בין אַלט געווען צען יאָר, ווען די מאַמע מײַנע האָט מיך אוועקגעפֿירט צו אַ באַלעבאָס אין אונדזער דאָרף, צו איינעם מיטן נאָמען קאַנגרו, און כ׳בין בײַ אים געוואָרן אַ פּאַסטעכל. כ׳בין ניט געווען קיין פֿוילער, כ׳האָב זיך קאָשער געוואָלט פֿאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, כ׳האָב ניט גע־וואָלט, דער באַלעבאָס מײַנער זאָל אומגיין און וואָרטשען. נאָר קאָן דען אַ זינדיקער מענטש ניט אויסגליטשן זיך, ביפֿראַט ווען דער דאָזיקער באָסערוועדאָם טראָגט אין זיך אַ שטאַרקע ציִעניש צו עפּעס...

בײַ זיבן יאָר, ביז דער שול, האָב איך שוין געקענט לייענען. פֿון דעמלט אָן ביז הײַנט איז אַ ביכל אַ גרויסע גלוסטונג מײַנע. קאַנגרו האָט פֿאַרמאָגט אַ סאַך ביכער, דאָס טעכטערל זײַנס האָט געלערנט אין גימנאַזיע, זי פֿלעג מיר אַמאָל מיטגעבן אַף דער פּאַשע אַ ביכל. פֿונעם קליינעם קאַ־טשקעלע איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע וואַסער־שוואַן מיט שטאַרקע ווײַסע פֿליגל. און דאָס פּאַ־סטעכל האָט פֿאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט, פֿאַרטיפֿט זיך אין לייענען, און ניט באַמערקט, ווי די שאָף האָבן זיך צעהוליעט אין פּעטער קרוואָסאאוקעס גרינעם גאָרטן. דאָס פּאַסטעכל האָט, לויטן באַלעבאָס׳ באַפֿעל, געקראָגן פֿון דער מאַמען גוטע עטלעכע פֿײַערדיקע שמיץ.

בײַ דרײַצן יאָר האָב איך שוין געאַרבעט אַף אַן אַנדער פּלאַץ. אַ באַטראַק בײַ יאַאַן סיאַיִנאַ־סטע אַף פֿאַרשיידענע פֿעלד־אַרבעטן. אַ צווייטער באַטראַק יאַאַנס פֿלעג, אַקערנדיק, ניט אַרויס־לאָזן די ליולקע פֿונעם מויל, זאָגן, אַז אָן אַ ביסל רויך אין האַלדז איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, דעם באַלעבאָס ניט זייער געפֿעלן. מיך האָט צו טאַבאַק קיינמאָל ניט געצויגן, ניט דעמלט און ניט שפּעטער. נאָר דאָס קליינע באַטראַקל האָט געהאַט אַן אַנדער כּי־סאָרן. כ׳האָב געאַקערט און געלייענט „דער פּרינץ און דער בעטלער״: די לייצעס אַפֿן האַלדז. דאָס בוך אין די הענט, און אַזוי־אָ שפּאַן איך הינטערן אַקער־אײַזן. דאָס פֿערדל מיטן ווײַס־גע־פֿלעקטן שטערן איז אַ שטילס, עס שלעפּט זיך מיט שלאַבעריקע טריט. ווען דער באַלעבאָס האָט דאָס דערזען, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד, און איך — דאָס ביכל אין בוזעם אַרײַן, אונ־טערן העמד, נעענטער צום האַרצן. כ׳האָב זיך גיכער געהאַלטן פֿאַר אַ פּרינץ, איידער פֿאַר אַ בעטלער. איך, ליזיס „פֿאַרזעעניש״, האָב אין די כאַלוימעס מײַנע זיך געזען גרויסאַרטיק, קייסעריש.

אין זאַמדיקן סיאַראַפּאַנגע האָב איך באַם אַלטן יורי טינגו באַטראַקעוועט בײַ פֿישפֿאַנג. ווען דער יאַם פֿאַלט אָפּ, איז סיאַראַפּאַנגע אַן אינדזל, און ווען דער יאַם קומט צו — אַ האַלב־אינדזל, ווו מע קען שפּאַנען אַף אַ שמאָלער צוויקילאָמעטערדיקער זאַמד־סטעזשקע, ניט אײַנעצנדיק זיך אַפֿילע די פֿיס. פֿון פֿאַרצײַטן זײַנען דאָ געשטאַנען דרײַ כוטאָרס — ווירקאַיאַ, קיווינוקאַ

און טיננע — נאָר אין קיין איינעם פֿון זיי האָט מען ניט געהאָדעוועט ניט קיין הינער און ניט קיין האָנען. ניט דערפֿאַר ווייַל פֿריילינג האָבן די יאַם־פֿייגל געלייגט אין סיאַראַפּאַנגאַ שענערע אייער ווי די הינער, נאָר איבער די טומאַנען. עס זייַנען דאָ פֿאַראַן צווייערליי מינים טומאַן: איין טומאַן, ווי וואַטע — ער פֿאַרדושעט דאָס קאָל; און דער צווייטער, אַ זעלטענערער, צעטראָגט ווייַט־ווייַט אין אַרום ווידערקוילעס. בייסן טומאַן פֿלעגן אויף די ברעגן פֿון סיאַראַפּאַנגאַ בלייַבן שטעקן אין זאַמד שיפֿן. ווען אַ האָן זאָל זיך געוווען צעקרייען און געבן צו וויסן, אַז אָט־אָט נאָענט איז ערד, וואָלטן די סיאַראַפּאַנגער אייַנוווינער ניט געוווען געהאַט קיין מעגלעכקייַט צו העלפֿן די געליטענע, ראַטעווען, הייסט עס, דאָס גוטס פֿון די שיפֿן... ווער ווייסט, צי די סיאַראַפּאַנגער האָבן אַזוי שטאַרק ניט ליב געהאַט קיין האָנען, נאָר געוווען איז עס דאָ אַן אַלטער מינהג. און אויב יאַאַק טיננע האָט אים געהאַלטן, פֿאַרוואָס זשע זאָל דעם מינהג ברעכן דער זון זייַנער, יורי, אַ מענטש אויך שוין אין די יאָרן?

אויף טיננעס זעק, אויף די ווייץ־זעק און מעל־זעק, זייַנען שטאָלץ געשטאַנען די געדרוקטע אויסיעס «Canadian Wheat» — קאַנאַדער ווייץ. אויף זייַנע קאָלערליי שלאָסער־געצייַגן האָט מען געזען די פֿירמע «City of Chester». ס'איז געוווען באַוווּסט, אַז דער זיידע דעם איצטיקן באַלעבאָס מייַנעמס האָט דאָס אַלץ געקראָגן, ווי אַ באַלוינונג, מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען ער האָט מיט זייַן פֿישער־שיפֿל געראַטעוועט אויף די זאַמדן פֿון וואַנאַמאַסין אַן ענגלישע דאַמפֿ־ און זעגל־שיף. נאָכן ראַטעווען די דאָזיקע „שפּיגלדיקע שיף“ איז אים איבערגעבליבן אַן אָנדענק אַ שפּיגל, אַ ביסל אַן אָפּגעבליאַקעוועטער דורך די יאַם־וואַסערן, נאָר אַ גוואַלדיק גרויסער, מיט רייַכע שניצערייַען אויף דער ראַם זייַנער; ער האָט באַצירט אַלע פֿיר ווענט, פֿונעם דיל ביז אין דער סטעליע אַרויף, אין דער זאַל פֿון טיננעס באַלעבאַטיש הויז. וועגן דעם, אַז סיאַראַפּאַנגער אייַנוווינער האָבן געראַטעוועט אי שיפֿן מיט צוקער, אי שיפֿן מיט זאַלץ, אי שיפֿן מיט אַנדערע רייַכע סכוירעס, איז געוווען קלאָר, ווי דער טאָג, ניט נאָר אַדאַנק די זעק מיט די געדרוקטע אויסיעס, נאָר אויך אַדאַנק פֿולע קאַסטנס מיט ווייַבערשע זאַכן און פֿעטע קאָלע־נאַדנס.

אין סיאַראַפּאַנגע האָט יעדע מישפּאָכע פֿאַרמאָגט איר אייגענע ווינטמיל. און מענטשן פֿון די שכיינעסדיקע ברעג־דערפֿער האָבן געטייַנעט, מיט אַ ביסל קינאה אין די רייד, אַז נאָר דער שטיין אין דער מיל איז אַן אייגענער. די איבעריקע זאַכן — פֿון די געצאַצקעטע ווענטלעך ביז אין די סאַמע מיל־פֿליגל — זייַנען „אָנגעשווומען“ מיטן יאַם.

אין ערשטן אָסיען, ווען כ'האָב געלעבט אויף באַטראַקישן ברויט באַ טיננען, האָט איינמאָל אין אַ נאָכט־נאַכט דער יאַם אָנגעבראַכט צום ברעג הויפֿנס ברעטער און סלופּעס. לויטן געזעץ האָט מען אַלץ געדאַרפֿט פֿאַרקויפֿן און דאָס געלט אָפּגעבן דעם אייגנטימער אָדער דער מעלוכע. קעדיי ניט צו פֿאַרשעמען דאָס געזעץ, האָט מען אַ צוויי־דרייַ פֿורלעך פֿאַרקויפֿט. נאָר דאָס איבעריקע גוטס האָט זיך אָן שום טייַנעס איבערגערוקט אין די גערעמע קאַמערס פֿון טיננע, ווירקעאיאַ און קיווינוקאַ.

דעם אַנדערן אָסיען האָב איך געהאָלפֿן מייַן באַלעבאָס ראַטעווען אַ שיף, וואָס איז געבליבן שטעקן אין זאַמד. פּונקט אַזוי זשע: אין אַ טומאַן־וועטער און אָן האָנען־געקריי.

— היינאָ, שטיי אויף! הערסט?

איך בין, פֿאַרשטייט זיך, באַלד אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם געלעגער, אָנגעטאָן זיך און באַלד גרייט געווען. אין הויף האָב איך עס דערהערט. אַ שוואַכן, בעטנדיקן כליפּ, ווי אַ ווייַטער ווייגעשריי ערעוו אַ שטורעם.

— אויף די וואַנאַמאַסינער זאַמדן! — האָט יורי באַלד געטראָפֿן, פֿונוואַנען דער דאָזיקער כליפּ קומט, און געלאָזט דעם מאָטאָר.

ווען מיר זייַנען אָנגעקומען אויפֿן פּלאַץ, האָט אַ בוקסיר פֿון דער באַלטישער רעטונגס־געזעלשאַפֿט שוין געהאַט באַוויזן צוצושווימען צו דער שיף, וואָס האָט געליטן דעם אומגליק, און אַ וואָרף טאָן אויף איר אַן עק פֿון זייַנע שטריק. דער געליטענער דענעמאַרקער — אַ קליינע צוויימאַטשטעווע מאָטאָר־זעגל־שיף „אַננאַ דאָראָטייאַ“ — האָט פֿון איר שטירבאָרט אַראָפּגעשלייַדערט די דעק־מאַסאָעס, און מיט אַ הייזעריק רעווען אָפּגעטריבן פֿון זיך די רעטער. דער בוקסיר פֿון דער רעטונגס־געזעלשאַפֿט האָט, פֿאַרשטייט זיך, געקאָנט אַרויסשלעפּן דעם דענעמאַרקער פֿון דעם זאַמד, נאָר דער סכאַר פֿאַר דעם ראַטעווען וואָלט געדאַרפֿט זייַן אַזאַ גרויסער, אַז דער באַלעבאָס פֿון דער שיף וואָלט בעמיילע געוווען געבליבן אָן דער שיף זייַנער. בעסער אַרויסהעלפֿן זיך מיט אייגענע קויכעס. אויב דער וועטער איז אַ גוטער, די צעלעכערטקייַט איז ניט קיין מעסוקענע, און אויב עס זייַנען דיר גרייט קומען צוהילף וועלוועלערע רעטער — ווייסטו סאָפּקאָלסאָף אַרויסשווימען פֿונעם טומאַן און זיך אַליין אויסדרייען.

באַלד האָבן זיך אַרום געליטענעם דענעמאַרקער געיאָוועט נאָך עטלעכע סיאַראַפּאַנגער פֿישער, און אין אַן אָנדערהאַלבן שאָ אַרום זייַנען גאַנצע מאַכנעס רעטער אָנגעשווומען פֿון אַנדע־

רע ברעגן. יעדער האָט פאַרגעלייגט זײַן הילף, און, שטופּנדיק זיך, געשלײַדערט דערווײַל פון דער דעק ברעטער און סלופּעס. אייניקע האָבן געשראָקן די דענעמאַרקער מיט אַן אָנקומענדיקן שטורעם און געווייזט אַראָפּרײַסן די מאַטשטעס און די שטריק־לייטערס. אַ שיף, וואָס טרעט אַרויף אַף אַ ריף־פעלדז, איז אַ סאַך רויִקער בײַ אַ שטורעם, ווען זי איז אָנעם גאַנצן רעמאַנענט אירן. דעמלט אָבער וועט זי מיט אירע אייגענע קויכעס ניט קענען פּאָטער ווערן פון די רעטער. די דענעמאַרקער האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער שיף־פּאָמפּע און זײַנען געשטאַנען פאַרלוירענע, ווי עס טרעפט געוויינלעך מיט געליטענע. נאָר דער ניט הויכער, ביינערדיקער שיפסקאַפּיטאַן האָט קאַלטבלוטיק קיינעם ניט דערלויבט צוצורירן זיך צו די שטריק־לייטערס. דער קאַפּיטאַן האָט זיך שוין געהאַט צונויפגערעדט מיט יורין און האָט, כוץ דעם, געהאַט זײַן אייגענעם פּלאַן, וויִאַזוי אַראָפּצונעמען די שיף פון די ריף־פעלדזן. די לאַך אין דער נאָז אָפן שטירבאָרט האָט צום גליק ניט אַ טעל געמאַכט די אונטערשטע שיף־מאַסאָעס. מיט דער דאָזיקער לאַך וועט זיך ספּראַגליק ווען אַ פּאָשעטער סטאָליער מיט זײַן פּאָשעטן געצײַג. די דעק איז דאָך שוין באַפרײַט פון איר שווערקײַט. די געליטענע שיף האָט עטוואָס אַ שווים געטאָן. נאָר ניט אַזויפיל אַף אײַנגאַנצן קענען אַרויס פון צווישן די פעלדזן. מיר מיט יורין האָבן אַוועקגעפירט אַף אונדזער שיפל דעם אַנקער פון דער פעדערשטער טייל געליטענער שיף אַ צוויי הונדערט מעטער לינקס און אים צוגעפּעסטיקט צו אַ פּאָר דנאָ־שטיינער. דעם אַנדערן עק שוואַרט־אַנקער — צוגעבונדן צום שיפל. און דאָס מאָטאָר־שיפל אונדזערס האָט אָנגעהויבן שלעפּן די שיף. דערנאָך האָבן מיר פּונקט אַזוי אַוועקגעפירט אין יאַם דעם צווייטן אַנקער — פון דער אונטערשטער שיף־טייל. ווידעראַמאָל דעם שוואַרט צוגעבונדן צו אונדזער שיפל. און אָט האָט „אַננאַ דאָראָטייאַ" ענדלעך אַרויסגעריסן איר גוף פון די פעלדזן־נעגל און איז מיט איר אייגענעם גאַנג, די פעדערשטע שיף־טייל פאָרויס, אַוועק אין אָפענעם יאַם.

אַז די דאָזיקע רעטונג־אַרבעט האָט יורין אַרײַנגעבראַכט אַ שיין פאַרדינסטל, האָט מען געקאָנט פאַרשטיין לויט די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך איבערגעפּעקלט פון דער דענעמאַרקער שיף צו אונדז אין שיפל אַרײַן. וויפל קראָנען אָדער פונטן דער קאַפּיטאַן האָט אים דערלאַנגט, האָב איך ניט געזען, נאָר כ'האָב גוט געזען, ווי יורי איז אַוועק אין שטאָט אויסבײַטן זיי.

און פונדעסטוועגן האָט זיך יורי ניט איבעריק געפרייט, ווען מיר האָבן פאַרנאַכט־צו געטראַכקעט מיט אונדזער שיפל צוריק קיין סיאַראַפּאַנגע.

— אַ וואַזשנער מאָטאָר, — האָט ער אַלעמאָל איבערגעכאַזערט פאַר זיך. — סאַראַ קרעפּטיקער מאָטאָר!

— נישקאָשע, ער שלעפּט, ווען מע גיט אַף אים גוט אַכטונג, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, טראַכטנדיק, אַז דער באַלעבאָס לויבט זײַן אייגענעם מאָטאָר. נאָר יורי האָט געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש.

— נאָר וואָס דו ביסט. גאַנצע נעכט און גאַנצע זונטיקן האָלטסטו די נאָז דײַנע אײַנגעגראָבן אין די ביכער און ביסט אַלץ דער אייגענער נאַר! אַ סאַך פערד־קראַפט פאַרמאָגט אונדזער שיפל? — אייסעך, ניט מער, ווי אַ צען. די שיף אָבער, וואָס מיר האָבן געהאָלפן אָפּגיין, פאַרמאָגט צוויי הונדערט! אַוועקשטעלן אַזאַ מאָטאָר בײַ אַ דרעשמאַשין אָדער בײַ אַ זעג — אײַ, וואָלט ער זיך צעזונגען!..

און אין אַ פּאָר רעגעס אַרום:

— וואָלטן הײַנט די כוואַליעס געווען אַ קאַפּעלע העכער, וואָלט ער געבליבן אונדזערער...

יורי האָט לאַנג געקלאָגט נאָך „אַננאַ דאָראָטייאַס" מאָטאָר, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געהאַט געווען זײַנער און וואָלט זיך דערנאָך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע הענט איבער עפּעס אַן אומיושערדיקײַט.

אָט וואָס עס הייסט אַ פּיראַט! — האָט דורכגעבליצט אין מײַן מויעך. אַף קיין האָר ניט בעסער פון יענע רעטער, וואָס האָבן בײַ אַ שפּיגלדיק־גלאַטן יאַם געוואָלט אַראָפּרײַסן די לייטערס פון „אַננאַ דאָראָטייאַ". נאָר כ'האָב דעמלט ניט זיך און ניט יורין געהאַלטן פאַר אַזעלכע, ווי יענע. זייער לײַדנשאַפט איז רעוועך, רײַכקײַט, מאַכמעס אַ רײַכן מענטשן גיבן אַלע אָפּ קאָוועד, קעגן אַ רײַכן וועט ניט אַרויס ניט דער קלויסטער, ניט דער געריכט. רײַכקײַט וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, אויך געדאַרפט. קעדיי אַליין לערנען ווײַטער, קעדיי מײַן ברודערל זאָל לערנען, און קעדיי קענען העלפן דער מאַמען.

נאָר די מיטלשול איז בלויז געבליבן אַ כאָלעם מײַנער. נאָך גוט, וואָס ערעראָ לערנט זיך כאָטש דאָרט. מײַן לײַדנשאַפט איז געבליבן לייענען ביכער, ווו כ'האָב געוואָלט געפינען אַ טשוווע אַף אַלע שײַלעס מײַנע, וועלכע מענטשן, אי רײַכע, אי אָרעמע, וואָס איך האָב געקענט, האָבן מיר ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט פאַרענטפערן, אפילע ניט די אייגענע מאַמע מײַנע. כ'זאָל זיך דעמלט געווען האַלטן פאַר אַזאַ פּיראַט, ווי אַלע אַנדערע, — גאָט באַהיט! אָט, יורי, ער איז געווען

אָן עמעסער פּיראַט... ווען דליק כ׳האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, האָט ער געוואָלט אוועקגאַזלענען דעם מאָטאָר בא „אננא דאָראָטייא״ ניט פאַר קיין דרעשמאַשין, נאָר פאַר אַ זעגלשיף, וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן בויען אין אַ יאָר אַרום, און ווו ער איז געווען איינער פון אירע אַקציאָנערן. איך בין געווען יוריס באַטראַק און האָב געמוזט טאָן דאָס, וואָס דער באַלעבאָס האָט געהייסן. קיין שום וויגאָדעס האָב איך דעמלט, בייס דער געשעעניש מיט „אננא דאָראָטייא״, און אַ צווייט מאָל, בא אַנדערע אומגליקן מיט נאָענטע מענטשן, ניט געזוכט. האַגאַם עפּעס־וואָס איז מיר פונדעסטוועגן יאָ אַראָפּגעפאַלן: פון דעמלט אָן זײַנען די רעכט מײַנע אין כוטאָר טיננע אין אַ געוויסער מאָס אויסגעוואַקסן, כאָטש דער באַלעבאָס מײַנער האָט מיך ווײַטער גערופן נאַר. כ׳געדענק, אין אַ זונטיק, ערעוו דער היסטאָריע מיט „אננא דאָראָטייא״, האָב איך געבראַכט פון דער ביבליאָטעק „מאַרטין אידען״ און האָב ביז שפּעט באַנאַכט געלייענט, ווי מאַרטין האָט, ניט געקוקט אַף זײַן אָרעמקײַט, דערשלאָגן זיך פונדעסטוועגן אַ וועג צו בילדונג. איז דערנאָך געשען דאָס, וואָס איז טאָמיד געשען אין כוטאָר טיננע בייס מײַן ליגן באַנאַכט איבער ביכלעך. ס׳האָבן זיך דערהערט טריט, און איידער כ׳האָב באַוויזן צו פאַרמאַכן די טעוועלעך פונעם ביכל, איז אַ פאַרשלאָפענע און גענעצנדיקע אַרײַנגעקומען טיננעס פּלוינעסטע. זי איז אַרײַן און אַ וואָרטשע געטאָן:

— יונגערמאַן, וואָס מוטשעסטו זיך אַזוי נאַכט בא נאַכט איבער די דאָזיקע ביכלעך? פאַרגעס ניט, אַז מאָרגן איז אַן אַרבעטטאָג.

פּפו! און דאָס לעמפּל אַפן טיש איז פאַרלאָשן געוואָרן. און אַליין איז זי אַזוי, שאַרנדיק מיט די פיס און פאַרשטעלנדיק דאָס ליכטל, וואָס זי האָט געטראָגן, מיט אַ דלאָניע, צוריק אַוועק צו זיך, און פון דאָרט גוט אַכטונג געגעבן, צי צינדט זיך ווידעראַמאָל ניט אָן דאָס לעמפּל. ניט דער קעראָסין האָט זי געאַרט, קעראָסין איז געווען ניט טײַער. אַ פערד דאַרף זײַן אָנגעהאָדעוועט, און אַ באַטראַק דאַרף זײַן אויסגערוט — אויב ניט, וואָס פאַרא נוצן וועט מען פון זיי ביידן מאָרגן האָבן?

אַזוי האָבן געמיינט דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע. נאָר אַ באַטראַק איז אויך ניט געמאַכט פון ליים. דזשעק לאָנדאָן האָט מיך ניט געלאָזט רוען, און אַ פאַרוואָרטע פײַערע איז, ווי באַוווּסט, זיסער. זונטיק האָב איך געקויפט אין קלייטל אַן עלעקטריש לאַמטערנדל, האָב זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און ווײַטער געלייענט. נאָר פאַר אַזאַ אופטו האָט מען געדאַרפט קלינגערס — וויפל קאָן קלעקן אַ באַטאַרייקע פון אַ קעשענע־לאַמטערנדל?

נאָכן פאַל מיט „אננא דאָראָטייא״ האָט מען דאָס לעמפּל אַפן טיש מער ניט פאַרלאָשן בייס מײַן לייענען באַנאַכט. און ווען טיננעס אַ שאָכן, קיווינוקע, האָט אַוועקגעשטעלט בא זיך אין הויף אַ ווינט־טורבינע, און יורי טיננע, וואָס איז ביז איצט טאָמיד געווען אין סיאַראָפּאַנגע דער ערשטער וואָס שײַעך רײַכקײַט און וואָס שײַעך דערפינדערישקײַט, האָט דאָ אויך איבערגעפּוצקעט דעם שאָכן, אַראָפּגעבראַכט פון דער שטאָט אַן עמעסן עלעקטריקער, אופגעהויבן אַ ווינט־טורבינע ביז אין די וואָלקנס אַרויף און האָט אין אַלע צימערן אַרײַנגעצויגן דראָטן, האָט מיר געקלעקט ליכט אַף אַ גאַנצער נאַכט.

נאָר אין אַ יאָר אַרום בין איך מער בא טיננען קיין באַטראַק ניט געווען. קאָן זײַן, אַז כ׳האָב שוין צו טיף אַרײַנגעקוקט אין זײַנע אייסאָקים. דעם, וואָס ווייסט אַ סאַך, שטעכט מען די אויגן אויס, — זאָגט אַ ווערטל. און קאָן זײַן, איבער מײַן לייענען באַנאַכט. בא טיננען האָט זיך שוין אומגעדרייט אַ נײַער מעשאָרעס. און כאָטש ער האָט גאָר ניט פײַנט געהאַט די קויסע, האָט מען אָבער גוט געוווּסט, אַז קאַליע מאַכן זיך דעם שלאָף מיט ביכלעך וועט ער ניט.

איז אָט: האָב איך נאָך, הייסט עס, אַ יאָר ערעוו דער מילכאָמע פאַרזוכט באַם אַלטן יורי טיננע דעם טאַם פון עלעקטרע. איז דערפאַר נישטאָ וואָס צו כידעשן זיך, וואָס באַלד נאָך דער מילכאָמע האָב איך אַוועקגעשטעלט אין אוכטע, אין הויף בא מיר, אַ הויכן שטעקן מיט אַ ווינט־מאַשינעריע. און אין צוויי וואָכן אַרום איז אַזאַ ווינט־טורבינע געשטאַנען לעבן דער קאָלווירט־קאָנטאָרע.

אײַ, איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן, בא אַ נישקאָשעדיק ווינטל, דאָס שורשען פון די טורבינע־פליגל. אין קאָנטאָר און אין שטוב באַם פאָרזיצער האָט דאָס ליכט זיך צעגאָסן, ווי מילך. קימאַט אין יעדן צווייטן פישער־הייפל האָט געזשומעט אונטערן הימל אַזאַ קליין צוויי־פליגלדיק ווינט־אַפּאַראַטל. די קאָלווירטניקעס האָבן זיי אַליין אויסגעמײַסטערט. די דינאַמאָ און דעם אַקומוליאַטאָר האָט מען געקראָגן האַלב אומזיסט אין די אוטיל־סקלאַדן, וווהין מ׳האָט נאָך דער מילכאָמע צונויפגעטראָגן קאָלערליי מאַשינעריעס. אין אַ סאַך צענעריקטע טאַנקען, לאַסט־מאַשינעס און טראַקטאָרן זײַנען געבליבן גאַנץ די עלעקטרישע הערצער זייערע און זײַנען איצטער אַוועק אַרבעטן אי בא אונדז אין אוכטע, אי אין אַ סאַך אַנדערע ברעג־דערפלעך.

עס רוישן די דריידלעך אַפן ווינט,
און די זאַלן אין אוכטע שײַנען... —

האָבן די מענטשן געזונגען אין די אָקטיאַבער־יאָמטויווים בײַ קוואַרטלעך ביר. „זאַלן" איז, פאַרשטייט זיך, געווען איבערגעטריבן. מאַכמעס אַזעלכע שטיבער מיט שפּיגלען, פון דעם דיל ביז אַרויף צו דער סטעליע, ווי בײַ יורי טינגע אין סיראַפּאַנגע, זײַנען דאָ ניט געווען בײַ קיינעם. דעם עמעס געזאָגט, איז דאָ מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אויך געבליבן שטעקן באַם ברעג אַ גרויסע שיף. נאָר די עלטערזיידעס פון די הײַנטיקע אוכטער אײַנוווינער זײַנען ניט אַוועק העלפן די גאַליטענע, אַראָפּרײַסנדיק די שטריק־לייטערס. אַלקאָלפאָנעם, זײַנען קיין סימאָנים פון אַזאַ מין הילף אין אוכטע ניט איבערגעבליבן.

וואָס שײַעך די לידלעך בײַ די קוואָרטן ביר, אַז אין די הײַזער, הייסט עס, שײַנט, איז אין די צימערן אַפּאַנעמעסן געווען אַ סאַך שײַן, ביפּראַט אָסיען, אין אַ ווינטיקן וועטער. ווינטער ווידער, ווען דער דרויסן איז וואָכנווײַז געשטאַנען אַ שטילער און לויטערער, האָבן זיך די אַקומוליאַטאָרס געזעצט, די לעמפּלעך האָבן זיך קוים־קוים דערוואַרעמט אָדער אינגאַנצן זיך אויסגעלאָשן. דעמלט איז אַרײַנגעקומען צו מיר דער שווער מײַנער, דער אַלטער קיבוספּואַ, און האָט, שמייכלענדיק אין דער באָרד זײַנער אַרײַן, מיר געבראַכט אַ קאַניסטער מיט קעראָסין — אַ מאַטאָנע... צי דערפֿאַר, ווײַל כ'האָב עס פּאָשעט ניט אין זינען געהאַט, צי, קאָן זײַן, ווײַל כ'האָב צופיל געגלייבט אין מײַן ווינט־מאַשינעריע, איז די קעראָסין־קיילע אונדזערע געשטאַנען אינגאַנצן ליידיק, און, יאָ ווילנדיק, ניט ווילנדיק, איז אויסגעקומען צוצונעמען דעם שווערס מאַטאָנע מיט אַ דאַנק.

דערנאָך האָט, פאַרשטייט זיך, ווידער אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט, און ס'האָבן ווידעראַמאָל אויפגעבליצט די פעדעמלעך אין די לעמפּעלעך. נאָר דער גרויסער גלויבן מײַנער אין ווינט־מאַשינעריעס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ווען דער ווינט זאָל בלאָזן באַטאָג און באַנאַכט מיט איין און דער זעלבער גלײַכער קראַפט, בלאָזן כאָדאָשים און יאָרן, וואָלט אַוודע קיין בעסערע זאַך, ווי אַ ווינט־טורבינע, ניט געווען, און מיטן קויעך פונעם ווינט וואָלט מען געקענט טרײַבן עלעקטרע, ווי מע טוט עס אויף ראַשיקע טײַכן מיטן קויעך פון וואַסער. נאָר וואַרט ניט פונעם ווינט קיין קלוגשאַפט. קלוג איז נאָר דער מאָטאָר אין דער האַנט באַם מאָטאָריסט. און מיר האָבן אַוועקגעשטעלט אויף אַ טאָפּטשאַן אין אַ קאַמער לעבן דער קאָלווירט־קאָנטאָרע אַ שיף־מאָטאָרל — אָנלאָדן דערמיט דעם אַקומוליאַטאָר, קומען, הייסט עס, צוהילף דעם ווינט. פרילינג אָבער, ווען אַרום אוכטע צעלאָזט זיך דאָס אײַז, דאַרף יעדער שיפל אַ מאָטאָר, און ס'איז ניט איבערגעבליבן קיין איין מאָטאָר אונטערצוטרײַבן אונדזערע ווינט־דריידלעך. קיינער האָט מער ניט געוואָלט פאָרן מיט קיין זעגלען. און ווען ס'האָט ליזיס זון אָפּגעגליקט אויסכלאָפּאָטשען אין שטאָט צוויי מאָטאָרלעך, זײַנען זיי אויך באַלד אַרײַן אין דער אַרבעט — אויף די שיפלעך.

מעוועס האָבן געקוויטשעט אַרום די דראָטענע פיש־נעצן, שיפלעך האָבן זיך מאַמעש געבראָכן פון אַזויפיל הערינג־זילבער — איז עמעצן געלעגן איצט דער קאָפּ בײַ די ווינט־מאַשינעריעס? די טעג זײַנען געוואָרן לענגער, ס'האָט זיך דערנענטערט דער זומער, די זון האָט געשײַנט העל, ווי קיינמאָל קיין שום לעמפּעלע ניט. די פישער זײַנען אינגאַנצן געשלאָפן צוויי בײנהאַשמאָשעסדיקע שאָ אין מעסלעס. קיין שום שײַן איז איצטער ניט געווען נייטיק.

דער זומער איז בײַ אונדז אין אוכטע ניט קיין לאַנגער. אַרום סאָף יוני איז דער ברען נאָך הערינג־פאַנג אַוועק, די דראָטענע נעצן איז אויסגעקומען אַרויסשלעפּן אויף דער טריקעניש, צעשפּרייטן אויפן גראָז. די ווײַבלעך האָבן געוואָרפן מיט די צעפּ, געקאָסעט היי אויף די באַרגיקע פעלדער, אויסגעגראָבן קאַרטאָפל. דער פּאָרזיצער איז מיט צוויי בריגאַדעס אויף פיר שיפלעך אַוועקגעשווומען ערגעץ לעבן קאַאווי און מינטו כאַפּן אַ פּאַרטיע גרעסערע פיש, האָפנדיק, אַז אויב אין דריטן קוואַרטל וועט מיט די דאָזיקע גרעסערע פיש גיין אַזוי, ווי אין צווייטן מיט די הערינגלעך, וועט ער אָסיען פאָרלייגן דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג קויפן אַ גרויסן מאָטאָר, קעדיי אין אוכטע זאָל סאָפּקאָלסאָף זײַן לײַטיש ליכט. נאָר ליידער האָבן די דאָזיקע גרעסערע פיש אונטערגעפירט, דערצו האָט נאָך אַ סענטיאַבער־שטורעם צעפליקט עטלעכע נעצן, און, אומקערנדיק זיך אָסיען קיין אוכטע, האָט דער פּאָרזיצער, ס'הייסט איך אַליין טאַקע, דער זון פון ליזין, ניט געסמייעט אַרויסצולאָזן אַפילע איין וואָרט פונעם מויל וועגן קויפן אַ גרויסן מאָטאָר.

דאָ איז געשען די געשיכטע, וואָס כ'האָב דיר, אַאַדו, דערציילט אין ווירטסוער האַפן, וואַרטנדיק אויפן פּאַראָם, און וואָס איך וואַרף איצט אָן, דאָ אין ריגע, אין אײַז־פּלען, אויף פּאַפּיר.

איינמאָל גאַנצפרי, אין אַ געדיכטן טומאַן, ווען דער פּאָרזיצער (אַ שיינע זאַך: די פּען וויל בעשום־אויפן ניט אָנשרײַבן „איך", גלײַך ווי ניט איך וואָלט דעמלט געווען דער הויפּט־העלד פון דער געשיכטע, נאָר עמעצער אַנדערש), איז אָט, ווען דער פּאָרזיצער איז איינמאָל אין אַ נאָיאַבער־פרימאָרגן געשטאַנען און פאַרזאָרגט געקוקט אויפן פליוגער — איבערן געדיכטן טומאַן

האָט מען קוים געקענט זען, צי ס'איז דאָ ווינט, דאָס ווײַזערל האָט פּויל אונטערגעציטערט צווישן דער S און דער W — האָט מיטאַמאָל צעקרייצעט זיך אין קאַמער א האָן.

— אָט, צו אַלדי רוכעס!.. — האָט דער פּאַרזיצער בייז א שעלט געטאָן, אַליין ניט וויסנדיק פּאַרוואָס, דער האָן האָט דאָך אים סאָפּקאָלסאָף קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. דערנאָך איז דעם פּאַרזיצערס בליק געפאַלן אויף די פליגל פון די ווינט־מעכאַניזמען, וואָס שטייען שוין אזוי עט־לעכע מעסלעס און רירן זיך ניט, האָט א שווערן זיפץ געטאָן און זיך געלאָזט גיין מיטן מײַרעווו־דיקן אינדזל־ברעג צום פיש־פונקט. אינמיטן וועג האָט זײַן אויער (סאַרא טײַוואָלאַנישע פּען: זי דאַרף דאָך אָנשרײַבן „מײַן אויער") פּלוצעם דערהערט א ריידערײַ און א וועסלע־פּליעסקערײַ. אין א פּאָר רעגעס ארום האָט ער דערזען א שיפל, איין מענטש איז געזעסן און געשיפּט, און א צווייטער האָט עס אָפּגעשטופּט פון זיך מיט די פיס זײַנע. דאָס שיפל איז צוגעשווומען צום ברעג, דער, וואָס האָט געשיפּט, האָט אוועקגעלייגט די וועסלע, אין א פּאָר הויכע שטיוול א שפּרונג געטאָן אין וואַסער ארײַן און דאָס שיפל אָנגעהויבן ארויסשלעפּן. דער צווייטער איז אויך ארויסגעשפּרונגען. ער טאַקע האָט מיך דערזען (גויוער געווען ענדלעך די פּען — אָנגע־שריבן „איך" און ניט „דער פּאַרזיצער".) דער פרעמדער האָט, ניט באַגריסנדיק זיך, עפּעס א פרעג געטאָן, נאָר איך האָב קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט די פראַגע איבערגעכאַזערט, באַם אָנהייב אויף רוסיש, דערנאָך אויף א צעבראָכענעם עסטיש:

— ווו זײַנען? ווו מיר זײַנען?

— אין אוכטע. אפּן אינדזל אוכטע, — האָב איך געענטפערט.

איך האָב אויך אָנגעכאַפּט דאָס שיפל, און מיר האָבן עס ארויסגעשלעפּט אויף דער טריקעניש. אין דער־אָ רעגע האָב איך דערהערט דאָס באַקאַנטע כליפּענדיקע רעווען.

דער טומאַן איז געווען א געדיכטער און פײַכטער, ווי נאָס געוואָרענע וואַטע. אזא טומאַן וועט ניט דורכשנײַדן דער געקריי פונעם סאַמע גאַרגלדיקסטן האָן. הייסט עס, די שיף, וואָס גיט דעם סיגנאַל, איז ערגעץ דאָ ניט ווײַט.

— איר זענט פון דער שיף? — האָב איך א פרעג געטאָן די מענטשן, סײַוויסײַ אָנשטויסנדיק זיך דאָס לויט די קליידער און לויט דעם שיפל זייערן.

דערנאָך איז דער שמועס אונדזערער אוועק אויף רוסיש, וואָס אי זיי, לעטן, אי איך, כאָטש כ'האָב דורכגעמאַכט די מילכאָמע, האָבן אלציינס גערעדט א צעבראָכענעם. איבערן קאָמפּאַס, וואָס האָט פּלוצעם אינמיטנדערינען אופגעהערט ארבעטן, איז די שיף זייערע ארויף אויף זאַמד. באַם אָפּגעבן די פיש האָט א כוואַליע א זעץ געטאָן די שיף אין א זײַט און צעקנאַקט די מאַגניטן. דער קאַפּיטאַן, דער מאַטאָריסט און דער טראַלמייסטער זײַנען געבליבן אויף דער שיף. זיי קלאַפּן דאָס אזוי טרעוואָגע.

— מיטן אייגענעם גאַנג וועט איר ניט ארויס? וואָס פאַר א מאָטאָר פאַרמאָגט איר?

— „בוקאָוו־וואָלף". הונדערט פופציק פערד־קראַפט.

אין יענעם אויגנבליק האָבן אין מײַן דימיען אופגעבליצט עלעקטרישע לעמפּלעך אין אלע אוכטער הײַזער. „בוקאָוו־וואָלף", הונדערט פופציק קראַפט! אָט אַזוינס דאַרף אוכטע. כ'האָב דאָס ניט געזאָגט, אין מײַנע מאַכשאָווועס איז דאָס אויך ניט געווען אינגאַנצן קלאָר, ס'האָט מיר נאָר א שלאָג געטאָן אזוי אין קאָפּ ארײַן.

און דאָ האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן.

לעפּאָנעם בין איך געווען גרייט אַלצדינג טאָן, אַלצדינג אוועקגעבן די געליטענע. כ'בין מיט זיי אוועקגעשוווּמען צו דער שיף. דער קאַפּיטאַן, א לעט, נאָך גאָר א יונגיטשקער, ערשט פּרילינג פאַרענדיקט א פלאָט־שול, האָט אין די ערשטע רייד זײַנע געפּרוווט אראָפּוואַרפן פון זיך די שולד, גלײַך ווי איך וואָלט געווען א שויפעט זײַנער. ער האָט זיך צערעדט וועגן קאַליע געוואָרענעם קאָמפּאַס, וואָס האָט די שיף אראָפּגעשלאָגן פונעם קורס אויף ריגע. זי איז, הייסט עס, געגאַנגען, די שיף, אין טומאַן, מיט א האַלבער שנעלקײַט, גערופן נאָך הילף, און פּלוצעם, נול אכט פינף און דרײַסיק, האָט זי זיך פאַרהאַקט. ער האָט א גיב געטאָן אויף צוריק — זי האָט זיך ניט גערירט פונעם פּלאַץ. אין מאָטאָר־אָפּטייל איז טרוקן, דער מאָטאָר איז גאַנץ, די פּאָמפּע ארבעט. איין לאָך אין דער נאָז. נאָר אויב מע זאָל מיט דער הילף פונעם היגן קאָלווירט, זאָגן מיר, די לאָך פאַרלאַטען, וואָלט מען געקענט אויסקאַטשען די וואַסער אין נאָז־אָפּטייל מיט דער אייגענער פּאָמפּע. און אויב די קאָלווירטישע שיפלעך וואָלטן נאָך צוגעהאָלפן, וואָלט די שיף געקאָנט ארויס פון דעם זאַמד.

אַליין די שיף, זעט מען, איז ניט אזא פויגלדיקע, זי איז ארומגעקלאַפּט מיט בלעך, ווי א מולטער. נאָר דער מאָטאָר — אײַ, דאַרף אוכטע אזא מאָטאָר! „בוקאָוו־וואָלף", א דײַטשישער מאָטאָר, א באַקומענער בייס די רעפּאַראַציעס, איז דער זיכערסטער דיזעל־מאָטאָר אין דער

וועלט. אויב העלפן די לעטן אויספלאָנטערן זיך פון זייער צאָרע, הייסט עס, אז אזא מאַטאָרל גליטשט זיך דיר פּאַשעט ארויס פון די הענט...

— און וואָס טראַכט אין ריגע נאַטשאַלסטווע? — האָב איך א פרעג געטאָן אזוי זיך, א טאַפּ צו טאָן.

— ריגע האָבן מיר נאָך ניט מודיע געווען.

— וואָס זשע, די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן?

— ניין, פאַרבינדונג איז דאָ. כ'האָב פּאַשעט געמיינט, אז מירן אויסקומען מיט אייגענע קויכעס. ווען א פּאָר קאָלווירטישע שיפלעך וואָלטן צוגעהאָלפן, האָ?

אין יענע יאָרן, באַלד נאָך דער מילכאָמע, האָט אזא אוואַריע געדראָעט דעם קאַפּיטאַן, אויב ניט מיט געריכט, איז, לעכאָלהאַפּאָכעס, מיט פאַרלירן אָף א פּאָר יאָר דאָס קאַפּיטאַן־בריקל אָדער מיט קאָנסערווירן דעם דיפּלאָם זײַנעם. פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו, איניינעם מיט דער ריגער אָנפירערשאַפט, האָט אן אוואַריע אָף א ס.ט.ב.־שיף באַטײַט פאַרלירן די פּרעמיעס. דעריבער האָט זיך דער יונגער קאַפּיטאַן געפילט, ווי אָף קוילן. דעריבער האָבן אַלע אָף דער גליטשנער שיף אין איין קאָל געטײַנעט וועגן א קאַליע געוואָרענעם קאָמפּאַס. דער קאַפּיטאַן האָט, דאַכט זיך, צווישן אוילעם זײַנעם ניט געהאַט קיין סאָנים, נאָר אן אוואַריע איז אן אוואַריע, לעכאָלהאָ־פּאָכעס, קאָלזמאַן די שיף זיצט אין איר זאַמדיקן סלוי. אויב מע וואָלט זיך ארויסגעדראַפּעט מיט אייגענע קויכעס, מיט דער הילף פונעם עסטישן קאָלווירט, וואָלט מען געקענט צונויפשטעלן א פּאָר פּראָטאָקאָלן, און אפן יעסאָד פון די דאָזיקע פּאַפּירן אָפּגעבן די שיף אָף רעמאָנט. נאָר דערווײַל זײַנען די לעטן, איניינעם מיט זייער ריגער נאַטשאַלסטווע, וואָס האָט, דעם עמעס געזאָגט, נאָך גאָרניט געוווּסט דערפון, און ווען דער קאַפּיטאַן האָט מוירע געהאַט מודיע צו זײַן, ביז וואָס־ווער־ווען געזעסן אין זאַמד.

ס'האָט אָנגעהויבן ארבעטן די פּאָמפּע. נאָר די וואַסער אין דער שיף־נאָז איז ניט געמינערט געוואָרן, זי האָט זיך דורכגעזײַט דורך די ווענטלעך אין דער אונטערשטער טייל שיף. ס'האָט ניט געהאַט קיין זין איבערצופּאָמפּען דעם יאַם פון איין אָרט אפן אנדערן. כ'האָב געייצעט דעם קאַפּיטאַן איבערפירן די פּאָמפּע אין דער אונטערשטער טייל, אויסקאַטשען פון דאָרט די וואַסער, די שפּאַלטן אין די ווענטלעך גוט פאַרפּלאַקסעווען, פאַרהיטן אזויאַרום פון פאַרפּלייצעניש סײַ די אונטערשטע טייל שיף, סײַ דעם מאָטאָר־אָפּטייל. מ'האָט אזוי געטאָן. און דאָס האָט געהאָלפן. אינגיכן איז אין דער אונטערשטער טייל געוואָרן טרוקן.

אין קאַפּיטאַנס אויגן איז מײַן אווטאָריטעט באַלד אויסגעוואַקסן. כ'בין געווען א סאַך עלטער פון אים. (פּאָר אייניקע יונגעלײַט באַטײַט עס גאָרניט — פּאַרקערט.) און ער האָט זיך ניט גע־שעמט א פרעג טאָן בא מיר אן אייצע, וואָס מע טוט ווײַטער. דאָ האָט זיך אין מײַנע אויגן געהעכערט אויך דעם קאַפּיטאַנס אווטאָריטעט. עס מאַכט זיך אמאָל, אז אָף א שיף פאַלט ארײַן א קאַפּיטאַן א גרין יונגערמאַנטשיקל, וואָס האָט געהערט, אז א שיפסקאַפּיטאַן איז ווי גאָט אין הימל. און ער קלערט, אז ער איז ניט נאָר קיין אלמעכטיקער, נאָר אויך אן אלצווייסנדיקער. אזא־אָ אלצווייסער קוקט אמאָל אפילע אפן לאָצמאַן פון אויבן אראָפּ. נאָר דער דאָזיקער יונגער לעט האָט זיך ניט געהאַלטן גרויס. כ'וואָלט אים, הייסט עס, געדאַרפט געבן א זאַכלעכע אייצע. איך האָב אָבער א זאָג געטאָן:

— רײַס אראָפּ די לייטערס און ברעך אָפּ די מאַטשטעס!

— צוליב וואָס? — האָט זיך דער קאַפּיטאַן געכידעשט.

דער אָפּנהאַרציקער טאָן זײַנער, אָן דעם מינדסטן סימען פון כשאַד, האָט מיך אויך א נעם געטאָן, כ'האָב מיך אויך נישקאָשעדיק פאַרלוירן. נאָר די „פּראָגראַם״ פון „ראַטעווען״, וואָס דער אלטער טינגע און אנדערע פּיראַטן האָבן אין מיר אײַנגעשפּריצט, איז שוין געווען געלאָזט אין גאַנג, און כ'האָב ווײַטער געשפּילט די ראָל פון א „העלפער״ און „אייצעגעבער״.

(די פּראָגראַם... ווען כ'בין נאָך געווען קאָלווירט־פּאַרזיצער אין אוכטע, איז מיר אויסגע־קומען זײַן אין א פּלאַקס־פּאַבריק. כ'האָב געזען, ווי מע וועבט דאָרט אויס קווייטן אָף לײַוונט קימאַט אָן דעם וועבערס אָנטייל. אויבן אָף דער וועבשטול איז אָף דינע פּלאַכע קאַרטלעך אויס־געלעכערט דער נייטיקער אוזאָר — די פּראָגראַם, — און די מאַשין וועבט פון זיך אליין ארײַן די פּראָגראַם אין דער לײַוונט...)

— אין אן אָסיען־נאַכט איז דער וועטער א קאַפּריזנער, באַטאָג איז ער ניט ווייניקער קאַפּריזנע. גיי זשע ווייס, צי דער טומאַן וועט זיך צעגיין. עס קאָן זיך פּלוצעם צעשטורעמען. און א שיף מיט די לייטערס אָף זיך הענגט מערער אָפּ פונעם וועטער, איידער א שיף אָן די לייטערס.

— און אָן דעם קען מען זיך ניט באַגיין?

— מעגלעך, אז מע קען אָן דעם אויך. טוט א פרעג אין ריגע, באַם דירעקטאָר אײַערן.

איך האָב גוט געוווּסט, אַז דער קאַפּיטאַן וועט בעשום־אויפן ניט וועלן צו וויסן טאָן ריגע וועגן דער אוואַריע. מיט אייגענע קויכעס וועט ער זיך פונדאַנען אויך ניט אַרויסרײַסן. אַלץ הענגט אָפּ פונעם קאַלווירט. איצט זײַנען זיי באַ מיר אין די הענט.

דער קאַפּיטאַן האָט געשוויגן, און איך האָב פאַרגעזעצט מיט אַ קלאַמפּערשט־רויִקן טאָן, אַקוראַט איך וואָלט איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ וועגן אַ שטורעם, וואָס רוקט זיך אָן.

— באַ אונדז איז דער זאַמד אַ גרײַפּלדיקער. דערפאַר טאַקע הייסט אונדזער אינדזל — אוכטע. וועט זיך דער יאַם צעשטורעמען, וועט איבער נאַכט די שיף פאַרדעקט ווערן מיט זאַמד. אויב מע זאָל זיך באַלד אַ נעם טאָן, און...

איך האָב אומיסטן ניט אויסגערעדט וואָס, קעדיי דער קאַפּיטאַן זאָל מיך מוזן פרעגן:

— מיינסט, אַז מע דאַרף דעם זאַמד אוועקבלאָזן, האַ?

אַף די־אָ ווערטער האָב איך גראָד געוואַרט. אפילע דעם, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אַלצוויי־סער, דאַרף מען געבן אַ מעגלעכקײַט האַנדלען לויט זײַן אייגענעם סייכל. דאָס צאָלט זיך דער־נאָך אָפּ קייפל־קיפּלאַים. איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— טוט אַ באַפעל די מענטשן. ברענגט צוויי מאָטאָר־שיפּלעך, און זאָל מען מיט די געווינדן זייערע אוועקבלאָזן אונטער אונדזער שיף דעם זאַמד. דער באַראַמעטער פאַלט!

— ערעוו אַ שטורעם האָט דער דאָזיקער כעוורעמאַן טאַמיד אַ טעווע צו פאַלן. נאָר מיט דער אוועקבלאָזעניש אײַערער וועל איך פאַרשטאָפּן מיט זאַמד מײַנע כעוורעלײַט — די רערן און די מאָטאָר־קלאַפּאַנעס.

— ביסט אַ סאָוועטישער מענטש, צי ניט?

— אָט דערפאַר טאַקע. קאַלווירטיש גוטס דאַרף אַ סאָוועטישן מענטשן מערער אָרן, ווי אייגנס. דער קאַלווירט פאַרמאָגט אַ פּלאַן. כ׳וועל איבערקומען די מאָטאָרקעס — ווי־אַזוי זשע וועל איך דעם פּלאַן מאַכן? און פּלאַן — דאָס איז אַ געזעץ. איר ווילט דאָך ניט מיט אונדז קיין אַפּיציִעלן אָפּמאַך... — האָב איך אַ צי געטאָן פונקט גוט.

— מע דאַרף דאָך, ווי־ניט־איז, אַרויס פון דער דאָזיקער לאַגע! איך בין אין אַ צאָרע, און דו קענסט מיר העלפן. לאָמיר אָפּלאָזן די ביוראָקראַטיע און ריידן ווי אַ מענטש מיט אַ מענטשן, — האָט קימאַט מיט טרערן אין די אויגן אַ זאָג געטאָן דער יונגער קאַפּיטאַן.

— נו, האַקלאַל, מירן זיך צונויפריידן. כ׳וועל אַ פּרווו טאָן. כ׳וועל אוועקגעבן אַף צו ראַטעווען דיך צוויי מאָטאָרקעס מײַנע פאַר דײַן איינעם דיזעל.

— מײַן „בוקאַווע־וואַלף״? ווי־אַזוי, פאַרוואָס?

— אין קאַלווירט איז באַ אונדז נישטאָ קיין עלעקטרע.

— אָט, הייסט עס, אין וואָס עס גייט, — האָט זיך אָנגעשטויסן דער קאַפּיטאַן, אַ מענטש, זעט אויס, גאָר קיין נאַר ניט. (ער האָט זיך, אַפּאַנעם, פאַר קיין אַלצווייסער ניט געהאַלטן.) ער האָט עפּעס אַ רעכן געטאָן און דערנאָך אַליין פאַרגעלייגט:

— אויב דו וועסט מיר אונטערשרײַבן אַן אַקט, אַז ס׳האָט זיך באַ אונדז צעבראָכן דער קאָמפּאַס, אַז די שיף איז אינמיטן יאַם צעלעכצערט געוואָרן, און אַז קעדיי זי זאָל ניט אונטער־גיין, האָבן מיר דאָ, אין די אוכטער וואַסערן, געמוזט אַרויסוואַרפן דעם קאַליע געוואָרענעם מאָטאָר...

— פאַרוואָס זשע זאָל איך ניט אונטערשרײַבן? ס׳איז אַפּילע גאָר קיין גרויסער ליגן ניט. מירן נאָר ניט זאָגן, אַז דאָרט, ווו מ׳האָט דעם מאָטאָר אַראָפּגעוואָרפן, איז געשטאַנען און גע־וואַרט אַף אים אונדזער שיפל, וואָס האָט אוועקגעבלאָזן אונטער אײַך דעם זאַמד... — בין איך ווידער אַרײַן אין דער ראָל פון אַ באַל־טויווע, אַ כאַכמע טוענדיק זיך, ווי אַ מענטש, וועמען מע גייט באַלד הענגען. כאָטש כ׳האָב גוט געוווּסט, אַז ווי נאָר דער מאָטאָר וועט זײַן אונדזערער, וועט די שיף טייקעף אַראָפּ פון דעם זאַמד. וועט אַראָפּ אָן שום אוועקבלאָזענישן און אָן שום ריזיקירעניש. כ׳האָב גוט געוווּסט, אַז ס׳וועט הײַנט קיין שום שטורעם ניט זײַן.

מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געגעבן די הענט, און דער אָפּמאַך אונדזערער איז אַרײַן אין קראַפט.

מ׳האָט מיך צוריק אַריבערגעפּראַוועט אַף דער טריקעניש, אין קאַלווירט האָב איך אָנגע־מאַכט אַ היץ, און מיר זײַנען טאַקע באַלד אַוועק ראַטעווען די געליטענע שיף. מיר האָבן צעשרויפט דעם „בוקאַווע־וואַלף״ און שטיקערווײַז איבערגעטראָגן אים אין אונדזער קאַלווירט־טיש שיפל. אַ פּאָר מענטשן מײַנע האָבן אַרונטערגעשטופּט אונטערן דנאָ פון דער געליטענער שיף עטלעכע ליידיקע פיש־פּעסער, וואָס מ׳האָט פריִער גוט קאָנטראָלירט, צי זיי לאָזן ניט דורך קיין וואַסער. די ריף־פעלדזן האָבן דאָ און דאָרט באַ דער שיף צעקראַצט דעם דנאָ. מיר האָבן דאָס אויך באַזײַטיקט. די שיף, אַן איבערגעמאַכטע פון אַ זעגלשיף, איז געווען אַ שמאָלע און אַ שאַרפע. מיר האָבן זי אָנגעהויבן שלעפּן, אויסבייגנדיק זי אַף אַ זײַט, פונקט אַזוי, ווי אין זײַן

צײַט האָט יורי טיננע געשלעפּט דעם דענעמאַרקער. די מאַטאָרקעס אונדזערע, וואָס זײַנען געלאָזט געוואָרן אין פולן גאַנג, האָבן געקוויטשעט און געגרילצט. און די געליטענע שיף איז סאָפּקאָלסאָף אַראָפּ פון דעם זאַמד. די לייטערס און די מאַטשטעס זײַנען געבליבן גאַנץ. בלויז דער קאַפּיטאַן איז געבליבן אָנעם דיזעל־מאָטאָר זײַנעם.

די גרעסטע מאַטאָרקע אונדזערע האָט אָוועקגעבוקסירט די שיף קיין ריגע. דער אַקט איז אײַנגעגייט געוואָרן צווישן אַנדערע דאָקומענטן לויט אַלע קלאָלים. דעם „קאַליע געוואָרענעם" מאַטאָר האָט מען אין ריגע אָפּגעשריבן. קיין אַוואַריע איז, הייסט עס, ניט פאָרגעקומען. און די לעטן האָבן געקראָגן פּרעמיעס פאַר אויספילן און איבערפילן אין דריטן קוואַרטל דעם פּלאַן.

בלויז דער האָן, נעבעך, וואָס האָט ניט געוווּסט, אַז קוקאַרעקען איז זילבער און שווײַגן איז גאָלד און וואָס האָט איבער זײַן אומבאַוווּסטזיניקייט, אומזיסט און אומנישט געריסן זיך דעם גאָרגל, האָט באַקומען זײַן שטראָף. ער איז אַרײַן אין אַ סוף מיט קלאָצקעס. דער קאָלווירט־פאָרזיצער האָט מיט אים מעכאַבעד געווען דעם לעטישן פּרײַנט זײַנעם, מיט וועמען ער איז איבערגעגאַנגען אויף „דו", איידער יענער איז אָפּגעפאָרן פונעם אינדזל. כ'האָב געדאַרפט בלײַבן באַם יונגן קאַפּיטאַן אין די אויגן אַ פײַנער מענטש און, מיט דער הילף פון אַ קוואָרט ביר און אַ טעלער האָנען־יויך, פאַרזיכערן אים, אַז מיר, די אוכטער אײַנוווינער, האָבן אַזוי צעהאַרגעט אונדזערע מאָטאָר־שיפלעך, אַז באַלד נאָך זײַן אַוועקפאָרן וועלן מיר זיי מוזן שטעלן אויף קאַ־פּיטאַלן רעמאָנט.

— אַוואַדע. פאַרשטייט זיך, — האָט שמייכלענדיק צוגעבאָמקעט דער קאַפּיטאַן. קעדיי באַ־רויִקן דאָס געוויסן זײַנס, איז ער סאָפּקאָלסאָף געווען גרייט מיר צו גלייבן.

אין צוויי וואָכן אַרום איז אין אוכטע שוין ניט געווען קיין מאַנגל אין ליכט. אין אַ וועטער אָן ווינט האָט „בוקאַווע־וואָלף" געאַרבעט מיט אַלע קויכעס. און ווען ס'איז יאָ געווען ווינט, האָבן מיר, קעדיי אײַנצושפּאָרן נאַפט, געשטעלט העלפן דעם מאָטאָר איינעם פון די פינף ווינט־מעכאַניזמען אונדזערע. דעם קרעאָסין האָב איך מיט אַ גרויסן דאַנק אומגעקערט דעם שווער.

— נישקאָשע, ער'ט צוניץ קומען! — האָט דער שווער געזאָגט. — אויב דו וועסט נאָכאַמאָל דאַרפן, קום צו גיין. שעם זיך ניט.

קיין קרעאָסין האָבן מיר מער ניט געדאַרפט, און מיך האָט דאָס געוויסן מער ניט געמוטשעט איבערן דאָזיקן „געראַטעוועטן" מאָטאָר פון דער לעטישער שיף. פאַרקערט: איך האָב אָנגע־הויבן פילן אַ גוואַלדיקן אינטערעס צו דער בײַבאַלטישער געשיכטע. און אַזויווי ליכט איז איצטער געווען אָן אַ שיר, צײַט ווידער, ווי פריִער — סײַוויסײַ אַפּן שפּיץ מעסער, האָב איך אין די אָפּדערנאַכטן שטודירט אַלע לעטישע זינד ביז און נאָך היינריך דעם לעטישן, ביפראַט טאַקע אין זײַן, אין היינריכס, צײַט, מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, ווען זיי זײַנען אַוועק העלפן דעם אָרדען פון די קרייצטרעגער כאָרעוו מאַכן די עסטישע ערד. מיט דעם יונגן לעטישן קאַפּיטאַן איז מיר ניט אויסגעקומען טרעפן זיך, כ'זאָל באַ אים מאָנען כעזשבן פאַר אַלטע פאַרצײַטיקע זינד... אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין בין איך געוואָרן אַ הייסער נאַציאָנאַליסט און האָב געהאַלטן פאַר מײַן כויוו קעמפן מיטן לעטישן „שאָוויניזם". די דאָזיקע סינע צו די לעטן איז געזעסן אין מיר עטלעכע כאָדאָשים. ביז כ'בין, איינמאָל אין אַן אָפּדערנאַכט, לייענענדיק טאָלסטאָיען, גע־קומען באַ אים איבער אַ פּאָסעק, אַז דער מענטש איז קיינמאָל ניט מויכל דעם, קעגן וועמען ער אַליין איז באַגאַנגען אַן אומגערעכטיקייט. דער דאָזיקער פּאָסעק האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן מיר, ווי אַ שטיין אין וועג, וואָס ניט אַזוי גרינג קען מען איבער אים אַריבערגיין.

איך אַליין האָב דאָך לעטן ניט מויכל געווען, מאַכמעס כ'האָב פּיראַטיש „געראַטעוועט" די שיף זייערע.

דערנאָך איז געשען אַזוינס, וואָס האָט נאָך מער פאַרמישט מײַנע קאָרטן. אין אַ שיינעם טאָג האָבן זיך קיין אוכטע אַראָפּגעיאַוועט מענטשן און אָנגעהויבן מעסטן דעם יאַם, זוכן אויפן אינדזל פּלעצער, וווּ מע קען אַוועקשטעלן סלופּעס פאַר הויכן וואָלטאַזש. אַ פּאָר קילאָמעטער צוויי־סאַזשענדיקע טיפקייט, וואָס טיילט אָפּ אוכטע פון דער גרויסער ערד, איז פאַר זיי ניט געווען קיין מיכשל, אַרײַנצופירן קיין אוכטע די קראַפט פונעם נאַרווער וואַסערפאַל.

איך האָב מיך נאָר געפרייט. די ענערגיע פון „בוקאַווע־וואָלף" קאָסט פונדעסטוועגן טײַער, דעם קאָלווירט איז געוווּג שווער צו קריגן און קויפן נאַפט פאַרן מאָטאָר. כוץ דעם, דאַרף מען נאָך צאָלן כוידעש־געלט די מאָטאָריסטן פון דעם דאָזיקן פּיצעלע עלעקטראָסטאַנציעלע. דאָס אַלצדינג איז געווען צו אַ שווערער אָל פאַר אונדזער קליינער ווירטשאַפט. פונדעסטוועגן האָט יעדער סלופּ פון הויכן וואָלטאַזש, וואָס האָט מיט זײַנע שטאָלענע קאַרקאַסן אַ צי געטאָן זיך צום הימל, ווי מיר אָפּגעהאַקט די פליגל. ביז דעמלט איז אוכטע געווען אַ מין באַזונדער מעלוכע, און איך, דער זון פון ליזין, — איר פּרעזידענט. איצט איז די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט, אַזוי צו זאָגן, צונישט געוואָרן.

און ווען עס זײַנען הויך איבערן יאַם, צווישן די פּערמעס, געבליבן הענגען דראָטן, און די עלעקטרע פון דער גרויסער ערד האָט ביז ווײַסקײַט צעגליט די פּעדעמלעך אין די לעמפּלעך פון דער קאָלווירט־קאָנטאָר — צעגליט א סאַך הייסער ווי „בוקאַווע־וואַלף״ — האָב איך זיך אין געדאַנק א פרעג געטאָן, צי איצט דארף מען מיך נאָך דאָ, מיך, דעם אלטן פּיראַט.

דער פּראַראַב פון די מאָנטאַזשניקעס האָט פײַערלעך געמאָלדן אף דער דערעפענונג פון דער עלעקטרישער ליניע:

— איצט איז אויך דאָס אינדזל אוכטע אין דער גרויסער ענערגעטישער נעץ פון דעם צאָפן־מײַרעוודיקן ראַיאָן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

— יאָ. אין דער נעץ... — האָב איך א בורטשע געטאָן.

דער פּראַראַב האָט אין ברען פון זײַן באַגײַסטערטקײַט ניט באַמערקט די צוויידײַטיקײַט פון דער פראַזע, וואָס כ׳האָב א וואָרף געטאָן, אָדער, ווי דו וואָלסט געזאָגט, אאדו, און דײַנע פּען־ברידער — דעם אונטערטעקסט אירן. ס׳האָבן עס ניט באַמערקט ניט אירמע און ניט די אַנדערע פּרויען, וועלכע זײַנען דעמלט געווען אין קאָנטאָר. ס׳האָבן עס אפילע ניט באַמערקט די מאַנצבלען. כוץ דעם שוואָר מײַנעם, דעם אלטן קיבוספּאַו.

— ביסטו, הייסט עס, איצט אין דער גרויסער נעץ, — האָט א זאָג געטאָן דער שוואָר מײַנער, ווען כ׳בין אין א פּאָר טעג ארום אריײַנגעקומען צו אים לײַען א הובל. דער אלטער האָט פאַרמאָגט א וועלט מיט האָלץ־געצײַג און מעטאַל־געצײַג, איך האָב געהאַט ניט מער ווי א דאָלטע און א שרויפנציער.

— יאָ, אין דער נעץ. און דו, קומסט אויס, וואַקלסט זיך נאָך אלץ, האַ?

— דערווײַל איז נאָך די נעשאָמע מײַנע אפן אָרט. און דער קאָפּ איז מיר נאָך ניט אויס־געוועפּט און וועט ניט זײַן אויך.

— און אז דאָס ווײַב וועט פאָדערן?

— זאָל זי דעמלט בעסער פאָדערן א געט — הײַנטיקע צײַטן מאַכט מען דאָס איינס־צוויי. און זאָל זי זיך איבערפירן צו דעם, וואָס צאַפּלט זיך שוין אין דער נעץ.

— פאַרוואָס עפּעס מיינסטו, אז ער צאַפּלט זיך? אירמע, די לײַבלעכע טאָכטער דײַנע, איז אין זיבעטן הימל. זי וויל אײַנקויפן קאָלערליי עלעקטריש קלאַפּערגעצײַג. אי פאַר דער שטוב, אי פאַר דער קיך, אי פאַר דער באָד, פאַר דער שטאַל. און זאָל זיך אלץ א דריי טאָן אדאנק דער עלעקטרע פון דער נײַער נעץ. ס׳איז דאָך, ערשטנס, וועלוועלער, איידער דער „בוקאַווע־וואָלף״. צווייטנס — אָן אָפּשטעל. א קײַלעכדיקן מעסלעס גיט מען זי איצט, די עלעקטרע.

— מירן זען וועסנע, ווען א דאָרעם־ווינט וועט א שטופּ טאָן די אײַז־קריִעס. מירן א קוק טאָן, ווי מ׳עט דיר דעמלט געבן די עלעקטרע דײַנע קײַלעכדיקע מעסלעסן...

— אונטער די סלופּעס ליגן שטיקער גראַניט. דאָס אײַז וועט זיי ניט רירן.

— וועט זיי ניט רירן דאָס אײַז, וועלן איבערברענען די פּראָבקעס אין נאַרווע, צי אין ריגע, פונוואַנען די עלעקטרע גייט...

דער שוואָר האָט מיך געזען דורך און דורך, געוווּסט דאָס שוואַכע אָרט מײַנס נאָכן „אָפּ־ראַטעוועו״ דעם „בוקאַווע־וואָלף״ און האָט, א שטאָך טוענדיק מיך, צוגעשמייכלט.

— עלעקטרע ברענט אין די לעמפּ און דרייט מאַשינען אומעטום, אף דער גאָרער וועלט. און אויב עמעצער וויל אין אוכטע בלײַבן בא קעראָסין, זאָל ער בלײַבן געזונטערהייט.

— איך וויל ניט פאַרקויפן די בכוירע מײַנע פאַר א טאָפּ לינדזן.

— א טאָפּ לינדזן? די בכוירע? — האָב איך א הייב געטאָן מיט די אַקסל.

— גיסט אוועק די בעסטע פּרײַע מינוט דײַנע די ביכער, און דאָס, וואָס האָט מאַמעש א שײַכעס מיט דיר, ווייסטו ניט, האָסטו פאַרגעסן. טו דיך א דערמאָן די היסטאָריע וועגן יִיצכאָקן מיט די צוויי זין זײַנע יאַנקעוו און אייסעוו. זיי זײַנען געווען ביידע א צווילינג, נאָר יאַנקעוו איז ארויס אף גאָטס וועלטל מיט א פּאָר רעגעס שפּעטער. אייסעוו איז געווען א האָריקער, יאַנקעוו — א גלאַטער, א כיטרער. איינמאָל, ווען אייסעוו איז א גאַנצן טאָג געווען אף יאַגד צי געפּאַשעט די שאָף, איז ער אהיים געקומען א מעסוקן הונגעריקער. זעט ער, ווי דער יִינגערער ברודער, יאַנקעוו, האָט אָפּגעקאָכט לינדזן — פונעם טעפּל גייט א פּאַרע, פאַרמאָגט זי אלע רייכעס פון דער וועלט. דעם האָריקן אייסעוון האָבן זיך צעבורטשעט די קישקעס אין בויך. טוט ער א בעט: „יאַנקל טײַערער, זײַ אזוי גוט און צעטייל זיך מיט מיר, ווי מיט א ברודער, גיב מיר אויך א ביסל לינדזן!״

דער כיטרער יאַנקעוו טוט עפּעס א ברום, גיט א קאָסע קוק און זאָגט אזוי: „אוואָדע וועל איך זיך מיט דיר טײַלן, ווי מיט א ברודער. נאָר זײַ דו אָבער אויך א ברודער! זעסט, וואָס פאַר א טאָפּ לינדזן איך פאַרמאָג — אליין פונעם רייעך הייבט אָן קיצלען אין גומען. דו, עלטערער

ברודער מײַנער, פֿאַרמאָגסט די בכּורירע. לאָמיר זשע טאָן אַזױ: איך װעל דיר געבן לינדזן װיפֿל ס'װעט אין דיר אַרײַן, און דו גיב מיר דערפֿאַר די בכּורירע דײַנע!"

און דער הונגעריקער עשׂו האָט אויסגעביטן פֿאַר אַ טעפּל לינדזן־צימעס די בכורירע. יאַנקעװ האָט געיאַרשנט דעם פֿאָטערס טשערעדע, דאָס גוטס, באַקומען דעם פֿאָטערס בראָכע, און עשׂו האָט זיך גוט אָנגעפּרעסן מיט לינדזן...

— המ... אַף װיפֿל איך פֿאַרשטײ, טײַערער שװער מײַנער, װילסטו זאָגן, אַז איך, און אַזעל־כע װי איך, ביפּראַט די אײגענע טאָכטער דײַנע, פֿאַרקױפֿן מיר, הײסט עס, פֿאַר עלעקטרע און פֿאַר נאָך אַזעלכע זאַכן די רעכט אונדזערע...

— ... צו זײַן אַ זעלבשטענדיקער מענטש. דו ביסט דאָך אַ מורעשקע אין אַ מורעשקע־נעסט, אַ בין אין אַ בינשטאָק, אַ פֿישל אין אַ נעץ.

— איך װיל ניט זײַן קײן גרױער װאָלף אין װאַלד. דו אַלײן ביסט אויך קײן װאָלף ניט.

— װאָס פּלוצעם אַ װאָלף? איך װיל, אַז אַ מענטש זאָל זײַן אַ פֿרײַער פֿױגל. ער זאָל ניט זײַן ניט קײן פֿישל אין קײן נעץ און ניט קײן װאָלף אין קײן װאַלד. ער זאָל זײַן אַ מעװע אפֿן יאַם!

— אַהאַ, אַזש אַ מעװע אפֿן יאַם! אַ כאַריפּעס פּאַשעט אַזױנס צו הערן. געשיקט זיך, אַז דעם אַלטיטשקן מײַנעם האָבן אָנגעהױבן װאַקסן פֿליגל אָף די אַקסל? — האָט אַ גראַבל געטאָן פּיאַרטאַ, די שװיגער מײַנע.

— דו, אַלטע, שטופּ זיך ניט אַרײַן אינדערמיטן, װען דײַן מאַן כאַפּט אַ שמועס מיטן אײדעם דײַנעם דעם פּיראַט װעגן װעלט־אײניאַנים. דו לערן בעסער צו אַ ביסל אירמען, װען זי קומט נעמען באַ דיר דאָס קעמל צי דאָס שערל פֿאַר די שאָף.

דאָס איז געזאָגט געװאָרן דער שװיגער, נאָר ס'האָט מערער געמײנט מיך, אײדער זי. דאָס װײַב מײַנס קען זיך, הײסט עס, ניט ספּראַװען מיט אַזעלכע קלײניקײטן. די דאָזיקע טײַנעס און אַנצוהערענישן האָבן מיך אָבער ניט אַראָפּגעשלאָגן פֿונעם װעג. כ'האָב אַ זאָג געטאָן:

— אַ מעװע אפֿן יאַם? װעלן די פֿליגל אױעקטראָגן הױך און װײַט די דאָזיקע מעװע דײַנע? ביז צו די װאָלקנס — ניט װײַטער. דאָרט, פֿון יענער זײַט װאָלקנס, הײבט זיך ערשט אָן אַ װעלט. דאָרט זײַנען פֿאַראַן שטערן, אַ לעװאָנע. אַהין רײַסט זיך אַצינד דער מענטש — מיט אַ ריזיקן מאַטאָר אונטער זיך. אָט װאָס עס באַטײַט דאָס פֿישל אין דער נעץ און די בין אינעם בינשטאָק. אַהין װעט זיך ניט אַ הײב טאָן ניט קײן מעװע און אַפֿילע ניט קײן אָדלער.

— װער דאַרף עס, װער? אַף דער גראַשנדיקער ערד האָט די מעװע אויך די בכורירע און דעם פֿאָטערס בראָכע. די מעװע קען פֿליִען װוּהין זי װיל. און דער מענטש האַלט די פֿיס זײַנע פֿאַרטשעפּעט אין דער נעץ און האָט קעגן דער נאָז אומעטום אַ גרענעץ. די מעװע װײסט ניט פֿון קײן נעצן, װײסט ניט פֿון קײן גרענעצן, זי בױט זיך אַ נעסט װוּ זי װיל.

— אױב די נעסט צעטאָפּטשעט ניט דער װאָלף.

— פֿאַרן װאָלף האָט זי װײניק װאָס מוירע, זי שרעקט זיך פֿאַרן מענטשן. פֿאַרן מענטשן האָט יעדערער מוירע: דער פֿױגל אין הימל, די כײַע אין װאַלד, דער פֿיש אין יאַם. זיך אַלײן טוט דער מענטש אויך שלעכטס — ער סאַמט אָפּ די ערד מיט פּראָשקעס, פֿאַרומרײניקט די לופֿט מיט אַטאָם־שטויב, גיסט אַרײַן אין די יאַמען פֿאַמאַיעס.

— אײַ, אונדזער אַלטיטשקער װײסט נאָר זײַנס. ס'איז אים, אַפּאַנעם, סקוטשנע. װען ס'איז אים גוט, װאָרטשעט ער, — האָט אַ זאָג געטאָן פּיאַרטאַ, די שװיגער מײַנע, און האָט צוגע־געבן, — נעץ־שמעץ. װאָסי, װאָס פֿאַר אַ שלעכטס האָסטו דערפֿון? װיל מען אַרײַנציִען ליכט אין שטוב — לאָזט ער ניט, גיב אים נאָר דאָס טשאַדענדיקע קאַנעצל. װוּ נעמט ער, מײנסטו, קע־ראָסין? אויך אין דער נעץ, אין דער האַנדל־נעץ קױפֿט ער אים. מאַך ליכטיק אין שטוב מיט אַ העלצל, און פֿײַער קריג אַרױס פֿון אַ קרעמניע — שװעבעלעך דאַרף מען דאָך אויך קױפֿן אין קלײטל. נעץ? װען האָסטו פֿריִער באַקומען פֿאַר פֿיש אַזױפֿיל געצאָלטס, װי איצטער? װען האָסטו פֿריִער פֿאַרמאָגט אַזאַ דינע פֿיש־נעץ, װי אַצינד? און ער האַלט נאָר אין אײן װאָרטשען!

— װאָרט, כ'האָב נאָך ניט אױסגערעדט אינגאַנצן. הײנאַ האָט נאָכן פֿראַראַבס רעדע אין קאַנטאָר אַ זאָג געטאָן, אַז איצט זײַנען מיר אין דער נעץ. איך בין „ראַטעװען" די לעטן ניט געגאַנגען...

— דו, הײנאַ, הער זיך װינציקער צו צום אַלטנס בײַקעס. געדאַנקען פּרוּװט ער לײענען און כאַלױמעס נעמט ער זיך אונטער פּױסער צו זײַן, נאָר קײנמאָל, זאָלסטו זען, טרעפֿט ער ניט אַהין װוּ מע דאַרף.

דאָס מאָל האָט ער שױן גראַדע יאָ געטראָפֿן אַהין װוּ מע דאַרף, — האָב איך אַ טראַכט גע־טאָן, נאָר אָף אַ קאָל האָב איך עס, פֿאַרשטײט זיך, ניט געזאָגט.

7*

דעם „טאָפּ לינדזן", וואָס מ'האָט געטריבן צו אונדזער קליינעם אינדזל דורך דראָטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צווישן יאַם און די וואָלקנס, האָט מען אין אוכטע טויעם געוווען פּונקט ווי אומעטום אַף דער גאַנצער וועלט. טויעם געוווען דאָ נאָך מיט מערער כיישעק. מאַכמעס דאָס האָט די וועלט מערער צו אונדז דערנעענטערט. „בוקאווע־וואָלף" האָט נאָך געהאָלפן אייניקע ווײַבלעך אונדזערע אופזידן קאווע און אויספּרעסן די סערוועטלעך אונטער די קאווע־טעפּלעך, ניט מיט קיין ערעוו־מאַבלדיקע קוילן־פּרעסלעך. איצט, באַקומענדיק עלעקטרע פון דער גרויסער ערד, האָבן אַלע, ווי איינער, אוואדע און אוואדע אָנגעהויבן אײַנקויפן זיך עלעקטרישע אַפּאַראַטן.

אינגיכן האָט יעדע צווייטע מישפּאָכע אין אוכטע פאַרמאָגט אַן אײַז־קעלטער אין קיך, יעדע דריטע — אַ וואַש־מאַשין אין באָד. און אויב דאָס אַלץ האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט אַלע פישער־מישפּאָכעס, איז דאָס געוווען ניט איבער דער ענערגעטישער נעץ, נאָר איבער דער האַנדל־נעץ. אין די קאָלווירטישע קי־שטאַלן האָט געאַרבעט אַ מעלק־אַגרעגאַט, אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן האָט מען געטאָקט, געשווייסט, געבויערט, געזויגן, געטאָן אַנדערע צענדליקער אַרבעטן מיט דער הילף פון דער זעלבער עלעקטרע, וואָס האָט געטריבן מאָטאָרן און באַלויכטן דירעס אין טאַלין, אין לענינגראַד, אין ריגע, אין ווילנע, אין פּסקאָוו, אין סאַאַרעמאַא. אין סיאַראַפאַנגע, אין ראַיאָן פון די געוועזענע פּיראַטן, האָט געבערענט דאָס זעלבע ליכט — אין טיננעס זאַל, דער באַצירטער מיט דעם טריומאָ־שפּיגל, וואָס די יאַם־וואַסער האָט אים אַ קאַפּעלע אָפּגעבליאַקעוועט. כאָטש ער אַליין, יורי טיננע, האָט געציילט די לעצטע טעג זײַנע אַף אַן אַנדער עק פונעם ערד־קויל, אין נײַ־זעלאַנד, באַם ליכט פון אַנדערע, דאָרטיקע, לעמפּ.

אויב עמעצער האָט נאָך יאָ געבעבעט וועגן אייסעוווס רעכט אַף דער בכוירע און וועגן אוכטעס אומאָפּהענגיקײַט, איז דאָס נאָר געוווען מײַן שווער, דער אַלטער קיבוספּואַו. פונדעסטוועגן האָט פּיאַרטאַ, די שוויגער מײַנע, געמאַכט אַ רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין דער סאַמע שטוב קיבוספּואַוס — פאַרטראָגן דעם קעראָסין אָפּן בוידעם צווישן אַלטוואַרג און געהייסן אַרײַנציִען אין שטוב עלעקטרע. דער שווער וואָלט, פאַרשטייט זיך, אַף דעם געענטפערט מיט אַ קאָנטררעוואָליוציאָנערער פאַרשווערונג, ווען ער וואָלט נאָר געוווען אַ ביסעלע ייִנגער. איצט אָבער האָט אַזאַ כיישעק אין אים נאָר געטליִעט.

קעדײַ אײַנגאַנצן אָפּקילן דאָס ביסל היץ זײַנס, האָבן מיר מיט אירמען געשענקט די אַלטע לײַט אַן אײַז־קעלטער, וואָס מיר האָבן דורך באַקאַנטשאַפט געקויפט אין פּיאַרנו. איך האָב טכילעס געמיינט, אַז דאָס קען נאָר צוגיסן בוימל צום פײַער. נאָר דער שווער האָט זיך נאָר צעסאָפּעט, ווען די שוויגער האָט, ווי אַ מין ענטפער, צוגעטראָגן טאַנעלן און טיִען, וועלכע זײַנען אויך געקומען מיט אונדז איבערגעבן דאָס געשאַנק, צוויי פּאָר וואַרעמע אויסגעשטריקטע הענטשקעס. אַזוי־אָ סאָפּענדיק האָט דער אַלטער קיבוספּואַו אָנגעהאַקט ווינטער אײַז, אַרײַנגעפירט עס אין קעלער אַרײַן און עס פאַרדעקט מיט זעגעכץ. די פּראָדוקטן, וואָס די שוויגער האָט געהאַלטן אין אײַז־קעלטער, האָט דער שווער ניט געגעסן: עס טראָגט פון זיי, האָט ער געזאָגט, אַ „פּרעמדער" רייעך. זײַן עסן איז געלעגן אין קעלער. אַזוי האָבן שווער־און־שוויגער געגעסן אַף פאַרשיידענע עקן טיש, כאָטש געשלאָפן זײַנען זיי אונטער איין קאָלדרע. ברויט האָבן זיי ביידע אַרויסגענומען פון איין שאַפּקעלע, נאָר דאָס ביסל געקעכטס האָט דער שווער געטראָגן פונעם קעלער, און די שוויגער פונעם אײַז־קעלטער. זיי האָבן זיך ניט געקריגט. זיי האָבן נאָר געגעסן שווײַגנדיקע, גלײַך אין ביידע זײַטן טיש וואָלטן געזעסן צוויי שטומע.

פונדעסטוועגן איז אין אוכטע געקומען אַ צײַט, ווען די שוויגער מײַנע האָט געמוזט איבערטראָגן די קריגלעך און די שיסלען פונעם אײַז־קעלטער אין קעלער אַרײַן. אין אוכטע זײַנען ניט געוווען קיין טראַמווײַען, קיין טראָלייבוסן און קיין מעטראָ. אַזוי, אַז קיין מעסוקענער אומגליק, ווי ערגעץ אַנדערש, אין אַ גרויסער שטאָט, איז ניט פאָרגעקומען, ווען מ'האָט דאָ פּלוצעם צײַטווײַליק אופגעהערט באַקומען עלעקטרע. נאָר דער „טאָפּ לינדזן" איז שוין באַ אונדזערע אוכטער געהאַט געוואָרן אַ געשמאַק מײַכל. און מענטשן זײַנען געשטאַנען און אַרויסגעקוקט, צי יאַווען זיך ניט אַראָפּ פון דער שטאָט קיין מאָנטאַזשניקעס צוריק אופצושטעלן די סלופּעס, וואָס די צעבושעוועטע אײַז־קריִעס האָבן אומגעוואָרפן. מיר אַליין, אוכטער, האָבן זיך דערמיט ניט געקענט ספּראַווען. פּונקט ווי פּיאַרטאַ, די שוויגער מײַנע, פלעג פריִער אַוועקטראָגן דעם וואַנטזייגער אירן צום זייגערמאַכער אין שטאָט אַרײַן, אַזוי האָבן מיר איצט אויך אַרויסגעקוקט אַף הילף פון דער שטאָט. אַ דאָרעם־מײַרעווודיקער שטורעם האָט אָנגעטראָגן אַף דעם זאַמד צווישן אוכטע און דער גרויסער ערד גאַנצע הויפנס אײַז, און ביז דאָס אײַז וועט זיך צעגיין, ביז מ'עט אופשטעלן נײַע סלופּעס, וועט אַוועק ניט איין וואָך. ביז דעמלט וועלן מיר זיך מוזן באַגיין מיט אייגענעם סייכל און מיט אייגענע זאַפּאַסן.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, באַלד געלאָזט דעם „בוקאווע־וואָלף" און שטילערהייט, פאַרשטייט זיך, געהאַט דערפון ניט ווינציק פאַרגעניגן. מיר האָבן געלאָזט דעם מאָטאָר אי צוליב דער

קאָלווירטישער קאָנטאָר, אי מיר האָבן שוין געגעבן ליכט עטלעכע אוכטער הײַזער. נאָר דערנאָך האָט זיך דער מאָטאָר צעבראָכן, פאַריכטן איז ניט געווען מיט וואָס, און אוכטע איז ווידער געבליבן אין דער פינצטער. מיר האָבן אויסגעזוכט אױף די בוידעמער די אַלטע קעראָסין־לעמפּלעך, און ניט נאָר איך איינער בין געגאַנגען צו קיבוסעפּוואָן לײַען א ביסל קעראָסין. האָסט געמעגט זען, אַאַדו טײַערער, וויאַזוי ער האָט געשעפּט דעם קעראָסין פון דעם ליבן פּעסל זײַנעם, און ווי ער האָט אָן איין איבעריק וואָרט אָנגעגאָסן דעם קעראָסין אין די פלעשלעך. און ער האָט קיינעם ניט דערמאָנט דעם „טאָפּ לינדזן”, וואָס האָט צו אונדז געוונען דורך די דראָטן. מיט איין וואָרט: אָנגיסנדיק מיר קעראָסין, האָט ער קיין פּיפּס ניט געטאָן ניט וועגן אייסעוון און ניט וועגן מענטשנס רעכט אױף בכוירע. דער אַלטער קיבוסעפּוואָ, וואָס איז אַזוי אויך געווען ריידעוודיק ניט מער, ווי איין אָדער צוויי מאָל אין יאָר, איז איצטער אינגאַנצן אנשוויגן געוואָרן, ווי א שטיין. נאָר אָן רייד איז נאָך געווען קלאָרער, וואָס ער טראַכט דערבײַ, דער אַלטער.

צוויי וואָכן איז אוכטע געווען פאַרלייגט מיט אײַז־קריַעס, און צו דער גרויסער ערד האָט מען זיך ניט געקענט דערשלאָגן ניט מיט קיין שיפל, ניט צופוס. דערנאָך האָט זיך געענדיקט דער קעראָסין אויך און ס׳איז אויסגעקומען איבערצוגיין אױף כיילעוונע ליכטלעך און טאַקע אפילע אױף פאַרצײַטיקע ברענענדיקע העלצלעך. די עלטערע מאַנצבלען האָבן אויסגעקליבן צווישן האָלץ אין די קאַמערס א גלײַכן דרוק, צעהאַקט אים אױף שײַטלעך, אוועקגעלייגט אפּן אויוון טריקענען זיך, און דעם אַנדערן גאַנצפרי דין צעשפּאָלטן די שײַטלעך אין דער לענג, ווי אויסגעמאָסטן מיט א שנירל. יענע, וואָס זײַנען געווען ייִנגער, איך אויך צווישן זיי (כ׳בין דעמלט אַלט געווען צוויי און דרײַסיק יאָר), האָט די דאָזיקע קונסט אײַנגעגעבן זיך ניט גרינג: די העלצלעך זײַנען אַרויס פון אונטער אונדזערע מעסערס ניט קיין גלײַכע, סוקעוואַטע.

די צײַט פון העלצל־ליכט האָט זיך געצויגן אין אוכטע ניט לאַנג. אינגיכן האָבן זיך אונדזערע הײַזער ווידער צעשײַנט, ווי אין פּיארנע, אין טאַלין, אין ריגע, און אין הויז פון יענעם לעטישן קאַפּיטאַן, וועמענס שיף כ׳האָב „געראַטעוועט”. און געשמאַקער ווי טאָמיד האָט אונדז אויסגעזען דער „טאָפּ לינדזן”, וואָס איז געקומען צו אונדז פון דער גרויסער ערד. די נײַ־אויפגעשטעלטע סלופּעס האָבן מיר אַרומגעלייגט מיט אַזעלכע שטיקער גראַניט, אַז דאָס שרעקלעכסטע צעבושעוועסטע אײַז זאָל אין די דאָזיקע שטיינער צעפּיצלט ווערן.

מיר האָבן באַקומען פישפאַנג־נעצן פון די דינסטע קאַפּראָן־פעדעם, און מיר האָבן געזען, אַז די שול־נעץ, די געזונטהײַט־נעץ, די האַנדל־נעץ זאָלן אין אונדז, פישער, ניט פאַרגעסן. דערנאָך איז געקומען א טאָג, ווען אונדזער קליין קאָלווירטל האָט באַשלאָסן פאַרייניקן זיך מיטן שכיינעסדיקן קאָלווירט אױף דער גרויסער ערד, וועלכער קאָן זיך אפילע פאַרגינען אַזא זאַך, ווי שיקן א שיף זײַנע צו דער אַטלאַנטיק.

אױף דער פאַרזאַמלונג, ווען מ׳האָט זיך פאַרייניקט, האָט דער שווער מײַנער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט אױף די ליפּן, האָט ניט געשטימט ניט פאַר און ניט קעגן, און אפילע ווען מ׳האָט געפרעגט, ווער ס׳האָט זיך צוריקגעהאַלטן, האָט ער אויך ניט אויפגעהויבן די האַנט. נאָך זײַן סייכל נאָך האָבן די אוכטער ווידעראַמאָל פאַרקױפט די בכוירע זייערע פאַר א טאָפּ לינדזן, ווידעראַמאָל פאַרלוירן זייער אומאָפּהענגיקײַט. נאָר דער אַלטער קיבוסעפּוואָ האָט אין דער זעלבער צײַט שוין געהאַלטן, אַז ער איז ניט בעקויעך ענדערן דעם גאַנג פון די געשעענישן.

מיך, דעם זון פון ליזין, האָט מען אין נײַעם פאַרייניקטן קאָלווירט ווידער פאַרגעלייגט פאַר פאַרזיצער. קאָן זײַן, אַז מ׳האָט עס געמיינט ערנסט, און קאָן זײַן, אַז מ׳האָט עס געטאָן גלאַט אַזוי, צוליב איידלקײַט. מאַכמעס דער צווייטער קאַנדידאַט איז אויך געווען א געקומענער פונעם פראָנט, נאָר די אָפיצערישע פּאָגאָנעס זײַנע האָט ער זיך פאַרדינט אין ארמייִשן אָבאָז. איך ווידער בין אוועק אױף דער מילכאָמע א פּראָסטער סאָלדאַט און האָב זיך אומגעקערט א פּראָסטער סאָלדאַט. אין פּאַפּירענע איניאָנים איז ער געווען געשיקטער פון מיר, נאָר וויאַזוי מע כאַפּט פיש, האָב איך געוווּסט בעסער. כ׳בין שוין קימאַט געווען מאַסקים אָנצונעמען די פאַרזיצערײַ פיש, און זיך באַזעצן אױף דער גרויסער ערד. דאָס געהאַלט אין פאַרייניקטן קאָלווירט איז געווען א בעסערס און מיקויעך לערנען קינדער איז דאָרט געווען בעסער — די אוכטער שול האָט אינגאַנצן פאַרמאָגט פיר קלאַסן. נאָר איידער כ׳האָב געגעבן מײַן פּולע האַסקאָמע, האָט זיך איינמאָל, געדענק איך, אין א פאַרנאַכט, אַרײַנגעיאָוועט צו מיר קיבוסעפּוואָ מיט א פּעקל פײַער־העלצלעך אונטער דעם אָרעם. דאָס מאָל איז ער געווען גאָר באַריידעוודיק.

— נו, וואָס, איידעמל, פּיראַט מײַנער, גייסטו, הייסט עס, פון אוכטע אוועק, האַ? אין אוכטע ביסטו געווען א גאַנצער קייסער, און דאָרט...

מע זאָגט, אַז אַליין לויבן זיך שמעקט מיט ניט קיין גאָר שיינעם רייעך. נאָר אין אונדזער פאַרייניקטן קאָלווירט האָט קיינער, מיין איך, ניט געטראַכט, אַז איך בין ערגער פונעם אַנדערן קאַנדידאַט. איין זאַך אָבער האָט בא מיר צוגענומען דעם כײשעק צו פאַרזיצע־

רײַ: גראַד דאָס, וואָס דער אַלטער קיבוספּואָ האָט מיך נאָך איצטער געהאַלטן פאַר אַ פּיראַט. עמעס, אַ פּיראַט ניט פון קיין גרויסן פאַרנעם, אין דער קליינער אוכטע איז דאָך ניט געווען קיין מעגלעכקייטן צו ווערן אַ „רעטער" אין גרויסע מאַסשטאַבן. דער נײַער קאַלווירט האָט אָבער געגעבן נײַע מעגלעכקייטן, האָט דער שווער מײַנער, הייסט עס, אַ ביסל איבערגעטראַכט פאַר מיר. אַליין האָט ער, ראַטעווענדיק פרעמד גוטס, קיינמאָל צו דעם ניט געגלוסט. בעסער אַ רייכערנדיק העלצל, איידער אַ שטאַרקע שײַן פון אַ „בוקאַווע־וואַלף". ווען דער אַלטער קי־בוספּואָ האָט עמעצן געהאָלפן, האָט זײַן לינקע האַנט גוט ניט געוווּסט, וואָס עס טוט די רעכטע האַנט. ווען איך, ווידער, בין אַרויס עמעצן געבן הילף, האָבן זיך ביידע הענט מײַנע אַ צי געטאָן אַפּצורײַסן עפּעס פאַר זיך אויך.

מײַן שווער איז געבוירן געוואָרן, האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אין אוכטע, זעלטן האָבן די פיס זײַנע געטראָטן ערגעץ אַנדערשוווּ. ס'האָבן אים ניט געמאַניעט קיין ווײַטע ווײַטקייטן, ער האָט פאַר דער גרויסער וועלט מוירע געהאַט, פאַר אירע נעצן און כיטרע אײַנפאַלן.

איך בין אַן פון אַנדער טייג געקנאָטן. פּיראַטישע שטיק און אָפּטוועגישן האָב איך אין בלוט, כאָטש ניט יעדן וואַרפט זיך דאָס אין די אויגן. מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק וואָלט איך אַף אַ שיף מיט אַ שוואַרצן פלאַג געווען אַן אויסגעשפּילטער פּיראַט.

און דאָס, וואָס בא מײַן גאַנצן פישער־פאַך האָט מיך באַהערשט אַן אומזיסט־און־אומנישטיקע לײַדנשאַפט צו לייענען ביכער, איז עס ניט אַזוי צוליבן געפינען טשוווּעס אַף די שײַלעס, וואָס מוטשען דעם זון פון ליזין, ווי קעדיי שטילן אַ מין גוואַלדיקן דאָרשט נאָך אָפּטוועגישן. דאָס איז פאַרבליבן אין מיר ביז הײַנט, כאָטש איך בין שוין אַרײַנגעפאָרן אין זעקסטן צענדליק אַרײַן.

נאָר איצטער וואָלט פון מיר, פאַרשטייט זיך, ניט אַרויס אַזאַ פּיראַט, ווי דעמלט. דער אַלטער יאַאַנסען, וואָס האָט דאָס עסטישע פאָלק געלערנט גראַמאַטע, האָט אין איינעם פון זײַנע ביכלעך אַזוי געזאָגט: „יאָ, די וועלט ווערט פון טאָג צו טאָג עלטער און קליגער, נאָר צי ווערט זי בעסער, דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל".

אָט דאָס דאָזיקע „באַזונדערע קאַפּיטל" האָט זיך שטאַרק צוגעטשעפּעט צו מײַן האַרצן די לעצטע צײַט. צוויי קינדער מײַנע האָט די מעלוכע געגעבן אומזיסטע בילדונג, (ט'האָסטו די „בילדונג־נעץ". פון דער דאָזיקער „נעץ" האָבן זיי ערשט באַקומען אַ צולאָג — סטיפּענדיע.) און, נאָך זייער אייגענער שטרעבונג, אַן אוניווערסיטעט־דיפּלאָם. דער זון איז שוין אַ יאָר צײַט עלעקטרע־אינזשעניער אין נאַרווע. די טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט, געבוירן מיר אַן אייניקל, אַרבעט אין טאַלין אין אַ צײַטונג. ביידע לעבן זיי ווײַט פון טאַטע־מאַמעס אויג, ניט ווי איך האָב געסטאַרטשעט אין אוכטע אונטערן שווערס אָפּקוקענישן. בילדונג פאַרמאָגן זיי, מײַנע קינדער, נאָר וואָס שײַעך דעם „באַזונדערן קאַפּיטל", קען איך גאָרניט ניט זאָגן. מעגלעך, אַז פון זיי, פון דעם נײַעם דאָר, וועט קומען דאָס דאָזיקע „ווערן בעסער". פון מיר, ווידער... כע, כע... איך האָב עס אויסגעפּרוווט אַף זיך אַליין, און אָט, ווי דו האָסט מיר געייצעט, זיץ איך איצט און קראַץ דאָס פּאַפּיר.

נאָר בלויז דערפאַר דען ווײַל דו האָסט מיר געייצעט?

צוריק מיט אַ וואָך האָב איך דאָ אין ריגע געזען אַ מענטשן, אַ גוואַלדיק ענלעכן צו יענעם, וועמענס שיף כ'האָב אַמאָל „געראַטעוועט". אַ קאַפּיטאַנדל פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ גאַנץ ווייל בײַכל. ער האָט מיך ניט דערקענט, און איך האָב מיך ניט שטאַרק געײַלט נאָכאַמאָל באַ־קענען זיך מיט אים.

פאַרנאַכט האָב איך אין וואַכטע־זשורנאַל, ווו כ'האָב אַרײַנגעשריבן די סוואָדקע וועגן ווינט, וועגן באַלן, וועגן דער הייך פונעם קוועקזילבער אַפּן באַראָמעטער און דער נידעריקייט פון די גראַדוסניק־פּאַסיקלעך אונטער דער נול, — צוגעגעבן: „אין מעשעך פונעם טאָג איז קיין באַזונ־דערס ניט פאָרגעקומען".

אײנעם זעלבן אָוונט האָב איך מיך גענומען אָנוואַרפן דאָס דאָזיקע שרײַבעכץ...

איך שרײַב דאָס אַף דער ס.ט.ב.־שיף, וואָס איז העל באַלויכטן מיט עלעקטרע פון דער צאָפּן־מײַרעווודיקער ענערגיע־סיסטעם, אין דער שטאָט ריגע, דעם 22 פעברואַל 1969; אונטער מײַן בעטל ליגט אַ פּעקל העלצלעך, וואָס דער אַלטער קיבוספּואָ האָט מיר אַמאָל נאָך געשענקט.

איך ווינטש דיר און דײַנע פאַך־ברידער ניט פּוסט פירן די פּען.

כ ײ נ אָ אַ ק י ר אַ ט אַ ס (דער זון פון ליזין), אַ צווײמאָליקער, נאָר, מיט דער גרעסטער האָפענונג, פאַרשטייט זיך, דער לעצטער פּיראַט.

ייִדיש — יעקיעל שרײַבמאַן

● ● ●

שיפרע כאַלאַדענקאָ

נ_ייע לידער

אַט אַזוי ווערט גרוי אַ דעמב

אַט אַזוי ווערט גרוי אַ דעמב,
ערטערווײַז די בלעטער ווערן געל,
נאָר די איבעריקע זײַנען פריש און גרין,
גאָט, מײַן גאָט, ווו טוט מען זיך אַהין?
ווי אַנטלויפט מען פון דער שיינקײַט פון
דער וועלט,

פון דעם דעמב, וואָס גרינט און בליט און
וועלקט.
ס'שטאַרבט מײַן האַרץ פון אומדערוואַרטער
פרייד,
און געבאָרן איז עס שטענדיק גרייט.

• • •

איך ווייס — ס'קאָן געשען אין דער וועלט
אַ קריג, אַ מאַגייפע, אַ מאַבל,
נאָר כ'קוק אויף דעמב, ווי ער וועלקט,
און ס'גלייבט זיך מיר ניט, אַז כ'וועל
שטאַרבן.

באַגעגנט כ'האָב אים אומגעריכט
אין ליכטיקן האַרבסטיקן וועטער,
אומעגלעך איז פאַרשטעלן זיך,
אַז ער וועט פאַרלירן די בלעטער.

מיט אים איז פאַרפולט מײַן געמיט,
איך קאָן זיך מיט אים ניט צעשיידן,
ווײַל ביידע מיר האָבן פאַרהיט
די מעכטיקע ערדישע פריידן.

האַרבסטיקע גרעזעלעך

די פרישע גרינע גרעזעלעך,
זיי זײַנען אומדערוואַרט,
זיי האָבן ערשט באַוויזן זיך
אין טיפן, טיפן האַרבסט.

זיי וואַקסן און זיי קלערן ניט,
זיי זוכן ניט קיין צוועק,
באַדעקן אַלטע סטערעניעס
און וואַקסן אויפן וועג.

נו, פרעגט, צו וואָס זיך אַקשענען
אין אַט דער שפּעטער צײַט
און וואַקסן און צעוואַקסן זיך?
די קעלט איז דאָך ניט ווײַט.

נאָר אַט די פרישע גרעזעלעך
אַלץ ווערן מערער גרין,
געוואָלט וואָלט איך דערוויסן זיך,
ווו טוט מען זיך אַהין?

אין וואָס פאַר אַ באַהעלטעניש
באַהאַלטן כ'זאָל מײַן האַרץ,
אויף דעם זאָל ניט געוועלטיקן
די שיינקײַט פונעם האַרבסט.

איך הער, ווי מענטשן לאַכן שוין,
מע פרעגט: פאַרוואָס? פאַרוואָס?
פאַראַנען גרויסע נאַכעסן
אין גרינעם, גרינעם גראָז.

• • •

ניט ווײַט פונעם הויז, ווו איך וווין,
שטייט ער, דער זעלטענער בוים,
מיך טראָגן אַהין מײַנע פיס,
און שטענדיק פון אים איך געניס.

צי עפּעס אַזוינס איך פאַרגעס,
צי עפּעס דערמאָן איך אַזוינס,
נאָר שטענדיק געשעט אַט דער נעס:
באַרויִקט איך ווער און באַקרוינט.

איך האָב דיך ליב

1

איך האָב דיך ליב, און כ׳ ווייס, כ׳בין ניט גערעכט,
נאָר — כ׳האָב דאָך רעכט ניט שלאָפן דורך די נעכט.
און דו, מײַן מענטש, פֿאַרוואָס האָסטו מיך ליב?
ניט אנדערש, נאָר דערפֿאַר, וואָס כ׳שטאַם פֿון דײַן א ריפּ,
ניט אנדערש, נאָר דערפֿאַר פֿאַר מיר זיך נייגט דײַן האַרץ,
פֿאַר מיר, וואָס איז פֿאַרזונקען טיף אין הארבסט.

2

וואָס קוקסטו אויף מיר, גלײַך איך וואָלט זײַן דײַן קינד,
כ׳בין עלטער פֿון דיר דאָך מיט צענדליקער יאָר,
איך ווייס, אין מײַן ליבע כ׳בין בלינדער פֿון בלינד,
נאָר אָפּטיילן כ׳קאָן נאָך דעם טרוים פֿון דער וואָר,
דײַן שניי־ווײַס געזיכט פֿון די נאַכט־שוואַרצע האָר.

3

א מענטשן קאָן איך ליב האָבן אזוי,
אזוי אין הארצן קאָן איך אים פֿאַרנעסטן,
אז גאָר אינגאַנצן זאָל איך זיך פֿאַרגעסן,
אז כ׳האָב אים ליב דערפֿאַר, וואָס כ׳בין א פֿרוי.

די ליבע איז צו אים אזויפֿיל גרויס
און ריין זײַנען דערבײַ אזוי די מיינען,
אז שטענדיק גיי איך אום מיט אָט דעם מענטש אינײנעם,
און ס׳טרעפֿט, אז ווי א גײַסט כ׳פֿאַרקלײַב זיך אין זײַן הויז.

איך זע, דער מענטש, ער קושט זײַן יונגע פֿרוי,
ער גריסט זיך מיט זײַן מאַמען מיט זײַן אלטער,
און אויפֿן הארץ איז לויטער מיר אזוי,
אז, זײַענדיק א גײַסט, דעם אָטעם כ׳האָב פֿאַרהאַלטן.

נאָר ווען כ׳באַמערק אין וויגעלע זײַן קינד,
מיט ווייכע טריט איך גיי צו דעם פֿאַמעלעך.
אוי, ווי דאָס קינד איז אויפֿן מענטשן ענלעך!
און א פֿאַרדראָס אין הארץ מײַנעם פֿאַרזינקט,
האלעמײַ ניט איך געהאַט האָב אָט דאָס קינד.

• • •

ס׳גייט אויף די זון, און כ׳וויל קיין זאַך ניט וויסן,
איך לויף אַרויס אין דרויסן זי באַגריסן.

די זון באַגריס איך, זינט איך בין געבאָרן,
א מענטש בין איך, איך האָב געציילטע יאָרן.

און שטאַרק איך פֿיל דעם יאָמטעוו פֿונעם לעבן,
דעם גאַנג פֿון דויפּעק טיף אין די געוועבן.

מײַן יעדער נײַער טאָג, ער איז מיר מערער טײַער,
מיר שטראַלט די אלטע זון מיט שטראַלן שפּאָגל־נײַע.

איסאַק איטקינד

אין פערזענלעכן ארכיוו פון דעם גרויסן סקולפּטאָר איסאַק איטקינד האָבן זיך פאַרהיט אייניקע זײַנע ליטעראַרישע ווערק, אָנגעשריבענע אין דער רוסישער שפּראַך. מיר ברענגען דאָ איטקינדס צוויי נאָוועלן, וועלכע ס'האָט פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד" איבערגעזעצט אף ייִדיש שירע גאָרשמאַן.

די ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכטע נאָטיץ וועגן איסאַק איטקינדן, מיט וועלכער מיר באַגלייטן די פּובליקאַציע, האָט דער פאָלקס־קינסטלער פון פססר סערגיי קאָניאָנקאָוו אָנגעשריבן אין 1969.

איך טו א שידעך

איך וויל זיך ניט באַרימען — מיר זײַנען ניט קיין גווירים. אין אונדזער מישפּאָכע האָבן קיין קאַפּצאָנים באָרעכהאַשעם ניט אויסגעפעלט. נו, מיילע, קאָהאָל האָט צוגעהאָלפן. דעם פעטער פייסעך איז, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געווען אזוי ביטער, אַז ער איז מיט דער מומע ציפּע אוועק איבער די הײַזער בעטן נעדאָוועס. אָבער א באַלמעלאָכע, זאָל אונדז גאָט היטן אף ווײַטער, איז קיינער ניט געוואָרן.

איך גופע האָב צו צוואַנציק יאָר געקראָגן סמיכעס אף ראַבאָנעס, צו דערצו בין איך געווען גרײַלעך פרום, און ייִכעס פעלט מיר אויך ניט: מײַן באָבע איז דאָך געווען דעם קאָצקער צאַדיקס א טאָכטער.

מיט איין זאַך האָט מיר ניט געגליקט — איך האָב קיין שידעך ניט געקאָנט טאָן. אין שטאָט איז אוועק א קלאַנג, אַז איך בין א נאַר, קיין איין מיידל האָט מיך ניט געוואָלט. אַלע קלויזניקעס אין מײַן עלטער זײַנען שוין פון לאַנג כאַסאַנים געוואָרן, אַנדערע האָבן שוין אַפילע כאַסענע געהאַט, כאָטש פיל פון זיי זײַנען געווען פון נידעריקן גראַד — זיי האָבן געשטאַמט פון שוסטער, פון שמידן, מיר איז ניט אָנגעשטאַנען מיט זיי א וואָרט אויסצוריידן! מע האָט זיי אויסגעקליידט ווי די גראַפן, מע האָט זיי געשענקט גילדענע זייגערס, מע האָט זיי באַהאַנגען מיט גילדענע קייטן!

געדאַלקע צאַדיקס, אַשטייגער, שטאַמט פון זייער א נידעריקן גראַד: אַלע ווייסן, אַז זײַן טאַטע איז א שוסטער, זײַן שוועסטער איז א סאָציאַליסטקע!.. מע האָט זי דאָך פאַרשיקט קיין סיביר. פונדעסטוועגן האָט ער שוין כאַסענע געהאַט!

און איך בין געבליבן זיצן!

וואָס טוט מען? בין איך אוועק אין אַן אַנדער שטאָט — קיין נעסוויזש בין איך אוועק. אין א פרעמדער שטאָט, — האָב איך געטראַכט, — ווייסט מען דאָך געוויס ניט, אַז איך בין א נאַר. איך וועל קומען אַהין, איך וועל געבן א פּיפּס — איך וויל כאַסענע האָבן, — וועלן זיך אַלע אָנכאַפּן אין מײַן ייִכעס.

קיין נעסוויזש בין איך געקומען אין א גוטער שאָ. עס איז גראָד געווען אַן איבערגאַנג, מענטשן זײַנען געפאַלן, ווי פליגן, עס איז קיין שטוב ניט געווען אָן א מעסוקענעם כוילע. פאַר אונדז, קלויזניקעס, איז דאָס געווען א גליק: מיר האָבן געזאָגט טילים, די קראַנקע זאָלן געראַטעוועט ווערן, פאַר דערוף האָט מען אונדז גוט באַצאָלט. אונדזער טילים זאָגן האָט מער געהאָלפן, ווי די דאָקטוירים מיט די אַפּטייקן. אונדזערע כאַלאָים זײַנען אַפילע געזונט געוואָרן.

מיר האָבן געקראָגן א שעם ניט נאָר צווישן ייִדן. רוסן און פּאָליאַקן האָבן אונדז אויך גערופן,

מיר זאָלן טילים זאָגן, און זיי האָבן גאַנץ פֿײַן באַצאָלט.

יענעם זומער האָב איך מיר געמאַכט אַ נײַע קאַפּאָטע, שיך מיט קאָלאָשן האָב איך מיר אויך געקויפֿט, און איך האָב געלעבט גאָר נישקאָשע.

אָבער אין נעסוויזש האָט עמעצער אויך געלאָזט אַ קלאַנג, אַז איך בין אַ נאַר. דערמאָנט זיך! צוויי פֿאַרשיידענע שטעט, און זיי האָבן זיך ווי צונויפֿגערעדט!

אין בעסמעדרעש דרייען זיך קעסיידער אַרום שאַדכאָנים. אַלע אָוונט גייען די קלויזניקעס אָנקוקן קאַלעס. מיך באַמערקט מען ניט!

צום סאָף איז צו מיר אויך צוגעגאַנגען אַ שאַדכן, אָבער ער איז געווען אַזאַ שטאַמלער, אַז קיין איין וואָרט זײַנס האָב איך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

— אײ־אײ־איר... אַ ק־ק־קאַ...

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער שאַדכנט מיר אַ קאַלע, נאָר ווער איז זי, ווער זײַנען אירע עלטערן, האָב איך פֿון אים ניט געקאָנט אַרויסציִען. נו, מײַלע, אַלצײַנס. איך האָב אָנגעטאָן מײַן נײַע קאַפּאָטע, די שיך, און איך בין אַוועק מיט אים.

דער שידעך וואָלט געווען גאַנץ גוט, די קאַלע וואָלט געקאָנט זײַן שיין ווי די וועלט, נאָר דער כיסאָרן איז, וואָס זי האָט קיין נאָז ניט. און איך וויל גראָד, אַז די קאַלע זאָל יאָ האָבן אַ נאָז...

■

באַ יעדער מענטשן טרעפֿט, אַז עס איז אים שווער אָפּן האַרצן. נאָר מענטשן האָבן גוטע־פֿרײַנט, זיי קאָנען אויסגיסן זייער ביטער האַרץ. איך, איך בין עלנט, ווי אַ שטיין. איך האָב ניט קיין פֿרײַנט. די קלויזניקעס, מיט וועלכע איך לערן אין בעסמעדרעש, לאַכן פֿון מיר און רייצן זיך מיט מיר.

ווען איך גיי אַרײַן אין בעסמעדרעש, נעמען די כאַסאַנים אַרויס די גילדענע זייגערס, זיי ווילן קלוימערשט זען, וויפֿל דער זייגער האַלט. אײַנדערעמעסן באַטײַט עס: „איך בין שוין אַ כאָסן, איך האָב קאַלע־מאַטאָנעס, דו האָסט אַ פֿײַג!"

אנומלטן גיי איך אַרײַן אין בעסמעדרעש. איך גיב אַ קוק, לייבקע פֿון איוולע זיצט אָף מײַן אָרט, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן! ער זיצט און זינגט אַ לידעלע, אַלע גלאָצן די אויגן אָף מיר, מע קײַכט פֿון געלעכטער. הערט נאָר דאָס לידעלע:

זיץ איך אָף אַ שטיין,
זיץ איך מיר און וויין.
אַלע מיידעלעך האָבן כאַסענע,
נאָר איך בלײַב אַליין...

איך בין געוואָרן אופֿגעקאָכט, האָב איך געכאַפּט אַ געמאָרע און אַ שלײַדער געטאָן לייבקען אין קאָפּ... עס האָט געהאָלפֿן, ווי אַ טויטן באַנקעס. פֿון אַלע זײַטן האָבן די קלויזניקעס געזונגען העכער ווי פֿריִער: „זיץ איך מיר אַליין און וויין..." איך יאָג זיך נאָך איינעם — עס זינגט שוין אַ צווייטער, יאָג איך זיך נאָכן צווייטן — זינגט שוין אַ דריטער.

אָן קויכעס בין איך געבליבן. אַ צעקאָכטער פֿון קאַס, בין איך אַוועקגעלאָפֿן צום ראַוו. ער איז דאָך דער באַל־סייכל און דער שטאָט־קאָפּ, זאָל ער זיך אַרײַנלייגן אין איניען.

איך עפֿן די טיר. באַם ראַוו איז אַ גאַנצער יאָמטעוו. זײַן טאָכטער כאַנע, וואָס לערנט זיך אין מאָסקווע אָף דאָקטער, איז געקומען. באַם טיש זיצן אַ סאַך געסט: אירע כאַווערטעס, סטודענטן, עלטערע מענטשן, קרויווים, גוטעפֿרײַנט. אָפּן טיש קאָכט דער סאַמאָוואַר. די געסט טרינקען טיי, זיי פֿאַרבײַסן מיט געשמאַקע געבעקסן...

ווי איך בין אַרײַנגעלאָפֿן, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צום ראַוו און איך האָב אים געפֿרעגט:

— רעבע, זאָגט, זײַט מויכל, צי דען בין איך אַ לײַכטער אָדער אַ טיש?

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין שײַלע? איך באַנעם דאָס ניט, וואָרעם איך זע, אַז דו ביסט אַ ווױלער יונגערמאַן, און אַז גאָט וועט געבן, וועסטו נאָך זײַן אַ גרויסער ראַוו.

— אויב אַזוי, אויב איר זאָגט, אַז „איך בין אַ ווױלער יונגערמאַן", שטעלט זיך פֿאַר מיר אײַן. איך וויל מער ניט זײַן קיין „יונגערמאַן".

— וואָס הייסט, דו ווילסט ניט זײַן קיין יונגערמאַן? ווי־אַזוי זאָל איך זיך אײַנשטעלן פֿאַר דיר?

— איר דאַרפֿט מיר העלפֿן כאַסענע האָבן.

די פֿרײַלנס באַם טיש האָבן זיך צעלאַכט. דער רעבע האָט זיך אָף זיי צעבייזערט:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געלעכטער? ווי סמייעט מען אָפּצולאַכן פֿון אַ יונגנמאַן, וואָס האָט סמיכעס אָף ראַבאָנעס?!

ער איז אַוועק פֿון טיש און האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין צווייטן צימער.

דאָ האָב איך אים אויסגעגאָסן מײַן ביטער האַרץ. איך האָב ניט פֿאַרמיטן פֿון אים, ווי די קלויזניקעס איזדיעקעווען זיך איבער מיר, ווי זיי רייצן מיך. איך האָב אויך דערציילט, ווער איך בין, פֿון וואָס פֿאַר אַ לײַטישער מישפּאָכע איך שטאַם.

— וועלכע באָכערים איר ווילט, רעבע, האָבן כאַסענע! נעמט מײַנע בניי־איר בערקען צי שמערקען. בערקעס טאַטע איז אַ שוסטער, טאַקע דער בעסטער שוסטער אין שטאָט. אַז די קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי זיך געשעמט צו קוקן אַ מענטשן אין די אויגן. האָט בערקעס

טאטע געמוזט ווערן א נאכט־וועכטער אפן מארק, אבי ניט קיין שוסטער. שמערקעס טאטע איז ביז היינט א שמיד. איצט נעמט מוישקען פון איישעשאָק? זיינער א שוועסטערקינד איז א מע־שומעד! פונדעסטוועגן האָבן זיי אלע כאסנעע געהאט, איך ניט! כאָטש איך בין דעם קאָצקערס אן אייניקל!...

דער ראָוו האָט דערהערט — „דעם קאָצקערס אן אייניקל...״ איז ער אזש אונטערגעשפרונגען און ער האָט זיך געכאַפּט באם קאָפּ:

— וואָס רעדסטו, וויאזוי האָסטו מיר פריער דאָס ניט געזאָגט? ווען די שטאָט ווייסט, אז דו ביסט דעם קאָצקערס אן אייניקל, וואָלסטו שוין לאנג א שידעך געטאָן! עפּעס א ווערטל — „דער קאָצקער״! איך גופּע וואָלט דיך גענומען. גאָט וועט זיך מעראכעם זיין! מאלע וואָס די קלויזניקעס לעצעווען. עס מאכט ניט אויס, מיט מיר איז אויך אזוי געווען: קינדער זיינען מיר נאָכגעלאָפן, ווי נאָך א מעשוגענעם. אָבער גאָט האָט מיר באַשערט מיין זיוועג. זי האָט מיך טאקע ניט געוואָלט, האָט זי דער טאטע אזוי לאנג געשלאָגן, ביז זי איז מיט מיר געגאנגען צו דער כופּע... און איצט קלינגט מיט מיר אין דער וועלט, פון אומעטום קומט מען צו מיר נאָך אייצעס... די רעבעצן, זאָל ניט אויסגערעדט זיין, רעכנט אפילע איצט אויך, אז איך בין א שויטע. מיילע, רעדט זי ניט מיט מיר! נישקאָשע, גאָט איז א פאָטער, ער וועט זיך ארומקוקן אף דיר אויך.

דערנאָך האָט ער מיך צוריק אריינגעפירט צו די געסט. ער האָט מיך באזעצט אף א בעקאָוועדדיק אָרט, לעבן זיך, און זיין טאָכטער כאנע האָט מיר דערלאנגט טיי מיט איינגעמאכטס. דער ראָוו, ווידער, האָט זיך אופגעהויבן, וואָרעם ער האָט געוואָלט דערשענען א דראָשע. אלע האָבן גענומען איינשטילן דעם אוילעם:

— שא, שא, שטילער, דער ראָוו וועט זאָגן.

— ראבויסיי, — האָט דער ראָוו אָנגעפאנגען אונטערזינגענדיק, — אין דער געמאָרע שטייט: אויב באַ א טיש זיצן דריי מענטשן, זיינען זיי מעכויעוו צו ריידן דיוורײ־טוירע. דאָ, באם טיש, זיצן, קיין איינהאָרע, מער ווי דריי מענטשן. הייסט עס, אז מע דארף געוויס ריידן וועגן טוירע־זאכן. זייט וויסן, אז אין דער געמאָרע איז גע־

די יעדיע וועגן דעם, אז עס גרייט זיך צום דרוק א זאמלונג זיכרוינעס וועגן מיין לאנגאָניקן כאוור, דעם מערקווירדיקן קינסטלער איסאַק יאַקאָוולעוויטש איטקינד, האָט מיך טיף אופגערודערט. עס האָבן אופגעטויכט דערמאָנונגען וועגן אונדזערע באגעגענישן אין מעשעך פון די אין דער ווייט פארשווומענע יאָרצענדליקער, צוזאמען מיט געדאנקען וועגן שעפערישע פּאָרטראכטן — און פארקערפּערונגען פון די פּאָרטראכטן — אין די הערלעכע סקולפּטורן פון מיין באגאבטן פריינט.

איסאַק יאַקאָוולעוויטשעס גורל איז אומגעוויינלעך. ער איז געווען אן איינבינדער. אנומלטן האָט ער דערזען א מאָנאָגראפיע וועגן מ. אנטאָקאָלסקין, און ער האָט אָנגעהויבן קלעפּן. דערנאָך איז ער אנגעקומען אין דער מאָסקווער שול פאר מאָלעריי, סקולפּטור און ארכיטעקטור. זיין לערער איז געווען ס. וואָלנוכין, מיט אייצעס האָבן אים געהאָלפן פּ. טרובעצקאָי און א. גאָלובקינא.

איטקינדס שאַפונגען האָבן זיך טאָמיד עקספּאָנירט אף די אויסשטעלונגען פונעם „פארבאנד פון די רוסישע קינסטלער״, פון וועלכן ער איז געווען א מיטגליד פונעם 1917. אין א יאָר ארום, אין 1918, ווערט איינגעאָרדנט א גרויסע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פון דעם באגאבטן סקולפּטאָר אין דער געביידע פון „האַבימע״־טעאטער.

...באלד ווי די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אָנגעהויבן טריומפאל שפּאנען איבערן ראטנווערדיקן לאנד, האָט די יונגע ארבעטער־פּויערים־מעלוכע מיט ברען גענומען בויען די נייע סאָציאַליסטישע קולטור. א. איטקינד האָט זיך גלייך איינגעשלאָסן אין דער ארבעט אף צו פארווירקלעכן לענינס פּלאן וועגן פּראָפּאַגאנדירן מאָנומענטאַלע קונסט. ער ארבעט מיט ברען איבער די דענקמעלער „מארקס״, „ענגעלס״, „לאסאל״.

דער גרעסטער טייל פון איטקינדס ארבעטן טראָגט א כאראקטער פון אויסדריקלעכע אלעגאָריעס. דער קינסטלער ארבעט אין האָלץ־שניט. דערביי קאָן ער ארויסבאקומען די רייכסטע מעגלעכקייט פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל.

איטקינדס א סאך ארבעטן ווערן פאַרהיט אין רוסישן מוזיי, אין טרעטיאקאָווער גאַלעריע, אין קאזאכסטאַנער גאַלעריע אף ט. ג. שעווטשענקאָס נאָמען. ניט איין מאָל זיינען איטקינדס סקולפּטורן עקספּאָנירט געוואָרן אף זיינע פּערסאָנעלע אויסשטעלונגען.

אלץ, וואָס איסאַק יאַקאָוולעוויטש האָט געשאפן אין דער קונסט, וועט האָבן א לאנג רומפול לעבן. איך האָב ניט איין מאָל געשריבן וועגן דעם, אז איך האַלט פאר א כיווו פון די כאווירים לויט דער קונסט, פאר א כיווו פון אזוינע, וואָס האָבן געקענט דעם וווּנדערלעכן מענטש, זיי זאָלן דערציילן וועגן אים — דעם קינסטלער, ווי אויך וועגן אים — דעם מענטשן...

ס. ט. קאָניאָנקאָוו,
פאָלקס־קינסטלער פון פּססר,
העלד פון סאָציאַליסטישער מי,
לאוריאַט פון דער לענין־פּרעמיע

זאָגט געוואָרן: בייס דײַן טאָכטער וועט צײַטיק ווערן, גיב איר א מאַן. צוליב וואָס איז דאָס גע־זאָגט געוואָרן? גאָט האָט מיר צוגעשיקט מײַן טאָכטער, מײַן כאַנען, איך בין איר פּאָטער — און איך בין מעכויעוו צו געפינען א מאַן פאַר איר, אפילע אויב ער איז א קנעכט. אָבער גע־לויבט איז דער וואָס לעבט אייביק. ער האָט מיר צוגעשיקט א כאָסן פאַר מײַן כאַנען, א גרויסן באַל־ייִכעס. ער איז דעם קאָצקערס אן אייניקל. און אליין וועט ער מירצעשעם אויך זײַן א גרוי־סער ראָוו. מײַן טאָכטער כאַנע וועט האָבן א גרויס קאָוועד, זי וועט מיט גאָטס הילף זײַן די נעסוויזשער רעבעצן, און אף יענער־וועלט וועט זי זוּיכע זײַן צו ווערן א פוס־בענקעלע פאַר זײַנע פיס. אויב איר ווילט אָנקוקן דעם כאָסן, איז — אָט איז ער! מע רופט אים איצע סמאַרגאָנער. איר קאָנט אים רופן רעב איצע, וואָרעם ער וועט גע־וויס זײַן א גרויסער ראָוו.

אלע האָבן צוגעדעקט מיט די הענט די מײַ־לער, וואָרעם זיי האָבן זיך קוים אײַנגעהאַלטן פון געלעכטער. די רעבעצן האָט זיך אָנגעצונדן פון גרימצאָרן. זי איז אופגעשפּרונגען פון איר שטול, געכאַפּט די קאַטשערע און זיך א לאָז געטאָן צו מיר:

— וואָן פונדאַנען, טירעף! אזא שטאָט־נאַר, אָבער פאַר זיך האָט עס גראָד סייכל! א קאַלע האָט ער געפונען! ער סמייעט זיך צו שאַדכענען צו מײַן כאַנען?! קעדײַ געוועזן כאַנע זאָל זיך מור־טשענען אין מאָסקווע, אָן פראַוועזשיטעלסטווע, ווערן א דאָקטער און דערנאָך מעגוילגל צו ווערן אין א בענקעלע פאַר איצקע דעם טירעף פון סמאַרגאָן!..

דער ראָוו האָט ארויסגעריסן די קאַטשערע פון דער רעבעצנס הענט.

— שלאָגן א כאָסן? א באָכער, וואָס האָט סמי־ייִכעס?!

די רעבעצן האָט געכאַפּט א שטעקן. דער ראָוו מיט דער קאַטשערע לאָזט ניט צו די רעבעצן צו מיר. איך זיץ א דערשראָקענער אף טויט. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. אוועקגיין — ווילט זיך ניט ארויסלאָזן פון די הענט אזא שידעך. בלײַבן — איז די רעבעצן מיטן שטעקן...

ביז איינער א סטודענט איז צוגעגאַנגען צו מיר, און ער האָט געזאָגט:

— די מינוט אנטרין פונדאַנען!

— וואָס עפּעס זאָל איך אנטרונען ווערן? — פרעג איך. — דער ראָוו וויל מיך פאַר אן איידעם.

— גיי בעסער אליין, נאָר איינער, אז ניט, וועט מען דיך ארויספירן.

געקומען אין בעסמעדרעש, איז שוין געוועזן גאַנץ שפּעט. אלע קלויזניקעס זײַנען שוין גע־שלאָפן אף די בענק. איך האָב געפונען א שטי־קעלע ליכט, זיך אוועקגעזעצט בא דער געמאָרע, און איך האָב זיך פאַרטראַכט. טראַכט איך מיר און שאָקל זיך.

„אײַ־ײַ־יאַ־יאַ־אַ!.. אײַ־ײַ־יאַ־יאַ־ײַ! פאַרוואָס? פאַרוואָס? האלעמײַ איז די רעבעצן אזוי אופגע־בראַכט געוואָרן? פאַרוואָס האָט זי זיך א לאָז געטאָן צו מיר מיט דער קאַטשערע? ווען זי דערלאַנגט מיר, כאַלילע, מיט דער קאַטשערע אין קאָפּ, וואָלט דאָך געוועזן א גרויסע סאַ־קאַנע. א־יאַ־יאַ־ײַ... פאַרוואָס האָט די רעבעצן געשריִען, אז איך בין א שטאָט־נאַר? איך ווייס דאָך, אז איך בין פאַרט א קלוגער. ווען איך בין נאָך געוועזן א קינד, בין איך שוין געוועזן א כאָכעם. דער טאַטע מיט דער מאַמען פלעגן אלעמען דערציילן מײַנע כאָכמעס. די באָבע מאַלקע, וואָס האָט געהאַט א צונאָמען „די נאָדל אין פופּיק", פלעגט זאָגן, אז איך בין א וועלט־כאָכעם. מיקאָלשקיין, איצט? איצט ווייס איך דאָך געוויס, אז איך האָב מער סייכל, ווי דאַמלסט. אײַ־אײַ־יאַ־אײַ... פאַרוואָס זשע, פאַרוואָס זאָגט מען, אז איך בין א נאַר? נאָר איך איינער בין א נאַר!

■

זיץ איך אזוי פאַרטראַכט. פּלוצעם קומט ארײַן עפּעס אן אלטער. באַלד דערקען איך אים — דאָס איז דער נעסוויזשער ראָוו.

— רעב ייִצכאָק, — זאָגט ער צו מיר, — איך בין געקומען מעכילע בעטן בא דיר, זאָלסט אונדז אלעמען מויכל זײַן. די רעבעצן האָט כאַראָטע, אלע האָבן כאַראָטע. מע האָט אײַך ניט פאַר־שטאַנען, אָבער איצט ווייסן שוין אלע, אז איר זײַט א קלוגער. איך האָב דערציילט אין שטאָט, אז איר זײַט דעם קאָצקערס אן אייניקל. און אז איר זײַט א כאָכעם, פונקט ווי איך. איצט ווילן אײַך אלע מיידלעך פון שטאָט, אלע טאַטע־מאַ־מעס גייען אויס נאָך אײַך, איך וויל אײַך, די רע־בעצן וויל אײַך, מײַן טאָכטער כאַנע וויל אײַך שוין אויך. אלע, אלע זײַנען אהער געקומען אײַך בעטן, איר זאָלט זיי נעמען.

— ווו זײַנען זיי געקומען? — פרעג איך.

— טאַקע דאָ אין שול־הויף.

איך טו א קוק אין פענצטער, — דער הויף איז פול מיט מיידלעך. אלע שטאָטישע מיידלעך זײַ־נען אהער געקומען. אלערליי מיידלעך: לאַנגע, קורצע, דיקע, דינע, שווארצכיינעוודיקע, ליכטי־קע, געלע, רויטע.

— רעבע, איך ווייס ניט, וועלכע אויסצו־קלײַבן...

— זײַט אזוי גוט, באַמיט זיך, גייט ארויס און קלײַבט אויס, וואָס געפעלט אײַך.

איך גיי ארויס, קוק, טראַכט, וועלכע איז בע־סער: א שווארצכיינעוודיקע, צי א ליכטיקע, א דיקע, צי א דינע, א הויכע צי א נידעריטשקע...

און אלע מיידלעך, אלע טאטע־מאמעס בעטן זיך בא מיר: „נעם מיך, נעם מײַן טאָכטער, נעם מײַן טאָכטער!"

די רעבעצן האלט שוין ניט קיין קאָטשערע, זי בעט זיך אויך: „נעמט מײַן טאָכטער!" כאַנע מיט אירע כאוורטעס בעטן זיך אויך, איך זאָל זיי נעמען. מיטאמאָל כאַפּן מיך די מיידלעך בא מײַן קאַפּאָטע, איינע שלעפּט פאַר א פּאָלע, די אנדערע שלעפּט א לאַץ...

דערשרעק איך זיך, זיי קאָנען דאָך צערײַסן מײַן שאַבעסדיקע קאַפּאָטע. טו איך זיך א ריס ארויס פון זייערע הענט, און איך פאַל אראָפּ פון באַנק...

■

איך כאַפּ זיך אויף. איך ליג גאָר אפן דיל, לעבן מיר שטייט דער קלויזניק כאַים באָלץ מיט א ליכט.

— וואָס איז מיט דיר געשען, סמאַרגאָנסקע?

— אוי, איך האָב זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ...

— וויאַזוי?

— עפּעס... א כאָלעם...

— זאָג, וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט?

— עס האָט זיך מיר געכאָלעמט, א פולער שולהויף מיט מיידלעך... אלע שלעפּן מיך בא דער קאַפּאָטע, בעטן זיך בא מיר, איך זאָל זיי נעמען... האָב איך זיך פון זיי ארויסגעריסן, און איך בין אראָפּגעפאַלן פון באַנק.

— איַי־איַי, אז מע קלינגט, איז א כאָגע, אז מע זאָגט, דו ביסט א שויטע — איז עס טאַקע אַן עמעס.

— און וואָס האָסטו דאָ אײַנגעזען מײַן נארישקײַט?

— ווען דו ביסט ניט קיין נאר, וואָלסטו זיך ניט אופגעכאַפּט, און דו וואָלסט איצט געשטאַנען אונטער דער כופּע!

עס איז אוועק צוויי יאָר. איך בין אלט געוואָרן צוויי און צוואַנציק. געלערנט האָב איך אין שאַדעווע, אין דער ראַבאַנישער קלויז.

איך האָב מיט קיינעם ניט געפירט קיין כאַווערשאַפט, איך האָב מוירע געהאַט זיך צו דערנעענטערן צו די קלויזניקעס, זיי זאָלן מיך דאָ אויך אמאָל ניט מאכן צום נאר. מיטן ראָוו, מיט די דאַיאָנים האָב איך זיך געוואָלט באקאַנען, און איך האָב געוואַרט אף א געלעגנהײַט.

אנומלטן זיץ איך און איך לערן מיר די מעסיכטע „באָווע קאַמע", קום איך צו דער סוגיע: „אויב א ייִד פאַלט אראָפּ פון דאַך, און ער פאַלט גלײַך ארויף אף א ייִדענע, און בא דער דאָזיקער ייִדענע ווערט געבוירן א קינד, צי דאַרף דער ייִד ארויסצאָלן דער ייִדענע, זי זאָל האָבן מיט וואָס אויסצוהאָדעווען דאָס קינד?" אזוי, ווי איך לערן, זײַנען מיר געקומען אפן זינען נאָך פראַגעס, וועלכע זײַנען אין דער געמאָרע ניטאָ. אשטייגער, אויב די ייִדענע האָט א מאַן, — צי דאַרף מען דאָס קינד רעכענען, ווי א מאַמזער? און נאָך א פראַגע — צי מעג דער מאַן לעבן מיט איר, צי דאַרף ער זי געטן, דערום וואָס אף איר איז אַרופגעפאַלן א ווילד־פרעמדער ייִד?

איך האָב וועגן דאָזיקן א סאַך געטראַכט און דורכגעבלעטערט פיל ספאָרים, אָבער קיין ענטפער אף מײַנע פראַגעס האָב איך אין די ספאָרים ניט געפונען. און איך בין אוועק צום דײַען. דער דײַען איז מעווולוול געוואָרן. ער האָט צו מיר געזאָגט: „דאָס איז א הארבער איניען!" עס איז אוועק א געריידר — אלע לערנערס האָבן זיך ארײַנגעמישט, מיר האָבן לאַנג געפילפּלט זיך, געדרייט אהין און אהער, צו קיין העסקעם זײַנען מיר ניט געקומען. דער ראָוו איז גראָד ארײַנגעגאַנגען אין בעסמעדרעש. ער האָט אונדז אויסגעהערט, אָבער קיין קלאָרע טשוווע האָט ער אויך ניט געגעבן.

— די פראַגע איז גרײַלעך הארב און אכרײַעסדיק, — האָט דער ראָוו געזאָגט, — אויב מיר זאָלן דרינגען פון דערוף, אז דאָס קינד איז א מאַמזער, ווערט דאָס דאָזיקע קינד ניט טאָרן כאַסענע האָבן, ווען עס וועט אויסוואַקסן. און די מוטער זײַנע, טאָמער האָט זי טאַקע יאָ א מאַן, מוז זי זיך מיט אים געטן!

נאָר עס איז באַוווּסט, אז אזא געשיכטע האָט גראָד געטראָפן מיטן קאַפּוליער ראָוו רעב זאַלמענקע. דער ראָוו פון קאַפּוליע איז נאָך דעמלט געווען א יונגערמאַן. טאָמיד האָט ער געלערנט טוירע אין א בוידעם־שטיבל. דאָרטן איז געווען א באַלקאָנכל, אָן א שום אָנלען. רעב זאַלמענקע האָט זיך אזוי פארטיפט אין לערנען, אז ער האָט ניט באמערקט, ווי ער האָט ארויסגעשפּרײַזט פון בוידעם־שטיבל אפן באַלקאָנכל. אזיוווי קיין אָנלען און קיין אָנהאַלט איז דאָך ניט געווען, און ער האָט וועגן דעם בייסן לערנען פארגעסן, איז ווי ער שפּאַנט צו צום ראַנד, פאַלט ער אראָפּ! דער אייבערשטער האָט מיט אים אָבער געטאָן א נעס: אין דער מינוט איז די פינסקער רעבעצן, וועלכע איז גראָד געקומען אהער צוגאַסט, פארבײַגעגאַנגען פּונקט דאָס אָרט. רעב זאַלמענקען האָט אזוי אָפּגעגליקט, אז ער איז ארופגעפאַלן גלײַך אף איר. ערשט ווען די רעבעצן איז צוריקגעקומען אהיים, האָט זי דערשפּירט, אז זי איז אף דער צײַט. דער מאַן אירער, דער פינסקער ראָוו, איז דעמלסט געווען אין א ווײַטער נעסיִע. אז ער איז געקומען און ער האָט דערזען, די רעבעצן האָט געבוירן א קינד אָן זײַן וויסן, האָט ער געמאכט א וואַיצאַקו: „סטײַטש! ווי האָט די רעבעצן געסמייעט?.." די רעבעצן, ווידער, האָט געטײַנעט, אז עס איז ניט איר שולד, וואָס עפּעס א ראָוו איז אף איר פּלוצעם ארופגעפאַלן פון דאַך! דער פינסקער ראָוו האָט אָבער לאַכלוטן

ניט געגלייבט דער רעבעצנס זאבאבאָנע. ער האָט געפאָדערט... איידעס.

איז געוואָרן א סקאַנדאַל.

בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז דער קאַפּוליער ראָוו איז טאַקע יאָ געפאַלן, נאָר געפאַלן איז ער ניט פון באַלקאָנכל...

איז דערגאַנגען צו דעם, אַז דער פּינסקער ראָוו האָט גענומען די רעבעצן, און זיי זײַנען אוועק־געפאָרן צום מעזבעצקער צאַדיק, צו רעב ייִס־ראָעלקן. רעב ייִסראָעלקע האָט אויסגעפאָרשט די גאַנצע געשיכטע, און ער האָט געפּסקנט: אַז די רעבעצן האָט פאַרדינט א גרויסע מיצווע, וואָרעם דורך איר איז דער קאַפּוליער ראָוו ניצל געוואָרן פון טויט, ווײַל ער האָט דאָך כאָלילע געקאָנט פאַלן אָף די שטיינער און דערהארגעט ווערן, איז טאַקע א נעס פון גאָט, וואָס אין דער מינוט האָט דער בוירע אונטערגעשיקט די רעבעצן, און דער רעבע איז געפאַלן אָף א ווייכער זאַך. פון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז דאָס קינד איז גע־בוירן געוואָרן אַלפּי־נעס, און עס וועט אימירצע־שעם זײַן א גרויסער צאַדיק באַ ייִדן. דערנאָך האָט ער געבענטשט דעם פּינסקער ראָוו מיט דער רעבעצן, זיי זאָלן אויסלעבן איניינעם זייערע יאָרן.

— איר פאַרשטייט, — האָט אונדזער ראָוו צו־געגעבן, — אַפּן מעזבעצקער קאָן מען זיך פאַר־לאָזן. איז די זאַך נעמלעך אַזוי. אויב א מענטש פאַלט פון דאַך, און ער טוט ארופאַלן אָף אַן אישע, איז דאָס א נעס מין האַשאָמאַיִם — און סײַ זי, סײַ דאָס קינד זײַנען ריין פון זינד. אָבער איך וואָלט גרײַלעך געוואָלט וויסן, ווער האָט דער ערשטער זיך אָנגעשטויסן אָף דער הארבער קאַ־שע? — האָט דער ראָוו צולעצט געפרעגט.

מע האָט אָנגעוויזן אָף מיר. דער ראָוו האָט מיר געגעבן שאָלעם־אַלייכעם, ער האָט געפרעגט, ווי מע רופט מיך, פון וואָס פאַר א שטאָט קום איך, פון וואָס פאַר א מישפּאָכע שטאַם איך.

— מע רופט מיך איצע, איך בין פון סמאָרגאָן, און איך בין דעם קאָצקערס אַן אייניקל.

— אַזוי גאָר! דו ביסט דעם קאָצקערס אַן איי־ניקל! אויב אַזוי, איז דאָך קיין וווּנדער ניט, וואָס דו ביסט אַזא כאָכעם ווי שלוימע האַמעלעך.

אַלץ, וואָס אין דער געמאָרע שטייט, — איז רעכט. מעשאַנע מאָקעם — מעשאַנע מאַזל — זאָגט די געמאָרע. אין סמאָרגאָן און אין נעס־וויזש האָב איך געשעמט ווי א נאַר, ווי א מע־שוגענער. דאָ, אין שאַדעווע, בין איך מיטאַמאָל געוואָרן א כאָכעם! און אַז גאָט וויל, בין איך גע־וואָרן א צאַדיק אויך... דאָס איז זיך אָבער פאַר־לאָפן שפּעטער.

דאָס איז געווען פאַר פּייסעך. איך האָב גע־לערנט די געמאָרע „פּסאָכים”. „אין פערצעטן טאָג פון כוידעש ניסן דאַרף יעדער ייִד גוט באַ־קוקן זײַן גאַנץ פאַרמעגן: זײַנע הײַזער און הויפן, מיט א ליכט דאַרף ער אַרײַנקוקן אין יעדער לאָך, אין יעדער שפּאַרונע, צי איז אַהין ניט אַרײַנגע־פאַלן א ברעקל ברויט, אַלע ברעקלעך, וואָס ער וועט טון טאָן געפינען, מוז ער אויסראַמען און פאַרברענען”.

איך האָב זיך גענומען באַטראַכטן: „וואָס האָב איך פאַר א פאַרמעגן?.. קיין הײַזער, קיין הויפן — האָב איך ניט. וואָס זשע האָב איך יאָ? א קאַפּאָטע האָב איך!”

מיט מײַן קאַפּאָטע איז דאַפקע ניט גוט. מײַן קאַפּאָטע, פאַרשטייט איר מיך, איז געווייט גע־וואָרן אָף וואַטע, די קעשענעס זײַנען צעריסן, דעריבער זײַנען אַרײַנגעפאַלן ברעקלעך ברויט אין די פאַלעס, ווײַל איך האָב דאָך טאָמיד גע־האַלטן ברויט אין די קעשענעס. דעריבער דאַרף איך אָפּטרענען דעם אונטערשלאַק. האָב איך אַזוי געטאָן. נאָר די ברעקלעך זײַנען צוגעשטאַנען צו דער וואַטע, האָב איך געמוזט אָפּטרענען די וואַ־טע אויך. וואָס מער איך האָב געטרענט און גע־זוכט, אַלץ מער ברעקלעך האָב איך געפונען. די וואַטע איז צעשאָטן געוואָרן, דער אונטערשלאַק און אויבערשלאַק זײַנען געוואָרן ווי א רעשעטע.

אָף מאָרגן איז דער ראָוו געקומען אין שול, ער האָט מיך דערזען אין דער קאַפּאָטע, פרעגט ער:

— וואָס האָט מיט דיר געטראָפן, איצע? היינט זײַנען דיך באַפאַלן?

דערציי̆ל איך אים, ווי די זאַך איז. האָט ער מיך געלויבט אין הימל אַרײַן:

— אַזוי דאַרף טאָן יעדער ייִד. עס איז א קליי־נע צאָרע צו בלײַבן אָן א קאַפּאָטע אָף דער וועלט, וואָרעם די וועלט איז דאָך נאָר א דורכ־גאַנג, א שפּאַן צו דער עמעסער, צו דער אייבי־קער וועלט!

איך בין אויסגעוואַקסן אין ראָווס אויגן ביז גאָר. ער האָט געזאָגט, אַז איך בין א כאָכעם א צאַדיק, ווי מײַן זיידע, דער קאָצקער רעבע זיכ־רוינע ליוואָראָכע. נאָכדעם האָט ער מיך באַזעצט לינקס פון זיך, אָף א בעקאָוועדיק אָרט, און ער האָט אָנגעזאָגט די קלויזניקעס, זיי זאָלן מיך אָכ־פערן. ער פלעגט אַפילע אָפּט שיקן צו מיר מיט א שײַלע וועגן א דין. „אָף אים, — האָט ער גע־זאָגט, — קאָן מען זיך פאַרלאָזן”.

■

אין איינעם א פרימאָרגן איז אין בעסמעדרעש אַרײַנגעגאַנגען עפּעס א הויכער, דאַרער ייִד מיט א צורע, ווי באַ אַן אַלטער מאַלפּע. אַלע האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער, אַפילע דער ראָוו האָט זיך אופגעשטעלט.

— ווער איז ער? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז דער גרויסער גוויר, פּיפערנאָטער אַליין!

איך בין ניספּאָעל געוואָרן. וועגן דעם, אַז פּיפּערנאַטער איז אַ גוויר, האָב איך שוין פון לאַנג געהערט, נאָר איך האָב מיר אויסגעמאָלט, אַז ער באַדאַרף זײַן שיין און דיק. ווער זשע דאַרף טאַקע זײַן דיק און שיין, אויב ניט ער?

די שאַמאָסים האָבן אוועקגעזעצט פּיפּערנאַטערן אַף אַזאַ אָרט, ווי אים פּאַסט, באַ דעם ראַווס רעכטער האַנט, און איך האָב דערהערט זייער שמועס:

— וואָס מאַכט איר, רעב כאַים? עס האָבן אײַך געהאָלפן די דאָקטוירים פון דײַטשלאַנד?

— ניין, רעבע, די בעסטע דאָקטוירים פון בערלין האָבן זיך ניט אונטערגענומען צו פאַרלענגערן מײַן לעבן. זיי זאָגן, אַז מע קאָן מיר ניט העלפן. איך דאַרף, רעבע, זיך פּעדערן אין וועג אַרײַן. אַ ווײַטער מעהאַלעך, רעבע. עס וועט מיר ניט קלעקן קיין מעזוינעס. איר ווייסט, רעבע, אַז איך בין אַ סויכער. ביז איצט האָב איך געהאַנדלט פאַר דער זינדיקער וועלט, איצט באַדאַרף איך האַנדלען פאַר דער אייביקער וועלט. איר פאַרשטייט, רעבע, איך וויל אַף יענער־וועלט אויך זײַן פּיפּערנאַטער. איך וויל ניט, מע זאָל מיך דאָרטן אַרײַנזעצן צווישן קרוע־בלוע. דעריבער וויל איך מיטנעמען וואָס מער סכוירע, גוטע סכוירע.

— וואָס רעדט איר, רעב כאַים, — זאָגט צו אים דער ראַוו, — איר וועט נאָך מירצעשעם לעבן, אַז גאָט וועט געבן, ביז הונדערט מיט צוואַנציק! גאָט איז אַ ראַכום־וועכאַנון, ער איז דער בעסטער דאָקטער. נאָר זײַן גרייט דאַרף אַ ייִד, און וואָס מער מע גרייט אָן, איז אַלץ בעסער.

— איז לאָמיר טאַקע האַנדלען, רעבע. דערלאַנגט נאָר די גוטע, די עמעסע סכוירע, קיין געלט וועל איך ניט זשאַלעווען.

— אָט איז פאַר אײַך גוטע סכוירע, רעב כאַים, — זאָגט דער ראַוו, און ער ווײַזט אָן אַף מיר, — אָט דער יונגערמאַן איז אַ גרויסער לערנער, אַ ווייסער אין דער הייליקער טוירע, און ער איז ביז גאָר פרום... — דערבײַ האָט דער ראַוו דערציילט די געשיכטע מיט מײַן קאַפּאָטע.

— דאָס איז גוט, — האָט געענטפערט דער גוויר, — אַזאַ דאַרף איך טאַקע. נו, זאָג מיר אָקאָרשט, — פרעגט ער מיך, — טעג האָסטו?!

— ניין, ניט אַלע.

— וויפל טעג פעלן דיר?

— עס פעלט מיר... זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרײַטיק און שאַבעס.

דער גוויר האָט אַ לאַך געטאָן.

— איר הערט, רעבע, זײַן כעזשבן? עס פעלן אים אין אַ וואָך אַלע טעג. דאָס הייסט, אַז מע דאַרף אים נעמען אַף שטענדיקע קעסט. דאָס מאַכט ניט אויס. נאָר דו, יונגערמאַן, דאַרפסט וויסן זײַן, אַז איך בין אַ סויכער. אויב איך טו עפּעס, איז דאָס ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, נאָר צוליב רעוועך. איך וויל האָבן אַ כיילעק פון די מיצוועס, וואָס דו וועסט פאַרדינען מיט דײַן לערנען טוירע.

— בעלי־סאָפּעק, — האָט זיך דער ראַוו אַרײַנגעמישט — ווי זשע אַנדערש! עס איז דאָ אַ דין, אַז דער, וואָס איז מעפאַרנעס אַ טאַלמיד־כאָכעם, האָט אַ העלפט פון זײַנע מיצוועס.

— איך וויל, רעבע, מער ווי אַ העלפט. איך וועל אים ניט נאָר מעפאַרנעס זײַן, איך וועל אים באַוואָרענען מיט אַלץ, וואָס ער וועט באַדאַרפן. איך וויל זעכציק פּראָצענט! — האָט דער גוויר געלאָזט וויסן.

און מיר האָבן געשלאָגן טקיִעסקאַף.

■

בייס איך בין געקומען צו פּיפּערנאַטערן, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל עסן מיט אים באַ איין טיש. עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. אין די צימערן איז מײַן פוס ניט געוועזן. איך האָב געגעסן אין קיך.

אָבער פּיפּערנאַטערס קיך איז בעסער פון דער שענסטער זאַל. איך ווינטש אַלע ייִדן זאָלן עסן אין אַזוינע קיכן. די מײַכאָלים איז אָפּגערעדט. אַזוינס האָט דער קייסער אַליין ניט געגעסן. פלייש — וויפל דו ווילסט, ווײַסע בולקעס זײַנען אַפילע איבערגעבליבן. די קיך איז פול מיט מענטשן. כוץ מיר, האָבן געגעסן נאָך קלויזניקעס, וועלכע האָבן אויך געלערנט טוירע פאַרן באַלעבאָס־וועגן, קעדיי ער זאָל קומען אַף יענער־וועלט ניט מיט קיין ליידיקע הענט. באַ אַלע טישן זײַנען געזעסן פורמאַנעס, באַדינער, אַלע די, וואָס האָבן געהאָרעוועט צוליב דעם באַלעבאָס אַף דער זינדיקער וועלט.

וועגן דער פרומקײַט פון פּיפּערנאַטערס קיך איז ניט אויסצודערציילן. פליישיקס מיט מילכיקס באַגעגענען זיך קיינמאָל ניט. ער האָט ניט איין קיך, נאָר צוויי: אַ מילכיקע קיך מיט אַ פליישיקער קיך. אַפילע דינסטן אויך צוויי. אַ מילכיקע און אַ פליישיקע. אַף ביידע קיכן גיט אַכטונג דעם באַלעבאָס' קרויווע, ציפּע־דרייזל, אַ יונג מיידל, פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. אַזאַ שיינע, אַזאַ דיקע האָב איך, צײַט איך לעב, ניט באַגעגנט. צו דערצו איז זי אַזוי פרום. אַלע מינוט וואַשט זי די הענט און זאָגט טפילעס.

איך האָב באַמערקט, אַז בייס איך עס, וואַרפט אָפּט ציפּע־דרייזל אַף מיר אַן אויג. איז מיר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: „צי געפעלט איך איר אַמאָל ניט? עפּשער וויל זי מיך פאַר אַ כאָסן? ניין, דאָס קאָן ניט זײַן, זי איז דאָך אַזאַ גווירס אַ קרויווע“.

אַנומלטן, איך בענטש שוין אָפּ נאָך וואַרמעס, זאָג אַ גוטן טאָג און וויל אַוועקגיין. ערשט עמע־

צער רופֿט מיך. איך טו א קוק, ציפּע־דרייזל רופֿט מיך.

— זײַט מוחל, — זאָגט זי, — איך וויל בא אײַך בעטן א טויווע.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— די באלעבאַטים זײַנען אוועקגעפֿאָרן אַף דאַטשע, איך בין איינינקע אליין אין שטוב. ווי קאָן א ייִדישע טאָכטער נעכטיקן אליין. האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט קומען אהער נעכטיקן.

— אוי, מיטן גרעסטן קאָוועד.

■

אז איך בין אין אָוונט אהין געקומען, איז ציפּע־דרייזל געווען פאַרפּוצט, ווי א קאַלע. א פּוללײַביקע, א ווײַסע, אָן אויסגעפּוצטע — אָן עמעסע פּרינצעסן. ניין, וואָס רייד איך, נאָך שענער פון א פּרינצעסן! זי האָט אוועקגעשטעלט אַפֿן טיש אזא קיבעד, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן ניט פאַרזוכט. און זי האָט געשמועסט מיט מיר, ווי מיט איר גלײַכן. עס איז אפילע א האָר ניט געווען צו באמערקן, אז זי איז אזא גווירס א קרויווע.

— עס איז פאַר איר, — האָט זי געזאָגט, — א גרויסער קאָוועד, וואָס אזא געמאָרע־קענער, ווי איך, איז געקומען נעכטיקן.

זי האָט געהערט, ווי פרום איך בין, די גאַנצע וועלט ווייסט די געשיכטע מיט מײַן קאַפּאָטע.

— איר דאַרפט אָבער וויסן, אז איך בין אויך ניט אבי ווער. איך בין פרום, איך טו טפילע אלע טאָג, ווי א מאַנצבל. און גאַנצע טעג לויב איך גאָט, — זאָגט זי.

זי האָט מיר אָנדערציילט וועגן איר לעבן, וועגן אירע פאַרדינסטן. כוץ די סכירעס, פּאַלט איר אויך עפּעס ארײַן. בא די באלעבאַטים איז אָפּטע בעלער, עס קומען צו פאָרן זייער כאַשעווע לײַט, לאָזן זיי איבער פאַר איר טרינק־געלט.

— אשטייגער, יענע וואָך איז געווען אזא זאַך: א פּאָרעץ האָט זיך געלאָזט ווילגיין, האָט ער זיך געמאַכט א פּאַפּיראָס פון א פינף־און־צוואַנציקער, האָט א צווייטער פּאָרעץ אַף צולאָכעס געמאַכט א פּאַפּיראָס פון א פופציקער. איך האָב צוגעכאַפּט די באַנקנאָטן, גלײַך ווי די פּריצים האָבן זיי א וואָרף געטאָן. כאָטש זיי האָבן זיך א ביסעלע פאַרסמאַליעט, האָב איך זיי אויסגעביטן אין באַנק.

אזוי האָבן מיר געשמועסט ביז שפּעט באַנאַכט. דערנאָך איז זי אוועק אין איר צימער, און איך בין געבליבן נעכטיקן אין דערבײַיִקן צימער.

אז ציפּע־דרייזל איז אוועק, האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך האָב איר קיין האַנט ניט געגעבן, האָט מיך זייער פאַרדראָסן, זי קאָן דאָך מיינען, אז איך בין א נאַר. אינדערעמעסן, עס איז א גרויס נאַרישקײַט פון מיר. אָבער עס לאָזט זיך פאַרגלעטן. אָט גיי איך ארײַן צו איר און איך זאָג: „זײַט מוחל, איך האָב פאַרגעסן אײַך צו געבן א האַנט, בייס מיר האָבן זיך געזעגנט”.

עס הערט זיך א גרינגער קלאַפּ — ווײַזט אויס, זי האָט א וואָרף געטאָן א שוך. איצט האָט זי זיך שוין מאַשמאָעס אויסגעטאָן. זי ליגט שוין אונטער דער קאָלדרע. אָט איצט גיי איך צו איר.

טו איך מיך אָן, איך בין שוין בא דער טיר, איך האַלט די קליאַמקע אין האַנט, אָבער איך שרעק זיך, לייג איך זיך צוריק אַף מײַן געלעגער. איך ליג און איך טראַכט: „אַך, ווי שיין זי איז!.. ווי באלײַבט זי איז!.. דאָס איז דאָך גאָר קיין וווּנדער ניט — זי לעבט אין אזא גווירישער שטוב, זי עסט, וואָס זי וויל. אפילע איך בין פאַר די צוויי וואָכן, וואָס איך עס באַם גווירס טיש, פולער געוואָרן, איז דאָך שוין אָפּגערעדט וועגן איר, וואָרעם זי איז דאָך בא פּיפּערנאָטערן גאַנצע דרײַ יאָר. ווען איך וועל דאָ זײַן אזא צײַט, ווי ציפּע־דרייזל, וועל איך ווערן אזוי דיק ווי זי. און טאָמער האָט זי מיט מיר כאַסענע, וועלן מיר אויסזען ווי דער טאַנע ראַוו פּאַפּע מיט זײַן ווײַב. זיי זײַנען דאָך געווען גרײַלעך דיק. די געמאָרע דערציילט, אז ווען זיי פלעגן זיך גאָר נאָענט אוועקשטעלן, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, פלעגט אונטער זייערע בײַכער קאָנען דורכפאָרן א קאַרעטע מיט צוויי פערד. איך שטעל זיך פאָר, ווי איך שטיי מיט ציפּע־דרייזלען אזוי נאָענט ווי ראַוו פּאַפּע מיט זײַן פלוינעסטע און אונטער אונדזערע בײַכער פאָרט דורך א קאַרעטע. אוי, וואָס פאַרא זינדיקע געדאַנקען! מע טאָר ניט טראַכטן וועגן אזוינע זאַכן, לאָמיך בעסער טראַכטן וועגן בעסמעדרעש, וועגן אָרנקוידעש מיט די סייפערטוירעס. דאָס זײַנען גאָטספאָרכטיקע געדאַנקען. וואָס פאַר א שיינער אָרנקוידעש אין אונדזער בעסמעדרעש שטייט, וויפל סייפערטוירעס גייען אין אים ארײַן? זעקס. וואָס וואָלט געווען, אז ציפּע־דרייזל זאָל גאָר ווערן אַן אָרנקוידעש? זי איז דאָך, קיין אײַנהאָרע, אזוי דיק, ווי דער אָרנקוידעש. עמעס, זי איז שמעלער, אָבער דרײַ סייפערטוירעס וואָלטן געוויס ארײַן אין איר. וואָס וואָלט געווען, ווען ציפּע־דרייזל איז אַן אָרנקוידעש, און איך בין א סייפערטוירע...”

אוי, ווידעראַמאָל זינדיקע געדאַנקען. לאָמיך בעסער טראַכטן וועגן אייבערשטן, וועגן אַלמעכטיקן! וואָס פאַרא ניסים ער האָט געטאָן מיט אונדז, ייִדן. פון מיצראַיִם האָט ער אונדז ארויסגעפירט, אַף פּאַרען האָט ער אָנגעשיקט מאַקעס. איך דערמאָן זיך, ווי אין דער האַגאָדע לעפּייסעך איז געווען אָנגעמאָלט פּאַרע, אין א קרוין, א באָרד האָט מען אים געמאַכט א הילצערנע. שטייט ער און קראַצט זיך מיטביידע הענט,

ווײַל דער אייבערשטער האָט אַף אים אָנגעשיקט קינים.

ניין, איך קאָן ניט טראַכטן וועגן קיין אַנדערע זאַכן, ווײַל נאָר ציפּע־דרייזל ליגט מיר אין זינען! וואָס האָב איך מוירע? איך דאַרף דאָך גיין און איר געבן א האַנט. אָט בין איך ווידער לעבן איר טיר, און ווידער ווער איך אָפּהעטיק, איך לייג זיך צוריק אין מײַן געלעגער. איך הייב זיך ווידער אוף, שפּאַן הין און צוריק איבערן צימער, איך דערזע אַן אַלמער. איך עפן די טירלעך. דאָרטן איז פול סלאָיעס מיט אַלערליי אײַנגעמאַכטס. איך וויל זייער פּאַרזוכן. און פּאַרוואָס טאַקע ניט? קיינער זעט דאָך ניט. איך נעם זיך צו דעם אײַנגעמאַכטס, איך נאַש, וויפל איך וויל, דערנאָך לייג איך זיך ווידער שלאָפן.

עס כאָלעמט זיך מיר, אַז פּייסקע דער שאַמעס רופט מיך: „איצע, עס פעלן דיר טעג? קום מיט מיר אין גאַניידן, דאָרטן וועט מען דיר געבן עסן". גיי איך. ער פירט מיך דורך קעלערס, דורך היילן, מיר גייען און גייען. צום סאָף קומען מיר צו צו עפּעס א נידעריקער טיר. „אָט דאָ איז דער גאַניידן", — זאָגט פּייסקע, און ער ווערט פאַרשווונדן. איך עפן די טיר און זע, אַז דאָס איז גאָר א באָד.

— ווער איז דאָ שאַמעס? — פרעג איך.

— איך, — ענטפערט עמעצער.

— סטײַטש, — זאָג איך, — פּייסקע האָט מיך געפירט אין גאַניידן, און דאָ איז גאָר א מערכעץ!

— דאָס איז דער גאַניידן־מערכעץ. איידער מע שפּאַנט ארײַן אין גאַניידן, דאַרף מען זיך גוט אויסוואַרעמען די ביינער!

— אהא, איך פאַרשטיי שוין.

איך האָב זיך אויסגעפּאַרעט, קריך אראָפּ פון פּאָלקע און גיי אין מיקווע. די מיקווע שמעקט א כּיעס! באַ אונדז אין שטאָט האָט די מיקווע אויך געשמעקט, נאָר עס האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער רייעך.

בייס איך בין ארויס פון מיקווע, האָט מיך דער שאַמעס אוועקגעפירט אין גאַניידן ארײַן. אַנטקעגן קומט אונדז אַן אַלטיטשקער מיט א צורע, וואָס איז געראָטן אין א קאַרטאָפליע, מיט לאַנגע פּייעס.

— אהא, דיך האָט אהער געשיקט פּייסקע דער שאַמעס, איך ווייס. ווי זשע, וואָס ווילסטו עפּעס עסן?

— איך ווייס... וואָס האָט איר?

— אוי, ביסטו א שוטע! אין גאַניידן איז אַלץ דאָ. זאָג, וואָס דו האָסט ליב.

פאַרטראַכט איך זיך: וואָס האָב איך טאַקע ליב? יאָ, איך האָב זיך געכאַפּט: איך וויל צימעס, געהאַקטע לעבער, קוגל... קוגל איז די געשמאַקסטע זאַך!

— גוט, נאַ דיר קוגל, — זאָגט דער אַלטיטשקער.

און ער פירט מיך ארײַן אין עפּעס א מין סוקע.

— עס, — זאָגט ער צו מיר.

— וואָס עסט מען דאָ? — פרעג איך.

טוט ער א ווײַז אַף די ווענט. איך קוק זיך צו, דערזע איך, די ווענט זײַנען געמאַכט געוואָרן פון קוגלען, פון אַלערליי קוגלען אַף דער וועלט! געפּילטע העלדזלעך, לאָקשן־קוגלען, און וואָס פאַר קוגלען איר ווילט! עס גייט פון זיי א פּאַרע און עס רינט פון זיי הינערשע שמאַלץ.

— א לעפל, א גאָפּל? — זאָג איך.

— לעפל און גאָפּל האָבן די אַריסטאָקראַטן אויסגעטראַכט. אין גאַניידן עסט מען מיט די הענט.

גאָר אַזוי? איך נעם זיך צו דער אכילע. איך עס און איך עס. אין דער וואַנט איז שוין געוואָרן א היפּשע לאָך. גיי איך צו דעם אַלטיטשקן און איך דערצייל אים וועגן דער זאַך.

— וואָס זשע איז? צו געזונט זאָל דיר זײַן, — זאָגט ער, — קאָנסט אופעסן אַלע פיר ווענט.

עס איך אוף אַלע פיר ווענט, און איך גיי ווידער צו דעם אַלטן, וואָס האָט א צורע ווי א קאַרטאָפליע.

— איך האָב אַלץ אופגעגעסן, — זאָג איך צו אים.

— זאָל דיר ווויל באַקומען. וואָס נאָך ווילסטו?!

— איך וויל... איך וויל עפּל.

פירט ער מיך אוועק אין גאַניידן־גאָרטן, אַף אַלע ביימער וואַקסן עפּל.

— אַלע עפּל מעגסטו אופעסן, — זאָגט ער צו מיר, — נאָר די עפּל, וועלכע וואַקסן אַף די ביימער, דאָרטן אַפּן בערגל, זאָלסטו ניט אָנרירן. דאָרטן וואַקסן פאַרבאָטענע פּיירעס.

איך קוק אהין און זע, עפּעס א באָבע גייט גלײַך צום בערגל.

— ווער גייט דאָרט? — פרעג איך.

— דאָרטן גייט כאַוועס.

— כאַוועס? זי איז דאָך שוין אנומלטן ארײַנגעפאַלן, וואָס זשע קריכט זי ווידער? „באָבעלע, — שרײַ איך, — באָבעלע!" נאָר זי הערט ניט. מיסטאַמע איז זי טויב געוואָרן אַף דער עלטער. אָט איז זי שוין אַפּן בערגל, זי האַלט אַן עפּל אין האַנט. איך טו א יאָג צו איר, שלעפּ זי אוועק פון דער צווײַג, און מיר קײַקלען זיך ביידע באַרג־אראָפּ. מיר בלײַבן ליגן אַפּן וואַרעמען זאַמד. איך קוק ארײַן אין כאַוועס פּאַנעם — אוי, דאָס איז דאָך גאָר ציפּע־דרייזל.

— דאָס זײַט איר, ציפּע־דרייזל, ווי קומט איר אהער?!

— וואָס הייסט, ווי קום איך אהער?! צי דען קאָן זײַן דער גאַניידן אָן מיר? זאָגט בעסער, פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגעריסן פון בוים?

— איך האָב אײַך געוואָלט אָפּהיטן פון אַן אוויירע.

— די אווירע איז דאָ גראַד מיט מיר... — דאָס פאַרבאָטענע עפּעלע איז אין איר האַנט, זי רעדט מיך איַין, איך זאָל עסן דאָס עפּעלע אייניינעם מיט איר.

■

איך האָב זיך אופגעכאַפּט פון א שטאַרקן בויך־ווייטעק. עס שנײַדט, ווי מיט מעסערס. דאָס שטראָפט מיך גאָט פאַר דעם איַינגעמאַכטס. איך וועל כאָלילע שטאַרבן אָן ווידע.

ציפּע־דרייזיל לויפט אריַין א נאַקעטע, זי איז פאַרוויקלט אין א ליַילעך.

— וואָס איז? וואָס שריַיט איר?

— אוי, מיַין בויך!

— דער בויך? איר האָט געוויס געכאַפּט אָן איבעריקן ביסן. עס איז גאָרנישט. פּיפערנאָטער עסט זיך אויך אָפּטמאָל איבער, כאַפּט אים אויך, ווי איַיך. אויב איר ווילט, וועל איך איַינרײַבן דעם בויך. דעם באַלעבאָס טו איך אויך אַזוי. האָט קיין מוירע ניט, א קראַנקן מעג מען.

אַז זי האָט זיך גענומען צו מיַין בויך, איז מיר געוואָרן א מעכיַיע, עס צעגייט זיך א מעסיקעס פון אירע הענט אין אלע מיַינע גלידער. עס טוט מיר שוין ניט וויי, נאָר עס ווילט זיך מיר, זי זאָל ניט אופהערן... עס גלוסט זיך, זי זאָל רײַבן נאָך און נאָך.

— עס טוט איַיך נאָך וויי?

— עס איז שוין איבערגעגאַנגען, — זאָג איך.

— געלויבט איז גאָט. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר נאָך ביז איצט. אָט לייגט צו איַיער האַנט.

זי דעקט אָפּ דעם ליַילעך, זי רוקט זיך צו צו מיר, זי כאַפּט ארום מיַין קאָפּ מיט אירע הענט, און זי דריקט מיך צו צו איר האַרץ.

— טראַכט נאָר ניט איבער, שרעקט זיך ניט, מיַין האַרץ איז ריין און פאָרכטיק, — זאָגט זי.

דער ליַילעך איז אראָפּגעפאַלן, מיך וואַרפט ווי אין קאַדאָכעס.

— וואָס איז מיט איַיך דער מער? — פרעגט זי.

— דאָס האַרץ מיַינס קלאַפּט, — זאָג איך.

זי האָט מיך ארומגעכאַפּט מיט אירע הענט און זי האָט צוגעלייגט איר אויער צו מיַין האַרץ. צוויי גאָטספאַרכטיקע הערצער האָבן גענומען קלאַפּן באַנאַנד.

■

אינדערפרי, ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, איז שוין געווען ליכטיק. איך הער, ווי עס דונערט. איך זע, ווי עס בליצט, א גרויל נעמט מיך. עס דונערט אלץ שטאַרקער, אלץ העכער. איך ציטער, ווי א בלאַט, אַז די וועלט זאָל ניט כאָרעוו ווערן צוליב אונדזער זינדיקער נאַכט.

— ציפּע־דרייזעלע, ציפּע־דרייזעלע! — וועק איך זי.

— וואָס איז, מיַין ליבינקער, מיַין ברעקעלע!

— איך האָב מוירע.

— וואָס שרעקסטו זיך, נאַרעלע!

— הער, וואָס פאַר א דונער, זע, ווי עס בליצט. איך ציטער, דער אייבערשטער זאָל כאָלילע די וועלט ניט כאָרעוו מאַכן צוליב אונדזער זינד.

— האָב גאָר קיין מוירע ניט, גאָט בייזערט זיך ניט. ער האָט האַנאָע פון אונדז. מיר זיַינען דאָך אַזוי גאָטספאַרכטיק. אונדזערע הערצער זיַינען אַזוי ריין פון זינד. גאָט וועט אונדז ניט שטראָפן. ער וועט אונדז בענטשן.

די וועלט איז ניט כאָרעוו געוואָרן.

גיט מיר אָפּ מאַזלטאָוו, איך האָב כאַסענע געהאַט. ציפּע־דרייזיל איז מיַין וויַיב.

די פלוי און דער צאדיק

איך האָב געקראָגן א דעפּעש, אַז מיַין רעבע, רעב דאָווידל, פון קאַקאָסטרינקע, איז טויט־קראַנק. האָב איך ארופגעכאַפּט די קאַפּאָטע און איך לויף צום וואָקזאַל. ווען איך בין געקומען קיין קאַקאָסטרינקע, האָט דער רעבע באַוויזן אויסצורײדן צו מיר סאַכאַקל עטלעכע ווערטער:

— איצע, — האָט ער געזאָגט, — איך שטאַרב. פלי גלײַך אין הימל אריַין, זאָג, אַז דער רעבע גייט. זאָל מען אָנגרייטן א באַגעגעניש ווי עס באַדאַרף צו זיַין.

— רעבע, — זאָג איך, — פאַר איַיך זשאַלעווע איך קיין זאַך ניט, אָבער ווי קאָן איך פּאָפּאַדיען גלײַך אָפּן הימל?

— נעם מיַין שטעקן, זעץ זיך און רײַט...

קיין איינציק וואָרט האָט דער רעבע מער ניט באַוויזן ארויסצוברענגען — און ער איז געשטאָרבן. „ווי וועל איך רײַטנדיק אָף א שטעקן ארויף אָפן הימל? — טראַכט איך. — אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן". אָבער אַז דער רעבע זאָגט?.. און ווי נאָר איך האָב זיך ארופגעכאַפּט אָפן שטעקן, האָט ער זיך א לאָז געטאָן מיט מיר

הויך און העכער. אָט שוועב איך שוין אינדערלופטן, די ערד איז אונטער מיר. איך האָב גראָד באגעגנט עטלעכע עראָפּלאנען, אָבער וואָס פאר א מאמאָשעס האָט זייער פליִען אין פארגלײַך מיט מײַן ווונדער־שטעקן, א טשערעפּאכע קאָן מען גלײַכן צו אן אָדלער? איך האָב געקוקט אף די עראָפּלאנען און געטראכט: ווי שאָפל עס זײַנען די אויסטראכטענישן פון די הײַנטיקע מענטשן? די עראָפּלאנען האָבן קוים מיט צאָרעס דורכגעשלאָגן די וואָלקנס, און איך פלי אלץ העכער, העכער, איינס, צוויי — און איך בין שוין אפן הימל.

די קלאָווים האקדוישים זײַנען מיך באפאלן, האָב איך א הייב געטאָן מײַן ווונדער־שטעקן, און זיי זײַנען זיך צעלאָפן. האָב איך אויסגעשריִען: „דער הייליקער רעבע, רעב דאָווידל פון קאקאסטרינקע איז געשטאָרבן! לויפט אים באגעגענען!" באלד האָבן זיך דערהערט קוילעס פון אלע זײַטן, איבערן גאנצן הימל האָט מען געשריִען: „רעב דאָווידל פון קאקאסטרינקע איז ניפטער געוואָרן! לויפט אלע אהער אים בא־א־געגענען!"

עס איז געוואָרן א גערודער. צאדיקים מיט צידקאָניעסן — מע לויפט גאנצע געזעמלעך, עס לויפן מאלאָכים מיט טרומייטן, מיט הארפעס, מיט טאצן און פויקן — מע לויפט אָן א סאָף. עס הערט זיך א רוישן פון פייגל. עס פליִען מאלאָכים — מאנצבלען מיט גילדענע פליגעלעך. די צאדיקים בויען שוין די טריִומפאלע טויערן. אָט דערטראָגט זיך צו מיר דעם רעבנס ניגן — דאָס פירט מען אים. איך טו א געשריי: „דער רעבע גייט!" אלע צאדיקים מאכן א קאראהאָד. זיי באגלייטן דעם רעבן מיט טענץ און געזאנג, אלע מאלאָכים מיט טאצן און פויקן פלעכטן זיך אויך ארײַן אין קאראהאָד, און מע זינגט מיט איין קאָל: „אז דער רעבע האָט געוואָלט ארוף אפן הימל, אָבער קיין לייטער איז ניט געווען, האָט דער רעבע באפוילן, א לייטער זאָל ווערן, האָט זיך געיאוועט א לייטער אין איין האלב שאָ. דער רעבע קריכט אין הימל, די כסידימלעך קריכן אויך, און זיי פילן דערפון אזא מין טאם, וואָס קיין מיסנאגיד פילט עס אוואדע ניט... אז דער רעבע האָט געוואָלט קינדערלעך האָבן, אָבער קיין קינדער זײַנען ניט געווען, האָט דער רעבע באפוילן, אז קינדער זאָלן ווערן, זײַנען קינדער געוואָרן אין איין האלב שאָ. אז דער רעבע קינדלט, קינדלען די כסידימלעך אויך, און זיי פילן דאָך דערבײַ אזא מין טאם, וואָס קיין מיסנאגיד פילט עס אוואדע ניט..."

דעם רעבן פירט מען אונטער די הענט, איך רײַט פאָרויס אפן שטעקן, איך שרײַ: „מאכט א ווארע! א ווארע מאכט! פאר דעם רעבן, דעם צאדיק, ער גייט אין גאניידן!"

פלוצעם — שטייט! א כאָפּטע שווארצע מעכאבלים פארצוימען דעם וועג.

— א ווארע! — שרײַ איך מיט אלע מײַנע קויכעס. אָבער די מעכאבלים צעלאכן זיך מיט א מעשונעדיק געלעכטער, זיי ווערן אלץ מער און מער. אָט שטייען זיי שוין ווי א וואנט.

— „מאכט א וועג צום גאניידן פארן צאדיק!" — שרײַ איך. זיי הערן ניט מײַן געשריי. זיי ענטפערן מיט רוגזע:

— זײַן אָרט איז אין גענעם, ניט אין גאניידן!

— ווער זײַט איר?

— מיר זײַנען די שליכים פון גענעם!

— ווי עפנט זיך אײַער מויל צו באשולדיקן דעם רעבן? מיר וועלן צונויפרופן א מישפעט.

— אָט דאָס דארפן מיר טאקע!

און אָט גרייט זיך שוין דער מישפעט. עס גייט א האמוין אלטע לײַט מיט לאנגע בערד, מיט פּייעס ביז צו דער ערד, אלע זײַנען אָנגעטאָן אין לאנגע קאפּאָטעס. זיי זעצן זיך אויס בא א גרויסן טיש, אפן טיש ליגן ריזיקע ספאָרים. זיי רופן ארויס דעם רעבן:

— מא שמעכאָ, ווי איז דײַן נאָמען?

— דאָוויד.

— ווי רופט מען דײַן טאטן?

— כאיִם.

— פונוואנען ביסטו?!

— פון קאקאסטרינקע.

— וואָס איז געווען דײַן טועכץ אף דער ערד?

— איך האָב געלערנט די הייליקע טוירע.

— דערלאנגט די טוירע!

עס נעמען פליִען הייליקע פּסוקים, סייפערטוירעס, מוירעדיק גרויסע ספאָרים, וועלכע דער רעבע האָט געלערנט בייס זײַן לעבן.

— מיט וואָס נאָך האָסטו זיך מיסאסעק געווען?

— איך האָב ניסים געטאָן.

— אהער די ניסים!

עס באווײַזט זיך דעם רעבנס קאבינעט. הינטער דער אָפענער טיר — א האמוין מענטשן. דער שאמעס שטייט מיט א גרויסער קופּערנער שיסל אין די הענט. ווער עסווארפט ארײַן אין שיסל א גרעסערע מאטבייע, יענעם לאָזט דער שאמעס גלײַך ארײַן צום רעבן. עס קומט ארײַן א טאטע מיט א טאָכטער. די מויד איז ברייטער ווי לענגער, זי גייט ניט, זי קוליעט זיך, ווײַל זי האָט קרומע פיס. די אייבערשטע ציין שטארצן איבער דער אונטערשטער ליפּ, אונטער דער נאָז איז אויך ניט קעשורע.

— רעבע, — זאָגט דער טאטע, — מײַן בסולע דארף א כאָסן, אָבער קיינער וויל זי ניט. איך וואָלט צופרידן געווען א ליאדן באָכער, אבי א מאנצבל.

דער רעבע באפוילט:

— זאָל זי געפינען כיין אין מאנצבלשע אויגן!

און ווי נאָר דער טאַטע מיט דער טאָכטער גייען ארויס פון רעבנס קאַבינעט, לויפט זיי באַלד די מאזל־בראָכע אנטקעגן. די באַלעגאָלעס מיימעסן איינער דעם צווייטן, יעדערער וויל, די טאָכטער זאָל זיך זעצן גראָד אף זײַן פור. און ווען זיי קומען אהיים, שפּרינגט אין איר פּאַנעם אַרײַן אפילע דער האָן.

שאדכאָנים לויפן פון אלע עקן וועלט, כאַסאַנים שפּאַרן דורך טיר־און־טויער. זי אָבער דרייט מיט דער נאָז. און צום סאָף — האָט זי כאַסענע מיט א באַנקיר!

נאָך א נעס. עס שטעלט זיך אַרײַן א געזונטער, א יאַדערדיקער יונגערמאַן.

— רעבע, איך דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו, העלפט, איך זאָל אויסגעלייזט ווערן!

דער רעבע באַפוילט:

— פון פּריסוטסטווע זאָל מען דיך אַרויסיאָגן!

דער יונגערמאַן קומט אין פּריסוטסטווע. ווי ער נעמט אזוי אראָפּ דאָס היטל, גיבן אלע א געשריי:

— וואָן!

וואָרעם דער רעבע האָט אים געטאָן א נעס — ער האָט אים באַקרוינט מיט א פּאַרך ביז צו די אויערן, און מיט דעם איז יענער געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג.

נאָך א נעס. עס קומט א יידענע. זי איז אַן אַקאָרע. דער רעבע באַפוילט:

— קינדער זאָל זי האָבן!

איז זי גלײַך באַשאָטן געוואָרן: קינדער אין די בעטן, קינדער אונטער די בעטן, אין די מולטערס קינדער, אפן פּריפּעטשיק קינדער, ווו מע טוט זיך א קער — קינדער, קינדער און קינדער.

דעם רעבנס א שלאל ניסים זײַנען געבראַכט געוואָרן פאַר די הימלשע שאָפטים.

— ראַבויסײַ, איר האָט געזען? — זאָגט דער פּאַרטיידיקער. — רעב דאָווידל האָט באַוויזן פיל מאָפסים. א מיִעסע קאַלע האָט געטאָן א רײַכן שידעך. ער האָט אָנגעשיקט צאָרעס אף א גע־זונטן יונג. ער האָט געמאַכט קינדלען אַקאָרעס... פאַר אזא צאַדיק פאָדער איך דאָס בעקאָוועדיקסטע אָרט אין גאַניידן!

עס נעמט א וואָרט דער באַשולדיקער:

— דער רעבע האָט אַרויסגעצויגן געלט בא קאַפּצאָנים, — וואַרפט פאַר דער באַשולדיקער, — אָרעמעלײַט האָבן אים אוועקגעגעבן די לעצטע פּרוטעס, בייס זײַן ווײַב־און־קינדער זײַנען גע־גאַנגען אין פּערל און בריליאַנטן. ער גופּע איז אַרומגעפאָרן אין באַגילדעטע קאַרעטעס, ווי די מאַלכעסטע יעקאַטערינע. ער האָט פאַרפירט ווײַבער און ער האָט געבראַכט מאַמזיירים אף דער וועלט!

א שלאל גנײַ־דיבורים האָט דער באַשולדיקער געלאָזט פאַלן אף מײַן רעבן, ער האָט געשאָטן אזוינס, וואָס איך קאָן דורך מײַנע לעפּצן ניט אַרויסברענגען. אָבער די ריכטער האָבן אים גע־מאַכט צו שטויב און צו אַש:

— וואָס זשע איז אזוינס, אויב דער רעבע האָט פאַרפירט פרעמדע ווײַבער אָדער ער האָט גענו־מען געלט בא קאַפּצאָנים? ער מעג. עס איז נאָך אף דער וועלט ניט געווען אזא צאַדיק, וועלכער זאָל ריין זײַן פון אזוינע אווייראָס. אלע צאַדי־קים, אפילע אונדזער מיילעך דאָוויד, איז געווען זינדיק. דער כאָכעם שלוימע־האַמעלעך איז דאָ־ווידס א זײַטיקער זון, וואָרעם באַשעווע האָט געהאַט שלוימען, ווען איר מאַן, דער גענעראַל אורי האכיטי, איז געווען אף מילכאָמע. איז גע־דרונגען, אז רעב דאָווידל איז ניט זינדיק, זײַן אָרט איז אין גאַניידן.

— אין גאַניידן! — שאַלט מען פון אלע זײַטן.

אָבער פּלוצעם טרעט אַרויס איינער פון די שוואַרצע געגנעם־שליכים, ער לאָזט וויסן:

— ניין, ראַבויסײַ, רעב דאָווידל איז יאָ זינדיק, ער האָט אף זיך נאָך א גרויסע אווייראָ!

— וואָס פאַר אַן אווייראָ?

— ער איז מעכאַלעל־שאַבעס געווען!

אלע זײַנען צעטומלט געוואָרן, עס זײַנען שטיל געבליבן די שאַלנדיקע שטימעס.

— וויאזוי איז ער מעכאַלעל־שאַבעס געווען?

— ער האָט געכאַפּט א פּלוי און ער האָט זי דערהאַרגעט אום שאַבעס.

— אהער די פּלוי!

די פּלוי יאַוועט זיך — שפּרינג־שפּרינג און זי טײַנעט שוין:

— דער רעבע איז מיך באַפאַלן, ער האָט מיר צעבראָכן האַלדז־און־נאַקן אין טאָג פון הייליקן שאַבעס.

— ווי רופט מען דיך?

— פּלוי.

— ווי רופט מען דײַן פאָטער?

— אויך פּלוי.

— פונוואַנען שטאַמסטו?

— פון קאַקאָסטרינקע.

— ווי קומסטו קיין קאַקאָסטרינקע?

— סטײַטש, ווי קום איך אהין? עס איז ניט צו געפינען קיין איין פּלוי אף דער וועלט, וועל־כע האָט ניט געהערט וועגן גרויסן באַל־מויפעס, דעם פּיקייעך, דעם הייליקן רעבן פון קאַקאָס־טרינקע. טאַקע דעריבער זײַנען דאָך די פּליי פון אלע עקן וועלט דעם רעבנס כסידים. איך האָב אויך געוואָלט הערן טוירע פון זײַן מויל, האָב איך זיך אוועקגעלאָזט פון בערדיטשעוו קיין קאַקאָסטרינקע. כאָדאָשימלאַנג בין איך גע־שפּרונגען צופוס, ביז איך בין בעשאָלעם אָנגע־קומען אין רעבנס הויף. געקומען אהין, נעם איך זוכן דאָס מײַניקע, די כסידים־פּליי — ניטאָ אף א רעפּועש! ווו זײַנען זיי? וואָס איז דאָ מיט זיי דער מער?.. צום סאָף דערוויס איך זיך, אז אין קיין פּליי איז באַם רעבן קיין דויכעק ניט, אָבער

זיי ליגן באהאלטן אין אלע שפּארונעס, זיי ציטערן פאר דער ליכטיקער שייַן. וואָס איז די מייַסע? דעם רעבנס שאמעס איז א קאַט. קוים פּאקט ער א פלוי, ברענגט ער זי גלייַך אום. זינט ער איז שאמעס באַם רעבן, האָט ער פארלענדט הונדערטער פליי. דער רעבע אָן דעם שאמעס טוט קיין שפּאן ניט.

וואָס זשע טו איך? האָב איך גענומען זוכן אזא אָרט, ווו דער רעבע איז בעיעכידעס. האָב איך צוגעטראָפן: און איך בין אריינגעשפּרונגען צו דער רעבעצן אין זאָק. פון דער רעבעצנס זאָק האָב איך אריינגעטאנצט צו דעם רעבן אין קראגן. דאָרטן בין איך שטילינקערהייט געזעסן ביז פרייַטיק־צונאכט. פרייַטיק־צונאכט, נאָך דער יויך מיט לאָקשן, פארן צימעס, האָט דער רעבע גענומען דארשענען. בין איך ארויסגעשפּרונגען, איך האָב געלעכצט הערן זייַנע הייליקע רייד. דאָ האָט ער מיך א כאפּ געטאָן מיט זייַנע צוויי פינגער און ער האָט מיך דערהארגעט. אזוי האָט ער מעכאלעל־שאבעס געווען.

די פלוי איז שטיל געבליבן. די ריכטער האָבן זיך געכאפּט באַ די קעפּ. א גרויל איז אלעמען באפאלן. עס האָט גענומען דונערן און בליצן. א מוירעדיקער שטורעם־געוואַי האָט זיך דערהערט... א קלייניקייַט! דער רעבע האָט אומגעבראכט א פלוי. דער רעבע איז געשטרויכלט געוואָרן מיט כילעל־שאבעס.

אָט איז דער פּסאק, וואָס דער ריכטער האָט פאָרגעלייענט:

— מיר האָבן אויסגעהערט דאָווידן, כאַימס זון פון קאקאסטרינקע — פון איין צאד, מיר האָבן אויסגעהערט די פלוי, דעם פלויס זון — פון צווייטן צאד. דאָוויד איז געווען א צאדיק, ער האָט געלערנט טוירע, ער האָט ניסים געטאָן. עמעס, ער האָט גענומען געלט באַ אָרעמע מענטשן, ער האָט אָפּגערעדט ווייַבער פון זייערע מענער — אָבער די אווירעס זייַנען מיר אים מויכל. נאָר ער האָט געזינדיקט מיט אוועקמיימעסן אום שאבעס א פלוי! אזוינס האָט נאָך קיין צאדיק אין דער וועלט ניט געטאָן! זאָל ער, רעב דאָוויד בען כאַים, גיין אין גענעם! זאָל ער אופגעהאנגען ווערן באַ די פינגער, וועלכע האָבן צעקוועטשט די פלוי, זאָל מען אים בראָטן מיט פּעך און שוועבל. די פלוי, דער פלויס זון איז געשפּרונגען כאדאָשימלאנג צופּוס, פון בערדיטשעוו אזש קיין קאקאסטרינקע, קעדיי צו הערן דעם רעבנס טוירע. פון דעם איז געדרונגען, אז זי, די פלוי, איז די עמעסע צאדייקעס. דעריבער זאָל זי פארנעמען דעם בעקאָוועדיקסטן גאניידן־שטול!

דאָ האָבן די מעכאבלים אוועקגעטאסקעט רעב דאָווידלען אין גענעם אריַין, פאר דער פלוי האָט מען געשפּילט הימל־מוזיק, און די מאלאָכים האָבן זי באגלייט מיט געזאנג.

אינמיטנדערינען האָט די פלוי געלאָזט הערן:

— ראבויסיַי, איך קאָן ניט אריַינקומען אין גאניידן אָן א שטרייַמל!

— דערלאנגט פאר דער פלוי רעב דאָווידלס שטרייַמל! — האָט דער שויפעט באפוילן.

האָט מען געבראכט רעב דאָווידלס שטרייַמל, אָבער פאר דער פלוי איז עס געווען צו גרויס. דערנאָך האָט מען געבראכט די שטרייַמלעך פון אנדערע זינדיקע ראבאָנים — קיין איינס האָט דער פלוי ניט געטויגט. האָט מען געלאָזט רופן אלע פוטערוואַרגערס פון דער וועלט — קיין איינער פון זיי האָט זיך ניט אונטערגענומען צו מאכן... א שטרייַמל פאר דער פלוי. האָט מען געפּאסקנט: די פלוי זאָל אריַין אין גאניידן — בעגילע־ראָש. מע האָט זי אריַינגעפירט אהין, מע האָט זי אוועקגעזעצט מיט די גרעסטע צאדיקים און כאכאָמים. זי האָט אָנגעהויבן עסן געבראָטנס פון שאָרהאבאָר און פיש־יויך פון ליוויאָסן, זי האָט גענומען וואקסן און קוועלן ווי אַף הייוון, וואָס א טאָג מער, איז זי געוואָרן אלץ ברייטער, אלץ העכער, אינגיכן איז זי געוואָרן אזוי באלייַבט, ווי דער צאדיק. דאן האָט מען איר אָנגעטאָן א שטרייַמל, מע האָט באשטעלט פאר איר א קאפּאָטע מיט א גארטל, ווייַסע זאָקן און מעשטעס האָט מען אויך געקראָגן פאר דער פלוי, ווי פאר אלע צאדיקים, א באָרד מיט פּייעס האָט זי זיך אויך פארלאָזט.

אָט אזוי איז די פלוי געוואָרן א צאדיק!

און רעב דאָווידל האָט זיך, נעבעך, אין דער זעלבער צייַט געבראָטן אין גענעם. פון פלאם און רויך איז ער געוואָרן אלץ קלענער, אלץ דינער, ביז ער איז געוואָרן א מאָנטשינקער, א שווארצער, ווי א פלוי.

אין א יאָר ארום האָט מען רעב דאָווידלען און די פלוי צוריק געשיקט אַף דער ערד. די פלוי האָט מען געשיקט קיין קאקאסטרינקע, זי איז דאָרטן געוואָרן רעבע ביז צום הייַנטיקן טאָג, ביז איצט זיצט זי זיך און טוט טאָן גרויסע ניסים. דער רעבע, ווידער, איז געשיקט געוואָרן קיין בערדיטשעוו א פלוי צו ווערן.

אזוי אז איר וועט איצט דערזען, ווי דער רעבע שפּרינגט, — וווּנדערט אייַך ניט, וואָרעם עס שפּרינגט אין אים די פלוי.

אויב עס וועט אריַינפאלן א פלוי אין אייַערע הענט — הארגעט זי ניט: עס קאָן גרייַלעך זייַן, אז איר האָט גראָד געפּאקט דעם געוועזענעם רעבן, דעם צאדיק, רעב דאָווידל פון קאקאסטרינקע.

■ ■ ■

קינסטלער
יויסעף זיסמאן

(וועגן י. זיסמאנס נײַער בילדער־
סעריע — זע די נאָטיץ אף ז. 148)

פּאָרטרעט פון אן ארבעטער

אינדוסטריִעלער פּייזאזש



נאָוואָראָסיִיסקער האַפן

א פאַרשטאָט פון נאָוואָראָסיִיסק

די שיפן אין דער בוכטע

דער וועג צום קוראָרט „גאָריאַטשי קליוטש"



א זייכער פון דער מילכאָמע

די פאנאָראם פון א צעמענט־זאוואָד



די שווּוּע פון די פעלקער איז הייליק!

„...די היטלעריסטן האָבן דערמאָרדעט זעקס מיליאָן ייִדן, בירגער פון צוואַנציק מעלוכעס, רײַכע און אָרעמעלײַט, באַרימטע און אומבאַוווּסטע... זעקס מיליאָן זײַנען דערשטיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערעס, צעשאָסן געוואָרן אין די יאַרן און אין די פאָרטן, פאַרורטיילט געוואָרן אָף לאַנגזאַמען הונגער־טויט. זיי זײַנען געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט מיט די ווענט פון געטאָ, מיט דעם שטעכדראָט פון די קאָנצלאַגערן. קיינער ווייסט ניט, וואָס זיי האָבן געטראַכט און געפילט. פאַר אָט די זעקס מיליאָן רעדט איין קאָל — ניט פון קיין גאָען, ניט פון קיין פּאָעט — פון אַן איינפאַך מיידעלע...”

(איליא ערענבורג. פון דער פאָרעדע צו דעם „טאָגבוך פון אַנא פראַנק”)

פון אַנא פראַנקס טאָגבוך

דאָנערשטיק, 19 נאָיאַבער 1942.

„...דוסעל האָט אונדז גענוי דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין דער אַרומיקער וועלט, פון וועלכער מיר זײַנען שוין אַזוי לאַנג אָפּגעריסן. און אַלץ טרויעריקע זאַכן. אַ סאַך פון אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע האָט מען אַוועקגעפירט, און זיי וואַרטן איצט אין שרעק אָף דעם שוידערלעכן סאָף. יעדן אָפּדערנאַכט יאָגן איבער די גאַסן גרינע און שוואַרצע מיליטערישע מאַשינעס. „גרינע” — דאָס זײַנען די עסעסאָווצעס, „שוואַרצע” — די האָלענדישע פאַשיסטישע פּאָליציי. אומעטום זוכט מען ייִדן. ס'איז גענוג, זיי זאָלן געפינען כאָטשבי איין ייִדן, פאַרנעמען זיי אַלעמען פון דער שטוב... אָפט האָבן זיי מיט זיך צעטלען, לויט אָט די צעטלען נעמען זיי צו אַלעמען. קיינער קאָן ניט אויסמײַדן אָט דעם גוירל, אויב ער באַהאַלט זיך באַצײַטנס ניט אויס.

ווי ענלעך דאָס איז אָף אַ געיעג נאָך שקלאַפן אין די אַמאָליקע צײַטן. אָפט זע איך פאַר זיך דאָס דאָזיקע בילד: האַמוינים ווילדע, אומשולדיקע מענטשן מיט וויינענדיקע קינדער... עטלעכע עקלהאַפטע ברוִים שלאָגן זיי, פּײַניקן און טרײַבן זיי פאָרויס, ביז זיי פאַלן ניט אין אָנמאַכט. קיינער ווערט ניט געשוינט. אַלטע לײַט, זויג־קינדער, מעוברעסע פרויען, קראַנקע, קאַליקעס... אַלעמען, אַלעמען טרײַבט מען צום טויט...

עס כאַפּט מיך אַרום אַ שוידער, ווען איך טו אַ קלער, אַז די, מיט וועמען איך בין געווען אַזוי שטאַרק באַפרײַנדעט, געפינען זיך אין די הענט פון ווילדע הענקער, וואָס די געשיכטע האָט נאָך וועגן אַזעלכע ניט געוווּסט. און בלויז דערפאַר, וואָס זיי — די פרײַנט מײַנע — זײַנען ייִדן...”

פרײַטיק, 28 יאַנואַר 1944.

„...קאָאָפּבוים און פרענק אינפאָרמירן אונדז וועגן די, וואָס זײַנען אַנטלאָפן אָדער באַהאַלטן זיך אויס. זיי ווייסן, ווי נאָענט מיר נעמען דאָס אַלץ צום האַרצן, ווי מיר ווייטעקן פאַר די, וועמען מע האָט אויסגעשפּירט אָדער פאַרכאַפּט, און ווי־אַזוי מיר פרייען זיך, ווען מ'האָט עמעצן באַפרײַט.

...אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי „דאָס פרײַע נידערלאַנד”, גרייטן צו פאַלשע דאָקומענטן פאַר די יונגעלײַט פון די קריסטלעכע מישפּאָכעס, וואָס געפינען זיך אין אונטערערד, אָרדענען זיי אײַן אָף אַרבעט בא האַנטווערקער, וועמען מע קאָן פאַרטרויען.

עס איז פּאָשעט איבעראַשנדיק, וויפל גוטס עס טוען אָט די נאָבעלע, געטרײַע מענטשן: מיט אַ געפאַר פאַרן אייגענעם לעבן העלפן זיי ראַטעווען אַנדערע מענטשן. זיי האָבן קיינמאָל מיט קיין איין וואָרט ניט געגעבן אונדז אָנצוהערן, וואָס פאַר אַ שווערע לאַסט מיר זײַנען פאַר זיי, און מיר זײַנען ווירקלעך אַ שווערע לאַסט! מיר האָבן קיינמאָל ניט געהערט, זיי זאָלן זיך באַקלאָגן, אַז ס'איז זיי שווער מיט אונדז.

יעדן טאָג קומען זיי אַרוף צו אונדז, שמועסן מיט די מאַנצבלען וועגן פּאָליטיק, וועגן פאַרשיידענע איניאָנים, מיט די דאַמען — וועגן

זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 2.

שפּײַז, וועגן קאַלערליי ווירטשאַפטלעכע שווע־ריקײַטן און מיט אונדז — וועגן ביכער און צײַ־טונגען. שטענדיק איז אַף זייער געזיכט אַ פריי־לעכע מינע. אין די יאָמטעוו־טעג, בײַס עמעצנס אַ געבורטסטאָג, ברענגען זיי אונדז קוויטן, מאַטאָנעס, זיי זײַנען גרייט יעדע רעגע אונדז קומען צוהילף.

און כאָטש רונד־אַרום — אַף דער מילכאָמע און אין הינטערלאַנד — באַגייט מען אַזויפיל העלדנטאַטן, וועלן מיר אייביק געדענקען דעם מעסירעסנעפעש פון אונדזערע פרײַנט דאָ, די פרײַנטשאַפט און ליבע, וואָס זיי אַנטפּלעקן טאָגטעגלעך".

אייכמאַן טרײַבט אונטער...

אין ראָטערדאַם שטייט אַ מאָנומענט: אַ מאַנצבל מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ און מיט אויס־געשטרעקטע צום הימל הענט, ווי ער זאָל וועלן פאַרטרײַבן די פאַשיסטישע שפּאַרבערס, וואָס מאַכן כאָרעוו די שטאָט. באָמבע־שפּליטערס האָבן באַ דעם מאַנצבל אַרויסגעריסן דאָס האַרץ...

דער מאָנומענט סימבאָליזירט די טראַגעדיע פון ראָטערדאַם. די פאַשיסטישע אַוויִאַציע האָט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד מעטאָדיש און קאַלט־בלוטיק באָמבאַרדירט די שטאָט און פאַרוואַנדלט זי אין דורכויסיק רויִנעס, אונטער וועלכע עס זײַנען באַגראָבן געוואָרן טויזנטער מענטשן.

די קליינע אין צאָל און שוואַך־באַוואָפנטע האָלענדישע אַרמיי האָט, נאַטירלעך, לאַנג ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן די ביז די ציין באַ־וואָפנטע היטלערישע כאַיאָלעס, און דעם צענטן מײַ 1940 איז זי אָפּגעטראָטן פון די גרענעצן.

האָלאַנד איז אָקופּירט געוואָרן. אינגיכן זײַנען אהער אַראָפּגעקומען אייכמאַן מיט זײַנע באַפול־מעכטיקטע צאַפּף און ראַיאַקאָוויטש. זייער שוואַרצע אַרבעט האָבן זיי אָנגעהויבן פון אַ ני־דערטרעכטיקן שעקער. זיי האָבן פאַרזיכערט די אָנפירער פון די יידישע געמיינדעס, אַז עס גייט אַ רייד בלויז וועגן דער אויסוואַנדערונג פון די יידן, וועלכע זײַנען אין די יאָרן 1933 — 1938 געלאָפן פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך; די האָלענ־דישע יידן וועט עס ניט אָנרירן.

ווי נאָר אָבער עס זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן די פינף און דרײַסיק טויזנט דײַטשישע און עסט־רײַכישע יידן, האָבן זיך גלײַך אָנגעהויבן מוירע־דיקע רעדיפעס אויך קעגן די היגע.

עס זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן די טרויעריק־באַוווסטע נירנבערגער ראַסיסטישע געזעצן. די יידן זײַנען באַזײַטיקט געוואָרן פונעם עקאָנאָ־מישן לעבן אין לאַנד, ס'איז באַ זיי אָפּגענומען געוואָרן די רעכט צו בײַטן דאָס וווינונגס־אָרט, צו באַזוכן טעאַטער און אַנדערע פאַרווײַלונגס־ערטער, זיי האָבן ניט געטאָרט זיך באַנוצן מיטן שטאָטישן טראַנספּאָרט און טעלעפאָן, אַרויסגייִן אָפּדערנאַכט אין גאַס און אַרײַנקומען צו ניט קיין יידן אַהיים.

אָבער דאָס איז געווען בלויז דער אָנהייב. אינ־גיכן זײַנען די מערדער צוגעטראָטן צו פאַרוויר־קלעכן דעם צווייטן עטאַפּ פון דער טײַוולאָנישער אַקציע: צעראַבעווען דאָס פאַרמעגן פון די יידן און קאָנצענטרירן זיי אין די אַזויגערופענע אַרבעט־לאַגערן, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן אין אַלערקאַם, בוט, וועסטערבאָרק און אין אַנ־דערע שטעט. אין די לאַגערן איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ רעזשים פון ווילדע אַכזאָריעס.

אין דער מיט 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע פון די האָלענדישע יידן אין די אויסראָטונגס־לאַגערן. אין אַפּרעל 1943 האָט צאַפּף ראַפּאָרטירט אייכמאַנען, אַז עס זײַנען שוין אַרויסגעשיקט באַ 64 טויזנט יידן, פאַרבליבן זײַנען 71.700. אייכמאַן האָט געפאָדערט צו פאַר־שנעלערן די דעפּאָרטאַציע און האָט אײַנגע־שטעלט אַ לעצטן טערמין — סאָף 1943.

איז שוין דערנאָך ניט דורכגעגאַנגען קיין טאָג אָן מאַסן־אַבלאַוועס אַף יידן. באַנאַכט פלעגן די מערדער זיך אַרײַנרײַסן אין די הײַזער, אופהייבן די מענטשן פון זייערע געלעגערס און אינעם אונטערשטן גרעט טרײַבן זיי איבער די גאַסן צו דער אײַזנבאַן. אומופהערלעך זײַנען אַף מיזרעך געגאַנגען עשעלאָנען מיט די אומגליקלעכע, צום טויט פאַרורטיילטע מענטשן.

די רעדיפעס קעגן די יידן האָבן אַרויסגערופן האַס און צאָרן באַ דער האָלענדישער באַפעלקע־רונג. אין אַמסטערדאַם און אין אַ סאַך אַנדערע שטעט זײַנען פאָרגעקומען מאַסאָווע פּראָטעסט־שטרײַקן. דער ווידערשטאַנד פון די פּאַטריאָטן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די אָקופּאַנטן זײַנען געצוווּנגען געווען אַרויספאָדערן פון דײַטשלאַנד ספּעציעלע שטראָף־אָטריאַדן.

טראָץ דעם, האָט אין לאַנד זיך אַלץ געבריי־טערט דער אַנטינאַציסטישער ווידערשטאַנד בע־ראָש מיט די האָלענדישע קאָמוניסטן. אַף די אונ־טערנעמונגען, אַף דער אײַזנבאַן ווערן דורכגע־פירט אַקטן פון סאַבאָטאַזש און דיווערסיע. די פּאַטריאָטן פאַלן אָן אַף די מיליטערישע סקלאַדן און מיט דעם פאַרכאַפּטן געווער באַוואָפענען זיי די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, באַהאַלטן די פּאַטריאָטן אויס באַ זיך פיל יידן. די העלדנמוטיקע האָלענדער קאָאָפּבוים און קראַלער האָבן אין מעשעך פון צוויי יאָר אַרויסגעוויזן עכט־מענטשלעכע זאָרג וועגן אָטאָ פראַנק מיט זײַן פרוי און צוויי טעכ־טער — אַנאַ און מאַרגאָ פראַנק, ווי אויך וועגן דער מישפּאָכע פונעם ציינדאָקטער דוסעל און

אנדערע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסבאהאלטן פֿון די נאַציסטישע מערדער אַפֿן בוידעם אינעם הויז נומ. 263 אַף דער פּרינזיגראַכטע־גאַס אין אַמ־סטערדאַם.

אלס פּראָטעסט קעגן די רעדיפֿעס אַף די ייִדן האָבן טויזנטער האָלענדער אָנגעטאָן אַף זיך געלע לאַטעס מיטן מאָגנדאָוויד.

אָבער דער טראַגישער שיקזאַל פֿון די האָלענדישע ייִדן איז שוין געווען פֿאַרויס באַשטימט. באַ 110 טויזנט ייִדן זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן פֿון האָלאַנד אין די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן פֿון פּוילן. געראַטעוועט האָבן זיך בלויז פֿינף טויזנט. איינער פֿון די לעבנגעבליבענע, דער האָלענדישער ייִד יויסעף מעלקמאַן, האָט דערציילט:

„איך בין געווען צווישן די ערשטע פֿיר טויזנט אַמסטערדאַמער ייִדן, וואָס זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן פֿון בוכענוואַלד, מאַוטהאַוזען און סאָביבאָר.

דעם 15 פֿעווראַל 1944 האָט מען מיך אַריבערגעשיקט אינעם לאַגער פֿון בערגען־בעלזען. איך האָב דאָרט דערזען טויזנטער מייסים צונויפֿגעלייגט, ווי קלעצער האָלץ, אין שטאַבעלן. די ספּעציִעלע בריגאַדעס פֿון לאַגערניקעס האָבן ניט באַוויזן צו באַערדיקן זיי.

דעם 9 אַפּרעל 1945 האָט מען דעם רעשט קאַצעטניקעס פֿון בערגען־בעלזען, דעריקער ייִדן פֿון האָלאַנד און אונגאַרן, אַרויסגעפֿירט פֿונעם לאַגער. וווּהין מע פֿירט אונדז, האָבן מיר ניט געוווּסט. מיר זײַנען אַזוי לאַנג געפֿאָרן, ביז מיר האָבן ניט ווײַט פֿון טאָרגאַו זיך אָנגעשטויסן אַף די אַוואַנגאַרד־טיילן פֿון דער רויטער אַרמיי, און מיר זײַנען געראַטעוועט געוואָרן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט מען אונדז געפֿירט אין דעם טויט־לאַגער קיין טערעזיענשטאַדט...“

דער ברענדאָנקער גענעם

פֿון די קנאַפּע פֿופֿציק טויזנט ייִדן, וואָס האָבן צום 1940 געלעבט אין בעלגיע, זײַנען פּערציק טויזנט געווען פּאָליטישע עמיגראַנטן און פּליטים פֿון דײַטשלאַנד, עסטרײַך, פּוילן און בעסאַראַביע.

די ייִדן האָבן זיך אײַנגעבירגערט אינעם היגן לעבן, זײַנען געוואָרן אַרבעטער אַף די זאַוואָדן און שאַכטעס, זיך באַשעפֿטיקט מיט קאָלערליי אַנדערע אַרבעטן. צוליב געמיינזאַמער געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט האָבן זיי זיך פֿאַרייניקט אין לאַנדסמאַנשאַפֿטן און פֿאַרבאַנדן. די איינהײַטלעכע אַנטיפֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע „סאָלידאַריטעט“ האָט פֿאַרייניקט די פּאָליטעמיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אירע סעקציעס אין אַנטווערפּען, וואַלאָני, שאַרלערוואַ, ליעזש און אין אַנדערע שטעט און האָט פֿונקציאָנירט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון בעלגיע.

אָט די אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהײַט האָט פֿאַרורזאַכט די אַקטיווע ראָליע פֿון די בעלגישע ייִדן אינעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן די פֿעלקער־מערדער.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַלע פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון בעלגיע זײַנען בײַס דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע אַוועק אין אונטערערד. אין לאַנד איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער פֿראָנט און אַ פּאַרטיזאַנישע אַרמיי. דער ווידערשטאַנד קעגן די אָקופּאַנטן האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט, ווען דאָס היטלער־דײַטשלאַנד איז אָנגעפֿאַלן אַפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד. עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל דיווערסיע־אַקטן אַף די אײַזנבאַן־וועגן, זאַוואָדן און שאַכטעס, ס׳זײַנען אויפֿגעריסן געוואָרן די בריקן, וואָס האָבן געהאַט פֿאַרן סוינע אַ סטראַטעגישע באַדײַטונג. די פּאַרטיזאַנער האָבן געמאַכט באַוואָפֿנטע אָנפֿאַלן אַף די פֿאַשיסטישע פּאַטרולן, אָנראַכמאָנעסדיק פֿאַרניכטעט די אָקופּאַנטן.

אין 1942 — 1943 האָבן די פֿאַשיסטן געבראַכט צו פֿירן קיין בעלגיע טויזנטער סאָוועטישע קריגסגעפֿאַנגענע — סאָלדאַטן און אָפֿיצערן אַף צו אַרבעטן אין די שאַכטעס. לויטן באַשלוס פֿון דער בעלגישער קאָמפּאַרטיי האָבן די מיטגלידער פֿון „סאָלידאַריטעט“ אײַנגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט די סאָוועטישע קריגסגעפֿאַנגענע אין שאַרלערוואַ און אין אַ ריי אַנדערע פּראָווינצן, מיטגעהאָלפֿן זיי צו אַנטלויפֿן אין די וועלדער און זיך פֿאַרייניקן צו די אָפּערירנדיקע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס. מיט דער צײַט איז אין בעלגיע געשאַפֿן געוואָרן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען־גרופּע „זאַ ראָדינו“ („פֿאַרן היימלאַנד“), וועלכע איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אין אַ באַטאַליאָן אונטער דער קאָמאַנדשאַפֿט פֿונעם לייטענאַנט דיאַדקין אי. א. (אין בעלגיע איז ער געווען באַוווּסט ווי יאַן באָס).

קאָמיסאַר פֿונעם 4־טן בעלגישן פּאַרטיזאַנען־פּאָלק, בעראָש מיט זשאַן קאַלאַר, איז געווען דער פּאָליטרוק פֿון דער רויטער אַרמיי דאָצענקאָ. דער דאָזיקער פּאָלק האָט אַ לענגערע צײַט זיך געשלאָגן אין די אַרדענען.

שטאַרק פּאָפּולער איז אין בעלגיע געווען דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַן בויקאָ. דאָס האָט ער מיט זײַן אָטריאַד אָרגאַניזירט דעם אָנפֿאַל אַפֿן קאָנצענטראַציע־לאַגער ניט ווײַט פֿון בריסעל, אַנטוואָפֿנט די וואַך און באַפֿרײַט אַ גרויסע צאָל געפֿאַנגענע. דער אָטריאַד האָט דורכגעפֿירט אַ גאַנצע ריי דיווערסיע־אַקטן אַף דער אײַזנבאַן, בײַס וועלכע עס זײַנען פֿאַרניכטעט געוואָרן פֿיל פֿאַשיסטישע מיליטער־טראַנספּאָרטן.

27 יאנוואר 1945. די ערשטע סאָוועטישע סאָלדאַטן
באַ דעם הויפּט־טויער פונעם אָשווענטשימער לאַגער

די נעקאָמע־אַקציעס פון די בעלגישע פּאַט־ריאָטן האָבן אַרויסגערופן באַ די אָקופּאַנטן נאָך מער רעציכע, דער בלוטיקער טעראָר האָט גע־ווילדעוועט איבערן גאַנצן לאַנד. די מיטלאַל־טערלעכע פעסטונג ברענדאָנק, דאָס קאַטוילישע שטעטל מאַלין זײַנען געוואָרן דאָס אָרט פון מאַסן־פאַרניכטונג. עס זײַנען דאָ פאַרפּײַניקט געוואָרן טויזנטער אַנטיפאַשיסטן, סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע.

אָט איז אַן אויסצוג פון אַן אָפיציעלן דאָקו־מענט:

„ווען מע האָט זיי געבראַכט קיין מאַלין און מע האָט צעעפנט די טירלעך פון די מאַשינעס, איז דאָס בילד געווען אַ דערשיטערנדיקס. פון די לאַסטמאַשינעס האָבן זיך אַרויסגעריסן גע־דיכטע קנוילן רויך, וואָס האָבן צעטראָגן איבל־דיקע רייכעס. עס האָבן זיך אַרויסגעוואַלגערט אויף דער ערד אויפגעבלאָזענע פאַרבלאָוטע קער־פּערס. די אויגן זײַנען באַ די מענטשן אַרויסגע־קראָכן פונעם קאָפּ, זייערע מאַלבושים זײַנען געווען דורכגעזאַפּט מיט שווייס און האַשטאָנע. ניַין מענטשן זײַנען שוין געווען טויט, אַכציק זײַנען האַלב־טויטע אָפּגעפירט געוואָרן אין לאַ־זאַרעט"...

מער פון 7 טויזנט ייִדישע יונגעלײַט און מיידלעך פון בריסעל האָט מען אוועקגעפירט אין אָט דעם לאַגער, און זיי זײַנען ביז איינעם אומ־געבראַכט געוואָרן.

אין פאַרלויף פון יאַנוואַר — מאַרט 1942 זײַנען פון בעלגיע דעפּאָרטירט געוואָרן באַ אַ צוואַנציק טויזנט ייִדן. די מערהײַט איז אומגעקומען נאָך אין וועג, און די, וואָס זײַנען צום אָרט דערפאָרן, האָבן די מערדער גלײַך פון די וואַגאָנעס, מיט קאַנטשיקעס און שטעקנס געטריבן אין די גאַז־קאַמערעס.

אַ סאַך פרייען זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן אין דעם ראַווענסברוקער טויט־לאַגער. די רוצחים האָבן מיט גוואַלד אַרויסגעריסן באַ די אומגליק־לעכע מאַמעס די קינדער און פאַר זייערע אויגן געוואָרפן די אייפּעלעך אין די אויוונס אַרײַן...

אָט אַזוי זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן קימאַט אַלע ייִדן פון בעלגיע און אויך טויזנטער פלאַ־מאַנדער און וואַלאָנען — בעלגישע פּאַטריאָטן אַנטיפאַשיסטן. געראַטעוועט האָבן זיך בלויז 515 ייִדן.

איינעם באַפרײַטן לאַגער איז טייקעף געשאַפן געוואָרן אַ פּונקט פאַר מעדיצינישער הילף

העלדן פון ווידערשטאַנד

ווי געזאָגט, זײַנען די ייִדן פון בעלגיע געווען אַן אַקטיווער קויעך אינעם אַלנאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד־קאַמף. מיר וועלן דאָ דערציילן וועגן אייניקע פון די, וואָס האָבן אין אָט דעם קאַמף זיך אַנטפּלעקט ווי עכטע העלדן און מאַרטירער.

שאַרל ראַכמאַן

ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרס פון דער „סאָלידאַ־ריטעט". אין 1936 איז שאַרל ראַכ־מאַן, קעדיי זיך באַטייליקן אינעם קאַמף פאַר דער פרײַהײַט פון שפּאַניע, געוואָרן אַ וואָלאָנטער פון דער 11־טער אינטערנאַציאָנאַ־לער בריגאַדע און אין באַשטאַנד פונעם צווייטן באַטאַליאָן „פּאַרי־זשער קאָמונע" באַשיצט מאַדריד פון די פאַרייניקטע פאַשיסטישע כאַיאָלעס. אין די שלאַכטן פאַר מאַדריד איז שאַרל ראַכמאַן שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. פון שפּיטאָל קערט ער זיך אום צוריק קיין בריסעל, שליסט זיך אײַן אין אַק־טיווער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט.

ווען די היטלעריסטן האָבן אָקו־פּירט בעלגיע, זיינען אין לאַנד, לויטן רוף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געשאַפן געוואָרן פּאַרטי־

זאַנישע גרופּעס און אָטריאַדן. שאַרל ראַכמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פונעם ייִדישן פּאַרטיזאַנישן באַטאַליאָן. שפּעטער האָט ראַכמאַן אײַנגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן פון די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, וועלכע האָבן אָפּערירט אין באַשטאַנד פון דער פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע „פאַרן היימלאַנד״. אין אָט דער בריגאַדע האָבן זיך אויך אַרײַנגעגאָסן יענע פּאַרטיזאַנען־גרופּעס פונעם ייִדישן באַטאַליאָן, וואָס האָבן געקעמפט אין די וועלדער פון וואַלאָניע און אין אַנדערע פּראָווינצן.

בײַס איינער אַן אָפּעראַציע קעגן די אָקופּאַנטן איז שאַרל ראַכמאַן אַרײַנגעפאַלן צו די הענקער אין די הענט. מ׳האָט אים אַכזאָריעסדיק געפּײַניקט, נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. אײַנגיכן איז ראַכמאַן אָפּגעשיקט געוואָרן אינעם מאַוטהאַוזענער טויט־לאַגער, ווו ער איז אין סאָף 1944 פאַרפּײַניקט געוואָרן.

לידיע יאַרנאָווסקע־טרעגערמאַן

אַן אַקטיווע אָנטיילנעמערן פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אָקופּירטער בעסאַראַביע, איז לידיע איסאַקאָווגע, צוליב די פּאָליציישע פאַרפאָלגונגען, געצוווּנגען געווען אין 1933 צו פאַרלאָזן איר היימשטאָט אָווידיאָפּאָל און עמיגרירן קיין בעלגיע. זי באַזעצט זיך אין בריסעל און שליסט זיך גלײַך אײַן אין אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקײַט.

אין 1938 ווערט לידיע יאַרנאָווסקע אַ מיטגליד פון דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי פירט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט צווישן די אַרבעטער־עמיגראַנטן, באַטייליקט זיך אין די מאַסן־אַרויסטרעטונגען פון דער „סאָלידאַריטעט״.

בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע איז לידיע איסאַקאָווגע טעטיק אַלס פאַרבינדלערן צווישן דעם בריסעלער ייִדישן קאָמיטעט און זײַנע פיליאַלן אין שאַרלערוא און אַנטווערפּען. גלײַכצײַטיק האַלט זי אונטער אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער, באַזאָרגט זיי מיט געווער, דערנערונגס־פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן, באַהאַלט אויס סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, וועלכע זײַנען אַנטלאָפן פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט אַף די שאַכטעס.

בײַס איינער אַ פאַרביטערטער שלאַכט, וואָס עס האָבן געמיינזאַם געפירט קעגן די אָקופּאַנטן די בעלגישע און סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, איז לידיע יאַרנאָווסקע מיט נאָך אַכט פּאַרטיזאַנער אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. מ׳האָט זי אַוועקגעפירט אין דער טורמע סען־זשיל. אין מעשעך פון עטלעכע כאַדאָשים האָט מען זי דאָרט געפּײַניקט, געפאָדערט פון איר יעדיעס וועגן דער דיסלאָקאַציע פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, נאָר די הענקער האָבן זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן און אַוועקגעפירט זי אין ראַווענסברוקער לאַגער.

ס׳איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן דער דאָקטער דער סאַדיסט שידלאָווסקי, וועלכער האָט דורכגעפירט טײַוולאָנישע עקספּערימענטן אַף די לאַגערניקעס. אויך לידיע איסאַקאָווגע האָט דאָס ניט אויסגעמיטן. מ׳האָט זי אָנגעשטעקט מיט טויט־געפערלעכע קרענק, אָפּגעשניטן בײַ איר ביידע בריסט, דאָס גאַנצע לײַב אירס איז געווען צעפּאַסעוועט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען זי איבערגעלאָזט אָן מעדיצינישער הילף.

נאָר ס׳איז געשען אַ נעס, לידיע יאַרנאָווסקע איז געבליבן לעבן. טראָץ דעם גענעם־רעזשים אינעם לאַגער, האָבן די קאָמוניסטן געטאָן אַלץ אַף צו לינדערן איר לאַגע. די סאָוועטישע פרויען האָבן זי אויסבאַהאַלטן אין די איזאָליאַטאָרס, די דאָקטוירים־אַנטיפאַשיסטן האָבן זי

אויסגעמעקט פון די פאַרניכטונגס־צעטלען.

ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט ראַווענסברוק, איז לידיע איסאַקאָווגע רעפּאַטריִירט געוואָרן קיין בריסעל. זי האָט זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז פרײַנט האָבן זי ניט דערקענט. פאַר זייערע אויגן איז געשטאַנען אַ טיפע זקיינע.

לידיע איסאַקאָווגע יאַרנאָווסקע־טרעגערמאַן איז געשטאָרבן דעם 13 דעקאַבער 1945, אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך איר באַפרײַונג. מע האָט זי מיט מיליטערישער ערן־באַצייכענונג געבראַכט צו קווּרע אין בריסעל אַפן בעסוילעם «Pelansed Honneur».

אַף איר קייווער איז אַוועקגעשטעלט אַן אָבעליסק מיט אַן אויפשריפט: „בעלגישער פּאַרטיזאַן״.

שוין נאָכן טויט איז לידיע יאַרנאָווסקע־טרעגערמאַן באַלוינט געוואָרן מיט דער מעדאַל „פאַר העלדנמוטיקײַט אינעם ווידערשטאַנד דעם נאַציזם״.

נאָכעם און כײַע גרומאַן

ביידע זײַנען זיי אָפּשטאַמיקע פון בעסאַראַביע: נאָכעם איז געבוירן געוואָרן אין יעדינעץ, כײַע — אין בעלץ. דאָס שווערע, דערנידעריקטע, רעכטלאָזע לעבן אין די באַדינגונגען פון דער באָיאַרישער רומעניע האָט זיי געטריבן פון דער היים. נאָכעם עמיגרירט קיין פראַנקרײַך, קומט אָן אין פּאַרישער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, און אין עלטער פון 21 יאָר באַקומט ער דעם טיטל „אינזשעניער — ענערגעטיקער״. ער קערט זיך דאַפקע אום קיין רומעניע מיט דער האָפענונג זיך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט. אָבער די לאַגע פון די ייִדן אין רומעניע איז צו יענער

צײַט געוואָרן אומדערטרעגלעך, און נאָכעם גרומאַן פֿאָרט אַוועק קיין בריסעל, וווּ ער אָרדנט זיך אײַן לויט זײַן פֿאַך.

כײַע יאַפּע האָט פֿאַרענדיקט דעם בריסעלער אוניווערסיטעט און געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אָף אַ זייף־זאַוואָד. אין 1932 האָבן נאָכעם און כײַע כאַסענע געהאַט.

שוין אין די ערשטע טעג פֿון דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע האָבן די גרומאַנס זיך אײַנגעשלאָסן אין דער אַנטינאַציסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, געוואָרן פּאַרטיזאַנער.

דעם הויכגעבילדעטן אינזשעניער נאָכעם גרומאַן האָט דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פֿון אומאָפּהענגיקייט־פֿראָנט באַשטימט פֿאַר אַדיוטאַנט פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון די פּאַרטיזאַנען־אָטריאַדן אין בריסעלער ראַיאָן. נאָכעם האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט ווי אַ פֿײַיִקער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿירער פֿון אַ גאַנצער ריי זייער געוואַגטע אָפּעראַציעס קעגן די נאַציסטן. ער באַטייליקט זיך פּערזענלעך אין דיווערסיע־אַקטן אָף די אײַזנבאַן־קאָמוניקאַציעס, אינעם אויפֿרײַסן בריקן.

אין אָנהייב יול 1944 האָט נאָכעם גרומאַן מיט זײַן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד באַקומען אַ באַפֿעל אויפֿצורײַסן אַ בריק, איבער וועלכער עס האָבן געזאָלט דורכגיין מאַטאָמעכאַניזירטע טיילן פֿונעם פֿאַשיסטישן מיליטער. די אָפּעראַציע איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט דערפֿאָלג, נאָר בײַסן אויפֿרײַס האָט נאָכעמען געטראָפֿן אַ שפּליטער און אים אַרויסגעזעצט אַן אויג. די שלאַכט־כאַוויירים האָבן אים אויסבאַהאַלטן בײַ זיכערע מענטשן. די געסטאַפּאָ האָט אָבער ניט אויפֿגע־הערט צו זוכן דעם געוואַגטן פּאַרטיזאַן. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז נאָכעם גרומאַן אַרעסטירט געוואָרן. מ׳האָט אים אַכזאָריעסדיק געפּײַניקט, אויסגעדרייט אים די הענט, אַראָפּגעריסן פֿון די פֿינגער די נעגל, נאָר ער האָט געשוויגן. זײַן אײַנגעשפּאַרטקייט, דאָס שווײַגן זײַנס, האָט אַרויסגערופֿן ווילדע רעציכע בײַ די הענקער.

אין אויגוסט 1944 איז נאָכעם גרומאַן מיט נאָך עטלעכע פּאַרטיזאַנער צעשאָסן געוואָרן.

אין אָט דער צײַט פֿון גרויסע ניסיוינעס האָט כײַע גרומאַן־יאַפּע האַנט־בײַ־האַנט מיט איר מאַן העלדיש געקעמפֿט קעגן בלוטיקן סוינע. אין 1941 איז כײַע געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי האָט אויסגעפֿילט די שליכעס פֿון אַ פֿאַרבינדלערן מיט די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. מיט גרויס געפֿאַר פֿאַרן לעבן האָט כײַע אַריבערגעפֿירט פֿאַר די פּאַרטיזאַנער אויפֿרײַס־מאַטעריאַלן, מינעס און גראַנאַטעס.

כײַען האָט מען אַרעסטירט אין איין טאָג מיט איר מאַן, און ווי איר מאַן, איז זי מוטיק אויסגעשטאַנען אַלע פּײַניקונגען אין געסטאַפּאָ. מ׳האָט זי דעפּאָרטירט אינעם ראַווענסברוקער טויט־לאַגער. דאָ איז זי קראַנק געוואָרן אָף טיף און זיך געפֿונען אין אַן איזאָלירטן בלאָק. די מערדער האָבן זי פֿאַרשריבן אין די צעטלען אָף צו פֿאַרניכטן, נאָר די אָנגרײַפֿנדיקע רויטע אַרמיי האָט אינגיכן פֿאַרנומען ראַווענסברוק און באַפֿרײַט פֿון לאַגער טויזנטער מענטשן. צווישן זיי איז אויך געווען כײַע גרומאַן. אינגיכן האָט מען זי רעפּאַטרייִרט קיין בריסעל. אָף איר לײַב זײַנען אָף שטענדיק פֿאַרבליבן שפּורן פֿון די פּײַניקונגען אין געסטאַפּאָ און אינעם טויט־לאַגער.

זשאַרזש ליפּשיץ

ער איז געווען איינער פֿון די אַקטיווע טוער פֿון דער „סאָלידאַריטעט". אין דער אַנטיפֿאַשיסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זשאַרזש ליפּשיץ זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿײַיִקייטן און פּערזענלעכער העלדנמוטיקייט. דאָס איז געווען אַ שרעקלאָזער קעמפֿער. ער ווערט באַ־

שטימט אַלס קאָמאַנדיר פֿון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכער האָט דורכגעפֿירט אַ ריי געוואַגטע אַקציעס קעגן די אָקופּאַנטן.

ווען ס׳איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דורך בריסעל דאַרף דורכגיין קיין אָשוויענטשים אַ טראַנספּאָרט מיט דעפּאָרטירטע ייִדן, האָט דער פּאַרטיזאַנען־אָטריאַד, בראָש מיט זשאַרזש ליפּשיצן, באַ דער אַקטיווער שטיצע פֿון די בעלגישע און סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, אָפּגעשטעלט דעם עשעלאָן, און פֿיל הונדערטער צום טויט פֿאַרורטיילטע ייִדן זײַנען געראַטעוועט געוואָרן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט די געסטאַפּאָ דורכגעפֿירט מאַסן־אַבלאַוועס און אונטערזוכונגען. אין אָט די טעג זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אַ סאַך פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי אויך זשאַרזש ליפּשיץ. אַ פֿאַרקאָוועטן אין קייטן, האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ קעלער. און דאָ איז געשען אַזוינס, וואָס די פֿאַשיסטישע מערדער האָבן ניט דערוואַרט. ליפּשיצן איז באַנאַכט געלונגען צו באַפֿרײַען זיך פֿון די אײַזערנע פּענטעס. מיט דער זעלבער קייט דערהאַרגעט ער דעם וואַכמאַן, נעמט באַ אים צו דעם רעוואָלווער און אַנטלויפֿט. דאָס איז געווען אין סאָף 1943.

דער העלדנמוטיקער קעמפֿער האָט ווידער זיך אײַנגעשלאָסן אינעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף, זיך באַטייליקט אין פֿיל באַדײַטנדיקע נעקאָמע־אַקציעס קעגן די נאַצי־מערדער. מ׳האָט אים צום צווייטן מאָל אַרעסטירט, אַכזאָריעסדיק געפּײַניקט און אין 1944 צעשאָסן אין די קאַזעמאַטן פֿון דער געסטאַפּאָ.

יוסעף נייַשאַטען

אין אַנטווערפּען האָט מען יוסעף נייַשאַטענען געקענט פאַר אַן אָרטאָדאָקסאַל־גלייביקן ייִדן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע מישפּאָכע. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז יוסעף נייַשאַטען אַריבערגעפאָרן קיין בריסעל, וווּ ס'האָבן געלעבט זייַנע קינדער.

דער גאָטספאָרכטיקער יוסעף האָט ניט נאָר געבענטשט זייַנע זין נעקאָמע צו נעמען אין די ייִדן־מערדער, נאָר ער האָט אַליין אַקטיוו מיטגעהאָלפן אין דעם.

ווען די געסטאַפּאָווצעס האָבן אין 1943 זיך אַרייַנגעריסן אין זייַן דירע, קעדיי צו אַרעסטירן זייַנעם אַ זון אַ פּאַרטיזאַן, האָבן זיי בייַ דער אונטערזוכונג געפונען דאָרט אַ גאַנצן אַרסענאַל מיט געווער. יוסעף נייַשאַטען איז אַרעסטירט געוואָרן, און מע האָט אים אָפּגעשיקט אין דער פעסטונג ברענדאָנק. געזעסן איז ער אין אַ פינצטערן קאַלטן קאַרצער. די מערדער האָבן אים שרעקלעך געפּייַניקט, געפאָדערט, ער זאָל זאָגן, ווי קומט צו אים דאָס געווער און וווּ געפינען זיך זייַנע זין.

אין אָנהייב 1944 איז יוסעף נייַשאַטען צעשאָסן געוואָרן. ער האָט באַגעגנט דעם טויט, ווי אַ העלד.

דער וועג פון טרערן און בלוט

די ווילדע פאַשיסטישע כייַע האָט זיך אַרייַנגעריסן אף דער פראַנצויזישער ערד, ווען די נאַציסטישע אויסראָטונג־מאַשין האָט שוין באַוויזן אומצוברענגען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, ניט שוינענדיק דערבייַ קיינעם — ניט קיין אַלטע לייַט, ניט קיין פרויען און ניט קיין קינדער.

אין פראַנקרייַך איז אַלץ פאָרגעקומען לויט דעם שוין אויסגעפּרוּווטן, טייַוואָלאָנישן „סיידער", וואָס איז געווען קאַלטבלוטיק דורכגעטראַכט אין אייכמאַנס סעקציע IVБ4. איינינעם מיט דער היטלערישער אָקופּאַציע־אַרמיי זייַנען קיין פראַנקרייַך אַראָפּגעקומען אייכמאַנס באַפולמעכטיקטע און זיי זייַנען טייקעף צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן די טאָטאַלע אויסראָטונג.

ווי אומעטום, וווּ עס האָט געוועלטיקט דער היטלעריזם, האָט מען אויך אין פראַנקרייַך אָנגעהויבן פון אָפּנעמען בייַ די ייִדן יעטווידע מענטשלעכע רעכט. ס'איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסגיין אין מאַרק עפּעס קויפן, באַזוכן קינאָ און טעאַטער, אַרייַנקומען אין אַ קאַפע־הויז, זיך צוזעצן אף אַ באַנק אין אַ סקווער, באַנוצן זיך מיטן שטאָט־טראַנספּאָרט, בייַטן דאָס וווין־אָרט. געשטעמפּלט מיט דער געלער לאַטע, זייַנען די ייִדן געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ. און דאַן קומט גלייַך די צוואַנג־רעגיסטראַציע, די צערויבונג פון ייִדישע געשעפטן. און ענדלעך — דאָס פאַרטרייַבן די ייִדן אין די צייַטווייַליקע קאָנצלאַגערן.

אַזעלכע לאַגערן זייַנען געשאַפן געוואָרן אין דראַנסי, קאָמפּיען, פּוטיוויע, באָן־לאַ־ראָלאַנד און אין פיל אַנדערע שטעט פון פראַנקרייַך. פון אָט די טראַנזיט־לאַגערן איז שוין געווען איין וועג — צו די קרעמאַטאָריעס.

אין מאַרט 1942 האָבן די הענקער אָפּגעשיקט קיין אָשווענטשים זיבן עשעלאָנען, צו טויזנט ייִדן אין יעדן. אין יוני 1942 ווערן פון דראַנסי אָפּגעשיקט אין די טויט־לאַגערס אף מיזרעך פופציק עשעלאָנען מיט ייִדן — מענער, פרויען און קינדער.

דעם 28 יולי 1942 האָט אייכמאַנס באַפולמעכטיקטער דאַנעקער דעפּאָרטירט פון פּאַריזש, רואַן און אַנדערע פראַנצויזישע שטעט 43 טויזנט ייִדן, דערין טויזנטער ייִדן, וואָס זייַנען געבראַכט געוואָרן קיין פראַנקרייַך פון אַלזשיר. דעם 23 סענטיאַבער 1942 איז פונעם פּאַריזשער וואָקזאַל לע בורזשע אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אָשווענטשים אַן עשעלאָן מיט ייִדן — דייַטשישע אַנטיפאַשיסטן.

עס כאַפּט אַרום אַ שוידער בייַם לייענען די באַשרייַבונג, וויאַזוי ס'זייַנען פון דראַנסי דעפּאָרטירט געוואָרן די לעצטע 4 טויזנט קינדער אין עלטער פון 2 ביז 14 יאָר:

„אין דעם טאָג פון דעפּאָרטאַציע האָט מען זיי אופגעהויבן פון די געלעגערס פינף אַזייגער פאַרטאָג. נערוועזע, שלעפעריקע, האָט די מערהייַט פון זיי ניט געוואָלט אופשטיין און אַרויסגיין אין הויף... דאַן האָבן אין דער געבייַדע זיך אַרייַנגעריסן זשאַנדאַרמען און מיט גוואַלד אַראָפּגעשלעפּט זיי פון די נאַרעס. זיי האָבן שטאַרק געשריגן פאַר שרעק, זיך אייַנגעקלאַמערט איינס אין צווייטן. ס'האָט געמאַכט דעם אייַנדרוק פון אַ מעשוגאָים־הויז. אינעם לאַגערהויף האָט מען די קינדער אויסגערופן לויט די נעמען און זיי אַרייַנגעזעצט אין די אווטאָבוסן... אַזוי ווי מע האָט ניט געקאָנט פעסטשטעלן די נעמען פון אַ סאַך קינדער און אייניקע האָבן זיך ניט אָפּגערופן, ווען מ'האָט געלייענט דאָס צעטל, האָט מען פּשוט דערגאַנצט מיט זיי די פּאַרטיע, וואָס האָט געציילט פינף הונדערט קינדער און פינף הונדערט דערוואַקסענע.

אין מעשעך פון דרײַ װאָכן (אין דער צװײטער העלפט אװגוסט און אָנהײב סעפּטעמבער) זײַנען דעפּאָרטירט געװאָרן 4000 קינדער, װעלכע זײַנען שױן פריִער פאַרװאַנדלט געװאָרן אין יעסױמים.

באַם אָפּשיקן די טראַנספּאָרטן איז בײַגעװען דער האױפּטשטורעמפירער רעטקע, װעלכער האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיטן אָנלאָדן די אױטאָבוסן״.

120 טױזנט פראַנצױזישע יידן, דערין פינף און צװאַנציק טױזנט קינדער, זײַנען פאַרברענט געװאָרן אין די קרעמאַטאָריעס, דערשטיקט געװאָרן אין די גאַז־קאַמערעס, צעשאָסן און פאַרפּײַניקט געװאָרן.

„פראַנקרײַך װעט זיך ניט שטעלן אױף די קני!״

דער צעיושעטער פאַשיסטישער טעראָר האָט פאַרשאַפט דער פראַנצױזישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ גרױסע פאַרלוסטן. פונעם 24 יאַנואַר ביזן 9 אַפּרעל 1941 זײַנען בלױז אין פּאַריז און אין זײַן אומגעגנט אַרעסטירט געװאָרן זעקס טױזנט זיבן הונדערט קאָמוניסטן. אַרעסטן זײַנען פאָרגעקומען באַטאָג און באַנאַכט. אינגיכן האָט די צאָל רעפּרעסירטע קאָמוניסטן דערגרײכט מער פון צװאַנציק טױזנט.

דעם 19 אױגוסט האָבן די אָקופּאַנטן דערמאָרדעט די קאָמוניסטן אַנרי גאַטעראַ און שמועל טישעלמאַן. דעם 25 סעפּטעמבער זײַנען אין דער טורמע סענט געקעפּט געװאָרן די קאָמוניסטישע פונקציאָנערן זשאַן קאַטלאַ און אַװראַם טשזשבוצקי, דער אַרבעטער־מעטאַליסט אַדאָלף גיואָ און דער יונגער אַרכיטעקטאָר זשאַק װאָאָס.

דעם 15 דעקאַבער האָבן די מערדער אומגעבראַכט דעם מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פראַנצױזישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, אײנעם פון די אָנגעזעענע אָנפירער פון דער װידערשטאַנד־באַװעגונג קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן, דעם גלענצנדיקן פּובליציסט, פאַרװאַלטער מיטן צװײשנפעלקערלעכן אָפּטײל פון „הומאַניטע״ — גאַבריִעל פּערי. הונדערטער קאָמוניסטן זײַנען פאַרכאַפּט געװאָרן אַלס אַרעװוניקעס און זײַנען שפּעטער דערשאָסן געװאָרן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פון פראַנקרײַך האָט געענטפערט אױף די בלוטיקע רעדיפעס מיט אַ קאָנסאָלידאַציע פון אַלע פּראָגרעסיװע קױכעס אין לאַנד, מיט אָרגאַניזירן אַן אַלפאָלקישע װידערשטאַנד־באַװעגונג. אינעם רוף צום גאַנצן פאָלק, אונטערגעשריבן פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ מאָריס טאָרעז און פונעם סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט זשאַק דיוקלאָ, איז געװען געזאָגט:

„פראַנקרײַך האָט געליטן אַ מאַפּאָלע, דאָס לאַנד איז אָקופּירט און דערנידעריקט. אָבער קײנמאָל װעט אַזאַ גרױס פאָלק, װי אונדזערס, ניט װערן קײן פאָלק פון שקלאַפן... פראַנקרײַך מיט זײַן רומפולער פאַרגאַנגענהײט װעט זיך ניט שטעלן אױף די קני... ניט די באַזיגטע גענעראַלן, ניט די אַפערעסטן, ניט די פאַרדאָרבענע פּאָליטיקער קאָנען אױפשטעלן פראַנקרײַך. די גרױסע האָפענונג אױף נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרײַונג װעט פאַרװירקלעכט װערן נאָר מיצאַד דעם פאָלק; דער פראָנט פון פרײַהײט, אומאָפּהענגיקײט און װידער־אױפלעבונג פון פראַנקרײַך קאָן געשאַפן װערן אַרום דעם אַרבעטער־קלאַס...״

און דער דאָזיקער פרײַהײטס־פראָנט, בעראָש מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ איז געשאַפן געװאָרן. אַרבעטנדיק אומלעגאַל, אָרגאַניזירט די פּאַרטײ איבערן גאַנצן לאַנד װידערשטאַנד־אָטריאַדן און פּאַרטיזאַנער, צװישן זײ אױך פּאַרטיזאַנישע און פרײַשיסער־גרופּעס פון יידן, אָפּשטאַמיקע פון רומעניע, בעסאַראַביע, בוקאָװינע, פּױלן, אונגאַרן, טשעכאָסלאָװאַקיע.

אין גרענאָבל פאָרמירט זיך די באַרימט־געװאָרענע פּאַרטיזאַנען־גרופּע „ליבערטי שערי״, אין ליאָן — דער פּאַרטיזאַנען־באַטאַליאָן „קאַרמאַניאָל״.

עס װערן דורכגעפירט אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב אַקטן פון סאַבאָטאַזש און דיװערסיעס אױף די זאַװאָדן, שאַכטעס און אױף דער אײַזנבאַן. לױטן אורטײל פונעם קריגס־טריבונאַל פונעם װידערשטאַנד־פראָנט װערן עקזעקוטירט יענע פון דער היטלערישער אָקופּאַציע־מאַכט, װאָס זײַנען געװען פאַראַנטװאָרטלעך פאַר די לײדן און פאַר דער דערנידעריקונג פונעם פראַנצױזישן פאָלק, פאַר די רעדיפעס קעגן די פּאַטריאָטן.

אינעם װידערשטאַנד־קאַמף אױף דער פראַנצױזישער ערד האָבן אַקטיװ זיך באַטײליקט אױך אַ סאַך סאָװעטישע מענטשן. עס זײַנען באַװוסט, לעמאָשל, די העלדנטאַטן פונעם פּאַרטיזאַנישן פאָלק, װעלכער איז באַשטאַנען פון סאָװעטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן, בעראָש מיטן מאַיאָר אַלעקסאַנדער קאַזאַריאַן.

דער לײטענאַנט פון דער סאָװעטישער אַרמײ װאַסילי פּאָריק האָט פון די סאָלדאַטן און אָפיצערן, װאָס זײַנען אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, אָרגאַניזירט אַ ספּעציִעלן פּאַרטיזאַנישן באַטאַליאָן, װעלכער האָט אײנינעם מיט די פראַנצױזישע װידערשטאַנד־קױכעס זיך באַטײליקט אינעם באַפרײַען די שטאָט אַראַס. װאַסילי פּאָריק,

ווי באוווּסט, איז דעם 22 יול 1942 אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די אָקופּאַנטן און איז צעשאָסן געוואָרן. שוין נאָך זײַן טויט איז ער באַערט געוואָרן מיט דעם טיטל „העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד".

א העלדיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונעם פראַנצויזישן ווידערשטאַנד האָבן אויך אַרײַנגעשריבן די ייִדן. דאָס האָט וועגן זיי געזאָגט מאָריס טאָרעז: „בײַס די פינצטערע יאָרן פון דער אָקופּאַציע און פון דער ווישי־הערשאַפט האָבן זיי, פּונקט ווי אַלע פראַנצויזן, וואָס זײַנען געבליבן טרײַ דעם פאָטערלאַנד, געשטעלט העכער פון אַלץ דעם גײַסט פון איבערגעגעבנקײַט און מעסירעסנעפעש".

אָט זײַנען אייניקע פון זיי.

מאַרסעל ריימאַן

„דער פאַריזשער טשאַפּײַעוו", מיט אָט דעם נאָמען האָבן די שלאַכט־כאַווערים באַקרוינט מאַרסעל ריימאַנען פאַר זײַן געוואַגטקײַט און שרעקלאָזיקײַט אין קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן.

צו זיבעצן יאָר איז מאַרסעל געוואָרן דער אָנפירער פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע פונעם 11־טן פאַריזשער קרײַז. צווישן דער יוגנט פון זײַן עלטער האָט ער זיך אויסגעטײלט מיט זעלבשטענדיקײַט און פּאָליטישער רײַפקײַט.

די אָנפירער פון די ווידערשטאַנד־קרײַזעס אין פאַריזש פאַרטרויען אים צו דורכפירן די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע און געפערלעכע נעקאָמע־אַקציעס. מאַרסעל טרעט אַרײַן אינעם 2־טן אָטריאַד פון די פרײַשיסער און באַטייליקט זיך אין א גאַנצער ריי שלאַכט־אָפּעראַציעס.

אין סעפּטעמבער 1942 האָט מאַרסעל ריימאַן מיט נאָך צוויי שלאַכטלײַט פונעם אָטריאַד דורכגעפירט א באַוואָפנטן אָנפאַל אַף א קאָלאָנע היטלעריסטן, וועלכע האָבן מאַרשירט אַף דעם פּלאַץ „ד'נאַסיאָן". עס פליען עטלעכע גראַנאַטעס אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער קאָלאָנע. די פאַשיסטן צעלויפן זיך אין גרויס פּאַכעד, איבערלאָזנדיק אפן פּלאַץ א סאַך טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אין א קורצער צײַט אַרום פירט דורך מאַרסעל ריימאַן א צווייטן נעקאָמע־אַקט. מיט א קליינער גרופּע פּאַרטיזאַנער — טשעכישע עמיגראַנטן — לאָזט ער זיך אוועק צו דער בריק „ד'אַרטז" צו פאַרניכטן די וואַך. עס קומען זיי אַנטקעגן צוויי היטלערישע אָפיצערן פון גאַר א הויכן ראַנג. די אָפיצערן באַווײַזן ניט אַפילו זיך אַרומקוקן, ווי זיי פאַלן אונטערגעקאָסיעט פון די פּאַרטיזאַנישע אויטאָמאַטן.

די זעלבע גרופּע, בעראָש מיט

מאַרסעל ריימאַן, וואַרפט אַרײַן א גראַנאַטע אינעם רעסטאָראַן „ד'אַזניערז" און עס ווערן דערבײַ פאַרניכטעט עטלעכע צענדליק אָקופּאַנטן.

דער טריבונאַל פון דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנס האָט אַרויסגעטראָגן א טויט־אורטייל דעם היטלעריסט ריטער פאַר זײַנע פאַרברעכנס קעגן דעם פראַנצויזישן פאָלק. דאָס האָט ער, ריטער, אַרויסגעפירט מערער פון 500 טויזנט פראַנצויזן אַף קאַטאָרגע קיין דײַטשלאַנד. אויסצופילן דעם אורטייל פונעם טריבונאַל ווערט פאַרטרויט מאַרסעל ריימאַנען, דעם שפּאַניער סעלעסטין און דעם איטאַליענער ספּאַרטאַק פאָנטאַנאָם.

א גאַנצע צײַט האָבן די פּאַרטיזאַנער נאָכגעשפּירט נאָך דעם היטלערישן באַפולמעכטיקטן, און איינמאָל, בײַס ריטער איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן מאַשין, האָט מאַרסעל ריימאַן דרײַ מאָל אויסגעשאָסן אין אים. דער אורטייל איז אויסגעפילט געוואָרן.

דעם 6 יול 1943, אין א שלאַכט, וועלכע איז באוווּסט מיטן נאָמען „איינער קעגן הונדערט", איז אומגעקומען דער העלדישער פּאַרטיזאַן יויסעף קלישטש. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַשלאָסן נעקאָמע נעמען פאַרן טויט פון זייער באַליבטן כאַווער. די אַקציע איז אויך דאָס מאָל אָנגעטרויט געוואָרן דעם שרעקלאָזן מאַרסעל ריימאַן.

„...דעם 28 יול 1943 אינדערפרי האָט דער אויטאָמאָביל, אין וועלכן ס'איז געזעסן דער גענעראַל פאָן שאַומבורג, פאַרקערעוועט פונעם פּראַספּעקט פּאָל דומער אַף דער ניקאָלאַ־גאַס פונעם 16־טן פאַריזשער קרײַז.

מאַרסעל ריימאַן איז געשטאַנען באַם ראָג פון דער ניקאָלאַ־גאַס, און ווען דער „אָפּעל" האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אים, האָט ער א שלײַדער געטאָן א גראַנאַטע. דער פאַשיסטישער גענעראַל פאָן שאַומבורג, זײַן אַדיוטאַנט און דער שאָפער זײַנען געבליבן ליגן טויטע צווישן די ברוכשטיקער פון דער צעשמעטערטער מאַשין.

דאָס איז געווען איינע פון די לעצטע נעקאָמע־אַקציעס, אין וועלכע ס'האָט זיך באַטייליקט מאַרסעל ריימאַן. אין נאָיאַבער 1943 האָט די געסטאַפּאָ דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן, עס איז אויך אַרעסטירט געוואָרן מאַרסעל ריימאַן.

דרײַ כאָדאָשים נאָכאַנאַנד האָבן די געסטאַפּאָווצעס אים געפּײַניקט, געברענט זײַן לײַב מיט אָנגעגליטע שטיקער אײַזן, אַרויסגעריסן די נעגל פון די פינגער. ער האָט אויסגעהאַלטן אַלע פּײַניקונגען, דער צוואַנציקיאָריקער „פאַריזשער טשאַפּײַעוו".

אין פעוורואַל 1944 איז מאַרסעל ריימאַן געמישפּעט געוואָרן דורך דעם היטלעריסטישן קריגס־טריבונאַל. א פאַרקאַוועטער אין קייטן, קוים האַלטנדיק זיך אַף די פיס, איז ער געשטאַנען פאַר די פאַשיסטישע ריכטער מיט א שטאָלץ־פאַרהויבענעם קאָפּ, און זײַנע ווערטער זײַנען געווען פול מיט שטאָלץ:

„איך בין געווען א סאָלדאַט פונעם פרײַהײַטסליבנדיקן פראַנקרײַך און א זון פונעם ייִדישן פאָלק. ווען מײַנע הענט זײַנען פרײַ פון

די אײַזערנע קייטן, וואָלט איך אויך ווײַטער געהאַלטן פאַר מײַן הייליקסטן כוויו צו פאַרניכטן אײַך, ווײַל איר זײַט ניט קיין מענטשן, נאָר ווילדע כײַעס...״

דעם 21 פעווראַל איז מאַרסעל ריימאַן מיט נאָך 22 ווידערשטענדלער צעשאָסן געוואָרן.

יוסעף באַטשאָוו

צווישן די צוויי און צוואַנציק רעזיסטאַנס-קעמפער, וואָס דער קריגס-טריבונאַל פון די אָקופאַנטן האָט פאַרמישפעט צום טויט, זײַנען געווען מאַרסעלס שלאַכט-כאַווײרים יוסעף באַטשאָוו, שלוימע-וואָלף שאַפיראָ און וואָלף ווײַסבראָט.

יוסעף באַטשאָוו איז געבוירן געוואָרן אין טראַנסילוואַניע. לויטן פאַך איז ער געווען אַן אינזשעניער-כימיקער.

ווען אין שפאַניע האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג, האָט יוסעף פאַרלאָזט די היים און איז אַריבערגעגאַנגען די גרענעצן פון א ריי לענדער, קעדיי זיך באַטייליקן אינעם קאַמף פון די רעפובליקאַנער. ער ווערט אָבער פאַרהאַלטן דורך א גרענעץ-וואַך און זיצט אָפ זעקס כאַדאָשים אין די טורמעס. ענדלעך געלינגט אים צו אַנטלויפן, און ער גייט אַריבער די פראַנצויזיש-שפאַנישע גרענעץ, קומט קיין אַלבאַסעטע, ווו עס גייט די פאָרמירונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, און ווערט א וואָלאָנטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע פון דער 45-טער דיוויזיע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פונעם לעגענדאַרן ענריקאָ ליסטער.

יוסעף באַטשאָוו האָט העלדנמוטיק געקעמפט אין עבראָ און קאַטאַלאָניע, און ווען די שפאַנישע רעפובליק איז דערשטיקט געוואָרן, איז ער מיט זײַן טייל איבערגעגאַנגען קיין פראַנקרײַך. מער פון צוויי יאָר איז יוסעף באַטשאָוו געווען פאַרשפאַרט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן.

ווען די היטלעריסטן האָבן אָקופירט פראַנקרײַך, האָבן זיי אינטערנירט די רעפובליקאַנישע קעמפער. יוסעף באַטשאָוו מיט א גרופע רומענישע וואָלאָנטערן ווערט דעפאָרטירט קיין דײַטשלאַנד. אין וועג האָט יוסעף מיט זײַנע פרײַנט אָפגעריסן אין פראַכט-וואַגאָן עטלעכע ברעטער פונעם דיל און איינער נאָכן צווייטן זיך אַראָפגעלאָזט אַף די רעלסן-שפאַלעס... לאַנג האָבן זיי געוואָגלט, ביז זיי האָבן ענדלעך, זיך דערקליבן קיין פאַריזש. צו יענער צײַט זײַנען אין פראַנקרײַך שוין אויפגעקומען די ערשטע ווידערשטאַנד-גרופעס. באַטשאָוו טרעט אַרײַן אין דער גרופע, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

פאַרמאָגנדיק א געוויסע דערפאַרונג פון די שלאַכטן אין שפאַניע, ווערט באַטשאָוו אײַנגיכן דער שעף פונעם ערשטן אַטריאַד פון די רומענישע און אונגאַרישע פאַרטיזאַנער.

אינעם בעלווילער קוואַרטאַל פון פאַריזש פאַלט אָן באַטשאָווס אַטריאַד אַף א סקלאַד פון געווער און רײַסט אים אויף. די דאָזיקע געוואַגטע אָפעראַציע האָט אַרויסגערופן פאַרלוירנקײַט בא די אָקופאַנטן.

שפעטער ווערט יוסעף באַטשאָוו באַשטימט אַלס שעף פונעם 4-טן פאַרטיזאַנישן אַטריאַד, וואָס האָט דעריקער דורכגעפירט דיווערסיע-אַקטן אַף די אײַזנבאַנמאַגיסטראַלן, איבער וועלכע די היטלערישע קאָמאַנדשאַפט האָט טראַנספאָרטירט מיליטער און שלאַכט-טעכניק אַפן מיזרעך-פראָנט.

ווי געזאָגט, איז יוסעף באַטשאָוו פאַרמישפעט געוואָרן צום טויט אינאיינעם מיט מאַרסעל ריימאַן. מ׳האָט אים באַשולדיקט אין דורכפירן צוואַנציק דיווערסיע-אַקטן און אַטענטאַטן אַף די פאָרשטייער פון דער אָקופאַציע-מאַכט.

שלוימע-וואָלף שאַפיראָ

זײַן קורץ לעבן איז פול מיט העלדישן קאַמף און מיט שווערע ניסיוינעס.

נאָך גאָר א יונגער, האָט שאַפיראָ זיך אײַנגעשלאָסן אינעם פראָלעטאַרישן קאַמף קעגן דעם פילסודסקי-רעזשים אין פוילן. נאָר די עכטע פאָליטישע רײַפקײַט קומט צו אים שפעטער, ווען ער עמיגרירט קיין פאַלעסטינע און איז דאָרט אַן איידעס פון דעם, וויאַזוי דער ענגלישער אימפעריאַליזם צעבלאָזט בעקיוון דעם האַס צווישן די אַראַבער און די יידן, קעדיי ס׳זאָל אים גרינגער זײַן צו עקספלואַטירן און באַרויבן סײַ די, סײַ יענע. שלוימע-וואָלף שאַפיראָ זעט, ווי עס ווערן פראָוואָצירט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן אַראַבער און יידן. און ער באַגרײַפט, אַז זײַן אָרט איז אינעם לאַגער פון די קעמפער קעגן דעם אימפעריאַליזם. אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פאַלעסטינע געאַרבעט אומלעגאַל. טראָץ דעם קאָלאָניאַלן טעראָר, געפינט שלוימע-וואָלף שאַפיראָ דעם וועג צו דער קאָמוניסטישער אונטערערד, ווערט א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פאַלעסטינע.

בײַס דער גרויסער פאָליטישער דעמאָנסטראַציע אין מײַ 1931 ווערט שאַפיראָ אַרעסטירט. ער זיצט אָפ אין טורמע צוויי יאָר. די קאָלאָניאַלע מאַכט שיקט אים אַרויס פון לאַנד. ער באַזעצט זיך אין עסטרײַך און זעצט דאָרט פאָר דעם פאָליטישן קאַמף.

עס זײַנען אַוועק עטלעכע יאָר, דאָס היטלער-דײַטשלאַנד האָט אָקופירט עסטרײַך. די געסטאַפאָ פאַרפאָלגט און רודפט די קאָמוניסטן.

די געפאַר האָט געלויערט אויך אַף שאַפּיראָן, נאָר עס געלינגט אים אין סעפּטעמבער 1938 אַנטלויפן קיין פראַנקרײַך, ווו ער שליסט זיך אָן אין דער אַרבעט פון די פּראָגרעסיווע פּראָפּאַריינישע אָרגאַניזאַציעס, ווערט א פלאַמיקער פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן דעם נאַציזם, וועמענס בלוטיקע האַק איז שוין געהאַנגען אויך איבערן קאָפּ פון דעם פראַנצויזישן פאָלק.

און אָט איז פּאַריזש אָקופּירט. פון טיפער אונטערערד אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פראַנקרײַך דעם ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן דעם בלוטיקן סוינע. שלוימע־וואָלף שאַפּיראָ טרעט אַרײַן אין דעם צווייטן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד — אין יענעם אָטריאַד, ווו עס האָבן געקעמפט מאַרסעל ריימאַן און יוסעף באָטשאָוו. אינאיינעם מיט זיי האָט שאַפּיראָ זיך באַטייליקט אין די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע און געפערלעכע נעקאָמע־אָפּעראַציעס. איינע פון די לעצטע אַקטן מיט שאַפּיראָס אָנטייל איז געווען דער גלענצנדיק־פאַרווירקלעכטער אָנפאַל אַף א פאַשיסטישער מיליטער־קאָלאָנע, וועלכע האָט מאַרשירט צום וואָקזאַל, קעדיי אָפּפאָרן אַפן מיזרעך־פראָנט. ווען די קאָלאָנע האָט זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו עס האָט זיך פאַרטײַעט דער אָטריאַד, האָט איינער פון די פּאַרטיזאַנער א שלײַדער געטאָן א שווערע גראַנאַטע אין דער מאַשין, וועלכע איז געגאַנגען בעראָש פון דעם מיליטער־טייל. די מאַשין האָט גלײַך אויפגעפלאַקערט. אין אָט דעם מאָמענט האָבן די פּאַרטיזאַנער באַשאָסן פון אווטאָמאַטן די קאָלאָנע. צווישן די אָקופּאַנטן איז געוואָרן א בעהאָלע, און ביז וואָס־ווען, זײַנען די פּאַרטיזאַנער שוין נעלעם געוואָרן. אַפן ברוק זײַנען געבליבן ליגן צענדליקער דערהאַרגעטע פאַשיסטן.

דאָס איז געווען אין יול 1943, און אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום איז שלוימע־וואָלף שאַפּיראָ, בײַס א מאַסן־אָבלאַווע, אַרעסטירט געוואָרן.

אַפן געריכט האָט שאַפּיראָ מיט א שטאָלץ־פאַרהויבענעם קאָפּ, אויסגערופן:

„מיר פאַרענטפערן זיך דאָ ניט, ווײַל מיר ווייסן, אַז מיט קיין רייד קאָן מען קעגן פאַשיזם גאָרנישט ניט מאַכן, מיר פאַרטיידיקן זיך קעגן אײַך אינעם אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף. בלויז אַזאַ קאַמף קאָן ברענגען צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פונעם פאַשיזם...״

דעם 21 פעווראַל 1944 איז שלוימע־וואָלף שאַפּיראָ מיט זײַנע פּאַרטיזאַנישע מיטקעמפער צעשאָסן געוואָרן אַף מאָנט־וואַלעריען.

שמועל טישעלמאַן

שמועל איז אַלט געווען פיר יאָר, ווען זײַנע עלטערן, טוישווים פונעם פּוילישן שטעטל פּולאָוו, האָבן אין 1920 עמיגרירט קיין פראַנקרײַך. שמועל טישעלמאַן האָט נאָך אין דער יוגנט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיך באַטייליקט אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פּאַריזש.

אין דער גרויזאַמער שאָ פון דער פאַשיסטישער אינוואַזיע איז דער קאָמוניסט טישעלמאַן מיט זײַנע פרײַנט פּיער זשאָרזש (שפּעטער וועט ער אין פראַנקרײַך באַוווּסט ווערן ווי דער פּאָלקאָווניק פאַביען), שאַרל וואָלמאַרק, עליעם וואַלאַך געוואָרן איינער פון די פּיאָנערן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער און זײַנע פרײַנט זײַנען די אָרגאַניזאַטאָרן פון די „יוגנט־באַטאַליאָנען״, וועלכע זײַנען געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער ברייטער רעזיסטאַנס־באַוועגונג.

אין אויגוסט 1941 האָבן די פּאַרישער פּאַטריאָטן אײַנגעאָרדנט א דעמאָנסטראַציע אין ראַיאָן פון די סען־דעני־טויערן. צווישן די, וואָס זײַנען געגאַנגען בעראָש פון דער מאַסן־דעמאָנסטראַציע, איז געווען שמועל טישעלמאַן. די דעמאָנסטראַנטן האָבן סקאַנדירט: „נידער מיט די אָקופּאַנטן!״, „נידער מיט דער מילכאָמע קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד!״

די דעמאָנסטראַציע איז באַשאָסן געוואָרן. פיל דעמאָנסטראַנטן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן, דערין אויך שמועל טישעלמאַן.

קעדיי צו אָנשרעקן די ווידערשטענדלער, האָבן די אָקופּאַנטן דעם 19 אויגוסט 1941 צעשאָסן שמועל טישעלמאַנען און דעם אַרבעטער־מעטאַלורג דעם קאָמוניסט אַנרי גאָטעראָ. דער מאָרד פון אָט די צוויי העלדנמוטיקע קעמפער האָט דערשיטערט זייערע פרײַנט און קאַמפּס־כאַווײרים. אין פיר טעג אַרום, דעם 23 אויגוסט, האָט פּיער זשאָרזש (פאַביען), אויס נעקאָמע פאַרן טויט פון זײַן בעסטן פרײַנט שמועל טישעלמאַן, אַפן פּעראָן פון דער מעטראָ־סטאַנציע באַרבעס ראָשעשואַר, דערשאָסן א הויכגעשטעלטן פּאָליציי־אָפיצער.

וואָלף ווײַסבראָט

וואָלפס עלטערן האָבן אין דעם פּריצישן פּוילן ניט געהאַט קיין באַשטענדיקע אַרבעט. די מישפּאָכע האָט געלעבט אין גרויס נויט. זיי פאַרלאָזן דאָס היימשטעטל ראַקסניק און לאָזן זיך אין דער וועלט אַרײַן. אין 1936 באַזעצט זיך די מישפּאָכע ווײַסבראָט אין פּאַריזש. נאָך לאַנגע מאַטערנישן געלינגט דעם פאָטער אָנקומען אַף אַרבעט אַלס טעסלער אַף א בויונג. קעדיי ווי־עס־איז זיך דורכלעבן, האָט ער געמוזט אײַנאָרדענען דעם עלפיאָריקן וואָלפן אין א שלאָסער־וואַרשטאַט. דאָס יינגל האָט מיט דערפאָלג באַהערשט דעם שלאָסער־פאַך. אין דער פרײַער צײַט האָט ער א סאַך געלייענט.

ווען פראַנקרײַך איז אָקופּירט געוואָרן, איז וואָלף אַלט געווען סאַכאַקל 17 יאָר. ווי אַ סאַך פון זײַנע יונגע פרײַנט עמיגראַנטן, טרעט ער אַרײַן אין די רייען פון די פרײַשיסער — פּאַרטיזאַנער. ער ווערט אַ סאָלדאַט פונעם צווייטן אָטריאַד פון די פרײַשיסער.

אין יול 1942 האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט וואָלפס עלטערן. זיי ווערן אָפּגעשיקט אינעם לאַגער דראַנסי, און פון דאָרט ווערן זיי דעפּאָרטירט קיין אָשוועטשים. דער טראַגישער גורל פון זײַנע עלטערן האָט אַרויסגערופן בײַ וואָלפן נאָך מער אַנטשלאָסנקײַט נעקאָמע צו נעמען אין די מערדער. ער באַטייליקט זיך אין אַ ריי באַוואָפנטע אַקציעס קעגן די אָקופּאַנטן. דעם דריטן יאַנוואַר 1943 פאַלט אָן דער צווייטער אָטריאַד אויף אַ מיליטער־טייל, וואָס מאַרשירט אויף דעם פּראָספּעקט לאָווענדאַל. פון דער גראַנאַטע, וועלכע עס האָט געוואָרפן וואָלף, זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן אַ פּאָר צענדליק היטלעריסטן.

וואָלף ווײַסבראָט האָט זיך באַטייליקט אין צען דיווערסיע־אַקטן אויף די אײַזנבאַן־מאַגיסטראַלן.

אין הארבסט 1943 איז וואָלף אַרעסטירט געוואָרן. פיר כאָדאָשים האָט מען אים אַכזאָריעסדיק געפּײַניקט אין געסטאַפּאָ. יעדער פאַרהער פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט די סאַמע ווילדע עקזעקוציעס. ענדלעך איז ער אינאיינעם מיט מאַנוקיאַנען, באָטשאָוון און מאַרסעל ריימאַנען געשטעלט געוואָרן פאַרן נאַציסטישן קריגס־טריבונאַל.

ווען וואָלף האָט באַקומען דאָס וואָרט צו פאַרטיידיקן זיך, האָט ער געזאָגט:

„איך האָב נעקאָמע גענומען פאַר מײַן פאָלק, וואָס איר האָט פאַרורטיילט צו פאַרניכטונג. ווען איך זאָל האָבן די מעגלעכקײַט, וואָלט איך אויך ווײַטער אָן ראַכמאָנעס אײַך פאַרניכטעט, ווײַל איר זײַט ניט ווערט דעם נאָמען מענטש. איר זײַט מערדער!"

וואָלף ווײַסבראָט איז מיט זײַנע כאַווײרים צעשאָסן געוואָרן אויפן באַרג מאָנט־וואַלעריען.

(פאָרזעצונג קומט)

כראָניק

נײַעס פון אויסלאַנד

אַ סימפאָנישע פּאָעמע „באַר־קאָכבאַ"

דער כאָרוואַטישער קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אין זײַן פאַרלאַג אַ פּאַרטיטור פון ברונאָ פּריסטערס אַ סימפאָנישער פּאָעמע, וואָס איז געווידמעט דעם אָנפירער פונעם לעצטן גרויסן אויפשטאַנד קעגן די רוימער באַר־קאָכבאַ (אין יאָר 135 פון דער נײַערער ערע).

דער זעלבער קאָמפּאָזיטאָר האָט ניט לאַנג צוריק פאַרענדיקט זײַן נײַסטע קאָמפּאָזיציע „שיר־האַשירים" — אַ גרויסע קאַנטאַטע פאַר מעצאָ־סאָפּראַן, טענאָר, באַריטאָן, פרויען־כאָר און אָרקעסטער.

אַ בוך וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רומעניע

כאָטש די אויסגאַבע איז באַטיטלט מיטן נאָמען „ייִדישע ליטעראַטור אין רומעניע פון איר אָנהייב ביז 1968", פּרעטענדירט זי ניט אָפּצושפּיגלען די פולע געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אָט דעם לאַנד.

גיכער פון אַלץ, — ווערט געזאָגט אינעם אַרײַנפיר צום בוך, — קאָן די אויסגאַבע דינען אַלס דער סאַמע רײַכסטער סיסטעמאַטישער און אינפאָרמאַטיווער כראָנאָלאָגישער איבערבליק פון די ביז איצט דערשינענע אין רומעניע ענלעכע אַרבעטן.

ווערטפול זײַנען אין דעם בוך די אָפּשאַצונגען וועגן פילצאָליקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און ביכער.

■ ■ ■

ליטעראטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראָבן פון קינסט

הערש רעמעניק

פראָבלעמען פון האלקינס שאפונג

(נאָטיצן)

1

וועגן שמועל האלקינס דיכטונג איז שוין אָנגעשריבן ניט ווייניק. און עס וואָלט געווען ניט נאטירלעך, ווען די קריטיק זאָל פארשוויַיגן אזא באַדיַיטנדיקן שריַיבער, וואָס פארנעמט א צענטראל אָרט אין דער ליטעראטור. ארום האלקינס שאפונג האָבן יאָרנלאנג געפלאקערט הייסע פּאָלעמישע שלאכטן, שארפע דיסקוסיעס.

פונדעסטוועגן, אז מע טראכט איצט וועגן דעם דיכטערס שווערן גוירל, קומט מען צו א טרויעריקן אויספיר, אז די קריטיק איז אויך דאָ, ווי מע זאָגט, אָפּגעשטאנען פון דער ווירקלעכקיַיט. אוואדע זיַינען פאראַנען מער־ווייניקער געלונגענע אלגעמיינע באשריַיבערישע ארבעטן, אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן דעם דיכטערס שעפערישן וועג. אזעלכע ארבעטן, אפילע געלונגענע, גיבן אָבער ניט קיין טיפן אנאליז פון די קאָנקרעטע אינערלעכע באזונדערקיַיטן, וועלכע אונטערשיידן און טיילן אויס האלקינען פון אנדערע, אויך וויכטיקע און באדיַיטנדיקע שריַיבער, וועלכע האָבן געלעבט און געשאפן אין איין ציַיט מיט אים און זייער שאפונג האָט א סאך אלגעמיינס און קרויווישעס מיט אים.

האלקין איז א ליריקער; ער איז איינער פון די באַדיַיטנדיקע מיַיסטערס פון לירישער פּאָעזיע. וועגן וואָס ער זאָל ניט שריַיבן — וועגן ליבע, נאטור, וועגן סאָציאַל־היסטאָרישע געשעענישן, וועגן וויַיטער היסטאָרישער און נאציאָנאלער פארגאנגענהיַיט, — איז ער שטענדיק א ליריקער, א טיפער אויסדריקער פון קאָמפּליצירטע מענטשלעכע געפילן, איבערלעבונגען, וועלכע ס׳איז שווער צו אנטפּלעקן מיטן געוויינלעכן לאָגישן פארשטאנד.

די שוועריקיַיטן פון אנאליזירן לירישע פּאָעזיע באַשטייט דערין, וואָס עס איז קימאט אומעגלעך אופדעקן זי און פאָרשטעלן אלס קאָנקרעטע פּסיכאָלאָגישע דערשיַינונג, אלס לאָגישן, וויסנשאפטלעכן אָדער גיַיסטיקן באגריף. אין ליריק ווערן פארפעסטיקט טיף אינערלעכע נעשאָמע־איבערלעבונגען פונעם מענטשן, וואָס איז אין דעם אָדער יענעם מאָמענט פארכאפּט מיט שטארקע ליַידנשאפטן, סאָציאלע אָדער אינדיווידועלע, און ווערן אָבער אנטפּלעקט אָפּגעזונדערט פון טאָגטעגלעכער קאָנקרעטקיַיט; האגאם אפילע אין דער סאמע „געהיימער" לירישער דיכטונג, אויב עס איז עמעסע דיכטערישע קונסט, קאָן מען שטענדיק געפינען קאָנקרעטע אויסדרוקן פון לעבנס־רעאליטעט.

ניט געקוקט אף דער געדאכטער כאאָטישקיַיט, סטיכיייִשקיַיט, אנטוויקלט זיך די ליריק פון עמעסע דיכטער לויט באשטימטע געזעצמעסיקיַיטן, וועלכע זיַינען פארבונדן הויפּטזאכלעך מיט אינדיווידועלע אייגנשאפטן פונעם קינסטלערס עסטעטישער וועלטאָנשויונג, מיט זיַין מעטאָד פון אופאסן און פארקערפּערן די ווירקלעכקיַיט. אפילע דער סאמע דינער לירישער אויסדרוק איז שטענדיק פארורזאכט, זאָל זיַין אפילע סטיכייִש און אונטערבאוווסטזיניק, פונעם קינסטלערס אינדיווידואליטעט.

און דאָ גייט א רייד ניט וועגן היסטאָרישע, פילאָסאָפישע אָדער פּאָליטישע אָנשויונגען פונעם דיכטער. דאָ האנדלט זיך וועגן די באזונדערקיַיטן פונעם קינסטלערס כאראקטער, וועלכע זיַינען אויסגעדריקט אין די באזונדערקיַיטן פון זיַין סטיל, אין זיַין פארקערפּערן לעבנס־דערשיַינונגען, אין זיַינע מעטאָדן און מיטלען פון אָפּשפּיגלען די ווירקלעכקיַיט. מע קאָן האלטן פאר פעסטגעשטעלט, אז שעפערישער עקלעקטיזם, סטיכייִשקיַיט, סיסטעמלאָזיקיַיט זיַינען כאראקטעריסטיש פאר דיכטער־עפּיגאָנען, וואָס אפילע בא א געוויסער באגאבונג און טאלאנטירטקיַיט זיַינען זיי פּייִק בלויז

אַף מער אָדער ווייניקער פּאַרמאַסקירטער אַנטלײַונג פֿון די אַרסענאַלן און סיסטעמען פֿון די פֿאָריקע פּאָעטישע אַנזאַמלונגען. דער עמעסער קינסטלער קומט אַלס קלאַל מיט זײַן אײגענער שעפֿערישער קינסטלערישער סיסטעם, וואָס איז זיך סוימעך אַף די דערגרייכונגען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט, זײַענדיק אין דער זעלבער צײַט נײַ, אומבאַקאַנט אין פֿאַרגלײַך מיט די פֿריִערדיקע דוירעס און דערפֿאַר — באַצויבערנדיק אין דער ליטעראַטור און קונסט פֿון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע.

שמועל האַלקין איז געוועז אָט אַזאַ דיכטער, וועלכער איז געקומען מיט זײַן פּאָעטישער, קינסטלעריש־שעפֿערישער סיסטעם. די קריטיק דאַרף געפֿינען, אופֿדעקן די גרונט־עלעמענטן פֿון זײַן קינסטלערישער סיסטעם און דערמיט פֿעסטשטעלן דעם טאָך און די באַדײַטונג זײַנע אין דער ליטעראַטור.

2

דער העכסטער שאַץ דער מענטשלעכער — נאָר
זי, די לאָגיק,
דאָס איבעריקע איז אי נעבעכדיק, אי קלאָגיק...

אָט די שורעס פֿון דער ליד „דער ווידוי פֿון סאָקראַט" קאָנען אויסזען ווי צופֿעליקע אין האַלקינס דיכטונג. וועגן אים איז דאָך אַזויפֿיל געשריבן געוואָרן ווי וועגן דעם מײַסטער פֿון צאַרטע לירישע לידער, דעררײַקער — ווי וועגן דעם מײַסטער פֿון ליבע־ליריק. מיר ווייסן האַלקינען — דעם דיכטער פֿון די סאַמע פֿאַרבאָרגענע נעשאָמע־ און האַרץ־לידער. דעם מענטשלעכן האַרץ האָט דער דיכטער אַף שטענדיק געשענקט זײַן אויצער, זײַן גאָב, זײַן דיכטעריש וואָרט —

וועז ניט דאָס ה א ר ץ, וואָס ווייסט נאָר איינס —
זיך ציִען
צום אורקוואַל זײַנעם, וואָס געפֿינט זיך דאָרט,
וווּ ס'ווערט פֿון פּראַכט צעשמעלצט דאָס גרעבסטע
וואָרט,
און ווערט אַפּסנײַ געפֿורעמט אַפֿן אָרט, —
אַ גאַנצן לעבן כ'וואָלט אומזיסט זיך מיִען
און הילפֿלאָז־שטום געבליבן וואָלט איך פֿאָרט.

וועז ניט דאָס וו אָ ר ט, וואָס האָט קיין שוועל,
קיין צוים ניט,
וואָס מײַדט אויס בערג און טהאָמען שפּרינגט
אַריבער,
דאָס וואָרט, וואָס מישט אויס יאַם, און ברעג, און
שטיבער,
און צווישן ערד און הימל בלײַבט אים ווייניק
אָרט, —
וועז ניט דאָס וואָרט, וואָס שטיל פֿ ו ן ה א ר ץ
צ ו ה א ר ץ גייט איבער,
וואָס פֿאַר אַ זין און ווערט וואָלט האָבן דאַן דאָס
וואָרט?

מע קאָן ברענגען פֿילצאָליקע בײַשפּילן פֿון האַלקינס לידער, וואָס באַשטעטיקן אָט דעם שטאַנדפּונקט אַף זײַן פּאָעזיִע: „פֿון האַרץ צו האַרץ", פֿון די סאַמע געהיימע טיפֿענישן פֿון שעפֿערישער באַגײַסטערונג — צו די סאַמע ראַכוועסן פֿונעם מענטשלעכן האַרץ. „לייג צו צו מײַן האַרץ", „דאָס האַרץ פֿון „דינאַמאָ"", „אַ האַרץ", „וועז ס'ענגט אין האַרץ און ווײַטער כ'קאָן ניט גיין", „אַך, דו פֿאָהאַנע האַרץ", „וועז דאָס האַרץ ווערט פֿול" — דאָס זײַנען בלויז אייניקע כאַראַקטעריסטישע קעפּלעך פֿונעם דיכטערס לידער און ניט בלויז פֿון די לירישע ציקלען פֿונעם „ליבע־בוך", וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ לירישער ראָמאַן אין דער טראַדיציע פֿון „שיר־האַשירים" אָדער פֿון אַלעקסאַנדער בלאָקס לירישן ציקל „לידער וועגן דער וווּנדערלעכער דאַמע". עס איז אומעגלעך זיך ניט אונטערגעבן דעם צויבער פֿון דעם טריִומפֿירנדיקן געפֿיל פֿון האַרצן, וועז מע לייענט די הימנישע שורעס דער ליבע:

טײַערע מײַנע, האַרציקע מײַנע,
אָט ווי דו זעסט, גיי איך אום און איך טײַנע:
טײַערע מײַנע,
האַרציקע מײַנע.

שוין זשע אַ סאָף איז? שוין זשע פֿאַרענדיקט?
שוין זשע אַף קיינמאָל שוין מערער ניט זען
דיך?

דיך און די שיינקײַטן, ריינקײַטן דײַנע,
טײַערע מײַנע, האַרציקע מײַנע.

עפּשער וועסט קומען, באַווײַזן זיך ווידער?
קומען אין בליץ און אין היץ פֿון די לידער,
לידער, וואָס זײַנען מער דײַנע ווי מײַנע,
טײַערע מײַנע,
האַרציקע מײַנע.

האַלקין איז אַ זעלטענער מײַסטער פֿון אַנטפּלעקן די סאַמע דינע און איידעלע געפֿילן, די אומרוען פֿון האַרצן. און טאַקע מיט דער האַרציקײַט פֿון זײַן ליריק האָט ער אַזוי שטאַרק געווירקט אַף די הײַנטצײַטיקע אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע ליריקער.

פֿונדעסטוועגן זײַנען די פֿערזן „דער העכסטער שאַץ דער מענטשלעכער — נאָר זי, די לאָגיק, דאָס איבעריקע איז אי נעבעכדיק, אי קלאָגיק..." ניט קיין צופֿעליקע. שטרעבנדיק פֿאַרשטיין דעם דיכטערס שעפֿערישע סיסטעם, וואָלט, ווי מיר דאַכט, אומעגלעך געווען אופֿצודעקן איר טאָך, אויב ניט באַנעמען, באַוווסטזיניק ניט לייזן די פּראָבלעם פֿון סייכל אין האַלקינס דיכטונג.

די לעצטע יאָרן האָט מען אַ סאַך גערעדט און געשריבן וועגן אינטעלעקטואַליזם אין דער דיכטונג. אייגנטלעך, איז דאָס ניט קיין נײַע פּראָבלעם. עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז בא אייניקע דיכטער איז שטאַרקער דער עמאָציִאָנעלער אויסדרוק אין זייער ליד, בייס אַנדערע פּאָעטן זײַנען מער גענייגט צו סינטעטיש־פֿילאָסאָפֿישע באַגריפֿן, איידער צו עמאָציע. דאָס באַטײַט ניט, אַז די ערשטע זײַנען בלויז עמאָציִאָנעלע ליריקער און זיי איז פֿרעמד דער דענקערישער עלעמענט, בייס די צווייטע זײַנען ריינע פֿילאָסאָפֿן, אָן שום לירישער עמאָציִאָנעלקײַט. אין דער קונסט און אין ליטעראַרישער שאַפֿונג איז דענקערישקײַט ניט פֿרעמד עמאָציִאָנעלקײַט, זיי זײַנען ניט אַנטיפּאָדיש איינער צו דעם צווייטן, פֿאַרקערט, זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ מין סינטעטישע דיִאַלעקטישע איינהײַט. צי קאָן מען דען זאָגן, אַז טיוטשעוו, לעמאָשל, דער גרעסטער מײַסטער פֿון דער רוסישער פֿילאָסאָפֿישער אינטעלעקטואַליסטישער ליריק, איז געווען ווייניקער געוויניש אין עמאָציִאָנעלקײַט פֿון דער ליד?

אינטעלעקטואַליזם איז אַ וויכטיקער יעסאָד פון דער דיכטונג. דאָס איז גרינג צו באַמערקן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער און פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. אין דער רוסישער דיכטונג פון XIX יאָרהונדערט איז די פילאָסאָפיש־דענקערישע דיכטונג פון פּושקינען, טיוטשעוון, באַראַטינסקין, לערמאָנטאָוון, נעקראַסאָוון שטאַרקער, איידער די עמאָציאָנעלע דיכטונג פון זשוקאָווסקין, מײַקאָוון, פעטן, פּאָלאָנסקין, אַ. גריגאָריעוון, אַפּוכטינען.

אינטעלעקטואַליזם אין דער פּאָעזיע פונעם XX יאָרהונדערט איז פאַרבונדן מיט די גראַנדיעזע דערגרייכונגען פון די אַזויגערופענע פּינקטלעכע וויסנשאַפטן, באַזונדערס פון דער מאַטעמאַטיק, פיזיק און כימיע. די „ליריקער" זײַנען לויט זייער באַטײַט „העכער" פון די „פיזיקער", אַף וויפל זיי, די „ליריקער", האָבן צו טאָן מיט דער לעבעדיקער נאַטור, מיטן מענטשלעכן האַרץ און געדאַנק, בייס די „פיזיקער" זײַנען באַגרענעצט מיט דער טויטער נאַטור, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין געפיל, ניט קיין געדאַנק. אָבער די קאָלאָסאַלע מעכטיקײַט פונעם מענטשלעכן סייכל, וועלכער דרינגט אַרײַן אין די געהיימניסן פון דער נאַטור, צווינגט די „ליריקער" צו „אידעאַליזירן" דעם סייכל פון די „פיזיקער", פּאָעטיזירן דעם מענטשלעכן אינטעלעקט, זײַן כאָכמע, זײַן דענקערישן ראַציאָנאַליזם, זײַנע טיפע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, קעדיי נאָך מער באַרײַכערן, אויסברייטערן די קראַפט פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע, די קינסטלעריש־שעפערישע פאַרקערפּערונג פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן.

אין דער ייִדישער דיכטונג פונעם XX יאָרהונדערט זײַנען די באַדײַטנדיקסטע פאָרשטייער פון אינטעלעקטואַליסטישער פילאָסאָפישער ליריק ה. לייוויק און דאָוויד האָפשטיין. און גאָרניט צופעליק האָט שמואל האַלקין געפילט אַ באַזונדערע נאָענטקײַט צו האָפשטיינען. עס איז באַוווּסט, אַז האַלקינס פּאָעמע „ווײ און מוט" און זײַן לידער־בוך אונטער דעם זעלבן נאָמען זײַנען פאַרבונדן מיט האָפשטיינס באַוווּסטער שורע „און ווײ און מוט איצט קאָן איך ניט צעשיידן". דאָס איז אָבער געווען די ווירקונג ניט פון איין ליד און ניט פון איין אידיי. האָפשטיין, דער לערער פון אַ ריי יונגע דיכטער, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אַן אָרט אין דער ליטעראַטור, איז אויך געווען האַלקינס לערער. די קרויוועשאַפט צווישן ביידע דיכטער איז געווען ניט קיין צופעליקע און ניט קיין אויסערלעכע. דאָס איז געווען אַ טיפע אָרגאַנישע פאַרבינדונג אין זייער פּאָעטישער סיסטעם, אינעם שעפערישן מעטאָד, אין זייער אינטעלעקטואַליזם.

האַלקינס אינטעלעקטואַליזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער שטרעבט אַרײַנדרינגען אין טאָך פונעם לעבן, פונעם מענטשלעכן זײַן, אין די סודעס פון דער נאַטור, פון אירע דערשײַנונגען, אין די טיפענישן פון די געשיכטלעכע פּראָצעסן, פונעם סאָציאַלן לעבן און פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע.

אין יאָר 1943, אין סאַמע ברען פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, האָט האַלקין אָנגעשריבן אַ ליד וועגן דער קלוגשאַפט פונעם זײַן, וועגן דער כאָכמע פונעם לעבן:

„וואָס זשע איז זי, אָט די כאָכמע? ווער איז זי? ווען ס'ווערט דאָס פעלד פאַרבלענדט פון גרינס — דערהער איך זי. ווען ס'ווערט דער מיזרעך רויט פון קעלט — באַם האַרצן פיל איך זי, און ווען אין וואַלד די בלאַט פאַרפעלט — דערפיל איך זי...

...וואָס זשע איז זי, אָט די כאָכמע, וואָס איז זי און ווו איז זי? אין אַלץ־צעשטערנדיקן שטורעם צי אין קרײַז פון רו איז זי? אין שטעלן מעלוכעס, פעלקער, לענדער אַף די קני איז זי? צי פאַר דער ערד געבאָרן — עפּשער גאָר ניט הי איז זי?.."

כאָכמע, סייכל, פאַרנונפט, ניט בלויז פילן, אָפּנעמען מיטן האַרצן, נאָר אויך באַטראַכטן, באַזיניקן, פּאָרויסזען, וויסנשאַפטלעך אָנטפּלעקן דעם אַרום, די אָביעקטיוועווירקלעכקײַט — אין דעם איז דער באַרוף פונעם מענטשן: „אין אַלץ, וואָס דו זעסט, דרינג אַרײַן!". מענטשלעכע כאָכמע — דאָס איז דער ציל, צו וועלכן מע דאַרף שטרעבן: „האָב איך דײַן וועזן ניט געווענדט צו יענער געטן, וואָס כאָכמע הייסט — פון געטלעכקײַט דער רײַכסטער זין?"

צי דאַרף מען דען דערווײַזן, אַז אין האַלקינס פּאָעזיע איז סייכל, כאָכמע — ניט קיין טרוקענע סכאָלאַסטישע כקירע? אין דעם באַשטייט טאַקע די אייגנאַרטיקײַט פון האַלקינס ליריק, וואָס זײַן אינטעלעקטואַליזם איז ניט פּאָשעט „קאָפּ־אַרבעט פונעם מויעך". דאָס לעבן איז רײַך, פאַרשיידנאַרטיק, פילפאַרביק. און דאָס איז די העכסטע כאָכמע, צו וועלכער דער דיכטער און דער מענטש דאַרפן שטרעבן. דעריבער טאַקע טרעפן מיר בא האַלקינען באַנאַנד מיט פילאָסאָפישע מאָטיוון דורכדרינגלעכע שורעס, געווידמעט דעם זון, דער מוטער, דער פרוי, דער געליבטער, געווידמעט פרײַנט, כאַווייריים; דאָס זײַנען לידער פון ליבע צום מענטשן, צום פאָלק, צום היימלאַנד. אָט די שורעס און לידער זײַנען שטענדיק אָרגאַנישע און נאַטירלעכע. האַלקינען געהער די ליד וועגן דער מוטער, וואָס האָט אירע „קינדער געבענטשט און באַגלייט זיי אין שלאַכט" פאַרן שאָלעם; די קינדער האָבן דעם שאָלעם אויסגעקעמפט, נאָר אַליין האָבן זיי זיך שוין ניט אומגעקערט אַהיים. און אָט איז דער שאָלעם געקומען אין פּוסטן הויז, ווו עס זיצט די מוטער אַליין, אָן די קינדער, וועלכע וועלן זיך שוין ניט אומקערן:

אַרײַן איז דער שאָלעם, אַ רעגע געבליבן פאַרווירט,
און זי אים אַנטקעגן — אַ שטאָלצע, קיין ברעם
ניט גערירט.
געקוקט האָט דער שאָלעם אַף איר און אַף זיך
און געקלערט:
מיט וואָס זאָל ער טרייסטן די מוטער, ווי זי איז
דאָס ווערט?

און האַלקינען געהער אויך דאָס גרויסאַרטיקע געזאַנג וועגן דער פרוי:

דאָס איז דאָך די פרוי, וואָס ער גאַרט זי אַזוי,
אָט די, וועמעס איינציקער נאָמען איז — פרוי.
אָט יענע, וואָס איז מיט דער ווײַטקײַט געבענטשט,
די ווײַט, וואָס דערנענט אַ מענטש צו אַ מענטש.
אָט די, וואָס אין האַרצן צו דיר זיך פאַרקלײַבט,
אין בלוט זיך פאַרבלוט און אין לײַב זיך פאַרלײַבט.
. . . .
איז וואָס איז די אוולע, אויב ער וויל זײַן ווערט
די ערד, ווו זי גייט, און אויך זי אַף דער ערד...

דער אינטעלעקטואַליזם פון האַלקינס דיכטונג איז האַרמאָנישע איינהײַט פון סייכל און געפיל, פון קאָפּ און האַרץ, פון געדאַנק און עמאָציע, פון אינטימען און

סאָציאַלן, אינדיווידועלן און היסטאָרישן. „ס׳איז דאָס לעבן דען אַן אָפּגענוצטער סילאָגיזם, וואָס וואַרפּסט אים אָפּ?״ — זאָגט סאָקראַט.

האַלקין דער דיכטער איז געווען זיכער, אַז ווען אַפילע זײַן לעבן וועט זיך פאַרענדיקן, וועט ער אויך דעמלט זײַן אַ שטענדיקער טוישעוו פון דער ערד און אַן אייביקער באַגלייטער פונעם לעבן אַף איר:

צו יעדן אָטעם יאַם און טראָפּן לופט
איך האָב זיך ווענדן שטילערהייט געפּרוּווט:
ווען קומען וועט די צײַט — צו זיך מיך רופט.

צום הייסן הימל־בלוי און וואָלקן־גרוי
איך האָב ניט איין מאָל זיך געווענדט אַזוי:
פאַרוואַנדלט מיך אין שטילן מאָרגן־טוי.

איך וועל שוין מער ניט לעבן אַזוי גראָב,
איך וועל ניט דאַרפן מערער, ווי איך האָב,
פון בלאַט אַף בלאַט אַפילע ניט אַראָפּ.

נאָר אויב מיר איז אַ שטערן זײַן באַשערט —
זאָל ער זיך בעטן נעענטער צו דער ערד.

3

ווי׳אַזוי האָט האַלקין דער דיכטער אופגענומען די וועלט פונעם מענטשן, די געזעלשאַפט, די נאַטור? ווי׳אַזוי האָט ער פאַרשטאַנען די געזעצמעסיקײַטן פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער וועלט? אָט די פראַגע איז זייער וויכטיק, קעדיי צו פאַרשטיין די שעפערישע סיסטעם פונעם פּאָעט. ניט אויסקלאָרנדיק אָדער ניט באַנעמענדיק די דאָזיקע פּראָבלעם, איז די קריטיק פאַרורטיילט אַף אומזיסטע פרוכטלאָזע זוכונגען, אין בעסטן פאַל — אַף צופעליקע געפינסן, וואָס אויב אַפילע זיי זײַנען ריכטיקע, האָבן זיי אַ שײַכעס ניט צו די מאַגיסטראַלן פונעם קינסטלערס שאַפן, נאָר צו זײַנע זײַטיקע פאַרוואָרפענע וועגן און שטעגן.

אַ גרינטלעכע פאָרשונג פונעם דיכטערישן טעקסט גיט שטענדיק די מעגלעכקײַט צו געפינען דעם גרונט־מעטאָד, מיט וועלכן דער קינסטלער פאַסט אוף די דערשײַנונגען פון דער וועלט און זייער אָפּשפּיגלונג.

די פּאָעזיע איז לויט איר כאַראַקטער נאָענט צו מוזיק. פונקט ווי די מוזיק, שאַפט זי פונעם קלאַנגען־כאַאָס, פון דער אומדיסציפּלינירטער, ניט אָרגאַניזירטער, כאַאָטיש־צעוואָרפענער, אָנסיידערדיקער וועלט פון קלאַנגען אַ נײַע וועלט פון ריטמיזירטע, אָרגאַניזירטע, מעלאָדישע קלאַנגען און געזאַנגען.

שמועל האַלקין איז געווען אַ מײַסטער פון מעלאָדישע קלאַנגען און געזאַנגען. זײַן אויער און זײַן געהער נעמען אוף די קלאַנגען אין דער נאַטור און אין לעבן, און פון אָט די סטיכיייִשע קלאַנגען שאַפט ער פּאָעטישע בילדער, אַ נײַע וועלט פון קלאַנגען־קונסט:

לייג צו דעם אויער צו דער הוילער ערד,
ווי שווער זיך דרייט די ערד — האָסטו געהערט?
לייג צו דעם אויער צו מײַן האַרצן — הערסט,
דאָרט קוועלט?
דאָרט דרייט זיך אויך, דאָרט גרייט זיך אויך אַ
נײַע וועלט.

ווי יעדער גרויסער דיכטער, איז האַלקין געווען גאָר פילבאַר צו דער פילקוילעסדיקע וועלט פון קלאַנגען, זאָל זײַן אַפילע די סאַמע אומבאַדײַטנדיקע. אין דעם זין איז אינטערעסאַנט דאָס ווערק „אַ ליד״, אין וועלכן דער דיכטער גיט איבער דעם פּראָצעס פון שאַפן די ליד: „פון אַלע אַרבעטן — באַפרײַט, איך זיץ אין שטוב — איצט האָב איך צײַט צו טראַכטן פרײַ פון אַלץ און אַלעמען״. אַזוי הייבט זיך אָן די דערציילונג וועגן דעם שעפערישן פּראָצעס. דער ערשטער באַדינג פאַר שאַפן איז בלײַבן איינער אַליין. דערנאָך — „טראַכטן פרײַ פון אַלץ און אַלעמען״. מיר ווייסן שוין, אַז דער שעפערישער פּראָצעס באַ האַלקינען הייבט זיך אָן פון טראַכטן. פרײַער דענקט ער. און דענקענדיק, הייבט ער אָן אופנעמען אַלץ אַרום זיך, אַלערליי קלאַנגען, און שושקערײַען, און שאָרכן: „די גלעזער טאַנצן אַזש אין אַלמער״, „און גלאָז צו גלאָז אַ סאַד זיך רוימט״, „די מעסער גלאַנצן אָפּ מיט שטאָל און דערציילן אַף אַ קאָל״, „און פּלוצעם שטיל, זיך הערן טריט: דער באַלעבאָס — ער גייט, ער שפּאַנט, אַ ווײַס פאַפּיר ער האַלט אין האַנט, פון טיר צום טיש, פון טיש צום טיר, אין שטוב איז שטיל — קיין שאָרך, קיין ריר, נאָר ס׳הילכן טריט, עס סקריפּען טריט — ער שרײַבט אַ ליד״. דער גאַנצער פּראָצעס פון שאַפן די ליד איז פאַרבונדן מיט קלאַנגען און שאָרכן, אַפילע דעמלט, ווען עס ווערט געזאָגט „אין שטוב איז שטיל״. ערשט אין דער שטילקײַט הערן זיך די קלאַנגען מיט דער גאַנצער קראַפט, אין דער שטילקײַט „הילכן טריט״.

מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז האַגאַם האַלקין איז ניט געווען קיין סימבאָליסט אין אַזאַ מאָס, לעמאָשל, ווי פינינבערג, רעזניק, דער ניסטער, האָט ער פונדעסטוועגן ניט אויסגעמיטן די סימבאָליסטישע כאַלאָס, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין דער ייִדישער פּאָעזיע אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע. באַ די סימבאָליסטן איז מוזיק געווען דער גרונט־פּרינציפּ פון פּאָעטישער שאַפונג, און קיין איינער פון זיי האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון פאָל ווערלענס דיכטערישער דעקלאַראַציע: „מוזיק, פרײַער פאַר אַלץ!״

פונדעסטוועגן איז דאָס גרונט־מיטל פון אופאַסן און פאַרקערפּערן די לעבנס־דערשײַנונגען אין האַלקינס שאַפונג ניט דער קלאַנג, נאָר דאָס בילד, ניט דער געהער, נאָר די זעונג, ניט דער אויער, נאָר דאָס אויג. דאָס פילאָסאָפישע אַרײַנדרינגען אין דער וועלט, דער געדאַנק, דער סייכל, די כאָכמע ווערן רעאַליזירט מיט דער הילף פונעם אויג, וואָס איז אין האַלקינס פּאָעזיע די הויפּט־קראַפט פון קינסטלערישן שאַפן. האַלקין קוקט פרײַער, קוקט זיך אײַן, דערנאָך שוין זעט ער, און דערזעט, און זעט פאָרויס און שאַפט דאָס בילד. דאָס אויג און די ריִע, די זע־מיטלען און זע־געשטאַלטן אין האַלקינס ליד זײַנען די אינערלעכע טרײַבקרעפטן, דער אינערלעכער טאָך און דער זין פון זײַן פילאָסאָפישן אַרײַנדרינגען אין דער וועלט, פון זײַן סינטעטישער קינסטלערישער וועלט־אופאַסונג. אין דעם איבערצײַגט אַפילע זײַן באַוווּסטע פילאָסאָפישע ליד „דאָס גלאָז״:

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פאַרשטעלט
מיט זילבער־פאַרב, וואָס האָט די ווערט

א גראָשן געלט צי עטוואָס מער, —
פארשווינדט פון אויג די גאנצע ערד,
פון ריינעם גלאָז א שפיגל ווערט.
און ווי דער שפיגל זאָל זייַן ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אליין.

ביז איצט ווערט אָט די ליד באטראכט ווי א מין אלעגאָריע, וואָס איר פילאָסאָפישער זין איז געווענדט קעגן אינדיווידואליסטישער זעלבסטגריבלונג, קעגן עגאָצענטריזם און אינדיווידואליזם. איך קלייַב זיך דאָ ניט ארויסטרעטן קעגן אזא מין אינטערפרעטאציע פון דער ליד „דאָס גלאָז". גאנץ מעגלעך, אז דער פאָעט האָט טאקע געהאט אין זינען קריטיקירן און אָפלייקענען די אידייען פון עגאָצענטריזם און אנדערע אנטי־געזעלשאפטלעכע און אנטיקאָלעקטיוויסטישע אָנשויונגען. אָבער *אזוי* אויסטייַטשן א ליד, דערפירן א קינסטלעריש פאָעטיש ווערק צו א מאָראליזירנדיקער אלעגאָריע, פארוואנדלען דאָס אין א דידאקטישער אידיי — דאָס פארשמעלערט שטארק דעם אינהאלט און דעם באטייַט פון דער ליד. די וויכטיקייַט פון אָט דעם ווערק באשטייט, מיין איך, אויך דערין, וואָס דאָ קאָן מען געפינען אן ענטפער אף דער פראגע — וויאזויארום דערקענט קינסטלעריש דער דיכטער און וויאזויארום סינטעזירט ער פילאָסאָפיש די דערשייַנונגען פון דער ווירקלעכקייַט. דער ענטפער איז קלאָר און באשטימט: „דו זעסט דורך דעם די גאנצע וועלט". זען — אָט דאָס איז דער קאָנקרעטער אקטיווער מעטאָד פון אופנעמען און פארקערפערן די וועלט, אָט דאָס איז האלקינס קינסטלעריש־עסטעטישע און שעפערישע וועלט־אָנשויונג אין דער ליד „דאָס גלאָז", אין דער ליד „מייַן ערשטע ליקעכאמע" און אין אנדערע לידער.

דאָס מענטשלעכע אויג, דאָס ווייַטזיכטיקע אויג פונעם קינסטלער זעט, און הערט, און טראכט, און דענקט, און פילט, און לעבט איבער די סאמע קאָמפליצירטע איבערלעבונגען, פריידן און ליידן, קאמף און טריומף, דורכפאל און זיגערישן אופשטייַג. די אורמענדלעכע וועלט, די אלוועלט — אלץ ווערט דערקענט דורך דעם אויג פונעם מענטשן.

ליבע־געפיל ווערט אין האלקינס דיכטונג מער פון אלץ אויסגעדריקט דורך אויגן־בליק: „די בליקן אונדזערע זיך קרייצן איבער — מיט יעדן אויגנבליק דו ווערסט מיר ליבער. די אויגן צו דער ערד ווען דו ווענדסט אָפ, — ווי עמעצס האנט מייַן קאָפ מיר דריקט אראָפ", „די בליקן ווי געפאנגענע זיך טרעפן".

האלקין קוקט אף דער וועלט מיט די אויגן פון א מאָלער און זעט בילדער, קאָמפאָזיציעס, ליניעס, שטריכן, פארבן. האלקין באזינגט די וועלט, נאָר מערער מאָלט ער זי. פון זייַן ביאָגראפיע איז באוווּסט, אז אין די יונגע יאָרן איז ער טאקע געווען א מאָלער. און אויב האלקין אלס קינסטלער איז ניט געוואָרן קיין מאָלער, קאָן מען דאָך ניט פארגעסן אָט דעם פאקט פון זייַן לעבן. עס איז זיכער ניט צופעליק געווען זייַן אינטערעס צו מאָלערייַ אין דער יוגנט. איך ווייס ניט, אף וויפל ס'איז ריכטיק די דערציילונג וועגן דעם, אז זייַן פעטער האָט אים אמאָל פאָרגעלייגט אָנמאָלן דעם ערשטן אָס פונעם ייִדישן אלעפבייס — דעם אלעף. מע זאָגט, אז שפעטער האָט האלקין געשפאסט, אז דער אָס האָט גויווער געווען דאָס געמעל, דאָס הייסט די פאָעזיע האָט גויווער געווען מאָלערייַ. אָבער אויב אפילע דאָס איז ריכטיק, באשטעטיקט עס טאקע, אז מאָלערייַ איז אן אָרגאנישער עלעמענט פון האלקינס פאָעטישער שאפונג. יעדערער, וואָס לייענט האלקינס לידער, וועט באלד באמערקן די אָנגעזעטיקטקייַט פון האלקינס ליד מיט פארב און שייַן.

איבעריקנס, האָבן מיר וועגן דעם א גענויע אָנווייַזונג אינעם דיכטערס אווטאָביאָגראפיע, ווו ער שרייַבט, אז אין דער יוגנט, ווען ער האָט שוין אָבער געפילט אין זיך דעם בארוף צו קינסטלערישער שאפונג, האָבן אין אים „געקעמפט צווי קויכעס — די ליבע צו מאָלערייַ און צום וואָרט. איין קויעך האָט שטענדיק אים גערופן: אייַל זיך אָנמאָלן דאָס, וואָס דו זעסט, ווי דו קאָנסט, נאָר מאָל. מאָל די ראָד, זי זאָל סקריפען. דער צווייטער קויעך האָט געטייַנעט: פארליר ניט קיין צייַט, שרייַב, זינג א לויבגעזאנג דעם מענטשן, וואָס לייַדט אזוי שווער צווישן דייַן הימל און צווישן דייַן ערד. איך האָב זיך אונטערגעגעבן אמאָל איין קויעך, אמאָל דעם צווייטן, אמאָל ביידע, נאָר וואָסערן פון זיי געבן די אויבערהאנט — האָב איך ניט געוווּסט".

אָבער אפילע ווען האלקין איז שוין ענדגילטיק געוואָרן א דיכטער, איז ער אויך פארבליבן א מאָלער, א דיכטער א מאָלער, וואָס פארקערפערט אידייען און געשטאלטן, געדאנקען און געפילן אין וואָרט, וואָס איז אייַנצייַטיק פארב און שייַן.

ריידנדיק אזוי, האָב איך אין זינען דעריקער פארב און שייַן אלס בילדעריש־שפראכלעכע פארקערפערונג פון לעבנס־רעאליטעטן, סאָציאלע קאָליזיעס, היסטאָרישע געשעענישן, פילאָסאָפישע אידייען, פסיכאָלאָגישע געמעלן. שמואל האלקין איז דער דיכטער פון שייַן און פארב, פארווירקלעכטע אין וואָרט. און עס קאָן זייַן, אז די ווירקונג פון האלקינס דיכטונג אנטפלעקט זיך עפשער טאקע הויפטזאכלעך אין דער קראפט פון פילאָסאָפישן געדאנק פונעם וואָרט און פון דער עמאָציאָנעלער באפארבונג זייַנער. דאָס וואָרט האָט ניט בלויז קלאנג, נאָר אויך פארביקייַט. האלקינס דיכטונג צווינגט זיך פארטראכטן איבער דער פראָבלעם פון מאָלערייַ און דיכטונג, פארב און וואָרט. אלעקסאנדער בלאָק האָט געשריבן:

„די קונסט פון פארבן און ליניעס דערלויבט שטענדיק צו געדענקען וועגן דער נאָענטקייַט צו דער רעאלער נאטור און דערלאָזט קיינמאָל ניט ארייַנפאלן אין סכעמע, פונוואנען דער שרייַבער קאָן זיך ניט באפרייַען. מאָלערייַ לערנט קוקן און זען (דאָס זייַנען פארשיידענע זאכן, וואָס פאלן צונויף זעלטן). אדאנק דעם היט אייַן די מאָלערייַ ניט גערירט יענעם געפיל, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס קינדער.

די איידעלע און בוילעטע פארב היט אייַן באם קינסטלער קינדערשע אופנעמפייִקייַט. מע זאָגט, ווערטער זייַנען מערער ווי פארבן; אָבער עפשער איז גענוג פאר אן עכטן שרייַבער, פאר א דיכטער — בלויז אזעלכע ווערטער, וועלכע אנטשפרעכן פארבן. די ווירקונג פון שייַן און פארב איז באפרייַענדיק. זי מאכט גרינגער אף דער נעשאָמע, געבוירט א שיינעם געדאנק"[1].

---

[1] Александр Блок. Собр. соч. в восьми томах, том пятый, ГИХЛ. М.-Л., 1962, стр. 20—22.

אָט די באַמערקונגען פון בלאָקן האַלט איך פאַר נייטיק צו ברענגען דאָ, ווען עס גייט א רייד וועגן האַלקינס דיכטונג, וואָס איז אַזוי פאַרבונדן מיט פאַרב און מיט שײַן. האַלקין האָט עפּשער ווי קיינער ניט אין דער ייִדישער דיכטונג געפּילט די באַפרײַענדיקע ווירקונג פון מאָלערײַ, פון פאַרב, ליניעס, ניואַנסן, טענער און האַלבטענער אין זײַן פּאָעטישער שאַפונג.

מערקווירדיק, וואָס קיין איין קריטיקער האָט ביז איצט ניט באַמערקט אָט די הויפּט־אייגנשאַפט פון האַלקינס פּאָעטישן סטיל, אָט דעם גרונט־מאָמענט פון זײַן דיכטונג, מיט וועלכן ער טיילט זיך אויס אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. און דאָס איז באַזונדערס צו באַוווּנדערן, ווײַל ניט בלויז גרינטלעך און אַלזײַטיק אויספאָרשנדיק, נאָר פּאָשעט אופמערקזאַם לייענענדיק האַלקינס לידער, קומט מען אומפאַרמײַדלעך צום געדאַנק, אַז מע האָט צו טאָן מיט א דיכטער — א מאָלער, בא וועלכן דאָס וואָרט איז פאַרבונדן מיט פאַרב, ווערט אַנטפּלעקט און קאָנקרעטיזירט דורך פאַרב, דער געדאַנק ווערט אופגעדעקט מיט דער הילף פון ליכט. אָט איז א ליד, וואָס איז אינגאַנצן געבויט אף שײַן און ליכט:

„אָט דער שטערן איז מיר טײַער פאַר דער ריינקײַט פון זײַן פײַער, פאַר זײַן קומען צווישן הונדערט, פאַר זײַן לײַכטן זיך באַזונדער, און דערפאַר, וואָס גאָר זײַן שײַן אין איין טראָפּן שליסט ער אײַן.

אָט דער שטערן איז מיר טײַער, ווײַל עס צווייט זיך ניט זײַן פײַער, ווען ער שענקט זײַן ליכט דעם וואַסער, — ס'ווערט ניט טונקעלער, ניט בלאַסער אפן לאַנגן, גאָלד'נעם וועג: פון דער הייך און ביזן דעק.

אָט דער שטערן איז מיר טײַער, ווײַל זײַן גרייס איז אומגעהײַער, ווײַל פאַר אים א מאָס געפין איך, ווײַל זײַן ליכט אין זיך פאַרשפּין איך, און דערפאַר, וואָס ער געהערט אי דעם הימל, אי דער ערד”.

אין אָט דער ליד איז יעדער וואָרט אַזוי אָדער אַנדערש — לאָגיש, פּסיכאָלאָגיש, עמאָציאָנעל, גראַמאַטיש — פאַרבונדן מיט דער טעמע פון שײַן, וואָס איז דאָ די גרינטלעכע פילאָסאָפישע אידיי פונעם ווערק, דער הויפּט־געדאַנק פונעם דיכטער וועגן דער איינהײַט פון געפיל און באַוווּסטזײַן, פון הימל און ערד, פון קאָנקרעטן און אַבסטראַקטן; דורך דער טעמע פון שײַן איז אויסגעדריקט דעם דיכטערס מאָנאָליטקײַט פון וועלט־אופּאַסונג און וועלט־באַוווּסטזײַן. די אידיי פונעם דיכטער קלינגט, ווי א דעקלאַראַציע, ווי א געבאָט, ווי א פּראָגראַם.

אין האַלקינס דיכטונג איז שײַן אַן אוניווערסאַלע פּראָבלעם, וואָס דריקט אויס דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אין לעבן, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דעם פאַרברעכן און די טוגנט: „פינף לאַמטערנס אף מײַן גאַס — פיר פון זיי מיר לײַכטן. איינער בלינצלט, ווי פאַר קאַס, לײַכט ניט, ווי זײַן גלײַכן”. „צווישן טונקלס לאָז ניט דורך אויך אָט דעם לאַמטערן, וואָס אומיסטן שטייט, מיר דוכט, יאָמטעוו צו פאַרשטערן”. „פיר לאַמטערנס, ווי די פרײַנט, מיך מיט ליכט הײַנט גריסן; דער, וואָס מאַכט מיר פינצטער הײַנט, — זאָל פון ליכט ניט וויסן”.

צי דאַרף מען דען מײַריך זײַן וועגן דעם, אַז האַלקין, דער פּאָעט פון ליכט, און שײַן, און פאַרב, איז אויך דער פּאָעט פון קינסטלערישע פייזאַזשן, וווּ אַלע קאָלירן גיסן זיך איבער אין פילפאַרביקער שפּיל?

4

די באַדײַטנדיקײַט פון פּאָעזיע ווערט אין דער גרעסטער מאָס באַשטימט מיט דער וואָגיקײַט פונעם וואָרט, מיט דער טיפקײַט פון זײַן אידייִשן אינהאַלט. אויב דאָס פּאָעטישע וואָרט איז אָנגעזעטיקט מיט וויכטיקן אידייִשן אינהאַלט, פירט עס דעם לייענער נאָך זיך, באַהערשנדיק זײַן באַוווּסטזײַן, זײַן געדאַנק און זײַן געפיל ביזן סאָף. די טיפקײַט און שאַרפקײַט פון דעם אידייִשן אינהאַלט אין דער פּאָעטישער שפּראַך איז אַלס קלאַל פאַרבונדן מיט נאָוואַטאָרישקײַט, מיט שעפערישן אופטו אין קינסטלערישן וואָרט. דאָס נאָוואַטאָרישע פּאָעטישע וואָרט ווירקט מיט דער „פלוצלינגדיקײַט”, מיט דער „אומדערוואַרטקײַט” אין דעם קאָנטעקסט פון דער ליד. דאָס וואָרט פונעם דיכטער מוז קלינגען נײַ און אומגעוויינלעך. דאָס באַטײַט ניט, אַז דער דיכטער דאַרף זײַן א קונצנמאַכער אין וואָרט־שאַפונג. דאָס וואָרט קאָן זײַן פּראָסט און געוויינלעך און דאָך קלינגען נאָוואַטאָריש. באַנאַליטעט פון וואָרט איז די שרעקלעכסטע געפאַר אין דער דיכטונג.

שמואל האַלקין געהער צו דער קאַטעגאָריע דיכטער, וואָס זייער פּאָעטישע שפּראַך צייכנט זיך אויס מיט אידייִשער פּאַרטיפּטקײַט און מיט וואָגיקײַט פון וואָרט. אָבער ביז הײַנטיקן טאָג, ווי מיר דאַכט, איז האַלקינס שפּראַך ניט געפאָרשט געוואָרן אין דער קריטיק, און נאָך מער — זײַן פּאָעטישע שפּראַך־טראַדיציע איז באַשטימט געוואָרן ניט ריכטיק. קימאַט אַלע קריטיקער, וועלכע האָבן געשריבן וועגן האַלקינס שאַפונג, באַהויפּטן איינמוטיק, אַז זײַן פּאָעטישע שפּראַך איז גענעטיש פאַרבונדן מיט איוריט און באַזונדערס — מיט דער ביבל־שפּראַך און ביבלישער מעטאַפאָרישקײַט און בילדערישקײַט. דער ערשטער האָט וועגן דעם געשריבן מוישע ליטוואַקאָוו נאָך אין יאָר 1925:

„...האַלקין — דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע דערשײַנונג. א מין ייִדישיזירטער העברייער. אין זײַן ריטם פילט זיך דער רעטשיטאַטיוו פון העברעיִש. אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט, וועלכער ציט זײַן יעניקע מער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און האָט א קנאַפּע אינערלעכע פאַרבינדונג מיט דער מעסוירע פון ייִדיש”[1].

פון דעמלט אָן האָט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט זיך פאַרפעסטיקט אין דער ליטעראַטור, און אַלע קריטיקער, וועלכע האָבן געשריבן וועגן האַלקינס שאַפונג, האָבן איבערגעכאַזערט אָט דעם געדאַנק, ווי אַן אַקסיאָמע, וואָס קאָן ניט אַרויסרופן קיין שום צווייפל, אַז האַלקין איז פאַרבונדן מיט העברעיִש און מיט דער טראַדיציע פון דער אַלטער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור. די ראַפּישע קריטיק האָט דאָס געהאַלטן פאַר א געפערלעכער סאַקאָנע און פאַר קרימינאַליסטיק, אַנדערע קריטיקער, פאַרקערט, האָבן דאָס באַטראַכט ווי א מײַלע פון האַלקינס פּאָעזיע. נאָר קיינער האָט אָט דעם שטאַנדפּונקט ניט געשטעלט אונטער א פראַגע, האַלטנדיק, אַז דאָס איז א פעסטגעשטעלטער ליטעראַטור־היסטאָרישער פאַקט איינמאָל און אף

[1] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. צווייטער באַנד. מאָסקווע, 1926, ז. 216.

שטענדיק. א סאַך יאָרן נאָך ליטוואַקאָווס אַרטיקל האָט אַן אַנדער קריטיקער, א. גורשטיין, קאַטעגאָריש באַשטעטיקט, אַז „די אייגנאַרטיקייט (פֿון האַלקינס שאַפֿונג. — ה. ר.) האָט צום אָנהייב זיך אַרויסגעוויזן הויפּטזאַכלעך אין דעם, וואָס פֿון זײַנע לידער האָבן זיך געצויגן פֿעסטע פֿעדעם צו דער אַלטער העברעיִשער קולטור, צו דער מעטאַפֿאָרישער בילדערישקייט פֿון דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס צווישן אירע דענקמעלער פֿאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט די ביבל"[1].

פֿון דער ייִדישער קריטיק האָט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט שוין אַריבערגעוואַנדערט אין דער רוסישער. אין זײַן אַרטיקל וועגן האַלקינען האָט וולאַדימיר אָגניעוו, סוימעך זײַענדיק זיך אויף גורשטיינען, שוין פֿון זײַן זײַט צוגעגעבן, אַז וויקטאָר שקלאָווסקי האָט אים דערציילט, אַז האַלקין איז געווען א קענער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר. דער רוסישער קריטיקער פֿאַרגעסט דערבײַ, אַז וו. שקלאָווסקי איז אין דעם פֿאַל ניט דער אויטאָריטעט, אויף וועלכן מע קאָן זיך פֿאַרלאָזן. איבעריקנס, האָט וו. אָגניעוו אָפּגעהיט א באַשטימטן טאַקט און געמאַכט אַזאַ מין באַוואָרענענדיקע באַמערקונג: „ניט קענענדיק די שפּראַך, איז אַוודאי שווער צו אורטיילן וועגן נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, באַזונדערס, ווען די פֿאַרבינדונג, לאָמיר זאָגן, מיטן סטיל פֿון דער ביבל טראָגט ניט אַזאַ באַשײַמפּערלעכן כאַראַקטער"[2].

דאָ האָט די אינטויִציע פֿונעם רוסישן קריטיקער אים אויסגעהיט פֿון קאַטעגאָרישקייט און ניט ריכטיקע באַהויפּטונגען.

איך מיין, אַז די באַהויפּטונג וועגן דער אָנגעזעטיקטקייט פֿון האַלקינס פּאָעטישער שפּראַך מיט ביבלישער און בכלל אַלט־העברעיִשער לעקסיק און מעטאַפֿאָרישער בילדערישקייט איז שטאַרק איבערגעטריבן און שאַפֿט דעריבער ניט קיין ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן זײַן שאַפֿונג.

שמואל האַלקין, ווי אַלע יונגע דיכטער פֿון זײַן צײַט, וועלכע זײַנען דערצויגן געוואָרן אין דער טראַדיציאָנעלער שטעטלדיקער סוויווע, אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור, איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען באַקענט מיט דער העברעיִשער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. און דאָס האָט, נאַטירלעך, זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַן שאַפֿונג. אָבער ניט מער, ווי אין דער שאַפֿונג פֿון אַנדערע ייִדישע שרײַבער פֿון זײַן דאָר, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט אים געקומען אין דער ליטעראַטור, אַזעלכע, ווי פֿײַנבערג, רעזניק, כאַשטשעוואַצקי און אַנדערע. איך רעד שוין ניט וועגן שוואַרצמאַנען, האָפֿשטיינען, מאַרקישן, וואָס זייער שאַפֿונג איז א סאַך מער אָנגעזעטיקט מיט ביבלישער און אַלט־העברעיִשער סימבאָליק, איידער האַלקינס דיכטונג.

די ייִדישע לינגוויסטיק און ליטעראַטור־פֿאָרשונג האָבן ביז איצט ווייניק זיך פֿאַרנומען מיט פֿאָרשן די ליטעראַרישע שפּראַך, באַזונדערס די שפּראַך פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. וואָס איז שײַך האַלקינס פּאָעטישער שפּראַך, ווייס איך ניט קיין איין אַרבעט אויף דער טעמע. ליטוואַקאָווס באַהויפּטונג, אַז האַלקינס טאַלאַנט איז מער פֿאַרבונדן מיט העברעיִש און איז אינערלעך ווייניק פֿאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פֿון ייִדיש, וואָלט אַוודאי געדאַרפֿט פֿאַרינטערעסירן די פֿאָרשער פֿון האַלקינס שאַפֿונג; זיי האָבן געדאַרפֿט אויסקלאָרן, אין וואָסער א מאָס איז ריכטיק און אַנטשפּרעכט דעם עמעס ליטוואַקאָווס באַהויפּטונג און אויף וויפֿל זײַנען גערעכט די קריטיקער, וועלכע כאַזערן איבער אָט די באַהויפּטונג; אָדער עפּשער איז דאָס בלויז א סוביעקטיווער אײַנדרוק פֿון א קריטיקער, וואָס דאַרף גענומען ווערן אין אַכט, אָבער ניט איבערגעכאַזערט ווערן אומקריטיש און אָן שום אויספֿאָרשונג.

מע דאַרף אין זינען האָבן, אַז ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן האַלקינען, ווען דער דיכטער האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, צוריק מיט פֿערציק יאָר.

איך בין ניט קיין אָנהענגער פֿון סטאַטיסטיק אין אַנאַליז פֿון ליטעראַרישע דערשײַנונגען, באַזונדערס אין אַנאַליז פֿון ליריק. אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן א פֿראַגע, וואָס קאָן ניט געלייזט ווערן בלויז מיט אינטויִציע. אַזוי ווי עס זײַנען ניטאָ קיין שום אָביעקטיווע פֿאָרשערישע מאַטעריאַלן, האָב איך גענומען איינע און די זעלבע צאָל ווערטער (אַרום זעקס טויזנט) פֿון שוואַרצמאַנס, האָפֿשטיינס און האַלקינס פּאָעזיע, אויסטיילנדיק דערבײַ די צאָל און דעם פּראָצענט העברעיִשע ווערטער[1]. דער רעזולטאַט איז אַזאַ:

בײַ שוואַרצמאַנען זײַנען פֿון 6780 ווערטער — העברעיִשע 123, אָדער 1,8 פּראָצענט.

בײַ האָפֿשטיינען פֿון 5720 ווערטער — העברעיִשע 105, אָדער 1,8 פּראָצענט.

בײַ האַלקינען פֿון 5929 ווערטער — העברעיִשע 68, אָדער 1,4 פּראָצענט.

אַזוי אַרום באַקומט זיך, אַז לויט דער צאָל העברעיִשע ווערטער, דאָס הייסט לויט דער אָנגעזעטיקטקייט פֿון דער פּאָעטישער שפּראַך מיט העברעיִשער לעקסיק, שטייט האַלקין נאָך שוואַרצמאַנען און האָפֿשטיינען.

מע קאָן דערווידערן, אַז בלויז מיט לעקסישן מאַטעריאַל ווערט ניט אויסגעשעפּט די פּראָבלעם פֿון בילדערישקייט, מעטאַפֿאָרישקייט, קינסטלערישער סימבאָליק, און אַוודאי שוין די פֿאַרבינדונג מיט ליטעראַרישע טראַדיציעס. דאָס איז ריכטיק. מע דאַרף אָבער שטענדיק האָבן אין זינען, אַז מעטאַפֿאָרישקייט, בילדערישקייט, סימבאָליק און אין א באַשטימטער מאָס אויך ליטעראַרישע טראַדיציע זײַנען אָפּהענגיק פֿון דער פּאָעטישער שפּראַך, פֿונעם לעקסישן מאַטעריאַל.

---

[1] א. גורשטיין. אויסגעוויילטע אַרטיקלען. מאָסקווע, 1959, ז. 181.

[2] В. Огнев. У карты поэзии. М., 1968, стр. 234.

[1] צום אַנאַליז האָב איך גענומען אַלע לידער שוואַרצמאַנס (מעלוכע־פֿאַרלאַג, מאָסקווע, 1961), אַלע לידער פֿון האָפֿשטיינס „בײַ וועגן" (קיִעוו, 1919) און לידער פֿון האַלקינס „וויי און מוט" (צענטרפֿאַרלאַג, מ., 1929). איך האָב גענומען אָט די לידער־זאַמלונגען, ווײַל גראָד אין זיי האָבן מער אָרגאַניש און פֿרײַ זיך אַנטפּלעקט די שפּראַכלעך־סטיליסטישע טענדענצן פֿון די דיכטער. דאָס האָט באַזונדערס א שײַכעס צו האַלקינען, ווײַל גראָד אָט די זאַמלונג האָט געדינט פֿאַר א יעסאָד פֿון ליטוואַקאָווס שטאַנדפּונקט אויף האַלקינס פּאָעטישער שפּראַך. איך האָב גענומען אַלע ווערטער, וועלכע שטאַמען פֿון העברעיִש, אומאָפּהענגיק פֿון דעם, אויף וויפֿל זיי זײַנען אַסימילירט איצט אין ייִדיש.

אינטערעסאנט איז אויך די ארויסזאָגונג פונעם דיכטער גופא. אין זײַן אווטאָבי:אָגראפיע שרײַבט האלקין, אז אף זײַן שאפונג האָבן געווירקט פיל קינסטלער פון פארשיידענע עפּאָכעס און פעלקער: פושקין און געטע, טיוטשעוו און באראטינסקי, איבן־גאבירא̄ל פון שפאניע און די אלטע כינעזישע ליריקער, טאגאָר און יעהודע האלייווי, אָמאר כאיאם און מאיאקאָווסקי.

איך מיין ניט, אז אלץ, וואָס האלקין האָט געזאָגט וועגן דער פארבינדונג פון זײַן שאפן מיט דער ליטערארישער טראדיציע, אנטשפרעכט דער ווירקלעכקײַט. עס זעט אויס אומבאגרינדעט די באהויפּטונג פונעם דיכטער, אז אף זײַן שאפן האָבן געווירקט די אלטע כינעזישע ליריקער, אָמאר כאיאם, טאגאָר, צי אפילע מאיאקאָווסקי. אָבער ניט דאָס אינטערעסירט אונדז אין דעם פאל. וויכטיק איז, וואָס דער דיכטער דערמאָנט אפילע ניט מיט קיין איין וואָרט וועגן דער טראדיציע פונעם העברעי:שן אלטערטום, וועגן דער ביבלישער שפראך און ביבלישער בילדערישקײַט אין זײַן דיכטונג.

פארוואָס האָט האלקין גאָרניט געזאָגט וועגן דעם? די אווטאָבי:אָגראפיע איז דאָך געשריבן געוואָרן פארן רוסישן לייענער, וועלכער האָט געקאָנט ניט וויסן וועגן די שטארקע ווירקונגען פון דער אלט־העברעי:שער קולטור אף זײַן שאפונג!

איך מיין, אז דאָס איז ניט קיין צופעליקײַט, און האלקין האָט דאָ גאָרניט פארגעסן. דער דיכטער קאָן ניט פארגעסן אינעם איקער, אין די קוואלן פון זײַן שאפן, אין פארבינדונג מיט טראדיציע, וואָס האָט טאקע געהאט א ווירקונג אף זײַן שאפן, באזונדערס אין ערשטן פערי:אָד, ווען ער טרעט ארײַן אין דער ליטעראטור און פילט טאקע אמערסטן די אָפּהענגיקײַט פון דער ליטערארישער טראדיציע. מיר דאכט, אז האלקין האָט ד ע מ אָ נ ס ט ר א ט י ו ו ניט דערמאָנט די העברעי:שע און ביבלישע קולטור־טראדיציע, קעדיי צו מאכן א סאָף צו די ריידערײַען, וועלכע האָבן ניט קיין באָדן אין זײַן פּאָעזיע. צי איז האלקין געווען גערעכט, האנדלענדיק אזוי, — דאָס איז א פראגע, וועגן וועלכער מיר נעמען זיך ניט אורטיילן.

אומאָפּהענגיק פון דער גרעסערער אָדער קלענערער פארבינדונג פון האלקינס פּאָעזיע מיט דער טראדיציע, באשטייט האלקינס באדײַטונג אין דעם, וואָס ער איז א צארטער ליריקער, וועלכער האָט פיר צענדליק יאָר, ווי א פילבארער סייסמאָגראף, אופגענומען די אונטערערדישע און אף־ערדישע שטויסן פון דער היסטאָרישער באוועגונג, די גרויסע סאָצי:אלע און נאצי:אָנאלע אופטרייסלונגען, און מיט א דורכדרינגלעכער שטים און שפראך פון א גרויסן דיכטער אָפּגעשפיגלט דאָס לעבן, דעם קאמף, די געפילן און די פּסיכאָלאָגיע פונעם סאָוועטישן מענטשן אין אונדזער עפּאָכע.

א רעפּאָרטאזש אין פארבן

דער קינסטלער יויסעף זיסמאן איז באקאנט אונדזערע לייענער מיט זײַנע קאָלאָריטפולע פּאָרטרעטן און פּייזאזשן, וואָס זײַנען שוין ניט איין מאָל דערשינען אין די קינסטלערישע בײַלאגעס פון „סאָוועטיש היימלאנד“. איצט האָבן מיר די געלעגנהײַט צו באקענען זיך מיט א נײַער סעריע פון יויסעף זיסמאנס שאפונגען. דער לענינגראדער מאָלער האָט זיך אומגעקערט פון א שעפערישער קאָמאנדירונג אין דער האָפּן־שטאָט נאָוואָראָסי:יסק און געבראכט פון דאָרט בילדער־רעפּאָרטאזשן — פילפארביקע, שטימונגספולע, זוניקע, וואָס רעגן מיט זייער רעאליסטישער מאניר, מיט דער פילבארער פארבן־גאמע. אף יעדער בילד דערשפּירט מען די רעאקציע פון דעם קינסטלערס אויג, זײַן צוגעבונדנקײַט צו דער נאטור, צום מענטשן.

מיר קוקן זיך אײַן אין די דרײַ צענדליק געמעלן פון דער נײַער סעריע און נעמען זי אוף ווי א פארגאנצטע דאָקומענטאלע פארצייכענונג אין פארבן, וועלכע שילדערט אונדז דעם אָטעם פון דער צײַט, דעם ארבעטס־ריטם פון דער אינדוסטרי:עלער שטאָט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אירע מעכטיקע צעמענט־זאוואָדן אפן פאָן פון די פינקלענדיקע יאם־כוואליעס, מיט אירע האפנס, שטענדיק ארומגעשטעלטע מיט אָקעאן־שיפן און הייב־קראנען, מיר זעען די מענטשן פון דער האפן־שטאָט, פארטאָנענע אין זייער טאָגטעגלעכער מי.

— ווען איר באקענט זיך נעענטער מיט די עקספּאָנאטן פונעם נאָוואָראָסי:יסקער מוזיי, — דערציילט י. זיסמאן, — זעט איר, וויפל אָט די שטאָט האָט געליטן בײַסן שווערן גערא̄נגל מיט די היטלערישע האָרדעס. די סאָוועטישע מענטשן האָבן פארהיילט די מילכאָמע־ווונדן פון זייער לײַבלעכן נאָוואָראָסי:יסק. די שטאָט איז געוואָרן נאָך שענער ווי פרי:ער.

אלס זייכער פאר די קומענדיקע דורעס זײַנען דאָ פארהיט געוואָרן אייניקע שפּורן פון יענע יאָרן. אָט איז א הויז, וואָס איז דעמלט געשטאנען אין סאמע צענטער פון די שלאכטן. די דאָזיקע געבײַדע, א דורכגעלעכערטע פון קוילן און סנאריאדן, דערמאָנט מיט עפּעס דאָס לעגענדארע פּאוולאָוו־הויז אין סטאלינגראד. אף אן אנדער גאס שטייט איצט אף א ניט הויכן פּאָסטאמענט אן אָריגינעלער מאָנומענט — אן אָפּגעברענטער סקעלעט פון א פראכט־וואגאָן, וועלכן די נאָוואָראָסי:יסקער אײַזנבאנער האָבן פארהיט אויך אלס זייכער פון די גרויזאמע מילכאָמע־יאָרן. יויסעף זיסמאן, א געוועזענער פראָנטאָוויק, האָט די דאָזיקע אָנדענק־ערטער ארײַנגעבראכט אין זײַן נײַער פּייזאזש־סעריע.

אויסער בילדער פון דער ראשיקער שטאָט, טרעפן מיר בא זיסמאנען אזעלכע, וואָס גיבן איבער דעם קאָלאָריט פון די פאָרשטעט, דעם אופבלי פון נײַע ארבעטער־יִשוווים און סטאניצעס ארום נאָוואָראָסי:יסק.

יויסעף זיסמאן איז א פרוכטבארער מאָלער. זײַנע פילצאָליקע אייל־בילדער און אקווארעל־סעריעס שילדערן די ווײַטסטע ווינקלען פון אונדזער לאנד, ווו דער קינסטלער איז אויסגעוועזן: קי:עוו און בירא̄בידזשאן, מיטל־אזיע און ווײַסרוסלאנד, די קארפּאטן און דאגעסטאן, און, לעצטנס, לענינגראד — די גרויסע היסטאָרישע שטאָט, וועלכער דער קינסטלער ווידמעט די דערהויבנסטע פון זײַנע ווערק.

י. זיסמאנס געמעלן, וועלכע מיר פארעפנטלעכן אין הײַנטיקן נומער, קאָנען אופגענומען ווערן ווי אן אייגנארטיקער באריכט פון זײַן שעפערישער רײַזע.

י. שוסטער

ארן ווערגעליס

אונטער דער ווירקונג פון אומבאַשטרײַטבאַרע פאַקטן

אין זײַן בוך „דאָס ייִדישע שאפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפארבאַנד"[1] ברענגט נאכמען מײַזיל אן ארויסזאָגונג פון י. דאָברושינען וועגן פערעץ מארקישעס א ליד, געווידמעט מאָסקווע (פּונעם ציקל „ווייילאנד"). אין דער ליד זײַנען פאראן אזעלכע שורעס:

וואָס גייט עס מיר אָן דען,
ווער ס׳האָט דיך פארפּלאָנטערט
און וועמען פארפּלאָנטערט דו האָסט אין
פארבײַגיין?

א הירש א פארשײַטער
מיט הערנער, ווי צווײַגן, —
זיך פּלאָנטערט די וועלט דאָ
אין נעצן געשטעלטע
מיט טאָרבע פון ברויטן
באַם בראנדיקן קלעם־מויל
און פּרעגט זיך באַם קרעמל
אף טויערן רויטע...

און י. דאָברושין באַמערקט מיט פארשטענדלעכער אומצופרידנקײַט: „אין 1919 האָט מארקיש, הייסט עס, אף אזא אויפן אופגעפאסט די רויטע רעוואָליוציאָנערע מאָסקווע. אין דער גאנצער ליד איז צו זען, אז צו דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציאָנערער וועלט־פעסטונג איז מארקיש דאַן צוגעגאנגען ווי צו א רעטעניש".

אין די דרײַסיקער יאָרן, ווען דאָברושין האָט געשריבן זײַן אָפּהאנדלונג „מארקישעס ארופגאנג", פון וועלכער ס׳איז גענומען די ציטאַטע, איז נאָך די דיסטאַנץ צווישן דער דעמלטיקער הײַנטצײַטיקײַט און דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געווען א ביז גאָר קורצע. נאָכן 1917 איז אפילע אן איינציקע ליד פון א דיכטער געשטאַנען באַ דער ליטעראַטור־קריטיק אפּן „דיסקאָנט", און אין פאל מיט מארקישעס „ווייילאנד" האָט די זאַך אויסגעזען אזוי, אז דער אווטאָר איז שוין, אזוי צו זאָגן, גאנצע צוויי יאָר א סאָוועטישער פּאָעט, נאָר ער האלט נאָך אלץ אין אויספּורעמען זײַן סאָוועטישע וועלט־אָנשויונג. דאָס האָט ארויסגערופן באַ דער קריטיק א געפיל פון אומגעדולד: ווען וועט נעמען א סאָף צו די רעשטן פון דער אלטער אידעאָלאָגיע?.. הײַנט ווייסן שוין אלע, אז דאָס אנטשטיין פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז געווען א דווירנדיקער פּראָצעס. געציילטע שרײַבער פון דער נײַער פאָרמאַציע האָבן, עמעס, אויסגעמיטן דאָס איבערשאַצן די ווערטן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאט קיין ביזרעוואָליוציאָנערע פארגאנגענהײַט. אָבער די מערהײַט אָנהייבער פונעם סאָוועטישן פּעריאָד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, צווישן זיי פּערעץ מארקיש, זײַנען אין 1917 ארוף אין זייער שאפונג אף נײַע וועגן, און אויב ריידן פונעם שטאַנדפּונקט פון אידייִשער עוואָליוציע, איז אין מארקישעס אויבן־ציטירטער ליד דאָס וועזנטלעכע — ניט די צווייפלהאפטע מעטאַפאָרע וועגן דעם, ווי באַ די טויערן פון מאָסקווע „זיך פּלאָנטערט די וועלט אין נעצן געשטעלטע", נאָר די זעונג, וויאַזוי די וועלט „פרעגט זיך באַם קרעמל אף טויערן רויטע"...

ברענגענדיק אין זײַן בוך דאָברושינס ארויסזאָגונג, אז מארקיש איז אין 1919 צוגעגאנגען צו דער רויטער רעוואָליוציאָנערער מאָסקווע „ווי צו א רעטעניש", איז נ. מײַזיל אין סאָף פון די פופציקער יאָרן (1957) זיך מוידע אין נאָמען פון די מײַרעוולענדישע ייִדישע ליטעראַטורקענער: „מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק האָט זיך י. דאָברושינען גאָרנישט געכאָלעמט, אז מיר וועלן צום 40־טן יאָרטאָג פון דער רעוואָליוציע (מײַן קורסיוו. — א. וו.) שטיין פאר א רעטעניש"... (ז. 239). די דאָזיקע שורעס מײַזילס זײַנען גילטיק אויך איצט, נאָענט שוין צום 55־טן אָקטיאַבער־יאָרטאָג, און ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אז מירן נאָך פיל מאָל הערן פון אופריכטיקע ייִדישע קולטור־מענטשן אין אויסלאַנד אזעלכע רייד, אויב דאָרטן אף דער „ייִדישער גאַס" וועט זיך ניט אײַנשטעלן אן אטמאָספער פון אָביעקטיווקײַט און פארשטענדעניש אין באַצוג צום סאָוועטנפארבאַנד.

נאכמען מײַזיל איז געווען דער באַדײַטנדיקסטער צווישן יענע בירגערלעכע ייִדישע קריטיקער, וועלכע ווײַזן ארויס א רעאַליסטישן צוגאַנג צו די פּראָצעסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור־וועלט. עמעס, נ. מײַזיל האָט צוערשט א לענגערע צײַט ניט פארשטאַנען און, זעט אויס, ניט געקאָנט פארשטיין דעם אידייִשקינסטלערישן מעהוס און די היסטאָרישע באַדײַטונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער שפּעטער, נאָך אָנגעשטרענגטע זוכענישן און ערנסטע אנאַליזן, אונטער דער ווירקונג פון אומבאַשטרײַטבאַרע פאַקטן פון דער ליטעראַטור־אנטוויקלונג, איז ער געוואָרן אן אָנהענגער און לײַדנשאפטלעכער אויסטײַטשער פון דער שאפונג פון די סאָוועטישע ייִדישע

[1] נאכמען מײַזיל. „דאָס ייִדישע שאפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפארבאַנד". „איקוף"־פארלאַג, ניו־יאָרק, 1959.

שרײַבער. האגאם קײן מארקסיסטישער פאָרשער איז נ. מײַזיל ניט געווען, און מיר וועלן ווײַטער זען, ווי אָפט ער פלעגט ארײַנפאלן אין א טאָעס, האָט ער דאָך איבערגעלאָזט נאָך זיך א ווערטפולע אין אידײיִשן זין ירושע. צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור האָט ער אין די רײַפע יאָרן פון זײַן שעפערישן לעבן ארויסגעוויזן א צוגאנג פון אָביעקטיווקײַט און ערלעכקײַט, פון פארערונג און יִראס־האקאָוועד. אין זײַן בוך „דאָס ייִדישע שאפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפארבאנד" זײַנען אײַנגעשלאָסן גרעסערע און קלענערע ארטיקלען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין מעשעך פון 16 יאָר (1942 — 1958).

■

ווי באוווּסט, איז אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע בײַסן אנטיפאשיסטישן וועלט־קריג אונטערגעהאלטן געוואָרן אין דער עפנטלעכקײַט אן אלגעמיינע שטימונג פון פרײַנטשאפט צום הערויִשן סאָוועטנפארבאנד. ס'איז אף א געוויסער צײַט ארויסגעפאלן פון דער מאָדע דער העפקיירעס־טאָן בענעגייִע דעם לאנד, וואָס האָט געראטעוועט די וועלט פון דער ברוינער פעסט. אויך אף דער „ייִדישער גאס" האָבן דאן געבלאָזן ווארעמע ווינטן. אין די בירגערלעכע ליטעראטור־קרײַזן איז שוין געווען ניט אָנשטענדיק צו פארנעמען זיך מיט אָפענעם אנטיסאָוועטיזם. ווען מיכאָעלס און פעפער זײַנען אין 1943 געקומען קײן פשא אלס שליכים פון סאָוועטישן ייִדנטום, האָט אפילע ש. ניגער, דער אנטיסאָוועטישער ליטעראַרישער באָיעוויק, ניט גענומען זיך צו פארשטערן די מאניפעסטאציעס פון פרײַנטשאפט צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, וואָס איז דעמלט געווען אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט א פראָנט־ליטעראטור.

אין דער דאָזיקער אומגעבונג האָט ארויסגערופן א ברייטן רעזאָנאנס נ. מײַזילס ארטיקל „צו דער כאַראקטעריסטיק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור" (נאָיאבער 1942), וואָס האָט ווי א פײַל געטראָפן אין די „לייקענער־פארלייקענער", אין די „בייזווילִיקע פײַנט און באוווּסטזיניקע פעלשער פון דעם סאָוועטיש־ייִדישן שאפן, וואָס מאכן צונישט די דאָרטיקע ייִדישע ליטעראטור און באשולדיקן זי, אז זי איז נישט קײן ייִדישע, נאָר בלויז א ליטעראטור אין דער ייִדישער שפראך" (ז. 23).

זאָל נאָכאמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אז נ. מײַזיל האָט געשריבן אָט די ווערטער מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען די פארלוימדערישע קאמפאניעס האָבן געבושעוועט ארום דער שאפונג פון בערגעלסאָנען און דעם ניסטער, האָפשטיינען און מארקישן, און די בייזווילִיקע פײַנט, די באוווּסטזיניקע פעלשער האָבן געשריגן פונקט דאָס זעלבע, וואָס זיי שרײַען איצט וועגן דער שאפונג פון די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע שריפטשטעלער. אָט פארוואָס עס איז אזוי צום אָרט נ. מײַזילס באמערקונג, אז „דאָס עצעם סאָוועטיש־ייִדישע שאפן גייט זיי ניט אָן און אינטערעסירט זיי ניט, ווײַל עס איז זיי פארבליבן פרעמד, ווײַט און פײַנטלעך איצטער ווי פריִער, ווי אמאָל"... (ז. 193 — 194).

אין 1957, אין דעם עסיי „איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראטור געווען א נאַציאָנאַל־ייִדישע?", האָט נ. מײַזיל ווידעראמאָל באוויזן די מעטאָדן פון די פארלוימדער, וועלכע „קומען אָפּ מיט סטאם־ביטלרייד, מיט גרינגשעצונג לעגאבע דעם סאָוועטיש־ייִדישן שאפן". ער שרײַבט וועגן די „אלץ־ווייסער", וואָס טענהן, אז „די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט נישט ארײַנגעטראָגן קײן שום עמעס־ייִדישע ווערטן אין דעם נאציאָנאלן אוצער פונעם ייִדישן שאפן". מיט רעכט שטעלט ער פעסט, אז אָט אזא טענה נוצן „שוין צענדליקער יאָרן" „די פּראָפעסיאָנעלע און פארביסענע סאָנים פונעם סאָוועטנפארבאנד" (ז. 193).

נאכמען מײַזיל האָט געשריבן, אז „עס וואָלט געווען וויכטיק, מע זאָל ברייטער און אויספירלעכער זיך אָפּשטעלן אף די אלע אומבארעכטיקטע פאָרווורפן און אָנפאלן, וואָס זײַנען אין פארלויף פון יאָרן געמאכט געוואָרן מיצאד די היגע (אמעריקאנישע, בירגערלעכע. — א. וו.) ייִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך אײַנגעוויקלט אין דעם „טלית שכולו תכלת"[1] און אין נאָמען פון קלאל־ייִסראָעל קעסיידער געהעצט און דיסקרימינירט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראטור און אירע שרײַבער, געזען אין זיי אלדאָס בייז און שלעכטס און אזויארום פארמיִעסט זיי אין די אויגן פון די לייענער דורך זייערע צײַטונגען און צײַטשריפטן" (ז. 199). ס'איז קלאָר, אז אין דער ערשטער ריי האָט די ליטעראַרישע קריטיק געדארפט ברייט און געני זיך פּאַנאַנדערקלײַבן אין דעם דאָזיקן וויכטיקן איניען, און נאכמען מײַזיל האָט, דארף מען זאָגן, אָפּגעטאָן ניט ווייניק אין דעם פראט. אנטפלעקנדיק אין א גאנצער ריי ארטיקלען דעם היסטאָרישן גאנג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, די ברייטע גאמע פון אירע טאלאנטן, ווײַזט נ. מײַזיל אָן, אז „דאָס אלץ איז געווען פארהוילן און פארבאָרגן פאר די היגע (אמעריקאנישע, בירגערלעכע. — א. וו.) ייִדישע קריטיקער און שרײַבער, וועלכע האָבן צוליב זייער סינע צום סאָוועטנפארבאנד ביכלאל נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זען, וואָס ס'טוט זיך אינעם סאָוועטיש־ייִדישן פילפארצווײַגטן און פילקאָליריקן ייִדישן שאפן" (ז. 199). פּאָשעטער גערעדט — „מיר האָבן ניט געהאט קײן פולן און ריכטיקן באגריף וועגן דעם פארנעם און מעהוס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראטור" (ז. 211), און דאָס איז איינע פון די סיבעס, פארוואָס אפילע די אופריכטיקע צווישן די בורזשואַז־בירגערלעכע קריטיקער שטייען נאָך אלץ פאר דער סאָוועטישערווירקלעכקײַט „ווי פאר א רעטעניש".

איצט, אין די זיבעציקער יאָרן, איז באזונדערס פּאַרשטענדלעך די נויטווענדיקײַט צו שאפן א ריכטיק בילד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, פון אירע יעסוידעס און קאָנקרעטע אנטפלעקונגען, קעדיי ניט איבערלאָזן דאָס פעלד פון פאָרשונג און קריטיק פאר די באוווּסטזיניקע פעלשער. קוידעמקאָל איז נייטיק דאָ שטעלן צו דינסט דאָס, וואָס עס האָבן שוין ביז אונדז אָנגעזאמלט אזעלכע באדײַטנדיקע קולטור־קענער, ווי נאכמען מײַזיל. עס דארף באקומען אן אָפּשאצונג זייער אופטו, און עס דארף אָנגעוויזן ווערן אף די פעלערן, וועלכע זיי זײַנען באגאנגען, זײַענדיק פאָרשער־מעראַגלים.

[1] טאלעס שעקולוי טכיילעס — געמיינט: א קאָשערער טאלעס פון ריינעם וואָל.

די פּראָבלעם, וואָס האָט טאָמיד געבייצט און באומרויִקט, מאמעש פאַרפּאָלגט, נאכמען מײַזילן: צי איז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור א „נאציאָנאַל־ייִדישע". פאר אונדז, סאָוועטישע שרײַבער, איז אָט די פראגע קלאָר. פאר נ. מײַזילן, ווי פאר א פאָרשער „פונדרויסן", איז זי געווען פארבונדן מיט קרענקלעכקײַטן, וועלכע קומען פון דער אנטיסאָוועטישער גאַס, פונעם רעאקציאָנערן טראָטואר, פון דעם ראבאָנישקלעריקאלן הײַזל. די אטמאָספער, אין וועלכער ער האָט געזוכט דעם ענטפער, האָט אומפארמײַדלעך געהאט אף אים איר נעגאטיווע ווירקונג. דאָס איז צו זען פון דעם אויפן, וויאזוי ער פאסקנט, צי די ווערק פון די אָדער יענע קאָנקרעטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער זײַנען „נאציאָנאל־ייִדישע". אזוי, לעמאָשל, טרעפן מיר אָן אין זײַן ארטיקל „דאָוויד בערגעלסאָן און דער ניסטער" (אפּרעל 1956) אף אזא אָרט. לויבנדיק בערגעלסאָנס מילכאָמע־דערציילונגען, ווײַל אין זיי פילט זיך „א ליבשאפט און פארערונג פאר ייִדן און ייִדישע ליידן", געפינט ער פאר פּאסיק ספּעציעל אונטערצושטרײַכן, אז די דאָזיקע דערציילונגען זײַנען אָנגעשריבן ווי נאציאָנאל־ייִדישע „נאָך זײַן (ד. בערגעלסאָנס. — א. וו.) „אפּיקאָרסישן" און אנטירעליגיעזן און „מאסקילישן" צוגאנג צו ייִדן און ייִדישקײַט אין זײַן „באם דניעפּער", ווו עס איז דאָ מער סארקאזם, בײַסנדיקע קריטיק און ביטלדיקע באציִונג צו ספּעציעל „ייִדישעס"... (ז. 190). אזא סאָרט קעגנשטעלן ווערק פון איינעם און דעם זעלבן שרײַבער — פונעם שטאנדפּונקט פון דער באציִונג פונעם שרײַבער צום פאָלק, צו וועלכן ער געהערט, — איז פאָשעט אומגעלומפּערט. נ. מײַזיל באפרײַט זיך פון דער פליכט צו ארגומענטירן די באשולדיקונג אין ביטל־באציִונג צו „ייִדישעס", וועלכע ער רוקט ארויס קעגן דעם באדײַטנדיקסטן ראָמאן פון איינעם פון די גרעסטע נאציאָנאלע שרײַבער פונעם ייִדישן פאָלק. דערפאר אָבער ווײַזט ער אָן, מיט וואָס עס זײַנען, לויט ווי ער שרײַבט, „טיף־ייִדיש" בערגעלסאָנס מילכאָמע־דערציילונגען: די דערציילונג „יאָרצײַט־ליכט" — ווײַל דער דאָקטער, ווען ער גייט מאכן אן ערנסטע אָפּעראציע, „דערמאָנט זיך אין יאָמקיפּער און קאָלנידרע, און ער שעפּטשעט שטיל: „צרורה בצרור החיים... מאמע, מאמע"... די דערציילונג „גראָד זי" — ווײַל דער הויפּטפערסאָנאזש איז „גראָד זי, נאָך ווען דער פאָטער איז אמאָל אָפּגעזעסן שיווע און זיך געלאָזט דערבײַ רײַסן קריִע"; די דערציילונג „פּרײַנטשאפט" — ווײַל איר העלד, דער פּילאָט ביריוקאָוו, ראטעוועט א ייִדיש מיידעלע... אין א צווייט ארטיקל („איז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור א נאציאָנאל־ייִדישע?") גיט נ. מײַזיל ארויס דעם ראָמאן פון פּערעץ מארקישן „דאָר־אײַן, דאָר־אויס" אן אטעסטאט פון אן „עמעסייִדיש ווערק", ווײַל דאָרט זײַנען פאראן „נאציאָנאלע און רעליגיעזע עמאָציעס" (ז. 201): דער אווטאָר „מאָלט ווונדערבאר דעם בעסמעדרעש און די ייִדישע קלייקוידעש"; ווען די פּעטליוראָווצעס הענגען אוף מענדל דעם מילנער מיטן קאָפּ אראָפּ, זאָגט וועגן דעם דער אווטאָר, אז מע האָט מענדלען געבונדן, „ווי ייִצכאָקן צו דער אקיידע"; דער בריוו, די צאוואָע, וואָס איז פארבליבן נאָך מענדל מילנער, „איז געשריבן אין אן אלט־מעליצעדיקן העברעיִש" (זז. 203 — 204).

אזוי אויבנופיק, פאָרמעל, לויט אויסערלעכע און קלאל ניט וועזנטלעכע סימאָנים, אורטיילט נאכמען מײַזיל (און נאָך אין א גרעסערער מאָס — די אנדערע בירגערלעכע ייִדישע ליטעראטור־קריטיקער) וועגן דעם נאציאָנאלן מעהוס פון ליטערארישע ווערק. ס'איז איבעריק צו דערווײַזן, אז אזא צוגאנג קאָן ניט אָנגענומען ווערן, ווײַל אויב ריידן אָפן, איז ייִדיש־נאציאָנאל יעדער ווערק פון א ייִדישן שרײַבער, אויב יענער איז טאקע אפּאנעמעסן א שרײַבער און אויב ער פרײַדיקט ניט קיין אנטינאציאָנאלע, דאָס הייסט רעאקציאָנערע, אידייען. פון אָט דעם אומבאשטרײַטבארן שטאנדפּונקט זײַנען אלע ווערק בערגעלסאָנס און מארקישעס — נאציאָנאלע. נאציאָנאל־ייִדיש איז א הײַנטצײַטיק ווערק פון א ייִדישן שרײַבער, אין וועלכן ס'איז, לאָמיר זאָגן, ביכלאל נישטאָ קיין בעסמעדרעש, מע זיצט ניט שיווע, די העלדן קאָנען ניט שרײַבן אפן אלט־מעליצעדיקן העברעיִש; און לאכלוטן ניט נאציאָנאל איז אזא ווערק, ווו די צײַט איז די הײַנטיקע, נאָר די העלדן און אידייען — נעכטיקע. ווען נאכמען מײַזיל ברענגט, צוליב אן אנדער געלעגנהײַט, אין זײַן ארטיקל „נאציאָנאלע מאָטיוון בא פּ. מארקישן" די שורעס פון מארקישעס ליד „דעם ייִדישן שלאכטמאן" —

צוויי טויזנט גאָלעס־יאָר זײַנען פון דיר אראָפּ,
און פינף און צוואנציק פרילינגס צערטלען דיך
מיט צויבער —

דאן ווילט זיך זאָגן דעם קריטיקער: אָט דאָס איז דאָך אפּאנעמעסן „עמעס־ייִדיש", „נאציאָנאל־ייִדיש", „טיף־ייִדיש"! דער סאָוועטישער ייִדישער שלאכטמאן האָט אין די שלאכט־רייען פון דער סאָוועטישער ארמיי באזיגט דעם פאשיסט, ראטעווענדיק זײַן ייִדיש פאָלק, ניט ווײַל ער האָט געטראָגן א טאלעסקאָטן, נאָר ווײַל ער האָט געטראָגן א ביקס, ניט ווײַל ער איז געבליבן שטעקן אין ייִדישן מיטלאלטער, נאָר ווײַל ער האָט אראָפּגעטרייסלט פון זיך די צוויי טויזנט גאָלעס־יאָר און עס האָבן אים „געצערטלט די סאָוועטישע פרילינגס". א בײַשפּיל, וויאזוי צו אורטיילן וועגן דעם נאציאָנאלן טאָך פון א קינסטלעריש געשטאלט, געפינען מיר בא נאכמען מײַזילן אליין, טאקע אינעם ארטיקל „נאציאָנאלע מאָטיוון בא פּ. מארקישן". ער שרײַבט: „די גוראריע־געשטאלט בא מארקישן איז אָן סאָפּעק איינע פון די גרעסטע, קאָמפּליצירטסטע און אינטערעסאנטסטע ייִדישע (מײַן קורסיוו. — א. וו.) געשטאלטן, וואָס מיר פארמאָגן אין דער ייִדישער ליטעראטור, אין פּאָעזיע און פּראָזע. פון איין זײַט, איז גוראריע א דורכויס רעאלער מענטש, וואָס האָט אדורכגעמאכט די ווירקלעכע, רעאלע פּאסירונגען, אליין אדורכגעלעבט אלע גרויזאמקײַטן, אליין גופע געשטאנען פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די גרוילטאטן. אָבער פּערעץ מארקיש ווארפט קעסיידער סנאָפּעס ליכט אף אים, שטעלט אָן א פּראָזשעקטאָר אף זײַנע געפילן, ליידן, באטראכטונגען, ארויסזאָגונגען. עס וואקסט אויס פאר אונדז, אויסער דעם רעאלן גוראריע, א צווייטער — א גרעסערער — א דערהויבענער, א געשטאלט, וואָס נעמט ארײַן אין זיך אייביקע ייִדישע גילגולים און איבערוואנדלונגען" (מײַן קורסיוו. — א. וו.) (ז. 246). דאָ איז אלץ ריכטיק. גוראריע איז א

געשטאַלט, וואָס קומט פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער סוויווע; אַף וויפל דעם אוטאָר האָט זיך איַינגעגעבן אים צו פאַראַלגעמיינערן, איז ער געוואָרן א נאַציאָנאַל־ייִדיש געשטאַלט, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט ניט קיין רעליגיִעזע עמאָציעס.

ווי געזאָגט, איז נאָכמען מײַזיל געווען אין זײַנע פאָרשונגען פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין אָנגעשטרענגטע זוכענישן און אין אופּריכטיקע אַנאַליזן. שטעמפּלענדיק מיט צאָרן די אָנגעדונגענע פאַרלוימדער, האָט ער אַרויסגעוויזן מאַמעש אַן אַסקעטישן צוגאַנג צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, און דעריבער דאַרף מען זיך ניט כידעשן, ווען ווילנדיק — ניט־ווילנדיק לאָזט ער אײַ־בער ניט פאַרבאַהאַלטן פאַר דעם לייענערס אויג דעם פּראָצעס פון זוכן — טויע זײַן זיך — געפינען אַן ענטפער. עס איז פאַר אים גאַנץ נאַטירלעך, אַשטייגער, וואָס שרײַבנדיק וועגן פּערעץ מאַרקישן אָן אָן אויפהער, קימאַט אין יעדן אַרטיקל, טוט ער זיך אין איינעם שיינעם טאָג מיטאַמאָל א כאַפּ: „ווײַזט אויס, אַז מיר באַדאַרפן ערשט פונדאַסנײַ בלעטערן און לייענען און שטודירן די לידער־ביכער פון פּערעץ מאַרקישן, קעדיי אַרויסצוגעפינען זײַן עמעסן דיכטערישן פּאַרצעף־פּאָנעם און באַגרײַפן זײַן שווערן גאַנג און זײַן ערנסטן וועג אין מעשעך פון די אַלע יאָרן פון זײַן דיכטערישן ווייטעקדיק־פרײדיקן שאַפן” (ז. 239 — 240).

אַזאַ סאָרט גריבלען זיך אין ליטעראַרישן מאַטעריאַל באַקומט בעפּיירעש די פולע באַרעכטיקונג, ווײַל אין רעזולטאַט פון סקרופּולעזן „אַרומזוכן די מאָמענטן, די בילדער, די אַרויסזאָגונגען, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק די ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלק” (ז. 222), — קומט דער פאָרשער צום קאַטעגאָרישן אויספיר: „איז ווער האָט די כוצפּע און האָזע צו זאָגן, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז ניט געווען קיין ייִדיש־נאַציאָנאַלע? פּערעץ מאַרקיש איז דער שטאַרקסטער און שלאָגנדיקסטער אָפּלייקענער פון דעם שעקער־בילבל אַף דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור” (ז. 252).

■

עס קאָן אויסזען פּאַראַדאָקסאַל, אָבער עס איז א פאַקט, אַז ניט געקוקט אַף דעם, וואָס באַם אָפּשאַצן די נאַציאָנאַלע עכטקײַט פון די ווערק פון באַזונדערע שרײַבער האָט נ. מײַזיל באַנוצט א פּעלערהאַפטע מעטאָדאָלאָגיע, איז זײַן צוגאַנג צו די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַטן פון אונדזער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען געווען אין טאָך א ריכטיקער. באַמיִענדיק זיך אויפצוקלערן „די פיזיאָגנאָמיע און דעם כאַראַקטער” פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, נעמט ער פאַר א בײַשפּיל דעם אויפן, וויִאַזוי עס לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם די סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשער א. גורשטיין און מ. ווינער אין זייער געמיינזאַמער אַרבעט „סאָציאַליסטישער אינהאַלט און נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור”, וועלכע איז געווען פאַרעפנטלעכט אינעם מאָסקווער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש”.

ווי באַוווּסט, סטאַרעט זיך די בורזשואַזע ליטעראַטור־קריטיק אַרויסשטעלן דעם גרונט־פּרינציפּ פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם — „סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט, נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם”, ווי א מין כײַעראָע אַף צו שרעקן מיט איר „ליטעראַרישע קינדער” (די לעצטע האָבן אָפּט דעם אָנבליק פון סאָלידע, אַפּילע פּראָגרעסיוו־אָפּשטאַמיקע שריפטשטעלער...). נאָכמען מײַזיל, — צו זײַן קאָוועד זאָל עס געזאָגט ווערן, — האָט בײַגעקומען אין זיך די דאָזיקע שרעק. עמעס, איין־איינציק מאָל, אין זײַן אַרטיקל „איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור א נאַציאָנאַל־ייִדישע?”, האָט ער נאָכגעגעבן דעם שטראָם און, אַרומקוקנדיק זיך מיט כשאַד אַף יענעם פּרינציפּ, גענומען וואָרענען, אַז מע דאַרף זיך היטן פאַר „פאַרטיקע פאָרמולעס: סאָציאַל לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם”, מע דאַרף ניט אַרײַנשפּאַרן דאָס „צאַפּלדיק, אָריגינעל, לעבעדיק שאַפן אין א סדאָם־בעטל”, ווײַל, אינדערעמעסן, — „עס איז דאָך אומעגלעך פאַנאַנדערצוטיילן אַף גאַנץ באַזונדערע קאַטעגאָריעס אינהאַלט און פאָרם. זיי זײַנען אין קונסט, אין ליטעראַטור טיף און אָרגאַניש צונויפגעבונדן. און איז עס דען אַזוי פּאָשעט און לײַכט אָפּצוטיילן דאָס סאָציאַלע פונעם נאַציאָנאַלן?..” (ז. 194).

אָבער דאָ גלײַך כאַפּט ער זיך, אַז דאָס זעלבע זאָגט דאָך טאַקע דער פּרינציפּ „סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם”, וועלכער איז, נאַטירלעך, קעגן אָפּרײַסן פאָרם פון אינהאַלט און זעט שטענדיק דאָס סאָציאַלע און דאָס נאַציאָנאַלע אין ענגער און אָרגאַנישער פאַרבינדונג, — און ער פאַרגעסט אין זײַן שרעק פאַר דער „פאָרמולע”. בוכשטעבלעך אַפן צווייטן זײַטל פונעם בוך נעמט ער זיך צו אויפקלערן פאַרן לייענער די טעאָרעטישע יעסוידעס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער קערט זיך ווידער אום צו דער אויבנדערמאָנטער אָפּהאַנדלונג פון א. גורשטיין און מ. ווינער. „די צוויי סאָוועטיש־ייִדישע פירנדיקע קריטיקער, — קלערט ער אויף, — האָבן... באַמיט זיך צו כאַראַקטעריזירן, פון איין זײַט, די איינהײַטלעכקײַט אינעם שאַפן פון די סאָוועטישע פעלקער, און, פון דער צווייטער זײַט, די פאַרשיידנאַרטיקײַט פונעם פילפעלקערישן סאָוועטישן שאַפן. (זיי שרײַבן) „די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם אין דער איינהײַטלעכער סאָוועטישער ליטעראַטור דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער געשיכטלעכער וועג פון די פעלקער, וואָס באַוווינען אונדזער גרויסן ראַטנפאַרבאַנד, איז געווען פאַרשיידן... אָט פאַרוואָס עס איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, באַ דעם איינהײַטלעכן מעהוס פון די סאָציאַלע פּראָצעסן, די קאָנקרעטע אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג פון די דאָזיקע איינהײַטלעכע סאָציאַלע פּראָצעסן”... (ז. 198).

נאָכמען מײַזילס געדאַנקענגאַנג באַם לייזן אָט די צענטראַלע פּראָבלעם איז פּונקט ווי באַהויכט געוואָרן פון די פונדאַמענטאַלע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. זײַן קאָנצעפּציע קאָן שטופנווײַז אויסגעדריקט ווערן אַזוי:

1. „פּריִער פון אַלץ: די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור, און ריכטיקער געזאָגט: זי איז א נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן לעבן באַגלײַך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן” (זז. 20 — 21).

2. „די הויפּט־פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין די סאָוועטישע ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער, זײַנען פאָרגעקומען אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די ייִדישע ליטעראַטור איז ניט קיין זײַטיקער אָפגעזונדערטער שטעג בא דעם אַלגעמיינעם ברייטן ליטעראַטור־שליאַך... אַלץ, וואָס איז כאַל, וואָס איז אָנגעמאָסטן פאַר די אַלגעמיינע סאָוועטישע ליטעראַטורן, געשעט אויך מיט דער ייִדישער ליטעראַטור" (ז. 21).

3. ציטירנדיק (ז. 21) א. גורשטיינען און מ. ווינערן: „די קולטור־רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרטיפט אפן באָדן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט געגעבן אַן אומגעהייערן שטויס דער אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם... דער דאָזיקער פּראָצעס האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פעלקער פון אונדזער גרויסן פאַרבאַנד, וואָס פון זיי אַלע אינאיינעם באַשטייט די איינהײַטלעכע סאָוועטישע קולטור... דאָס וועזנטלעכע נײַע, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט די סאָוועטישע ליטעראַטור, איז פריִער פון אַלץ טאַקע איר סאָציאַליסטישער אינהאַלט".

4. „דאָס אָבער מיינט ניט, אַז מע האָט זיך באַמיט אין סאָוועטנפאַרבאַנד... צוצושנײַדן און אויסגעשטאַלטיקן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע פעלקער־קולטורן אין איין פאָרם און אונטער איין אויסזען. ניט געקוקט אַף די אַלגעמיינע טענדענצן און לאָזונגען, מיט וועלכע די ליטעראַטורן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען געווען דורכגעדרונגען, האָט יעדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור געהאַט איר אייגענעם קאָלאָריט, איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, איר באַזונדערע פיזיאָנאָמיע" (ז. 197).

5. מיט דער הילף פון די דאָזיקע אַלגעמיין־טעאָרעטישע האַנאָכעס ווערט אין נאַכמען מײַזילס בוך ריכטיק אָנגעוויזן דאָס אָרט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור אין קאָנטעקסט פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביכלאַל: „ס׳איז קלאָר, אַז אַזוי ווי ס׳איז געווען אַנדערש דאָס סאָוועטישע ייִדישע לעבן, אַזוי איז אויך די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור געווען און געמוזט זײַן אַנדערש" (ז. 195); און: „קיין שום אַנדער צווײַג אין דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור איז ניט געווען אַזוי אָנגעצילעוועט, אַזוי באַוווסטזיניק אין זײַנע אויפגאַבן און אין זײַנע פּערספּעקטיוון. קיין שום אַנדער טייל איז ניט געווען אַזוי פילבאַר צו דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום, ווי עס איז געווען דער סאָוועטיש־ייִדישער טייל פונעם ייִדישן שאַפן" (ז. 79).

איך וויל דאָ פאַרבײַגייענדיק דערמאָנען דעם לייענער, אַז די דאָזיקע אַלע (ספּעציעל אַזוי בעאַריכעסדיק־געבראַכטע) אַרויסזאָגונגען זײַנען אַראָפּ פון דער פּען פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע גרונטלייגער פון דער „איקוף"־באַוועגונג, וואָס נאַכמען מײַזיל, דער פּיליאָריקער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם ניו־יאָרקער „איקוף"־זשורנאַל „ייִדישע קולטור", איז עס געווען, און איך וויל בא דער געלעגנהײַט אַרויסזאָגן אַ פאָרוואָרף אייניקע פונעם איצטיקן דאָר אָנפירער פונעם אַמעריקאַנער „איקוף". אָנשטאָט זיך מיט מוט דערהייבן צו אַזאַ קלאָרקײַט באַם אַנאַליזירן און אָפּשאַצן די פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור־בויונג, זאָרגן זיי זיך אָפּ, אַז זייער סטרונע זאָל כאַסוועכאָלילע ניט זײַן אַנדערש אָנגעשטעלט, ווי די סטרונעס באַם גרילצנדיקן „נאַציאָנאַל־ייִדישלעכן" אָרקעסטער.

■

די קאָנקרעטע פראַגן פון דער ייִדישער ליטעראַטור־בויונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד שטעלן זיך אַוועק פאַר נאַכמען מײַזילן שוין נאָך דעם, ווי ער איז, אַ באַלאָדענער מיט וויסן, אַריבערגעגאַנגען דעם „פּערעוואַל" פון יעסוידעסדיקע פּראָבלעמען און ער קאָן אין סאַכאַקל מעלדן מיט אַ דערהויבענער שטים: „דאָס זײַנען אינקורצן די הויפּט־שטריכן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור". די שורעס אינעם אַרטיקל „די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור", אין וועלכע עס ווערן פאָרמולירט די הויפּט־שטריכן, זײַנען גלענצנדיק אָפּגעטאָקט, ווי עס פּאַסט זיך אָן פאַר אַזאַ וויכטיקער טעמע. „זי איז געקניפּט און געבונדן מיטן סאָוועטישן לעבן, — שרײַבט ער וועגן אונדזער ליטעראַטור, — זי שעפּט איר כײַעס, איר יעניקע, איר טעמאַטיק, איר אימפּעט דירעקט פון דעם אַקטיוון און שאַפנדיקן אַרומיקן לעבן. זי איז באַטייליקט פון אָנהייב אָן אין די אַלע פּראָבלעמען, וואָס קומען פאָר אין לאַנד. זי איז אויך אַ רעזולטאַט פון די גרויסע איבערוואַנדלונגען, און זי ווערט אויך געשטיצט און געפירט פון די מעלוכע־אָרגאַנען און פון די אַקטיווע קויכעס אינעם לאַנד. עס איז דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור ליב און טײַער יעדער שטיין, יעדער ציגל, וואָס פון דעם בויען זיך די סאָוועטישע מעלוכע־געבײַדעס, און זי טראָגט גערן צו איר כיילעק באַגלײַך מיט אַלע פעלקער. און ס׳איז דאָ אַ באַזונדערע פרייד פון שאַפן, פון זײַן אַ גלײַכער שוטעף צום שאַפן. מיר באַמערקן מאַמעש אַ פאַרשיקערטע פרייד, וואָס איז ביז אַהער געווען גאָר אַ פרעמדע, ניט געהערטע איבערלעבעניש פאַרן ייִדישן שרײַבער" (ז. 36).

אין דער הײַנטצײַטיקער פאַרוואָרלאָזטער און פאַרמיסטיקטער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק אין כוץ־לאָרעץ איז פון די גרעסטע זעלטנהײַטן אָט אַזאַ צוגאַנג גראָד צו יענע אַספּעקטן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אַרום וועלכע עס פּרוּוון געוויינלעך „וואַרעמען די הענט" קאָלערליי ליטעראַרישע סאָוועטאָלאָגן. לאָמיר קוידעמקאָל באַמערקן, אַז נאַכמען מײַזיל פילט ניט די מינדסטע אומבאַקוועמלעכקײַט, דערציילנדיק מיט צופרידנקײַט, אַז די ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד „ווערט אויך געשטיצט און געפירט פון די מעלוכע־אָרגאַנען און פון די אַקטיווע קויכעס אינעם לאַנד". עמעס, איך צווייפל ניט, אַז די זעלבע פראַזע וואָלט אין אונדזער סאָוועטישן אויסלייג אויסגעזען אַנדערש, נעמלעך — „די ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט אויך געשטיצט פון די מעלוכע־אָרגאַנען און געפירט פון די אַקטיווע קויכעס אינעם לאַנד"; אַזאַ פאָרמולירונג וואָלט עפּשער מער אַנטשפּראָכן דער רעאַלער זאַכלאַגע, — אָבער עס גייט דאָ די רייד וועגן דעם, אַז דאָס קאָל פון נאַכמען מײַזיל קלינגט ניט אין אוניסאָן מיט דעם פאַרדאָרבענעם כאָר פון דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק. איינער פון די סאַמע סאַקראַמענטאַלע טעזיסן פון די פאַרלוימדער רעדט דאָך מיט גאַל וועגן דער שטיצע, וואָס די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור באַקומט פון דער מעלוכע, — וועגן דעם, אַשטייגער, וואָס דער

זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” ווערט פינאנסירט און באזאָרגט מיצאד דעם אלסאָוועטישן שרײַבער־פארבאנד און ניט, ווי אייניקע ליטעראַרישע אויסגאבעס אין די מײַרעוו־לענדער, מיצאד אמעראצים־מעצענאטן.

אין נ. מײַזילס בוך געפינען מיר א היפשע צאָל פרינציפּיעל־וויכטיקע ארויסזאָגונגען, וועלכע זײַנען אן אויסדרוק פון דירעקטער פּאָלעמיק מיט אײַנגעקאָרעניעטע אין די אויסלענדישע ליטעראַרישע קרײַזן פאָרשטעלונגען וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ווי באוווּסט, איז אין יענע קרײַזן פארפירט א מאָדע צו פּאסקענען ווי א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך, אז „סאָוועטיש באטײַט — ניט עכט־ייִדיש”... און נאכמען מײַזיל, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, צי דאָס וועט געפעלן די „לייקענער־פארלייקענער”, צי ניט, שרײַבט: „און דאָס איז אָן סאָפעק א וויכטיקער כאראקטער־שטריך פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האגאם זי איז דורכויס סאָוועטיש, איז זי גלײַכצײַטיק אויך ייִדיש, עכט־ייִדיש. ווײַל זי גיט דאָך שטיקער פון דעם רעאַלן ייִדישן לעבן, זי ברענגט דאָך ארויס לעבעדיקע, ווירקלעכע ייִדישע מענטשן” (ז. 23).

אינעם ארטיקל „איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור א נאציאָנאל־ייִדישע?” שרײַבט נ. מײַזיל: „מע דארף אָפּפרעגן די פאלשע באהויפּטונג... אז ייִדיש־נאציאָנאלע מאָטיוון האָבן אָנגעהויבן ארײַנדרינגען אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור ערשט נאָך דער היטלערישער אָקופּאציע” (ז. 195).

די דאָזיקע ווערטער מײַזילס האָבן געטראָפן אין אזעלכע אנטיסאָוועטישע קריטיקער, ווי ש. ניגער און זײַן גלײַכן. אין 1942 האָט ניגער אין זײַן אָפּהאנדלונג „וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור” (אלגעמיינע [ייִדישע] ענציקלאָפּעדיע, ב. 3) געפרוּווט אײַנריידן דעם לייענער, אז „ביזן אויסברוך פונעם נאצי־סאָוועטישן קריג אין 1941 האָבן נאציאָנאלע עמאָציעס ניט געקאָנט געפינען פאר זיך קיין שום אויסדרוק אינעם (סאָוועטישן) ייִדיש־ליטעראַרישן שאפן”. דערווידערנדיק ניגערן, זאָגט נאכמען מײַזיל ארויס א געדאנק, וואָס פארהיט זײַן קראפט אויך אין דער הײַנטיקער פּאָלעמיק מיט ניגערס יאָרשים: „אָט די מיינונג איז זייער א פארשפּרייטע בא די אלע, וואָס מאכן פאלשע אויספירן, געשטיצט אף ניט־קאָנטראָלירטע און ניט באגרינדעטע סוואָרעס און האשאָרעס” (ז. 195).

און נאָך א בײַשפּיל, וויאזוי נאכמען מײַזילס ארטיקלען, אָנגעשריבענע מיט פיל יאָרן צוריק, פירן אויך הײַנט א פּאָלעמיק ארום די פראגן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. אין זײַן בוך „אין און ארום” שרײַבט דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור־עסעיִסט כאיִם סלאָוועס, אז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון איר עקזיסטענץ געגאנגען אפן וועג פון אנטיהיסטאָרישקײַט, אָפּזאָגנדיק זיך צו יארשענען אירע פּאָרגייער — די ייִדישע קלאסיקער און די נאָכקלאסיקער, און ס׳איז געבליבן, אז „דער איינציקער, דער אבסאָליוטער בעריישיס איז — די אָקטיאבער־רעוואָליוציע” (כ. סלאָוועס. „אין און ארום”, ז. 294). סלאָוועסעס „אין און ארום” איז דערשינען אין 1970. די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור־קריטיק פּאָלעמיזירט איצט מיט אזעלכע פעלערהאפטע האנאָכעס אין אָט דעם בוך. און ס׳איז בעפיירעש מערקווירדיק, וואָס אין אן ארטיקל, וואָס נאכמען מײַזיל האָט אָנגעשריבן נאָך מיט 15 יאָר צוריק („איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור א נאציאָנאל־ייִדישע?”) לייענען מיר שורעס, וועלכע זײַנען, כלעבן, א סאך שארפער און קאטעגאָרישער, איידער די דערווידערונגען, וואָס מיר אליין רוקן ארויס קעגן כאיִם סלאָוועסעס טעזיס. נ. מײַזיל איז אופגעבראכט: „און אף וויפל עס איז פאלש און אומגערעכט דער פאָרוווּרף און די באשולדיקונג, אז בא די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער הייבט זיך אָן אלץ פון אָקטאָבער! דאָס כאזערן איבער קעסיידער פארשיידענע ייִדישע שרײַבער, וואָס זיי איז לאכלוטן פרעמד דאָס סאָוועטיש־ייִדישע שאפן”. פארשטייט זיך, אז ניט פערזענלעך כאיִם סלאָוועסן, דעם פרײַנט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָלט נאכמען מײַזיל געוואָרפן אזא שווערע באשולדיקונג. וויכטיק איז, וואָס דער, אין טאָך גענומען, ליבעראל־געשטימטער ייִדישער קריטיקער האָט אזוי שארף רעאגירט אף א מיינונג, וואָס ברענגט שאָדן דעם היסטאָרישן פּרעסטיזש פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

■

ווען מיר לייענען נאכמען מײַזילס בוך, שאפט זיך בא אונדז אן אײַנדרוק, אז שרײַבן וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור מיט אזויפיל לײַדנשאפט און מיט אזא פארזאָרגטקײַט אין באצוג צו קאָלערליי אָנגענעמע און ניט־אָנגענעמע פּראָטים האָט געקאָנט בלויז איינער פון די דירעקטע שעפער פון אָט דער ליטעראַטור. מיר זעען אָבער, אז אלע ארטיקלען אינעם בוך זײַנען אָנגעשריבן, ווי דער אווטאָר ווײַזט אָן, אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע, און מיר אליין וויסן גאנץ גוט, אז געווען איז נאכמען מײַזיל אין מעשעך פון פולע 30 יאָר אן אמעריקאנער ייִדישער שריפטשטעלער, און פריִער, אין די צוואנציקער און אין דער ערשטער העלפט דרײַסיקער יאָרן, איידער ער האָט איבערגעוואנדערט אף יענער זײַט אָקעאן, האָט זײַן נאָמען געשײַנט אפן אָלימפּ פון דער ווארשעווער ייִדיש־ליטעראַרישער „אימפּעריע”. די לעצטע פּאָר יאָר פון זײַן לעבן האָט ער געוווינט אין א קיבוץ פון ייִסראָעל, בא קרויווים, צווישן וועלכע ער האָט געהאָפּט געפינען די רו פון די לעצטע לעבנס־טריט...

מיר וויסן דאָס אלץ, און דאָך טרעט ניט אָפּ פון אונדז דער געפיל, אז אזוי שרײַבן וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָט געקאָנט בלויז איינער פון אירע שעפער. ס׳כידעשט אונדז לאכלוטן ניט, ווען מיר טרעפן זיך אָן, לייענענדיק מײַזילס ארטיקל „באם אָנהייב פון דער רוסלענדישער רעוואָליוציע”, מיט א בינטל זיכרוינעס, וועגן וועלכע מע וואָלט געקאָנט זאָגן, אז זיי זײַנען סענסאציאָנעלע, ווען אלץ, וואָס מיר לייענען אף די ווײַטערדיקע זײַטן פונעם בוך, וואָלט ניט באקומען א טיקן אין יענע זיכרוינעס.

יאָ, אין נאכמען מײַזילס לעבנס־ביאָגראפיע זײַנען בעפיירעש געווען דרײַ צענדליק אמעריקאנער יאָר, און ביז זיי איז געווען ווארשע, און נאָך זיי — א קיבוץ אין ייִסראָעל. אָבער אין סאמע אָנהייב, בא דעם קוואל, ארום די וואָרצלען — איז געווען אָט וואָס: „באם אויסברוך פון דער פעווראל־רעוואָליוציע, ווינטער 1917, בין איך געווען מיט מײַן פרוי און מיטן ערשטן קינד אפן אוראל, אין פּערם, ווו כ׳בין געווען באשעפטיקט

אין א גרויסער קריגס־פאבריק, אין וועלכער עס האָבן געארבעט עטלעכע טויזנט רוסישע ארבעטער... איך בין ארײַנגעצויגן געוואָרן אינעם געווירבל פון דעמאָנסטראַציעס, ארבעטער־פארזאמלונגען, ארבעטער־קאָמיטעטן. עטלעכע טויזנט ארבעטער און אָנגעשטעלטע פון דעם גרויסן „פערמאָליעס", האָבן מיר געשפאנט אונטער רויטע פענער און פרײַהײַט־רופנדיקע פלאקאטן א זעקס וויאָרסט פונעם זאוואָד קיין פערם אונטערן טאקט פון געזאנג און געשפּיל פון אָרקעסטערס..." (ז. 12).

לאָמיר, אויב אזוי, זאָגן און ספּעציעל אונטערשטרײַכן, אז דאָס שענסטע און ראַיעלסטע, וואָס עס האָט אין זײַן קאָמפּליצירט־שעפעריש לעבן אויסגעטראָגן און איבערגעלאָזט פאר די ווײַטערדיקע דוירעס נאכמען מײַזיל, שטאמט פון דער אוראלער ארבעטער־סוויווע אין דער שטורמישער ערעוו־רעוואָליוציע־צײַט; פון קיִעוו, זײַן „שטענדיקער היימשטאָט", וווּהין ער האָט זיך אומגעקערט, „נאָך צוויי יאָר ניט זײַן דאָרטן", אין אָנהייב פּרילינג 1917; פון פּעטראָגראד „אין די כאדאָשים אווגוסט־סענטיאבער", דה. געציילטע וואָכן פארן שטורעם פונעם ווינטער־פּאלאץ („עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אנטשיידענער גראנגל צווישן די רעשטלעך פון דער אלטער, אָפּגעשטאָרבענער אָרדענונג מיט די קויכעס פון דער רעוואָליוציאָנערער מאכט". ז. 12).

ווייסן מיר, אז צום שרײַבטיש איז דער יונגער נאכמען מײַזיל געקומען „פון הײַזער אָרעמע, פון שטיקנדע ווארשטאטן", ווי עס האָט וועגן דער דעמלטיקער האָרעפּאשנער וועלט געשריבן דער איצט שוין לעגענדארער אָשער שווארצמאן; און זיכער ניט צופעליק איז אזוי ענלעך אָף דער דאָזיקער כרעסטאָמאטיש־בארימטער שורע פונעם דיכטער די באשרײַבונג, וואָס עס גיט נאכמען מײַזיל: „מע איז ווי ארויסגעקראָכן פון פינצטערע לעכער, פון קעלערס און טפּיסעס, און געריבן די אויגן פון דער בלענדיקער זון... מע האָט ערשט גענומען אָנשטעלן די „קיילים", די אינסטרומענטן און די שטימען"... (ז. 12).

און עס ווערט אין מײַזילס זיכרוינעס מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט פארצייכנט, פארפיקסירט דער סאמע אָנהייב, די רעגע פון געבורט פון אונדזער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור: „אָף א באזונדערן אויפן האָט די איבערקערעניש (די אָקטיאבער־איבערקערעניש. — א. וו.) אופגעטרייסלט דאָס ייִדישע לעבן און ארויסגעבראַכט די רעוואָליוציאָנערע און ראדיקאלע קויכעס אָף דער ייִדישער גאס... אין דעם ניט־געדאכטן אופברויז האָבן זיך מיטאמאָל באוויזן ייִדישע שרײַבער און דיכטער מיט שטראלנדיקע הערצער, פול גוורע און ברען, פול אימפּעט און באגײַסטערונג: נײַע צײַטן — נײַע פייגל, נײַע פייגל — נײַע געזאנגען" (ז. 13).

די ערשטע סאָוועטישע ייִדישע גרופּע שרײַבער — די „קיִעווער גרופּע" — האָט זיך, לויט נ. מײַזילן, אָנגעהויבן פאָרמירן נאָך אין מײַ 1917, באם ארויסלאָזן צום יאָמטעוו די געמיינזאמע צײַטשריפט „דאָס פרײַע וואָרט" (מײַזיל שרײַבט, אז דאָס איז געווען „דער ערשטער ארויספאָר", „דער ערשטער אָנזאָג" פון דער גרופּע). אוניקאל אין אונדזער מעמוארן־ליטעראטור איז די באשרײַבונג, וויאזוי „דאָס פרײַע וואָרט" האָט דערזען די ליכטיקע שײַן: „מיר האָבן די צײַטונג צונויפגעשטעלט אפשנעל, אין געײַל... קיין עלעקטרישע קראפט איז דאן אין שטאָט ניט געווען, האָבן מיר מיט ארײַנגעשטעקטע שטעקנס אין די רעדער פון דער דרוק־מאשין געדרייט זי אליין א גאנצע נאכט און אָפּגעדרוקט דעם נומער"... (ז. 13). אין דעם נומער האָבן זיך באטייליקט: דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, אָשער שווארצמאן, לייב קוויטקאָ, דאָוויד האָפשטיין, מוישע ליטוואקאָוו, נאָכעם אויסלענדער, יעכעזקל דאָברושין, שימען דאָבין, נאכמען מײַזיל. „שפּעטער זײַנען צוגעקומען צו אונדז פּערעץ מארקיש און ביינוש שטיימאן", „און עס איז געוואָרן א כאָר, וואָס האָט ניט געזונגען, נאָר געשאלט, ניט נאָר געזונגען, נאָר באזונגען דאָס גרויסע אומגעריכטע גליק, וואָס איז געקומען נאָך אזויפיל גרויע יאָרן פון שווערער רעאקציע"... (ז. 14).

נאכמען מײַזילס זיכרוינעס זײַנען א וואָגיקער ענטפער די אנטיסאָוועטישע פּען־ליגנערס, וועלכע פּרווון איצט איבערמאכן אָף זייער מאניר, לויט זייערע סכעמעס, די אָנהייבן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. און טאקע דערפאר, וואָס אין טאָך דינען די זיכרוינעס דעם עכטן עמעס, איז א פארדראָס, ווען ס'טרעפן זיך דאָ און דאָרט אומפּינקטלעכקײַטן, פעלערן, וועלכע שטאמען, ווײַזט אויס, פון נאכמען מײַזילס אָפּגעריסנקײַט (אין 1946, ווען דאָס ארטיקל „באם אָנהייב פון דער רוסלענדישער רעוואָליוציע" איז געשריבן געוואָרן) פון די ערטער און פון די מענטשן, וועלכע ער האָט מיט אן איבערײַס פון פיל יאָרן ארויסגערופן אין זײַן זיקאָרן. רעדנדיק, לעמאָשל, וועגן דעם, אז קימאט אין דער זעלבער צײַט מיטן דערשײַנען פון די ערשטע נאָכרעוואָליוציע־ביכלעך פון אָ. שווארצמאן, ל. קוויטקאָ, פּ. מארקיש, ד. האָפשטיין „האָבן זיך באוויזן זינגער־באזינגער פון דער נײַער אופגעשטורעמטער צײַט אויך אין גאליציע, ווין, ווארשע, ווילנע", שטעלט ער אוועק אין איין ריי מיט מוישע קולבאקן אזעלכע אנדערע דיכטער, ווי מיילעך ראוויטש און ייִסראָעל שטערן און אזעלכע עפּיזאָדישע, אין געשיכטלעכן אספּעקט, פיגורן, ווי בער האָראָוויץ, דאָוויד קעניגסבערג, א. פרידקין. אויב אויסטיילן פון די אָנגערופענע דיכטער, אשטייגער, מיילעך ראוויטשן, איז דאָך אויסער יעדן סאָפעק, אז דער אווטאָר פון דער דראמע „בלוט אָף דער פּאָן" קאָן בעשום־אויפן ניט ארײַנגעשטעלט ווערן אין קאָנטעקסט פון די „רעוואָליוציע־טרובאדורן" — ניט אין איין ריי מיט די, וועלכע „זײַנען אליין געווען, ווי ד. האָפשטיין האָט אמאָל געזאָגט וועגן זיך, „שטיקער קופּער", אינסטרומענטן, אָף וועלכע די רעוואָליוציע האָט אויסגעזונגען און אויסגעשאלט אירע געזאנגען", און אפילע אויך ניט אין איין ריי מיט די, „וואָס האָבן אופגענומען די רעוואָליוציע פון ווײַטן און האָבן געגעבן אָפּהילכן און אָפּקלאנגען פון די גרויסע מערקווירדיקע געשעענישן" (ז. 15). מיילעך ראוויטש איז געווען דעמלט א קעגנער פון דער רעוואָליוציע, און ניט איר „זינגער־באזינגער". איך רעד דאָ ניט וועגן זײַן ווײַטערדיקן וועג, ביז צו הײַנטיקן טאָג. מיילעך ראוויטש איז א טעמע אן און פאר זיך. איך רעד וועגן מיילעך ראוויטשן אין די צײַטן, ווען נאכמען מײַזיל פּאָרט אים אלפּי־טאָעס צונויף מיט, אשטייגער, אָשער שווארצמאנען...

נ. מײַזיל דערלאָזט פּאַקטישע פּעלערן, ווען ער נעמט זיך אין דעם אַרטיקל „די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור“ (אין נאָיאַבער 1942) צו אײַנטיילן די ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין דורעס, — אין „דרײַ, עפּשער וועט ריכטיקער זײַן אין פיר דורעס“. די פראַגע וועגן שרײַבער־דורעס, פּונקט ווי די פראַגע וועגן ליטעראַטור־פּעריאָדן, נייטיקט זיך אין אַ שטרענגער וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע. און אַף וויפל די פּראָבלעם איז נאָך אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט געלייזט אין פּרינציפּ, איז ניט דאָ דאָס אָרט זי צו באַהאַנדלען. איך וויל בלויז אָפּמערקן, אַז נאָכמען מײַזילס צוגאַנג איז אַן אַמאַטאָרישער, אַ סוביעקטיווער, און דעריבער — פול מיט פּעלערן. גענוג צו זאָגן, אַז צו דעם „דריטן דאָר“ (נאָך דעם ערשטן: בערגעלסאָן, ניסטער, ליפמאַן־לעווין, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אין די יאָרן „פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 — 1906“; דעם צווייטן, וועלכער שליסט אײַן די „קיִעווער גרופּע“), — צו דעם דריטן דאָר פאַררעכנט נ. מײַזיל, איניינעם מיט א. קושניראָוון (וועלכער האָט אָנגעהויבן, אין טאָך, זײַן ליטעראַרישן וועג אין איין צײַט מיט דער „קיִעווער גרופּע“) — נאָטע לוריען און פּײַוול סיטאָן, שרײַבער פון איין שעפערישן דעביוט מיט מאָטל האַרצמאַנען, הערשל דיאַמאַנטן און אַנד., וועלכע ווערן אָפּגעטראָגן צום „פערטן דאָר“, צוזאַמען מיט „די יונגע און ייִנגערע“.

איך כאַזער איבער: ס׳פאַרדריסן די פּעלערן, וואָס נאָכמען מײַזיל דערלאָזט, ווען ער אָפּערירט מיט פּאַקטישן מאַטעריאַל. די פּעלערן זײַנען אָבער אַ רעזולטאַט פון דער טראַגישער צעריסנקײַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דער אָפּגעפרעמדטקײַט און פּראָווינציִעלער „צעקריגטקײַט“ (בא גאַגאָלן — דער באַרויגעז פון איוואַן איוואַנאָוויטשן און איוואַן ניקיפּאָראָוויטשן...) צווישן באַזונדערע שעפער, גרופּן, קרײַזלעך, „לענדער“. באַדײַטונגספול איז אָבער דאָס, וואָס דרינגט אַרויס פון די אַלגעמיינע מאָסן, מיט וועלכע נאָכמען מײַזיל גייט צו סײַ צו די טעאָרעטישע פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, סײַ צו איר געשיכטלעכן גאַנג. אין דער פראַגע וועגן אירע אָנהייבן, לעמאָשל, טראָגט נ. מײַזיל, ווי געזאָגט, אַרײַן קלאָרקײַט, און איך וואָלט זיך ניט געכיידעשט, ווען אַ סאָוועטישער שרײַבער פונעם „ערשטן“ אָדער „צווייטן“ דאָר וואָלט אָנגעשריבן די שורעס, מיט וועלכע נ. מײַזיל פאַרענדיקט זײַנע זיכרוינעס וועגן די ערשטע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער: „עס איז געווען אַ מערקווירדיקע וווּנדערלעכע צײַט, אַן אויסטערלישע, אַ נישט־געדאַכטע, און אַזאַ איז אויך געווען די דיכטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענעם קורצן, ערלעכן און דערהויבענעם פּעריאָד, באַם אָנהייב פון דער רוסלענדישער רעוואָליוציע“... (ז. 17).

■

רעדנדיק שוין וועגן דעם מעמואַרן־עלעמענט אין נ. מײַזילס עסייען, וועלכן דער אַווטאָר טיילט אַלפּיקלאַל צו ניט בלויז אינפאָרמאַטיווע פונקציעס, נאָר אויך ליטעראַריש־אידייִשע, — ווילט זיך מיר ניט פאַרבײַגיין אויך די סוביעקטיווע נאָטיצן אין דעם בוך, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דאָוויד בערגעלסאָנען.

די לעבנס־ביִאָגראַפיעס פון מײַזילן און בערגעלסאָנען זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז מײַזיל האָט געהאַט דאָס רעכט צו רעדן אין דעם עסיי „דאָוויד בערגעלסאָן און דער ניסטער“ וועגן „פיל יאָרן לעבן און מיטלעבן מיט בערגעלסאָנען און צוזען די עמעסע באַציִונגען (מיצאַד אים) צו זײַנע מישפּאָכע־מיטגלידער, צו זײַן פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברידער“. דאָס אַלץ איז מײַזילן געווען, ווי ער שרײַבט, „גוט באַקאַנט“. ס׳איז אָבער לאַכלוטן ניט פאַרשטענדלעך, פונוואַנען נ. מײַזיל האָט גענומען זיך דאָס רעכט צו באַהויפּטן, אַז אין דעם ראָמאַן „באַם דניעפּער“ איז דער הויפּטהעלד פענעק אָראָפּגעשריבן פון דעם אַווטאָר אַליין און די איבעריקע פּערסאָנאַזשן — פון דעם אַווטאָרס שטוב־אייגענע. די דאָזיקע מיספאַרשטייעניש האָט, זעט אויס, טאַקע געבראַכט צו דעם, וואָס נאָכמען מײַזיל האָט ניט פאַרשטאַנען דעם סאָציִאַלן און נאַציִאָנאַלן טאָך פון „באַם דניעפּער“, ער איז געווען, היימיש־גערעדט, „אין קאַס“ אַף דעם ראָמאַן.

פאַרוואָס — אין קאַס? ווײַל עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז „בערגעלסאָן שילדערט מיט בייזקײַט און ווידערגעפיל זײַנע עלטערן און זײַנע שוועסטער — ברידער“, ער מאָלט זיי „ביטער, בײַסיק און פאַלש“, און אויב אַזוי, איז דאָך קלאָר, אַז „די שילדערונגען זײַנען ניט געווען באַרעכטיקט און ניט אופריכטיק“ (ז. 183). אַזאַ קוק, פונעם מישפּאָכע־ווינקל, אַף דעם פילפּלאַניקן און פּראָבלעמענפולן עפּאָפּיי־ווערק פונעם גרויסן קינסטלער וואָלט פאַרבליבן עפּשער ווי אַ ליטעראַרישער קוריאָז, וועלכער שטאַמט פון דעם, וואָס דער קריטיקער ווייסט געגנוי ניט נאָר דאָס ווערק, נאָר אויך די אינטימע זײַטן פונעם אַווטאָרס פּריוואַטן לעבן, — אָבער נאָכמען מײַזיל האָט זיך דאָ געלאָזט כאַפּן אַף דער באַוווּסטער ווענטקע פון דער אַנטיסאָוועטישער אויסטראַכטעניש, און דער „ליטעראַרישער קוריאָז“ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אידייִשן בילבל. קאָנסטאַטירנדיק, אַז אין „באַם דניעפּער“ האָט דאָוויד בערגעלסאָן זיך באַמיט „צו מאָלן אין אַ נײַעם ליכט און לויט דער נײַער אידעאָלאָגישער אײַנשטעלונג“ די „אַלטע באַקאַנטע“ פאַרשוינען פון „נאָך אַלעמען“, לאָזט ווײַטער צו וויסן נ. מײַזיל, אַז „דאָס איז געווען אַ רעוויזיע, אַן איבערשאַצונג פון ווערטן“ און אַפילע פון זײַנע, „בערגעלסאָנס, אייגענע מישפּאָכע־געפילן“ (מײַן קורסיוו. — א. וו.), און אַז אַזאַ רעוויזיע האָט ד. בערגעלסאָן „נישט גאָר גערנוויליק אַף זיך אַרופגעצויגן און אַרופגעצוווּנגען“.

און האַגאַם נ. מײַזיל מוז נאָכגעבן דער אַלגעמיינער מייִנונג און אָפּמערקן, אַז „אינעם ווערק זײַנען דאָ פרעכטיקע קאַפּיטלען, אינטערעסאַנטע שילדערונגען און אָריגינעל־אַרויסגעבראַכטע עפּיזאָדן און סצענעס פון קינסטלערישן און געזעלשאַפטלעכן באַטײַט“, — קומט ער דאָך בא דער אונטערשטער שורע צו אַזאַ אומגעלומפּערט־קאַפּוירעדיקן אויספיר: „דאָוויד בערגעלסאָן פאַרלירט אָפּט זײַן אייגענע וואָג און מאָס באַם מאָלן זײַנע נאָענטע, ער לייגט אַרײַן אינעם מויל פון דעם יונגיטשקן און דערנאָך יונגן פענעק (זײַן אייגענעם פּראָטאָטיפּ) ווערטער און אויסדרוקן, געדאַנקען און געפילן, מער דיקטירטע פון אויסערלעכע אידייען און בליקן, איידער פון טיף־אייגענער באַציִונג. פענעק, דער יונגער אומרײַנער פענעק, גייט אַרום מיט אַן אַלטן קאָפּ, טראָגט אַרויס אורטיילן און רעאַגירט אַף זאַכן, ווי אַן אַלטער באַלשעוויק, וואָס איז פרעמד און

נישט נאַטירלעך פאַר דעם אַמאָליקן ייִדישן ייִנגל דאָוויד־פּענעק" (ז. 182).

נאָכמען מײַזיל זעט אײַן אין „באָם דניעפּער" א מין „מישפּאָכע־כראָניק" פון ריין־ביִאָגראַפּישן סאָרט, און ניט א רעאַליסטישן ראָמאַן וועגן דער עפּאָכע. דאָס האָט אים, צום באַדויערן, אין אָט דער פראַגע פאַר־פירט גאַנץ ווײַט, אַזש צו יענע, וועלכע האָבן געטײַ־נעט און טײַנען אויך הײַנט וועגן „ארופגעצווונגענע אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונגען" אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־וועלט.

נאָר אויב שוין יאָ ריידן וועגן אידעאָלאָגישע אײַנ־שטעלונגען, וועל איך בעסער, פאַרבײַגייענדיק דעם אויבנדערמאָנטן פאַרדריסלעכן עפּיזאָד, זיך פאַרופן אָף דעם, וויאַזוי נאָכמען מײַזיל אַנאַליזירט און פּראָפּאַ־גאַנדירט אַנדערע בערגעלסאָנס סאָוועטישע ווערק, לעמאָשל די פאַרצייכענונג „כאַווערטע בראָניע" פונעם בוך „לעבעדיקע מענטשן" (מינסק, 1937). מײַזיל שרײַבט מיט ליוב, אַז אין „כאַווערטע בראָניע" מאָלט דער קינסטלער „א נײַעם טיפּ מיידל..., וואָס איז אַזוי נישט ענלעך אָף די פריִערדיקע גוט־באַקאַנטע טיפּן מיידלעך פון דעם פאַררעוואָליוציאָנערן פּעריִאָד". עס אימפּאָנירט מײַזילן אויך „דער יונגער באָכער, אָן אַרבעטער אין א פאַבריק, א שלאָגלער". דער קריטי־קער איז, פּונקט ווי דער אַווטאָר, פאַרגאַפט, וואָס ביידע פּערסאָנאַזשן „זײַנען אָנגעלאָדן און איבערגע־לאָדן מיט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט" (ז. 31).

און ער ברענגט, נאָכמען מײַזיל, א לאַנגע שטעל פון בערגעלסאָנס פאַרצייכענונג „כאַווערטע בראָניע", וואָס עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ווען ס'האָט זי דורכגעלייענט אַן אַמעריקאַנער ייִדישער לייענער, האָט זי אים געבראַכט מערער פאַרשטאַנד פאַרן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איידער צענדליקער צײַטונגס־אַרטיקלען אָדער רעדעס. בערגעלסאָן זאָגט אין זײַן אייגענעם נאָמען:

„פאַר דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, בין איך געווען אין אַמעריקע, — צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַלץ איז פאַר מיר דאָרט געווען ביז גאָר נײַ. דאָ (אין סאָוועטנפאַרבאַנד. — א. וו.) בין איך ניט גע־ווען סאַכאַקל א יאָר דרײַ, און כאָטש איך קען זיך פאַר א היגן, מוז איך פונדעסטוועגן מודיע זײַן: אַלץ, וואָס איך זע דאָ איצט, איז פאַר מיר פיל, פיל נײַער, ווי אין אַמעריקע. מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע, מיט דער בויונג, מיטן פאַרניכטן דעם „נעפּ" איז דאָס לאַנד באַנײַס צעשעניטן געוואָרן, ווי מע שנײַדט צו א נײַעם שטאָף. אַלץ געפינט זיך איצט ווי א נײַ בעגעד אין דער אַרבעט — איייניקע טיילן זײַנען שוין פעסט אײַנ־געאַרבעט, אַנדערע — לײַכט צוגעסטריגעוועט. דאָס גאַנצע לאַנד — א ברענענדיקס, ווי אין עפּעס א וויכ־טיקן ערעוו־יאָמטעוו. פאַראַן ווינקלען, פונוואַנען עס קוקט שוין אַרויס דער יאָמטעוו אַליין. אַלע זײַנען פאַרפּאַרעט, פאַרזשובעט. מע דערקענט ניט דעם מענטשן, דורכויס — נײַע פּאַרמען. אַלע זײַנען יונג, אַפילע עלטערע מענטשן, אויב נאָר זיי באַטייליקן זיך אופריכטיק אין דער אַרבעט, זעען אויס, ווי אַכצנ־יאָריקע. רעכן אַרונטער א געוויסע צאָל פון אַלטע „געוועזענע", אויסשטאַרבנדיקע, קומט אויס: א וווּנ־דער־לאַנד פון גאָלע יוגנט"...

ברענגענדיק די דאָזיקע שטעל פון בערגעלסאָנס פאַרצייכענונג, לויבט מײַזיל „די באַגײַסטערונג און פאַרגאַפונג פאַר דעם נײַעם לעבן און פאַר די נײַע מענטשן אין דער נײַ־סאָוועטישער סוויווע" (ז. 32).

דאָס איז פולקום ריכטיק. וועגן נאָכמען מײַזילן אַליין קאָן מען מיט די זעלבע ווערטער זאָגן, אַז ער האָט דעמלט אויסגעלעבט די דערלאָזטע טאָעסן און איז דעמלט דערגאַנגען צום סאַמע טאָך פון דער סאָ־וועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ווען ער האָט גע־שריבן וועגן איר מיט באַגײַסטערונג און פאַרגאַפונג פאַר דעם סאָוועטישן לעבן.

וולאַדימיר אַגניעוו

די סאָוועטישע פּאָעזיע הײַנט

דאָס לאַנד גרייט זיך צו פּײַערן דעם 50־טן יאָרטאָג, זינט עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן — די פילנאַציאָנאַלע סאָוועטן־מעלוכע. דעריבער וועלן מיר הײַנטיקס מאָל אָפּשטעלן זיך אַף דער פראַגע וועגן דער איינהייט פון די טעמעס און וועגן דער רײַכקייט פון די מאָטיוון פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער פּאָעזיע.

די סאָוועטישע פּאָעזיע שליסט אײַן אין זיך די רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע, יידישע, גרוזינישע, אַרמענישע אאַוו. דיכטונג, צווישן אַנדערע — די פּאָעטישע שאַפונג פון די באַרג־פעלקער פון קאַווקאַז. די צאָל סאָוועטישע פעלקער איז אומגעהייער גרויס. צווישן די לידער פון די קאַווקאַזער באַרג־פעלקער, אַשטייגער, געפינען מיר ווערק פון די אָסעטינער, קאַבאַרדין, באַלקאַרן, אַוואַרן, לאַקן און נאָך נאָך. בלויז אין דאַגעסטאַן וווינען 32 פעלקערשאַפטן, און יעדע פון זיי האָט אַ ליטעראַטור אַף איר שפּראַך, פאַרמאָגט אייגענע דיכטער און פּראָזאַיִקער. עס איז איבעריק צו דערקלערן, ווי קאָמפּליצירט עס איז די אויפגאַבע צו געבן אַ דעפיניציע וועגן דער איינהייט פון אַזאַ ריזיקער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די פאָרמען פון דער סאָוועטישער דיכטונג. אָבער אַלע ליטעראַטורן פון אונדזער לאַנד זײַנען נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געוואַקסן און האָבן זיך אַנטוויקלט צוזאַמען, לויט געמיינזאַמע אידייִשע פרינציפּן. אָט דערפאַר האָבן מיר דאָס רעכט אָנצורופן דעם גאַנצן סכום פּאָעזיע פון אַלע סאָוועטישע פעלקער מיט איין נאָמען — סאָוועטישע פּאָעזיע.

די פירנדיקע ראָליע אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע געהערט דער רוסישער דיכטונג, וועלכע איז רײַך מיט אירע אַלטע טראַדיציעס פון הומאַניזם און פאָלקסטימלעכקייט. אירע גרונטלייגער זײַנען, ווי באַוווּסט, געווען אַ. בלאָק, וו. מאַיאַקאָווסקי, ס. יעסענין, ע. באַגריצקי אאַ. די פּאָעזיע פון אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקין — איינעם פון די גרעסטע קינסטלער פון די לעצטע יאָרצענדליקער — איז געווען אַ מין עטאַלאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט די גײַסטיקע נאָכפראַגן פונעם פאָלק. אַ סאַך דיכטער פון די רעפּובליקן האַלטן, אַז טוואַרדאָווסקי איז געווען באַזונדערס פּרוכטבאַר אינעם עפּאָס.

הײַנט צו טאָג קאָנען מיר אָנרופן נאָך נעמען, וועלכע רעפּרעזענטירן די רוסישע פּאָעטישע קולטור פון אונדזער צײַט, שפּילן אַן ערשטראַנגיקע ראָליע אינעם פאַרמערן די נײַע טראַדיציעס פון דער רוסישער דיכטונג און אינעם פאַרשפּרייטן זייער אײַנפלוס אַף דער שאַפונג פון די יונגע דיכטער. דאָס זײַנען קוידעמקאָל מ. איסאַקאָווסקי, יאַ. סמעליאַקאָוו, ל. מאַרטינאָוו, פון די ייִנגערע דורות — ב. סלוצקי, יע. ווינאָקוראָוו, ד. סאַמאָילאָוו, אַ. וואָזנעסענסקי. איך האָב בעקיוון אָנגערופן ווייניק נעמען, אָבער זיי זײַנען די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין אונדזער פּאָעזיע. דער לעבעדיקער פּראָצעס פון דער דיכטונג איז קאָמפּליצירט און פאַרשיידנאַרטיק. אייניקע טענדענצן און טראַדיציעס ווערן פאַרגעסן, אַנדערע טרעטן אָפּ זייער ערשט אָרט און ווערן צווייטראַנגיקע, טײַלווײַז צײַטווײַליק, טײַלווײַז אַף לאַנג. ערשט נעכטן נאָך האָבן זיך צעשפּילט פּאָלעמיקע דיסקוסיעס וועגן פּאָעזיע, פיל דיכטער און קריטיקער האָבן געטײַנעט, אַז דער „שטורמישער" און „טומלדיקער" פּעריאָד אין דער דיכטונג האָט זיך געענדיקט, עס הייבט זיך אָן אַן עטאַפּ פון פאַרטיפטער פאָרשונג וועגן דעם אָרט פון דעם מענטשן אין דער וועלט. ווי יעדע עקסטרעמקייט איז אַזאַ שטאַנדפּונקט ווײַט פון צו זײַן ריכטיק אין אַלע הינזיכטן. קיינער לייקנט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז אַ סאַך לעבנס־פּראָצעסן גייען איצט דורך ניט אַזוי, ווי אין די 50־ער יאָרן, אָבער די גרונט־אָריענטירן פון דער דיכטונג האָבן זיך ניט געענדערט. ווי שטענדיק זײַנען פאַר דער פּאָעזיע אָפן ברייטע האָריזאָנטן: פאַר דער אַקטיווער פּובליציסטיק פון אַ. סורקאָוו און יע. יעווטושענקאָ, מ. טורסון־זאַדע און ר. ראָזשדעסטווענסקי, פאַר דער פילאָסאָפישער ליריק פון ל. מאַרטינאָוו און אַ. וואָזנעסענסקי, ע. מעזשעלײַטיס און וו. שעפּנער, פאַר די פּאָעטישע פאָרשונגען וועגן דער פאַרבינדונג פונעם מענטשן מיטן לעבנסשטייגער, מיט דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע (ד. סאַמאָילאָוו, יע. ווינאָקוראָוו, אַ. קושנער, ב. סלוצקי), וועגן דער היסטאָרישער אויסבילדונג פונעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער (יו. מאַרצינקיאַוויטשיוס, יאַ. סמעליאַקאָוו, אי. דראַטש, פּ. סעוואַק), וועגן דעם אָרט פונעם מענטשן אין דער נאַטור (טײַלווײַז אַ. פּראָקאָפיעוו).

אינמיטן די 50־ער יאָרן איז וו. לוגאָווסקאָי ארויסגעטראָטן מיט א פּאָעטישער עפּאָפּיי „דער מיט פונעם יאָרהונדערט". מילכאָמע און שאָלעם, מענטש און געזעלשאפט, מאכט, מעלוכע, דאָס אָרט פון דער פּערזענלעכקייַט אינעם ריזיקן קאמף פונעם יאָרהונדערט פאר דער קינפטיקער אָרדענונג פון יוישער און אַלמענטשלעכן עמעס אף דער ערד, — דאָס איז דער הויפּט־קרייַז פון די טעמעס און מאָטיוון פון דער עפּאָפּיי. אָנגעשריבן איז זי מיט ווייַסע פערזן, וואָס איז זינט א. בלאָקס פּרווון („פּרייַע געדאנקען") געווען קימאט פרעמד פאר דער גרויסער פאָרם אין דער רוסישער פּאָעזיע פון דער נייַער צייַט. אינגאנצן גענומען אָבער האָט זיך דעם דיכטער די עפּאָפּיי אייַנגעגעבן, אים איז געלונגען אויסצודריקן די פּאָעטישע קאָנצעפּציע וועגן דעם געבורט פון א נייַער פערזענלעכקייַט, וואָס איז „באהויכט מיטן גייַסט פונעם אָקטיאבער".

אין דער ליריק פון יא. סמעליאקאָוו, א. טוואַרדאָווסקי, ע. מעזשעלייַטיס, א. וואָזנעסענסקי, יו. מארציניקאוויטשיוס, ר. גאמזאטאָוו און ק. קולִיעוו לעבט דער געדאנק, אז די וועלט איז ניט צעטיילבאר, די וועלט־קולטור שטעלט מיט זיך פאָר איין גאנצעס, און דאָס גיט אונדז, די יאָרשים פון דער וועלט־קולטור, די מענטשן, וועלכע זייַנען „באהויכט מיטן גייַסט פונעם אָקטיאבער", די מעגלעכקייַט צו פילן זיך אלס באלעבאטים, און ניט אלס געסט אף דער זינדיקער ערד. גרויסע דיכטער פארמאָגן א פיל העכער געפיל פאר דער גאנצקייַט פון דער וועלט, וועלכע זיי נעמען אוף אלס היימלאנד פון די האָרעפּאשניקעס; טראגעדיעס, צעשפּאלטונג, רייַסערייַ צווישן ראסעס און פעלקער — אף אזעלכע דערשייַנונגען רעאגירן זיי ווי אף א דיסהארמאָניע אין דער וועלט.

די סאָוועטישע דיכטונג איז אין אירע בעסטע ווערק שטענדיק געווען שטארק מיטן שטעלן די אלמענטשלעכע פראגן אין גרויסן מאסשטאב. מאיאקאָווסקי און יעסענין האָבן — בא זייער גאנצער פארשיידנקייַט — געזוכט א לייזונג פון די פּראָבלעמען פאר דער גאנצער וועלט, און ניט בלויז פאר דעם אייגענעם, שמאָל פארשטאנענעם אָרטיקן פּאטריִאָטיזם. דער סאָוועטישער פּאטריִאָטיזם האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן רוסישן פּאטריִאָטיזם גראָד דערפאר, ווייַל רוסלאנד איז געוואָרן דאָס היימלאנד פון דער רעוואָליוציע און איז געשטאנען בעראָש פונעם וועלט־פּראָצעס. אף דעם זעלבן אויפן לייזט די סאָוועטישע פּאָעזיע אויך הייַנט די טעמע פון פּאטריִאָטיזם.

יעסענין האָט בעשייַטע געהאט געשריבן:

И каждый в племени своем,
Своим мотивом и наречьем,
Мы всяк по-своему поем,
Поддавшись чувствам человечьим...[1]

די „מענטשלעכע געפילן" זייַנען שוין אינעם באגינען פונעם נייַעם לעבן געווען פארבונדן מיטן געשטאלט פון וו. אי. לענין. די פּאָעטישע לעניניִאנע איז אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע געווען ניט פּאַשעט א טעמע: אין די לידער וועגן לענינען, אָנגעהויבן פון פּאָלעטאיעווס און פּאאָלאָ יאשווילִיס ווערק, פון מאיאקאָווסקיס פּאָעמע „וולאדימיר איליטש לענין", ווערא אינבערס און יעגישע טשארענצס לידער, ביז וואסילי קאזינס „גרויסן אָנהייב" און א. וואָזנעסענסקיס פּאָעמע „לאָנזשימאָ", — אין די אלע לידער האָט געלעבט דער גלויבן פונעם פאָלק אין דעם עמעס און יוישער פון איליטשס זאך, אין לענינס הומאנישן געדאנק, אין זייַן אינטערנאציאָנאלער באדייַטונג.

דעריבער האָט דאָס אומקערן זיך צו די לענינישע קוואלן פאר א סאך קינסטלער באטייַט אומקערן זיך צו דער לענין־טעמע. אין לוגאָווסקאָיס פּאָעמע „דער מיט פונעם יאָרהונדערט" איז די דאָזיקע טעמע פאָרמולירט אזוי:

За Лениным. За нашим человеком,
Не бронзовым, не мраморным,
не книжным,
Живым, пока в груди у нас дыханье.
Но помнишь — он с тобой в Кремле
простился,
О город мой, звезда моя и слава,
В осенний, золотисто-рыжий день?
Он умер?
Нет, не умер!
Он вернулся!
Где видишь ты его?
Он рядом с нами[1].

צו דער לענין־געשטאלט האָט זיך ניט איין מאָל אומגעקערט א. טוואַרדאָווסקי אין זייַן פּאָעמע „ווייַט נאָך ווייַט". ניט לאנג צוריק האָט יע. יעווטושענקאָ פארעפנטלעכט די פּאָעמע „דער קאזאנער אוניווערסיטעט". ווי אלע ווערק יעווטושענקאָס, האָט די פּאָעמע ארויסגערופן פארשיידענע מיינונגען אין דער קריטיק. איך פערזענלעך האלט, אז זי פארמאָגט פּרעכטיקע שטעלן, איז פול מיט דער שטרעבונג צו פארשארפן פּאָלעמיש אייניקע הייַנטצייַטיקע לעבנס־פּראָבלעמען, אָבער דאָס ווערק אינגאנצן גענומען גיט זיך אים ניט אייַן אין אזא מאָס, ווי עס גיבן זיך אים אייַן די פראגמענטן, — די שטרענגקייַט פונעם געדאנק איז דאָ ניט שטענדיק אויסגעהאלטן.

דאָס ווענדן זיך צו די קוועלן פון דער רעוואָליוציע, די זיכרוינעס פון די דיכטער פונעם עלטערן דאָר וועגן זייערע יוגנט־יאָרן (פּ. אנטאָקאָלסקי, יא. סמעליאקאָוו, ק. קאלאדזע, יא. אוכסייַ, א. מאלדאָניס) איז אין אונ־

---

[1] און יעדער איינער אין זייַן שייוועט,
אף זייַן מאָטיוו, אין זייַן לאָשן,
מיר זינגען יעדערער אף זייַן אויפן,
באהערשט פון די מענטשלעכע געפילן...

---

[1] נאָך לענינען, נאָך אונדזער מענטשן,
ניט פון בראָנזע, ניט פון מירמל, ניט קיין
ביכל־מענטש,
נאָך דעם לעבעדיקן, קאָלזמאן אונדזער ברוסט
אָטעמט.
געדענקסט — ער האָט מיט דיר אין קרעמל זיך
געזעגנט,
אָ מייַן שטאָט, מייַן שטערן און מייַן רום,
אין א הארבסט־טאָג, א גאָלד־געלן?
ער איז געשטאָרבן?
ניין, ניט געשטאָרבן!
ער האָט זיך אומגעקערט!
ווו זעסטו אים?
ער גייט מיט אונדז.

דזער צייַט איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון דער רייַפ־
קייַט פון דער געזעלשאַפט. א צווייטע אַנטפּלעקונג איז
די אַנאַליטישקייַט פון דער דיכטונג. די ליריק ווענדט
זיך צו דעם מענטשנס נעשאָמע. זי וויל לעבן מיט די
רעאַלע זאָרגן פון דער פּערזענלעכקייַט. און דער
לייענער האָט דאָס דערפילט און האָט זיך א צי געטאָן
צו דער ליריק.

וועגן דעם רעדט אָנשוילעך די פּאָפּולערקייַט פון
ל. מאַרטינאָוו, נ. זאַבאָלאָצקי (ער איז געשטאָרבן אין
1958). אין גרויסע טיראַזשן דרוקט זיך יע. ווינאָקו־
ראָוו, דער דיכטער פונעם מיטעלן דאָר. ל. מאַרטינאָוו
שרייַבט שוין לאַנג, נאָך פון די 20־ער יאָרן אָן. זייַנע
אויסגעצייכנטע „סיבירער" פּאָעמעס, זייַן מייַסטערדיקע
ליריק פון די פּאַרמילכאָמע־יאָרן איז, פאַרשטייט זיך,
באַקאַנט דעם געניטן ליבהאָבער פון לידער. אָבער
שטאַרק פּאָפּולער איז ל. מאַרטינאָוו געוואָרן פונעם
קלייניקן ביכל מיטן נאָמען „לידער", וואָס איז דער־
שינען אין 1953. מיט וואָס איז דאָס צו דערקלערן?
דערמיט, וואָס דער דיכטער, וואָס גלייבט אין דעם
ראָמאַנטישן, הויכן באַרוף פונעם מענטשן, האָט
מיט זייַנע לידער גוט אויסגענומען אין דער עפּאָ־
כע פון גרויסע האָפענונגען, דינאַמישע זוכונגען, אין
דער עפּאָכע, ווען עס זייַנען געוואָרן באַפרייַט די
גייַסטיקע קויכעס פונעם פאָלק.

Что-то новое в мире.
Человечеству хочется песен...
Слышу гул отдалённый,
Будто где-то в дали туманной
За дрожащей мембраной
Выпрямляется раб обнаженный;
Исцеляется прокаженный;
Воскресает невинно казненный.
Что случилось, не может представить:
— Это я! — говорит. — Это я ведь![1]

מאַרטינאָווס פּאָעזיע איז פול מיט עלעקטרישע
שטראָמען פון הויכער שפּאַנונג, מיט וועלכע עס איז
דורכגעזאַפּט דאָס הייַנטיקע לעבן. אַלץ האָט א שייַכעס
צו אַלעמען. מענטשן פון גוטן ווילן, זייַט וואַכזאַם!
דער מענטש איז הייַנט, ווי קיינמאָל פריִער, פאַראַנט־
וואָרטלעך פאַר זייַנע האַנדלונגען, פאַר זייַן אויפי־
רונג! — אָט דאָס זייַנען די טעמעס פון מאַרטינאָווס א
סאַך ווערק.

נ. זאַבאָלאָצקיס ירושע איז רייַך מיט פּרעכטיקע
לידער, וועלכע זייַנען פול מיט ליבע און פאַרשטאַנד
פאַר דער נאַטור. ער האָט אין זייַנע לידער געטראַכט
וועגן דעם ווערט פונעם מענטשן, וועגן דעם זין פון
שיינקייַט. די פאַרבינדונג פונעם עטישן און עסטע־
טישן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קלאַסישער
רוסישער פּאָעזיע, באַקומט אין זאַבאָלאָצקיס לידער א
שטאַרקע און נייַע פאַרזעצונג. אין דער ליד „ניט
קיין שיין מיידל" שרייַבט ער:

И пусть черты ее нехороши,
И нечем ей прельстить воображенье —
Младенческая грация души
Уже сквозит в любом ее движеньи.
А если это так, то что есть красота?
И почему ее обожествляют люди?
Сосуд она, в котором пустота,
Или огонь, мерцающий в сосуде?[1]

אָט די איבערצייַגונג, אַז שיינקייַט איז א „פייַער,
וואָס שימערירט אין א קיילע", — דערין באַשטייט די
צוציִונגס־קראַפט פון דער גייַסטרייַכקייַט.

אין די שטרייַטן וועגן דער גייַסטרייַכקייַט פון דער
רוסישער פּאָעזיע, וועלכע מיר פירן מיט אונדזערע
אָפּאָנענטן, קומט אויס צו דערמאָנען, אַז דאָס איז ניט
עפּעס א קוואַליטעט, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פונעם
אַרום, פון דער געשיכטע, פון די אומשטענדן פון
דער צייַט און אָרט.

עפּשער איז אין דעם פּראָט באַזונדערס אינטערע־
סאַנט יע. ווינאָקוראָווס דיכטונג. שרייַבן האָט יע. ווי־
נאָקוראָוו אָנגעהויבן אָפן פּראָזע. ער האָט אַרויסגע־
לאָזט א היפּש ביסל ביכער און מיט יעדן בוך זייַנעם
האָט ער מיט עפּעס געהאָלפן דעם לייענער צו פאַר־
שטיין דאָס לעבן. ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער
צייַט, צוזאַמען מיט דער פאָלקס־דערפאַרונג. דער
הויפּט־אינטערעס פונעם דיכטער איז די פּערזענלעכ־
קייַט פונעם הייַנטיקן מענטשן, די כאַראַקטערן מיט
אַלע זייערע אָרדינאַרע אויסערגעוויינלעכע שטריכן.
„איך האָב שוין פון לאַנג ליב געוווינטע ווערטער...".
מיט „געוווינטע" מיינט ער אונדזער רעאַלע אַרומ־
רינגלונג. די וועלט איז א געוויינלעכע; זי איז אָבער
פול מיט הויכן גייַסט. דאָס איז דער גייַסט פונעם סאָ־
וועטישן מענטשן פונעם מיט פון צוואַנציקסטן יאָר־
הונדערט, דער גייַסט, וועלכער נעמט אין אַכט די
קאָמפּליצירטקייַט און די דיאַלעקטיק פון דער וועלט
און פונעם מענטשן. דאָס לעצטע בוך פון ווינאָקוראָווס
הייסט „דער זשעסט". דער באַגריף „זשעסט" דריקט
אויס דעם באַגריף האַנדלונג, אָבער האַנדלונג ניט אין
דער פאָרם פון מייַסים, נאָר אין דער פאָרם פון גע־
דאַנק, פּאָזיציע, שעפערישן פאַרטראַכט. א מענטש אָן
א זשעסט איז א פּערזענלעכקייַט ניט קיין געזעל־
שאַפטלעכע, ער איז א פּאַסיווער איידעס פון דער
צייַט. און ווינאָקוראָווס פּאָעזיע טרעט אַרויס קעגן אַזאַ
אויפירונג.

מיר זעען אַזוי אַרום, אַז די גרונט־ליניע פון דער
סאָוועטישער פּאָעטישער שאַפונג איז גאַנץ פאַרשיידנ־
אַרטיק. אַלס באַלערנדיקער בייַשפּיל קאָן אויך דינען
די פּאָעזיע פונעם ליטווישן דיכטער יוסטינאַס מאַר־

[1] עפּעס נייַס פילט זיך אין דער וועלט,
די מענטשהייַט גאַרט נאָך לידער...
איך הער א ווייַט געהויל,
ווי ערגעץ אין נעפּלהאַפטער ווייַט,
הינטער דער ציטעריקער מעמבראַנע,
גלייַכט אויס דעם רוקן א נאַקעטער שקלאַף;
היילט זיך אויס א קרעציקער;
ווערט צוריק לעבעדיק אן אומשולדיק דערשאָסענער.
וואָס איז געשען, קאָן ער זיך ניט פאָרשטעלן:
— דאָס בין איך! — זאָגט ער. — דאָס בין איך דאָך!

[1] און זאָל זייַן, אַז אירע שטריכן זייַנען ניט קיין שיינע,
די האָט ניט, מיט וואָס צו פאַרינטערעסירן אין זיך, —
אָבער די קינדערשע גראַציע פון דער נעשאָמע
פילט זיך שוין אין יעדער באַוועגונג אירער.
און אויב דאָס איז אַזוי, וואָס זשע איז אַזוינס שיינקייַט?
און פאַרוואָס פאַרגעטערן זי די מענטשן?
א קיילע איז זי, ווו עס פילט זיך די פּוסטקייַט,
צי א פייַער, וואָס שימערירט אין א קיילע?

צינקיאוויטשיוס. זײַנע פּאָעמעס פון די לעצטע יאָרן — „בלוט און אש", „די וואנט", „מינדאוגאס" — זײַנען ביז גאָר אָנגעזעענע דערשײַנונגען פון גרויסער פּאָרם אין דער סאָוועטישער דיכטונג. אלס טעמע נעמט מארצינקיאוויטשיוס די סאמע דראמאטישע פּעריִאָדן אין דער געשיכטע פונעם ליטווישן פאָלק און אף זייער פאָן באווײַזט ער די אופירונג פונעם מענטשן. די הויפּט־אופמערקזאמקײַט ווענדט דער דיכטער אף קלאָר מאכן די וועגן פון דער נאציע, די פאָרמירונג פון נײַע אייגנשאפטן אינעם נאציִאָנאלן כאראקטער. דערמיט גופע גיט מארצינקיאוויטשיוס א גוטן בײַשפּיל יענע דיכטער, וועלכע מיינען, אז נאציִאָנאלער כאראקטער איז אן אייביקע קאטעגאָריע, מע דארף נאָר וועגן דעם שיין דארשענען, אָבער ניט אנאליזירן זײַנע שטארקע און שוואכע זײַטן.

צווישן די נאציִאָנאלע סאָוועטישע ליטעראטורן פארנעמט א בעקאָוועדיק אָרט די ייִדישע ליטעראטור. איך געדענק, ווי אין מײַנע קינדער־יאָרן האָב איך זיך געקוויקט מיט די לידער פון דאָוויד האָפשטיין, איזי כאריק, פערעץ מארקיש, עזרא פיניגבערג, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, אָשער שווארצמאן... שפּעטער האָב איך שוין, אלס קריטיקער, געשריבן וועגן דער דיכטונג פון שמועל האלקין, שיקע דריז. עס זײַנען גוט באקאנט צווישן די לייענער די פּאָעטישע ווערק פון איטשע באָרוכאָוויטש, אווראָם גאָנטאר, מאָטל גרוביאן, ארן ווערגעליס, מוישע טייף, כאַים מאלטינסקי, שלוימע רויטמאן, יאנקעוו שטערנבערג און אנד.

נאָר דאָס אלץ געהערט צו דער נײַסטער דיכטונג. און וויפל עסטעטישע פרייד און טיפע געדאנקען רופן ארויס די פערזן פון די ייִדישע דיכטער פון מיטלאלטער! איך האָב געהאט דאָס גליק צו לייענען ווערק פון יעהודע האליעווי, וועלכע זײַנען געשריבן געוואָרן אין XI — XII יאָרהונדערטן. דעם עמעס גענאָגט, האָט מײַן טיפערע באקאנטשאפט מיט דער ייִדישער ליטעראטור זיך אָנגעהויבן פון דער ביבל, ווו איך האָב געפונען אזעלכע פּאָעטישע פּערל, ווי שיר־השירים, איִעוו, קויהעלעס... מיט א קורצער צײַט צוריק איז אין מײַנע הענט ארײַנגעפאלן אן אינטערעסאנט בוך, וואָס איז הײַנט שוין א ביבליִאָגראפישע זעלטנהײַט, — א ייִדישע אנטאָלאָגיע מיט א פאָרוואָרט פון מוישע גערשענזאָן. צווישן די לידער פון ייִדישע דיכטער פון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָב איך אין דער אנטאָלאָגיע געטראָפן די שאפונגען פון אזא געניִאלן דיכטער, ווי כאַים־נאכמען ביאליק אין דער איבערזעצונג פון אזעלכע מײַסטערס, ווי וו. איוואנאָוו, באלטרושײַטיס, בריוסאָוו, ס. מארשאק, כאָדאסעוויטש. וויפל נאכעסרועך איך האָב געהאט באם לייענען זיי!

פון די ביכער, וועלכע זײַנען ארויס פון דרוק די לעצטע צײַט, ציִען צו די אופמערקזאמקײַט די געווילטע לידער פונעם גרוזינישן דיכטער קארלאָ קאלאדזע (דערשינען אין רוסיש), די זאמלונגען פון די יונגע לעטישע דיכטער אָיאר וואציעטיס, מאריס טשאקלײַס, אימאנט אאוזין, דאָס בוך פונעם אווארישן דיכטער ראסול גאמזאטאָוו, וועמעס זעלטענער פּאָעטישער טאלאנט איז גוט באקאנט די לייענער. די פּאליטרע פון דער פילנאציִאָנאלער סאָוועטישער פּאָעזיע איז בארײַכערט געוואָרן דורך די ווערק פון ס. טשיקאָוואני, מ. באזשאן, א. קולעשאָוו, אָ. בערגאָלץ, דורך די נײַע אויסגאבעס פון די לידער פון ס. מאַרשאק, ב. פאסטערנאק, א. אכמאטאָווא.

עס רופט ארויס א פרייד דער צוריקער צו פּאָעזיע מיצאד ק. סימאָנאָוון, וואָס האָט זיך פעסט אײַנגעבירגערט אין דער פּראָזע. אומגעקערט זיך פון א רײַזע קיין וויעטנאם, האָט ער אָנגעשריבן א סאך לידער, א טייל פון זיי איז געווען פארעפנטלעכט אין דער „פּראוודא". דעם קעמפנדיקן וויעטנאם ווידמען פיל פון זייערע פּאָעטישע שורעס מ. לוקאָנין, דער פּאָעט פונעם מילכאָמע־דאָר, די דיכטער ס. נאראָווטשאטאָוו, א. מעזשיראָוו, יו. לעוויטאנסקי. שארף טיילט זיך אויס מיט זײַן הויכער באגאבטקײַט דער אייגנארטיקער פּאָעטישער קסאוו פונעם דיכטער ב. סלוצקי. וועגן דער לעבנס־פּראָזע שרײַבט סלוצקי מיט לידער, וואָס קלינגען ווי מאטעמאטישע פאָרמולעס, מיט פינקטלעכע און געטאָקטע אפאָריזמען, דערבײַ נוצט ער די געווינלעכע רייד־שפּראך און דעם מעטאָד פון לאָגישע באווײַזן. די קלאסישע ליד און דעם הויכן סטיל באהערשט ווי א ווירטואָז די פּאָעטעסע בעלא אכמאדולינא.

די פּאָעזיע פון דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט האלט פאר איר גרעסטער און נאָבעלסטער אופגאבע — דינען דעם מענטשן, דעם הומאניזם, די אידייען פון פרײַהײַט און גלײַכהײַט. די אינטערעסן פון אָט די הויכע אופגאבן זײַנען די דיכטער גרייט צו שענקען דאָס גאנצע פײַער פון זייער הארצן, די גאנצע קראפט פון זייער טאלאנט.

ייִדיש — מ. איטקאָוויטש



כאַים לויצקער

שטריכן פון דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראַך־סטיל

וויאַזוי מענטשן ריידן אין ליטעראַרישע ווערק

אינעם ריידן גיט דער מענטש איבער ניט בלויז דעם אינהאַלט פון זײַנע געדאַנקען, זײַנע פאַרלאַנגען און ווּנטשן, ניט בלויז ער אינפאָרמירט דעם מיטשפּרעכער, — דורך די רייד אַנטפּלעקט ער אויך די אינדיווידועלע שטריכן פון זײַן כאַראַקטער, ווײַזט אַרויס דאָס באַזונדערע, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע מענטשן.

וואָס רעאַליסטישער דער שרײַבער שילדערט זײַנע העלדן, אַלץ מיט מער אינדיווידועלע שטריכן באַשענקט ער זיי. ניט רעאַליסטיש איז יענע קונסט, וואָס שילדערט ניט די געשטאַלטן מיט באַזונדערע, יעדן פון זיי אייגנטימלעכע אינערלעכע און אויסערלעכע שטריכן.

דעם מענטשנס רייד פאַרנעמען זייער אַ גרויס אָרט אין זײַן לעבן, לייגן אַרויף אַ גאַנץ אָנזיכטיקן שטעמפּל אויף זײַן גאַנצן אָנבליק, — און דאָס ריכטיקע, צום לעבן נעענטערע שילדערן דעם אויפן פון מענטשלעכע רייד שפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע אינעם פאָרשטעלן די עכטקייט פונעם גאַנצן קינסטלערישן געשטאַלט; לאָזן דעם העלד אינעם געהעריקן מאָמענט אַרויסברענגען דאַפקע די ווערטער און ניט קיין אַנדערע איז איינע פון די שווערסטע קינסטלערישע אויפגאַבעס. „דער מענטש לעבט מיט ווערטער. דאַרף מען וויסן, אין וועלכע מאָמענטן פון פּסיכאָלאָגישן לעבן וועלן בײַ וועמען פון אונדז זיך געפינען וועלכע ווערטער״, — אַזוי האָט געזאָגט איינער פון די אָנגעזעענסטע רוסישע וואָרט־מײַסטערס לעסקאָוו.

אין דיאַלאָג באַקומט די שפּראַך איר עמעסן טיקן.

רייד פון די פּערסאָנאַזשן אין בערגעלסאָנס פּראָזאַיקער ווערק

וויאַזוי לאָזט בערגעלסאָן ריידן די פּערסאָנאַזשן פון זײַנע גרונטיקע פּראָזאַיקערישע ווערק? אין וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג געפינט זיך די שילדערונג־שפּראַך פונעם אויטאָר מיטן לאָשן פון די העלדן אין די דאָזיקע אימפּרעסיאָניסטישע ווערק?

פון דער ליטעראַרישער ירושע. — ר ע ד.

דעם אימפּרעסיאָניזם ביכלאַל לויט זײַן עצעם כאַראַקטער איז פרעמד דער שפּראַכלעך־דיפערענצירטער און אינדיווידואַליזירטער דיאַלאָג. אויף וויפל די פּערסאָנאַזשן פון אימפּרעסיאָניסטישער שילדערונג פאַרנעמען זיך מער מיט אינטראָספּעקציע, מיט אײַנזיך־גריבלעניש און קומען ווייניק אין לעבעדיקן באַריר; זייערע צווישנבאַציִונגען זײַנען מערסטנטייל אַזעלכע, אַז זיי שווײַגן מער איידער זיי ריידן, טראַכטן מער וועגן זאַכן אָנשטאָט אַרטיקולירט וועגן זיי זיך אַרויסזאָגן, איז ווי קאָן זײַן דיפערענצירט די שפּראַך, ווען מענטשן ריידן ניט, ווען ס׳איז, אייגנטלעך, קיין בולעטע שפּראַך בײַ זיי ניט פאַראַן. דער אימפּרעסיאָניסטישער מעטאָד רופט זיך קוידעמקאָל אָפּ אויף די לעבעדיקע רייד, ניוועלירנדיק זיי און אָפּווישנדיק אַפילע דעם אונטערשייד צווישן דעם אויטאָרס שילדערונג און די אייגענע רעגונגען פון זײַנע געשטאַלטן.

נעמען מיר דעם דיאַלאָג פון די פּראָזאַיקערישע ווערק, זעען מיר, אַז די רייד פון די פּערסאָנאַזשן זײַנען דאָרט זייער ווייניק דיפערענצירט.

זעלטן־ווען איר וועט דאָרט פאַר אַ רעפּליק פון עמעצן פון די גרונט־טיפּן טרעפן אַן אויטאָר־רעמאַרקע, וואָס זאָל ווײַזן אויפן נאַטירלעכן צונויפפאַלן פון די רייד מיט דער האַנדלונג אין צײַט. מערסטנטייל ווערט דער דיאַלאָג פאָרגעשטעלט לעאַכערהאַמײַסע, אַלס אַ פּריִער שוין פאָרגעקומענער, אָדער ער פיגורירט אין דער דערמאָנונג פונעם פּערסאָנאַזש.

„זאָגט זי אים ניט לאַנג, אָט די מיידל זײַנע: זי וועט פאָרן קיין אָדעס״ (נ׳א., 21)[1].

„נאָר איינער, — האָט ער אים דאַן געענטפערט: לאַכט ניט״ (אָפּג., 23).

אַ היפּש אָרט פאַרנעמט אין פּלאַן פון ניט אַרויסגעבראַכטע רייד די פּאָטענציִעלע רייד. אָהער געהער דאָס טראַכטן וועגן געוויסע זאַכן און דערשײַנונגען, דער אינערלעכער מאָנאָלאָג פונעם פּערסאָנאַזש:

„האָט ביינעש... געקלערט: „אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס...״ (א. וו., 29).

[1] אין קלאַמערן זײַנען געגעבן די ערשטע בוכשטאַבן פון דעם נאָמען פונעם ווערק. צ. ב. „נ׳א״ — „נאָך אַלעמען״, „א. וו.״ — „אַרום וואָקזאַל״ אאַוו. די ציפערן באַטײַטן די זײַטן אינעם בוך.

וואָווע האָט „געטראַכט וועגן מירעלען...“ (נ'א, 13).

„כאַים-מוישע... האָט זיך פאַרטראַכט: — א נײַ וואָרט“ (אַפּג., 18).

אַמאָל ווערט די רייד פאַרגעשטעלט, וויאַזוי זי וועט פאַרקומען:

„און דערציילן וועט מען דאָרט קענען פאַרטראַכט און מיט גרויס בענקשאַפט: איז א שטעטעלע ערגעץ ווײַט-ווײַט פאַראַן“ (נ'א, 125).

„זעקס יאָר, — וועט ער זיי דערציילן, — איז ער איצט געווען א לערער“ (אַפּג., 21).

אין איינקלאַנג מיט דעם אינטראָספּעקציע-צושטאַנד פון די העלדן איז אויך די באַדינג-פאָרמע פון אייניקע רעפּליקעס, דער „וואָלט“-דיאַלאָג, אזוי צו זאָגן:

„עטל קאַדיס, — וואָלט ער אים געזאָגט, — ווען זי וויל, אַז קיינער זאָל ניט וויסן“ (אַפּג., 16).

אויך — דאָס וועלן און דאָס קאָנען זאָגן און דאָס זײַן גרייט צו זאָגן:

„און גרייט איז ער (ליפּקיס) געווען אין יעדער רגע אופצוהייבן אזא קלוגע שײַלע, ווי לעמאָשל...“ (נ'א, 48).

„און קאָן ער זיי, די ראַקיטנער קלעזמער, דער־ציילן“ (אַפּג., 48).

א טייל רייד ווערט אויסגעדריקט דורך מימיק:

„אַז ער האָט געשמייכלט, האָט עס געהייסן: ער וויסט עפּעס“ (אַפּג., 10).

דער ניוועלירונג פון אינדיווידואַליזירטע רייד העלפט אויך מיט בערגעלסאָנס מאַניר צו געבן א טייל פונעם דיאַלאָג אין דער דריטער פּערזאָן, אַנשטאָט דער ערשטער אָדער צווייטער פּערזאָן:

(מירל צו ליפּקיסן) „— ער שטעלט זיך פאָר, ווי איר איז איצט אַלץ פרעמד און אַלציינס?“ (נ'א, 39).

„נו, און מיילעך?.. האָט ער בא כאַנקען א פרעג געטאָן:

עפּשער קאָן ער בא איר וויסן, פון וואָס איז גע־שטאָרבן מיילעך?“ (אַפּג., 29).

די דאָזיקע מאַניר גיט א מעגלעכקײַט אָפּצופירן דעם נאַטירלעכן רייד-שטראָם אין זײַטיקע קאַנאַלן און אזויאַרום אָפּשוואַכן די לעבהאַפטיקײַט, וואָס עס טראָגט געוויינלעך אַרײַן אין ווערק דער נאַטירלעכער אָר־מיטלבאַרער רייד-פּאַרקער צווישן מענטשן; די דאָזי־קע מאַניר דערגאַנצט אַנדערע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע זײַנען באַרופן אויסצודריקן אָפּגעפרעמדטקײַט, ניטדאָיקײַט — מאָטיוון, וואָס דאָמינירן אין די אָפּ־גאַנג-ווערק.

אייניקע פאַלן פון רייד אין דער דריטער פּערזאָן קענען דערקלערט ווערן אַלס פאָרם פון רעספּעקט פאַרן מיטשפּרעכער. אשטייגער, וואָווע בורנעס, וואָס וויל זיך פירן „אַריסטאָקראַטיש“, נאָר איז דערצו נאָך ניט געוווינט, קען ניט זאָגן דער מוטער ניט „דו“, ניט „איר“, און דערפאַר רעדט ער צו איר, ווי בערגעל־סאָן זאָגט, „בעלאָשן ניסטער“: „עפּשער וועט די מאַמע טיי טרינקען? עפּשער וועט זיך די מאַמע אָפּן בעט צולייגן?“ (נ'א, 9).

צווישן די קאַרגע פּערסאָנאַזשן-רייד אין בערגעל־סאָנס פּאַראַקטיאַבערישע ווערק טרעפן מיר אַן אייגנ־אַרטיקן טיפּ רייד מיט פּאַראַזיטישע איבערכאַזערונ־גען, וואָס דער שרײַבער לייגט אַרײַן אין מויל דעם פּערסאָנאַזש, מערסטנטייל דעם פּאָלקסמענטש, ווי א שטייגער-שטריך, וואָס האָט זיך אײַנגעבירגערט אין דער מינדלעכער שפּראַך. איבעריקנס, „פּאַראַזיטישע“ קאָן מען די דאָזיקע איבערכאַזערונג אָנרופן נאָר בײַ־טנײַ, וואָרעם אין יעדערער פון זיי קאָן מען שטענדיק אײַנזען כאָטש א מינימום עקספּרעסיע — פאַרכידע־שונג, אופגערעגטקײַט, פאַרלעגנהײַט אאוו.

איבערהויפּט טרעפן מיר אָט די דערשײַנונג אין „נאָך אַלעמען“:

„וואָס זשע? ער זשאַלעוועט איר די פור, זשאַלעוועט ער איר?“ (24).

„ס'זאָל שוין זײַן די דעמבענע וועלדלעך, זאָל עס שוין זײַן?“ (38).

„פאַרוואָס האָסטו שוין ניט כאַסענע, פאַרוואָס?“ (44).

אָבער אויך אין אַנדערע בערגעלסאָנס ווערק באַגע־גענען מיר אָט די איבערכאַזערונגען. אָט, אשטייגער, אין „אָפּגאַנג“:

„אַז איך זאָג איין וואָרט, זאָג איך: מע דאַרף זיך פאַר אים ניט זאָרגן“ (20).

אין די דערמאָנטע פּאַראַקטיאַבערישע ווערק בער־געלסאָנס איז פאַראַן א דאָזע עכט-רעאַליסטישע שיל־דערונג. אַנטשפּרעכיק דערמיט טרעפן מיר דאָרט אויך באַזונדערע פאַלן פון דיפערענצירטע רייד פון די פּער־סאָנאַזשן. נאָר דאָס זײַנען איינצלנע רעפּליקעס פון עפּיזאָדישע פּערסאָנאַזשן. כאַראַקטעריסטיש, אַגעוו: די דאָזיקע אינדיווידואַליזירטע קאָלאָריטע רייד לייגט דער שרײַבער אַרײַן אין מויל דאַפקע פון די פּאָלקס־מענטשן.

ווייניקער פאַר אַלץ איז אינדיווידואַליזירט די רייד פון די הויפּט-פּערסאָנאַזשן — אינטעליגענטן. לע־מאָשל, אין מירעלעס (פון „נאָך אַלעמען“) אַרט ריידן איז קימאַט ניט פאַראַן קיין שום כאַראַקטעריסטישעס, אויב ניט רעכענען די איינצלנע רוסישע ווערטער, מערסטנטייל אין דער פאָרם פון רעפּליקעס: דער אָוו־טאָר גיט דערמיט, ווײַזט אויס, אָן אַנצוהערעניש, אַז מירל רעדט מיט אירע אינטעליגענטע מיטשפּרעכער רוסיש: Не сметь! (100), Это хорошо (117).

מיט רוסישע ווערטער און וואָרט-באַהעפטן לאָזן זיך הערן אויך אייניקע אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון „נאָך אַלעמען“ און „אָפּגאַנג“. דער פּראָוויזאָר סאַפּיאַן: Как это смешно (נ. א., 142), כאָווע פּויזנער: Это разврат (אַפּג., 84), Как это нахально и грубо (אַפּג., 97).

אַמאָל לאָזט זיך הערן אין א ייִדישער רעפּליק איינס עפּעס א ניט-אײַנגעבירגערט רוסיש וואָרט: „נו, און ליבע? נו, און יעדער געדאַנק, וואָס גייט איבער אין „אַשטשושטשעניע“?“ (נ'א, 17) — אזוי רעדט דער גרויססטאַטישער סטודענט, און ס'פּילט זיך דאָ א ביסל איראָניזירנדיקע פּאַראָדירונג מיצאַד דעם אַווטאָר.

נאָך מער איראָניזירנדיק איז דער רוסיזם, וואָס בערגעלסאָן גיט אַרײַן אין מויל דעם ראַקיטנער באַ־לעגאָלע וועגן דעם יונגן בראָמבערג:

„— שוין איינמאָל א בראָמבערג, ווי איך בין א ייִד: נאָך צוריק מיט א יאָר פערצן כאַסענע געהאַט „פּאָ־ליובווי“ (אַפּג., 19).

די פאַראַנענע אין די „אָפּגאַנג“-ווערק איינצלנע שפּראַך-אייגנשאַפטן קען מען פאַר קיין שפּראַך-דיפע־רענציאַציע און רייד-וואַריאַציע ניט רעכענען, וואָרעם זיי לייגן ניט אַרויף קיין ווײַפּל-ניט-אײַן אַנזיכטיקן

שטעמפל אף דער פערסאָנאזשן־שפראך פון די דאָזיקע ווערק אינגאנצן גענומען.

אין גרונט איז פאר די דאָזיקע ווערק כאראקטעריסטיש דער ניט־נאטירלעכער רייד־אויפן פון די פערסאָנאזשן. ער שפיגלט אָפ אין א היפשער מאָס די געפאלענע שטימונג פונעם באָדנלאָזן קאָמיסיִאָנער, פונעם יאָרדישן סויכער, פונעם אנטוישטן אינטעליגענט — די גאָרע שווערע אטמאָספער פון יענער געדריקטער און דריקנדיקער אומצײַט.

דיפערענצירטע רייד־סטילן

זיך באפרײַט פון די נאָגנדיק־מאָרעשכוירעדיקע פענטעס און ארויף אפן ברייטן טראקט פון רעאליסטישער שילדערונג, האָט בערגעלסאָן ווי געפיקט די צינגער פון זײַנע פלאסטישע געשטאלטן: אין „באם דניעפער”, אין „ביראָבידזשאנער” און אין אנדערע נאָכאָקטיאבערישע רעאליסטישע ווערק באקומען די פארשוינען לאָשן, רעדן מיט א פול מויל.

דער דיִאלאָג שפילט דאָ אן אומגעהייער וויכטיקע ראָליע באם פורעמען די געשטאלטן גופא, דעקט אוף די פיזיִאָנאָמיע פונעם פערסאָנאזש אינגאנצן גענומען. פונקט ווי ס׳איז פארשיידן די לאגע, די אופירונג און די פסיכאָלאָגיע פון די געשטאלטן, אזוי פארשיידן איז זייער שפראך.

צו דער אלגעמיינער כאראקטעריסטיק פון בערגעלסאָנס דיִאלאָג דארף מען זאָגן, אז, בא דער גאָרער רעאליסטישער, צום לעבן אדעקוואטער אויסברייטערונג פונעם דיִאלאָג, איז ער דאָך ניט צעשוואומען, נאָר סינטעטיש: קאָנדענסירט און קינסטלעריש געלײַטערט.

„באם דניעפער” איז געבויט אף דער שארפער קעגנשטעלונג פון צוויי סאָציִאלע, קלאסן־אנטאגאָניסטישע גרופעס: פון איין זײַט — דאָס ווײַסע „הויז” מיט זײַנע באלעבאטים־גווירים, און פון דער צווייטער זײַט — די „הינטערגעסלעך” מיט זייערע האָרעפאשניקעס און אָרעמעלײַט.

מירן אויסטיילן, קוידעמקאָל, אייניקע שפראך־כאראקטעריסטיקעס פון די פאָרשטייער פון אָט די ביידע צדאָדים.

בערגעלסאָנס נעגאטיווע באציִונג צום נאָגיד איז ניט ארויסגעשפרונגען פון דער העלער הויט ערשט אין „באם דניעפער”. א טיפ פון א גוויר, וואָס בערגעלסאָן נעגירט, טרעפן מיר נאָך אין „אָפגאנג”. דאָס איז אזריִעל פויזנער. פאר זײַן רייד־סטיל איז כאראקטעריסטיש זײַן ווערטל־רעגילעס „זייער פײַן”. דער שרײַבער דעקט אליין אוף דעם זין פון דעם דאָזיקן וואָרט־באהעפט מיט דער אוטאָר־רעמארקע: „אלע האָבן געפונען, אז זיי פאסן פאר אים, דעם בעקאָוועדיקן פארמעגלעכן קרעמער” (41). דער שרײַבער דעמאסקירט דעם דאָזיקן גוויר אויך דורך באווײַזן אזריִעלס באציִונג צו זײַן מעשאָרעס — א שטריך, וואָס אנטבלויזט די ניט־אופריכטיקײַט און צוויִעס פונעם אויסדרוק „זייער פײַן”, וואָס דארף צודעקן די ווײַט ניט פײַנע מײַסים זײַנע...

גוויריש־לאמדאָנישער נוסעך

רעב מיכאָעל לעווין — דער עלטערער אין „הויז”, „א סייפער־ליבהאָבער”, איז פארטראכט זייער אָריגינעל און קאָמפליצירט. כאָטש ער איז אין טאָך א נעגאטיווער פערסאָנאזש בא בערגעלסאָנען, שילדערט אים דאָך דער אוטאָר ווי א מענטשן, וואָס פארמאָגט אויך גאנץ פאָזיטיווע פערזענלעכע שטריכן: ער איז ניט מעגושעמדיק ארײַנגעטאָן אין די געשעפטן, לעבט אין א היפשער מאָס אָפ זײַן אויפן מיט א גײַסטיק לעבן, ער פילאָזאָפירט, ער איז אין שטייגער ניט אזוי ברוטאל, ווי די אנדערע באלעבאטים פון „הויז”, ער באציט זיך אין טאָך ניט שלעכט צו פענעקן, דעם טרעגער פונעם אוטאָרס געדאנקענגאנג. דער אוטאָר דעקט אָבער אומעטום אוף דעם קלאסעוון טאָך פון די אלע מידעס בא מיכאָעלן.

דאָס שטענדיקע פארטאָן זײַן אין כקירע, אין פרומלאָמדישער טעאָרעטיזירונג פירט אין מיכאָעלס שפראך צו דער ספעציפיש־לערנערישער אינטאָנאציע און זאץ־סטרוקטור פון דרינגעניש בא א בלאט געמאָרע, מיט דער געהעריקער העברעיִזירטער לעקסיק:

„— איז ווען איז גערעדט געוואָרן, אז מײַסים־טויווים זײַנען עפעס ווערט, נאָר אין פאל, ווען זיי קומען פונעם סייכל, דעהײַנו: ווען דאָס הארץ הייסט דיר נאָר שלעכטס טאָן, נאָר דו ביסט מיטן סייכל גוויווער דאָס הארץ און טוסט גוטס...” (11).

אזוי דיקטירט מיכאָעל א בריוו צו יוינעסן, וואָס איז אויך א גרויסער לאמדן און מעסוקענער כאקרען. און ווען ס׳זאָל אין בריוו מער גאָר ניט זײַן, כוץ אזעלכע פסיכאָלאָגיש־עטישע אבסטראקציעס, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז רעב מיכאָעל לעווין לעבט מיט הוילע „רוכניִעס”. לאָזט אונדז אָבער דער שרײַבער הערן צום סאָף פון דעם דאָזיקן בריוו אין א מין קלוימערשט אומבאדײַטנדיקן „פאָסט־סקריפטום”:

„— אומא שענעגייע לישמוינע אלאָפים (און וואָס שײַעך צו די אכט טויזנט. — כ. ל.) קלאפטער — איז פאראן בא מיר א ווילן צו האלטן זיי און ניט צו פארקויפן. דאָך, ווען מע גיט מיר פאר זיי דעם און דעם מעקעך, וואָלט איך זיך עפשער מעיאשעוו געווען...” (12).

דאָ איז כאראקטעריסטיש, ערשטנס, דער אינהאלטלעכער קאָנטראסט צווישן דעם גאנצן בריוו, וואָס איז אף דורך און דורך הימלש־פלאטאָניש, און דעם צושריפט, וואָס איז אזוי ערדיש־פראקטיש; צווייטנס, די סאָכריש־כיטרע באדינג־פאָרמע „ווען מע (דער טאמעוואט־אנאָנימער „מע”!) גיט מיר” מיטן געמאכטגלײַכגילטיקן „וואָלט איך זיך עפשער מעיאשעוו געווען”.

בערגעלסאָן רײַסט אוף לעווינס „פאָזיטיווקײַט” דורך באווײַזן דאָס קאָקעטירן זײַנס מיט רוכניִעס, אונטער וועלכער ס׳זײַנען פארהוילט גאנץ ערדישע זאכן.

ניט שטענדיק איז בא מיכאָעלן אזא רויִקע פילאָזאָפירנדיקע שפראך. וויפל ער בעריעט זיך ניט און „מענטשלט זיך” ניט, מוז ער דאָך סאָפקאָלסאָף מודע זײַן, אז ער איז קראנק און „גלייבט זײַנע ווייטעקן”, און ס׳הייבן זיך אָן הערן אין זײַן ארט ריידן קרענקלעכע אינטאָנאציעס — סײַ ווען ער רעדט מיט שיינדל דער גרויסער, דער עלטערער טאָכטער זײַנער, וועגן

דער גוראלניע („— אַט... ביסט געקומען מיך מורטשען...״, 100), סײַ ווען די מוטער קלאָגט זיך אף פענעקן („— געבוירן געוואָרן אף דער עלטער... ניטאָ ווער זאָל אים אופציִען...״, 237), סײַ ווען ער מוסערט פענעקן („— פענעק... איך מיין... וואָלסט זיך באַדארפט נעמען אין די הענט ארײַן...״, 240) און אוואַדע אינעם לעצטן דראמאטישן שמועס מיט שיינדל דער גרויסער („שטארבן איז שטארבן... מע דארף איצט אכטונג געבן... זייער גוט ארײַנקוקן אין די כעזשבוינעס״, 232), „ווער פארגעסן? וואָס פארגעסן? א באכעס: יוינע און שאָלעם — גרויסע קאָפמענטשן!״(232). ווו איז אהינגעקומען לעווינס פריִערדיקע מעיושעוודיקע רוִקײַט, זײַן געלאסענע הארכאָוועס־האדאאס?! ניטאָ שוין דאָ קיין זייכער פון זײַן אונטערגעצויגנקײַט, פון זײַן ריידן „אין דער אייביקײַט״. דערפילט איבער זיך דעם געפאַך פונעם מאַלעכהאמאָוועס, רעדט ער שוין אָן שום אָנגעשטרענגטקײַט, ווי א געוויינלעכער באָסערוועדאָם...

אָן אייגנארטיקע עוואָליוציע מאכט דורך דער גוויריש־לאָמדישער שפראך־נוסעך אף א שפעטערדיקן עטאפ אין אנדערע באדינגונגען — אין די 900־טער יאָרן, אין דער גרויסער שטאָט.

אַט ווי עס רעדט דער הויפט־ראבינער גאָלישער („באם דניעפער״, 2־טער טייל, ז. 358).

„— דאָראָגיִע בראטיא אי דאָראָגיִע סיאָסטרי! טשעם טעמניעיע נאָטש, טיעם יארטשע זוויאָזדי, קאק נאם טאָלקאָ־טשטאָ טשיטאלי וו סוויאטוי טאָריע: וואיוימאר אדענוי על מוישע, אי טאק דאליעיע, אי טאק דאליעיע...״

דאָ איז א מאָדנער געמיש פון אסימיליאטאָריש־רוסישער שפראך מיטן ראבאָניש־סידערדיקן העברעיִש. דערבײַ באקומט זיך א קאָמישער עפעקט פון דער שארפער קאָנטראסטישקײַט, וואָס ווערט ארויסגערופן סײַ פון דער צוויישפראכיקײַט גופע אין אזא קאָנטעקסט, סײַ דורך דער „אינהאלטלעכער פארבינדונג״ צווישן דעם „טשעם טעמניעיע נאָטש״ און דעם „וואיוימאר אדענוי על מוישע״ מיטן איבערגאנג ווידער צו רוסיש — „אי טאק דאליעיע, אי טאק דאליעיע״ — אָן אויסדרוק, וואָס זאָגט פונקט אזוי גאָרנישט ניט, ווי דער „וואיוימאר אדענוי״... די דאָזיקע שפראכלעכע „אמאלגאמע״ פילט בא בערגעלסאָנען אויס די פונקציע פון פאראָדירונג, פון אופדעקן דעם אַנטיפאָלקישן כאראקטער פונעם ראבינערס אָרט ריידן.

צירלעך־מאנירלעך־שפראך

קיין אויסטערלישע לעקסישע באזונדערקײַטן געפינען מיר ניט אין די רייד פון שיינדל דער גרויסער, איינעם פון די הויפט־פערסאָנאזשן אין „באם דניעפער״. קיין באזונדערקײַטן איז ניט צו געפינען אויך אין איר זאצבוי. איר שפראך איז אָן איבעריקער עמאָציִאָנעלקײַט, האגאם זי פארמאָגט אין זיך א געוויסע דאָזע פאטאָס — געמאכטן, פארשטייט זיך, באזונדערס ווען זי דארף עמעצן „אײַנקאָסקען״... איר שפראך דערגאנצט דאָך אין א געוויסער מאָס איר גאָרן אָנבליק פון א גיריקער קאפריזער נעגידעסטע. אף איר איז יאָ געזאָגט געוואָרן, אז „די שפראך איז געגעבן צוליב דעם, קעדיי צו פארבאהאלטן די געדאנקען״ (טאלייראן). שיינדל איז אף דורך און דורך פאלש: „צו מענטשן שמייכלט זי ניט מיטן גאנצן פאָנעם, נאָר בלויז מיט איינעם א קנייטשעלע אף איר נאָז״, וואָס „אז ס׳וועט זיך אײַנארבעטן, וועט עס מאמעש באוויַזן ווונדער — קוקנדיק אף מענטשן, וועט שיינדל די גרויסע קענען טראכטן: — אין דער ערד זאָלסטו ארײַן! און אין דער אייגענער צײַט וועט אים איר קנייטשעלע זאָגן: „טײַערער!״, „ליבינקער!״ זי איז „די גרעסטע בעריע אף מאכן אָנשטעלן״ (429) — לויט פענעקס כאראקטעריסטיק. איר בעריעשקײַט באַשטייט אין דעם, וואָס זי פארדעקט זייער קונציק און יעזויִטיש־צוויִאקיש אירע גיריק־דעספאָטישע קאוואָנעס מיט זיסע גרויסמוטיקע רייד. ווען ניט דעם אווטאָרס אָדער עמעצנס פון די פערסאָנאזשנס קאָמענטארן און אינטערפרעטאציעס, וואָלט מען אָפט געקאָנט מיינען, אז אירע ווערטער אנטשפרעכן אירע קאוואָנעס...

אַט איז שיינדל די גרויסע אָנגעלאָפן פון איר היים אין „הויז״. א קוק געטאָן אפן פאָטערס געל־אויסגעמאָגערט פאָנעם, גיט זי א זאָג דאָס וואָרט „גאָט״ עפשער מיט צען „טעסן״: „גאָטטטט״. וויפל אפישירטע „איבערלעבעניש״ דעקט דער שרײַבער אוף מיט אַט דער פאָנעטיזירונג!

אַט נעמט זי אויספרעגן וועגן דעם געשטאָרבענעם שוואָגער כאִים: ווען איז ער געשטאָרבן? מיט וואָס איז ער געווען קראנק? זי רעדט וועגן כאִימען, אז, ווי דער אווטאָר זאָגט, זי איז ווערט, „מע זאָל זי דערפאר אויסקושן״:

„— כאִים... ער איז דען געווען א שוואָגער? זי האָט געטאָן א זיפץ: — כאִים איז געווען א ברודער. א צווייטן זיפץ: — כאִים איז געווען א פרײַנט. א דריטער זיפץ, שוין א ביסל א פארטרערטער: — כאִים איז געווען א טאטע״ (91 — 92).

מין־האצאד קאָן מען מיינען, אז ס׳איז גאָלע עמעס, סאמע ריינע קרויווישע געפילן. אָבער די אינטערפרעטאציע איז שוין דאָ פאראן גלײַך אפן אָרט אין די אווטאָר־רעמארקעס. דער צוטרוי צו איר איז שוין אונטערגעריסן דורכן אווטאָרס ווערטער פריִער א ביסל: „דאָרט האָט שיינדל די גרויסע, אָן א מינדסטן קרים, ווידער ארויסגעלאָזט עטלעכע טרערן פון יעדן אויג״ (91). א מין „פלאנמעסיקײַט״! — ס׳איז ניט קיין רעפלעקסיווע אקציע, נאָר יעדע באוועגונג איז אויסגערעכנט: איין זיפץ, א צווייטער, א דריטער... און די טרערן פליסן ניט סטיכייִש, פון זיך, נאָר זי „לאָזט זיי ארויס״ מיט א כעזשבן — עטלעכע טרערן פון יעדן אויג!..

צי אשטייגער: אַט רעדט שיינדל מיטן שוין טויטקראנקן פאָטער. זי איז, דאכט זיך, אזוי אידעאל געטרײַ, טײַנעט אײַן מיט מיכאָעלן, ער זאָל זיך היילן; ער וויל ניט פאָרן מיט דער מוטער, וועט זי, שיינדל, מיט אים פאָרן; ער וויל אינגאנצן ניט פאָרן, וועט מען אראָפברענגען אן אויסלענדישן פראָפעסאָר אהער. דאכט זיך, קיין שום אייגננוציקע קאוואָנע. פון קיין כעזשבוינעס וויל זי ניט הערן: „— איך וויל ניט וויסן פון קיין כעזשבוינעס״ (435), — מאכט שיינדל מיט געוויין. אָבער פענעק האָט „זאכלעכע באוויַזן״, אז זי וויל זייער וויסן פון כעזשבוינעס. ער טוט אזש א טאפ דאָס צונויפגעקנייטשטע שטיקל פאפיר מיט

שיינדל דער גרויסערס ציפערן, פון וועלכן ס׳איז דאָך צו זען, אז... זי האָט אליין הײַנט אפדערנאַכט גע־מאַכט צוויי מאָל א „כילעק״ און איינמאָל א „כיסער״ מיט א „כילעק״. נאָר צו וואָס פענעקן? מיכאָעל אליין, וואָס באַציט זיך, דאַכט זיך, ניט אזוי קריטיש צו שיינדלען, זײַן ליבלינג, ווײַזט אויך ארויס זײַן גאָר קליינע עמונע אין איר אופריכטיקײַט. ער זאָגט:

„— כ׳האָב דיך געבעטן: אָן כיינדלעך!״ (436).

ווען זי איז געצווונגען עפענען די קאָרטן, ווארפט זי אוועק די צירלעך־מאַנירלעך־שפּראַך, טוט אויס, אזוי צו זאָגן, די שפּראַכלעכע ווײַסע הענטשקעס און הייבט אָן ריידן קלאָרע ניכטערע דיבורים, זי אַפּע־רירט דעמלט פרײַ מיט דער סאָכריש־געשעפטלעכער לעקסיק:

„— האָסט ארײַנגעלייגט אין גוראַלניע מײַן געלט און בעריִשעס געלט... אכצן טויזנט רובל... דו מוזט מיר איצט געבן דאָס וואָרט — אויב ס׳וועט זײַן הע־זעק, וועט עס זײַן דײַנער און ניט אונדזערער. און פראָצענט פארן געלט וועסטו אונדז אומקערן...״ (110).

ס׳גייט בא איר דעמלט אוועק א גאַנץ יאָדערדיקע שפּראַך, פול מיט היימישלעכע עמאָציאָנעל־פיגורעלע פאָלקס־אויסדרוקן, אידיאָמען. שיינדל די גרויסע טײַ־נעט, אז די גוראַלניע, לעבן וועלכער דער פאָטער האָט זי מיט איר בעריִשן אוועקגעזעצט, איז אין דער ערד, מע ליגט מיט איר נײַן איילן טיף...

„— דאָס עמעסע געשעפט!.. אלערליי גוראַלניעס זײַנען הײַנט אין דער ערד מיט די ביינער. שוועל־בעלעך אָף די דעכער ווייסן עס״ (110).

איר שלאַנגישע עלאַסטישקײַט ווענדט זי אָן ניט בלויז צו עלטערע פון זיך, נאָר — אויך צו קלענערע, צו אָרעמע.

נאָך א כאַראַקטעריסטישער שטריך פון שיינדל דער גרויסערס שפּראַך — דעמלט ווען זי דאַרף איר שפּראַך ניט מאַסקירן, ווען זי האָט צו טאָן מיט די דינסטן, מיט פענעקן, אַנלויפנדיק אין „הויז״, ווי עס לויפט אָן אײַנצופירן אָרדענונג א „סטאַנאָוואַי״. דעמלט קלינגען אין איר שפּראַך טרוקענע, באַפעלערישע אינטאָנאַציעס.

אָט ווי זי רעדט מיט פענעקן:

— קום נאָר אהער!
— ניט גאָר נאָענט...
— א ביסל ווײַטער...
— אָט אזוי...
— בלײַב שטיין...
— ווארט נאָר...
— שטיי נאָר, שטיי...
— ווײַז נאָר די הענט... (92 — 93).

דער זאַץ איז מאַקסימאַל קורץ, לאַקאָניש, אימפּע־ראַטיוויש — מאַמעש ווי די קאָמאַנדע פון א מיליטער־קאָמאַנדיר, — ווי אומיסטן קעדיי צו באַרעכטיקן דעם נאָמען, וואָס די קיך־לײַט האָבן איר געגעבן:

— שוין געקומען — דער קאָמאַנדיר... אזוי זאָגט וועגן איר בוני די קעכן.

אמכאַ־רייד

אין די רייד פון די „הויז״־לײַט איז, ווי מיר האָבן געזען, א גרויסער אײַנרײַס צווישן דעם, וואָס זיי טראַכטן, און דעם, וואָס זיי זאָגן ארויס. דאָס איז דאָס געמיינזאַמע, וואָס כאַראַקטעריזירט די שפּראַך פון די העכערע שיכטן, בא דעם גאַנצן קאָנקרעט־אינדי־ווידועלן אויפן, אָף וועלכן עס רעדט יעדערער פון זיי באַזונדער.

אַנדערש איז מיט דער שפּראַך פון די פאָלקס־מענטשן: זיי זײַנען ניט פארינטערעסירט אין קיין שום פראַט צו פארדעקן זייערע קאַוואָנעס און גע־דאַנקען, נאָר, פאַרקערט, אראָפּצורײַסן די אלערליי מאַסקעס פון די עקספּלואַטאַטאָרס, צו אַנטבלויזן דעם עמעס. דעריבער איז בא זיי, ווי מע זאָגט, אָן פענער זעקס־און־זעכציק, זיי רופן דעריבער אָן יעדע זאַך בא זייער עמעסן נאָמען.

אָבער ארויסבערענגען דעם „נאַקעטן״ עמעס קאָן מען ניט מיט א נאַקעטער שפּראַך. מיט א פּראָסטער שפּראַך — יאָ, מיט א פּראָסטער, ווי דער עמעס אליין. און אזא איז זי טאַקע, די שפּראַך פון די פאָלקס־מענטשן. זיי רעדן אָן „פוצן״. די שפּראַך זייערע איז אָבער ווײַט ניט קיין נאַקעטע, קיין אָרעמע, — פאַר־קערט, זי איז רײַך און זאַפטיק, פילפאַרביק און עמאָציאָנעל — טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז ניט גע־קינצלט, ניט צווײַעסדיק־מאַנירלעך, נאָר אופריכטיק און אָרגאַניש; דעריבער שפּרודלט אזוי די רייד פונעם געזונטן פאָלקסמענטש מיט געדאַנק און געפיל, מיט שאַרפזין און עקספּרעסיע.

אין „באַם דניעפּער״ דרייט זיך די פאַבולע, די האַנדלונג דעריקער ארום „הויז״ און די „הויז״־לײַט. אָבער מערקווירדיק: — רייד פאַלט אויס מער אָף די פאָלקסמענטשן. די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די גווירים רעדן בלויז וועגן זיך און קימאַט אינגאַנצן ניט וועגן קאַפּצאָנים (צו וואָס גאָר ארײַנלייגן די האַנט אין קעשענע?), און די האַ־רעפּאַשניקעס, די פאָלקסמענטשן, רעדן אי וועגן זיך, וועגן זייערע פערזענלעכע און געמיינזאַמע צאָרעס, אי וועגן די גווירים און זייער לעבן א מעשוגענעם טאָג. אלזאָ, די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ איז קינסטלע־ריש אינגאַנצן באַרעכטיקט.

די גאַלעריי כאַראַקטעריסטישע רייד־טיפּן איז צווישן די פאָלקסמענטשן פון „באַם דניעפּער״ א גרעסערע, איידער צווישן די „הויז״־פארשוינען, און דער רייד־שטאָף פון די „הינטערגעסלעך״ איז א סאַך א רײַכערער, איידער דער שפּראַך־מאַטעריאַל פון די באַלעבאַטים פונעם ווײַסן „הויז״.

מיר וועלן פרוּוון אַנאַליזירן אייניקע באַזונדערע „אמכאַ״־סטילן.

די הינטערגעסלעך הייבן זיך אָן גאָר ניט ווײַט פונעם „הויז״ — טאַקע ארום „הויז״ גופע — אין קיך, אין שטאַל, — דאָרט, ווו ס׳האָרעווען אָף די באַלע־באַטים די פארשיידענע באַדינער.

יאַנקל פורמאַן. ווער איז ער? באַם אווטאָרס „פּאָל־מעטיקן פאָרשטייער״ פענעקן איז יאַנקל דער כאָ־שעווסטער און אווטאָריטעטסטער מענטש. דאָס איז א שאַרפזיניקער, לעבנסלוסטיקער יונג מיט א קלאָר אויסגעשפּראָכענער סינע צו די לעווינס. אדאַנק זײַן אויסגעפּרוּווטער אָרנטלעכקײַט פילט ער זיך אין „הויז״ שטאַרק און דערלויבט זיך אמאָל א רייץ טאָן מיט די באַלעבאַטים. ניטאָ בא אים פאַר זיי קיין זײַכער אפילע פון אָפּשײַ, פאַרקערט, ער רעדט וועגן זיי שטענדיק מיט היפש ביטל.

ער גיט זייער טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס סײַ־

מיכאָעל לעווינען, סײַ שיינדל דער גרויסער. ער גע־פינט פאַר זיי שטענדיק דאָס פּאַסיקע געפּעפּערטע וואָרט:

„ — א טשודאַק איז ער... א מענטש, וואָס פּערע־בענדיעוועט..." (16) — אַזוי זאָגט ער וועגן מיכאָעלן, און דאָס דאָזיקע „פּערעבענדיעווען" האַלט ער פאַר אַן אָרגאַנישער אייגנשאַפט פון א נאָגיד, וואָרעם:

„ — א גוויר, אַז ער פּערעבענדיעוועט ניט, איז א שלעכטער סימען" (418).

יאַנקל פאַרירט זייער שאַרפזיניק מיכאָעלס כקירע־דיקן „דריי" — אַז פּענעק זאָל פּרוּוון גרויוער זײַן זײַן וועלן גיין אינדרויסן שאַבעס נאָכן ווארמעס. יאַנקל ווענדט אָפּ די דאָזיקע קלוגיטשקע סאָפיסטיק מי־כאָעלס דורך פּאַראָדיע און קאַלאַמבור:

„ — דער טאַטע דײַנער... אים ווײַזט זיך אויס: אין וועלן „ניט וועלן" איז ער א גאַנצע בעריע. אַנו, זאָל ער וועלן „ניט וועלן" זײַן א גוויר..." (242).

אָפּערירנדיק מיטן זעלבן באַגריף „וועלן ניט וועלן", טראָגט יאַנקל אַריבער דעם אַקצענט פון א קליינ־קײַט — אַן אומשולדיק־נאַטירלעכן באַגער פון א קינד — אויף א פּרינציפּיעלער פראַגע — אויף דער שטרעבונג צו זײַן א גוויר, — און די רעפּליק באַ־קומט א טיפן סאָציאַלן זין.

יאַנקל דער פורמאַן האָט אַזוי פּײַנט שיינדל די גרויסע, אַז זי איז אין זײַנע אויגן „ניט קיין מענטש, נאָר אַן אומגליק" (124). איר עגאָצענטרישקײַט און פאַריסנקײַט פאָרמולירט יאַנקל בילדעריש־שאַרפזיניק אַזוי:

„ — זי גלייבט, מע דאַרף איר צוצאָלן, וואָס זי איז **געבוירן געוואָרן" (124).**

דאָס שאַרפסטע שפּראַך־מיטל קעגן שיינדלען איז באַ יאַנקלען איראָניע, מאַמזעריש־קלוגע און בײַסיקע איראָניע:

„ — נאָך א גליק, וואָס זי הייסט ניט אויסהענגען א פענדל אויפן דאַך" (אויף צו באַצייכענען איר קו־מען. — כ. ל.) (124).

יאַנקל סאַבאָטירט דאָס אָפּפירן שיינדלען צו איר אַהיים; צוליב דעם פאַרופט ער זיך אויף דעם, אַז דאָס פערד הינקט. שיינדל פאַרשטייט דעם סאָד פון דעם פערדס „הינקען", פרעגט זי פאַרביסן: „איז וואָס זשע האָט ער עס אָנגעהויבן עפּעס צו הינקען פּונקט הײַנט?" ענטפערט איר יאַנקל טאַמעוואַטע:

„ — וואָס פרעגט איר באַ מיר? — פרעגט באַם פערד..." (159).

דער „פרעגט באַם פערד" איז אין שפּראַכלעכן אַספּעקט אַן אַלאָגיזם. דאָ אָבער קלינגט עס ווי „רעד צום לאָמפּ" אָדער „רוף מיך קנאַקניסל" און דריקט אויס יאַנקלס פאַראַכטונג צום באַלעבאָס' עלטערער טאָכטער.

יאַנקל איז שטאַרק בייז אויף די פּרומאַקעס און קלייקוידעש. ער צוימט זיך אָפּ פון זיי, פון גאָט און געטלעכקײַט ביכלאַל:

„ — זאָלן טשוווע טאָן יענע, וואָס זײַנען מיט גאָט א גאַנצער פּאַניבראַט. איך בין מיט אים שטענדיק, אַזוי געזאָגט, פונדערווײַטנס..." (271).

בוני די קעכן — „א פריילעך־טאַנצנדיקע טוערן, א צאַרטע פרוי מיט מוטער־געפילן צום לעבעדיקן יאָסעם פּענעקן". איר שפּראַך איז קאָנקרעט־בילדעריש, זאַפּ־טיק־עקספּרעסיוו, רײַך מיט עמאָציאָנעלע אינטאָנאַ־ציעס:

„ — ראַביינע יוינע: וואָס איך האָב זיך שוין דאָ אין שטוב אָנגעזען!" (56).

„ — מאָלט אײַך: אויב צירל בלײַבט אַן אַלמאָנע, מעג מען איר שוין אויך ניט מעקאַנע זײַן" (69).

„ — איר ווילט ניט, איך זאָל אײַך אָפּבאָדן אין קאַראָטקי וויק, טאָ זײַט אַזוי גוט און פאַרנעמט זיך פונדאַנען" (206).

א גרויס אָרט פאַרנעמט אין בוניס רייד־סטיל דאָס שנײַדיק־זידלדיקע און שאַרפע וואָרט, וואָס איז צו־מאָל אײַנגעפּאַסט אין יאָדערדיקער פאָלקס־מעטאַפאָר:

„בעהיימע, ער שטעקט דיך אַרום מיט פעדערן" (155).

„איז בעט גאָט, ס'זאָל זי א ביס טאָן א רעכטע פליי, וועט זי זיך אופכאַפּן" (127).

„ס'איז אויף צו שרעקן די גענדז" (162).

אין בוניס אַמכאָ־רייד באַגייט זיך ניט אויך אָן ווולגאַרע, „געפּעפּערטע" ווערטער און וואָרט־באַ־העפטן, וואָס מיט זייער הילף רעדט דער פאָלקס־מענטש אַראָפּ דאָס האַרץ:

„זייער טינעף... א שפּילעכל! זאָלן זיי עס אליין גיין שמעקן!" (46).

„א גוויר האָט פּאָדווינע פענצטער. דעריבער הערט מען ניט זײַן נעפּיעך אינדרויסן" (530).

אויך באַ בונין שטייגערט גאַנץ פעסט דער געמיט־לעך־עמאָציאָנעלער סלאַוויזם: זיך פּריטאַיעט, בעזנאַ־סי, פּאָדווינע אאַז"וו. און פּאָרט זיך מיטן אייפעמיס־טישן העבּרעיִזם „טינעף", „נעפּיעך" אאַז"וו. דאָס פאַר־שטאַרקט נאָך מער די געפּעפּערטקײַט פון איר שפּראַך.

פאָלקלאָרישן כיין גיט צו בוניס שפּראַך דאָס גלײַכווערטל, וואָס איז צומאָל קלאַנגלעך אָרנאַמענ־טירט מיט א גראַם:

„דאַנקען און לויבן נאָכעם דעם טויבן" (129).

„מע דערמאָנט א מאַלעך, קומט א גאַלעך" (156).

יאַנקל פורמאַן און בוני די קעכן פאַרקערפּערן אין זייערע רייד די אומגאַנג־שפּראַך פון די פאָלקס־מענטשן, אין די ראַמען פון זייער היימישער אויס־קומעניש.

מיטן יאָדערדיקן פאָלקסוואָרט לאָזן זיך הערן אויך באַזונדערע עפּיזאָדישע, צומאָל אַנאָנימע, פיגורן סײַ אין „באַם דניעפּער", סײַ אין בערגעלסאָנס אַנדערע ווערק.

אַמאָל איז עס אַן אינדיווידועלער שפּראַך־שטריך מיט א געוויסער פּראָפעסיאָנעלער כאַראַקטעריסטיק.

„ — מעכוטן, גיב מיר פאַר מײַן באָכער פּופּציק קערבלעך מעלאָכע־געלט" (ב'ד, 36), — אַזוי זאָגט אַלעמאָל יאָסל־הערש דער סטאָליער, ווען ער מאַכט כאַסענע זײַנעם א זון.

אָפטער איז עס סטאַם אַן אַמכאָ־וואָרט, וואָס ווײַזט דעם סאָציאַלן פּאַספּאָרט פון די „הינטערגעסלעך" ביכלאַל; ס'איז אפילע אָפטמאָל, ווי שוין געזאָגט, ניט אָנגעוויזן דער קאָנקרעטער טרעגער פון די דאָזיקע רייד:

„זע נאָר, ווי ער רירט זיך... א בלײַענער פויגל" (ב'ד, 319), — זאָגט מען וועגן דעם פאַרמעגלעכן אַנטאָנען.

„ — גרויס, ווי א פליי זיצנדיק, און האָט דאָך אין זיך עפּעס א קויעך" (ב'ד, 180), — אַזוי זאָגט מען אין

שטאָט וועגן דעם „אופראווליאיושטשי” פון דער גוראלניע הערלמאַן.

דאָס אלץ איז אין „באם דניעפער”. מיר טרעפן אנאלאָגישע שפראך־אייגנשאפטן בא פאָלקסמענטשן אויך אין „ביראָבידזשאנער”.

די פאָלקס־פראזעאָלאָגיע און אידיאָמאטיק אין די רייד פון „אמכאָ” ווערט אין א געוויסער מאָס דערגאנצט מיט קלאָלעס — א „זשאנער”, וואָס גיט צו רעאליסטישן קאָלאָריט די געהעריקע פערסאָנאזשן. דעם דאָזיקן טיפ פאָלקלאָר טרעפן מיר נאָך אין אייניקע פריערדיקע ווערק בערגעלסאָנס, אשטייגער — אין „דרויב”. דאָרט אָבער זײַנען די קלאָלעס שטאמפירטע, אלעמען באוווּסטע, צום בײַשפיל: א רועכ'ן דײַן טאטן! א רועכ'ן דײַן טרייפענער קישקע! אדג.

אין „באם דניעפער” זײַנען פאראן קלאָלעס אויך פון דעם דאָזיקן מין:

— א כאראָבע אף זיי! אן אויסרײַסעניש! א מיסע־משונע! פון קיין גוטן טאָג זאָלן זיי ניט וויסן!.. (37), — אזוי לאָזט אויס איר אופגעבראכטקייט אף די גווירים דעם פעלצנמאכערס יונג ווײַבל.

אויך אין „ביראָבידזשאנער” קילן זיך אמאָל דאָס הארץ מיט א קלאָלע אייניקע פערסאָנאזשן.

גאנץ אינטערעסאנט זײַנען די זעלטענערע, אָריגינעלערע, קאָלאָריטפולע קלאָלעס אין „באם דניעפער”:

„— גאָט זאָל דיך באשענקען מיט צען קינדער און מיט איין העמד!” (33).

„— עס זאָלן דיר ארויספאלן אלע ציין און עס זאָל דיר בלײַבן איין צאָן אף צאָנווייטעק!” (33).

די דאָזיקע קלאָלעס צייכענען זיך אויס מיט זייער בילדערישקייט און שארפזיניקער אײַנפאלערישקייט.

אָט דער ארט רייד — די געדיכט גענוצטע געפעפערטע און ווולגארע אויסדרוקן און די פארשיידנארטיקע קלאָלעס נעמען זיך ניט פון אײַנגעבוירענער בייזקייט און נאטירלעכער גראָבקייט פונעם ריידער, נאָר פון פארביטערטקייט, פון פארדראָס אף דער שווערער דאָליע. קיין גווירים שעלטן זיך געוויינלעך ניט: ס'איז זיי גוט אפן הארצן. און אפילע ווען זיי האָבן פארדראָס און אגמעסנעפעש, פארוואולירן זיי עס מיט געהויבענע ווערטער, מיט זיסע ריידעלעך. דער פאָלקסמענטש, דער אָרעמאן מאסקירט גאָרנישט ניט (מיר האָבן דערפון שוין גערעדט), ס'איז אים ביטער אף דער נעשאָמע, לאָזט ער עס אויס אין א קלאָלע; דאָס איז א מין רעפלעקס פון אָנמעכטיקייט צו קילן זיך דאָס הארץ מיט עפעס מער מאמאָשעדיקס...

פול מיט זאפטיקער פאָלקספראך זײַנען די פאָלקסלידער, וואָס ווערן אײַנגעפלאָכטן אין דער קאָמפאָזיציע פון „באם דניעפער”. כוץ אלגעמיינבאוווּסטע לידער, ווי „אין דער סאָכע ליגט די מאזל־בראָכע”, „איך גיי ארויס אפן גאנעקל” אדג., טרעפן מיר דאָ אויך אָריגינעלע לידער, סטיליזירטע אין גײַסט פון דער פאָלקסליד. אזא איז די ליד „וועגן אונדזער שוועסטערס זון” (105 — 106) און, באזונדערס, „וועגן שליאָמעלע מיט שיינדעלען” (106 — 107) — א ליד, וואָס איז ענג געבונדן מיט דער כאראקטעריסטיק פון שיינדל די גרויסע: שליאָמעלע שווערט, אז „מע דארף גאָר... רײַך ניט זײַן, א קאפּרע א זאוואָד”, און שיינדעלע, בלײַבנדיק טרײַ איר פראקטיציסטיש־געשעפטלערישער טעווע, דערווידערט: „ניין, שליאָמעלע, ניין, כאָכעמל, א זאוואָד איז טאקע א זאך, פון א ליבע לאָזט זיך א בוידעם אויס, פון ליבע ווערט א טײַך...” (106 — 107).

די דאָזיקע לידער אונטערשיידן זיך פון די פריערדיקע פאָלקסלידער מיט זייער סאטירישן טאָן, אָבער שפראכלעך פארמאָגן זיי די זעלבע פאָלקלאָר־עלעמענטן — סײַ אין ריטם, סײַ אין שפראך: אידיאָמאטיק, פרימיטיווער פארגלײַך, אייגנארטיקע איבערכאזערונג אאוו.

ביכלאל טרעפן מיר אין די רעפליקעס פון די עפיזאָדישע פאָלקס־פערסאָנאזשן אין „באם דניעפער” און פון די מאסן־פארשוינען אין בערגעלסאָנס אנדערע ווערק די זעלבע עלעמענטן, וואָס אין דער שפראך פון יאנקל דעם פורמאן און בוני דער קעכן. דאָס פארשפרייטסטע איז דאָ די רײַכע אידיאָמאטיק, אָט די אינטימע זײַט פון די רייד, די פאָלקס־מעטאפאָר, דער שארף־שניידנדיקער פאָלקס־פארגלײַך, די קלאָלע, דאָס צונעמעניש, דער פאניבראטישער סלאוויזם בענעגייע „הייליקע” זאכן, רעטאָרישער אויסרוף, די עקספרעסיווע פראגע.

„ווי ס'זאָגט ראכמיעל”

די שפראך פון ראכמיעל דעם שוסטער איז פון א גרעסערן דיאפאזאָן, איידער יאנקלס און בוניס שפראך. ראכמיעלס שפראך פארמאָגט אין זיך עלעמענטן פון ברייטערער פאראלגעמיינערונג און פון טיפער פאָלקס־כאָכמע. די שפראך־מיטלען און רייד־מאנירן זײַנען אין ראכמיעלס שפראך א סאך פארשיידנארטיקער.

ראכמיעל פילט מיט פענעקן, האָט אף אים ראכמאָנעס; מיטפילנדיק, דערפרעגט ער זיך בא אים:

„מע שלאָגט דיך אין דער היים? — זאָג דעם עמעס — הא? מע שלאָגט?

מע האָט דיך פײַנט? — נעבעך! וואָס האָט מען צו דיר?” (10).

באגלײַך מיט אלע אין די „הינטערגעסלעך” האָט ראכמיעל א נעקאָמע אין די גווירים, קוקט אף פענעקן, ווי אף „א לעבעדיקער גווירישער אוויירע”. די לעבנס־פראקטיק, דאָס קענען גוט די טעווע פון די נעגידים, וועלכע ליגט שוין אין זייער בלוט, צווינגט אים, וואָס „פון זײַן מויל פילט זיך א רייעך פון טאָנעס”, צו באציִען זיך א ביסל מיט אומצוטרוי צו פענעקס אויסנעמלעכקייט פון די גווירים, און ניט אָן קינע זאָגט ער אים אלעמאָל:

„א ראָסלפלייש, פונדעסטוועגן, עסטו דאָרט? הא? כאפסט ארײַן, גוטערברודער... אלע טאָג... הא?.. גוט צו עסן אלע טאָג א ראָסלפלייש, הא? גוט צו עסן? גוט צו עסן!” (40 — 41).

די געבראכטע רעפליקעס שאפן צוזאמען א קעגנשטעלונג, דורך וועלכער ראכמיעל דריקט אויס די צווייִיקייט פון פענעקס לאגע. אין ביידע רעפליקעס איז פאראן דאָס קינסטלערישע מיטל פון איבערכאזערונג, וואָס אקצענטירט די ווערטער מיט קעגנזעצלעכן אינהאלט: „מע שלאָגט” און „גוט צו עסן”. די פרעג־זאצן אין די פארשיידענע רעפליקעס האָבן א

פאַרשיידענעם אינהאַלט און אַן אַנטשפּרעכיק־פאַרשיידענע אינטאָנאַציע: אין דער ערשטער — איז זי אַ באַדויער־מיטפילנדיקע און איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער הומאַנישקייט פונעם פאָלקסמענטש, וואָס האָט ראַכמאָנעס אפן ליידנדיקן; און אין דער צווייטער — אַ סאַרקאַסטישע, גייט אפילע צום סאָף אַריבער אין אַן אויסרופֿ־אינטאָנאַציע, און זי גיט איבער די לעכצעניש פונעם אָרעמאַן נאָך אַ ראָסלפלייש און די קאָנטראַסטישקייט צווישן אים און דעם אפילע געקריוודעטן נאָגידל, וואָס עסט דאָך אַלע טאָג אַ ראָסלפלייש...

ראַכמיִעל איז באַזונדערס שטאַרק אַלס ווערטלזאָגער. ער באַזאָרגט די גאַנצע שטאָט אָרעמעלײַט מיט ווערטלעך אָפֿ אַ גאַנץ יאָר פאַר יעדן לעבנס־פאַל.

זײַנע ווערטלעך האָבן אַ טיפֿן פילאָסאָפֿישן און סאָציִאַלן אינהאַלט און זײַנען שפּראַכלעך שיין אויסגעפֿורעמט:

„ווער זאָגט עס: „די וועלט איז קײַלעכיק”? און איך זאָג: די וועלט איז גליטשיק; וואָרן (וואָרעם. — כ. ל.) מע זעטך (מע זעט דאָך. — כ. ל.): מע גייט און מע פאַלט — סע העלפֿן ניט אפילע קיין גאָלדענע פּאָדקאָוועס” (567).

אָפֿ אַזאַ אויפֿן נעמט זיך ראַכמיִעל קלוימערשט אַראָפּ אַ מוסער פונעם גווירס טויט. דאָס ווערטל „די וועלט איז קײַלעכיק” מאָדיפֿיצירט ראַכמיִעל אָפֿ זײַנעם אַן אייגענעם אויסדרוק: „די וועלט איז גליטשיק”, קעדיי, ניט אָן נעקאָמע־געפֿיל, מאַכן דעם אויספֿיר, אַז עס פאַלט, ד.ה. עס שטאַרבט, אפילע אַ גוויר, אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס מעטאַפֿאָריש פאַרשטעלט: „סע העלפֿן ניט אפילע קיין גאָלדענע פּאָדקאָוועס”.

צוזאַמען מיט אַלע אָרעמעלײַט קילט ער זיך אַ ביסל דאָס האַרץ, וואָס כאָטשבי אינעם איניען שטאַרבן קען דער נאָגיד זיך ניט איבערנעמען קעגן אָרעמאַן, ער ווערט גאָר מיט אים אַ פֿאַניבראַט:

„אַז אַ מענטש שטאַרבט, ווערט ער דאָך מײַן קאַרעוו, וואָרעם איך וועל דאָך אויך שטאַרבן...” (71).

מיט גאָט און מיט זײַנע הייליקע „יויצער־מעשאָרסים” צערעמאָניעט זיך אויך ראַכמיִעל זייער ווייניק:

„ריבוינעשעלוילעם, דו גיב מיר נאָר פּאַרנאָסע, אַ ביסל בראָנפֿן וועל איך שוין אַליין קויפֿן” (66).

„דאַוונט, לײַדאַקעס!.. האָט מוירע, אַ רוּעכ'ן אײַער בלאָטער אַרײַן, וואָרעם ע... אפילע אַ קאַץ קאָן אויך קאַליע מאַכן, הײַנט ווער שמועסט מוישע ראַביינו אָדער אפילע דער נעסאַנעטייקעף...” (319).

די גאַנצע הימלשע „קדושע” איז דאָ אַראָפּגעשלעפּט אָפֿ דער ערד און איז פאַרשטייגערט געוואָרן. וואָס קאָן זײַן נאָך אַ גרעסערער „כילעלהאַשעם”, ווי פאַרגלײַכן מוישע ראַביינו מיט אַ... קאַץ! מוישע ראַביינו און דער „נעסאַנעטייקעף” איז באַ אים איין קאָנאָביזירטע אַבסטראַקציע, וואָס מע „שרעקט מיט איר די גענדז”...

פֿיל מיט לעבנסלוסט, שאַרפֿזין, לעצאָנעס, וווּליונגערישע פריוואָלישקײַט, זאָרגלאָזע אָפּלאַכערישקײַט פון אייגענער אַמעראַצעס אין די „קליינע אויסיִעלעך” — איז ראַכמיִעלס פאַרטײַטשן דעם „אימרו לעעלויהים” און דעם „אַשער יאָצאַר”. דאָ איז אַזאַ קאָמפּלעקס פון פאַרשיידענע שפּראַך־מיטלען — און הומאָריסטישע דערצו, — אַז ס'איז קעדײַ צו ברענגען די גאַנצע שטעל ווי זי שטייט און גייט:

„אימרו לעעלויהים — רעדט צום לאָמפּ.
גינזיי ניסטאָרעס — געגנדזענע סטרונעס.
אַנשער — אַן אוישער. יאָצאַר — דער יעיִצערהאָרע.
עס — פּרעס.
האָאַדאָם — אָדאָם האָרישן. בעכאָכמאָ — ס'אַ קליינע כאָכמע. אובאָראָ — סע גאָרניט... ס'אַ גרײַז אין סיידער, בוי — פאַרשע בוי. נעקאָווים, נעקאָווים — דאָסן און יענצן... גאָלוי — אַ גוליע. ווּעיאָדוע — אַ יעדיִע...”

די טײַטשן דערמאָנען דאָ שטאַרק אין טעוויע דעם מילכיקנס „טײַטשן”. אייניקע פון זיי באַזירן זיך אָפֿ דעם, וואָס עס ווערט פאַרטײַטשט ריכטיק איין וואָרט, און דאָס טײַטש־וואָרט ציט נאָך זיך אַסאָציִאַציעס פון אַ באַקאַנטן אידיִאָם אָדער פראַזעאָלאָגישן אויסדרוק: אימרו — רעדט, לעעלויהים — צום לאָמפּ, — און ס'שאַפט זיך אַ שאַרפֿע גאָטלעסטערישע פאַרטײַטשונג. פון דעם דאָזיקן טיפּ איז אויך: בעכאָכמאָ — ס'איז אַ קליינע כאָכמע.

די מערהײַט „טײַטשן” זײַנען געבויט אָפֿ דער קלאַנגלעכער ענלעכקײַט צווישן דעם ניט פאַרשטענדלעכן מאַכזער־וואָרט און אַ באַקאַנט אומגאַנג־וואָרט: „גינזיי ניסטאָרעס” — געגנדזענע סטרונעס, „אַנשער” — אַן אוישער, אאַוו.

פּאַראָדירנדיק די באַוווּסטע סענטענץ פון פּיירעק „האיוים קאָציר, וועהאַמלאָכאָ מערובאָ” אאַוו., זאָגט ראַכמיִעל:

„אוי ווײ איז מיר, ווײ איז מיר — דער זומערטאָג איז אַזוי לאַנג... און דער ראָסלפלייש — אַזוי קורץ...” (39).

סאָציִאַל אָנגעזעטיקט איז דאָ די אַנטאָנימיק אין די ווערטער „לאַנג־קורץ”, וועלכע דעקט דאָ אויף דעם גוואַלדיקן אײַנרײַס צווישן לאַנגן אַרבעטסטאָג, פאַר וועלכן ס'קלעקט ניט אָפֿ קיין ראָסלפלייש... און „ראָסלפלייש”, אגעוו, איז דאָ די שיינע, אָבער פּיקטיווע „רעפּרעזענטאַנץ” פון אַ מאָגערן קוליש אָדער גאָר אַ פּיסנע שטיקל ברויט, ווײַל אינעם לאַנגן זומערטאָג, באַזונדערס אינעם וואָכעדיקן, איז דאָך אינגאַנצן קיין ראָסלפלייש, אפילע קיין קורצער, אין די „הינטערגעסלעך” ניט געווען...

מיר האָבן באַטראַכט די שפּראַך פון צוויי קעגנזעצלעכע, אַנטאַגאָניסטישע שיכטן פון „באַם דניעפּער” אין גרונט.

די שפּראַך פון די לעווינס באַזירט זיך אין דער אָדער אין יענער מאָס אפן אײַנרײַס צווישן דער שפּראַך און דעם דענקען, שפּיגלט אָפּ די צוויִעס פון די הערשנדיקע קלאַסן, זייער פאַרינטערעסירטקײַט צו פאַרבאַהאַלטן זייערע עמעסע געדאַנקען און קאַוואָנעס.

אין די רייד פון יאַנקל פורמאַן, בוני דער קעכן און די אַנאַלאָגישע אַנאָנימע ריידער פון „באַם דניעפּער” און טיפֿן פון אַנדערע בערגעלסאָנס ווערק זעען מיר די שפּראַך פונעם געזונטן פאָלקסמענטש, ווי מיר האָבן עס פריִער באַטאָנט. אין זייער שפּראַך איז אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע לעבנס־דערפאַרונג, די גאָרע פאָלקס־כאָכמע און שאַרפֿזין, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין מעשעך פון דוירעס, אויך דער אינערלעכער ווידערשטאַנד קעגן די אונטערדריקערס. דאָס אַלץ דריקט זיך אויס אינעם אײַנגעפֿונדעוועטן אידיִאָם,

אינעם אפאָריסטישן גלײַכווערטל, אינעם לעבנסלוסטיקן פאָלקס־וויץ, אין דער אנטיגווירישער איראָניע און סארקאזם. דאָס איז אופריכטיקע, אָרגאַנישקוועלנדיקע פאָלקסשפראך.

עכטע ליטעראַרישע שפּראַך

שוין אינעם 1־טן טייל „באם דניעפּער" גיט דאָוויד בערגעלסאָן אַן אָנדײַט אף דער ארבעטער־באוועגונג, און אין צוזאמענהאנג דערמיט — אויך אייניקע שטריכן פון נײַעם שפּראַך־באוווסטזײַן און נײַע עלעמענטן אין דער שפּראַך.

אפן ארט ריידן פון אלטער מייטעסעס ייִנגל נאכקע, וואָס ארבעט אין א מעבל־פאבריק, ווײַזט דער אווטאָר, וויִאזוי דער קלאסן־באוווסטזיניקער ארבעטער באקומט א מער שטײַפע שפּראך. נאכקע זאָגט שוין ניט „ארבעטאָרער", נאָר — „ארבעטער", ניט „פאבריקע", נאָר — „פאבריק": ס'ווערט דאָ אָפּגעוואָרפן די קליינשטעטלדיק־פארהיימישטע איבעריקע ענדונג. אָן אָפּשפיגלונג פון אָרגאניזירטקײַט און קאָלעקטיוויסטישן באוווסטזײַן פונעם ארבעטער־קלאס זײַנען די אָפט געניצטע בא נאכקען מערצאָליקע פּערזאָניקע פּראָנאָמען „מיר", „אונדז" — אָנשטאָט „איך", „מיך" אאוו.

אינעם 2־טן טייל „באם דניעפּער", ווו ס'ווערט געשילדערט די געזעלשאפטלעכע, ספּעציִעל די רעוואָליוציִאָנערע, באוועגונג ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905, ווערן ארויסגעפירט פאָרשטייער פון פארשיידענע פארטייען און געזעלשאפטלעכע גרופּעס.

אין די רייד פון די דאָזיקע פּערסאָנאזשןווימלט שוין מיט א סאך אינטערנאציִאָנאלע ווערטער: רעוואָליוציִאָנער, מארקסיסט, רעוויזיִאָניזם, קאפּיטאליזם, אָרגאניזאציע, פּראָלעטאריאט, אבסאָליוטיזם אאוו.

דער שלאָסער פּערלאָווסקי זאָגט:

„ — די בורזשואזיע וועט עס פירן פונמײַנעטוועגן דעם פּאָליטישן קאמף... ס'איז פּראָוואָקאציע!" (ב'ד, 2, 90).

פון דער „איסקראָווקע" אָלגע הערן מיר:

„ — און אויס מיט די מײַסעס, אז „בונד" איז די נאציִאָנאלע אָרגאניזאציע פונעם ייִדישן פּראָלעטאריאט, אויס מיט זײַן באזונדערער פּראָגראם, אויס מיט צעברעקלען דעם קאמף פונעם פּראָלעטאריאט אין דאָרעם־מײַרעוודיקן קאנט, ווו ייִדישע ארבעטער זײַנען אַרײַנגעצויגן אין דער אלגעמיינער סאָציִאלדעמאָקראטישער אָרגאניזאציע. דאָס אלץ איז עכטער נאציִאָנאליזם" (ב'ד, 2, 133 — 134).

ניט בלויז אינטערנאציִאָנאליזמען באנײַען דאָ די שפּראך, — ס'שטייגערן דאָ אזעלכע ווערטער, וואָס די אומגאנגלעכע רייד־שפּראך האָט זיך לײַכט געקאָנט באגיין אָן זיי, אָבער וואָס זײַנען אומבאדינגט נייטיק אין א קאָנדענסירטער אָרגאניזירטער שפּראך פון אן אקטיוויסט: „קאמף", „אלגעמיינע", „עכטע" אדג.

לויטן זאצבוי איז די שפּראך פון אָלגע און איר גלײַכן מאקסימאל אָרגאניזירט: ס'איז דאָ ברייט פאָרגעשטעלט די סובאָרדיניר־סטרוקטור, ס'זײַנען דאָ סימעטריש געבויט די קאָאָרדינירע זאצן מיט אָראטאָריש זיך איבערכאזערנדיקן „אויס מיט" און מיטן סומירנדיקן שלוס־זאץ „דאָס אלץ איז..."

בא אייניקע ביראָבידזשאנער פּערסאָנאזשן פּאָרט זיך שוין די עלטערע פאָלקס־לעקסיק מיט ווערטער פונעם נײַעם פּאָליטיש־אָנגעזעטיקטן לעבן, אף וויפל דער נײַער באוווסטזײַן הייבט אָן עטוואָס באפארבן דעם אײַנגעפונדעוועטן שפּראך־ און דענקען־פארמעג אויך בא די מאסן־מענטשן.

אָנגעזעטיקט מיט אינטערנאציִאָנאליזמען און באַרײַכערט מיט סאָוועטיזמען איז די רייד פון שימקעס ווײַב. זי רעדט, לויטן אווטאָרס באצייכענונג, „אף דער שפּראך, וואָס זי האָט מיט זיך געבראכט פונעם קאָלווירט, וואָס הינטער מינסק":

„ — אונדזער שעף. דער הויפּט־טעקסטיל־צענטער" (234).

„ — ניט קיין פּערזאָנען, נאָר אינסטיטוציעס" (241).

„ — סאבאָטאזש פון דער העכסטער מאדרייגע" (251).

„ — וואָס קוקט איר מיך אזוי אָן?.. וואָרעם דאָס אלץ, אז איר וועט זאָגן אף א פארזאמלונג, וועט עס זײַן זעלבסטקריטיק, און אז איר זאָגט עס דאָ אין דער שטיל, איז דאָס, האָט קיין פאריבל ניט, אָדער האָט יאָ פאריבל, די געוויסע שעפּטשערײַ... מיר קענען זי... אדרעבע, קומט טאקע מיט דעם צו אונדז אף דער אָקטיאבער־פײַערונג, און זאָלן מיר דאָרט אלע וועגן דעם וויסן..." (251).

און אָט איז ארקעס אן ארויסטרעטונג:

„ — די פּארטיזאנער, וואָס האָבן ארום דער וואָלאָטשײַעווער סאָפּקע געשלאָגן קאָלטשאקן, האָבן דאָרט א פּארט־קעמערל און א קאָמיוג־קעמערל. זיי האָבן אין זייער צײַט ניט דערלאָזט, די אינטערווענטן זאָלן זיך אַרײַנרײַסן אין אונדזער באָלשעוויסטיש לאנד, און זיי געגעבן איבער דער טרייפענער מאָרדע..."

דער היימישלעך־פּאָלקסטימלעכער באמערקזאץ („האָט קיין פאריבל ניט" אדג.), דער עמאָציִאָנעל־מעטאָנימישער פּראזעאָלאָגיזם („געגעבן איבער דער טרייפענער מאָרדע" אדג.), די אומגאנגלעכע ריידאַרטיקע פראגע, וואָס אָפט גיט מען אף איר גלײַך אן ענטפער, ביכלאל די העלע, קאָלאָריטפולע פאָלקסשאַפונג איז אין „ביראָבידזשאנער" איבערגעשאָטן מיט אינטערנאציִאָנאליזמען און סאָוועטיזמען, און דאָס איז געזעצמעסיק. דער נײַער זײַן פורעמט ביסלעכווײַז איבער דעם מענטשנס באוווסטזײַן. דער נײַער און זיך באנײַענדיקער באוווסטזײַן פירט צו נײַע שפּראך־דערשײַנונגען אין די רייד פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאזשן.

* * *

דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראך איז זייער א רײַכע, פילארטיקע און, באזונדערס אין סאָוועטישן פּעריִאָד, אן עכט רעאליסטישע. רײַך און אינטערעסאנט איז זײַן בילדערישקײַט. זי שפּילט מיט אלע קאָלירן פון דער וואָרט־פּאליטרע: ווו עס פּאסט — מיט איינאַרטיק־טונקעלע, ווו ס'איז צום אָרט — מיט העלע, בונטע. די שפּראך פון די פּערסאָנאזשן איז מאקסימאל דיפערענצירט, סאָציִאל אָנגעזעטיקט. בערגעלסאָנס שפּראך איז די העכסטע שטופּע פון דער קריסטאליזירטער, געלײַטערטער, הויכקוואליפיצירטער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראך, אײַנגעשלאָסן די זאפטיקע און כיינעוודיקע פאָלקלאָר־עלעמענטן, מיט אלע אירע דערגרייכונגען פאר דער סאָוועטישער עפּאָכע. בערגעלסאָנס שפּראך — דאָס איז די רײַכע, סינטעזירטע סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַרישע שפּראך.

■ ■ ■

מענדעלעס א בריוו צום באראָן גינזבורג



אין ארכיוו פון דעם באראָן גינזבורג, דאוויד גאָראַציַעוויטש, וואָס געפינט זיך אין דער לענינ־גראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף סאלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָ־מען, זײַנען פאראן בריוו פון ייִדי־שע און העברעיִשע שרײַבער.

מיר ברענגען דאָ א בריוו, וועלכן באראָן גינזבורג האָט באַ־קומען פון מענדעלע מויכער־ספאָרים.

אדעססא 21 אפריל 1902.

אדוני הנעלה והנכבד!

מודה אני לאדוני אשר כבדני בכתיבת מנהגי יהודי ארצנו ודר־כיהם בשביל „אוצר חכמת ישראל וחכמיו" בלשון אנגלית. איך שאני חפץ לשאת פניו לדבר הזה, למענו ולמען אביו המרומם, שגמלני טוב, על־כרחי ולמורת רוחי לא אוכל הפעם לעשות רצונו. כי לכתוב ענין זה שהוא לעצמו גדל־הערך ורחב מאד ועוד לצמצמו באופן שיהא המועט מחזיק את המרובה — קשה מאד, והרי הוא כאומר: כתוב תרי"ג מצות בת"ר (600) תיבות. ואם במצוות כך קל־וחומר במנהגים, שעולים לתרי"ג פעמים תרי"ג! — ולא עוד אלא גופי הצריך תיקון מרוב עבודה ושאר עבודות־ספרותיות ישנות גם חדשות, שאין לדחותן, אונסים אותי להפטר מענין זה, שאדוני מציע לפני — ועמו הסליחה.

בברכת שלום וברגשי כבוד ויקר כרוב ערכו הרם

ש. י. אבראמאָוויץ

ד י א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג

אָדעס, 21 אפרעל 1902

הויכגעשעצטער און כאָשעווער הער!

איך דאנק מײַן הער, וואָס ער לייגט מיר פאָר דעם קאָוועד אָנצור־שרײַבן (אַן ארטיקל אף דער טע־מע) „די מינהאָגים בא די ייִדן אין אונדזער לאנד (אין רוסלאנד) און זייער שטייגער" פאר דער אויס־גאבע אין ענגליש „דער אויצער פון דער ייִדישער וויסנשאפט און די ייִדישע געלערנטע". וויאזוי איך וואָלט ניט וועלן אײַך צופרידנ־שטעלן אין דעם איניען, — צוליב אײַך און צוליב אײַער הויכגע־שעצטן פאָטער, וואָס האָט מיר גוטס געטאָן, — בין איך געצווונ־גען קעגן מײַן ווילן דאָסמאָל נישט אויספילן אײַער באקאָשע. ווײַל שרײַבן וועגן אזא איניען, — וואָס איז פאר זיך אליין זייער וויכטיק און גרויס אין פארנעם, — און אף אזא מין אויפן אים אײַנשרומפן, אז (ווי עס קלינגט דאָס העברעיִשע שפּריכוואָרט) „דאָס באגרענעצטע זאָל אנטהאלטן דאָס פולע", איז שטארק שווער. דאָס איז געגליכן צו דעם, ווי מע וואָלט זאָגן: שרײַב אָן די טאריאג (613) מיצוועס (פון דער טוירע) אין 600 ווערטער. און אויב דאָס איז שײַעך די מיצוועס, איז דאָך אלקאָלשקיין מינהאָגים, וועמענס צאָל דערגרייכט ביז 613 מאָל 613. אויסער דעם, איז מײַן געזונט־צושטאנד, — וואָס נייטיקט זיך אין פאריכטן מאכמעס שטאר־קער פארהאָרעוועטקײַט — און פארשיידענע אלטע און נײַע לי־טערארישע ארבעטן, וועלכע מע קען ניט אָפּלייגן, די סיבעס, וואָס צווינגען מיך אָפּזאָגן זיך פון דעם איניען, וועלכן מײַן הער לייגט מיר פאָר. און איר וועט מיר מוזן אנטשולדיקן.

מיט די בעסטע ווונטשן און טיי־פער אכטונג, ווי עס פאסט אײַער הויכקײַט

ש.־י. אבראמאָוויטש

דער פארעפנטלעכטער בריוו איז אינטערעסאנט אלס שטאָף פאר

מענדעלעס ביאָגראַפיע. מענדע־לע איז אין מאָמענט, ווען ער האָט געשריבן דעם בריוו, גע־ווען שטאַרק פאַרנומען מיט זײַנע אַרבעטן. דאָס באַשטעטיקט זיך אויך פון א בריוו, וואָס מענדעלע האָט געשריבן דעם 1 אַפּרעל 1902 צו שאָלעם־אַליכעמען. אין דעם בריוו איז צווישן אַנדערס געזאָגט: „היינט וועגן אײַער באַקאַשע וועגן דער ביאָגראַפיע מײַנער, מוז איך פאַר צאַרעס לאַכן. איר זײַט מיך מעכאַבעד מיט אַזאַ אַרבעט, וואָס איז היינט איבער מײַנע קויכעס. קאָרג האָב איך אַף מיר אָן דעם אויך. איך האָב נישט קיין צײַט צו טעטמען, דעם שרײַב, יענעם שרײַב, דאָ פיר א שולע, דאָ האַלט דראָשעס, גיי זײַ א שטאָט־באַלטוי־ווע, אוי, ווו נעמט מען קויכעס?[1]

וועגן דעם קאָנטאַקט פון מענדעלען מיטן באַראָן ד. גינזבורג.

דאָ איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז דער נאָמען פונעם באַראָן גינזבורג ווערט בלויז איין מאָל דערמאָנט אין „מענדעלע־בוך", אין פאָלגנדן צוזאַמענהאַנג.

שימען דובנאָוו גיט איבער אין זײַנע זיכרוינעס וועגן מענדעלען:

„ער האָט מיר אָפטמאָל דערציילט עפּיזאָדן פון זײַן פּערזענלעכן לעבן: וועגן יענע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין ווילנער ראַמיי־לעס יעשיווע. ווינטער איז ער דאָרט געשלאָפן אָף דעם קאַלטן פּענצטער, ווײַל ס'האָבן געפעלט בענק; וועגן דער צײַט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק מיט גאָטלאָבערן, אין קרײַז פון „קאַזיאָנע" לערער און אַקציזניקעס — באַאַמטע פון דער אָרטיקער בראַנפן־קאָנטאָר פון באַ־ראָן גינזבורג"...[1]

ל. ווילסקער

[1] נאַכמען מײַזיל. דאָס מענדעלע־בוך. ניו־יאָרק, פאַרלאַג „איקוף", 1959, ז. 182, בריוו נומ. 144.

[1] דאָרט, ז. 431, אין דער אַרבעט „פון מענדעלעס שמועסן".

כראָניק

צום אָנדענק פון אווראָם וועלעדניצקי

ניט לאַנג צוריק האָט די ליטע־ראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון אוקראַינע אָפּגעמערקט 75 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער באַקאַנטער ייִדישער דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער אווראָם ווע־לעדניצקי.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאַטע האָט די קיִעווער צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" פאַר־עפנטלעכט אין איר נײַיאָר־נומער דעם דיכטערס ביאָגראַפיע און א ציקל לידער אין דער איבערזע־צונג פון א. קאַצנעלסאָן.

ייִדישע ספּעקטאַקלען אין שטעטעלע בעלץ

ווי עס טיילט אונדז מיט דער לייענער פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד" בוזי שענקער, איז אין בעלץ, אינעם גרויסן זאַל פונעם שטאָטישן קולטור־הויז, אַרויסגע־טראָטן דער קעשענעווער ייִדי־שער פאָלקס־טעאַטער. ביידע ספּעקטאַקלען — „ניי־קאַסרילעוו־קע", לויט די מאָטיוון פון שאָ־לעם־אַליכעמס דערציילונגען, און אווראָם גאָלדפאַדענס „די קישעפ־מאַכערן" — זײַנען דורכגעגאַנגען באַ פולע אַנשלאַגן.

„די קעשענעווער אַרטיסטן, — שרײַבט ב. שענקער, — האָבן מיט זייער שיינער שפּיל מאַמעש באַ־צויבערט די בעלצער צושויער. א יאַשער־קויעך דעם טאַלאַנטפולן טעאַטער־קאָלעקטיוו, צוזאַמען מיט זײַן יוגנטלעכער טאַנץ־גרופּע און דעם אָרקעסטער. אונדזער ווונטש צום פאָלקס־טעאַטער: קומט צו אונדז אָפטער, וועט איר קיין געסט ניט זײַן".

קורצע רעצענזיעס

„מײַן ליבשאַפט דער וועלט איך צעשענק"

(מאָטל גרוביאַן. „אומרויִקער ווינט". „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1971).

„זאָל דער דיכטער ריידן פאַר זיך אַליין", — האָב איך אַ טראַכט געטאָן באַם נעמען זיך צו דער פּען, און שוין געוואָלט אָנהייבן אָפּשרײַבן ציטאַטן פון דער זאַמלונג. אָבער באַלד האָב איך אײַנגעזען, אַז מיט ציטאַטן אַליין קאָן מען דאָ ניט אָפּקומען. ווײַל — גיי און רײַס אַרויס אַ ציטאַט פון אַ פאַרגאַנצטער ליד, אין וועלכער עס רוישט אַ יאַם און שרײַבט מוזיק צו די ווערטער פון אַ דיכטער; אָדער באַנוגן זיך מיט אַ ציטאַט פון דער ליד, אין וועלכער די צווייטשערלעך און פליגעלעך און קיִעלעך פון וואַלד בעטן זיך, מ'זאָל אַף זיי ניט טרעטן; אָדער ברענג ציטאַטן פון יענע אַלע לידער, אין וועלכע פּאָעטן נעמען אַראָפּ מיט די הענט לעוואָנעס פון יעדן פּײַכטן בלעטל, און ווו זיי זײַנען פאַרליבט אין הימלען, וואָס שלעפּן צום יאַם זייערע עקן, ווי גאָלדענע פּאַוועס; און פּרוּוו אין אַ ציטאַט געבן צו דערפילן דעם ווייטעק פון ליפּן, וואָס ווערן אָפּגעבריט דורך אַ שטערן, דעם ציטער פון אַ שטראַל, מיט וועלכן מע בינדט שטילערהייט איבער אַ האַרץ, וואָס וויל ציכטיק שטאַרבן, אויסזינגענדיק פאַר דער וועלט די ריינסטע ליד...

ניין, קיין שום פון טעקסט אַרויסגעריסענע ציטאַט וועט ניט קאָנען איבערגעבן דעם פליגל־פלאַטער פון יענער אויסטערלישער וועלט, איבער וועלכער עס שוועבט אונדזער דיכטערס בענקשאַפט און טרויער און פרייד און באַגײַסטערונג, און קיין שום פון טעקסט אָפּגעטיילטע שורע איז ניט בעקויעך צו דערטראָגן דעם גאַנצן גליִענדיקן אָטעם פון דער עמאָציאָנעלער און עסטעטישער אָנלאָדונג פון זײַן וויזיע. אַפּאַנעמעסן אַרײַנלעבן זיך אין דעם קאָן מען דאָך נאָר באַם פאַרטיפן זיך אין דער גאַנצער ליד, אין דעם גאַנצן „אומרויִקן ווינט".

איז לאָמיר טאַקע ניט צעוואַקלען די ווענט פון דעם דיכטערס אויסגעכאָלעמטן פּאַלאַץ מיט אַרויסרײַסן פון דאָרט איינצלנע גינגאָלדענע ציגל, לאָמיר איבערלאָזן אין זײַן גאַנצקײַט דעם אומרויִקן ווינט (מיט און אָן גענדזנפּיסלעך), און לאָמיר בעסער געניסן מיט פולע האַוודאָלע־קויסעס דעם ווײַן פון גרוביאַנס ברויזנדיקער פאַנטאַזיע — פון דער פאַנטאַזיע, מיט וועלכער ער קײַקלט איבער דער וועלט די רייף, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשלאָגן פאַר זיך און פאַר אונדז פון ביידע העלפטן רעגנבויגן.

אָבער, פון דער אַנדערער זײַט, — קאָן מען דען שרײַבן וועגן גרוביאַנס לידער, ניט ברענגענדיק קיין שורע פון זיי? איז זאָל מיר דעריבער פאַרגעבן ווערן מײַן ניט־אויסגעהאַלטנקײַט, ווײַל באַלד אַפן אָרט טרעט איך אַרײַן אין אַ ווידערשפּרוך צו זיך אַליין, און אין סטירע צו דעם אַרײַנפיר, אין וועלכן איך האָב זיך פאָרגענומען ניט צו ציטירן, וועל איך דאָך ציטירן עטלעכע שורעס, אין וועלכע אונדזער דיכטער אַנטפלעקט דעם סאָד פון זײַן דיכטונג, פון אירע אָנהייבן און פון אירע ענדצילן:

„...אַף יעדן בלאַט פון בוים קריץ איך מײַן גלויבן אין מענטשלעכן טרוים..." און „...מײַן ווירטשאַפט — מײַן ליבשאַפט — דער וועלט איך צעשענק..."

מיט אָט דעם טיפן גלויבן אין מענטשלעכן טרוים, מיט אָט דער ליבשאַפט צו מענטשן און צום לעבן אָטעמט גרוביאַנס דיכטונג. פון יעדער שורע זײַנער זעען מיר אַרויס די גרויסע געטרײַשאַפט צו דער דאָזיקער דערהויבענער שליכעס, און יעדער שלאָג פון זײַן איידל דיכטעריש האַרץ רופט זיך אָפּ אין אונדזער געמיט מיט פאַרבענקטקײַט נאָך מענטשלעכן טרוים, מיט דער פאַרבענקטקײַט, וואָס איז דער אָנהייב פון יעדער שעפערישקײַט.

אָט די גרויסע און זעלטענע אייגנשאַפט פאַרמאָגט גרוביאַנס לײַדנשאַפטלעכע בילדער־וועלט. ניט לײַכט איז אויפצונעמען די אייגנאַרטיקע וועלט, אין וועלכער זײַן וויזיע פירט אונדז אַרײַן. אַ וועלט, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון דער, צו וועלכער אונדזער אויג און האַרץ זײַנען צוגעוווינט. נאָר געפינען מיר אין זיך קויעך און מוט און פאַרשטענדעניש און געפיל אַף צו באַזיניקן די וועלט פון דעם דיכטער, — ווערן מיר מיטאַמאָל באַרײַכערט, אַלץ צעבליט זיך און צעשפּילט זיך פאַרן אַנציקטן און באַגײַסטערטן בליק מיט וווּנדערלעכער פילפאַרביקײַט און צעקלינגט זיך פאַרן פאַרקישעפטן געמיט מיט הערלעכע קלאַנגען...

און דערגרייכן דערגרייכט אונדזער דיכטער אָט די הויכע מאַדרייגע פון באַווײַזן אונדז די וועלט אין אַ נײַ ליכט און פאַרב און קלאַנג ניט בלויז מיט זײַן ראַפינירטער וויזיאָנערישקײַט, נאָר דעריקער מיט דעם, וואָס פון אָט די אויסטערלישע וויזיעס קוקט אַרויס זײַן גרויסע פאַרוווּנדערטקײַט. אומעטום און אין אַלץ זײַנען פאַרבאָרגן פאַר אים וועלטן מיט סודעס. גרוביאַנס לידער זײַנען געבוירן געוואָרן טאַקע פון אָט דער טמימעסדיקער פאַרכידעשטקײַט.

אַוואַדע וועט דער לייענער דערבײַ זאָגן — און מיט רעכט, — אַז אַזאַ באַהויפּטונג דאַרף באַווײַזן ווערן מיט בײַשפּילן. וועל איך אים אָנווײַזן, לעמאָשל, אַף דער ליד וועגן דער טיפּאָגראַפיע באַם יאַם; אָדער דאָס

דערשיטערנדיקע בילד, ווי דער דיכטער שטייט „אומבאהאָלפן... מיט אויגן פול טרויער" אפן ברעג יאם, ווו ער האָט פארלוירן א ליד. אָדער די גראָטעסקע ווענדונג צו דעם קאָפּ, ער זאָל אופהערן טראכטן, ווייַל „נעמסט מיט דייַן טראכטן דעם קאָפּ מיר אראָפּ..."

יעדע איינע פון די הונדערט צוויי און דרייַסיק לידער, וועלכע גייען אריין אין בוך, פּראַלט אוף פאר אונדז א פענצטער אין א וועלט פון אייגנארטיקער וויזיע, אין א וועלט פון באזונדערער שיינקייַט און ליכט, און דורך יעדן פון די פענצטער דערזעען מיר אין א נייַער ווונדערלעכער אָפּגעשליפנקייַט און יאָמטעוודיקער שייַן אזעלכע זאכן, וועלכע מיר גייען אין דער וואָכעדיקייַט אזוי אָפט גלייַכגילטיק פארבייַ...

אף זייַנע אייגענע, פון קיינעם ניט באטראָטענע וועגן פירט אונדז אויך מאָטל גרוביאן, בייס ער וויקלט פאנאנדער די בלוט־ און פייַער־מעגילע פון אונדזער פאָלקס־פייַן אין דער טראגישער צייַט פון די היטלערישע רעציכעס. איבערנעמענדיק אף זייַנע קיילים די דאָזיקע טעמע, באווייַזט ער דעם כורבן ניט מיט הארצרייַסנדיקע רייד, שטייענדיק דערבייַ אליין אָן א זייַט, נאָר ער ווערט אינגאנצן, פון קאָפּ ביז די פיס, אָנגעטאָן „אין א פראק פון אש, אין א הוט פון בלוט", און בייס ער פרעגט באם געטאָ־קינד: „ייִנגעלע, עמעס, אז בעשאס א מאָלער נעמט מאָלן דייַנע האָר, דייַנע אויגן, ווערט ער אליין א בארג אש?", ווייסן מיר, אז אָט דער אין אש פארוואנדלטער מאָלער איז דער דיכטער אליין; און ווען ער רופט אויס: „מייַן האלדז — דער קוימען, דורך וועלכן די נעשאָמעס זייַנען צום הימל געפלויגן", פילן מיר צוזאמען מיט אים, ווי אין האלדז ווערגט אים און שטיקט, און עס ווערגט און שטיקט אויך אונדז.

אָט אזוי מאָלט גרוביאן מיט שטרענגע פארבן די בילדער, וואָס זייַנען באלויכטן מיט געשפענסטיקער גענעם־שייַן.

אָבער אויך טויערן צום ליכטיקן „טרייסט מייַן פאָלק" עפנט אונדז גרוביאן מיט זייַן דיכטונג, מיט זייַן אומופהערלעכן שירע־זינגען לעקאָוועד דעם לעבן, מיט זייַן גרויסער ליבשאפט און הארציק־רירנדיקער איבערגעגעבנקייַט צום פאָלק, צום אָנדענק פון טאטעמאמע, צו ייִדיש־לאָשן און צו אלץ, וואָס פאָלקסטימלעך איז. און אויב אפילע ער רעדט וועגן טרויעריקע זאכן און אָפטמאָל ווערט דאָס הארץ פארקלעמט, איז דאָס אָבער א ליכטיקער, דורכזיכטיקער טרויער, וועלכער ווערט געלייַטערט אין דעם איידעלן פייַער פון עכטער קונסט.

איך האָב זיך ניט פארמאָסטן צו געבן אַן אויסשעפּנדיקע און אלזייַטיקע אָפּשאצונג פון מאָטל גרוביאנס לידער־זאמלונג. מייַן קאוואָנע איז געווען נאָר זיך צו טיילן מיט אייַנדרוקן און שטימונגען, ארויסגערופענע דורך דעם דיכטערס אומרוּיִקן ווינט (ווידער מיט און אָן געגנדזנפיסלעך), און ארויסזאָגן דעם צארטן ליריקער מייַן הארציקן דאנק פארן שענקען דערהויבענע מינוטן פון מיטלעבן און מיטשאפן מיט אים און פארן ארייַנעמען מיך פאר א שוטעף אין זייַן ווונדערלעכער „ווירטשאפט" — דער ליבשאפט, וואָס ער „צעשענקט דער וועלט" מיט אזא ברייטער האנט און מיט אזא אָפן הארץ.

מארק ראזומני

א בוך וועגן טעאטער

(זאלמען זילבערצווייַג. האנטבוך פון ייִדישן טעאטער". מעקסיקאָ, 1970).

דער אומדערמידלעכער ייִדישער טעאטראלאָג, אוטאָר פונעם פילבענדיקן „לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאטער" זאלמען זילבערצווייַג — האָט מיט דער הילף פון א לאָס־אנדזשעלעסער בוך־קאָמיטעט און יעכידים־בייַשטייַערער ארויסגעגעבן א „האנטבוך פון ייִדישן טעאטער", אָפּגעדרוקט צוליב טיפּאָגראפישע בילייקייַטס־טייַמים אין דער הויפּטשטאָט פון מעקסיקע. דאָס בוך שטעלט מיט זיך פאָר א פארברייטערטן ביבליאָגראפישן אָנווייַזער פון 179 ווערק, הויפּטזאכלעך וועגן ייִדישן טעאטער, פארפאסטע פון 128 אוטאָרן און דערשינענע אין פארשיידענע צייַטן און לענדער אף פארשיידענע שפּראכן: אין ייִדיש — 155 ביכער, העברעיִש — 3, רוסיש — 4, פּויליש — 2, ענגליש — 8, דייַטש — 3, שפּאניש — 3, און אין פראנצויזיש — 1 בוך. קימאט יעדעס פארעגיסטרירט ווערק איז פארזען מיט א קורצער אנאָטאציע, וואָס גיט א פאָרשטעלונג וועגן דער טעמע פונעם ווערק. דער אינהאלט פון דעם „האנטבוך" איז צונויפגעשטעלט לויטן אלעפבייס פון די מעכאברים, און כוץ דעם איז דער מאטעריאל קלאסיפיצירט אין א נומערירטער אָרדענונג לויט די זשאנרען, ווי, צום בייַשפּיל, ביכער וועגן טעאטער־געשיכטע, טעאָריע, קריטיק, זיכרוינעס, ביִאָגראפיעס און אווטאָביִאָגראפיעס פון שוישפּילער, טעאטער־טוער, פּיעסן־שרייַבער און קאָמפּאָזיטאָרן אאוו. אין דעם „האנטבוך" זייַנען אויך אייַנגעשלאָסן ביבליִאָגראפישע יעדיִעס וועגן צוויי פילם־ביכער, דערשינענע אין ייִדיש. דאָס זייַנען: י. ליובאָמירסקיס בוך „קינעמאטאָגראף" (מאָסקווע, 1930) און ד. מאטיס „די וועלט פון טשארלי טשאפלין" (ניו־יאָרק, 1959), ווי אויך וועגן צוויי טעאטער־ראָמאנען: שאָלעם־אלייכעמס בארימט ווערק „בלאָנדזנדע שטערן" און דעם ווייניק־באקאנטן ראָמאן פון לעאָן דרייקורס „קוליסן" (פארלאג כ. בזשאָזע, ווארשע, 1927). אין דער אנאָטאציע צום בוך „קוליסן" ווערט אָנגעוויזן, אז דער זשורנאליסט און שוישפּילער לעאָן דרייקורס איז בעשייַטע אין טשעכאָסלאָוואקיע געווען איינער פון די גרינדער פונעם דאָרטיקן ייִדישן טעאטער (ז. 35).

זאלמען זילבערצווייַג רופט אָן זייַן „האנטבוך" אויך שטודיר־בוך און דערקלערט אין זייַן „ארייַנפיר" (זז. 4 און 7), אז ס'איז א מין „וועגווייַזער, וואָס זאָל באקאנען דעם פאָרשער אָדער דעם טאלמיד, וואָס וויל

בעעמעס לערנען די ייִדישע טעאַטער־געשיכטע, גענוי מיט די מעקורים, קוואַלן, צו וועלכע ער זאָל זיך קענען ווענדן פאַר זײַן אינפאָרמאַציע". מיט רעכט ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז מיטן אַרויסגעבן דעם „אַנטבוך" איז ווײַט ניט אויסגעשעפּט דער אינפאָרמאַטיווער ביבליאָגראַפיש־קריטישער קוואַל, ווײַל „אויסער די ספּעציעלע ביכער איז נאָך פאַראַן אַ ריזיק גרויסע טעאַטראַליע אין די פאַרשיידענע ספּעציעלע ייִדישע טעאַטער־ און קונסט־זשורנאַלן, אַ צאָלרײַכע קריטיק, רעצענזיעס, אַרטיקלען, אינטערוויוען וועגן ייִדישן טעאַטער אין דער ייִדישער און ניט־ייִדישער פּעריאָדיק".

וויאַזוי זײַנען אָפּגעשפּיגלט אין „אַנטבוך" די ריישוינים פון ייִדישן טעאַטער? וועגן דעם גרינדער פון מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער אַווראָם גאָלדפאַדן זײַנען ביבליאָגראַפיש באַאַרבעט 11 ביכער, פון זיי אין ייִדיש — 8, אין דײַטש — 1 (פון אַדאָלף הענריך לאַנדאַו, ווין, 1908), 1 בוך אין שפּאַניש (פון ייִצחק טורקאָוו — גרודבערג, בוענאָס־אײַרעס, 1969) און 1 — אין העברעיש (פון רווון גאָלדבערג, ירושלאַיִם, 1970). וועגן דעם רעפאָרמאַטאָר פון פאַררעוואָליוציאָנערן ייִדישן טעאַטער יאַקאָוו גאָרדין זײַנען אַנאָטירט 4 ווערק (אַלע אין ייִדיש), וועגן גרויסן סאָוועטישן בינע־קינסטלער ש. מיכאָעלס — 5 ביכער (פון זיי 1 בוך אין רוסיש, דאָס איז י. ליובאָמירסקיס מאָנאָגראַפיע וועגן מיכאָעלסן, מאָסקווע, 1938). לײַדער איז אין „אַנטבוך" דורכגעלאָזט דאָס גלענצנדע איליוסטרירטע בוך פון און וועגן ש. מיכאָעלסן אין רוסיש אונטערן טיטל „אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס", דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „איסקוסטוואָ", 1964, 612 זײַטן. וועגן דער מאַמען פון ייִדישן ביזרעוואָליוציאָנערן טעאַטער אין רוסלאַנד עסטער־ראָכל קאַמינסקע טרעפן מיר דאָ דרײַ ווערק:

1) ז. זילבערצווײַג — „די וועלט פון ע.־ר. קאַמינסקאַ", מעקסיקאָ, 1969 (דאָס איז פאַקטיש אַ זאַמלבוך וועגן איר לעבן און שאַפונג), 2) טורקאָוו — גרודבערג „די מאַמע ע.־ר. קאַמינסקאַ", וואַרשע, 1953 (איר שעפערישע ביאָגראַפיע), און 3) מאַרק טורקאָוו — „בריוו פון ע.־ר. קאַמינסקאַ", ווילנע, 1927 (אין בוך זײַנען פאַרעפנטלעכט 73 בריוו פון דער קינסטלערן).

די צאָל סאָוועטישע מעכאַברים, וועמענס טעאַטער־ביכער ווערן באַהאַנדלט אין דעם „אַנטבוך", באַטרעפט עלף. דאָס זײַנען: נ. אויסלענדער — „ייִדישער טעאַטער", מאָסקווע, 1940; בער אָרשאַנסקי — „טעאַטער־שלאַכטן", מאָסקווע, 1931; אַלעקסאַנדער דײַטש — „מאַסקעס פון ייִדישן טעאַטער" (אין רוסיש, אָרט און יאָר פון דערשײַנען ניט אָנגעוויזן); י. ליובאָמירסקי — „דער רעוואָליוציאָנערער טעאַטער", מאָסקווע, 1926; מ. ליטוואַקאָוו — „פינף יאָר מעלוכישער ייִדישער קאַמער־טעאַטער", מאָסקווע, 1924; פּ. מאַרקיש — „מיכאָעלס", מאָסקווע, 1948; זאַמלבוך „מיכאָעלס", מאָסקווע, 1948 (רעדאַקטאָר ע. פאַלקאָוויטש); ש. מיכאָעלס — „אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס", — בוענאָס־אײַרעס, 1961; א. פּײַל — „דאָס לעבן פון אַ ייִדישן אַקטיאָר" (אין רוסיש), מאָסקווע, 1938 (ס'איז אָן אויטאָביאָגראַפיע); ל. רובינשטיין — „דראַמקרײַז", מאָסקווע, 1925; י. דאָברושין — „ב. זוסקין", מאָסקווע, 1939 (אין „אַנטבוך" איז ניט אָנגעוויזן י. דאָברושינס נאָמען אַלס אויטאָר פונעם בוך „ב. זוסקין", און ס'איז אינגאַנצן דורכגעלאָזט דאָס ווערק פון י. דאָברושין „די דראַמאַטורגיע פון די קלאַסיקער", מאָסקווע, 1948. וועגן „מכאַט" איז פאַרנאָטירט אַב. קאַהאַנס בוך אונטערן נאָמען „מאָסקווער מעלוכע־טעאַטער", אַרויסגעגעבן פון דער טשיקאַגער אַרבעטער־קולטור־ליג, 1923.

דער אָנגעזעענער רוסישער געלערנטער און ביבליאָגראַף סעמיאָן אַפאַנאַסיעוויטש ווענגעראָוו האָט געשריבן: „ביבליאָגראַפיע אַן און פאַר זיך גיט ניט קיין וויסן, נאָר דינט אַלס שליסל צו וויסן". דאָס איז וויאָנגעמאָסטן צום „אַנטבוך", וואָס איז אַ געוויסער שליסל צו דער רײַכער ליטעראַטור וועגן טעאַטער (ניט נאָר ייִדישן!) און וועגן טעאַטער־טוער.

אין די אַנאָטאַציעס פעלט אָפּטמאָל די אָפּשאַצונג, די מיינונג, די רעקאָמענדאַציע פונעם מעכאַבער גופע. אָבער ביכלאַל איז אין „אַנטבוך" אַרײַנגעלייגט פיל אינפאָרמאַטיווע פאָרש־ און זוך־אַרבעט, און אין דעם זין קומט דעם פּראָדוקטיוון טעאַטער־שרײַבער זאַלמען זילבערצווײַג אַ גרויסער יאַשער־קויעך!

מוניע גלייזער

צוויי ביכער וועגן ביבל און פרײַקן קריסטנטום

(הילעל ליפשיץ. „די אַנטשטייונג פון קריסטנטום אין שײַן פון די מאַנוסקריפּטן פון טויטן יאַם". מינסק, 1967, 319 ז.; „עטיודן וועגן היסטאָרישע באַשרײַבונגען אין ביבל און אין פרײַקן קריסטנטום". מינסק, 1970, 408 ז.)

לויט דער טעמאַטיק זײַנען ביידע ביכער פאַרבונדן צווישן זיך.

אין ערשטן בוך איז אָפּגעשפּיגלט די געשיכטע פון דער קומראַנער געמיינדע. אין שײַכעס מיט דעם ווערט געגעבן אַ קורצער איבערזיכט פון דער סאָציאָלער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער געשיכטע פון יעהודע. פיל אָרט ווערט אָפּגעגעבן דער אַנטשטייונג און דער טעטיקייט פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען אין דער צווייטער ייִדישער מעלוכע (סאַדוקייער, פּאַריסייער, יעסייער, זעלאָטן). איינצײַטיק ווערט גרינטלעך באַלויכטן דאָס לעבן פון די ייִדישע געמיינדעס אין

גאָלעס, די רעזולטאטן פון ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, פּראָבלעמען פון דער קומראַנער סעקטע און פון די מאַנוסקריפּטן פון יאם־האמעלאך.

בקיצור כאַראַקטעריזירט דער אוטאָר דעם סאָציאַלן סיידער אין דער קומראַנער געמיינדע, וועלכע האָט געשטרעבט צו פּרימיטיווער אויסגלײַכונג. דאָ איז געווען אײַנגעשטעלט געזעלשאַפטלעך אייגנטום, מע פלעגט צוזאַמען פּראַווען טפילעס, אָפּהיטן ריטואַלן און אפילו צוזאַמען נערן זיך. די קומראַנער האָבן אַרײַנגעטראָגן א נײַעם אינהאַלט אין אייניקע מינהאָגים און ריטואַלן פון דער יודאַישער רעליגיע. אויב, צום בײַשפּיל, אין יערושאָלאַים האָט מען זיך געניצט מיטן לעוואָנע־לוח, האָבן די קומראַנער זיך באַניצט מיטן זון־לוח.

דער אוטאָר דעקט אויף די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער יודאַישער ליטעראַטור, פאַרגלײַכט זי מיט די געפונענע טעקסטן באַם יאם־האמעלאך און קומט צום אויספיר, אז צווישן די און יענע ווערק איז פאַראַן אַלגעמיינס.

ס׳ווערן באַהאַנדלט די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע באַדינגונגען באַ דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום און דער פּראָצעס פון זײַן אָנפאַנגלעכער אַנטוויקלונג. אויפן סמך פון די אַלע מאַטעריאַלן מערקט אָפּ דער אוטאָר די באַדײַטונג פון די מאַנוסקריפּטן פון יאם־האמעלאך באַם פאָרשן די אַנטשטייונג פון קריסטנטום.

פּראָפעסאָר ליפשיץ פאַרגלײַכט די קומראַנער טעקסטן מיט די שאַפונגען פונעם קריסטנטום פון יענעם פּעריאָד.

די מיטגלידער פון דער קומראַנער געמיינדע האָבן געשטרעבט פאַרבאַהאַלטן פון דער אַרומיקער וועלט די סודעס פון זייער לערע; די קריסטן האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו פאַרשפּרייטן זייער גלויבן.

באַ די קומראַנער האָבן די פרויען אין רעליגיעזן געביט געשפּילט א ניט באַדײַטנדיקע ראָל; אין די געמיינדעס פון קריסטנטום האָבן זיי אַקטיוו אָנטיילגענומען אין פאַרשפּרייטן די נײַע לערע.

די קומראַנער האָבן געוואַרט אויף מאָשיעכן; די קריסטן האָבן געפּרעדיקט, אז מאָשיעך איז שוין איין מאָל געקומען אויף דער וועלט אין געשטאַלט פון יעזוסן, און זײַן באַגער איז געווען אויסצולייזן די מענטשן.

די מיטגלידער פון דער קומראַנער געמיינדע האָבן צוגעגעבן א גרויסע באַדײַטונג דער ריטואַלער ריינקײַט; די קריסטן פון אָנפאַנג־פּעריאָד האָבן אויף דעם קיין אכט ניט געלייגט.

דער אונטערשייד אין אייניקע פראַגן, וועלכע מערקט זיך אין דער קומראַנער און קריסטלעכער ליטעראַטור, קאָן בעשום־אויפן ניט קלענער מאַכן די באַדײַטונג פון די אַלגעמיינע שטריכן צווישן זיי. די וועלט־אָנשויונג פון דער קומראַנער געמיינדע האָט געווירקט אויפן פּראָצעס פון פאָרמירן דאָס קריסטנטום.

אין דעם צווייטן בוך אַנאַליזירט פּראָפעסאָר ליפשיץ די ליטעראַטור, וואָס איז געווידמעט דער פאָרשונג פון דער ביבל און דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום. ער באַווײַזט, אז איידער עס איז אויפגעקומען דער מאַרקסיזם, האָבן אין דער ביבל־קריטיק געהערשט צוויי ריכטונגען: א ראַציאָנאַליסטישע און א געשיכטלעכע. די אָנהענגער פון דער ערשטער ריכטונג האָבן קריטיקירט דעם אינהאַלט פון דער ביבל פון ראַציאָנעלן און לאָגישן שטאַנדפּונקט. די אָנהענגער פון דער צווייטער ריכטונג האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָרשן דעם אופקום פון דער ביבל, דערבײַ האָבן זיי צוגעגעבן א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג דעם פילאָלאָגישן און ליטעראַרישן אַנאַליז פון די ביבל־טעקסטן.

אין הילעל ליפשיצעס מאָנאָגראַפיע זײַנען אויסגעפאָרשט די אַרויסזאָגונגען און אידייען פון מאַרקס, ענגעלס און לענין איבער די פראַגן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער ביבל און מיט דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום, און אויך די אָנשויונגען פון די מאַרקסיסטישע היסטאָריקער איבער אָט די פראַגן פון שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און וויסנשאַפטלעכן אַטעאיזם.

הילעל ליפשיצעס ווערק זײַנען א וויכטיקער בײַטראָג צו דער פאָרשונג פון דער ביבל און פונעם אופקום פון קריסטנטום.

הירש רעלעס

דאַוויד קאַזאַק

■ ■ ■

וואָס קומט פאָר אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט"

אין טעל־אוויוו, אין קעגנזאַץ צו דער אַטמאָספער פון שאָוויניזם און מיליטאַריזם, וואָס הערשט אין ייִסראָעל, איז אין יאַנוואַר ד. י. פאָרגעקומען א צוזאמענפאָר פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. פון אַלע עקן לאַנד האָבן זיך פאַרזאַמלט קימאַט צוויי הונדערט דעלעגאַטן. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן פאָרשטייער פון דער ברייטער ייִסראָעלדיקער עפנטלעכקײַט: דער באַוווּסטער איווריט־שרײַבער מאָרדכע אווי־שאול, דער אָנפירער פונעם לינקן ציִעניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד פון ייִסראָעל יאַנקעוו ריפּטין, א פאָרשטייער פונעם שטאָטראַט פון נאַזאַרעט כאַליל כורי, די אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן אַווראָם מעלאַמעד און יאַכיִא דזשאַוסי, דער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער נאַטאַן יעלין־מאָר, דער וועטעראַן פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג מישע איידלבערג, די קאָמוניסטישע טוערן רוט ליוביטש. א דעלעגאַציע פונעם סאָוועטישן פאַרבאַנד פאַר פרײַנטשאַפט מיט די פעלקער פון אויסלאַנד איז געקומען קיין ייִסראָעל, קעדיי באַגריסן דעם צוזאמענפאָר.

ווער פון די אופריכטיקע פרײַנט פון ייִסראָעל און פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועט צווייפלען, אַז די דאָזיקע געשעעניש איז א פריידיקע און ביז גאָר באַדײַטונגספולע?

נאָר אָט לייענען מיר אין א צײַטונג, וואָס איז בא די לייענער באַגליבט אַדאַנק אירע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס, אַזא מיטיילונג וועגן דעם צוזאמענפאָר פון ייִסראָעל־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט:

„א סאָוועטישע דעלעגאַציע איז געקומען קיין ייִסראָעל צו א קאָנפערענץ פאַר פרײַנטשאַפט צווישן סאָוועטנפאַרבאַנד און ייִסראָעל. דאָס דאַרף באַגריסט ווערן, ניט געקוקט דערויף, וואָס די קאָנפערענץ איז לײַדער דערווײַל געווען באַגרענעצט צו די אָנהענגער פון ראַקאַך (קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון מייער ווילנער און טופיק טובי) און געוויסע סימפאַטיקער, אָן דער אונטערשטיצונג פון דער ברייטער ייִסראָעלדיקער עפנטלעכקײַט... די קאָנפערענץ, וועלכע איז אָן שום ספק אָרגאַניזירט געוואָרן לויט א פריִערדיקער פאַרשטענדיקונג מיט מאָסקווע (? — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"), איז איינס פון די מיטלען אין דער ריכטונג פון פאַרשטענדיקונג, ווי שוואַך דאָס מיטל זאָל דערווײַל ניט געווען זײַן (אונדזער קורסיוו. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד")"...

איז טאַקע ציקאַווע צו וויסן: וואָס פאַר א צײַטונג האָט באַגלייט מיט אַזויפיל באַוואָרענישן די מיטיילונג וועגן אָט דעם פריידיק־נוצלעכן צוזאמענפאָר? צוליב וואָס האָט געטויגט דער צײַטונג זאָגן א ליגן, אַז, קלוימערשט, אויף דעם פרײַנטשאַפט־צוזאמענפאָר מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיך צונויפגענומען בלויז „אָנהענגער פון ראַקאַך און געוויסע סימפאַטיקער" און אַז ס'האָט זי ניט געשטיצט די ברייטע ייִסראָעלדיקע עפנטלעכקײַט? צי איז ניט קלאָר, אַז עס איז גאָר א נײַער פאַקטאָר אין דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס אין איין צײַט מיטן אַנטיסאָוועטישן שיידים־טאַנץ, דעם 28־טן ציִעניסטישן קאָנגרעס, האָט זיך צונויפגעקליבן אין טעל־אוויוו, אַפצולאָכעס די בעגינס, מעיִרס, דאַיאַנס, א צוזאמענפאָר פון די קויכעס פון פרײַנטשאַפט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט, אָן שום ספק, ווערן די מערהײַט אין דער ייִסראָעלדיקער עפנטלעכקײַט, און הײַנט דריקן זיי שוין אויס איר אופגעוואַכטן געוויסן?

צום גרויסן באַדויערן, איז די אויבן־געבראַכטע ציטאַטע גענומען פון א רעדאַקציאָנעל אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" (30 יאַנוואַר ד. י.).

פיל לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פרעגן זיך אָן אין זייערע בריוו: וואָס קומט איצט פאָר אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט"? אין וועלכע איקער־פראַגן זײַנען אירע אָנפירער אַוועק פון די מאַגיסטראַל־ליניעס פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם?

איינע פון אַזוינע גרונט־פראַגן איז — די פּאָזיציע בנוגע דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די סטאַבילע טענדענץ פון די מאַטעריאַלן אויף אָט דער טעמע אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" איז אין די לעצטע יאָרן אַזא: אין אַלגעמיין זיך אַרויסזאָגן קעגן אַנטיסאָוועטיזם, און אין קאָנקרעטע פאַלן, אַפּעלירנדיק א „קריטישן צוגאַנג", זיך פאַקטיש אָנשליסן אין אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניעס. אַזוי, לעמאָשל, איז די „מאָרגן־פרײַהײַט" צוגעשטאַנען צו דער פּראָטעסט־טומלערײַ, בײַס די לענדער פונעם וואַרשעווער פּאַקט האָבן אויסגעפילט זייער אינטערנאַציאָנאַלן כויוו, העלפנדיק דעם טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער קאָנטררעוואָלוציע. ווען די אורוגווײַער פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונג „אונדזער פרײַנט" האָט אין א פּאָלעמיק מיט דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אָנגעוויזן אויף אָט דעם פאַקט, האָט די לעצטע זיך פאַרענטפערט, אַז פון א געוויסן טאָג אָן איז אויף אירע זײַטן די פראַגע מער ניט באַרירט געוואָרן, ווײַל די מערהײַט לייענער אירע האָבן זיך אין די ראַמען פון א דיסקוסיע אַרויסגעזאָגט פאַר דער האַנדלונג פון די סאָציאַליסטישע לענדער, און אויך דערפאַר, וואָס זי, די „מאָרגן־פרײַהײַט", „האָט דעריקער אין זינען געהאַט, עס זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן דער אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע צווישן די וואַרשע־פּאַקט־פירער מיט די טשעכאָסלאָוואַקישע פירער". אין צוזאמענהאַנג מיט אַזא דערקלערונג האָט „אונדזער פרײַנט" שפּעטער מיט רעכט באַמערקט: „דאָס איז אָבער ניט גענוג. אַן אופריכטיקער זעלבסטקריטישער אַנאַליז וואָלט דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" געדאַרפט שטויסן עפנטלעך צו אָנערקענען, אַז זי איז באַגאַנגען א טאָעס אין איר אָפּשאַצונג פונעם טשעכאָסלאָוואַקישן קריזיס... און דער טאָעס נעמט זיך, לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג, פון דעם, וואָס טיילמאָל האָט די „מאָרגן־פרײַהײַט" „אַרויסגעלאָזט דעם קאָמפּאַס פון האַנט" (אַן אויסדרוק, וואָס דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" מוישע אָלגין האָט באַנוצט, ווען דער אַנטיסאָוועטיזם האָט זיך געהאַט צעבושעוועט אויף דער ייִדישער גאַס פון

אמעריקע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") — דעם קאָמפאס פון אינטערנאציאָנאליזם, פון סאָלידאריטעט מיטן ראטנפארבאנד" („אונדזער פרײַנט", 27 אפּרעל 1969).

די אָנפירונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט קיין אופריכטיקן זעלבסטקריטישן אנאליז פון אירע פעלערן ניט געמאכט.

א צווייטער בײַשפּיל איז די קאמפאניע, וואָס איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין צוזאמענהאנג מיטן פּראָצעס איבער די עראָפּלאן־פארכאפּער אין לענינגראד. די אָנפירער פון דער צײַטונג האָבן זיך ניט צוגעהערט צו יענע לייענער, וועלכע האָבן אין זייערע בריוו צו דער רעדאקציע גערופן, עס זאָל צו אָט דעם איניען אָנגעווענדט ווערן א קלאסן־צוגאנג און א צוגאנג פון פארשטאנדיקײַט צו די מעלוכע־אינטערעסן פונעם סאָוועטנפארבאנד. „ווען מע זאָל ארײַנקוקן טיף אין דעם פּראָצעס פון די עלף (נײַן) ייִדן, — האָט דעם 6 יאנואר 1971 געשריבן דער לייענער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" מייער סילוועס (ניו־יאָרק), — וועט זיך ארויסווײַזן, אז זיי זײַנען באגאנגען א שרעקלעכן פארברעכן... דער אורטייל איז ניט קעגן ייִדן, נאָר קעגן פארברעכער. צי איז איצט די צײַט צו אטאקירן דעם סאָוועטנפארבאנד?" ענא דובינסק (בראָנקס) האָט געשריבן דעם 2 פעווראל 1971: „דאכט זיך, אז די גאנצע וועלט איז קעגן די פּיראטן, וואָס שטעלן אין געפאר מענטשלעכע לעבנס באם פארכאפּן אן עראָפּלאן... איך גלייב, אז דער אליארעם, וואָס איז געמאכט געוואָרן, איז ניט אזוי צו פארטיידיקן די פארמישפּעטע, נאָר ער איז מער צו ארויסרופן האס צום סאָוועטנפארבאנד, וואָס בויט א נײַ סאָציאליסטיש לעבן"... מיט רעכט האָט שפּעטער (דעם 5 אווגוסט 1971) א. קענדזער (לאָס־אנדזשעלעס) באמערקט: „וועגן פארלעצונגען אָדער פארברעכנס אין סאָוועטנפארבאנד שטעלט אלעמאָל די „מאָרגן־פרײַהײַט" ארויס דעם ייִדישן עלעמענט. לאָמיר זאָגן, אז מענטשן באגייען פארלעצונגען אָדער פארברעכנס אין אמעריקע. שרײַבט מען: זיי זײַנען איטאליענער, אירלענדער אָדער ייִדן. אין סאָוועטנפארבאנד, ווי מיר ווייסן, זײַנען דאָך אלע אנערקענט ווי סאָוועטישע בירגער. אָבער די „מאָרגן־פרײַהײַט" שטרײַכט יעדעס מאָל אונטער, אז עס האנדלט זיך וועגן ייִדן. מע באשטראָפט דאָך דאָרטן אנדערע בירגער אויך, אָבער וועגן יענע זעט מען ניט, עס זאָל דערמאָנט ווערן אין דער צײַטונג. דאָס שאפט דעם אײַנדרוק פון „אנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפארבאנד". פארוואָס אזא צוגאנג?"

די „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט בעשאס דעם פּראָצעס אין לענינגראד איבער די עראָפּלאן־פארכאפּער זיך אָריענטירט אף גאנץ צווייפלהאפטע קרײַזן. ס'איז געווען א בושע צו לייענען, לעמאָשל, אין דעם סאָף־יאָר־נומער פון 1970 דעם „ספּעציעלן באריכט" וועגן אן אנטיסאָוועטישער דעמאָנסטראציע אין ניו־יאָרק, אָרגאניזירט פון „א ריי ייִדישע אָרגאניזאציעס". פּאָרזיצער אף דעם מיטינג איז געווען איינער א ראבײַ קלאָפּערמאן; א שריפטלעכע באגריסונג האָט צוגעשיקט דער מאקארטיסט סענאטאָר דזשאוויטס. די „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט געלויבט די אנטיסאָוועטישע דעמאָנסטראציע אלס אויסדרוק פון „טיפער זאָרג וועגן די פארמישפּעטע אין לענינגראד". באזונדערס איז דער רעדאקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" געפעלן געוואָרן די „אײַנדרוקספולע רעדע" פונעם מער פון ניו־יאָרק (דעם רופאָר פון דער אמעריקאנער גרויסבורזשואזיע) לינדסיי...

אלעמאָל, ווען די „מאָרגן־פרײַהײַט" טרעט ארויס מיט אומבאגרינדעטער „קריטיק" קעגן סאָוועטנפארבאנד און דעם סאָציאליסטישן לאגער, פארופן זיך די אָנפירער פון דער צײַטונג אף דעם, אז דאָס זעלבע טוען אויך אנדערע, אפילע „גאנצע קאָמוניסטישע פארטייען". דאָס איז אָבער ריינע דעמאגאָגיע. אין פּאָליטישע דיסקוסיעס איז ניט שײַך צו צודעקן אייגענע פעלערן מיט א קאָנטעקסט פון אויסערלעכע אָנגעלעגנהײַטן, וועלכע זײַנען דערצו נאָך אין געגעבענעם פאל סײַ אומפארגלײַכלעך לויטן סכום פון די ווירקנדיקע פאקטאָרן, סײַ זיי ליגן אין אן אנדער פלאָך...

די צווייטע איקער־פראגע, אין וועלכער די „מאָרגן־פרײַהײַט" איז אָפּגעטראָטן פון די פּרינציפּן פונעם מארקסיזם־לעניניזם, איז פארבונדן מיטן צוגאנג צום ציִעניזם, מיט דער אָפּשאצונג פונעם ייִסראָעל־אראבישן קריג.

דער הויפּט־רעדאקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פּ. נאָוויק פארנעמט זיך מיט סיסטעמאטיש פּריידיקן א טעאָריע, אז עס איז פאראן רעאקציאָנערער ציִעניזם און ליבעראלער ציִעניזם, „שלעכטע" און „גוטע" ציִעניסטן, און אז מיט די „גוטע ציִעניסטן" איז נייטיק מיטארבעטן. דאָס צודעקן זיך מיט דער פאָרמולע „מיטארבעטן פארן שאָלעם" קאָן קיינעם ניט איבערצײַגן, ווײַל צוליב דעם זײַנען ניט נייטיק נאָוויקס רעקאָמענדאציעס: די וועלט־באוועגונג פאר שאָלעם בויט זיך לויטן פּרינציפּ פון מיטארבעט צווישן אלע ריכטונגען אין געזעלשאפטלעכן לעבן. אפילע מיליארדערן (סײַרוס איטאָן), אפילע פּרעזידענטן פון בורזשואזע רעפּובליקן (קעקאָנען), אפילע מאָנארכן (דער אביסינער נעגוס) מעלדן זיך צומאָל פאר שאָלעם־אָנהענגער און שליסן אָן זייערע באמיִונגען צו די שאָלעם־באוועגונגען. פּ. נאָוויק, כ. סולער און אנד. האָבן אין זינען די מיטארבעט מיט „גוטע ציִעניסטן" אף אלגעמיין־פּאָליטישע יעסוידעס, אנדערש וואָלטן זיי ניט געשטאנען הארטנעקיק אף דער וואך, מע זאָל, כאָלילע, ניט „ארײַנווארפן אין איין טאָפּ" „גוטע" און „שלעכטע" ציִעניסטן, ניט אָנרירן דעם קאָוועד פון די „גוטע". אזא איז זייער שטעלונג אין א צײַט, ווען דער ציִעניזם אינגאנצן גענומען, ווי א פּאָליטישע שטרעמונג, האָט פאנאנדערגעוויקלט קעגן דעם פּראָגרעסיוון לאגער, קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד אן אומווירדיקן קאמף מיט אומווירדיקע מיטלען. די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פּרוּוון אפילע שרעקן נאַיִווע מענטשן: „ציִעניסטן, ציִעניסטישע סימפּאטיקער, — דאָס שליסט אײַן איבערגעגעבענע פרײַנט פון ייִסראָעל, וואָס האלטן זיך פאר אזעלכע סימפּאטיקער, — מאכן אויס א מערהײַט פונעם ייִדישן פאָלק דאָ אין אמעריקע. אויב מע זאָל זיי מיט איין זשעסט אוועקמאכן, בלײַבט פונעם פאָלק זייער א קליינע מינדערהײַט, וואָס איז פארמישפּעט צו לעבן אין איזאָליאציע" („מאָרגן־פרײַהײַט", 24 פעווראל 1971).

פאראן טאקע אזא מיינונג, אז די מוירע איזאָלירט צו ווערן מיצאד דער בורזשואז־נאציאָנאליסטישער סוויווע האָט גוירעם געווען דעם טרויעריקן פאקט, וואָס פּ. נאָוויק און זײַנע קאָלעגן האָבן זיך אונטערגעגעבן דער דאָזיקער סוויווע. מיר האָבן געהערט און הערן נאָך ביז איצט וועגן אָט דעם קליינמוטיקן „ארגומענט". ס'איז אָבער איבעריק צו דערווידערן קעגן אים, ווײַל ס'איז אלעמען באוווּסט די מארקסיסטישע שטעלונג, אז אין א שווערער קאמפּס־סיטואציע איז דאָס וויכטיקסטע: אָפּהיטן די אידייִשע פּרינציפּן, זאָרגנדיק זיך ניט אזוי וועגן דער פילצאָליקײַט פון די רייען, ווי וועגן דער ריינקײַט פון די רייען.

אין שײַכעס צו דער פראגע וועגן „גוטע" און „שלעכטע" ציִעניסטן איז די שטעלונג פון די געזונטע עלעמענטן אין דער ייִדישער סוויווע פון אמעריקע, ווי פון אנדערע לענדער, אזא: אויב א ציִעניסט איז פונעם שטאנדפּונקט פון פּראָגרעסיוון פארשטאנד גוט, איז עס א סימען, אז ער איז שוין קיין ציִעניסט ניט. אין די ראמען פונעם ציִעניזם, אף זײַן אידייִשער פּלאטפאָרמע, איז גאָרנישט ניט און קיינער ניט אָנעמבאר פונעם שטאנדפּונקט פון פּראָגרעס און סאָציאלער גערעכטיקײַט, ווײַל ציִעניזם איז אנטיפאָלקיש, אנטיפּראָגרעסיוו, אנטיסאָוועטיש. דאָס הייסט ניט, אז א פּראָגרעסיווער ייִד אין ייִסראָעל אָדער אין אמעריקע, לעמאָשל, קאָן ניט מיטארבעטן מיט א ציִעניסט, אָדער מיט א ראָוו, אָדער מיט א פּאציפיסט אין דער שאָלעם־באוועגונג, וועגן וואָס עס האלטן אין איין „פּאָלעמיזירן" מיט עמעצן פּ. נאָוויק און כ. סולער, פּרוּוונדיק מיט

דעם פארצײַען מיט א נעפל די גרונט־פראָבלעם. אויב דער אמעריקאנער ציִעניסט ראבײַ ארטור לעליוועלד, אף וועלכן עס פארופן זיך געוויינלעך די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", שליסט זיך אָן צום קאמף קעגן דער אמעריקאנער מילכאָמע אין וויעטנאם, איז עס גוט, דאָס אָבער קאָן ניט און טאָר ניט ברענגען צו אידעאָלאָגישער קאָעקזיסטענץ מיטן ציִעניזם. ווי עס האָט געזאָגט אין זײַנעם א בריוו צו דער רעדאקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" (פארן 24 פעווראל 1971) אירער א לייענער פון מײַאמי ביטש הערשל: „בא מיר זײַנען אידעאָלאָגיש אלע ציִעניסטן דאָס זעלבע. זיי זײַנען אלע קעגנער פון סאָציאַליזם. איך געדענק: אין די יאָרן 1904 — 1905 פלעגן מיר מיט זיי קעמפן, ווײַל זיי זײַנען שטענדיק געווען קעגנער פון די ייִדישע ארבעטער, פון זייער קלאסנקאמף קעגן די ייִדישע באלעבאטים"...

פונקט ווי אין זייער פאָזיציע בענעגייע דעם סאָוועטנפארבאנד, ווענדן אויך דאָ אָן די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" א טאקטיק פון דעקלארירן איינס און טאָן עפעס אנדערס. עס טרעפט אָבער, אז פ. נאָוויק רעדט אָפענע רייד. אזוי, לעמאָשל, האָט ער אפן צוזאמענפאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין אָקטיאבער 1971 געזאָגט: „עס איז אָן ערנסטער טאָעס צו מיינען, אז די ענדערונגען אין דער טאקטיק (פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") בענעגייע דעם ציִעניזם זײַנען געקומען ווי א רעזולטאט פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. דערלויבט מיר צו ציטירן עטוואָס פון מײַנע באריכטן אף פריִערדיקע „מאָרגן־פרײַהײַט"־צוזאמענפאָרן און קאָנפערענצן. אין מײַן באריכט צום צוזאמענפאָר אין יאנוואר 1957, וואָס איז ארויס אין א בראָשור „ייִדיש לעבן אין אמעריקע", זאָגט זיך אף די זײַטן 20 — 21: „אין פראט פון ציִעניזם דארף געזאָגט ווערן, אז דאָ זײַנען מיצאד דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און די פראָגרעסיווע עלעמענטן ביכלאל באגאנגען געוואָרן ערנסטע טאָעסן. מיר ווארפן, פארשטייט זיך, אָפ די בילבולים, אז די „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט אין 1929 קלוימערשט געשטיצט פאָגראָמען אף ייִדן"... „אָבער עמעס איז, אז סעקטאנטישע לאָזונגען זײַנען ארויסגערוקט געוואָרן. עמעס איז, אז דעמלט, און א לאנגע צײַט שפעטער, איז געפירט געוואָרן א קאמף קעגן ציִעניסטן ביכלאל, ניט מאכנדיק קיין אונטערשייד צווישן איין ציִעניסטישער ריכטונג און אָן אנדערער, צווישן איין ציִעניסטישן פירער און אָן אנדערן, לייגנדיק אף אלץ און אף אלעמען דעם שטעמפל: אימפעריאַליזם".

און ווײַטער:

„...די „מאָרגן־פרײַהײַט", לערנענדיק פון די דערפארונגען, האלט, אז דער צוגאנג פון יענע, וואָס באטראכטן דעם ציִעניזם ווי עפעס אָן אינטערנאציאָנאלע פארשווערונג אָדער ווי א סטראשידלע, איז א פאלשע און א שעדלעכע. עס איז נייטיק נאָכאמאָל צו דיפערענצירן צווישן איין ציִעניסטישער ריכטונג און אָן אנדערער, צווישן נאָכפאָלגער און פירער, און אויך צווישן פירער און פירער... („מאָרגן־פרײַהײַט", 7 נאָיאבער 1971)[1].

האקלאל, די הײַנטיקע אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זײַנען אריבער אף דער פלאטפאָרם פון מיטארבעט מיט געוויסע שאטירונגען פונעם ציִעניזם. דאָס זאָגן זיי, די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". מיר אָבער האלטן, אז אין דער גרונט־פראגע, וואָס דרינגט ארויס פון דער איצטיקער פאָליטישער סיטואציע, — אין דער אָפשאצונג פונעם כאראקטער פון דעם ייִסראָעל־אראבישן קריג — שטייט די „מאָרגן־פרײַהײַט" אף די פאָזיציעס פונעם ציִעניזם, אומאָפהענגיק פון שאטירונגען, פונקט אזוי ווי עס פארנעמט א ציִעניסטישע פאָזיציע די סנע־מיקוניס־גרופע אין ייִסראָעל (און דאָס, אגעוו, איז די סיבע פון דעם, וואָס די „מאָרגן־פרײַהײַט" פראָקלאמירט די דאָזיקע גרופע רענעגאטן אלס קלוימערשטע קאָמוניסטישע פארטיי פון ייִסראָעל; לעמאָשל, דעם 1 יאנוואר 1971 שרײַבט די רעדאקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט": „אגעוו, אין דער „דזשערוסאלעם־פאָוסט" פון 9 דעקאבער האָט ב.־צ. גאָלדבערג ארויסגערוקט די „כאָכמע", אז די „מאָרגן־פרײַהײַט" וואקלט זיך צווישן מק"י (מיקוניס־סנע־ווילענסקאיא פארטיי) און ראקאך (ווילנער־טובי־פארטיי), דאָס איז א בויך־סוואָרע. מיר זײַנען מאסקים מיט מק"י (אָדער זי מיט אונדז), אז ייִסראָעל האָט אין דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע זיך פארטיידיקט. דאָס איז פונדאמענטאל").

אינטערעסאנט איז, אז אין דער אויבן־דערמאָנטער פאָלעמיק מיטן אורוגווײַער „אונדזער פרײַנט" האָט די רעדאקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", דערפילנדיק, אז איר פאָזיציע וועגן דעם כאראקטער פונעם זעקסטאָגיקן קריג איז, ווייך גערעדט, א גליטשיקע, פאָרגעלייגט, אז די דאָזיקע פראגע זאָל אויך, ווי די „טשעכאסלאָוואקישע פראגע", „אָפגערוקט ווערן אָן א זײַט". אף דעם האָט „אונדזער פרײַנט" געענטפערט: „פארוואָס זאָל מען דארפן „אָפרוקן אין א זײַט" די פראגע וועגן כאראקטער פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע? גראָד די ריכטיקע באנעמונג פון דער דאָזיקער פראגע וועט דערלויבן די ברייטע מאסן בעסער צו פארשטיין די געפערלעכקײַט פון

[1] אין אווגוסט 1929 האָט דער ענגלישער אימפעריאַליזם פראָוואָצירט אין פאלעסטינע בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן אראבער און ייִדן. אין א בוך פון יענער צײַט (א. פאָמעראנץ „פראָלעטפען". קיִעוו, 1935) לייענען מיר: „זינט די „פרײַהײַט" איז ארויסגעקומען מיט א קעפל איבער די נײַס — „אראבער מאסן־רעוואָלט קעגן ענגלאנד כאפט ארום גאנץ פאלעסטינע", האָט זיך אָנגעהויבן א מאָרד־פאָגראָם־העצע קעגן דער „פרײַהײַט" און קעגן אירע שרײַבער. די בורזשואזע פען־קנעכט האָבן זיך ארופגעוואָרפן מיט געשרייען: „די קאָמוניסטן באָדן זיך אין ייִדיש בלוט!", „די „פרײַהײַט" דארף מען פארניכטן!" מע האָט ניט נאָר געשריגן... דרײַ מאָל האָט מען גראָמירט די קאָנטאָר פון דער „פרײַהײַט" אין טשיקאגאָ. דאָס זעלבע האָט מען געפרווט טאָן אין קליוולענד, באָסטאָן, דעטראָיט, ניו־יאָרק און אנדערע שטעט. מע פלעגט צעבלוטיקן ארבעטער, בא וועלכע מע האָט געפונען א „פרײַהײַט". מע פלעגט בא די צײַטונגס־פארקויפער ארויסכאפן די „פרײַהײַט", צערײַסן זי און פארברענען... און דאָס אלץ דערפאר, ווײַל די „פרײַהײַט" האָט געוואגט צו שרײַבן, אז די פאלעסטינער געשעענישן האָבן זיך פארוואנדלט אין אן אראבישן מאסן־אופשטאנד קעגן ענגלאנד און קעגן אירע ציִעניסטישע מעשאָרסים".

ווען די שרײַבער לייוויק, מענאכעם, רייזען, ראבאָי האָבן פארעפנטלעכט א דערקלערונג, אז זיי שטימען ניט אײַן מיט דער שטעלונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און דערפאר פארלאָזן זיי זי, האָט די „מאָרגן־פרײַהײַט" געענטפערט, אז די אנטלאָפענע האָבן באוויזן מיט זייער האנדלונג, אז זיי זײַנען אָפגעטראָטן פאר דער בורזשואזער געזעלשאפטלעכער מיינונג. „בײַס דער ציִען־וואקכאנאליע האָט בא זיי גוויווער געוועז דאָס פינטעלע ייִד..."

מוישע נאדיר האָט דאן אָפגעדרוקט זײַן ארטיקל „צאר־וואקכאנאליע" („מאָרגן־פרײַהײַט", 14 סענטיאבער 1929), אין וועלכן ער ווענדט זיך צו רייזענען, לייוויקן און ראבאָיען און רופט זיי צוריק זיך אומקערן אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט". ער שרײַבט, אז ס'איז צײַט, „מיר זאָלן בא זיך אָפמאכן מיט א שווּע, אז מיר זײַנען: פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי אין איר קאמף קעגן דער וויסטער שווינדלערישער ציִעניסטישער פאָליטיק..., מיר גייען נישט מיטן סוינע — קיינמאָל, קיינמאָל ניט. וואָס ס'זאָל זיך ניט טאָן, דעזערטירן מיר ניט — קיינמאָל, קיינמאָל ניט פון די רייען פון די ייִדישע ארבעטער, אף אזויפיל, אף וויפל זיי זײַנען א טייל פון דעם גאנצן פראָלעטאריאט, ווײַל נאָר אזוי קענען מיר אָפשאפן מילכאָמעס, אומיושער, שלעכטיקײַט, בלינדקײַט און מענטשן־סינע פון דער וועלט"...

דער פּאָליטיק, וואָס עס פּריידיקן די דאַיאַנס און די בעגינס... אויב „אַ מילכאָמע איז אַ פאָרזעצונג פון דער פּאָליטיק" (לענין), און אויב נאָוויק אַליין האָט געשריבן, אַז „נאָך דער גערעכטער מילכאָמע פון 1948 האָט דער שאָוויניזם, דער אַנטיסאָוועטיזם און די כניפע צו מײַרעוו, די אָפּמאַכן מיטן שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט און מיט מײַרעוו־דײַטשלאַנד געבראַכט ייִסראָעל גוואַלדיקן שאָדן", — האָט די מילכאָמע פון די קרײַזן, וועלכע האָבן געפירט אַזאַ פּאָליטיק, ניט געקאָנט זײַן קיין גערעכטע מילכאָמע, נאָר אַ פאָרזעצונג פון דער דאָזיקער פּאָליטיק. נאָך מער: אויך די אַנעקסיאָניסטישע פּאָליטיק נאָך דער מילכאָמע באַשטעטיקט די ווירקלעכע צילן, וואָס די ייִסראָעל־הערשער האָבן זיך געשטעלט מיט איר" („אונדזער פרײַנט", 27 אַפּרעל 1969).

מיר האָבן ניט וואָס צוצוגעבן צו דעם אַנאַליז פון דער שטעלונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" צו דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע, וואָס עס גיט די צײַטונג „אונדזער פרײַנט".

פאַראַן נאָך איייניקע פראַגן אין שײַכעס מיט דער איצטיקער לאַגע אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט", **וועגן** וועלכע מיר וועלן, אויב ס'וועט זײַן נייטיק, זיך אַרויסזאָגן שפּעטער. אין אַפּרעל ד. י. וועט די „מאָרגן־פרײַהײַט" פײַערן איר פופציקיאָריקן יובילײ. דאָס האַרץ באַ יעדן פּראָגרעסיוון ייִדישן לייענער טוט וויי פון דער אידייִשער יערידע, וואָס הערשט איצט אין דער צײַטונג, וועלכע איז אַזוי באַליבט געוועזן באַ די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. אײַנצײַטיק דערמיט איז דאָ אַ גרונט צו האָפן, אַז די „מאָרגן־פרײַהײַט" וועט געפינען אין זיך קויכעס צו בײַקומען די שווערע צײַט און ווידער זיך אומקערן צום מאַצעוו פון אַ שלאַכט־טריבונע פאַרן פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו אין פּשאַ.

כראָניק

יאָרבוך פון די בולגאַרישע ייִדן

אין סאָפיע איז דערשינען דאָס אָרדנטלעכע יאָרבוך פונעם קולטור־ און בילדונגס־פאַרבאַנד פון די בולגאַרישע ייִדן.

דאָס יאָרבוך 1971 עפנט זיך מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט פונעם פּראָפעסאָר רובען אווראַמאָוו און מיט אַ לייטאַרטיקל פונעם דאָצענט איליאַ דאָלאַפּטשיעוו, געווידמעט צוויי וויכטיקסטע געשעענישן אינעם לעבן פונעם בולגאַרישן פאָלק אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר — דעם X צוזאַמענפאָר פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער באַשטעטיקונג פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פון דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק.

דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין בולגאַריע און דער אַקטיווער צוזאַמענאַרבעט צווישן די בולגאַרישע און ייִדישע אַרבעטנדיקע זײַנען געווידמעט די אַרטיקלען פון דאָוויד בענוועניסטי און דאַטשאַ מאַרינאָוו.

אינעם אַרטיקל פון דר. סאַלוואַדאָר איזראַעל „די בולגאַרישע ייִדן אין די יאָרן פון דער פאָלקס־מאַכט" דערוויסן מיר זיך פיל פּראָטים וועגן דעם עקאָנאָמישן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין בולגאַריע, וועגן זייער בײַטראָג אין דער סאָציאַליסטישער בויונג פונעם לאַנד.

אין איוואַן אַלעקסאַנדראָווס היסטאָרישן אַרטיקל „די בולגאַרישע רעוואָליוציאָנערע יוגנט אינעם קאַמף פאַר באַפרײַען געאָרגי דימיטראָוון פון דער היטלערישער טפּיסע" ווערן געגעבן אינטערעסאַנטע יעדיִעס וועגן דער טעטיקײַט פון די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין יענע יאָרן. דער אַוטאָר דערציילט וועגן דער ייִדישער יוגנט פון יוטשבונאַר, קאָניאָוויצע, בולינאַ לעוואַדאַ — ראַיאָנען אין סאָפיע, ווו עס האָבן געוווינט קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן, וועלכע האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד דעם אָנגרײַפנדיקן פאַשיזם.

וועגן דעם אָנטייל פון די ייִדישע מאַסן פון יוטשבונאַר אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג דערציילט אויך אין זײַן אַרטיקל דר. יאָסיף אַסטרוקאָוו־הערץ. אַלס אילוסטראַציעס צו די דאָזיקע אַרטיקלען זײַנען דאָס מאָל אין דעם יאָרבוך פאַרעפנטלעכט פיל פאָטאָגראַפיעס. אויף אייניקע פון זיי ווערן באַוויזן די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אינעם לאַנד.

אינטערעסאַנט איז די היסטאָרישע פאַרצייכענונג פון מאַטילדאַ אַלבוכײַרע וועגן דעם פּאַטריאָט און אינטערנאַציאָנאַליסט אווראָם־יאַקאָוו (מערקאַדאָ) אַלבוכײַרע, אַ געבוירענער אין וואַרנע אין 1884.

צום סאָף פון דעם באַנד ווערט פּובליקירט אַ סעריע דאָקומענטן וועגן דעם, וויִאַזוי די בולגאַרישע ייִדן זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פון דער פאַשיסטישער אויסראָטונג.

ג. קעניג

באַם שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע יעדיִע, אַז דעם 14 פעוורואַל איז אין פּאַריזש נאָך אַ לאַנגדויערנדיקער שווערער קרענק געשטאָרבן דער באַוווּסטער פּראָגרעסיווער פּובליציסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, שעף־רעדאַקטאָר פון דער „נײַער פּרעסע" ג. קעניג.

אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פון דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנס, איינער פון די באַדײַטנדיקסטע טוער פון דער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן אין לאַנד, האָט ג. קעניג זיך אויסגעצייכנט אַלס טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט און אָנערקענטער רעדאַקטאָר, וואָס האָט אַלע זײַנע קויכעס און באַגאַבונג אָפּגעגעבן דעם קאַמף פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס, קעגן רעאַקציע און אַנטיסאָוועטיזם.

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער טרויערן איבער ג. קעניגס פרײַצײַטיקן טויט און שיקן איבער זייער טיפן מיטגעפיל דעם פראַנצויזישן „אוניאָן", דער צײַטונג „נײַע פּרעסע" און דער מישפּאָכע פונעם פאַרשטאָרבענעם.

נײַס פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט

ספעקטאַקלען פון די פאָלקס־טעאַטערס דורך ראַדיאָ

די געגנטלעכע ראַדיאָ האָט לעצטנס געווידמעט איינע פון אירע ליטעראַריש־קינסטלערישע טראַנסלירונגען דער פּרעמיערע פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער „די קישעפמאַכערן“.

אין זעלבן טאָג האָט די כאַבאַראָווסקער קאַנטישע ראַדיאָ איבערגעגעבן אַן אויסצוג פונעם ספעקטאַקל „וואַריוכאַ“ („דאָס מיידעלע און אַפּרעל“) אין דער אויספילונג פונעם ביראָבידזשאַנער רוסישן פאָלקס־טעאַטער.

אַ ליטעראַרישע זײַט אין „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ“

די קאַנטישע צײַטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ“ האָט אָנגעהויבן דרוקן אַ סעריע ליטעראַרישע זײַטן, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער באַפרײַונג פונעם ווײַטן מיזרעך.

די ערשטע ליטעראַרישע זײַט איז געווען געווידמעט דער שאַפונג פון די ביראָבידזשאַנער ליטעראַטן. עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: אַ פאַרצייכענונג פון וואַלערי פאַנמאַן „די שטאָט פון דרײַ דוירעס“, אַ דערציילונג פון סאַלוואַדאָר באָרזשעס „דער לעצטער רייס“, לידער פון די דיכטער איציק בראָנפמאַן, ניקאָלײַ קאַפוסטאַ, לעאָניד שקאָלניק און ליובע וואַסערמאַן.

שעפערישע באַריכטן אין ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ

אין ביראָבידזשאַנער שטאָטישן קולטור־פאַלאַץ איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זײַנען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן פון די אָנפירער פון די מוזיקאַלישע און כאָרעאָגראַפישע סטודיעס, פון די צוויי פאָלקס־טעאַטערן און פון פאַרשיידענע ספּאָרט־סעקציעס.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נײַער ראַט פונעם קולטור־פאַלאַץ.

■

אַ פּיעסע פון שיקע דריז אין מאָסקווער קינדער־טעאַטער

„די זילבערנע קוניע“ — אַזוי הייסט די פּיעסע, וואָס דער דיכטער שיקע דריז האָט געשאַפן, לויט זײַנע קינדער־מײַסעלעך, ספעציעל פאַרן מאָסקווער געגנטלעכן טעאַטער פאַר יונגע צושויער.

דער זאַל איז איבערפולט מיט קינדער. עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג. די העלדן פונעם ספעקטאַקל — די גוטע גריל מיט איר זילבערן פידעלע, די צוויי זילבערנע הירשן מיט די זילבערנע האַמערס, און אין סאַמע מיטן פון דער אויסגעצאַצקעטער קוניע שלאָפט אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק (קאָמפּאָזיטאָר — י. שאַכאָוו) דער הויפּט־העלד — דאָס ייִנגעלע בײַ־בײַ. דאָס פידעלע שפּילט, און די האַמערס פּינקלען איבערן זילבערנעם שמיד־אײַזן.

דאָס ייִנגעלע בײַ־בײַ כאַפּט זיך אויף מיט וווּנדערלעכע טרוימען און גוטע זאָרגן פאַר זײַן באָבעשי: וואָסערע מאַטאָנעס זאָל איך איר שענקען?

עס בײַטן זיך בילדער און סצענעס — מיט געזאַנג, מיט טענץ, מיט גוטע אײַנפאַלן. בונטע פּאַלאַצן, אויסטערלישע פייגל, גוטמוטיקע שנײַדערס, פריילעכע פּאָטשטאַליאָנען, צוגעלאָזטע בערן, פלינקע קונצנמאַכערס... די קינדערלעך לאַכן און פּליעסקען פון פאַרגעניגן, גלײַך זיי אַליין וואָלטן צוזאַמען מיטן ייִנגעלע בײַ־בײַ געזוכט מאַטאָנעס פאַר זייערע באָבעס.

דעם טאַלאַנטפולן טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט בעפֿייִרעש זיך אײַנגעגעבן צו שאַפן אַן אָפּריכטיקע, לעבעדיקע קינדער־פאָרשטעלונג, אין וועלכער דער רעזשיסער פונעם טעאַטער, די פאַרדינסטפולע קונסט־טוערין פון רספסר וויטאַליע פרידמאַן און דער קינסטלער אַלעקסאַנדער טאַראַסאָוו האָבן טרײַ פאַרהיט דעם נוסעך פון שיקע דריזס פּיעסע, ווי אויך פון זײַנע קינדער־לידער, וועלכע זײַנען אין איר אײַנגעשלאָסן געוואָרן.

י. פײַוואָסאָוויטש

כראָניק

אַן אויסשטעלונג פון דרײַסיק קינסטלער

אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ ווערט עקספּאָנירט אַ גרויסע אויסשטעלונג פון ייִדישע קינסטלער — אויטאָרן פונעם זשורנאַל.

הונדערט צוואַנציק בילדער באַפּוצן די וועסטיבולן און אַרבעטס־קאַבינעטן. די איצטיקע אויסשטעלונג איז ניט די ערשטע אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. אָבער לויט דער צאָל אַנטיילנעמער, ווי אויך לויט דער צאָל ווערק, איז זי די סאַמע באַדײַטנדיקסטע פאַר די העכער צען יאָר, זינט אונדזער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דערשײַנען.

די נײַע עקספּאָזיציע צייכנט זיך אויס מיט דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון זשאַנרען און טעמאַטיק, מיט איר רײַכער פאַרבן־פּאַליטרע. די באַזוכער האָבן די מעגלעכקײַט זיך צו באַקענען מיט די אַרבעטן פון דרײַסיק קינסטלער — פאָרשטייער פון פאַרשיידענע דורעס און פאַרשיידענע קונסט־שולן.

פון די ווענט קוקן אַראָפּ אַלעקסאַנדער גלוסקינס, וויקטאָר מידלערס, לייב זעווינס, פעליקס לעמבערגסקיס, ראָבערט פאַלקס, מענדל גאָרשמאַנס, מייער אַקסעלראָדס, מאָרדכע דזשאַנאַשווילים פאָרטרעטן און פייזאַזשן; יאַקאָוו אַווערבוכס, שימען גרוזבערגס, נאָכעם אַלפּערטס, שימען גאַרמיזעס, פײַטל מוליאַרס, בערטע טאַרנאָפּאָלסקיאַס אַקוואַרעלן, צייכענונגען און עטיודן. עס זײַנען פאַרגעשטעלט טאַנכום קאַפּלאַנס און שמועל ראָזינס ליטאָגראַפיעס, מאַרק קליאָנסקיס אָפאָרטן, גערשן קראַוצאָווס, שײַע בראָנשטיינס און באָריס וואַליטס גראַווירן און אַנדערע גראַפישע אַרבעטן; מאַקס געלמאַנס, יויסעף טשײַקאָווס און פייסעך קריוואָרוצקיס סקולפּטורן, שלוימע ווערכאָווסקיס פאָרטרעטן, „אויסגעפלאַסטערטע“ פון פאַרשיידנקאָליריקע יאַם־שטיינדלעך.

■

פארשיידנס

אלץ איז וויכטיק

ערנעסט העמינגוועי איז געווען א גרויסער שרײַבער, און ס'איז וועגן אים א סאך געשריבן געוואָרן. און ס'איז קיין וווּנדער ניט — זײַן לעבן איז געווען אזוי רײַך און פארביק, אזוי פול מיט געשעענישן, אז ס'האָט געסטײַעט ניט בלויז פאר זײַן שאפן, נאָר איז אויך פאר פיל שרײַבער אן און פאר זיך געוואָרן א טעמע.

לעצטנס איז דערשינען א נײַ בוך וועגן דעם דאָזיקן שרײַבער. דאָס מאָל איז דער אויטאָר — קארלאָס באקער, א לעקטאָר פון ליטעראטור אין פרינסטאָן־אוניווערסיטעט. ער האָט געארבעט אף זײַן בוך זיבן יאָר, און פון אים דערוויסן מיר זיך פראטים, וועלכע האָבן פריער קיינעם ניט פארינטערעסירט. אזוי, צום בײַשפיל, האָט העמינגוועי אין עלטער פון צוויי יאָר דערקלערט, אז ער האָט פאר קיין זאך ניט מורא. און דער זיידע האָט דאַן געזאָגט צו דער מוטער: „ווועסט זען, אז אין איין שיינעם טאָג וועט מען נעמען ריידן וועגן דעם דאָזיקן יינגל". מיט פופציק יאָר שפעטער האָט דזשאָן א'הארא געשריבן וועגן העמינגוועיען: „דער גרעסטער שרײַבער זינט שעקספירן". נאָכן באקומען די מאטורע האָט ער גענומען ארבעטן אין א צײַטונג און דאָרט באהערשט אף א גאנץ לעבן דעם זשורנאליסטישן סטיל. איינער פון זײַנע אמאָליקע קאָלעגן האָט דערציילט: ער האָט אלעמאָל געוואָלט זײַן דאָרט, ווו עס טוט זיך עפעס. מיט א האלב יאָר שפעטער האָט ער אָפגעשיקט פונעם איטאליענישן פראָנט א קארטל אין רעדאקציע, אין וועלכן ער האָט מיטגעטיילט, אז די פײַער־פראָבע איז ער שוין אדורך. און צו די עלטערן האָט ער געשריבן: „שטארבן איז זייער א פאשעטער איניען, בעסער איז צו שטארבן אין דער יוגנט, ווען דער מענטש האָט נאָך אילוזיעס, איידער אף דער עלטער, ווען ער איז שוין קיין באלעבאָס ניט איבערן אייגענעם גוף און די אילוזיעס זײַנען שוין אויסגערונען".

צו נײַנצן יאָר איז ער פארוווּנדעט געוואָרן פון צוויי שפליטערס, דורכגעלעבט זײַן ערשטע ליבע — צו א קראנקנשוועסטער. שוין אין דער יוגנט האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זײַנע גרויסע דערפאָלגן בא פרויען.

באקער שילדערט העמינגוועיען ניט בלויז אלס געליבטן, באָקסיאָר, מאטראָס, פוטבאָליסט, פישער, טאָרעאדאָר, יעגער, רײַזנדער און שרײַבער, נאָר אויך ווי א מענטש, וואָס פאלט לײַכט ארײַן אין מאָרעשכוירע און רעדט א גאנץ לעבן וועגן זעלבסטמאָרד.

נאטירלעך, באקער דערציילט אויך פיל זאכן, וואָס זײַנען שוין לאנג באוווּסט; צום בײַשפיל, אז אין דער גרויסער צאָל אויטאָמאָביל־קאטאסטראָפעס, וואָס העמינגוועי האָט איבערגעלעבט, האָט ער צען מאָל געקראָגן א מארך־דערשיטערונג. ווען ער האָט איבערגעלעבט אן אעראָפלאן־קאטאסטראָפע בייס א יאגד אין אפריקע און מ'האָט אים געבראכט אין שפיטאָל, האָט דער דאָקטער געזאָגט, אז לויט אלע געזעצן פון דער מעדיצין האָט ער נאָך געדארפט שטארבן נעכטן. צו 62 יאָר איז ער באגאנגען זעלבסטמאָרד אזוי, אז מע זאָל עס אָנעמען פאר אן אומגליקס־פאל.

(„אונדזער פרײַנט", אורוגוויי)

א פיעסע וועגן דער פראנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789

אינעם לאָנדאָנער טעאטער „ראָונדהאוז" גייט א פיעסע „דאָס 1789־טע — די פראנצויזישע רעוואָלוציע, דאָס ערשטע יאָר".

אין אָט דעם טעאטער איז ניטאָ קיין פאָרהאנג, קיין דעקאָראציעס אינעם טראדיציאָנעלן זין פונעם וואָרט. די סצענע שטעלט מיט זיך פאָר עפעס ענלעכס אף א צירק־ארענע, וואָס איז ארומגערינגלט מיט קליינע סצענע־בריקלעך. ארײַנקומענדיק אין זאל, דערפילט זיך טייקעף דער צושויער ניט אלס זײַטיקער באאָבאכטער פון די געשעענישן, נאָר אלס א טיילכל פונעם פאָלק — פון דעם זעלבן פאָלק, וואָס האָט כארעוו געמאכט די באסטיליע און וואָס האָט אין מעשך פון דער פראנצויזישער געשיכטע ניט איין מאָל זיך אופגעהויבן צום קאמף פאר זײַן פרײַהייט.

דער ספעקטאקל דערציילט וועגן דעם ערשטן יאָר פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע אזוי, ווי עס שאצן זי אָפ די פראָסטע מענטשן — אירע שעפער. די צושויער זײַנען מאקסימאל דערנעענטערט צו די אקטיאָרן, די אקטיאָרן — צו די צושויער.

קעדיי אופצוהייבן דעם ספעקטאקל צו עכטע עפישע הייכן, ווערט אויסגענוצט די סאמע הײַנטצײַטיקע טעאטראלע טעכניק: מעכטיקע מיקראָפאָנען, מוזיקאלישע פלאטן, ליכט־עפעקטן. דאָס אלץ שאפט אן אט־מאָספער פון הויכער פאטעטיק אָדער פון אלגעמיינער לוסטיקייט אנטשפרעכיק צום פארטראכט פון דעם אָדער יענעם עפיזאָד.

קאָמפאָזיציאָנעל איז די פיעסע ווי געבויט אף די אופגעברויזטע קוואליעס פונעם פאָלקס־אופשטײַג, נאָך וועלכע עס קומען עפיזאָדן פון „אומקערן זיך צו געזעץ און אָרדענונג". אין אָנהייב פון דער פיעסע איז דער פײַנט פונעם פאָלק — די אריסטאָקראטיע, צום סאָף — די בורזשואזיע, נאָר די מאָדעל בלײַבט די זעלבע, און איר עפעקט ווערט אלץ גרעסער באם קעגנשטעלן דאָס יובלען פונעם פאָלק, וואָס האָט געזיגט, מיט די רעפרעסיעס, וואָס קומען נאָכן זיג.

גרויס אופמערקזאמקייט ווערט געשענקט דעם „דריטן שטאנד". אין דער פיעסע זײַנען פאראן פיל

מארק טווען און דער שפּין

א ציקאווער עפּיזאָד איז פּאַרגעקומען אינעם לעבן פונעם גרויסן הומאָריסט אין די יוגנט־יאָרן, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון א קליינער אָוונט־צײַטונג אין מיסורי.

עמעצער פון די אָבערגלויביקע אַבאָנענטן פון דער צײַטונג האָט צופעליק געפונען צווישן די זײַטן פונעם באַקומענעם נומער א גרויסן שפּין און האָט זיך געווענדט צום רעדאַקטאָר מיט א בריוו, אין וועלכן ער פרעגט: צו גליק איז דאָס געפינס אָדער ניט?

דער אַבאָנענט איז געווען אַן אייגנטימער פון א האַנדלס־געשעפט.

באַקומען דעם בריוו, האָט מארק טווען טייקעף געענטפערט:

— געפינען א שפּין צווישן די זײַטן פון דער צײַטונג באַטײַט נישט ניט קיין גליק און ניט קיין אומגליק. דער שפּין האָט זיך פאַרקליבן אין דער צײַטונג, קעדיי א קוק טאָן, ווער פון די האַנדלס־לײַט דרוקט ניט בא אונדז זײַנע רעקלאַמעס, און דערנאָך שוין קומען אין דער קלייט פון אָט דעם מענטשן, אויסשפּינען שפּינוועבס איבער זײַן טיר און לעבן א גוטן טאָג.

ב. אָסטראָווסקי
(„וועטשערניאַיא מאָסקווא")

„דער קיניג" אף יענער זײַט אָקעאַן

דעם קיניג, וועגן וועלכן מיר וועלן דאָ דערציילן, וועט מען ניט באַגעגענען לויטן דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל. עס וועט ניט זײַן ניט קיין ערן־קאַראַול, ניט קיין הימנען, ניט קיין רויטער טעפּיך, — ווײַל דער קיניג איז א קינעמאַטאָגראַפישער. ער וועט אַראָפּגיין אף דער אַמעריקאַנער ערד ניט פון אן עראָפּלאַן אָדער פון אן אָקעאַנישן לײַנער, נאָר פון דער לעצטע פונעם 81־טן פילם פון טשאַרלי טשאַפּלין „דער קיניג אין ניו־יאָרק". דער גרויסער קינאָ־מײַסטער האָט געשאַפן דעם פילם נאָך אין 1956 אין ענגלאַנד. צו יענער צײַט איז שוין טשאַפּלינען געווען פאַרבאָטן דער אַרײַנפאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן. ווי ס'האָט געמאָלדן דער דעמלטיקער יוסטיץ־מיניסטער דזשיימס מאַקגרענערי, „וועט טשאַפּלינען אַרויסגעגעבן ווערן אן אַרײַנפאָר־וויזע בלויז אין דעם פאַל, אויב ער וועט דערווײַזן זײַן מאָראַלישע פולווערטיקײַט". דער אַרטיסט אָבער האָט ניט געהאַט קיין כיישעק צו דערווײַזן זײַן „מאָראַלישע פולווערטיקײַט" דער מאַקאַרטיסטישער אַמעריקע, ער האָט זיך צעזעגנט מיט איר און האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ. (טשאַפּלין האָט געלעבט אין פּשאַ פערציק יאָר, נאָר ער איז פאַרבליבן א בריטאַנישער אונטערטאַנער).

דער פילם „דער קיניג אין ניו־יאָרק" איז א שאַרפע סאַטירע אף די „מאָראַלישע ווערטן" פונעם אַמעריקאַנער אַרט לעבן — פון א טעלעוויזיע־רעקלאַמע ביז דער קאָנגרעס־קאָמיסיע אף אויספאָרשן די אַנטי־אַמעריקאַנער טעטיקײַט. אָט די קאָמיסיע טאַקע האָט באַזונדערס אָפּגעלייזט פון טשאַפּלינען.

פונקט ווי זײַן אויטאָר, האָט „דער קיניג אין ניו־יאָרק" אין משך פון פערצן יאָר ניט געקאָנט באַקומען קיין אַרײַנפאָר־וויזע אין די פאַרייניקטע שטאַטן. בלויז סאָף 1971 איז אַזא וויזע געגעבן געוואָרן.

די מעלדונג וועגן דעם פאָרשטייענדיקן וויזיט פונעם „קיניג" אין ניו־יאָרק איז צונויפגעפאַלן מיטן 82־טן געבורטסטאָג פון זײַן שעפער.

מ. סטורוא („איזוועסטיאַ")

סצענעס פונעם לעבן פון פּראָסטן פאָלק. אומעטום איז פול מיט אָרעמע און הונגעריקע מענטשן, וואָס טייטן זייערע קינדער, זיי זאָלן זיך ניט מוטשען פון הונגער.

אומגעריכט לעשט זיך די שײַן. אין זאַל הערשט א טויטע שטילקײַט. צווישן די צושויער באַווײַזט זיך א גאַנצע אַרמיי אַגיטאַטאָרן, — מיט צוגעדעמפּטע שטימען הייבן זיי אָן דערציילן די געשיכטע, ווי ס'איז געפאַלן די באַסטיליע. די אַטמאָספער, וואָס די אַקטיאָרן האָבן געשאַפן, וועקט די פאַנטאַזיע פון די צושויער. די געפילן פון האַס, שרעק, אופגעבראַכטקײַט, וואָס די דערציילער גיבן איבער, פאַרכאַפּן די אַודיטאָריע. די שטימען קלינגען אַלץ העכער און העכער און באַהערשן דעם גאַנצן זאַל. די דערציילונג וועגן דעם, ווי עס איז געפאַלן די באַסטיליע, דערגרייכט איר קולמינאַציע. עס דונערן די ליטאַווראָן. אף דער אַרענע באַווײַזט זיך א מענטש. ער מעלדעט, אַז דער קיניג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן, ס'פאַלן די ווענט פון דער באַסטיליע. דאָס פאָלק האָט געזיגט.

ס'צינדט זיך אָן די שײַן און ס'הייבט זיך אָן א קאַרנאַוואַל. אף דער העל באַלויכטענער אַרענע טרעטן אַרויס קונצנמאַכער, זשאָנגליאָרן, אַקראָבאַטן. ס'הערט זיך א בראַווורע מוזיק. איבער דער סצענע שוועבט א פאָן, אף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן: „פרײַהײַט".

דער, וואָס האָט געזען דעם ספּעקטאַקל, קאָן מיט אים מאַסקים זײַן אָדער ניט מאַסקים זײַן, אָבער גלײַכגילטיק צו אים וועט ער ניט בלײַבן. א גרויסע מײַלע פון דעם ספּעקטאַקל איז אויך דאָס, וואָס ער איז געבויט אף פאָלקלאָר. כוץ דעם, איבעראַשט ער מיט דערפינדערישקײַט, מיט שיינע אײַנפאַלן, מיט געפיל פאַר הומאָר, מיט דער דינאַמישקײַט פון דער האַנדלונג. ניט געקוקט אף דעם, וואָס דער ספּעקטאַקל דערציילט וועגן היסטאָרישע געשעענישן, קלינגט ער זייער הײַנטצײַטיק.

(„זאַ רובעזשאָם")

ביבליאָגראַפיע

ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פּעריאָד יול־אווגוסט 1961—יול 1971

שפּראַך־פּראַגן

גרינפעלד י. דער עלטסטער פּערז אין ייִדיש. 1965 — 8.

דובינסקי מ. שאָלעם־אליי כעמס פּראָזעאָלאָגיזמען אין דער רוסישער איבערזעצונג. 1968 — 1.

ווילענקין ל. פאָלקס־ייִדיש. 1967 — 5.

יעלין מ. די לעצטע יאָרן פון נויעך פּרילוצקי. 1965 — 3.

לויצקער כ. אײַזיק זארעצקי — דער מענטש און דער געלערנטער. 1965 — 9.

— וועגן דער לעקסיק אין די ווערק פון אייניקע שרײַבער. 1967 — 6.

— זײַן בײַטראָג אין אונדזער קולטור־אויצער (וועגן נ. שטיף). 1969 — 12.

לויצקער כ., מײַדאנסקי מ. דער שפּראַכפאָרשער עליע ספּיוואק. 1965 — 10.

ליטוואקאָוו מ. אונדזער סאָוועטיש ייִדיש. 1967 — 11.

מײַדאנסקי מ. א וויסנשאפטלעכע פאָרשונג וועגן ייִדיש (מיקויעך א זאמלבוך פון לענינגראדער אוניווערסיטעט). 1963 — 4.

— צו ווײַטערדיקער פאַרפולקומונג (ארום די רוסישע און אוקראַיִנישע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אליי כעמס ווערק). 1968 — 11.

סורקיס מ. א קולטור־פײַערונג מיט 60 יאָר צוריק (וועגן דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ). 1968 — 12.

ספּיוואק ע. פּערעץ און די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך. 1965 — 7.

— שאָלעם־אליי כעם און די ייִדישע שפּראַך. 1966—12.

פאלקאָוויטש ע. אָפּשײַ פאַרן לאָשן. 1961 — 1, 2.

ראזומני מ. א בלעטל געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע (וועגן דער ייִדישער „נאציאָנאל־צײַטונג" אין ריגע). 1968 — 1.

ראָכקינד ס. צו דער טעמע „שאָלעם־אליי כעם אין רוסישער איבערזעצונג". 1968 — 7.

שאפּיראָ מ. שפּראַך־פּראַגן. 1965 — 6.

— וועגן איינער אן אויסשטעלונג (ארום דער אויסשטעלונג אין ניו־יאָרקער ייִוואָ „די געשיכטע פון ייִדישן אויסלייג"). 1966 — 2.

— דער אויצער פון ייִדיש (צום אָנדענק פון נאָכעם סטוטשקאָוו). 1966 — 3.

— אפן טאָג־סיידער — פּראַגן פון שפּראַך. 1966 —7.

— אייניקע באזונדערהײַטן פונעם איינהײַטלעכן ליטעראַרישן ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד. 1967 — 3.

— קיינער „וואַרפט ניט" קיין העברעיִזמען. 1967 — 5.

— א וויסנשאפטלעכער אופּטו פון גרויסן קולטור־באטײַט (וועגן דעם זאמלבוך פון דער וויסנשאפטס־אקאדעמיע פון פּססר „די שפּראַכן פון די פעלקער פון פּססר" און ע. פאלקאָוויטשעס ארטיקל אין זאמלבוך). 1967 — 11.

— ס'איז דאָ נאָך וועגן וואָס צו טראכטן (וועגן לאָמדישע, העברעיִשע און דײַטשמערישע ווערטער אין ייִדיש). 1968 — 4.

— ייִדישע לעקסיקאָגראַפיע און דער ליטעראַרישער ייִדיש. 1969 — 7, 8.

— בלעטערנדיק איבערזעצונגען פון ייִדיש. 1970 — 4.

— א פּאָר באמערקונגען צו איינעם א שטרײַט. 1970 — 9.

— עליע ספּיוואקס בײַטראָג צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאפט. 1970 — 11.

שטולמאן אי. שפּראַך־סטיל, אסאָציאַציעס. 1968 — 10.

שטערנבערג י. ווערטער, שפּראַך, סטיל (פון דער סעריע „ליטעראַרישע דיאַלאָגן"). 1968 — 4.

קונסט

1. מאָלערײַ, סקולפּטור

אזגור ז. אין ווארשטאט פונעם סקולפּטאָר אורראָם בראזער. 1968 — 1.

— אָט אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן (אווטאָביִאָגראַפישע פאַרצייכענונגען). 1971 — 1.

איגין י. מיכאיִל סוועטלאָווס שמייכל. 1967 — 7.

אָסטראָווסקי ה. אין שעפערישן אומרו (צום 50־טן געבורטסטאָג פון ש. גרוזבערג). 1968 — 6.

באבאָשין נ. קארגע הונדערט (וועגן דעם סקולפּטאָר י. איטקינד). 1965 — 12.

בוריאן ד. דער מײַסטער און זײַנע ווערק (וועגן ז. אזגור). 1968 — 5.

ברוקאזש מ. וועגן דעם קינסטלער יעהודע פּען. 1968 — 2.

גוריעוואט ט. פרישקײַט און פולבלוטיקײַט (וועגן דעם קינסטלער מ. גאָרשמאן). 1967 — 1.

דאָלינסקי א., טשערטאָק ש. זינגענדיק האָלץ. 1967 — 5.

האָבערמאן ד. קינסטלערישע שניצערײַ אף שטיין. 1963 — 6.

זשאָלטאָווסקי פּ. דענקמעלער פון דער ייִדישער קונסט פון XVIII — XIX יה. 1967 — 2.

כאנעס מ. א באגײַסטערטער קינסטלער (צום

זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 10, 11, 1971 און נומ. 1, 2, 1972.

50־טן געבורטסטאָג פונעם סקולפּטאָר פּ. קריוואָ־רוצקי). 1970 — 6.

ליובאָמירסקי י. אַן אומרויִקער קינסטלער (צום 75־טן געבורטסטאָג פון אי. ראַבינאָוויטש). 1971 — 3.

לעוויק וו. אַלעקסאַנדער גלוסקין. 1970 — 12.

ניורענבערג א. מײַן פרײַנט מארק שאַגאַל. 1967 — 12.

סלוצקי ב. מייער אקסעלראָד בא דער ארבעט. 1967 — 1.

— אף דער אויסשטעלונג פונעם קינסטלער ראָבערט פאַלק. 1967 — 6.

סמירנאָוו כ. נײַע שאַפונגען פונעם קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן. 1970 — 7.

ערענבורג אי. צו דער אויסשטעלונג פון אַלעקסאַנדער טישלערס ווערק. 1969 — 8.

פינק וו. דער קינסטלער אמשיי ניורענבערג. 1967 — 12.

קאהאן ז. א שמועס מיט נאטאן אַלטמאַנען. 1964 — 6.

— באַגײַסטערט פון דער רעוואָליוציע (וועגן דעם קינסטלער נאטאן אלטמאן). 1970 — 9.

— א ווונדערבארער קינסטלער (ט. קאַפּלאַן). 1966 — 3.

— אינעם געוועזענעם ווינטער־פּאַלאַץ (וועגן דעם לענינגראַדער ערמיטאַזש). 1967 — 10.

— דער קינסטלער י. זיסמאַן. 1969 — 10.

ראַמאַס א. נאָכעם אַלפּערטס אקוואַרעלן. 1968—12.

רודניצקאַיאַ יו. די פּאָעזיע פון ליניע און פאַרב (אף אַן אויסשטעלונג פון מ. אקסעלראָד). 1968 — 10.

שײַנין ב. וועגן דעם מאָלער מארק קליאָנסקי. 1969 — 7.

2. מוזיק

בערעגאָווסקי מ., לערנער ר. יידישע פאָלקס־שאַפונג בייס דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. 1970 — 5.

גאָלדבלאַט מ. אונדזער פּולוווער (וועגן דעם קאָמפּאָזיטאָר ל. פּולוווער). 1968 — 12.

— זוכנדיק נײַע וועגן (וועגן דער זינגערן סאָפיע סײַטאַן). 1969 — 4.

גלייזער מ. דער פּאָפּולערסטער הימן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט (צום 100־יאָריקן יובילײַ פונעם „אינטערנאַציאָנאַל"). 1971 — 6.

גרוביאַן מ. מיט זײַן אייגענעם ניגון (צום 75־טן געבורטסטאָג פון ל. יאַמפּאָלסקי). 1964 — 2.

ווינאָגראַדאָוו וו. א ווערטפולע קולטור־ירושע (וועגן דעם פּאָלקלאָר־ און מוזיק־זאַמלער מ. בערעגאָווסקי). 1963 — 5.

ווינקאָוועצקי א. אַן אויצער פון יידישן מוזיקאַלישן פּאָלקלאָר (וועגן מ. בערעגאָווסקיס 5 בענדער „יידישער מוזיקאַלישער פּאָלקלאָר"). 1968 — 8.

נאָכימאָווסקי מ. נאָטיצן וועגן שאָסטאַקאָוויטשעס לידער־ציקל „פון דער יידישער פאָלקס־פּאָעזיע". 1966 — 12.

— עס זינגט דינע פּאָטאָפּאָווסקאַיאַ. 1966 — 9.

— לייב יאַמפּאָלסקי — דער באַגײַסטערטער זינגער. 1969 — 4.

— יידישע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן: אַטיליע ליכטענשטיין, זאַרא פייגינע. 1969 — 9.

— יידישער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר לייב קאָגאַן. 1970 — 6.

נאָטאָוויטש מ. לייב פּולוווער. 1963 — 6.

סאקציִער מ. אַן אומדערמידלעכער קולטור־טוער (צום 60־טן געבורטסטאָג פונעם אָנפירער פון טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע פינכעס פאַליק־רייפער). 1970 — 1.

סאָראָקער יא. וועגן פּראָקאָפיעווס אָן אוווערטורע. 1966 — 7.

סורקיס מ. א פאַרדינטע באַלוינונג (וועגן דער אַקטריסע סידי טאַל). 1965 — 12.

ענגעל־יאַגינסקאַיאַ א. מײַן פאָטער יולי ענגעל. 1968 — 4.

פּולוווער ל. א פילזײַטיקער קאָמפּאָזיטאָר (וועגן שמואל סענדערײַ). 1965 — 5.

— עפּיזאָדן פון מײַן לעבן. 1970 — 2.

קאהאן מ. מייער דער קלעזמער, זײַנע אייגענע און נאָענטע. 1968 — 10.

קאַנצעדיק ע. לידער בלײַבן לעבן (וועגן דעם דיריגענט פון מינסקער רוסישן טעאַטער אי. טייטל־בוים). 1969 — 3.

שולמאַן ז. אַנהייב וועג (זיכרוינעס). 1967 — 3.

3. לידער מיט נאָטן

באַיאַרסקאַיאַ ר. א ליד וועגן באַמבוק־שטעקעלע. ווערטער פון ש. דריז. 1963 — 1.

— א ליבע מיט א פאַסטעכל. ווערטער פון א. לײַבוש. 1965 — 2.

— א ליד וועגן לענינען. ווערטער פון אי. פּעפער. 1969 — 11.

בירנאָוו ל. ווערטער פון א. ווערגעליס: שפּיל, סאָלאָווייטשיקל. 1969 — 8.

— דער ניגן. 1971—3.

גערשקאָוו א. אַפן לענין־פּלאַץ. ווערטער פון ליובע וואַסערמאַן. 1970 — 11.

יאַמפּאָלסקי ל. רומטשי. 1969 — 4.

— כאַנוקאַס־האַבאַיס. ווערטער פון כ. בײַדער. 1962 — 5.

— די ליד פון א שנײַדער. ווערטער פון א. גאָנטאַר. 1970 — 11.

— דער בוים. ווערטער פון ש. דריז. 1964 — 2.

— ווערטער פון א. ווערגעליס: נעמט אוועק די קינדער. 1969 — 7.

— שיר־האַשירים. 1970 — 1.

— ווי כ׳וואָלט א יאַם אַריבער. 1970 — 3.

— שטיי אוף, מײַן שטעטעלע. 1970 — 5.

— דאָס פײַפל. 1970 — 12.

— יידישע טעכטער. 1971 — 1.

— א טרער. 1971 — 6.

— איך רו ניט. 1971 — 7.

— וויגליד. ווערטער פון אי. כאַריק. 1968 — 3.

— אף העכסטער הייך. ווערטער פון ש. ראָסין. 1966 — 5.

ליכטענשטיין אַ. קוש מיך דערפאַר. ווערטער פון מ. גרוביאַן. 1969 — 3.

— דער אלמאַנע פון קאַנגאָ. ווערטער פון ד. כּיט־קין. 1962 — 6.
— די טענצערן פון געטאָ. ווערטער פון פּ. מאַר־קיש. 1967 — 4.
— כ'האָב געקליבן. ווערטער פון ל. קוויטקאָ. 1966 — 7.
— א שטראַל פון דער זון. ווערטער פון אַשער שוואַרצמאַן. 1965 — 7.
סענדערײַ ש. אין די בערג. ווערטער פון א. גאָנטאַר. 1965 — 9.
— זיבן טעכטער. ווערטער פון א. גאָנטאַר און י. קאָטליאַר. 1966 — 12.
— א קינדער־ליד. ווערטער פון מ. נאַבוטאָווס־קי. 1962 — 4.
פּאַליאַנסקי מ. דער ווײַנשלבוים. ווערטער פון א. גאָנטאַר. 1971 — 2.
— דאָס וויגעלע. ווערטער פון ש. דריז. 1965—12.
פּולווער ל. א נײַע וויגליד. ווערטער פון ד. בראָמבערג. 1962 — 2.
קאַגאַן ל. וואָס וועט זײַן מיט מיר. ווערטער פון ר. באַליאַסנע. 1970 — 2.
— די באַלאַדע וועגן א ייִנגעלע און זײַן פידל. ווערטער פון ב. דובראָווין. 1970 — 6.
קאָמפּאַנייעץ ז. ווערטער פון א. ווערגעליס. לאָמיר זינגען וועגן לענינען. 1962 — 3.
— זיי קעמפן. 1965 — 4.
— א ייִדישער וואַלס. 1967 — 12.
— אין מײַן הארצן. ווערטער פון מ. סאַקציער. 1969 — 12.
קראַוועץ א. בערעלע שלאָפט. ווערטער פון ש. דריז. 1965 — 6.
שאַינסקי וו. שוין גענוג. ווערטער פון י. לערנער. 1962 — 1.

סאָוועטישע און רעוואָלוציאָנערע לידער:

מוטיק, כאַווירים. ייִדיש — עסטער. 1967 — 2.
פאַרמוטשעט אין פינצטערער טפיסע. ייִדיש — א. קאַוונער. 1967 — 5.
יונגע גוואַרדיע. ווערטער פון א. בעזימענסקי. ייִדיש — מ. דאַרקי. 1967 — 6.
פּאַרטיזאַן זשעלעזניאַק. ווערטער פון מ. גאָלאָד־ני. ייִדיש — ש. ראָסין. מוזיק פון מ. בלאַנ־טער. 1967 — 8.
אלץ העכער און העכער (אוויאַ־מאַרש). ווערטער פון פּ. גערמאַן. ייִדיש — ע. קאַזאַקעוויטש. מוזיק פון יו. כײַט. 1967 — 9.
די ליד וועגן היימלאַנד. ווערטער פון לעבע־דיעוו־קומאַטש. ייִדיש — ש. ראָסין. מוזיק פון א. דונאַיעווסקי. 1967 — 11.
די ליד וועגן קאַכאָווקע. ווערטער פון מ. סוועט־לאָוו. ייִדיש — ע. קאַזאַקעוויטש און א. ווער־געליס. מוזיק — אי. דונאַיעווסקי. 1968—2.
לידער, פאַרשריבענע נאָכן קריג. 1970 — 2.
לאַגער־לידער (1968 — 4):
— אוראָם־איצע שטייט פאַרכאַלעשט.
— אף דער זיבעטער פלאַשטשאַדקע.
— דאָס פאָלק וועט אייביק זײַן,
— סליוונער לאַגער.
— דאָס ליד פון פעטשערער לאַגער.

4. טעאַטער

אוטיאַסאָוו ל. אויסגעצייכנט (וועגן דער שוי־שפּילערן סידי טאַל). 1964 — 2.
— קאַלין: אקאַסטאַ, טעוויע. 1968 — 6.
— און נאָכאַמאָל קאַלין... 1970 — 10.
אָסטראָווסקי ב. א וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע (סאָניע איידעלמאַן). 1967 — 6.
ברוסילאָווער א. א פאַרדינסטפולע אקטריסע (צום 70־טן געבורטסטאָג פון יעהודיס מינקאָווא). 1967 — 12.
גאָלדבלאַט מ. קולבאַקס שוואַנען־ליד. 1964 — 1.
— מיכאָעלס אף דער בינע און אין לעבן. 1965 — 3.
— א וואָרט וועגן זוסקינען (צו זײַן 70־טן גע־בורטסטאָג). 1970 — 1.
— פרײַנטשאַפט פון קינסטלער (צום 80־טן גע־בורטסטאָג פון ש. מיכאָעלס). 1970 — 3.
— א לעבן אין זוכעניש (צום 80־טן געבורטסטאָג פון ע. לויטער). 1970 — 7.
גערשענזאָן ב. מוישע גערשענזאָן. 1966 — 6.
האַלפּערן ב., עפּשטיין י. קינסטלערישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון (ווילנע, קאָוונע). 1963 — 4.
טשיזש מ. ייִדישער טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד (רײַזע־אײַנדרוקן און באַגעגענישן). 1968 — 11.
יאַקיר יאַ., סאַקציער מ. אוראָם בערקאָ־וויטש. 1967 — 12.
— „דער וועג אין לעגענדע" (אין קעשענעווער ייִדי־שער דראַמאַטישער מוזיקאַלישער סטודיע). 1968 — 4.
ליובאָמירסקי י. שלוימע מיכאָעלס דער טעאָ־רעטיקער. 1963 — 1.
— די ערשטע פּראָגראַם (אין מאָסקווער ייִדישן טעאַטראַלן אנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון ב. שוואַרצער). 1963 — 4.
— ביניאָמין זוסקין און די ייִדישע סאָוועטישע דראַ־מאַטורגיע. 1964 — 2.
— י.־ל. פּערעץ און דער ייִדישער טעאַטער. 1965—11.
— „טעוויע דער מילכיקער" אפן קינאָ־עקראַן. 1966 — 10.
— שאָלעם־אַלייכעם אין מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער. 1966 — 12.
— פון מײַנע באַגעגענישן (מיט שמועל האַלקינען, א דיסקוסיע מיט מיכאָעלסן, דער ניסטער און די „גאָלדשפּינערס"). 1968 — 8.
— שטריכן צום פּאָרטרעט פון דער אַרטיסטן ליבע־רייזע ראָם. 1969 — 6.
— דער רעפּערטואַר און זײַן סצענישע פאַרקערפּע־רונג. 1970 — 7.
— זיכרוינעס וועגן דעם אַקטיאָר רודאָלף זאַסלאַווער־סקי. 1970 — 12.
— באַגעגענישן מיט וואַכטאַנגאָוון. 1963 — 6.
מילער ב. א באַגאַבטער בינע־מײַסטער (וועגן דעם אַרטיסט פון בּיראָבידזשאַנער טעאַטער פ. אראָ־נעס). 1968 — 1.
נוגער א. עמאַנויל דינאָר (ייִדישער שוישפּילער). 1968 — 8.
סלאָוועס כ. די טראַגישע סטירע (וועגן יאַקאָוו גאָרדין). 1970 — 2.
פריי ס., גרונדפּעסט ב. פאָלקס־טאַלאַנטן (אין קאָוונער קאָלעקטיוו פון ייִדישער קינסטלערי־שער זעלבסטעטיקייט). 1965 — 12.

קאהאן ז. די יידישע דראמאטורגיע און די צארישע צענזור. 1968 — 6.

קאלין י. 60 און 75 (וועגן דעם שוישפילער און רעזשיסער ב. שווארצער). 1967 — 8.

ראשאל ג. ער לעבט אין זײַן קונסט (וועגן ש. מיכאעלסן). 1970 — 3.

רובינשטיין א. זײַן גרויסער אופטו (צום 70־טן געבורטסטאג פון מ. גאלדבלאט). 1966 — 2.

רעלעס ה. מוישע סאקאל (שוישפילער). 1968 — 8.

שוסטער י. א פרישער שטראם (וועגן דער שוישפילערן עטל קאווענסקאיא). 1970 — 6.

שטערנבערג י. דער רומענישער עטאפ אין גאלדפאדענס טעאטער־שאפונג (צום 125־טן געבורטסטאג פון א. גאלדפאדען). 1965 — 12.

אף היסטארישע טעמעס

בארוזדין ס. פיר טויזנט קילאמעטער איבער עגיפּעט. 1970 — 8.

בליומענפעלד ו. וויאזוי האט וו. אי. לענין אפּגעשאצט דעם ציוניזם? צי עקזיסטירט בא אונדז אין לאנד די אזויגערופענע יידן־פראגע? 1971 — 8.

ברעגמאן י. אף די שפורן פון די העלדן פון ש. שקאראווסקיס ראמאן „אדעס". 1966 — 11.

ברעסלאוו ב. דעריננערונגען וועגן לענינען. 1967 — 4.

בעלקין ד. מיט די העלדנמוטיקע זין פון רוסלאנד (וועגן דעם דעקאבריסט הירש פערעטץ). 1971 — 1.

גלוכאווסקי ס. כאווער, גלייב (וועגן דעם אלטן באלשעוויק צעציליא זעליקסאן־באבראווסקאיא). 1969 — 11.

וולאדימיראוו י. וויאזוי מיר האבן געדרוקט דעם ערשטן נומער „ווּפּעריאד". 1965 — 4.

זימאנאס ה. אן ענטפער מײַנעם א לאנדסמאן, וואס וווינט אף יענער זײַט אקעאן. 1970 — 7.

טרעפונגען פון פארשטענדניש צווישן יידישע און אראבישע שרײַבער פון יִיסראעל. 1970 — 6, 8; 1971 — 2.

פריבלודע א. די ערשטע באלשעוויסטישע בראשור אין יידיש. 1970 — 4.

קאן אי. די לענינישע טעאריע פון נאציעס און דער הײַנטצײַטיקער קאפּיטאליזם.

ריכטער נ. פראלעטארישער אינטערנאציאנאליזם און בורזשואזער נאציאנאליזם. 1971 — 5.

— די הײַנטיקע אטאבעכארטאניקעס. 1971 — 6.

העלדן פון סאוועטנפארבאנד

גאלײַ מ. נאטיצן פון אן אויספרווו־פּיליער (נאכווארט פון ש. גארדאן). 1965 — 11.

דראגונסקי ד. דער וועג פון אונדזער רום. 1970 — 5.

פערצאווסקי י. ער האט פארטיידיקט מאסקווע. 1966 — 6.

פריבלודע א., ברעגמאן י. אונדזער היימלאנד האט זיי געקרוינט מיט רום (א רעשימע פון 121 יידן — העלדן פון סאוועטנפארבאנד). 1970 — 5.

פריבלודע א. ווער זײַנען זיי, די העלדן (סטאטיסטישע אנגאבן וועגן 133 העלדן). 1970 — 8.

קאזאקאוו ו. דער גורל פון א העלד. 1966—12.

אף מילכאמע־טעמעס

דאלינסקי י., טשערטאק ש. דאס מיידעלע און דער פאשיזם (וועגן מ. ראלניקס בוך „איך מוז דערציילן"). 1965 — 2.

דיאמאנט ד. אין די רייען פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג אין פראנקרײַך. 1965 — 10.

האפמאן ה. א כאראקטער פון א פליער. 1967 — 2.

סימאנאוו ק. מינקין דערציילט. 1963 — 3.

סינעלניקאוו א. די פארברעכער ווערן באשטראפט (וועגן די נאציסטישע ראצחים אין ווארשע). 1968 — 4.

פעטשערסקי א. זיבן זײַנען מיר (וועגן דעם אופשטאנד אין סאביבארער טויט־לאגער). 1970 — 5.

פרײַ ס. ווידערשטאנד, פרײַנטשאפט, האפענונג (וועגן ב. גאלדשטיינס בוך „זיבן אין בונקער"). 1964 — 2.

קעניג ג. אונדזערע באפרײַער (וועגן דער ווידערשטאנד־באוועגונג אין פראנקרײַך). 1965 — 5.

קריוטשקין מ. אזא כאראקטער (צוויי דערציילונגען וועגן וויקטאר גוטמאן און זײַנע פרײַנט). 1967 — 10.

פארשיידענע מיטיילונגען

אלעקסאנדראוו ה. וועגן איינער א היסטארישער רעטעניש. 1970 — 8.

— רוסלאנד — אונדזער היימלאנד. 1971 — 2, 3.

ארטענבערג ש. היינריך גרעץ (צו זײַן 150־טן געבורטסטאג). 1967 — 9.

ברעגמאן י. קעמפנדיקע געטאס. 1968 — 4.

ווילסקער ל. נײַע מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד. 1971 — 5.

מארק ב. דער אנהייב און דער סאף פונעם אופשטאנד. 1968 — 4.

מײַער אי. דאס בולגארישע פאלק האט געראטעוועט די יידן פון פאשיסטישער אויסראטונג. 1967—6.

פריבלודע א. אינטערעסאנטע סטאטיסטיק (וועגן יידן — אקאדעמיקער). 1968 — 2.

— אקטועלע פראגן פון אנטראפּאנימיק. 1969 — 2.

— צו דער געשיכטע פון יידישע פאמיליע־נעמען. 1968 — 7 און 12; 1969 — 8; 1970 — 2.

פרעסע־קאנפערענץ וועגן פראגן, וואס האבן א שײַכעס צו דער לאגע אפן נאענטן מיזרעך. 1970 — 3.

קאהאן ז. וווּ און וויפל יידן זײַנען פאראן אף דער וועלט. 1965 — 9.

— די ירושע פון ווײַטע דורעס (וועגן דער פירקאוויטש־קאלעקציע אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאטעק אפן נאמען פון מ. יע. סאלטיקאוו־שטשעדרין). 1969 — 12.

א. פריבלודע

געוויע ידיעס וועגן די מאטעריאלן, וועלכע זײַנען פובליקירט אין די רובריקעס „נאטיצן אפן קאלענדאר", „אף די שפורן פון געשעענעס" אא., קאן מען געפינען אין די יאר־אינהאלטן פון „סאוועטיש היימלאנד".

מאָטל גרוביאַן



דעם 9 פעברואַל אין עלטער פון 62 יאָר, נאָך א שווערער קראַנקײַט, איז געשטאָרבן מאָטל גרוביאַן. מיט זײַן טויט האָט די ייִדישע ליטעראַטור פאַרלוירן איינעם פון אירע בעסטע שעפער.

מאָטל גרוביאַן האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אין די דרײַסיקער יאָרן. שוין מיט זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג „פון קעלער — אַף דער זון" (1935) האָט ער פאַרנומען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער ליטעראַטור. זײַן צווייטער בוך, „ליריק" (1940), האָט אַרײַנגעטראָגן א פרישן שטראָם אין דער פּאָעזיע וועגן דער איבערבויונג פונעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

מאָטל גרוביאַן איז געקומען אין דער ליטעראַטור אַלס ליריקער. אַזאַ איז ער פאַרבליבן ביז זײַן לעצטן אָטעם. די לירישע מיניאַטיור איז געווען דער הויפּטזשאַנער פון זײַן פּאָעטישער שאַפונג. אין אָט דער פאָרם האָט ער אויסגעדריקט טיפע איבערלעבונגען, קאָמפּליצירטע פילאָסאָפישע אידייען, געפילן פון פּאַטריאָטיזם און סאָוועטישן הומאַניזם. גרוביאַנס ליריק, זײַענדיק טיף אינדיווידועל, איז אין דער זעלבער צײַט אָנגעזעטיקט מיט די וויכטיקסטע היסטאָרישע אידייען און מאָטיוון פון אונדזער הײַנטצײַטיקײַט.

אָנהייבנדיק פונעם דריטן בוך ליריק „דאָס געזאַנג וועגן מוט" (1947), האָבן אין גרוביאַנס דיכטונג פּרעוואַלירט צוויי גרונט־טעמעס: די מילכאָמע און די נאַציאָנאַלע טעמע. אַליין א סאָלדאַט און אַן אָנטיילנעמער פון די טראַגישע און העראָישע געשעענישן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט דער דיכטער ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם אומקום פון מיליאָנען מענטשן. דער קינסטלער איז זיכער אין ענדגילטיקן זיג פון דער גערעכטיקײַט, אָבער אין דער זעלבער צײַט זעט ער די ניסיוינעס און געפאַרן, וועלכע שטייען פאַר די פעלקער. דאָס גיט צו זײַנע ווערק א מינאָרישע און עלעגישע אינטאָנאַציע.

ניט ווייניקער עמאָציאָנעל איז אויך גרוביאַנס נאַציאָנאַלע ליריק. אין א ריי לידער (דער ציקל וועגן אייכמאַנען, „וואַגאָנעס" און אַנדערע) באַווײַנט דער דיכטער דעם טראַגישן גורל פון זײַן פאָלק בײַס דער היטלערישער אינוואַזיע. גרוביאַן אַלס דיכטער פילט און באַזיניקט פולשטענדיק די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פונעם פּאָעטישן וואָרט.

ווען מע רעדט וועגן מאָטל גרוביאַנס דיכטונג, ווײַזט מען געווייינלעך אָן אַף איר פאָלקסטימלעכקײַט. גרוביאַן טראַנספאָרמירט די מיטלען און פאָרמען פון דער פאָלקסליד, פון דער פאָלקס־שאַפונג, און אין זײַן דיכטונג קלינגען זיי ווי די פאַרקערפּערונג פון אַקטועלע הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען פון דער ווירקלעכקײַט, ניט פאַרלירנדיק אין דער זעלבער צײַט זייער אומיטלבאַרקײַט און כיין.

דער דיכטער פאָרמולירט די פּרינציפּן פון זײַן שעפערישן גאַנג און פון זײַן עסטעטיק. לאַכלוטן נײַע און אייגנאַרטיקע בילדערישקײַט, די אומדערוואַרטקײַט און „פּלוצלינגדיקײַט" פונעם דיכטערישן וואָרט, די פרישקײַט פון דער קינסטלערישער מעטאַפאָרע — אין דעם אַלעמען איז אויסגעדריקט מאָטל גרוביאַנס פּאָעטישער סטיל.

אין 1970 איז דערשינען מאָטל גרוביאַנס א זאַמלונג אויסגעוויילטע לידער „אומרויִקער ווינט". דאָס איז א סאַכאַקל פון זײַן שאַפונג פאַר די לעצטע צען יאָר, ווען די באַגאַבונג זײַנע האָט זיך אַנטפּלעקט מיט א באַזונדערער קראַפט אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

מ. גרוביאַנס דיכטערישע ווערק זײַנען דערשינען אַף רוסיש, ווײַסרוסיש און אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע דיכטונג טרויערט אָפּן טויט פון איינעם פון אירע בעסטע שעפער.

שרייַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

מיט 90 יאָר צוריק איז אינעם בעסאַראַבער שטעטל טעלענעשט געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרייַבער זאַלמען ראָזענטאַל.

אין עלטער פון דרייַצן יאָר איז ז. ראָזענטאַל געקומען קיין אָדעס, וווּ עס האָבן זיך גיך ארויסגעוויזן זייַנע ליטעראַרישע פייִקייַטן. מיטן ייִנגל האָט זיך פאַראינטערעסירט י.־כ. ראַווניצקי, וועלכער האָט אים געהאָלפן אָפּדרוקן אין ספּעקטאָרס „אונדזער לעבן" זייַן ערשט ווערק „א מאָנאָלאָג פון א שוויגער" (אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים ש. אשקענאַזי). שפּעטער האָט ז. ראָזענטאַל אונטערן פּסעוודאָנים „ייִדל טשאַד" געדרוקט אין דער טעגלעכער צייַטונג פון מוישע טייַטש „גוט־מאָרגן" בילדלעך און פעליעטאָנען וועגן אָדעסער ייִדיש און ייִדישקייַט. אין 1914 איז ער געוואָרן א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער אָדעסער טעגלעכער צייַטונג „דאָס נייַע לעבן" (רעדאַקטאָר — אלעקסאַנדער כאַשין), וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט א היפּשע סעריע פון זייַנע קינדער־מייַסעס.

אין 1919 איז אין אָדעסער פאַרלאַג „דאָס נייַע לעבן" דערשינען ז. ראָזענטאַלס א בוך דערציילונגען אונטער דער רעדאַקציע פון א. כאַשין. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון די קעשענעווער טאָג־צייַטונגען „דער יוד" און „אונדזער צייַט", האָט אויך ארויסגעגעבן אין קעשענעוו א קינדעש־זשורנאַל „פאַרן ייִדישן קינד". דער זשורנאַל האָט גרופּירט ארום זיך פיל אָנגעזעענע ייִדישע שרייַבער.

ז. ראָזענטאַל האָט פיל געאַרבעט אפן געביט פון ייִדישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, ער האָט געזאַמלט די מאָלדאַווישע עלעמענטן אין דער ייִדישער שפּראַך, פאַרעפנטלעכט מער פון הונדערט ייִדישע פאָלקסלידער, וועלכע מע האָט געזונגען אין בעסאַראַביע און אוקראַינע.

מיט 75 יאָר צוריק איז אין יעליזאַוועטגראַד געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער ייִדישער קינסטלער יִסאָכער־בער ריבאַק.

י.־ב. ריבאַק האָט זייער פרי אָנגעהויבן שטודירן און זאַמלען די ייִדישע פאָלקס־קונסט. צו 14 יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער קיִעווער מאָלער־שול און איז געוואָרן איינער פון די פּיִאָנערן פון דער ייִדישער פּלאַסטיק. ארומפאָרנדיק אין שליכעס פון דער פּעטערבורגער ייִדישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, האָט ער געפאָרשט און געזאַמלט די ספּעציפישע און כאַראַקטעריסטישע פאָרמען פון דער ייִדישער טראַדיציאָנעלער פאָלקסטימלעכער קונסט, שטרעבנדיק אין זייַן אַרבעט צו פאַרבינדן דעם ייִדישן פאָלקס־פּרימיטיוו מיט די מאָדערנע פאָרמען. אין 1917 — 1919 האָט ער געאַרבעט אין דער „קולטור־ליגע" און צוזאַמען מיט ע. ליסיצקי, י. טשייַקאָוו און אנד. אָנגעפירט מיט איר קינסטלער־סעקציע.

אין 1919 איז י.־ב. ריבאַק אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָ האָט ער אָרגאַניזירט די ערשטע אויס־

שטעלונג פון ייִדישע קינסטלער. אין 1925 האָט ער לויט דער אייַנלאַדונג פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון ווייַסרוסלאַנד געגרייט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו ראַפּאַלסקיס שטעלונג פון פּערעצעס „אין פּאָליש אף דער קייט". ער איז געווען איינער פון די אקטיווסטע אילוסטראַטאָרן פון די אויסגאַבעס פון די ייִדישע סאָוועטישע פאַרלאַגן, האָט ארויסגעלאָזט צוויי קינסטלערישע אלבאָמען: „שטעטל" (31 בילדער) און „אף די ייִדישע פעלדער פון אוקראַינע" (21 בילדער. אייַנדרוקן פון א רייַזע איבער די ייִדישע קאָלאָניעס פון כערסאָן און קרים). אין דעם לעצטן אלבאָם איז געשילדערט דער ייִדישער לעבנסשטייגער אף אוקראַיִנע, מע פילט דאָ די וואַרעמע האַשפּאָע סייַ פונעם פאָלקס־פּרימיטיוו, סייַ פון שאַגאַלס נוסעך. צוזאַמען מיטן קינסטלער ב. אַראָנסאָן האָט י.־ב. ריבאַק אינעם זאַמלבוך „אויפגאַנג" פאַרעפנטלעכט א וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג „די וועגן פון דער ייִדישער מאָלערייַ".

אָפּהאַנדלונגען וועגן י.־ב. ריבאַקס שאַפונג זייַנען פאַרעפנטלעכט אין פיל ייִדישע סאָוועטישע אויסגאַבעס, אויך אין דייַטשישע, ענגלישע און פראַנצויזישע צייַטשריפטן.

דעם 19 (31) מארט ווערט 150 יאָר, זינט עס איז אין סימבירסק געבוירן געוואָרן דער רוסישער שרײַבער דמיטרי וואסיליעוויטש גריגאָראָוויטש.

אין די 40־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט נ. נעקראסאָוו צוגעצויגן גריגאָראָוויטשן צו מיטארבעטן אין די אלמאנאכן „די פיזיאָלאָגיע פון פעטערבורג" און „ערשטער אפרעל". דאָרט האָט גריגאָראָוויטש אָפּגעדרוקט זײַן עסיי „פעטערבורגער שארמאנשטשיקעס" און די דערציילונג „א שטיק לײַוונט". צווישן גריגאָראָוויטשעס וויכטיקסטע ווערק געפינען זיך די דערציילונגען „א דאָרף" (1846) און „אנטאָן גאָרעמיקא" (1847). אין די ביידע דערציילונגען זײַנען פאראן שארפע ארויסטרעטונגען קעגן לײַבייגנטום. אין זיי ווערט קריטיקירט דער אדל אלס הערשנדיקער קלאס און עס ווערט אויסגעדריקט די ליבע צו די פויערים. סאלטיקאָוו־שטשעדרין האָט געשריבן: „...מיט גריגאָראָוויטשעס לײַכטער האנט איז אין דער רוסישער ליטעראטור און אין דער רוסישער געזעלשאפט אײַנגעבירגערט געוואָרן דער געדאנק, אז דער פויער איז א מענטש".



פאָרזעצנדיק נ. גאָגאָלס טראדיציעס, האָט גריגאָראָוויטש געשאפן א ריי ווערק וועגן דעם פאָלקסלעבן, וועלכע דעמאסקירן די סאָציאלע אומגערעכטיקײַט. דאָס זײַנען די דערציילונגען „נאקאטאָווס פאסירונגען" (1849), „סוויסטולקין" (1855), דער ראָמאן „דאָרפישע וועגן" (1852), דערציילונגען וועגן דעם טרויעריקן גורל פון טאלאנטפולע פאָלקסמענטשן („דער קאפעלמייסטער סוסליקאָוו", 1848, „א שלימאזלדיק לעבן", 1850). אין זײַן דערציילונג „די שול פון גאסטפרײַנטלעכקײַט" קאָן מען טרעפן מיטגעפיל צו די דעמאָקראטישע שטרעבונגען און אין דער זעלבער צײַט שארפע אָנפאלן אָף נ. ג. טשערנישעווסקין.

אין אָנהייב פון די 60־ער יאָרן האָט גריגאָראָוויטש אָף גאנצע 20 יאָר איבערגעריסן זײַן ליטערארישע טעטיקײַט. ער האָט זי באנײַט ערשט אין 1883, ווען ער האָט אָנגעשריבן די דערציילונג „דאָס גוטאפערטש־ייִנגל" — וועגן דעם טראגישן גורל פון א קינד אן אקראָבאט אין צירק. די דערציילונג, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טיפן הומאניזם, איז ארײַן אלס וויכטיק ווערק אין דער קינדער־ליטעראטור.

כראָניק

די לעצטע לידער פון נעלי זאקס

אין פראנקפורטער פארלאג (מײַרעוו־דײַטשלאנד) זײַנען דערשינען די לעצטע לידער פון דער דיכטערן נעלי זאקס, וועלכע האָט באקומען אין איין צײַט מיט דעם העברעיִשן שרײַבער שמועל־יויסעף אגנאָן די נאָבעל־פרעמיע.

נעלי זאקס האָט געשריבן אין דײַטש. זי האָט דורכגעלעבט דעם אומקום, די לייד און פײַן פון די ייִדן אין אייראָפּע בייס דער הערשאפט פון די היטלעריסטן. די מערהײַט פון אירע לידער זײַנען פול מיט ווייטעק און צאָרן.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

אין קעשענעוו איז אין עלטער פון 47 יאָר טראגיש אומגעקומען דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער רווון לעווין.

דעם וועג צו דער בינע האָט דער באגאבטער שוישפילער און רעזשיסער אָנגעהויבן אלס אָנטיילנעמער אין די ייִדישע קאָלעקטיוון פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט און שפעטער אלס סטודענט אין דער סטודיע באם מאָסקווער גאָסעט.

די לעצטע יאָרן פון זײַן פרוכטבאר לעבן איז רווון לעווין געווען טעטיק דעריקער אלס רעזשיסער און קינסטלערישער אָנפירער פונעם קעשענעווער ייִדישן דראמאטיש־מוזיקאלישן טעאטער, אין וועלכן ער האָט געשטעלט אזעלכע גלענצנדיקע ספעקטאקלען, ווי „נײַ־קאסרילעווקע" (לויט די מאָטיוון פון שאָלעם־אליכעמס ווערק), מ. דאניִעלס „זיאמקע קאָפאטש" און אנדערע.

מיטן טויט פון רווון לעווין האָט דער קאָלעקטיוו פונעם קעשענעווער פאָלקס־טעאטער פארלאָרן אן איבערגעגעבענעם דערציִער פון דער שעפערישער יוגנט.

■

לאָמיר זינגען נײַע לידער

א ניגנדל

ווערטער פון שיקע דריז — מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי





גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
א בעכערל מיט ווײַן,
לעכאַים וועל איך טרינקען —
געזונט זאָלסטו מיר זײַן!

געהערט האָב איך דערציילן,
אז אין ווײַן אין אלטן
האָט אליין דער זיידעניו
א ניגנדל באהאלטן.

גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
א קעלישעק מיט יאַין —
פאר אלע מײַנע ליבע
וועל איך אויסטרינקען לעכאַים.

איך האָב געהערט דערציילן,
ס׳איז מיסטאם קיין ליגן,
אז אין דער צווייטער קויסע
ליגט דעם זיידנס ניגן.

גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
דעם סאמע בעסטן יאַין,
לאָמיר טאקע פאר דעם ניגן
אויסטרינקען לעכאַים.

אוי, קען ער זאָגן,
קען ער וויסן:
דאָרטן מוז ער ליגן
אפן דעק פון דריטער קויסע.
אָט איז ער, דער ניגן שעבעניגן,
אײַ, יאם־טא־טא־ראם אאוו.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Б. Миллер, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 18/II 1972 г. Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 1030.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Комитета по печати
при Совете Министров СССР
г. Москва, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 3

1972

В НОМЕРЕ:

Вопросы борьбы против сионизма

М. Митин. Одна из форм шовинизма и расизма.
И. Брагинский. Уроки истории.
Г. Никитина. Фасад и действительность.

Х. Зильберман. Комета (роман).
Стихи М. Грубиана, Г. Блоштейна, П. Плоткина, И. Боруховича, Ш. Холоденко.
Из литературной сокровищницы. Рассказы Шолома Аша.
Рассказы И. Бурга, Ааду Хинта, И. Иткинда.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Проблемы творчества С. Галкина.
А. Вергелис. О книге Н. Майзиля «Еврейское литературное творчество в Советском Союзе».
Литературный дневник. В. Огнев. Современная советская поэзия.
Х. Лойцкер. Черты стиля Д. Бергельсона.
Комментарии редакции. Наши сообщения. Краткие рецензии. Хроника. Разное. Библиография. Заметки на календаре.